STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11275

DURKHN ZUNIKN FENTSTER

Mordehai Shinar

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי שנער (שינאַר)

דורכן זוניקן פּענצטער

(ייִשובים און מענטשן אין ישׂראל)

דעם [illegible] פֿרײַנט און
אַלטן [illegible]
[illegible]
[illegible]
שנער
תל-אביב, סעפּטעמבער [illegible]

שער־בלאַט און וויניעטן געצייכנט : רבקה שנער־גאָלדבערג

מרדכי שנער

דורכן זוניקן פענצטער



אַרויסגעגעבן דורך פריינד

תשמ״ד — תל־אביב — 1984

מרדכי שנער

מבעד החלון שטוף־השמש

MORDEHAI SHINAR

THROUGH THE SUNY WINDOW

©

Copyright, 1984
by Mordehai Shinar
7, Shderot Leon Blum, Tel-Aviv 69461, Israel
Tel. 418304

נדפס בישראל
Printed in Israel

דפוס „אורלי" — פרידמן, תל־אביב

מיינע אייניקלעך -
שלמה, יצחק, תהילה און עווש
- באהבה

דאָס בוך דערשיינט מיט דער מיטהילף פון:

קרן לעדוד מלומדים וסופרים ע"י לשכת נשיא המדינה,
הסוכנות היהודית לארץ־ישראל,
קרן תל־אביב לספרות ולאמנות ע"ש יהושע רבינוביץ,
אליעזר פינעס פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור,
פאַרבאַנד פון לאָשיצער לאַנדסלייט,
פאַראיין פון יידישע שרייבער אין ישראל.

אינהאַלט

— מ. ש. 8
הקדמה — הרב מנחם הכהן 9
חמישה־עשר בשבט אין כפר־יובל 11
„...אַ שחיטה מיט אַ פּרילינג" — אין משׂגב־עם 17
מרגליות — „פּערל" אין די נפתלי־בערג 27
אדמית — אַ „דאַך" אין גליל 37
עלמה — „יהי שלום על המקום הזה..." 44
פּערסישע טעפּעכער אין עבדון 53
צווישן צפת און דעם קבר פון שמאי 57
איבער פעלדזיקע וועגן פון תפן 76
פון גוש־חלב ביז דזשיש 91
קיבוץ לוחמי הגיטאות 105
„כּלניות, כּלניות..." 115
דאַבּוריע — זינט דבורה הנביאה 123
יקנעם שטייַגט אַרויף אויפן באַרג 129
„די שפּורן האָבן געפירט קיין סולאָם" 135
צוריק אין קיבוץ גבעת־עוֹז 158
אתרוגים אין אום על־פאַכם 164
„אין די געגנטן פון דור" 179
באַפּטיסטישע קיבוץ־חברים 198
פון מכמורת ביז שדות־ים — „די וואָס פאַרשפּרייטן אַ נעץ אויפן וואסער" 205
עמק חפר — פופציק יאָר און יאָרטויזנטער 220
קדימה באַטייַט — „פאַראויס" 234
פּורת — געוועזענע הייל־יידן פון ליביע 238
אַ גאנץ־געבליבענער בנין פון דער חורבן־צייט 245
טויזנטער יאָרן געשיכטע אויף אַ תל־אביבער פּלאַץ 249
רמת־רחל — דאָס אוראַלטע בית־הכּרם 255
דער „בארג פון גאָט" 271
באר־טוביה איז דריי מאָל געבוירן געוואָרן 276
ארום און אין דער „הייל פון צווילינג" 285
„צו די פאַקלען פון לכיש" 296
חבל הבשור — צוריק אויף דער מאַפּע 317
דריי טויזנט יאָר ערד 324
„די גרעסטע גבורה אין דער יידישער געשיכטע" 359
יטבתה — דער ערשטער קיבוץ „ווייט אין דער ערבה" 370

דאָס פאָרגעלייגטע בוך, „דורכן זוניקן פענצטער", איז פאַקטיש אַ פאָרזעצונג פון מיין בוך „פון מטולה ביז אילת". אין די אַריינפיר־שורות צום פאָריקן בוך האָב איך געשריבן: „צענדליקער אַרבעטן פון זעלביקן כאַראַקטער, וועגן אָרטשאַפטן צווישן מטולה און אילת, זענען אין בוך נישט אַריין, ווייל עס האָבן זיך פאַר דעם געגייטיקט נאָך הונדערטער זייטן". העכער דריי צענדליק פון די פאַרבליבענע, און זינט דעמאָלט געשריבענע, אַרבעטן ווערן געבראַכט אין איצטיקן בוך.

אין איצטיקן אָפּקלייב האָב איך, באַוווּסטזיניק, אַריינגענומען ווייניקער באַקאַנטע אין דער עפנטלעכקייט אָרטשאַפטן. זאָלן דווקא זיי באַקאַנט ווערן פאַרן יידישן לייענער. איך האָב דורכגעלאָזט אַזעלכע שטעט און יישובים, ווי דאָס נייע און אַלטערטימלעכע תל־אביב, און פאַראַן אויך אַן אוראַלט תל־אביב (תל־קאסילה); חיפה, מיט איר פּרעהיסטאָרישן שיקמונה; מגידו, קיסריה, רמלה, און אַפילו נישט איינגעשלאָסן די באַשרייבונג וועגן מיין ערשטן וווין־אָרט אין ישראל, דער קיבוץ און מושב מרחביה, וואָס ווערן פיל מאָל גראָד דערמאָנט אינעם בוך.

דער געאָגראַפישער צוזאַמענשטעל פון די אַריינגענומענע אַרבעטן איז, ווידער אַמאָל, אין גייסט פון דער אַלטער יידישער מסורה — „מדן ועד באר־שבע" — פון צפון צו דרום.

„דורכן זוניקן פענצטער" איז דער נאָמען פון אַ רובריק, וואָס איך פיר שוין יאָרנלאַנג אין איניקע יידישע צייטונגען, און אַרבעטן פון דער דאָזיקער רובריק זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אינעם בוך. דער נאָמען באַדייט נישט, אַז עס זענען נישטאָ קיין שאָטן־זייטן אין „יישובים און מענטשן אין ישראל", ווי עס קלינגט דער אונטער־טיטל פון דאָזיקן, ווי פון פאָריקן, בוך. איך פּרעטענדיר נישט צו זיין אָביעקטיוו כלפּי מיין היימלאַנד און באַמי זיך צו קוקן דורכן זוניקן פענצטער, כאָטש עס איז דאָ אויך פענצטער אָן זון. אָבער אויב אָביעקטיווקייט איז בכלל פאַראַן און מעגלעך — איז די זון־זייט אַזוי שטאַרק, אַז אויך דורכן פאַרשאָטנטן פענצטער שלאָגן זיך דורך שטראַלן פון דער זון.

אַ האַרציקן דאַנק די פּראָמינענטע אָרגאַניזאַציעס און מיינע נאָענטע פריינד, פאַר דער הילף ביים אַרויסגעבן דאָס בוך.

מ. ש.

הרב מנחם הכהן

הקדמה

מען דאַרף קאָנען זען, און נישט יעדער, וועלכער קאָן זען, קאָן אויך ווייזן דאָס געזעענע. מרדכי שנער, ווי אין זיין פאַריקן בוך „פון מטולה ביז אילת", אַזוי אויך אין זיין איצטיקן בוך „דורכן זוניקן פענצ־טער", האָט אין אַלץ גוט אַריינגעקוקט און אויסגעצייכנט געמאָלן דאָס וואָס ער האָט דערזען, און דאָס אַלץ ווייזט ער אונדז אין אַ ריכטיקן ליכט, אַפילו ווען דאָס איז נישט באַגאָסן מיט זון.

מרדכי שנערס אַריינבליק האָט דריי דימענסיעס: פאַראַן די דימענסיע פון אָרט, די דימענסיע פון צייט, און אויך די דימענסיע פון וואָרצלען — פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט. די דריי צייטן האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן, זענען געוואָרן איין אחדות אינעם אַריינ־בליק פון מרדכי שנער אין דער ישראלדיקער דינאַמישער ווירקלעכקייט, וואָס געפינט זיך אין פערמאַנענטן פראָצעס פון באַשאַף.

אין פלוג, זענען שנערס פילפאַרביקע באַשרייבונגען, פאַרצייכענונגען פון אַן „אורח נטה ללון" („אַ וואַנדערער וואָס פאַרקערט צו נעכטיקן", ווי עס באַצייכנט דאָס ירמיה הנביא, אָבער יידישלעך — „אַ גאַסט אויף אַ ווייל"), אָבער נאָר ווער ס'איז באַשאָנקען מיט דער ראייה פון „אַ גאַסט אויף אַ ווייל, וואָס זעט — טאַקע — אויף אַ מייל", קאָן מאָלן מיט אַזעלכע שאַרפע פאַרבן און מיט אַזוי פיל געפיל — מאָלן מענטש און פייסאַזש — ווי דאָס האָט געטאָן מרדכי שנער.

אויבנאויפיק קאָן זיך אויסווייזן, אַז שנערס יעדער רעפּאָרטאַזש איז נישט פאַרבונדן מיטן אַנדערן, איז אַן אָפּגעשלאָסן קאַפּיטל פאַר זיך. עס זעט דאָך אויס, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין פאַרבינדונג צווישן „דריי טויזנט יאָר ערד" און „צוריק אין קיבוץ גבעת־עוז"; קבר פון שמאי און דעם אַראַבישן דאָרף דאַבוריע; אַז עס איז אַזוי וויט, אין געשיכטע און אויך אין שטרעקע, צווישן גוש־חלב, דאָס היינטיקע דזשיש, און יטבתה אין וויטן נגב. אָבער לייענענדיק אויפמערקזאַם אַלע פרקים פון בוך, געפינט מען נישט בלויז דעם קשר צווישן זיי, נאָר אויך אַ מאָזאַיק מיט אַ שלל פאַרבן, וואָס דערגאַנצן איינע די אַנדערע, שאַפנדיק צוזאַמען איין אַרומנעמענדיק אַנטציקנדיק בילד, וואָס פאַר־כאַפּט מיט זיין אינערלעכן אמת.

איך האָב באַקענט מרדכי שנער, כמעט גלייך נאָך זיין עלייה, בשעת ער איז געזעסןביים לינאָטיפּ אין אַ דרוקעריי, זעצנדיק די צייטשריפט פונעם רבנות פון צה״ל „מחניים״, וואָס איך האָב רעדאַגירט. שנער האָט נישט בלויז געזעצט די כתב־ידן, וואָס איך האָב אים געגעבן, נאָר געקומען צו מיר מיט הערות, אַרויסגעבראַכט אָפּשאַצונגען און אָפט אויך געמאַכט קריטישע באַמערקונגען, מיט וועלכע דער רעדאַקטאָר האָט זיך גערעכנט, ווייל מען האָט זיי נישט געקאָנט און נישט געטאָרט איג־נאָרירן.

מרדכי שנער געהערט צו די יעניקע יידיש־שרייבערס, וואָס האָבנדיק אויסגעוואַקסן און דורכגעמאַכט אַ העלפט פון זייער שעפערישן לעבן אין די גלות־לענדער, האָבן זיך טיף און אַבסאָלוט אידענטיפיצירט מיטן ארץ־ישראלדיקן לעבן, מיט אַלע שיכטן און שבטים פונעם פאָלק. און אַזוי ווי ער איז אַ פּראָלעטאַריער, לעבט און אַרבעט צווישן די האָרע־פאַשנע מאַסן, האָט קענענגעלערנט דאָס פאָלק פון אינעווייניק, דעריבער איז ער אויטענטישער פון די יעניקע, וועלכע מאָלן דאָס לעבן, קוקנדיק אויף דעם פון דרויסן.

על כל אלה, צוליב דעם אַלעמען, איז פאַר מיר אַ גרויסע סאַטיס־פאַקציע, וואָס מרדכי שנער האָט מיך איינגעלאַדן צו שרייבן די הקדמה צום דאָזיקן ספר, אַ זאַך, וואָס איך טו מיט אמתער צופרידנקייט, מיט האַרציקער פריינדשאַפט פאַרן מחבר און אָנערקענונג פאַר זיין שריפט־שטעלערישער אַרבעט.

חמישה־עשר בשבט אין כפר־יובל

מיר זענען אַרויס צופוס פון כפר־גלעדי. די זון האָט אויפגעשיינט, ווי ספּע־ציעל לכבוד חמשה־עשר בשבט, נאָך לאַנגע רעגנדיקע וואָכן. דער גליל, זיינע בערג און טאָלן, זענען געווען איינגעטונקען אין גרינס און אין בליעכץ.

די צוויי קילאָמעטער ביז כפר־יובל זענען ווי אַ שיפּוע, אַן אַראָפּנידער פון הונדערט מעטער — מאַרשירט זיך לייכט אין קילן גלילדיקן ווינט. אויפן וועג שוימט מיט געריש דער איבערפולטער ירדן־צופלוס יובל און עס הערט זיך פון וויטן זיין רעשיקער אַראָפּגליטש איבעם וואַסערפאַל פון „תנור״.

רבקה שנער־גאָלדבערג

עס פירט אונדז משה כהן. ס'איז זיין יום־טוב. מ'עט פלאַנצן ביימער אין „זיין״ דאָרף. זיין זיידע האָט שוין געפלאַנצט ביימער אויף בערג פון גליל און ביים תבור, ווו ער איז גע־בוירן, האָט ער פון קינדווייז־אָן יעדן ט״ו בשבט, פאַרזעצט פלאַנצן, וואָס זענען שוין גרויסע צעצווייגטע ביי־מער — דאָך איז יעדע נייע פלאַנצונג אין ט״ו בשבט פאַר אים אַן איבער־לעבונג, אַ יום־טוב.

בפרט אין כפר־יובל, ווו ער איז דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אינסטרוקטאָר. משה כהן דערציילט שפּעטער פאַר דער פאַרזאַמלטער עדה: דאָס טייכל יובל, פון וועלכן דאָס דאָרף האָט באַקומען זיין נאָמען, שטאַמט פונעם „פלאַנץ־פּסוק״ — „והיה כעץ שתול על מים ועל־יובל ישלח שרשיו...״:

„וואָרום ער וועט זיין ווי אַ בוים געפלאַנצט ביי וואַסער,
וואָס ביי אַ באַך לאָזט ער אַרויס זיינע וואָרצלען;
און ער מערקט נישט ווען עס קומט אַ היץ,
און זיין בלאַט איז גרין,
און אין אַ יאָר פון טריקעניש דאַגהט ער נישט,
און הערט נישט אויף טראָגן פרוכט״. *

(ירמיה י״ז, ח׳)

*

דער מושב איז געגרינדעט געוואָרן אין 1952 דורך דער באַוועגונג „פון שטאָט אין דאָרף״. „די ערד דאָ איז אַ פרוכטבאַרע; וואַסער — בשפע. די לופט — אַ מחיהדיקע אַ גאַנץ יאָר; דער פּייסאַזש — באַצויבערנדיק...״ אמת. איבערן דאָרף

* אַלע איבערזעצונגען פון תנ״ך אין גאַנצן בוך זענען געבראַכט לויט „תרגום יהואש״.

שיינט שטענדיק דער ווייסער חרמון־שפיץ. דרומדיק צעשפרייט זיך דער חוֹלה־טאָל און ווייטער הייבן זיך די נפתלי־בערג. אין מערב בלויט דער כנרת.

די סוכנות האָט אויפגעבויט הייזער, צוגעשטעלט לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, אויסשטאַטונג. נאָר דער מענטשן־מאַטעריאַל האָט, וואַרשיינלעך, נישט געטויגט. נאָך צוויי יאָר איז דאָס דאָרף פאַרלאָזן געוואָרן. מען האָט געבראַכט אַנדערע. דערציילט מען וועגן קורדיסטאַנער פון אַלט־ירושלים, וואָס זענען אַהער געקומען, מיט חכם ברוך בראש, וועלכער האָט ביי אַ ספר־תורה געשווירן, ווען פרעזידענט בן־צבי איז געווען אויף אַ באַזוך אין כפר־יובל, דאָ צו פאַרבלייבן מיט זיין „סטאַדע". האָט מען זיך צעקריגט מיט אַ צווייטער „כאַמולע" וועגן אַן עליה־לתורה אַ שבת — און די מערהייט איז אַוועק... דערנאָך זענען דאָ באַזעצט געוואָרן צפון־אַפריקאַנער עולים, רומענישע, שפּעטער זענען געקומען קאָטשינער יידן.

„כפר־יובל האָט קיין מזל נישט געהאַט"... איין כוואַליע מתיישבים נאָך דער צווייטער האָט פאַרלאָזט דאָס דאָרף און עס האָט זיך נישט סטאַביליזירט. אָבער פון יעדער „כוואַליע" איז עפּעס פאַרבליבן, עטלעכע משפחות האָבן זיך שטענדיק פאַרוואָרצלט.

פון די ערשטע — בלויז דריי משפחות, פון אַנדערע גרופּעס, אַמאָל מער און אַמאָל אויך אַזויפיל נישט.

סַלאַח עמדי, אַן אָפּשטאַמיקער פון קורדיסטאַן, איז געווען אַ שאַפער פון אַ טענדער אין ירושלים. ער האָט אויך דאָרט געקאָנט שפּייזן זיין פרוי מיט די זיבן קינדער. „אָבער דאָ, אויף ערד, איז זיכערער... די קינדער קאָנען העלפן שוין פון קליינוויַיז־אָן..." ער האָט טענות, אַז די פּלאַנירונג איז נישט געווען קיין גוטע. אַ ביישפּיל: הונדערט פופציק דונאַם וויינגאָרטן האָט מען געמוזט צעשטערן נאָך עטלעכע יאָר. איצט האָט ער, ווי יעדער מתיישב, אַכט דונאַם פרוכטן־סאַד, פינף דונאַם גרינסן־גאָרטן, אַ שטייג מיט אַכצן הונדערט הינער. דאָס דאָרף האָט פינף הונדערט דונאַם בשותפותדיקע תבואה־פעלדער. אָבער „די פרוכטבאַרקייט דאַרף שטאַרק געהויבן ווערן, כדי די פעלדער זאָלן שפּייזן בריווח..."

איז געקומען העלפן דערצו משה כהן.

*

כפר־יובל ליגט אין „פינגער" פון אויבערשטן גליל, ביי צוויי פיינדלעכע גרענעצן. די לבנונישע גרענעץ איז בלויז דריי־פיר הונדערט מעטער פון יעדן הויז אין דאָרף; די סירישע גרענעץ געפינט זיך אַן אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער פון כפר־יובל. דיווערסאַנטן רייסן זיך אַריין און שיסן צום דאָרף פון ביידע זייטן. געווען שוין קרבנות. די קינדער לערנען מערסטנס אין די שוץ־קעלערס. „אָבער נישט צוליב דעם האָט מען פאַרלאָזט, אָדער מען וועט חלילה פאַרלאָזן דאָס דאָרף" — זאָגט אונדז מיט זיכערקייט מרגלית עמדי, די מוטער פון דער קורדיסטאַנער משפחה וואָס איז פאַרבליבן אין כפר־יובל. נאָר וואָס דען? „מיר זענען ביז לעצטנס פאַרגעסן געוואָרן, מען האָט אונדז געלאָזט אַליין אין ,סוף וועלט'... עס איז נישטאָ קיין ערד פאַר די זין, וועלכע קומען צוריק נאָכן מי־

ליטער־דינסט; קיין נייע דירות פאַר יונגע פּאָרלעך. אָבער משה כהן העלפט, עס ענדערט זיך. ער זאָגט צו נייעם באָדן פון דער אויסגעטריקנטער חולה־אָזיערע..."

מרגלית דערציילט גערן וועגן זיך און איר משפחה — אייביקע יידישע וועלט־געשיכטעס...

זי איז אַלט פינף און פערציק יאָר. זי האָט שוין אין איינעם פון די ערשטע הייזער אין כפר־יובל דערצויגן זיבן קינדער. אַליין איז זי געבוירן אין קורדיסטאַן, „אין דער שטאָט עמידייע, ווו עס איז באַערדיקט עזרא הסופר זכרונו לברכה" — גרויסט זי זיך. איר פאָטער איז געווען אַ וועבער פון טעפּעכער, „אַן אמתער קינסט־לער", דערציילט זי, געהאַט דאָרט אַ סך פרנסה, אָבער עס האָט אים געצויגן קיין ארץ־ישראל און ער איז עולה געווען מיט פערציק יאָר צוריק, ווען זי, מרגלית, איז אַלט געווען פינף יאָר. איר עלטסטער זון איז געבוירן געוואָרן אין 1947 אין אַלט־ירושלים. נאָכן פאַלן פון דער אַלטשטאָט אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, איז די משפחה אַנטלאָפן אין דער יידישער ירושלים. „מיר האָבן באַ־קומען אַ האַלב־צעשטערטע וווינונג אין קטמון. איר געדענקט אָבער זיכער די מאַטעריעלע לאַגע אין ירושלים אין די אָנהייב פופציקער יאָרן... אָבער מיר האָבן נישט געליטן פון נויט, מיין מאַן האָט געאַרבעט אַלס שאָפער. עס זענען דאַן אָנגעקומען אין לאַנד אַריין די איבעריקע משפחה־טיילן פון קורדיסטאַן, זיי זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ מעברה, אין ביידלעך. די גאַנצע משפחה האָט אָנגע־נומען דעם פּלאַן ,פון שטאָט אין דאָרף' און די צעצווייגטע משפחה איז אָנגע־קומען קיין כפר־יובל, ווען ער איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1952". זיי האָבן געטראָפן נאָר אַ דערנער־פעלד, באָדן פול מיט שטיינער. מען האָט זיי באַזעצט ציטווייליק אין בלעכענע ביידלעך. זיי האָבן מיט אייגענע הענט געדאַרפט בויען זייערע הייזער, אָבער די סוכנות האָט געצאָלט פאַר דער אַרבעט. „מען האָט ווי עס איז געלעבט..." — שמייכלט אין ביטערע זכרונות מרגלית עמדי. אָבער ווען די הייזער זענען פאַרטיק געוואָרן, איז נישט געווען ווער עס זאָל זיך אין זיי באַזעצן... די ערשטע שווערקייטן האָבן געזייט יִאוש, די נייע קורדיסטאַנישע עולים זענען צוריק אַוועק אין זייערע מעברות לעבן ירושלים. „מיר זענען געבליבן, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין מעברה־ביידל וווּהין צוריקצוקומען... אָבער טראַץ די שווערע צייטן וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט — און זיי האָבן זיך נאָכנישט גע־ענדיקט — זענען מיר צופרידן וואָס מיר זענען געבליבן, דער עיקר צוליב די קינדער, וואָס פינף זענען דאָ שוין געבוירן געוואָרן און אַלע דאָ דערצויגן — זיי זענען געוואַקסן אויף דער ערד, וועלן זיין ערלעכע אַרבעט־מענטשן".

אָבער ווי לעבט אַ קורדיסטאַנער משפחה צווישן יידן פון אינדישן קאָטשין?

מרגלית: „פון איין זייט איז שווער זיך צו באַפריינדן און נאָענט ווערן מיט זיי. זיי פירן אַ מוסטערהאַפט משפחה־לעבן, אָבער יעדע פאַמיליע איז אָפּגעשלאָסן אין אירע ד' אמות. פון דער צווייטער זייט קאָן איך קיין שום פריינד מיינעם, קיין שום מענטשן נישט ווינטשן קיין בעסערע שכנים ווי זיי זענען. ערלעכע, גלייכליניקע, בלויז אמת־זאָגנדיקע און יראי־שמיים. אַ דאַנק זיי איז ביי אונדז אין דאָרף געשאַפן געוואָרן אַן אַטמאָספער, וואָס אַלע זענען אונדז מקנא. אין אַנדערע דערפער פאַרשליסט מען די הינער־שטייגן, כדי אַ שכן זאָל נישט גנבענען

קיין אייער, אָדער עופות. ביי אונדז ווייסט מען בכלל נישט וואָס עס איז אַזוינס אַ שליסל, נישט פון די וווינונגען, נישט פון די ווירטשאַפט־געביידעס. מען לאָזט אַלע אַרבעט־מכשירים אין דרויסן. מען גנבעט נישט, חלילה, טראָץ דער אָרעמ־קייט..."

עס איז אַ באַקאַנטע, כאָטש טרויעריקע דערשיינונג. אין די יונגע מושבים זענען די פרוכט־סעדער כמעט נישט אָפּגעצוימט. זיי זענען אַזוי קליין, אַז ביימער פון איינעם בייגן זיך אַריין אין סאָד פונעם צווייטן. גייען די פויערים אַרויס רייסן די פרוכטן אַלע צוזאַמען, כדי איינער זאָל נישט „פאַרבלאָנדזשען" צו אַ בוים פון אַ צווייטן... בפירושע באַשלוסן אַזעלכע פון די דאָרף־קאָמיטעטן. אָבער נישט אין כפר־יובל. מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט מרגליתעס מאַן געפונען אין זיין סאָד אַ גרויסן קאַסטן מיט פרוכט, ווען ער איז געקומען רייסן פירות. ער האָט אים נישט אָנגערירט — „עס איז דאָך נישט אונדזערער..." צוריקקומענדיק פון סאָד האָט דער מאַן געפרעגט ביים שכן, אַ קאָטשינער, צי ער ווייסט נישט, וועמענס קאַסטן פרוכט עס שטייט אין זיין סאָד. יענער האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ: „איך האָב פאַרגעסן דיר צו זאָגן... נעכטן האָב איך בטעות געריסן די פירות פון דיינע ביימער, אַ גאַנצן קאַסטן, האָב איך אים ביי דיר געלאָזן". דאָס איז נאָרמאַל ביי די קאָטשינער יידן, און געוואָרן אַ נאָרמאַלע זאַך ביי אַלע אין כפר־יובל.

פון די צפון־אַפריקאַנער איז געבליבן איין פאַמיליע, די משפחה פון שו"ב לוגאַטי. כאָטש ער איז בלויז שוחט־ובודק, רופט מען אים דאָ מיט כבוד „הרב".

פון די קאָטשינער יידן זענען שוין פאַרבליבן ביי פופציק משפחות. און זיי פאַרוואָרצלען זיך אַלץ טיפער אינעם דאָזיקן לעבן, אין דער פרוכטבאַרער ערד פון גליל.

מרגליתעס זון, חיים עמדי, דער בכור, האָט געענדיקט זיין מיליטער־דינסט. ער האָט יאָ טענות: פאַרוואָס ס'איז נישטאָ קיין קלוב אין דאָרף, קיין ספּאָרט־פּלאַץ, קיין ביבליאָטעק — „פאַרברענגען אַן אָוונט, אָדער אַ שבת־נאָכמיטיק, מוז מען גיין קיין קריית־שמונה, אָדער קיין מטולה..." די שולד איז — ווייל מ'פאָדערט נישט, האַלט ער, „ווייל די מערהייט זענען קאָטשינער... זיי זענען איידל און שטיל... אַנדערע שטרייקן פאַר דער סוכנות, קערן איבער טישן אין די אַמטן... די קאָטשינער אָבער נעמען אַלץ אָן שטיל, באהבה..."

נישט אינגאַנצן ריכטיק. אליהו מאיר, דער הויפּט פון אַ קאָטשינער „כאַמולע", האָט טענות:

„פאַרוואָס גיט מען אונדז נישט קיין פּרדס אויף דער חולה־ערד? מיר זענען געקומען לעבן פון דער ערד, פון לאַנדווירטשאַפט, נישט פון אַרבעט אין קרית־שמונה אָדער מטולה... — מען ,צערייסט' אונדז אין ,ברען־סעזאָן', זומער. אָבער ווינטער זענען מיר אַרבעטלאָז... עס קומט אונדז אַ נייער ערד־צוטייל נאָך אַזויפיל יאָרן!"

דער זיכערקייט־מענטש אין דאָרף איז אויך אַ קאָטשינער. רב־שוטר יצחק שמעון איז געווען אין אינדיע אַ קאָמיוואָיאַזשער. ער האַלט: „די שווערסטע צייט איז שוין אַדורך — עס גייט דאָך שוין צום בעסערן. טאָר מען נישט קוקן אויף

צוריק. מ׳דאַרף זיין אַ ,מסתפק במועט׳ און מאָרגן וועט זיין מער, אויב נאָכנישט אַלץ...״

רב־שוטר יצחק היט די אָרדענונג בעת דער פייערונג.

דער שול־דירעקטאָר, אויך אַן עולה פון קאַטשין, יוחנן שמעון, פירט זיינע קינדער, לעבן אים — פינף לערערינס. אַלע וווינען זיי אין כפר־יובל — דאָס איז אַ דערגרייכונג אין אַ גרענעץ־יישוב. צענדליקער קינדער אין גלייכע רייען. נאָך זיי — מאַמעס, טאַטעס. און ס׳מישן זיך אויס יונגע קלינגענדיקע שטימעלעך מיט הייזעריקע אַלטע באַסן:

„ט״ו בשבט הגיע...״

רבקה שנער־גאָלדבערג

ווען מען ענדיקט דאָס חמשה־עשר־ליד, גיט „כבוד הרב״ לוגאַטי אַ פּאַטש מיט די הענט, ער צעזינגט זיך הייזעריקלעך און אַלע, קליין און גרויס, צעשאַלן אין די בערג און טאָלן אַריין, דעם אַלטן חלום פון ישעיה הנביא:

„...און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקער־אייזנס,
און זייערע שפּיזן אויף צווייגמעסערס;
אַ פאָלק קעגן אַ פאָלק וועט נישט הייבן אַ שווערד,
און מען וועט נישט לערנען מער מלחמה״.

משה כהן, וועלכער גייט ביי מיין זייט, שעפּטשעט צו מיר: „דער פּסוק איז דאָס ,שלאָגער־ליד׳ פונעם שוחט און גאַנץ כפר־יובל זינגט עס מיט אים נאָך יעדער שבת־תפילה...״

„זאָל עס נאָר מקויים ווערן במהרה בימינו...״ — ענטפער איך אים.

ווען מען שטייט שוין אויפן פלאַנץ־פּלאַץ, דערציילט שטיל יוחנן שמעון:
„... אויך מיר האָבן קינדווייז געפייערט חמישה־עשר. מען פלעגט זיך פאַר־זאַמלען אין אַלטן קאַטשינער בית־כנסת, געזאָגט הלל און געגעסן באָקסער... אָבער פלאַנצן? — שוין לאַנגע־לאַנגע דורות נישט געפלאַנצט דאָרט..."

וואַקסט זיין הארץ, קוקנדיק אויף די פאַרזשאַווערטע פושקעס מיט יונגע פלאַנצן, וואָס וועלן באַלד פון די הענט פון זיינע שילער אַריבער אין דער ערד און — שלאָגן וואָרצלען.

אין צענטער דאָרף איז שוין גרין. יונגעביימלעך צעצווייגן זיך, וואַרפן שוין אַ שאָטן און אַרום זיי אָפּט — כריזאַנטעמעס, דאַליעס און רויזן, וואָס מיניען זיך מיט פאַרשיידענע קאָלירן אין דער זון. ביי די ווייטערדיקע הייזער אָבער, ביים ראַנד פון דאָרף, איז נאָך ליידיק, זאַמדיק. ציט מען טאַקע אַהין. מען גרייכט אויך צום לעצטן הויז פון דאָרף. פון פענצטער קוקט מען אַראָפּ צו אַ וואַדי — נאָענט, אַ פינף הונדערט מעטער, און עס צייכנט זיך שוין די לבנונישע גרענעץ.

אַהין זענען איצט אַנטלאָפן די דיוועריסאַנטן, וועלכע האָבן געפּרוּווט אויפ־רייסן דעם וואַסער־רעזערוואַר פון כפר־יובל. געקומען זענען זיי פון רעכטס, ווו אין דער ווייט פון פיר־פינף קילאָמעטער איז די סירישע גרענעץ.

אַנטלאָפן — פאַרביי מסתמא די ביימלעך, וואָס האָבן זיך שוין זיכער צע־צווייגט זינט דעמאָלט, מיט פיר־פינף יאָר צוריק, ווען מיר האָבן זיי דאָרט געפלאַנצט אין ט"ו בשבט...

וועלן זיך ביימלעך דאָרט צעוואַקסן און פאַרוואָרצלען ווי די קאַטשינער, מאַ־ראָקאַנער און רומענישע יידן, וואָס וועלן ווי אַ מויער בלייבן ביים וואַדי.

1968

„....אַ שחיטה מיט אַ פרילינג" — אין משגב־עם

אַ פרוי פון אַ יאָר פופציק, וועלכע איז געזעסן לעבן מיר, האָט זיך ביטער צעוויינט, ווען דער אויטאָבוס האָט געריכט פון אָרט אין תל־אביב, נאָך די ווערטער פון שאָפער: „מיר פאָרן דירעקט, אָן אָפּשטעל, צו דער לוויה אין משגב־עם". איך האָב געקוקט אויף איר שטום. וואָס זאָל איך פרעגן? וואָס איז דאָ צו זאָגן? מסתמא אַ קרובה פון איינעם פון די קרבנות... ווען זי האָט זיך באַרויקט און גענומען קוקן אין פענצטער, האָב איך איבערגעריסן די שטילקייט און געפרעגט:

„איר זענט פון משגב־עם, גברת?"

„ניין. איך האָב דאָרט אַ שוועסטער, אַ מיטגלידערין פון משק. איך קען גוט ביידע משפחות געליטענע. און וועמען האָט איר דאָרט?"

איך האָב געענטפערט, קוקנדיק אויף איר, אָדער אפשר גאָר טיף אין זיך אַריין:

„איך האָב דאָרט אַלע..." — אָבער גלייך צוגעגעבן — „כאָטש איך קען אין משגב־עם קיין איין מענטש נישט פּערזענלעך..."

*

אין סאַמע אָנהייב פון די פופציקער יאָרן בין איך צום ערשטן מאָל געגאַנגען איבערן באַרג־וועג אַרויף פון כפר־גלעדי קיין משגב־עם. די זעקס קילאָמעטער פון איין קיבוץ צום צווייטן האָבן זיך פאַרוואַנדלט זיכער אין צען און מער, צוליב סערפּענטינע־סטעזשקעס אין די בערג. נאָר נישט דאָס איז ביי אונדז דעמאָלט שווער געווען. מען האָט זיך געמוטשעט איבער דעם וועג אַרויפהייבן אַ האַלבן קילאָמעטער נענטער צום הימל. כפר־גלעדי געפינט זיך אַ דריי הונדערט און פופציק מעטער איבערן ים־ניוואָ און משגב־עם — ביי אַכט הונדערט און פופציק מעטער די הייך. געווען איז עס אַ הייסע זומער־צייט. אָבער אין די וואַדיס און איבער די שיפועים פון די נפתלי־בערג האָט כסדר געבלאָזן אַן אָפּקילנדיק ווינטל פון די אייביקע שנייען אויפן נאָענטן חרמון־באַרג, וואָס האָט זיך געדוכט דערנענטערן צו אונדז מיט יעדן מעטער וואָס מיר זענען געשטיגן אַרויף. אויסער באַארבעטע וואַדי־טיילן און אויסגעגלייכטע — ווער ווייסט מיט וויפל יאָרהונדערטער, צי יאָרטויזנטער צוריק — טעראַסע־טיילן אין די בערג, וואָס מענטשן האָבן באַוויזן צו באַוואַסערן, איז אַלץ געווען פאַרשרפעט דורך דער זומער־זון. שטעכלקעס און פאַרגעלטע דערנער האָבן דורכגעשטאָכן די קליידער; בלומען און גראָזן זענען געווען אויסגעטריקנט און טויט.

איצט, אָבער, איז פרילינג אין גליל. און נישטאָ, דוכט מיר, קיין שענערער פרילינג ווי אין דאָזיקן גן־עדן־ווינקל פון דער וועלט. קוקנדיק אויף די צע־

בליטע, צעגרינטע בערג און טאָלן אָט־דאָ, האָט זיכער דער אוראַלטער דיכטער געזונגען:

„וואָרום זע, דער ווינטער איז אַריבער׳
דער רעגן איז פאַרגאַנגען, אַוועק.
די בלומען האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד,
די צייט פון געזאַנג איז געקומען...״

(שיר השירים, ב׳, י״א־י״ב)

אָבער נישט שלמה המלכס ליבע־פערזן האָבן איצט געזונגען פון אונדזערע הערצער. „איכה״־ניגון האָט גאָר געיאָמערט פון מיין נשמה און „איכה״־טענער האָבן זיך געגאָסן פון די אויגן ביי מיין שכנטע.

זענען מיר דאָך שוין געווינט, ווי חיים נחמן ביאַליק האָט עס געגראַמט:
„דען גאָט האָט דיר מיט מילדער האַנט געשענקט אַ צווילינג:
אַ שחיטה מיט אַ פרילינג...״

*

דאָס גרינדן משגב־עם איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך געוואַגטער שריט, אפילו אין דער גבורה־רייכער געשיכטע פון דער נייער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. געווען איז דאָס דעם 2־טן נאָוועמבער 1945 — דווקא אין יאָר־טאָג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, כדי צו דערמאָנען דאָס דער יידן־פיינדלע־כער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט. אין משגב־עם איז שטענדיק קאַלט. מען בויט דאָרט נישט קיין באַלקאָנען, קיין גראָז־שטחים צו פאַרברענגען נאָך דער אַרבעט, ווי ס׳איז אָנגענומען ביי אונדז אין לאַנד, ווייל ווען מען ענדיקט די אַרבעט, איז שוין קאַלט אויפן שפּיץ באַרג, מען בלייבט אין דער וווינונג. אַ גאַנץ יאָר אַזוי. און דער צענדליק יונגע חלוצים איז דאָ אַרויף אין שווערן נאָוועמבער־ווינטער. געווען דעמאָלט אַ פראָסט און שניי־שטורעם. מען איז מיט דריי בהמות, וואָס האָבן גע־שלעפּט אויף זיך מאַטעריאַלן אויף געצעלטן, גראַב־אייזנס, אַ ביסל שפּייז, געקומען פון כפר־גלעדי אַרויף אויף שטיינערנעם באָדן, וואָס איז דורות־לאַנג שוין נישט געווען באַאַרבעט. פעלדזן בלויז. קיין וואַסער־קוואַל, האָט מען געוווּסט, איז אין דער הייך נישטאָ. און די מאַנדאַט־זעלנערס זענען געווען גרייט אין דער געגנט, אַראָפּצוטרייבן און פאַריאָגן יידישע זידלערס, ווי זיי האָבן דאָס אין דער זעלבער צייט כמעט געטאָן אין נאָענטן ביריה. אָהער זענען די ענגלישע זעלנערס נישט אַרויף. ערשטנס — ווי אַזוי? דורכן שמאָלן, נישט געפלאַסטערטן אייזל־שטעג? צווייטנס — „דער ווינטער, די ווילדקייט וועט זיי אַליין פאַרטרייבן״... באמת, „מענטשן קאָנען דאָך דאָרט סיי ווי נישט אויסהאַלטן, נישט לעבן״... (ציטאַטן פון אַן אָפיציעלן באַריכט פון ענגלישן קרייז־קאָמיסאַר אין נצרת, פאַרבליבן אין די מאַנדאַט־דאָקומענטן אין ירושלים).

אָבער זיי האָבן יאָ אויסגעהאַלטן און אין משך פון פינף און דרייסיק יאָר פאַרוואַנדלט דעם פעלדזיקן באַרג־שפּיץ אין אַ בליענדיקער ווירטשאַפט, אַ וואַ־רעמע, קלימאַטיש אמת־אייראָפּעישע היים פאַר צענדליקער משפחות.

יאָ, אויף דער סאַמע גרענעץ. מיט אַן ערך צוואַנציק, צי ווייניקער נאָך, יאָר צוריק האָב איך באַזוכט משגב־עם ביי אַ יובליי־פייערונג פונעם קיבוץ. נישט

געווען דער קאָמפּליצירטער גרענעץ־פּאַרזיכערונג־סיסטעם, וואָס איז די טעג דורכגעריסן געוואָרן און די פינף מערדערס־טעראָריסטן האָבן באַוויזן צוצוקו־מען צו די קינדער־הייזער פון קיבוץ, נעמען קינדער אַלס ערובניקעס און איינס פון זיי דערמאָרדן. דעמאָלט, צוואַנציק יאָר פריער, איז געווען אַ פּשוטע פּאַר־צוימונג פון שטעכלדראָט. ליגט נאָך ביי מיר אַ פאָטאָגראַפיע, געמאַכט — אין לבנון. מיר זענען אַריבער דורך אַן איבעררייס אין דער פּאַרצוימונג און — גע־ווען אין אויסלאַנד... דאָס איז געווען ממש ביי ווענט פון קיבוץ־געביידעס. אַן אויסגעצויגענע האַנט פון פענצטער האָט געקאָנט דערגרייכן „יענע זייט" גרענעץ.

נאָך 35 יאָר עקזיסטענץ האָט דער קיבוץ זיבן און ניינציק מיטגלידער, כאָטש אין דער צייט זענען שוין „אַריבער" דורכן קיבוץ העכער זעקס הונדערט מיט־גלידער. מען פּאַרלאָזט אים נאָך אַ קורצער, אָדער לענגערער צייט, צוליב די שווערע באַדינגונגען. די הויפּט־זאָרג פון קיבוץ, די „וויכטיקסטע באַדערפעניש" זענען דעריבער מענטשן, גרייטע צו אַ חלוציש לעבן, אינטערעסאַנט, אַפילו קול־טורעל צווישן אַ יונגער ענטוזיאַסטישער געזעלשאַפט, „אָבער אַ נישט לייכט לעבן און נישט אַן געפאַרן, לעבן ווייט פון צענטער לאַנד, אָבער אויף דער וואַך פון פאָלק" — ווי עס פאָרמולירט עס אָפּנהאַרציק דער פאַרטרעטער פון דערהרגעטן בעתן איבערפּאַל קיבוץ־סעקרעטאַר, ד"ר אמיתי גיב. ער באַמיט זיך צו רעדן רויִק, באַהאַלטן זיינע איבערלעבכע שטורעם און ווייטיק, ווי עס פּאַסט אפשר פאַר אַ סאָציאָלאָג פון האַרוואַרד־אוניווערסיטעט: „אַלע חברים זענען היינט אַרויס צו דער אַרבעט ווי געוויינלעך. נישט אַלע האָבן עס געקאָנט טאָן, נישט די די־רעקטע אבלים, נישט די איינאָרדענערס פון אַזאַ מאַסן־לוויה, פּאַר וועלכער עס איז ביי אונדז נישטאָ קיין „ספּעציאַליסטן". עס זענען געקומען חברים, פון שכנותדיקן מגרה, ביז ווייטע קיבוצים, צו העלפן. נישט בלויז דאָס לעבן דאָ, נאָר די טאָג־טעגלעכע טעטיקייט מוז אָנגעהאַלטן ווערן, אָן שום הפסקה... מיר זעצן אַלץ פאָר !"

ד"ר גיב באַגלייט אונדז אין באַזוך אויפן אָרט פון דער בלוטיקער דראַמע. דער „פּעוטון", ווויִן־אָרט פון די פּיצלעך קינדער, „רותם". אַהער זענען אַריינגע־דרונגען די פינף טעראָריסטן.

וועלכער ייִד — און בכלל די מערהייט מענטשן אויף דער וועלט — אין איצטיקן דור איז נישט געווויִנט צו זען חורבן ? יאָ, מען ציטערט אויף ביי יעדן אָנבליק פון וואַנדאַליזם און מערדעריי. ווען די חורבות אָבער ווייזן, אַז די מערדעריי איז געווען געוואַנדן קעגן אומשולדיקע פּיצלעך קינדער, איז די אויפ־טרייסלונג שטענדיק אַ שוידערנדיקע, אַ טיף־אַריינדרינגענדיקע. די קוילן, צו די קינדער געצילטע, צו די פּיצלעך קעפּלעך און געטראָפענע אין די ווענט ; צי געצילט אין די ווענט דירעקט, צו דראָען, צו צווינגען די ערובניקעס, דאָס אַרומ־רינגלענדיקע מיליטער — דערווייל איז שווער צו פרעגן פּרטים פון דעם וואָס איבעווייניק איז פאָרגעקומען אין די זיבן־אַכט שעה, פרעגן דאַרף מען ביי די פאַרוווּנדעטע אין שפּיטאָל...

קינדער־וועגעלעך, שפּילצייג — אַלץ איז צעפּיצלט, צעהאַקט, פאַרטריקנט בלוט שרייט נאָך פון די ווענט און פון דער פּאָדלאָגע. קינדער־צייכענונגען, בלויז פּאַסן און רעדלעך, געמאַכט מיט אומבאַהאָלפענע הענטלעך, וואָס ווייסן נאָך נישט וואָס עס איז די פאַרב — צעריסן, צעשמעטערט אויף שטיקלעך...

ביי מענטשן הייסט עס אַ נס; די שרעקלעכקייט פון אַזאַ נס: „בלויז" איין קינד איז דערמאָרדעט געוואָרן...

*

בלויז צוויי הונדערט דונאַם באַאַרבעטבאַרן באָדן האָט מען באַוויזן אַרויס־צורייסן פון די באַרג־פעלדזן, טעראַסע־אַרטיק אַרום משגב־עם. עס דוכט זיך אַז זיי וועלן איצט איבערפולט ווערן מיט מענטשן. מען שטראָמט אַהער פון באַלד אינדערפרי, פון אַלע עקן לאַנד, מיט אויטאָבוסן, מיט העליקאָפּטערס, קליי־נע און גרויסע אויטאָס, לאַסט־וואַגנס; מען קומט אויך רייטנדיק אויף פערד. טויזנטער קומען באַגלייטן צו דער אייביקער רו דעם קיבוץ־מזכיר וואָס האָט דער ערשטער באַגעגנט די טעראָריסטן און דאָס צוויי און אַ האַלב יאָריקע קינד אייל גלוסקא. ווער איז דאָ נישטאָ? קיבוץ־שכנים פון דן און דפנה, ביז איינ־וווינער פון אילת, וועלכע האָבן באַוויזן צו קומען צו דער לוויה. שטאָט־מענטשן און מושבניקעס, אַרבעטערס, סוחרים — מען האָט פאַרמאַכט וואַרשטאַטן, אָפּגע־שטעלט מאַשינען און געשלאָסן געשעפטן. און אָט איז דער אָנגעזעענסטער באַגלייטער — דער פּרעמיער־מיניסטער מנחם בעגין מיט זיין פרוי, באַגלייט דורך אַ גרויסן טייל פון דער רעגירונג. דער פאָרזיצער פון דער אָפּאָזיציע, שמעון פּרס, אַרומגערינגלט מיט די פירערס פון די אַרבעטער־פּאַרטייען. דער הסתדרות־סעקרעטאַר ירוחם משל און דער פאָרזיצער פון אינדוסטריעלער־פאַרבאַנד בומא שביט. און אַרבעטערס, פּוערים, אַ סך פויערים, פעלאַכן — יאָ, פאַראַן נאָך אַ סך אַזעלכע אין מדינת ישראל.

מען איז שטיל פאַרבייגעגאַנגען די צוויי פּשוטע אַרונס, באַדעקט מיט שוואַר־צן און מיט דער נאַציאָנאַלער פאָן. אויף די פּלייצעס פון קיבוץ־חברים ווערן אַרויסגעטראָגן די געפאַלענע צו זייער לעצטן וועג. איבער די שמאָלע סטעזשקעס פונעם באַרג־יישוב שפּרייזן, צווישן סאָסנע־ביימער, נאָך די אַרונס, טויזנטער מענטשן, בראש מיט די מדינה־פירערס. אויך דער קליינער בית־עלמין איז האַרט ביי דער לבנון־גרענעץ. ביידע קברים זענען געגראָבן איינער לעבן צווייטן. כנסת־דעפּוטאַט זאב כ"ץ רעדט אין נאָמען פון „הקיבוץ המאוחד", צו וועלכן עס געהער משגב־עם: „מיר זענען געקומען כדי צו זיין מיט אייך אין שווערסטן טאָג. אין ווערטער איז נישטאָ קיין כוח צו טרייסטן... דער שענדלעכער מאָרד באַ־פעלט אונדז פאַרצוזעצן און בויען אונדזער לעבן אין משגב־עם. מיר וועלן קאָנען פאַרטיידיקן אונדזער היים אין אונדזער לאַנד". צוויי חברטעס לייענען לידער ביי די אָפענע קברים. זעלדעס עלעגישע שורות „יעדער מענטש האָט אַ נאָמען" לזכר שמואל שני ז"ל און אַלטערמאַנס עפּיש ליד „פון אַלע פעלקער" ביים קבר פון קליינעם אייל ז"ל. טויזנטער מענטשן ווישן די אויגן. פּרעמיער־מיניסטער בעגין רעדט מיט אַ געבראָכן קול: „דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין לאַנד און אין די תפוצות טרויערט צוזאַמען מיט די משפחות נאָך די הייליקע

קרבנות״. ער מאָלטביידע געפּאַלענע און חזרט איבער די באַקאַנטע שורה פון ביאַליקן: „די נקמה פאַרן בלוט פון אַ קליין קינד האָט נאָך דער שׂטן נישט באַשאַפן״. אָבער „מיר שטייען מער נישט מאַכטלאָז, אַ שטאַרקע אַרמיי וואַכט איבער משגב־עם, ווי איבער דער גאַנצער מדינה...״

הונדערטער בלייבן נאָך לאַנג שטיין פאַר די פרישע קברים, באַדעקטע מיט בלומען; מען בלייבט אפילו ביז די שאַרפע נאַכט פאַלט צו...

*

פּראָפעסאָר שלמה אבינרי האָט בעת דער לוויה אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מען טאָר נישט באַנוצן ביאַליקס שורה אָן פאַרבינדונג מיטן גאַנצן פערז. איך האָב געזוכט אַ יידישע איבערזעצונג פון ביאַליקס ליד „על השחיטה״ און נישט געפונען, פּרוּוו איך אַליין די פיר שורות איבערזעצן:

„און פאַרשאָלטן זאָל זיין דער וואָס זאָגט: נעם נקמה!
אַזאַ נקמה, נקמה פאַרן בלוט פון אַ קליין קינד
האָט דער שׂטן נאָך נישט באַשאַפן —
און זאָל דאָס בלוט דורכבויערן דעם תהום!״

*

איך בין ביז שפּעט ביינאַכט פאַרבליבן אין משגב־עם. צוריקגייענדיק פון דער לוויה, האָט אַ פּאָרל לעבן מיר גערעדט צווישן זיך שפּאַניש. איך האָב זיי באַגריסט אין זייער לשון און געוואָרן זייער גאַסט. אַ פּאָרפאָלק פון אַרגענטינע, קאַרלאָס („דאָ רופט מען מיך יצחק״) און גראַסיעלאַ („דאָ הייס איך גליה״). זיי זענען „דערווייל נאָך נייע אין קיבוץ, אפילו נייע עולים, אָבער מיר וועלן דאָ פאַרבלייבן, דאָ וועט זיין אונדזער היים...״ — איז זיכער גליה. קאַרלאָס רעדט זיך אויפריכטיק אַראָפּ פון האַרץ:

„עס דאַרף דיר נישט וווּנדערן מיין העברעיש... כאָטש איך בין אַלט נישט מער ווי איין און דרייסיק יאָר, האָב איך באַוויזן צו זיין אין אַרגענטינע אַ העבּ־רעישער לערער אין משך פון זיבן יאָר. געלערנט דאָרט, געענדיקט אין ירושלים דעם ,מכון גרינבערג׳. יאָ, איך בין געבוירן און דערצויגן אין אַרגענטינע. גע־האַלטן מיין אַרבעט אין אַ יידישער שול, בפרט פון עברית, אַלס נאַציאָנאַלע אויפגאַבע... איך בין דערצויגן געוואָרן אַלס נאַציאָנאַלער ייד, פון דער פריער יוגנט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אָבער שנעל האָט מיך מיין לערער־אַרבעט אַנטוישט... איך האָב געלערנט יידישע יינגלעך און מיידלעך, דורך מיין העברעיש, אויך יידישקייט — און וואָס איז פון דעם געוואָרן?... אַזאַ גרויסער טייל האָט חתונה־געהאַט מיט נישט־יידן — איך גיי נישט אַרויס פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט, איך אַליין בין נישט רעליגיעז, — אָבער זיי ווערן פאַרלוירן פאַרן יידישן פאָלק... איך האָב לאַנג געקלערט וועגן עליה — איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דאָס איז מיין וועג אַלס ייד... און ווען איך האָב באַקענט גראַסיעלאַ און זי האָט מסכים געווען מיט מיר — האָבן די וואַקלדיקע געדאַנקען אָנגענומען בלוט און פלייש. מיר האָבן חתונה געהאַט און באַשלאָסן, אַז גלייך,

איידער מיר אָרדענען זיך דאָרט איין, איז די ריכטיקע מינוט אָנצוהייבן אַ ניי לעבן, טאַקע דאָ... דעם סוכנות־פּאַרשטייער האָבן מיר דערקלערט, אַז מיר ווילן עולה זיין גלייך איז אַ קיבוץ אַריין און דווקא אין אַ קליינעם „שווערן" קיבוץ, מיר זאָלן קאָנען מיט עפּעס ממשותדיק ביישטייערן צו זיין וווּקס און שפּעטער קאָנען זאָגן זיך אַליין און אַנדערע: מיר האָבן אַ חלק אין דאָזיקן פּלאַץ... אַ צופאַל, אָדער אַ מזל־זאַך: אויפן אָרט איז דער שליח געווען פון משגב־עם. דורך אים זענען מיר מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק אָנגעקומען אַהער, און מיר פילן זיך ווי אין אַ היים פון געבוירן אָן, גלויב מיר. קליינע זאַכן זענען וויכטיק פאַרן נייעם עולה. עס האָט געוואַרט אויף אונדז אַן אויפגערוימטער מעבלירטער צימער מיט בלומען, אַ פרישער קוכן אויפן טיש... עס רירט און בינדט־צו. צי איך אַרבעט שווער? יאָ. אין דער קי־שטאַל, אַ סך און שווערע אַרבעט. אָבער גוט, איך פיל אַז איך בין נויטווענדיק, ברענג נוצן. זיכער, פאַראַן אויך פּראָבלעמען. מען לייזט זיי — אַמאָל בעסער, אַמאָל ערגער, מיט קלענערע אָדער גרעסערע שוועריקייטן... אָבער ווו זענען זיי נישטאָ? אויף אונדזער וועלטל איז נישטאָ קיין גן־עדן..."

דער צימער איז שנעל אָנגעפילט געוואָרן מיט חברים, ווען מען האָט גע־הערט רעדן אַ פרעמדן.

דער פיר און צוואַנציק־יאָריקער דודי, „בעסער דודקע...", לוי, איז דאָ געווען מיט זיין נח"ל־קערן און צוריקגעקומען נאָכן מיליטער־דינסט גלייך אין קיבוץ אַריין, זאָגט פּשוט: „איך פיל זיך נאַקעט, ווען איך בין אָן געווער..." נישט בלויז ער, קיינער לייגט נישט אַוועק דעם „קאַלאַשניקאָוו", אָדער אַן אַנדער סאָרט ביקס, גייענדיק דורכן הויף. „אָנהייבנדיק פון יינגלעך אין זיבעטן קלאַס, האָבן ביי אונדז אַלע פערזענלעך וואָפן. אויך חברטעס, וועלכע ווילן דאָס, באַ־קומען רעוואָלווערן". די חברים פון משגב־עם האָבן זיך געפילט געטראָפן, לייע־נענדיק אין איינער פון די צייטונגען, אַז „בעתן אָנגריף פון די טעראָריסטן איז די שמירה מצד די חברים געווען אַ נישט־גענוגנדיקע". דודקע זאָגט מיט ווייטיק: „מער וואַכזאַם, ווי מען איז ביי אונדז, קאָן מען נישט זיין, גלויב מיר, כאָטש ביי צען יאָר האָבן מיר געהאַט כמעט פולשטענדיקע רו מצד די טעראָריסטן".

כרמלה שגיא, וועלכע לעבט שוין אין קיבוץ זיבעצן יאָר, דאָ געבוירן אירע דריי קינדער און „איך וויל זיי דאָ חתונה־מאַכן", איז אויפגעטרייסלט, אָבער דערשטוינט: „מיר האָבן נישט געגלויבט, אַז דאָס אַריינדרינגען פון טעראָריסטן אין משק אַריין איז בכלל מעגלעך. דאָס האָב איך געהערט אויך פון אַרמיי־קאָמאַנדירן, וועלכע האָבן אונדז באַזוכט, און דעריבער איז דאָס געשעענע פאַר אונדז אויך אַן אַנטוישונג. מיר האָבן געגלייבט אין דער שטאַנדהאַפטיקייט פון זיכערקייט־פּלויט און די עלעקטראָנישע מיטלען. איך, יעדנפאַלס, בין געשלאָפן רויק..." דער זעכציק־יאָריקער מישאַ זאַלצבערג האָט אַן אַנדער מיינונג. דער עלטסטער חבר פון קיבוץ, איז אַ ספּעציאַליסט אין זיכערקייט־ענינים. ער באַ־דויערט, דוכט זיך: „פונקט ביז מיט צוויי חדשים צוריק בין איך געווען דער מא"ז..." („מפקד אזור", ראַיאָן־קאָמאַנדיר, פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער זי־כערקייט). צוויי יאָר האָט ער געהאַט דעם דאָזיקן אַמט. „נישטאָ קיין גרענעץ פאַרן לויב פון צה"ל" — זאָגט מישאַ — „וואָס האָט דורכגעפירט אַ געוואַגטע

רעטונג־אַקציע, איינשטעלנדיק לעבנס פון זעלנערס און אַרויסגעראַטעוועט פּיצלעך קינדער און אַ קיבוץ־חבר ממש פון טויט. אָבער...״ — ער פאַרטראַכט זיך אַ ווייל — „מיר האָבן געוווסט און געוואָרנט, אַז נישט אַלע עלעקטראָנישע אַלאַרם־מכשירים אַרבעטן, אַז די באַלייכטונג פון זיכערקייט־פּלויט איז אַ נישט־געהעריקע...״

זיצט, הערט זיך איין, קוקט און שווייגט לאַנג אלי מור. ער גלעט דעם „קאַלאַשניקאָוו״, וואָס ער האַלט צווישן די קניען, און רופט זיך סוף־כל־סוף אָן: „מיר וועלן אָנגיין ווייטער, טראָץ דעם דאָזיקן שרעקלעכן קלאַפּ. מיר האָבן אַ סך זאַכן שוין ,אויפגעגעסן׳... ווען די גרענעץ איז האַרט ביי דער טיר, מוז מען זיך צוגעוווינען מיט איר צו לעבן. כסדרדיקע שמירה, גרייטקייט־צושטאַנד, אַלאַרמען — עס איז טאַקע שווער, אָבער, אפשר צוליב דעם, בלייבט אונדזער הויפּט־פּראָבלעם ,די פאַרלאָזונגען׳. אַזוי פיל הונדערטער זענען אַריבער אין משגב־עם און נאָך פינף און דרייסיק יאָר האָבן מיר נישט קיין גאַנצע הונדערט מיטגלידער אין קאָלעקטיוו. טרויעריק, אָבער אַ פאַקט: קיין איינער פון גרינדער־דור, ,דור־המייסדים׳, מיט וועלכן מען שטאָלצירט אומעטום, איז ביי אונדז נישט פאַרבליבן... אויך פון עטלעכע שפּעטערדיקע יאָרגענג איז קיין איינער נישטאָ. דאָס פעלט... נישטאָ דעריבער דאָס געפיל פון סטאַבילקייט, פון המשך... פאַרוואָס געשעט דאָס?״ — פרעגט ער, דוכט מיר, זיך אַליין — „שווער צו ענטפערן. די מענטשן וואָס בלייבן, אַט־די אַלע אַרום, האָבן ליב משגב־עם. פאַרשטייען מיר נישט... אפשר איז דאָס אַ מין שלעכטער מזל. פאַרלאָזונגען זענען אַ מין מגיפה, אַן אָנשטעקנדיקע מכה. עס האָט זיך אָנגעהויבן און ווערט פאַרגעזעצט אַלע יאָרן. דער קיבוץ איז אַ קליינער, צו קליין און דאָס דריקט אויף חברים צו פאַרלאָזן. אָבער כדי עס זאָל נישט זיין קיין קליינער קיבוץ, דאַרף מען דאָ בלייבן, ניין? איז ווי אַזוי רייסט מען איבער די ,פאַרכישופטע׳ ראָד?...״

און ווער איז ער אַליין, אלי מור? — ווערט אינטערעסאַנט צו וויסן. „שפּעטער...״ — ענטפערט ער, דוכט זיך, אויסמיידנדיק. אָבער, ניין. אלי, צוזאַמען מיט יצחקן, פירן מיך שפּעטער, אינעם קיבוצישן דזשיפּ, צום אויטאָבוס אין קרית־שמונה. מיט אונז פאָרט אויך אורי, אַ חבר פון גבעת־ברנר, וועלכער איז געקומען צו דער לוויה און פאַרבליבן ביז שפּעט ביי פריינד. אלי פירט געלאָסן דעם אויטאָ באַרג־אַראָפּ איבערן זיגזאַגישן סערפּענטינע־וועג, וואָס איז גענוג באַלויכטן, נישט צו זיין אָנגעשטרענגט. ער ווענדט זיך צו מיר גאָר: „האָסט געפרעגט ווער איך בין...״ און, נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, זעצט ער פאָר:

„איך בין געווען אַ בר־מצווה־בחור, ווען איך בין מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק עולה געווען, מיט די עלטערן און גאַנצער פאַמיליע, פון מאַראָקאָ. מען האָט אונדז איינגעאָרדנט אין אַ מעברה אין צפת. איך האָב געהערט רעדן וועגן אַ קיבוץ און געזאָגט די עלטערן, אַז איך וויל זען וואָס דאָס איז אַזעלכעס. זיי זענען געווען שטרענג רעליגיעזע, האָבן זיי מיך געשיקט אין קיבוץ פון הפּועל־המזרחי עין־הנצי״ב. און דווקא דאָרט — בין איך געוואָרן געשטימט וועלטלעך, גענומען צווייפלען אין גאָט... איך האָב געבעטן אַ נישט־רעליגיעזן קיבוץ און אַזוי בין איך אָנגעקומען אין יאָר 1958 אין אַ ,יוגנט־גרעין׳ קיין משגב־עם. די

יוגנטלעכע זענען געווען פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער. געווען טאַקע אַזעלכע מיט פּאָזיטיווער מאָטיוואַציע, ווי איך. אָבער אַנדערע זענען געקומען, געצוואונגענע דורך די עלטערן, אָדער צוליב עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, צי משפחה־סיבות. געווען רייבונגען, נישט־איינפאַרשטענדענישן — פון יענער גרופּע פון דרייסיק זענען היינט פאַרבליבן אין משק בלויז פיר. שפּעטער מיליטער־דינסט. נאָכן צוריקקער פון דער אַרמיי, האָט מען מיך געשיקט לערנען אין לערער־סעמינאַר פון עליית הנוער אין ירושלים — עס האָבן געפעלט לערערס אין קיבוץ. עס איז פאַר מיר געווען שווער, איך האָב דאָך נישט געהאַט קיין רעגולערע בילדונג, אָבער איך האָב אַלץ באַוויזן...״ דערנאָך איז ער געווען לערער אין דער קרייז־שול אין קיבוץ דפנה, אָנגעפירט מיט צוויי יוגנט־גרופּעס אין משגב־עם, אין איינער פון זיי באַקענט זיין פרוי. עס פעלט אים העכערע בילדונג און שוין מיט פינף יאָר צוריק האָט דער קיבוץ באַשלאָסן אים שיקן שטודירן, „האָט פונקט געפעלט אַ קאַסיר, און מען האָט מיך אויסגעוויילט... סטייטש, ווי קום איך צו געלט־זאַכן ?... אָבער איך קען דעם קיבוץ, עס איז מיין היים...״ איז ער דריי מיט אַ האַלב יאָר געווען קאַסיר, נאָכדעם האָט פונקט געפעלט אַ לערער אין אַ קלאַס... ערשט דאָס יאָר — און ער גיט פרום צו „אם ירצה השם״ — וועט ער אָנהייבן דריי יאָר שטודיום, צוויי יאָר אין הויכן סעמינאַר פון די קיבוצים, אין אפעל, און אַ יאָר אין רעליגיעזן „מאיר־אינסטיטוט פאַר יהדות״ אין ירושלים.

וואָס עפּעס פלוצלינג „יידישקייט״, „יהדות״, פאַרן וועלטלעכן קיבוץ ? און דאָ קומען די אינטערעסאַנטע אויפקלערונגען, ווי אלי מור האָט זיי ווערטלעך אַריינגערעדט אויף מיין קול־טאַשמע :

„יאָ, יהדות... איך בין אויפגעוואַקסן אין אַ רעליגיעזער היים און מורד גע־ווען. איצט דוכט מיר, אַז איך קער זיך צוריק... איך האָב אָנגעהויבן זיך אינטע־רעסירן מיט רעליגיע, ווען איך האָב געלערנט אין סעמינאַר אין ירושלים. איך האָב גענומען מיט אייגענע כוחות אין פרייער צייט לערנען יידישקייט. אין דער קרייז־שול האָב איך מיינע ,דערציִער־שעהען׳ געווידמעט יהדות און געווירקט מען זאָל אין לערן־פּראָגראַם אַריינגעמען יידישקייט־טעמעס. איך האָב אין קיבוץ דורכגעפירט מיט די חברים אַ קרייז פון יהדות. איך האָב עס געהאַלטן פאַר וויכטיק און חברים זענען געווען צופרידן... יהדות, דאָס זענען אונדזערע שורשים, אונדזערע וואָרצלען. נו...״ — הערט מען, דוכט זיך, אַ קווענקל אין זיין קול — „אין רעזולטאַט פון לערנען האָב איך גענומען זיך צוריקקערן צו פּראַקטישע מצוות. נישט אויף הונדערט פּראָצענט... איך זוך פאַר זיך אַ מיטל־וועג. איך היט, למשל, כשרות — עס דעריבער אין צימער און נישט אין חדר־אוכל. איך האָב געפרואווט מתפלל זיין יעדן פרימאָרגן — דאָס איז נישט געגאַנגען...״ איך טו, אפשר נישט באַוווסטזיניק, אַ קוק אויף זיין קאָפּ. ער באַמערקט עס. „ניין, איך טראָג נישט קיין קאַפּל, לויט מיין וועג איז עס נישט נייטיק. איך דעק צו דעם קאָפּ ביים עסן בלויז״. צום סוף גיט ער צו, מיט אַ קענטלעכן ווייטיק אין קול: „אַ שאָד וואָס מיינע עלטערן לעבן נישט און האָבן נישט זוכה געווען צו זען מיך, זוכנדיק אַ וועג צוריק צו זייער וועלט...״

איך דריי אויס דעם קאָפּ צו יצחקן, װעלכע זיצט הינטער מיר, איך באַװײַז נישט אַרויסצורעדן אַ װאָרט און אויך ער עפנט זיין האַרץ: „װײסט, אין אַזאַ טאָג, װײל יעדער זיך אויסרעדן אַ ביסל... לאָמיר דיר זאָגן, אַז אלי איז ביי אונדז אַן אויסנאַם. װאָלטן געװען אַ צװיי־דריי, װאָלט מען געמאַכט אַ כשר װינקל אין קיך, װי אין אַנדערע קיבוצים. מילא, איך... אָבער קיינער נישט. איך? איך בין אַ זון פון אַ װעלטלעכן קיבוץ, װייט פון רעליגיע...״ יצחק איז געבוירן גאָר אין רביבים, דעם קיבוץ אין נגב, און פון די הייסע מדבר־זאַמדן אַריבער צו די געפּרווירענע פּעל־דזיקע הייכן. „אין יאָר 1971, אין עלטער פון זיבעצן יאָר, בין איך געשיקט געוואָרן מיט זעכצן חברה פון צוועלפטן קלאַס, ווי אַ גרעין צו העלפן אין משגב־עם. נאָך אַ יאָר זענען מיר פון דאַנען געגאַנגען אין מיליטער־דינסט. פון דער אַרמיי — ווער עס האָט געוואָלט האָט צוריקגעקערט קיין משגב־עם. פיר זענען מיר געקומען. איינער האָט מיט אַ חודש צוריק פאַרלאָזט. זענען מיר דאָ געבליבן דריי רביבים־קינדער. איך אַרבעט ביי די קי. איך פיל זיך זייער גוט דאָ. פאַרוואָס האָב איך געטוישט רביבים אויף משגב־עם?... רביבים איז אַ גרויסע ווירטשאַפט, אַן איינגעפונדעוועטע, אין פאַרגלייך מיט משגב. דאָרט איז אַלץ אָרגאַניזירט, באַזירט: די אַרבעט, ווי דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, און יעדער לעבט גאָר פאַק־טיש אין זיין ,כאַמולע׳. דאָ איז אַנדערש. דאָ איז אַ קליינע געמיינשאַפט, און אַפילו ווען דו ביסט אַ קליין שרייפעלע, ביסטו לעבנס־נייטיק. דאָ איז פאַראַן אַ שטאַרקע מאָטיוואַציע, יאָ, — ציוניזם. כאָטש דער קיבוץ איז שוין אַלט פינף און דרייסיק יאָר, הייבט מען כסדר, שטענדיק, אָן פון אָנהייב... פאַראַן אַ פערזענלעכער פאַר־מעסט פאַר יעדן, מעגלעכקייטן. אַ יונגער מענטש באַקומט דאָ הויכע אַמטן אַ סך שנעלער ווי אין אַנדערע פלעצער. עס איז פאַראַן אַ דרוק, ס׳איז שווער, פאַר־מאַטערנדיק, אָבער אויך אינטערעסאַנט. און דאָס חברישע צוזאַמענלעבן — אַלע טירן זענען שטענדיק אָפן, ביי יעדן און פאַר יעדן. מען טרינקט קאַווע ביי אַן עלטערן חבר אָן שום פראָבלעמען...״

מיט אורי פון גבעת־ברנר פאָר איך צוזאַמען מיטן לעצטן אויטאָבוס קיין חיפה. ער דערציילט: „ביי אונדז אַליין, אין גבעת־ברנר, זענען פאַראַן צענדלי־קער חברים, וועלכע זענען אַמאָל געווען אַ געוויסע צייט אין משגב־עם, אין ,נאַגל׳ פון ,פינגער פון גליל׳. משגב־עם פאַרנעמט אַ ספּעציעל אָרט אין די זכרונות פון הונדערטער און הונדערטער יוגנטלעכע און שוין עלטער־געוואָרענע. פיל־פיל צענדליקער פון זיי האָבן היינט אַוועקגעלייגט זייער אַרבעט און געקו־מען אויף דער לוויה. זיי אַלע זענען געווען זומערס אין אַרבעט־לאַגערן אין משגב־עם. זיי זענען אויך געווען אין אַנדערע קיבוצים, אָבער ווען מען דער־מאָנט משגב־עם, צינדט זיך אָן אין יעדנס אויגן אַ ספּעציעלער פונק, און הערסט: ,יאָ, אַודאי, משגב־עם, אין ווייטן צפון, אויפן באַרג, מיט נידעריקע נעפּלען יעדן פרימאָרגן אין מיטן זומער, מיטן וווּנדערלעכן פייסאַזש אונטן פון גאַנצן חולה־טאָל, אַפילו דער גולן זעט פון דאָרט אויס נידעריק...׳ און עס פאַרבלייבן אויף שטענדיק די זכרונות ביי יענע הונדערטער, וועלכע זענען דאָ געווען אין אַ ,גרעין׳ אַמאָל, אַ יאָר און מער. זיי דערמאָנען זיך די שווערע ווינטערס, די שטו־רעם־ווינטן און שנייען, דאָס געפיל פון איזאָלירטקייט און די וואַרעמקייט אין די

קליינע צימערן דווקא ביי די קעלטן אין דרויסן... ביי אַ סך פֿון זיי וועלן זיך היינט דערוועקן ערגעץ טיף שולד־געפֿילן פֿאַר פֿאַרלאָזן, פֿאַר זיין ווייט..."

„איז נישטאָ איצט קיין חשש, אַז נאָך אַזאַ אומגליק וועלן פֿון די ווייניקע חברים, אַ טייל פֿאַרלאָזן דעם קיבוץ ?..." — פֿרעג איך, ווי זיך אַליין.

ד"ר ניב האַלט, אַז פֿאַרקערט, מעגלעך אַז עס וועט געשען דאָס פֿאַרקערטע... אַזוי איז פֿאָרגעקומען נאָך די בלוט־געשעענישן אין מעלות, קרית־שמונה און אַנדערע ערטער. די טעראָר־אָנפֿאַלן האָבן די ערטער „אַרויפֿגעבראַכט אויף דער מאַפּע", ווי מען זאָגט אין ישראל, און משגב־עם „וועט אַרויס פֿונעם אומגליק אַ שטאַרקע און פֿאַרשטאַרקטע".

1980

מרגליות — „פערל" אין די נפתלי־בערג

צווישן בײדע העכסטע אין לאַנד יישובים — די קיבוצים מנרה און משגב־עם — ליגט דער מושב מרגליות. ער געפינט זיך אויך נישט אין דער נידער, זעקס הונדערט און פופציק מעטער איבערן ים־גיווא, אָבער פון די קיבוצים נידערט מען צו אים אַראָפּ איבער אַ שיפּוע פון העכער צוויי הונדערט מעטער.

מיר זענען אין הארץ פון די נפתלי־בערג. פון אויבן ווערט דאָס אויג ממש צוגעשמידט צום קליינעם מרגליות־טאָל, וואָס באַווייזט זיך פּלוצלינג בעת אַ קער פון דער סערפּענטינע אויפן באַרג־שאָסיי. אַ קליינער פּליין, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט פאַרשיידנהייטיקע בערג, דורכגעשניטענע מיט שמאָלע וואַדיס. די באַרג־שפּיצן זענען — ווי אויסגעפאָרמט דורך אַ קינסטלער־האַנט — פאַר־שיידנאַרטיק געשניצט, אין אַ שפע פון פאָרמען: פעלדזיק־שפּיציקע, גלייכע און פאַרקיילעכיקטע, גרינע הייכן; פלאַכע, לייכט־כוואַליענדיקע שיפּועים און גלאַטע ווענט. אין טאָל גופא דאָמינירט גרינס. טויזנטערביימער, טונקעלע, איילבירטן און פייגן. העלער זענען די שטיקלעך פעלד און גערטנער צווישן זיי. און ווי בליעכן זענען אויס פון ווייטן — די קליינע איין־שטאָקיקע ווייסע הייזקעס מיט רויטע שיפּועאַרטיקע דעכער.

לעבן דער „צרכניה", אינמיטן דאָרף, שטייט אַ קליינע גרופּע מיטליאָריקע און עלטערע מענטשן, אַריינגעטאָן אין אַ הייסן וויכוח אין אַראַביש.

„שלום!" — ענטפערן אַלע גוטמוטיק אויף אונדזער באַגריסונג און גייען אַריבער אויף העברעיִש — „וועגן וואָס מען שמועסט? וועגן אַריינדרינגלערס־טעראָריסטן פון יענער זייט גרענעץ... וועגן דער לעצטער איבערקערעניש אין באַגדאַד..."

די גאַנצע גרופּע — דאָס זענען יידן פון איראַק, אַ העלפט פונעם דאָרף שטאַמען פון דאָזיקן לאַנד. אַלע האָבן דאָרט קרובים, פריינד. זיי קאָנען, און זענען שטענדיק גרייט, צו דערציילן וועגן די דאָרטיקע אַלטע און נייע מאַכטהאָבער.

באַלד זיצן מיר אין שאָטן פון אַ צעצווייגטן איילבירט־בוים, שמועסן און באַוווּנדערן — אַ צוזאַמענלעבן, אַ מיזוג־גלויות, פון צוויי אַזעלכע ווייטע, דוכט זיך, יידישע שבטים: פון איראַק און פון קאָטשין, אין אינדיע.

„מיר זענען אַלטע מחותנים..." — זאָגט חנניה, דער קאָטשינער — „זיי זענען געקומען צו אונדז פון באַגדאַד נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק. אָנגע־מאַכט אַ חורבן... צעטיילט אונדז אויף ווייסע און שוואַרצע..."

די אַלטע באַקאַנטע — און טרויעריקע — געשיכטע מיט „שוואַרצע" און „ווייסע" יידן אין אינדיע.

„ווילסט זיך שוין קריגן?..."

אָבער מען קריגט זיך נישט. מען לעבט דווקא בשלום, מען איז זיך אפילו שוין מתחתן.

נחום צדוק געהער דאָ צום עלטערן דור. ער האָט געהאַט אַ שניט־קראַם אין אַ פאַרשטאָט פון באַגדאַד. „נישט געווען קיין גביר" — דערציילט ער — „נאָר געלעבט שיין. בעסער ווי די שכנים..." קיין ישראל, אָבער, איז ער מיט זיין פאַמיליע געקומען, „באמת מיט גאָרנישט... ווי אַלע דאָ אַרום דיר..."

חנניה, ביי וועמען כ'קאָן נישט געוויר ווערן צי דאָס איז זיין ערשטער נאָמען, צי דער פאַמיליע־נאָמען — „מה זה חשוב ?... אַלע רופן מיך חנניה" — איז געווען אַ גאָלדשמיד אין קראַנגאַנאָר, קאָטשין. אויך ער איז געקומען אַהער בלויז מיט „אמונה און מיט גוטן ווילן צו בויען ארץ־ישראל..."

„...און אַלע האָבן מיר געהאַט אַזאַ אָנונג אין דאָרף־לעבן, ווי ער..." — רופט אויס, נישט וואַרטנדיק אויף אונדזער פראַגע, אָבער פילנדיק זי, יעקב כהן, אַ געוועזענער שטאָט־באַאַמטער אויף דער איראַקישער פּראָווינץ.

צום ערשטן זענען געקומען אַהער די יידן פון איראַק, אין יאָר 1951. די ווייסע הייזלעך, ניי־אויסגעבויטע, האָבן טאַקע געוואַרט אויף זיי. אָבער די ביימער — כמעט אָפּגעדאַרט, די פרוכט־גערטנער — פאַרלאָזט, פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז און דערנער. געווען שווער זיך צו זיי צו נעמען, בפרט, אַז מען האָט נישט געוווסט ווי אַזוי אויפצוהייבן אַ גראַב־אייזן, און אוודאי קיין באַגריף נישט געהאַט, צי און ווי אַזוי מען קאָן געזונט מאַכן די ביימער.

„איידער מען האָט דערזען די ערשטע פירות... די אויגן זענען אונדז שיער אַרויס..." — זאָגט צדוק.

איצט פייערן זיי דעם צען־יאָריקן יובליי פון זייער יישוב.

„אין צען יאָר האָט מען געלערנט, מען האָט דאָך געמוזט..." — רעדט פאַמע־לעך כהן — „די ערשטע פאָר יאָר איז געווען זייער־זייער שווער... מען איז גע־פאָרן אין די חולה־יישובים זוכן אַ טאָג אַרבעט, כדי מפרנס צו זיין די בני־בית. דאָס האָבן מיר דאָך אויסגעטריקנט די חולה־אָזיערע..." — ווערט זיין קול שוין שטאַרקער, שטאָלץ.

אַ סך האָבן נישט אויסגעהאַלטן און זענען אַוועק. דעמאָלט זענען געקומען די יידן פון קאָטשין. דאָ, אין דעם טאָל צווישן די בערג, טראָץ די שטענדיקע ווינטן און די קעלטן, האָבן די אינדישע יידן יאָ אויסגעהאַלטן, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע באַרג־יישובים אין גליל, פון וואַנען די קעלט האָט זיי פאַרטריבן. די וועלכע האָבן איבערגעהאַלטן די ערשטע שווערע יאָרן, זענען אַרויס אויפן דרך־המלך. די ביימער האָבן זיך צעבליט. מען האָט אָנגעהויבן שיקן איילבירטן אין טאָל אַריין און אויף דרום. מען האָט זיי גענומען איינזייערן אין מרגליות גופא, אויף צו פאַרקויפן; אין אָנהייב אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב און דערנאָך אַלץ גרעסער. מען האָט גענומען אויסאַרבעטן בוימל, שמן־זית — צום ערשטן אויף אַ פרימיטיוון, „שטוביקן" אופן, איצט בויט מען אַ גרויסע בשותפותדיקע בוימל־פאַבריק פאַרן גאַנצן יישוב. האָבן די אַלטע ביימער זיך אויפסנייַ צע־וואַקסן, צעצווייַגט; לעבן זיי האָבן אַרויסגעשפּראָצט טויזנטער יונגע ביימלעך, וואָס זענען שוין אויך פול מיט בליעכץ, הייבן אָן געבן פרוכט. דערביי האָט מען זיך אויך אויסגעלערנט אַקערן שטיקלעך פעלד, זייען ווייץ און קוקורודזע אויף שיפּוע־טעראַסעס אין די בערג. אַרום די הייזקעס בליען ירקות, בלומען. ביס־

לעכוויִז האָט מען אויך געלערנט זיך פאַרנעמען מיט עופות און בהמות — מען האָט אויפגעשטעלט הינער־שטייגן, ישראלדיקע „לולים", און שטאַלן מיט בהמות. ביי די הייזער האָבן זיך אויך באַוויזן אייזלען און פערד... מען פאַרקויפט שוין צו „תנובה" אַ סך אייער, אפילו איבעריקע מילך איז שוין פאַראַן.

„עס פעלט נאָך דערפאַרונג", — טענהט צדוק — „טאַקע געוואָרן פאַלאַכן, אָבער די אַרבעט שווערט שטאַרק און גייט נאָך נישט די פולע פרוכטן. דער עיקר, אָבער, עס פעלט וואַסער..."

די וואַסער־רער, וואָס מען האָט געצויגן טאַקע דורך מרגליות, פון קרית־שמונה, אַרויף אין די בערג, צו מנרה און משגב־עם, האָט אויך געבראַכט וואַסער פאַרן מושב. נישט גענוג... דאָ דערהערן זיך די טענות, די קולות הייבן זיך צו העכערע טענער. עס פאַלט אַ דראַונג פון „אַ מאַרש קיין ירושלים"... מען באַ־וואָלט, טענהן זיי, זייער מושב מיט וואַסער לטובת די צוויי באַרג־קיבוצים איבער זיי. די הויפט־רער גייט דווקא דורך מרגליות, אָבער די צוטיילונג פון כמות וואַסער איז פאַר זיי צו קליין. זיי האָבן דאָס יאָר פאַרדאַפּלט דעם פאַרזיי־שטח פון פאַמידאָרן, פון זיבעציק אויף הונדערט און פערציק דונאַם, — דאַרף מען דערצו אַ סך וואַסער און עס דראָט אַ סכנה פאַר דער גאַנצער אַריינגעלייג־טער אַרבעט. כהן כאַפּט זיך אַרויס:

„די סוכנות און די באַוואַסערונג־פאַראַנטוואָרטלעכע פון ,מקורות' האָבן אונדז געוואָרנט דאָס נישט צו טאָן..." — ער האַקט אָבער אָפּ דעם זאַץ אין מיטן, באַמערקנדיק בייזע אויגן אין געזעמל אַרום.

ווייזט מען אויף די ווייסע הייזער אין די צוויי, מיט בלוט־געבויטע קיבו־צים אויבן: „...זיי גיט מען אַלץ... זיי האָבן אַלץ..." — כאָטש מיר ווערן באַלד געוווירן, אַז די צוויי קיבוצים האָבן זיך אָפּגעזאָגט אויפן גאַנצן זומער לטובת מרגליות, פון הונדערט־פופציק קוביק־מעטער וואַסער טעגלעך, משגב־עם — הונדערט, מנרה — פופציק...

*

פאַראַן דאָ פיל מענטשן מיט מיטלער בילדונג, אינטעליגענץ. מען זעט עס פון די ביבליאָטעקלעך אין די אָרעמע הייזקעס. די מערהייט רעדט, אויסער זייער מוטער־שפּראַך — נאָך איינע. די איראַקער — פראַנצויזיש, נישט ערגער ווי אַראַביש, אַן אָנדענק פון די „אַליאַנס"־שולן; די קאָטשינער — ענגליש, ווי זייער הינדו־שפּראַך. אָבער אַלע רעדן שוין, ווער בעסער און ווער נאָך שוואַכער, העברעיש. ווי זאָגט חנניה: „אָן עברית וואָלטן מיר נישט געקאָנט רעדן צווישן זיך, אפילו קיין חתונות וואָלטן נישט געקאָנט זיין צווישן די עדהס..." — שמייכלט ער.

דער קאָמיטעט־מיטגליד אליהו יחזקאל, וועלכער איז אַהער אָנגעקומען אין עלטער פון צוואַנציק יאָר מיט די ערשטע איראַקישע משפחות, פירט אונדז צו די חורבות פון אַראַבישן פאַרלאָזטן דאָרף, בלויז צענדליקער מעטער צפונ־דיק אויפן שיפּוע. די חורבות פון זיינע שטיין־געביידעס גרייכן ביז סאַמע מרגליות. ביי דער זייט ריגגלט אַרום אַ פרישער ציגל־פאַרקאַן אַ באַגרינטן מוסולמענישן בית־עלמין.

„דאָס היטן מיר...״ — פאַלט אַן אַנטשלאָסענע באַמערקונג.

ווען די ערשטע יידן זענען אָנגעקומען אויף דעם פּלאַץ, האָבן זיך פון די באַרג־הייכן פון דער לבנונישער זייט באַוויזן אַראַבער, עלטערע, געמאַכט שלום־צייכנס און געבעטן זיך דערנענטערן צו דער גרענעץ־ליניע. „מיר זענען צו זיי אַרויף״ — דערציילט יחזקאל — „און זיי האָבן געהאַט איין ביטע: ,טוט וואָס איר ווילט מיטן דאָרף, נאָר דעם בית־הקברות זאָלט איר אָפּהיטן. דאָס איז אַ מקום־קדוש...׳ די אַנטלאָפענע פון דאָנען אַראַבער לעבן ביז היינט אין די לבנונישע דערפער נאָענט ביי דער גרענעץ. מיר לאָזן זיי צו אויף קבר־אבות... מיר ווייסן וואָס דאָס באַדייט ביי זיי, און מיר האַלטן אין אָרדענונג, רייניקן, באַגיסן די ביימער אַרום די קברים...״

די אַראַבער האָבן דאָס דאָרף גערופן הונין. לויט די אויסגראָבונגען, אָבער, און לויט יאָסעפוס פלאַוויוס, איז דאָ געווען די אַלטע יידישע שטאָט יָנוֹחַ. רע־ציטירט נחום צדוק מיט אַ האַלדזיקן מזרח־ניגון דעם פסוק (מלכים ב׳, ט״ו, כ״ט): „...ויקח את עיון, ואת אבל־בית־מעכה, ואת ינוח״ — „אין די טעג פון פקח דעם מלך פון ישראל, איז געקומען תגלת־פלאָסר דער מלך פון אשור, און האָט גענומען עיון און אבל־בית־מעכה און יָנוֹחַ — — — דאָס גאַנצע לאַנד נפתלי, און ער האָט זיי פאַרטריבן קיין אַשור״. דעמאָלט איז דאָ שוין געווען אַ וויכ־טיקער באַרג־וועג פון לבנון און אַ באַפעסטיקטער גרענעץ־פונקט. לויטן תלמוד איז דאָ געבוירן געוואָרן רבי אבא־יוסי בן יוחנן, אַ חז״ל־געלערנטער, וועלכער איז געווען באַרימט מיט זיינע לאַנדווירטשאַפטלעכע קענטענישן און אַ פּלאַני־רער צו בויען טעראַסעס אויף די בערג, כדי צו באַאַרבעטן דעם באָדן און צו פאַרהאַלטן די אַראָפּפליסנדיקע וואַסערן פון די בערג.

ר׳ יהודה פון טודעלאַ, אין צוועלפטן יאָרהונדערט, האָט „אין די בערג פון נפתלי, אונטער דער שוץ פון אַנפּרואַ דע טוראַן, אַרום דער פעסטונג הונין״, געטראָפן „אַ יידישע קהילה פון אַ צענדליק משפחות מיט אַ קליינעם בית־כנסת, איינגעאָרדנט אין אַ הייל אין די בערג״.

אַ שמאָלער, מיט דערנער פאַרוואַקסענער שטעג פירט פון צענטער מרגליות צו חורבות פון אַ גרויסער געביידע אין סאַמע צפון־עק פון פאַרלאָזטן אַראַ־בישן דאָרף, וואָס גרייכט כמעט האַרט ביז צו דער לבנון־גרענעץ. איבערבליי־בענישן פון דיקע פעסטונג־ווענט. אַ געפלאַסטערטער הויף. האַלב־אויפגעגראָבענע באַזיליקאַרטיקע דורכגענג צו די אונטערשטע, אונטערערדישע, שטאָקן; עס איז קאָנטיק פון ערשטן בליק — אַ פעסטונג אין חורבות.

אין אָנהייב פון דער קרייצציגלערישער ירושלים־מלוכה איז דער תולה־טאַל, וואָס צעשפּרייט זיך צופוסנס די נפתלי־בערג און מען זעט אים פון דאָנען אין זיין פולער פּילפּאַרביקייט, געווען די גרענעץ־געגנט צווישן דעם קרייצ־ציגלערישן קיניגרייך און די געביטן, וואָס זענען געבליבן אונטער דער הער־שאַפט פון די מוסולמענער. אין צפון איז דאָ פאַרבייגעגאַנגען איינער פון די דעמאָלטיקע וויכטיקסטע אינטערנאַציאָנאַלע האַנדל־וועגן — פון דמשק צום פאָרט צור, וואָס געפינט זיך אין היינטיקן לבנון. די קרייצציגלערישע הערשערס האָבן דעריבער דאָ, אין טאָל און אין די בערג אויפגעבויט אַ ריי פעסטונגען,

און די ערשטע צווישן זיי איז געבויט געוואָרן אין יאָר 1107, טאַקע דאָ, פעסטונג הונין. דאָס איז געווען אַ טייל פון דער „גרויסער סיניאָריאַ״, וואָס איר הויפּטשטאָט איז געווען אין הייגטיקן שטעטל תּיבנין און האָט דעמאָלט געהייסן טוראָן, אין לבנון, נישט ווייט פון דער ישׂראל־גרענעץ. אין דער דאָזיקער „סיניאָריאַ״ האָט געהערשט די פראַנצויזישע אַדל־פאַמיליע דע טוראָן, אין וועלכער דער משפּחה־הויפּט האָט זיך שטענדיק גערופן אָנפרואַ און זיי האָבן פאַרנומען הויכע אַמטן אין קרייצציגלערישן קיניגלעכן הויף אין ירושלים. די וויכטיקייט פון דער הונין־פעסטונג איז געוואַקסן, ווען די הערשאַפט פון די קרייצציגלער אויפן גולן איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין די זיבעציקער יאָרן פון צוועלפטן י״ה און די מוסולמענער האָבן זיך גענומען דורכרייסן צום חולה־טאָל; אין הונין האָבן זיך דעמאָלט באַזעצט ריטערס פון האָספּיטאַלערן־אָרדן. זיי האָבן די פעסטונג באַנייט און פאַרשטאַרקט און זי אָנגערופן „קאַסטעלום נאָווום״, אין לאַטיין, אָדער אין פראַנצויזיש „שאַטאָ נעף״. דאָך האָט דער מוסולמענישער מיליטער־פירער נור אַ־דין איינגענומען די פעסטונג אין יאָר 1176, נאָכדעם ווי דער קרייצציגלערישער גאַרניזאָן האָט זי פאַרברענט און זיך צוריקגעצויגן דורך די בערג קיין תּיבנין. נור אַ־דין האָט זיך נישט געקאָנט האַלטן אין הונין, ווייל אַרום זענען געווען שטאַרקע קרייצציגלערישע פּאָזיציעס, ער האָט דעריבער הונין חרוב געמאַכט און פאַרלאָזט אין 1181. אָנפרואַ דער צווייטער דע טוראָן האָט זי צוריקגעבויט און באַפעסטיקט. נאָך דער אַנטשיידנדיקער שלאַכט צווישן דער מוסולמענישער אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון סאַלאַך ע־דין (סאַלאַדין), אין יולי 1187, און די קרייצציגלערס ביים באַרג קרני־חיטין, נישט ווייט פון טבריה, האָבן די מוסולמענער באַהערשט כמעט דאָס גאַנצע לאַנד, מיט דער



די חרובע הונין־פעסטונג ביי מרגליות

הויפטשטאָט ירושלים. די הונין־פעסטונג איז געבליבן איינע פון די איינציקע דריי קרייצציגלערס־פּאָזיציעס אין גליל. אַ האַלב יאָר האָט באַלאַגערט דעם „שאַטאָ נעף" אין הונין דער ברודער פון סאַלאַך ע־דין, על־מאַליק על־אַדעל, ביז ער האָט אים איינגענומען (1220). די פעסטונג איז כסדר אַריבער פון האַנט צו האַנט... בעת דער צווייטער קרייצציגלערישער מלוכה האָבן די קריסטן צוריק־באַקומען הונין, צום ערשטן מאָל אָן קאַמפן, נאָר דורך אָן אָפּמאַך צווישן זיי און די מוסולמענער (אין יאָר 1240). די פעסטונג איז ווידעראַמאָל איבערגעבויט און פאַרשטאַרקט געוואָרן, אָבער שוין נישט אויף לאַנג — עטלעכע צוואַנציק יאָר שפּעטער איז די קרייצציגלערישע הערשאַפט אין דעם טייל גליל ענדגילטיק ליקווידירט געוואָרן. אין יאָר 1266 האָט הונין איינגענומען דער מאַמעלוקישער סולטאַן באַיבאַרס. ער האָט צוגעבויט אַ צוגאַנג־טויער און הינטער אים געוועלב־טע זאַלן, מיט אַ מעטשעט אינערהאַלב אַ נייעם באַפעסטיקטן מויער.

דער גרעסטער טייל פון דער פעסטונג איז צעשטערט און פאַרוויסט גע־וואָרן אין דער שטאַרקער ערד־ציטערניש פון יאָר 1837, וואָס האָט אין גליל געבראַכט מער קרבנות, ווי אַלע קרייצציגלערישע און מוסולמענישע מלחמות צוזאַמען...

גראָבנדיק אין די באַפעסטיקטע קעלערס האָט מען געפונען פּאַיאַנס־ און מעטאַל־חפצים נאָך פון פעניקישער אָפּשטאַמונג און ס'איז זיכער, אַז די קרייצ־ציגלערס האָבן דאָ געבויט אויף יסודות פון פּלישתּים־געביידעס, אונטער וועל־כע עס געפינען זיך מסתמא חורבות פון די צייטן פון יהושע בן־נון...

אין הונין האָבן געוווינט די קנאַישע מעטואַלי־שיאיטישע אַראַבער. זיי האָבן געוואַכט איבערן טויזנט־יאָריק אַלטן באַרג־וועג און געהיט דעם שליסל־צוגאַנג צום חולה־טאָל, געמאַכט צרות דער יידישער באַוועגונג אין גליל־העליון. ביז עס האָבן זיך, אַ דריטהאַלבן קילאָמעטער פון דאַנען, צוויי־הונדערט מעטער העכער, באַזעצט אין יאָר 1943, די חברה פון רמים־מנרה און דעם אַלטן וועג — אָפּגעשניטן...

די ווייטערדיקע געשעענישן זענען באַקאַנט, — זיי זענען אַריינגעפלאָכטן אין דער באַנייטער יידישער געשיכטע פון גליל.

*

הונין שטייט אין חורבות און פאַרשווינדט ביסלעכווייז צווישן די שאַרפע ציינער פון דער צייט און פון בולדאָזער. דער נאָמען וועט פאַרגעסן ווערן, ווי מען ווייסט נישט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער אַראַבישער נאָמען אויפן אָרט פון אַלטן ינוֹח. עס וועלן בלויז בלייבן די צעשעדיקטע רעשטן פון דער מיט־בלוט־רייכער מיטלאַלטערלעכער פעסטונג און אירע פעלדזיקע ווענט.

דער נייער מושב טראָגט דעם נאָמען פון חיים קאַלוואַריסקי־מרגליות (1867—1947), — איינער פון די פּיאָנערן פון דער נייער יידישער התיישבות אין גליל. ווייסן נישט די יידן אין מרגליות וועגן דאָזיקן מערקווירדיקן טוער, ערד־אויסלייזער, פּיק"אַ־באַאַמטן, „השומר"־מיטגליד און מיטגרינדער פון דער

„ליגע פאַר יידיש־אַראַבישער דערנענטערונג און צוזאַמענאַרבעט". ס'איז זיי גאָר שווער נאָכצוזאָגן דעם גאַנצן פרעמד־קלינגענדיקן נאָמען...

„מרגליות? — פרעגט איר..." און חנניה ציטירט גלייך מיט גאָרגלענדיקן מזרח־ניגון פון אַלטן „פּרקי אבות" (ו', ט'): „דינרי־זהב ואבנים טובות ומר־גליות..."

ביי די דאָזיקע יידן איז עס גאָר „פּערל"... פּערל, אין גליל־העליון — אויף אַ טאָל אין די אַלטע היסטאָרישע נפתלי־בערג.

1962

אַ פערטל יאָרהונדערט אויפן באַרג

זיך אַליין דאַרף מען דאָך זאָגן דעם אמת... מיר זענען געפאָרן צום „גוטן פּלוויט" אויף דער איינלאַדונג פון מיידזשער כאַדאַד. אין פּרעסע־ביוראָ פון דער רעגירונג האָט מען אונדז פאַרגעלייגט: — פאָרט אַרויס עטלעכע שעה פריער און שטעלט זיך אָפּ אין מרגליות. דער מושב לאַדט איין, אין אַ דריי חדשים אַרום וועט ער אַלט ווערן פינף און צוואַנציק יאָר.

אַ פרימאָרגן אין חול־המועד פּסח. אַן אַרבעטס־טאָג פון אָנקומענדיקן פרילינג. מענטשן איילן זיך, אייַנגעטוליעט אין שוץ פאַרן באַרג־ווינט, אָנגע־זאַפּט מיט פראָסטיקער קעלט פון חרמון, וואָס בלאָזט ביזן האַלבן נאָכמיטאָג. אַ טראַקטאָר פאַרלאָזט די „הויפּט־גאַס", וואָס איז אויך די איינציקע אינעם יישוב און ציט זיך ביז עס פאַרהאַלט אונדז אַ גרויסער שילד: „עצור! גבול לפניך!" — „פאַרהאַלט דיך! פאַר דיר איז אַ גרענעץ!"... ווו קענען מיר דען נישט אַזעלכע אויפשריפטן אין ישראל?... פאַר אונדז, קנוילן שטעכלדראָט, אַ מעטער ווייטער — דער זיכערקייט־צוים אין צוויי הויכע שטאַנגען „ווענט" מיט אַ שמאָלן פּאַטרול־וועג אין מיטן.

ווי לאַנג איז, ווי איך בין נישט געגאַנגען איבערן דאָזיקן געסל? אַ יאָר צען און אפשר פופצן... מען פלעגט לאַכן: „פּאַמעלעך, נישט אַראָפּגליטשן זיך... איר שפּרייזט איבערן סאַמע נאָגל פונעם ,פינגער פון גליל', דער באַרימט־סטער ,פינגער' אין דער יידישער מדינה..." אָבער מען איז צוגעקומען צו אַ לייכ־טער דראָט־פאַרצוימונג. די פעלדער זענען געווען באַאַרבעט פון ביידע זייטן ביז דירעקט צו דער פאַרצוימונג פון אַ צענטימעטער־צוויי די גרעב, זאַנגען און גרינצייק־בלעטער האָבן זיך דורכגעכוואַליעט און אויסגעמישט פון ביידע זייטן. אַ לאַנד־גרענעץ... פון איין זייט ישראל, פון דער צווייטער לבנון — פּאַלאַכן דאָ און פּאַלאַכן דאָרטן... מען האָט זיך באַגריסט. אַמאָל אויסגעגלייכט די רוקנס, זיך דערלאַנגט און געדריקט די הענט אַריבער די גרענעץ־דראָטן, געשמועסט.

די טוּרס קלאָגן זיך אויף די שוץ־קעלערס. מיר האָבן איינעם באַזוכט, אין פופצן.

אין יולי 1951 זענען אַהער אָנגעקומען די ערשטע יידישע מושבניקעס און אַ נייער באַרג־יישוב איז אַנטשטאַנען.

אין אָקטאָבער 1965 — האָט זיך „דאָ אָנגעהויבן..." אַ דעמאָלט אומבאַקאַנטע קליינע טעראָר־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „פאַטאַך" האָט באַשלאָסן דאָ צו דע־

מאָנסטרירן איר געבורט, אָנהייבן מיט אַן אויפרויש־אַקציע איר טעטיקייט פון מאָרד און פאַרוויסטונג. די דיווערסאַנטן זענען אַרויס פון דער באַגעטער סיריע, אַריין אין מושב דורך לבנון, וואָס איז צום ערשטן מאָל זינט דער מדינה־אַנט־שטייונג אַריינגעצויגן געוואָרן אין אַ פיינדלעכער קאָנפראָנטאַציע מיט יש־ראל. אין דער פינצטער, „ווי עס טוען גנבים ביינאַכט", איז דער דינאַמיט אונטערגעלייגט געוואָרן, בדרך נס, ביי אַן אומבאַוווינט הויז, וואָס האָט אויפ־געריסן. אין דמשק האָט צומאָרגנס „פאַטאַך" דעקלאַרירט: „אונדזערע גיבורים האָבן דורכגעפירט דעם ערשטן אויפרייס אין אַן אַקציע וואָס דערוועקט יראת־הכבוד און וועלט־רום"... דער אָפּקלאַנג איז געווען אַ שווערער: פערצן יאָר גוטשכנהשאַפט האָבן זיך געענדיקט, די „רויִקע גרענעץ" איז פאַרשוווּנדן...

מרגליות, דער „מושב פון עולים" האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ „קאָנפראָנ־טאַציע־יישוב".

*

צום שפּיץ „גליל־פינגער" שטייגט מען אַרויף ווי צו אַ הויכפּונקט. דער פּליין זעט אויס, אַרויפקלעטערנדיק, גאָר ווי אַ ריזיקער פעלדז, אַוועקגעשטעלט צווישן הייכן, מיט „פיס" אין חולה־טאָל, און הייזער הענגען אויפן ראַנד פון תהום, פון איין זייט, און קוקן, פון דער צווייטער זייט, אויף דער לבנונישער באַרג־קייט מיטן שניי־ווייסן חרמון ביים ראַנד. עס מיניען זיך די קאָלירן, קוקנדיק אויפן דאָרף, וואָס דערנענטערט זיך. איינער פון אונדז, באַטראַכטנדיק זיי דורכן פענצ־טער פון אויטאָבוס, זאָגט: „דאָס זענען הייזער?... אויב יאָ, זענען זיי אויס־געהאַקט אין גרויען פלינט־שטיין און איינגעקוועטשט צווישן גרין־ברויגלעכע ריזיקע באַזאָלט־ציינער..." ער פאָרט דאָ אַרויף צום ערשטן מאָל...

אין הויז פון ועד־המושב נעמען אונדז אויף, ביי אַ געדעקטן פרישטיק־טיש, דריי פאַרוואַלטונג־מיטגלידער, בראש מיטן סעקרעטאַר יעקב מוצפי, ווען די גאַסטגעבערין איז זיין פרוי צביה, אַ מוטער פון זעקס קליינע קינדער — „מיר האָבן אין מרגליות חתונה געהאַט, זענען זיי אַלע דאָ געבוירן" — ענטפערט זי אויף אונדזערס אַ פראַגע, — „און איך וויל זיי דאָ דערציען, זיי זאָלן אויפוואַקסן און דאָ פאַרבלייבן..."

די טוערס קלאָגן זיך אויף די שוץ־קעלערס. מיר האָבן איינעם באַזוכט, אין אייניקע בלויז אַראָפּגעגאַנגען עטלעכע טרעפּ, אין עטלעכע נאָר אַריינגעקוקט. אַ סך אָן באַלייכטונג — „נישט צוגעצויגן קיין עלעקטריע־ליניע..." — די מערהייט, „כמעט אַלע", זאָגט מוצפי, האָבן נישט קיין סאַניטאַרע איינריכ־טונגען; בעת די רעגנס ווערן זיי פאַרפלייצט. אָבער דער סעקרעטאַר, מיט זיין טיפּיש־פערסישער אויסשפּראַך, ווייסט: „ס'איז אַ 'מחלה' פון גאַנצן גליל... מען האָט אויף שנעל געמוזט אויפבויען טויזנטער שוץ־קעלערס, אין משך פון 'אונ־דזערע' פערצן יאָר טעראָר־געפאַר... מען האָט צוגעבויט, געגראָבן ביי, און הינטער, אַלטע הייזער... ריכטיק... אָבער, ווי לאַנג קאָן מען, ט אָ ר מען, בלייבן אין די שטיבער מיט קליינע קינדער, ווען עס נעמען 'פייפן' קאַטיושעס און פאַלן האַרמאַטן־שראַפּנעלן?..."

אונדזער אינטערעסאַנטסטער, טרויעריקער און אין דער זעלבער מאָס דער־פרייענדיקער, צוזאַמענטרעף איז געווען מיט אַ יוגנטלעכער „גרופּע פון צוועלף". איין און צוואַנציק־ ביז דריי און צוואַנציק־יאָריקע בחורים, אַלע געבוירענע אין מרגליות און נאָכן מיליטער־דינסט. עס רעדן אין זייער נאָמען צוויי, משה און אהרון, „אויב אַזוי, זענט איר אָרגאַניזירט לויט דער צאָל שבטים..." — שפּאַסט עמעצער. „אָה, ניין..." — קומט אַן ערנסטער ענטפער — „יעדעס יאָר וועלן מיר גרעסער ווערן מיט נאָך צען־צוועלף ,שבטים'..." דאָס איז דער ערשטער יאָרגאַנג מרגליות־קינדער, וועלכע האָבן געענדיקט מיליטער־דינסט און „דאַרפן אַריין אין זעלבשטענדיקן לעבן".

„יעדער פון אונדז, יונגע", — זאָגט משה — „און יעדנס טאַטע־מאַמע, פילן ווי אַ טראַגעדיע דאָס, וואָס מיר זענען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן מרגליות, ווייל עס איז דאָ נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר אונדז..." משה שמואלי איז אַ שלאָסער־מעכאַניקער. ער האָט אַ מיידל פון נצרת, זיי ווילן חתונה האָבן און זיך באַזעצן אין מרגליות. אָבער „חתונה־האָבן אין מרגליות באַטייט אַן אוממעגלעכע ברירה: אַריינציען זיך אין דער באַשיידענער וווינונג פון די עלטערן, וווּ צוזאַמען מיט זיי לעבן נאָך זעקס ברידער און שוועסטער; אָדער — אַוועק פון דער משפּחה און פון געבוירן־דאָרף". און ער רעדט ווייטער: „איך זאָג אייך מיט אַ ווייטיק אין הארצן, אַז מיר זענען שטאַרק פאַרוואָרצלט אין די דאָזיקע פעלדזן. מיר זענען טיף פאַרפלאַנצט אין מרגליות און קיין שום קאַטיושעס און טעראָריסטן און נישט קיין סירישע ראַקעטעס וועלן אונדז פון דאַנען נישט אויסרייסן, אויב מען וועט אונדז געבן בלויז אַ שטוב און אַ שטיקל באָדן צו לעבן פון דעם. אונדזערע חברים, געבוירענע אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן מושב אויף דער קאָנפראָנטאַציע־ליניע, קערן זיך צוריק אַהיים פון דער אַרמיי אַלס ,ספּעצן' פאַר זיכערקייט־התיישבות אויף דער גרענעץ, — מיר ווערן צעריסן אינעווייניק און פאַרלאָזן, ווייל מיר האָבן נישט קיין אויסזיכט אויפצובויען דאָ אַ היים, נישטאָ קיין ערד, נישטאָ קיין צוקונפט".

אהרון שמואלי איז משהס אַ קוזין, אַן אויטאָ־מעכאַניקער. ער, צוזאַמען מיט משהן, אַרבעטן ביינאַכט אין קרית־שמונה, כדי צו קאָנען בייטאָג העלפן די על־טערן אין דער ווירטשאַפט. זיי זענען אַכט קינדער אין דער היים: „אונדזערע וואָרצלען זענען דאָ, אין מרגליות. מיר האָבן ליב דעם פּייסאַזש פון אונ־דזערע בערג, די אַטמאָספער, אפילו די נערוועישע זיכערקייט־שפּאַנונג איז אונדז דאָ ליב... ווען מען רעדט וועגן ,אַנטוויקלען און פאַריידישן' דעם גליל — דאַרפן מיר דאָך זיין די ערשטע... ווער קאָן זיין בעסער, ווי דער המשך־דור, די געבוירענע אויפן אָרט?..."

ווען מען האָט געגרינדעט די באַרג־יישובים אין גליל, פּונקט ווי אין אַנדערע געגנטן, האָט מען ממש „געענדערט מעשי־בראשית": מען האָט אַרויסגעריסן פעל־דזן פון זייערע מיליאָניק־יאָריקע רו־פּלעצער; מען האָט ריזיקע באַרג־בלאָקן, שפּיצן גאַנצע, „געשיקט אין גלות", אַוועקגערוקט פון זייערע נאַטור־ערטער. דאָס האָט, אָבער, געגעבן באַגרענעצטע נחלהס מיט קליינע הייזקעס — „פאַר איין משפּחה... דער עלטסטער זון וועט דאָס ירשענען... און די איבעריקע?"

— רעדט שוין אויך פאַר זיי יעקב מוצפי. — און אין יעדן הויז פון מרגליות זענען פאַראַן זעקס, און אַכט, און צען יורשים, „פאַרוואָס זאָלן זיי אונדז פאַר־לאָזן ?... געבליבן נאָך בערג צו באַפרוכפּערן, מען דאַרף ווידער אָנהייבן פון בראשית... און אין טאָל ברענגט מען נייע מתיישבים, וועלכע אַנטלויפן פאַר די ערשטע קאַטיושעס... אונדזערע קינדער שרעקן זיך נישט...״

נישט לייכט איז דאָס לעבן אין מרגליות. אַ האַרטנעקיקע, אפילו ברוטאַלע, נאַטור. ווינטער נידערט אַראָפּ די טעמפּעראַטור אונטערן זעראָ. דאָס וואַסער פרירט אין די רערן. איבערן איינגעהילטן אין שניי־צודעק דאַרף ווייען, ווי מיט קלאַג, שטורעם־ווינטן. איצט זענען אַוועק די קעלטן. אָבער די ווינטן שטילן זיך דאָ קיינמאָל נישט איין. זומער צעמאָלן זיי ערדן, פאַרוואַנדלען גרודעס אין זאַמ־דיקע וואָלקנס. ס׳איז די פּערסיק־צייט און אויך עפּל שווערן אַראָפּ שוין די ביימער־צווייגן. עס דערטראָגן זיך ריחות פון ציטרוס־בליעכץ. דער פרילינג איז דאָ, דער זומער דערנענטערט זיך...

מיר בלייבן שטיין ביים אַרויסגאַנג פון דער גאַס — די אויגן פאַרקוקן זיך מיט פאַרבליפונג... ווייט אין מערב ציען זיך די פאַרכישופטע בערג און טאָלן פון דעם שוין צעבליטן צעדער־לאַנד. אין מזרח — שניי־פּאַסן ווי בלאַנק־ווייסע צעפּ לאָזן זיך אַראָפּ פון חרמון־קאָפּ... און ווען דער בליק קערט זיך אַראָפּ, צום טאָל — וואָס איז דאָס ?... עפּעס אַן אומענדלעכער געטלעכער טעפּיך... געקעסטלטע און קוואַדראַט־אַרטיקע גלאַנציקע זון־שטיקער. ברוין און גרין, גרוי און גאָלד־קאָליר מיט זילבער־פּאַסן; אַלע גרינען־ניואַנסן און געל־אָפּשפּיגלונ־גען, און שטחים בלומען אין וועלכע אַלע מעגלעכע קאָלירן מישן זיך צונויף אין אַ וווּנדערלעכן מישמאַש. קיינער טוט קיין שמייכל נישט, ווען איינער צווישן אונדז זאָגט, ווי צו זיך אַליין, און אַלע זאָלן הערן : „גאָטס האַנט האָט דאָ אַראָפּגענידערט פון די הימלען און אויסגעצויבערט אַ בראַנדיק־שאַרף בילד אין מאָדערנעם קוביסטישן סטיל...״

נאָר פאַרוואָס פאַרט זיך דאָס אַלץ מיט אַזויפיל שטעכלדראָט, פּאַטרול־שטעגן באַשטימטע בלויז פאַר באַוואָפנטע זעלנערס ?... און די פאַסטאָראַלע שטילקייט־ריחות ווערן אַזוי אָפט געשטערט דורך אַ סווישטשעריי פון קוילן און שראַפּ־נעלן...

1976

אדמית — אַ „דאַך" אין גליל

מיט אַ יאָר אַכט צוריק זענען מיר אַרויס פון קיבוץ אֵילון צו די חורבות פון דער קרייצציגלער־פעסטונג מאָנפאָר. אויפן וועג האָט מען אונדז, מיט עפּעס אַ געהיימנישפולער מינע, אָנגעוויזן אויף אַ הויכן באַרג, באַזייט מיט פעלדזן און גרינע קוסטעס:

„דאָס איז דער דאַך פון אונדזער געגנט — אדמית..."

„אַרויף ?" — האָט מען מיט גלעלעכטער געענטפערט אויף מיין פראַגע — „ווער פון אונדז איז דען שוין געווען אויבן ?..."

אַ כמעט פינף־הונדערט־מעטערדיקער שפּיץ שטעקט אַזוי אין מיטן פון מערבדיקן גליל. צופוסנס פון אים, אין וואַדי, אויף צפון ציט זיך די גרענעץ מיט לבנון. אַהין, קיין לבנון, איז דער שיפּוע אַ לייכטער און אַ וועג פירט צו יענער זייט גרענעץ. צו דער ישראל־זייט איז קיין וועג נישט געווען. צופוס, אָדער אויף אַ קליין שטאַרק אייזעלע, האָט מען געקאָנט אַרויפקלעטערן צווישן ווילדע קוסטעס און געפערלעכע פעלדזן, פאַרביי טיפע היילן, ווילדע אָפּהאַנגען, וואַדיס און שטעגלעך.

אויבן האָבן געוווינט נאָר די אַראַמשעס.

דער בעדואינער־שבט אַראַב־על־אַראַמשע, אָדער בלויז אַראַמשע (עראַמשה), האָט זינט אוראַלטע צייטן געוואַנדערט מיט זיינע סטאַדעס און געצעלטן איבער די פליינען פון לבנון און ארץ־ישראל. ערשט אין מיטן פון 19־טן יאָרהונדערט האָבן זיי דערגרייכט די אַנטוויקלונג־סטאַדיע פון אָנהייבן באַאַרבעטן די ערד, אָבער נאָך נישט סטאַביל אויף איין אָרט, ווייטער געלעבט אין געצעלטן, נישט דערגאַנגען צו קיין נחלה און מנוחה אויף איין פלאַץ. זיי זענען אַרויף אויף אָט־דעם באַרג, וואָס רופט זיך אידמיט אין זייער שפּראַך, און צום ערשטן מאָל ערשט מיט אַ דרייסיק־פערציק יאָר צוריק — אויפן אָרט פון געצעלטן, — גענומען בויען און זיך באַזעצן אין שטיינערנע כאַטקעס. פרימיטיוו, ווי עס פאַסט פאַר אַזאַ שבט, האָבן זיי באַאַרבעט שטיקלעך פון פעלדזיקן באָדן. דעם גרעסטן טייל פון דער אָרעמער גערעטעניש האָבן זיי אָפּגעגעבן דעם שייך מאַמ־ליק, וואָס איז געווען דער אייגנטימער פונעם באַרג.

ווען די גרענעץ איז, נאָך דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, איינגעשטעלט געוואָרן צופוסנס פון אדמית, זענען אונדזערע אַרמיי־ און מאַכט־אָרגאַנען בכלל נישט אַרויף אויבן. די אַראַמשע־מענטשן זענען שפּעטער אַליין געקומען אין קיבוץ אֵילון „זיך אונטערגעבן" — מאָנען די יידישע הערשאַפט אויף זייער באַרג... די גרויסע מערהייט פונעם שבט איז אַריבער קיין לבנון, נאָר איין „כאַמולע", אַ הונדערט און פופציק משפחות, איז געבליבן אין ישראל, אין דער מדינה, צו וועלכער זיי האָבן קיין וועג אַפילו נישט געהאַט... און זיי האָבן זיך קראַמפּהאַפט, מיט ליבע, געהאַלטן ביי זייער פעלדזיקן שפּיץ — כאַטש גע־

ליטן האָבן זיי פון ביידע זייטן... דורך אדמית זענען געקומען קיין ישראל רוצ־חישע אַריינדרינגלערס און שמוגלערס. פון אונדזער זייט האָט מען די באַרג־איינוווינערס חושד געווען אין אויסבאַהאַלטן אַריינדרינגלערס; פון יענער זייט — פאַרגעוואָרפן „מיטאַרבעט מיט די ייִדן". מיט אַ צוויי יאָר צוריק זענען באַוואָפנטע לבנונער אַרויף אויפן באַרג און אויפגעריסן אַ הויז צוזאַמען מיט די איינוווינערס.

*

איצט פאָרן מיר אַרויף אויפן שפּיץ אין אַ גרויסן אויטאָבוס. געענדיקט מעשיות און לעגענדעס. דער קרן קיימת האָט דורכגעהאַקט דעם וועג, וואָס שלענגלט זיך סערפּענטינעמעסיק איבער העכער זעקס קילאָמעטער. אין ביידע זייטן איז נאָך אַ בראשיתדיקער באַרג־פּייסאַזש. פעלדזן, היילן, ווילדע קוסטעס און ביימער־פלאַנטער. נאָך יעדן זיגזאַג — אַן אויסבליק אויף אַ צווייטער זייט. אַ גליטשיקער שיפּוע — גלייך אין טאָל אַריין, אַז עס נעמט אַזש שווינדלען פאַר די אויגן. דער מאָטאָר סאָפּעט שווער, ציענדיק זיך אַלץ העכער און העכער, ווי אין אַ בראשית־לאַנד אַריין. רוי־ערד, וואָס ווערט אָוועקגעריסן פון דער אור־נאַטור דורך גרויסציינערדיקע מאַשינען...


רבקה שנער־גאָלדבערג

אָט איז דער קיבוץ אויפן סאַמע „דאַך". ער איז אַלט אינגאַנצן עטלעכע חדשים, געגרינדעט דעם 25־סטן סעפּטעמבער 1958 — אַ „באַרג־יישוב", דער חדר־האוכל געפינט זיך פּונקט פיר הונדערט און זיבעציק מעטער איבערן ים־ניוואָ.

דער חצר איז שוין ריין, גרייט פאַר גראָז־פלאַנצן און ביימער. אַרום, אָבער, אַרבעטן נאָך צענדליקער מענטשן ביים אויסשטיינען, ביים „באַשאָפן" באָדן, וואָס דאַרף זיך צעבליען.

אַרום הויף שטייען שוין קאָקעטע צוויי־שטאָקיקע הייזער, אַנדערע שטייען נאָך אונטער רושטאָוואַניעס. דער חדר־האוכל, נישט גרויס, אָבער געראַם, מאָדערן — איז פאַרטיק געווען נאָך איידער די קיבוצניקעס זענען אַרויף אויפן באַרג. אויך וואַסער־רערן זענען אַרויפגעצויגן געוואָרן פאַר די מתיישבים. איז טאַקע אַ טייל שוועריקייטן ווייניקער. אָבער נאָר אַ טייל. ס'איז אַלץ נאָך פּיאָנערישקייט. אַ פרייוויליק שווער לעבן, אָפּגעריסן, אַליין — טראָץ דעם נייעם וועג, און נישט אַזוי לייכט, נישט מיט גוטן ווילן, וועלן די פעלדזן פון באַרג־שפּיץ אַרויסגעבן ברויט און לאָזן רויִק לעבן.

אָט שטייט פאַר אונדז דער „מוכטאַר" — דער מדריך פון יונגן קיבוץ. אַ ברייט־פּלייציקער מיטל־יאָריקער, גרוילעכער מאַן. אַליין אַ קיבוצניק פון נאָענטן אילון. ער רעדט וועגן שוועריקייטן פון באַרג־לאַנדווירטשאַפט. אָבער אויפן באַרג וועלן אויסגעשטיינערט ווערן נאָר אייניקע הונדערט דונאַם. דאָ וועלן

וואַקסן טאַבאַק, ווינטער־פּרוכטן. אַ פּאָר הונדערט דונאַם באַאַרבעטע ערד האָט דער קיבוץ באַקומען אין טאָל. מען האָט געמאַכט אַ מין ערד־„מגבית" — יעדער משק האָט אָפּגעגעבן עטלעכע צענדליק דונאַם פאַרן נייעם יישוב. מען האָט גע־מוזט ענדערן פעלדער־גרענעצן, טוישן ערדן, כדי אָט די דונאַמען „צונויפצונע־מען" אויף איין אָרט. און אַ פּאָר צענדליק יונגע מענטשן, חלוצים — יאָ, מיט פּיאָנערישן חלוציזם־גייסט אין דור פון אַ מאַטעריאַליזירטער יוגנט, — האָט אויפגעשטעלט דאָ זיין נייע קאָלעקטיווע היים. די מערהייט — סאַברעס, אַב־סאָלווענטן פון מיטל־ און פאַך־שולן, דערצויגענע אין דער ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישער יוגנט־באַוועגונג. יאָ, מיר פאַרמאָגן נאָך אַזעלכע, מיר מעגן שטאָל־צירן. נישט בלויז סאַברעס — זיי זענען דאָ אויסגעמישט מיט יוגנטלעכע, אָפּשטאַמיקע פון פוילן, פון איראַק, צי גאָר פון תימן.

*

דער יונגער משה זכאי, וועלכער „לערנט זיך" צו זיין דער מזכיר-הקיבוץ, באַווייזט גאָר: „מיר זענען ווייט נישט די ערשטע יידן, וועלכע באַזעצן זיך אויף דעם פּלאַץ". די מלוכהשע קאָמיסיע פאַר יישוב־נעמען האָט זיך געוואַקלט צו באַשטעטיקן דעם נאָמען אדמית, ווייל זי טיילט צו „בלויז ריין-העברעישע נעמען, וואָס זענען באַזירט אויף מקורות, אין וועלכע מען קאָן נישט צווייפלען". „אדמית", האָט די קאָמיסיע געהאַלטן, איז סתם „פאַרהעברעישט דעם אַראַבישן נאָמען אידמיט". האָט משה זכאי געפונען דעם בעסטן מקור: „אין דער געגנט איז דאָך געווען די נחלה ,פאַר די קינדער פון נפתלי — — — און זייער געמאַרק איז געווען — — — און ,אדמי הנקב' — בפירוש..." (יהושע י"ט, ל"ג). אין תלמוד ירושלמי (מסכת מועד) ווערט דערציילט וועגן אַ יידישער משפחה מיטן נאָמען דאידמה הירושלמי, וואָס האָט געפירט אַ האַנדל „פון אידמה מיט צור און צידון". גלייכבדיק דעם באַדן פאַרן קיבוץ האָט מען — אין אַ „תל", ווי מיר זענען געווינט — געפונען איבערבלייבענישן פון אַ ביזאַנטישער קירך, שטיקער פון אַ מאָזאַיק-דיל שטיקלעך זיילן, וואָס באַווייזן אַז דאָס איז געווען אַ גרויסע קירך, און אָן ספק פון אַ גרויסן יישוב און עקזיסטירט ביז דער אַראַבישער אַריינדרינגונג אין לאַנד. מען האָט דאָ געפונען שערבלעך, מטבעות, און אפילו גאַנצע קרוגן, פון דער ביזאַנטישער עפּאָכע.

„...אָבער די געשיכטע פון דאָזיקן באַרג־שפּיץ איז נאָך אַ פיל עלטערע" — ווייסט שוין זכאי — „מענטשן האָבן דאָ געלעבט שוין מיט אַ צען טויזנט יאָר צוריק. אפילו דער גאָר פרימיטיווער מענטש האָט פאַרשטאַנען, ווו עס איז גוט און שיין..."

אין „מעאַר על־טאַבאַקע", הייל פון די טרעפּ, אינגאַנצן אַ צוויי־דריי הונ־דערט מעטער פון קיבוץ, אויפן שיפּוע, האָט מען געפונען שערבלעך און פרימיטיווע פלינט־כלים פון דער נעאָליטישער (פון אַכט ביז פיר טויזנט יאָר פאַר דער קצ"ר) ביז דער העלעניסטישער (שוין די צייטן פון בית־שני) עפּאָכעס. אין דער צווייטער זייט פון משק, אויך נישט ווייט, געפינט זיך אַ הייל מיט סטאַלאַקטיטן און סטאַלאַגמיטן, אין וועלכער מען האָט געפונען שערבלעך און

שטיין-כּלים פון דער קאַלקוליטישער עפּאָכע (פּערטער ביז דריטן יאָרטויזנט פאַר דער קצ״ר). אַזוי האָט מען געפונען צעבראָכענע כּלים און מכשירים פון דער כּנעניִשער תּקופה (בראָנדז-עפּאָכע) און אויך פון דער יידישער מלוכה־צייט (אייזן־עפּאָכע).

*

אַ דערפרישנדיקער לייכטער באַרג־ווינט בלאָזט דאָ טאָג־און־נאַכט. די זון גלעט דאָ שטענדיק מילד. ווי פון אַ הויכן דאַך טאַקע, אַנטפּלעקן זיך דאָ די שיינקייטן פון אַרום. אילון, וואָס שטעלט זיך דאַך אַליין פאַר אַלס „באַרג״־יישוב, מיט זיינע צווי הונדערט מעטער הייך — זעט אויס, גאָר נאָענט, ווי אין אַ טיפן טאָל... און וואָס זעט מען דען נישט פון דאַנען? אַ גרויסן טייל פון אונדזער אייגן לאַנד און — אַ שטיק ווייטן פרעמדן אויסלאַנד. אין מערב גלאַנצט די בלויע גרויסקייט פון ים. אויף דרום הייבט זיך דער כּרמל־מאַסיוו און חיפה מיט די פאַרשטעט, וואָס ציט זיך אַרויף אַרום איר בוכטע־בויגן. אַ ביסל מער אויף מזרח — דער מירון־באַרג, אַזוי נאָענט מיט זיין שפּיץ, כאָטש צי אויס אַ האַנט און גיב אים שלום. אין ווייטן צפון גלאַנצט אין דער זון די ווייסקייט פון פאַרשנייטן חרמון — און ביי אים צופוסנס — טאָלן און דערפער פון לבנון. אַזוי נאָענט באַוועגן זיך מאַשינען און מענטשן איבער וועגן — אַזוי נאָענט און אַזוי ווייט דאַך... דאָ, לעבן אונדז, אַ שפּאַן נאָר — דאָס אַראַמשע־דאָרף ג׳רדייה, וואָס אַ העלפט פון דעם איז שוין אויף יענער זייט גרענעץ, אין לבנון, און אַ העלפט אויף דער ישראל־טעריטאָריע. דערציילט מען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל די טרויעריקע ווירקלעכקייט וועגן יענעם ירושה־הויז, וואָס איז האַלב דאָ און האַלב דאָרטן — איין ברודער וווינט אין לבנון, דער צווייטער אין ישראל, און אַן אינעווייניקסטע וואַנט־גרענעץ צעטיילט זיי...

די אַראַמשע־מענטשן ברידערן זיך מיט די יונגע קיבוצניקעס. די באַרג־בעדואינער דערוויסן זיך איצט, וואָס עס הייסט אַ וואַסער־קראַן און דאָס — אין נייע בעטאָנענע הייזער, וואָס דאָס ישׂראלדיקע שיכון־מיניסטעריום האָט פאַר זיי אויפגעבויט. די שוואַרץ־אויגיקע אַראַמשע־מיידלעך וועלן מער נישט טראָגן פון טאָל קיין וואַסער־קאַנען אויף זייערע קעפּ. דער נייער וועג, וואָס האָט אונדז דערנענטערט צום דאָזיקן גליל־„דאַך״ — זאָל ער אויך ברענגען צו דערנענטע־רונג מיט יענער זייט גרענעץ, ווי צו די מענטשן, וואָס וווינען אויף דער גרענעץ.

*

אונדזער אויטאָבוס לאָזט זיך צוריק אַראָפּ. פאַר די אויגן אין פענצטער שווינדלט, אָבער שווער זיך אַנצוזעטיקן מיטן בילד. דער באַרג־וועג איז נאָך שטיינערדיק־זאַמדיק. שמאָל און אָן אַספאַלט. אַלץ פריש, ניי. נאָר דער אַרום — אַזאַ פאַרצייטיקער... אַמאָל טויכט אַרויס פון אַ פעלדזן־שפּאַלט אַן אָדלער און כּעסט־זיך, וואָס מען רייסט זיך אַריין אין זיין קיניגרייך. צווישן ווילדע קוסטעס הויזן וואַלד־חיות, וואָס זענען לאַנג שוין פאַרשוווּנדן אין די טאָלן.

וועלן זיי אַוועק. ווייל מיר, מענטשן, זענען געקומען...

משנה סדרי־בראשית.

1959

קיבוץ־גלויות אויף אַ באַרג־שפּיץ אין מערבדיקן גליל

מיט אַן ערך דרײַצן יאָר צוריק האָב איך צום ערשטן מאָל „אַרויפגעקלע־טערט" אויפן באַרג־שפּיץ אדמית אין מערב־גליל. איצט פאָר איך אַרויף צום צווייטן מאָל. דער וועג, וואָס דרייט זיך ווי אַ סערפּענטינע אַרום באַרג, איז נאָר וואָס געווען אויסגעהאַקט, באַשיט בלויז מיט זאַמד און געפּיצלטע שטיינדלעך. אויך איצט סאָפּעט אונדזער מאָטאָר אין קלעטער, אָבער ער הייבט נישט קיין שטויב, דער וועג איז אַספאַלטירט, בעטאָן־ און אייזן־פאַרצוימונגען אין גע־פערלעכע אויסבייגן — אַ שאָסיי, ווי די מערסטע אין אונדזער לאַנד.

מיר קומען צו דער פייערונג פון „צווייטן געבורט" פון אדמית. נאָך נײַן יאָר עקזיסטענץ איז זיך דער ערשטער קיבוץ דאָ צעפאַלן. ער איז פאַרלאָזט געוואָרן. דער „קיבוץ הארצי" פון השומר הצעיר האָט דעם פּלאַץ נישט אויפ־געגעבן. אויך די בעדואינישע שכנים האָבן געהיט און געפּלעגט דעם נישט־באַוווינטן יישוב און נאָך פיר יאָר איז געקומען זיין ווידעראויפלעבונג. „די פריערדיקע גרופּע, מערסטנס ישראל־געבוירענע יוגנטלעכע, האָט זיך דאָ נישט געקאָנט אײַנלעבן און נישט אַרײַנלעבן" — דערציילט דער סעקרעטאַר פון „קיבוץ הארצי" שמעון אבידן. ווער זענען די נײַע קיבוצניקעס פון אדמית ?

מיר באַגלייטן דעם מפ״מישן קליטה־מיניסטער נתן פּלד, אַליין אַ קיבוצניק, וועלכער איז געקומען צו דער פייערונג, אין אַ שפּאַציר איבערן אַלט־נײַעם קיבוץ. עס באַגלייט אונדז די סעקרעטאַרין הדס און אַ פעסט־געבויטער בחור, מיט אַ באָרד און לאַנגע „היפּי״־האָר ; זיין גאַנץ־פרייער שוין העברעיש איז מיט אַ טיפּיש־אַמעריקאַנער אַקצענט : „מיין נאָמען איז סטיוו, איך וועל אים נישט טוישן..." די צוויי־שטאָקיקע הייזער זענען לייכט באַנײַט געוואָרן און זעען אויס ווי נײַע — „אונדזערע בעדואינישע שכנים האָבן זיי געהיטן, גוט אויפגע־האַלטן..." אין שפּעטן פאַרמיטאָג זענען די הייזער אַרומגעהילט מיט אַ געדיכטן נעפּל, וועלכן מען קאָן, דוכט זיך, אָנטאַפּן, „פּשוט, אַ שיטערער וואָלקן..." ווייסט שוין סטיוו. אַלע צימערן זענען מאָדערן מעבלירט, אויסגעשטאַט מיט די נײַ־עסטע עלעקטרישע און עלעקטראָנישע מכשירים, סטערעאָפאָנישע פּאַטעפאָנען, טעלעוויזיע־אַפּאַראַטן, קאַך־ און קאַפע־מאַשינקעס. סטיוו : „מיר זענען אַלע קינדער פון רייכע עלטערן. נישט ווי אין אייערע צייטן..." — ווענדט ער זיך צום מיניסטער. צווישן די סאָסנע־ביימער אויפן הויף ציען זיך פאַרבינדונג־קאַנאַלן פאַר זיכערקייט־צוועקן, עס איז דאָך בלויז עטלעכע צענדליק מעטער פון דער גרענעץ. „די בלעכן אויף די קאַנאַלן־ווענט זענען פּשוטע, נישט ווי די אויסשטאַטונג אין די צימערן..." — וואַרפט־צו מיניסטער פּלד צו סטיוון.

מיר האָבן געטרונקען קאַפע ביים צוואַנציק־יאָריקן דני כהן. ער וווינט מיט אַ חברטע, טאָוני פון שוועדן. זי אַרבעט איצט אין סאַד. זיי וועלן בקרוב חתונה האָבן „און דאָ אויפבויען אונדזער משפּחה־נעסט". ער איז געבוירן אין לאָס־אַנדזשעלעס. „מיין זיידע איז שוין געווען אַ געבוירענער אין אַמעריקע, אָבער נאָך אַ רעליגיעזער מענטש, מיין באָבע האָט געפירט אַ כשרע שטוב, געפייערט טראַדיציאָנעל אַלע יידישע יום־טובים. אָבער מיינע טאַטע־מאַמע זענען געווען ווייט פון יעדן סאָרט יידישקייט. איך האָב נישט באַקומען קיין שום יידישע

דערציונג און מיינע עלטערן זענען קיינמאָל נישט געגאַנגען אין קיין בית־כנסת, אפילו יום־טובים האָט מען געפייערט די קריסטלעכע..." דני איז מיט צוויי יאָר צוריק געקומען אַלס טוריסט קיין ישראל און געבליבן אויף אַ יאָר פרייוויליקע אַרבעט אין קיבוץ משמר־העמק. „איך האָב ליב באַקומען דאָס לאַנד, איך ווייס נישט ווי אַזוי... דאָס בשותפותע לעבן אין קיבוץ האָט מיר געעפנט ,בייע אויגן׳ אויפן לעבן בכלל..." ער פרוווט זיין „רעאַליסטיש" און פרעגט: „ווען איך פאָר קיין שקאָטלאַנד, אַנשטאָט ישראל, און אַרבעט פריי־ווילליק אין אַ קריסטלעכן אָרדן, וואָלט איך דאָרט נישט פאַרבליבן?..." מיניסטער פלד לאַכט: „אָ, ניין, מיין זון, דאָ האָבן זיך אָפּגערופן די וואָרצלען פון זיידנס און עלטערזיידעס יידישקייט. ווערסט פאָרן באַזוכן דיינע טאַטע־מאַמע אין לאָס־אַנדזשעלעס, ווערסטו אַנטפּלעקן אַז אַ דאַנק דיר האָט זיך ביי זיי אויך עפּעס געענדערט..." דני האָט דערציילט אַז זיינע עלטערן זענען שוין געווען דאָ ביי אים צוויי מאָל, „די מאַמע איז נאָך נישט אינגאַנצן מסכים, וואָס איך האָב מיין צוקונפט פון מעדיצין־שטודיום אויסגעטוישט אויף פאַראַנטוואָרטלעכקייט איבער דער הינער־שטייג, אָבער איך וועל שוין היילן הינער, נישט קיין מענטשן..."

אין מיניסטערס מאַשין פאָרן מיר צו איינער פון די באַרג־פּלאַנטאַציעס, פון וועלכע דער יונגער קיבוץ וועט זיך דערוויַיל טיילווייז אויסהאַלטן, ביז ער וועט נעמען באַאַרבעטן די פעלדער אין טאָל. דער אויטאָ האָפּקעט אונטער צווישן די פעלדזן. מיר שרייַטן אפילו דורך, נישט באַמערקנדיק, די גרענעץ־ליניע, ביז מיר קומען צו צום סאָד פון די מאַנדלביימער. די ביימער זענען שוין גרין און צעצווייגט, אַזוי געדיכט, אַז מען גייט ווי אין גרינע טונעלן. די בלעטער זענען העל, כמעט דורכזיכטיק. צווישן די ריטלעך שווערן אַראָפּ די האָריקע פּירות, „מאַנדלען מיט פוך..." אַריינגעשטעקט צווישן די ביימער שטייען דריי לייטערס — דריי חברים שטייען אויבן און „מאַכן שיטער" די געוויקסן, „זיי מוזן האָבן געגנוג לופט און רוים" — גיט אונדז צו פאַרשטיין פון שפּיץ לייטער אַסוואַלדאַ פון אורוגוויי. אויף די איבעריקע לייטערס אַרבעטן מאַטי (מאַטילדאַ) פון נאָרוועגיע, און עסטי (אסתר) פון אויסטראַליע. אַסוואַלדאַ האָט איבערגעריסן די אַרבעט און זיך געזעצט אויף אַ פעלדז־„בענקל" שמועסן מיט די געסט. „איך האָב נישט באַקומען קיין נאַציאָנאַלע, אָבער אַ ביסל אַ ,יידישקייט־דערציִונג׳ און איך האָב פּרי דערפילט, אַז איך געפין זיך אין אורוגוויי בטעות... יאָ, נישט אויפן ריכטיקן פּלאַץ, מיין אָרט איז אין ישראל". ער איז געקומען אַליין, אָן דער פאַמיליע, מיט דריי יאָר צוריק, און „דערזען, אַז דאָס שענסטע לעבן איז אין קיבוץ. דאָ איז מיין היים, דאָ וועל איך אויפשטעלן מיין פאַמיליע — קומט אין צען יאָר אַרום, איר קענט מיך האַלטן ביים וואָרט, וועט איר מיך דאָ טרעפן אַרומגערינגלט מיט קינדערלעך..."

עטלעכע זעכציק חלוצים באַזעצן זיך צום צווייטן מאָל אין אדמית. אין אונטערשייד פון די ערשטע, וועלכע זענען געווען אין דער מערהייט ישראל־געבוירענע יוגנטלעכע, זענען איצט אַלע — נייע עולים, געקומענע אין לאַנד אַריין מיט אַ יאָר ביז דריי יאָר צוריק. די מערהייט שטאַמט אויך פון גייסטיק־ווייטע קרייזן — היפּיס און עקסטרעם־לינקע, אַכט זענען אַפילו נישט קיין יידן.

די מערהייט האָט געבראַכט צו יידישקייט און צו ישראל — די זעקס־טאָגיקע מלחמה. זענען זיי געקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן און שוועדן, פון קאַנאַדע און אויסטראַליע, פון אורוגווייַ און ענגלאַנד, פון נאָרוועגיע און שווייץ.

און דאָס טרינקען „לחיים" אין חדר־האוכל האָט באַגלייט, טאַקע נישט רעשיק, נישט שרייִיק, אָבער אויטענטישע ניגונים פון „פּאָפּ"־מוזיק. דאָס האָט נישט שאַקירט בכלל די פירער פון „השומר הצעיר"...

קליטה־מיניסטער נתן פּלד האָט באַגריסט: „איך האָב אויסגעהערט אייערע דערציילונגען וועגן זיך, מיינע יונגע חברים פון אדמית. זיי האָבן מיך טיף גערירט. יעדער פון אייך איז אַ מורד, אַמאָל קעגן די אייגענע עלטערן, אָפט קעגן די רעגירונגען און רעזשים פון אייערע געבוירן־לענדער; שפּעטער האָט איר רעבעלירט קעגן עקסטרעם־לינקע באַוועגונגען, אין וועלכע איר האָט געקעמפט; קעגן „היפּי"־גרופּעס, אין וועלכע איר האָט געלעבט. איר זענט געקומען צוריק צו אונדזערע נאַציאָנאַלע שורשים און אָנגעהויבן זוכן אַ נייעם וועג און איצט וועט איר אויך געפינען אַ ניַיַ לעבן אין אייער נייעם קיבוץ אדמית. איך האָף, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַן אָנהייב־ענטפער פאַר אַ נייעם וועג פון יוגנט וואָס באַפרייט זיך פון די פאַלשע צויבערס ביי דער יוגנט אין דער וועלט און באַהעפט זיך מיט אונדז צו בויען דאָס לאַנד. דאָס וואָס קומט פאָר אין אדמית, דער יוגנט־לעכער קיבוץ־גלויות, וואָס באַלעבט פונדאַסניַי דעם פּונקט, קאָן האָבן אַ גרעסערע אויסווירקונג ווי מיר באַגרייַפן, און צוציען אַ סך יוגנטלעכע פון דער וועלט זיך צו לאָזן אויפן דאָזיקן פּאָזיציון וועג, וואָס איר צייכנט דאָ אָן". דער מיניסטער האָט אָנגעוויזן אין דער זייט פון דער נאָענטער גרענעץ און געענדיקט: „די אמתע גרענעץ פון מדינת־ישראל איז דער לעצטער בייַט וואָס מיר צעאַקערן. איר נעמט אויף זיך די אחריות פאַר אַ שטיקל גרענעץ פונעם פאָטערלאַנד, אַקערנדיק און זייענדיק דאָ, אויף דעם אָפּגעזונדערטן באַרג".

*

אויף אַן אויספלוג פון יידישע שרייבער אין גליל, אין יאָר 1959, איז מיט אונדז מיטגעפאָרן די דיכטערין רחל קאָרן פון קאַנאַדע, וועלכע איז דעמאָלט געוועזן צוגאַסט אין ישראל. זענען ביי מיר געבליבן פאַרצייכנט אירע ווערטער, וואָס זי האָט געזאָגט אויפן שפּיץ פון אדמית־באַרג: „איך האָב ווידער עפּעס געלערנט וועגן דער אַנדערשקייט און אייגנאַרטיקייט פון אונדזער פאָלק... אין אייראָפּע פלעגן עגאָיסטישע און בלוטדורשטיקע ריטער־דינאַסטיעס פאַרכאַפּן הויכע בערג, געבויט אויף זיי פּאַלאַצן און פעסטונגען און פון זיי באַפאַלן, גערויבט, אונטערטעניק־געמאַכט די פויערישע מאַסן אין די טאָלן. מיר, יידן, האָבן אַרויפגעקלעטערט אויפן הויכן אדמית־באַרג, אויפצובויען רויִק־פרידלעכע הייזקעס, אַקערן די פעלדזיקע ערד, פלאַנצן סעדער, זייען תבואה און טאַבאַק; געבראַכט וואַסער און פּראַגרעס פאַר די אָרעמע בעדואינישע באַרג־מענטשן. איך קאָן נישט פאַרגעסן דאָס אַלטע, לאַנג־פאַרלאָזטע אַראַבישע הייזל, ווו די קיבוצניקעס האָבן, צווישן די פאַרסאַזשעטע ווענט אייַנגעאָרדנט נעסטן פאַר ווייסע טויבן, דעם סימבאָל פון לעבן און שלום..."

1972

עלמה — „יהי שלום על המקום הזה..."

שיין זענען די וועגן אין גליל. שיין, מסתמא אין אַלע יאָרטוויזנטער שוין, זינט עס באַוועגט זיך דאָ דער מענטש; אייגנאַרטיק באַצויבערנדיק, אָטעם־פאַר־כאַפּנדיק, אין אַלע צייטן פון יאָר. זיי אָטעמען עפּעס שטענדיק מיט בראשית, אויך דאָרט ווו דער שאָסיי איז ניי און מאָדערן געפלאַסטערט. אַזוי איז אויך דער וועג פון צפת קיין עלמא. אַ צוואַנציק מינוט דויערט די פופצן־קילאָמעטערדיקע רייזע — אָבער אַזוי פיל מאָל פאָרט מען אַרויף און אַראָפּ, איבער בערג און טאָלן, דורך וואַדיס און זיגזאַגישע אָפּהענגען — ווי דער בורא האָט זיי באַשאַפן און, דוכט זיך, געלאָזט רוי, נישט גערירט פון אייביק־אָן — ביז מען קומט צום פּיטאָ־רעסקן קליינעם בארג־פליין, ווו עס ליגט דער אַלט־נייער יישוב, וואָס טראָגט שוין לאַנגע יאָרהונדערטער, און אפשר טאַקע יאָרטויזנטער, דעם זעלבן נאָמען. עלמא, צי עלמה, אין אַראַמיש אָדער העברעיש — פון וואַנען שטאַמט דער נאָמען? נתנאל תפילינסקי, דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די אַלטערטימלעכקייטן אין דער גאַנצער געגנט, ענטפערט מיט אַ ברייטן שמייכל:

„איינס פון דיביידע — ,וועלט', אָדער ,יונגפרוי'... קוקט זיך אַרום — צי פּאַסן נישט, ווי פון גאָט אַליין צוגעקליבן, ביידע נעמען פאַר דעם דאָזיקן ווינקל?..."

ביי זיבן הונדערט מעטער איבערן ים־פלאַך. אַ פיל־קאַנטיקער לענגלעכער פליין, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט טיפע, ברייטערע און שמאָלע, וואַדיס, באַרג־דורכגענג און האַלב־טרוקענע טייך־בעקנס, וואָס שטורעמען אויף בלויז ווינטער מיט ווילד־פליסיק וואַסער פון די בערג.

דאָ איז מושב עלמא.

משה שאולס פלייצע איז אַביסל איינגעבויגן אונטער זיינע עטלעכע־און־אַכציק יאָר — „עד מאה ועשרים", ווי ער איילט זיך אַליין צוצוגעבן, ווען מ'פרעגט אים וועגן זיין עלטער. ער איז דער אייניציקער מענטש, וועלכער זיצט שוין, אין דער פרימאָרגן־שעה, אויפן פלאַץ אין צענטער דאָרף. ער זוכט דאָ מסתמא דעם שאָטן פון די איינציקע געדיכט־צעצווייגטע ביימער אין עלמא.

„פון תל־אביב..." — זאָגט ער אַרויס מיט אָפּשיַ, ווי מיר זאָלן אים האָבן געזאָגט, אַז מיר קומען פון הינטער די הרי־חושך.

ער, משה שאול, איז נאָך קיינמאָל אין תל־אביב נישט געווען, ווי ער איז קיינמאָל נישט געווען אין קאָנסטאַנטין, צי אין ראַבאַט, אין זיין מאַראָקאַנישן געבוירנלאַנד. מען האָט אים פון שיף גלייך, מיט פערצן יאָר צוריק, געבראַכט אַהער און ער איז פון דאַנען נאָכנישט אַרויס. ער האָט דאָ זיין גאַנצע משפחה, קינדער, איינקלעך, און דער עיקר — די „כאַמולע". אָבער פון דאַנען זעט ער דאָך, און ווייזט מיט שטאָלץ אַריבער די בערג — דאָס „גאַנצע ארץ הקדושה"... דערצו האָפט ער נאָך — „אם ירצה השם", פאַרשטייט זיך — דורך דער „מערה", צו דערגיין קיין ירושלים, „גלייך צום כותל המערבי"... און ער באַווייזט ווי זיינע אַלטע פיס קאָנען אים נאָך טראָגן, ציענדיק אונדז נאָך זיך:

„קומט !... קומט שנעלער..."

דער אַלטער לאָזט זיך נישט אַרומקוקן איבערן דאָרף. „נישטאָ וואָס צו זען..." — זאָגט ער מיט זיין העברעיש־פראַנצויזיש־אַראַבישן שפּראַך־געמיש. טאַקע נישטאָ. די נידעריקע מושב־הייזקעס, לויטן אַלטן סטאַנדאַרט, זענען שוין אָפּגע־האַקט, די פאַרב איז לאַנג שוין אַראָפּ. זעלטן נאָר אַ צעאַקערט גערטנדל ביים צוגאַנג צו אַ הויז. קייןביימער זענען כמעט נישטאָ. משה שאול ציט אונדז צום קליינעם, שוין אויך אָפּגעבליאַקעוועטן, דאָרפישן בית־כנסת.

„צו אַ מנין אויף שחרית?..." — פּרווט מען אים פרעגן. ער ענטפערט מיט אַ ביטולדיקן מאַך מיט דער האַנט.

ער שטופּט אונדז פאַראויס אַריין אין שיל. בלויז צוויי זקנים אין טליתים זענען מתפּלל אין אַ ווינקל. „אפילו מיט אונדז איז קיין מנין נישטאָ..." — זאָגט איינער פון אונדז מיט אַ געוויסן באַדויער. משה שאול הערט נישט. ער איז אויף אַ מינוט פאַרשוווּנדן. ער וואַקסט אויס הינטער אונדז מיט אַ קליינעם לייטער אין די הענט. ער שטעלט אים אַוועק פאַרן ארון־קודש. מיר קוקן, שוין מיט דערשטוי־נונג און דערוואַרטונג, ווי ער גייט שנעל אַרויף איבער די טרעפּלעך פונעם לייטער. דער אַלטער גלעט אַ לאַנגן, מאַסיוון שטיין, וואָס איז איינגעמויערט אויבן, איבערן ארון־קודש. ער קושט דערנאָך די פינגער, וואָס האָבן באַרירט דעם שטיין, בייגט זיך צו און קושט לאַנג דעם שטיין גופא...

דער אַלטער שטיין מיט דער אויפשריפט, וואָס איז איינגעמויערט איבערן אָרון־קודש אין בית־הכנסת פון עלמא. מען קאָן לייכט איבערלייענען: „יהי שלום על המקום הזה ועל כל מקומות עמו ישראל"

ווען ער נידערט צוריק אַראָפּ, זענען זיינע אַלטע אויגן צעשיינט:

„גייט אַרויף... אַ הייליקער שטיין... פון בית־המקדש... לייענט איבער דאָרט אונטן, איר קענט דאָך..."

מיר גייען איינציקווייז אַרויף איבערן לייטער. ס'איז שווער דאָרט עפּעס איבערצולייענען, אָבער דאָך „דערטאַפּט" מען איינציקווייז די אויסגעקריצטע פּירקאַנטיקע אותיות, וואָס שטעלן צוזאַמען: „יהי שלום על המקום הזה ועל כל מקומות עמו ישראל" — „זאָל זיין שלום אויפן דאָזיקן אָרט און אויף אַלע ערטער פון זיין פאָלק ישראל".

מיר פּרווון נישט, פאַרשטייט זיך, אַרויספירן דעם אַלטן שאול פון זיין טעות. דער שטיין איז דאָך הייליק, כאָטש ער שטאַמט נישט פון בית־המקדש. דאָס איז אַ ביישטיקל פון אַ בית־כנסת אין עלמא גופא, פון צווייטן, אָדער דריטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייטרעכענונג.

עלמא פאַרמאָגט נישט קיין אַלט־היסטאָרישע שורשים ביי די יידן, באַזיצט נישט קיין „געשיכטלעכן יִחוס", לויט אַן אָפּטער באַצייכענונג ביי יצחק בן־צבי; עלמא איז נישט דערמאָנט אין די כתבי־הקודש און נישט אין ערגעץ פון בײדע תלמודים. אָבער יצחק בן־צבי שרייבט: „דער נאָמען ,עלמא' דערוועקט וואַרעמע געפילן אין אונדזער האַרץ, ווייל דאָס איז איינס פון די וויניקע דערפער, וואָס האָבן געדינט אַלס צענטער און אַזיל־אָרט פאַרן יידישן פאָלק אין משך פון פיל דורות, פון דער צייט פון דער משנה ביזן אָנהייב פון דער טערקישער עפּאָכע. — — — פון איין זייט געפינען מיר אין עלמא אַ גרויסן יידישן יישוב אין סוף פון דער קרייצציגלערס־צייט, אין אָנהייב פון די מצרישע איובישע הערשער, און פון דער צווייטער זייט — אַ נאָך גרעסערער יִשוב אין סוף פון די מאַמע־לוקישע הערשער אין עגיפּטן; און פון דעם דער באַווייז פון נישט־איבעררייס־לעכן יידישן יִשוב אין משך פון דריי הונדערט און פופציק יאָר צווישן ר' בנימין פון טודעלאַ און ר' משה באַסולה; דער גרויסער בית־הקברות וואָס ר' בנימין דערמאָנט באַווייזט וועגן פיל יידישע דורות אין עלמא" (י. בן־צבי, „שאר ישוב", זייטן 83, 86).

אָבער כאָטש עלמא ווערט דערמאָנט צום ערשטן מאָל אין די יידישע מקורות פון מיטלאַלטער, אין דער שפּעטער יענערצייטיקער רבנישער ליטעראַטור, איז זיכער, אין איינקלאַנג מיט די אויבנאויפיק־געפונענע אַרכעאָלאָגישע איבערבלייבענישן, אַז אַ יידישער יִשוב האָט דאָ עקזיסטירט שוין פיל פריער, אין די צייטן פון משנה און תלמוד, און וואַרשיינלעך אויך פריער, אין דער תקופה פון בית־שני און גלייך נאָכן חורבן.

בנימין פון טודעלאַ האָט מתפלל געווען אין בית־הכנסת פון עלמא אין צוועלפטן יאָרהונדערט. אין זיין „ספר מסעות" (זייט מ"ה) דערציילט ער אַז ער האָט באַזוכט עלמא אין יאָר 1170, עס „לעבן דאָרט ביי פופציק יידישע משפחות" און ער האָט באַזוכט „אַ גרויסן אַלטן יידישן בית־עלמין". די יידן האָבן אים געוויזן אין זייער דאָרף „די קברים פון רבי שמעון בן גמליאל, רבי אלעזר בן עזריה, רבי אלעזר בן ערך, רבי יוסי הגלילי, רבי יהודה בן תימא און אפילו פון חוני המעגל און נאָך אַנדערע תנאים און אמוראים".

משה באסולה האָט באַזוכט עלמא אין יאָר הרפ"ב (1522). ער איז אַהין גע־קומען „פון צפת דורך עמוקה און גברתין" און ער שרייבט: „פון דאָרט זענען מיר געגאַנגען קיין עלמא, דאָס איז אַ גרויס דאָרף אויף אַ פעטן פליין, פול מיט אַלדאָס גוטס, און אַ קהל יידן פון אַ פופצן בעלי־בתים און אַ בית־כנסת, דאָרט האָב איך מתפלל געווען אויף אַ קבר. דערנאָך בין איך געגאַנגען אויף אַלע קברים פון די צדיקים, וואָס געפינען זיך דאָרט. אויבן אויפן באַרג אין מיטן פעלד איז דער קבר פון ר' יהודה בן־תימא, אַ מצבה, געבויט און פאַרמויערט; און איבער איר ביי דער זייט פון באַרג געפינט זיך אַ גרויסע הייל, און אַ הייל אין דער הייל אינעווייניק, דאָרט זענען באַגראָבן זיינע תלמידים. פון איין זייט אויפן בית־החיים געפינט זיך ר' אלעזר בן עזריה און אויף זיין קבר אַ בוים פון אַ ספּעציעלן מין, וואָס רופט זיך רבי־ביסל און מען מאַכט פון אים בוימל. און אַ ביסל וויַיטער פון דאָרט, ביי דער זייט פון וועג — ר' אלעזר בן הורקנוס. אַ שיינע מצבה אויף

זיין קבר, וואָס געפינט זיך אין אַ וויינגאָרטן. נאָענט פון אים אויפן וועג, ר׳ אלעזר בן ערך און דאָס איז אַ קבר פון מאַרמאָר־שטיין און ער איז צוגעדעקט מיט אַ גרויסן שטיין. דערציילט מען מיט זיכערקייט, אַז מיט אַ פערציק יאָר צוריק האָבן די ישמעאלים גענומען דעם צודעק־שטיין צו מאַכן פון אים מיל־שטיינער און עס האָבן אים געטראָגן זייער אַ סך מענטשן אויף אַ וויטן פּלאַץ, און צומאָרגנס האָט מען אים געפונען צוריק אויף זיין קבר. אַלע זאָגן אויף דעם עדות. נאָענט צו אים, ר׳ יוסי הכהן און אַרום אים אַ רינג פון שטיינער. ווייט פון דאָרט, אַ מייל צו דער צווייטער זייט באַרג, איז די הייל פון די באַבילאָנער. דאָרט איז אויך רב המנונא און רבה בר הונא, ווי זיי ווערן דערמאָנט אין „מועד קטן" און דאָס איז אַ קליינע שיינע הייל מיט פינף נישעס" („מסעות ארץ־ישראל לרבי משה באסולה", זייטן 48—49).

אויך דער רייזנדער ר׳ שמואל בר שמשון דערציילט אין יאָר 1211 וועגן נסים אויף די קברים אין עלמא: „פון גוש־חלב זענען מיר געגאַנגען קיין עלמא און פאַר אונדזער אָנקומען האָבן מיר געפונען דעם קבר פון ר׳ אלעזר און אויף אים צווייביימער און קיין שום מענטש טאָר נישט אָפּרייסן פון זיי אפילו קיין בלאַט. ער איז באַגראָבן אין אַ הייל אין דער ערד און אויף אים איז אויפגעבויט אַ מין זאַל. איז איין שטיין אַראָפּגעפאַלן, האָט פון דאָרט אַרויסגעשפּראָצט אַ וואָרצל און אָנגעפילט דעם פּלאַץ. און פון אַ צווייטן אָרט איז אַרויסגעוואַקסן אַ צווייג, וואָס האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן קבר, עס זאָל פון אים קיינמאָל מער נישט קאָנען אַראָפּפאַלן קיין שטיין. די ישמעאלים ברענגען דאָרט בוימל אָנצו־צינדן. און דאָס איז אַ גרויסע און וווּנדערלעכע זאַך" („אגרות ארץ־ישראל", געזאַמלט פון א. יערי, ז׳ 82).

נאָך אַ נס פון עלמא ווערט דערציילט אין „לעגענדעס פון ארץ־ישראל": „איין שבת ביינאַכט האָט געטראָפן, דאָ אין עלמא, אַ פאַל און די צאָל ליכט איז געווען אַזוי גרויס, אַז זייער פייער האָט אַרומגעכאַפּט איינעם פון די מילגרוים־ביימער אַרום די קברים, דעם בוים פון קבר פון ר׳ אלעזר בן ערך. אַלע פאַר־זאַמלטע האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון פאַרלעשן דאָס פייער; די יידן, כדי נישט מחלל־שבת צו זיין, און די ישמעאלים האָבן נאָכגעטאָן די יידן. דער בוים האָט געברענט די גאַנצע נאַכט. און צו מאָרגנס, ווען מען איז געגאַנגען באַזוכן דעם דאָזיקן הייליקן קבר, האָט מען מיט דערשטוינונג דערזען, אַז נישט דער שטאַם פון בוים און נישט זיינע צווייגן זענען באַשעדיקט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ גרויסער נס, ככתוב..." („ירושלים", באַנד י״ג, ז׳ 122).

ר׳ יום־טוב צהלון, רב אין צפת, דערציילט אין זיינע „שאלות ותשובות" (אין יאָר 1581), אַז אין זיין שליחות, האָט אַ „בעל־הבית פון צפת פאַרלאָזט די שטאָט און איז אַוועק קיין עלמא דאָרט האַנדלען אָדער ווערן אַ גאָלדשמיד" (סימן קמ״ד). פינף יאָר שפּעטער דערציילט אַ צווייטער צפתער רב (ר׳ חיים גלאַנטי, „שאלות ותשובות", סימן נ״ב) וועגן נאָענטע באַציִונגען צווישן די קהילות פון צפת און עלמא, „חכמים זענען בשותפות עוסק געווען אין תורה" און באַמערקט: „ווי ס׳איז באַוווּסט, געפינט זיך דאָס דאָרף עלמא באָענט פון אונדזער שטאָט צפת תוב״ב, אַ מהלך פון צוויי שעה". אין אַכצנטן יאָרהונדערט איז געווען רב

אין צפת ר׳ שאול עלמאני, פון אַ בכבודיקער משפחה, וואָס האָט זיך געייִחוסט מיט איר אָפּשטאַמונג פון עלמא, און זיך גערופן מיטן נאָמען פון דאָזיקן יישוב.

עס איז נישט באַוווּסט געגוי ווען דער פֿויערישער יידישער יישוב אין עלמא איז אונטערגעגאַנגען. ווי מיר זעען האָט ער נאָך עקזיסטירט אין סוף פון זעכצנטן יאָרהונדערט. די שפּעטסטע ידיעה וועגן יידן אין עלמא געפינען מיר אין אַ ספר „שאלות ותשובות״ וועגן אַ מאָרד אין עלמא איבער אַ וואַנדערנדיקן יידישן הענד־לער פון צפת, אין יאָר 1597, מיטן נאָמען יצחק אלמירידי (שו״ת הר׳ משה גלאנטי, ווענעציע, שס״ה, 1785).

אין „שבחי ירושלים״ (אויסגאַבע אין לעמבערג, 1865) לייענען מיר שוין, אַז אינעם יאָר תמ״ה (1675) „אין עלמא זענען פאַרבליבן בלויז חורבות פון אַ בית־כנסת״. ווען יצחק בן־צבי האָט צום ערשטן מאָל באַזוכט עלמא אין יאָר 1931, האָט ער געשריבן: „איך האָב נישט געפונען כמעט קיין שום איבערבליי־בעניש פון בית־כנסת אָדער פון אַן אַנדערן בניין פון די יידישע הייזער, אויסער אַ ביישטידל מיטן אויפשריפט ,יהי שלום על המקום הזה ועל כל מקומות עמו ישראל׳, מיט אויסגעקריצטע בלומען און דעם יידישן דאָרן (אַקאַנטוס יודאַיקוס). דאָס ביישטידל, פון די חורבות פון בית־הכנסת, ליגט אין מיטן דאָרף, לעבן הויז פון שייך און דינט אַלס באַנק פאַר זקנים און קינדער צו זיצן אויף דעם אין דער פרייער צייט. די פאַלאַכן האָבן מיר געוויזן דאָס אָרט, ווו עס איז, לויט דער מסורה, געווען דער בית־הקברות און בית־הטבילה פון די יידן, ווי אויך וויינ־גערטנער וואָס האָבן אַמאָל געהערט צו יידן. אָבער קיין שום זכר פון מצבות אָדער אָנדענק־סימנים האָב איך נישט געפונען״ („שאר ישוב״, הגליל).

אפשר וועלן נאָך אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אויפדעקן איבערבלייבע־נישן פון אַלטן יידישן עלמא. דערווייל, אָבער, ווייסט נישט פון זיי דער אַלטער משה שאול, ווי עס ווייסט נישט קיינער מער ווו זיי געפינען זיך. לאַנגע יאָר־הונדערטער האָבן דאָ געוווינט און געוועלטיקט די אַראַבער — און אַלע יידישע איבערבלייבענישן זענען מיט דער צייט פאַרווישט געוואָרן. אונדזער באַגלייטער לאָזט זיך אונדז אפילו נישט אַרומקוקן, זוכן שפּורן, אין דאָרף:

„בוֹאוּ... קומט, געשווינד!...״ — און זיינע אַלטע פיס ווייזן ווי זיי קאָנען נאָך שטעלן פעסטע טריט, אפילו איבער אַ זאַמדיק־שטיינערדיקן שטעגל אויפן באַרג.

דער אַלטער שאול וויל נישט — „דאָס איז נישט פון בית־המקדש... פון טבריה... לא חשוב...״ — אָבער תפילינסקי פאַרהאַלט אונדז נאָך אין בית־כנסת, ווייזנדיק אַ שטיק באַזאַלט־שטיין, איינגעמויערט אין וואַנט צווישן ארון־קודש און דער עזרת־נשים, מיט אַ לייענבאַרן אויפשריפט־שטיקל אין אַראַמיש, וואָס צוגעבנדיק די אָפּגעהאַקטע אותיות, וואָלט עס זיך געלייענט: „דכיר לטב יונה טברייה דיהב הדין שקופה מלך עלמא״ — „זאָל דערמאָנט ווערן צום גוטן יונה פון טבריה וועלכער האָט געשענקט דאָס אייבערשטידל פאַר מלך העולם...״ אַ שטיין מסתמא פון זעלבן אַלטערטימלעכן בית־כנסת, וואָס דער איבערן ארון־קודש.

דאָס ביישטידל איבערן ארון־קודש, וואָס מיר האָבן געזען, איז דאָס וואָס

יצחק בן־צבי האָט געפונען אין אַראַבישן דאָרף אויף דעם פּלאַץ אין יאָר 1931 און איז דעמאָלט געלעגן לעבן הויז פונעם שייך. דעם באַזאַלט־שטיין מיטן אַראַמישן אויפשריפט, וואָס איז איינגעמויערט אין וואַנט פון איצטיקן בית־כנסת, האָט מען געפונען איינגעמויערט אין אַ וואַנט פון אַן אַלט אַראַביש הויז. ווען מען האָט אין 1949 דאָ געגרינדעט, אויף דער הייך פון זעקס הונדערט מעטער, דעם נייעם באַרג־יישוב, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער מושבים־באַוועגונג פון הפועל המזרחי, האָט מען דיביידע שטיינער איינגעבויט אין קליינעם בית־כנסת, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך פריער ווי די ווינ־הייזער. אַ דריטער שטיין, וואָס שטאַמט, זעט אויס, אויך פון אַלטערטימלעכן בית־תפילה, אויך ענלעך צו אַ ביישטידל, האָט מען געפונען שפּעטער, גראָבנדיק די פונדאַמענטן פאַר אַ נייַ הויז — דער דאָזיקער שטיין, מיט איינגעהאַמערטע בלומען־באַצירונגען, איז איבערגעגעבן געוואָרן אין „מוזיאון ישראל" אין ירושלים; ער טראָגט שוין אַן אויפשריפט אין אַראַמיש: „אלמן סלה אנה יוסה בר לוי הלוי אומנה דעבדת הדין".

*

משה שאול האָט אונדז סוף־כל־סוף אַרויסגעפירט פון דאָרף. מיר האָבן געוווסט, וואָס ער וויל אונדז ווייזן.

צו דער „הייל פון עלמא" איז אַ מהלך פון אַ צוויי קילאָמעטער. אויפן וועג איז דער אַלטער שאול באַרעדעוודיק.

ווי עס לעבט זיך אין ישראל?

„ברוך השם... בסדר..." — אים האַלט שוין אויס די „לשכה", סאָציאַלע הילף. אָבער די קינדער אַרבעטן — „אַלע, בסדר, שטענדיק..." אַביסל טאַקע „דחק"־אַרבעט, ביי אויסשטיינען און באַוואַלדן דעם גליל; אָבער אַנדערע האָבן שוין אייגענע פּרוכט־גערטנער, דער עיקר פייגנביימער. „תאנים..." — פּאַסמאַקעוועט ער זיך און ס'איז קאָנטיק זיין ליבע צו פייגן...

זינט דער מושב איז געגרינדעט געוואָרן, נאָכן אַנטלויפן פון די אַראַבישע איינוווינערס בעת דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, האָבן זיך שוין דאָ עטלעכע מאָל געביטן די מתיישבים. די אייראָפּעישע זענען גלייך אַוועק; אפילו די גרי־צדק פון סאַן־ניקאַנדערא, אין איטאַליע, וועלכע האָבן זיך דאָ געהאָט באַזעצט, האָבן פאַרלאָזט עלמא. די אינדישע יידן איז דאָ געווען צו־קאַלט אין דער הויכער באַרג־לופט. די צפון־אַפריקאַנער זענען דאָ פאַרבליבן, זיי וואָרצלען זיך ביסלעכווייז איין, און משה שאול איז נישט דער איינציקער אין דאָרף, וועלכער איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אין תל־אביב, צי ירושלים.

פון ווייטן ווייזט אונדז דער אַלטער אָן אויף אַ בערגל, באַוואַקסן מיט געדיכטע טונקל־גרינע קוסטעס: „זה שם..." — דאָרט איז עס שוין...

באַלד זענען מיר צווישן די דערנער, וואָס שלענגלען זיך אַרויס פון דער הייל־טיפעניש. אַ גרויסער גרוב, פון אַ צוויי־צענדליק מעטער די טיף — דאָס איז דאָס „פּאַדערהויז", געדיכט באַוואַקסן מיט ווילדע געדרייטע קאַרליק־ביימער, דערנער, צווישן שפּיציקע, גליטשיקע פעלדזן. רעכטס און לינקס שוואַרצן זיך אומהיימלעכע עפענונגען פון היילן. „זה לא חשוב..." — ווייזט דער אַלטער

אויף לינקס, אַ „קליינע" הייל. אויף רעכטס איז די באַרימטע „מערה" — „מערת עלמא", ווי עס רופט זי דער אַלטער שאול, כאָטש זי האָט אַ סך אַנדערע נעמען. גלייך ביים אַריינגאַנג — גלאַנצנדיק פון זייטיק זיך־דורכגעריסענע זון־שטראַלן — אַ סטאַלאַגמיט אין דער פאָרם פון אַ גרייטער צום שפרונג רויב־חיה, אַ לייב, צי אַ טיגער, ממש ווי אויסגעהאַקט אין שטיין דורך אַ סקולפּטאָר. פון דאַנען דער נאָמען: „די לייבן־הייל". ווייטער, ווו עס קומט נאָר צו ליכט — צעבראָכענע, צעהאַקטע, דורך וואַנדאַלישע מענטשן־הענט, דינע, איידעלע סטאַלאַגמיטן און סטאַלאַקטיטן. שטיקער ווי צעבראָכן גלאָז, זענען אַנגעוואָרפן אין די דורכגעגנג — אַזוי מאַכט דער מענטש קאַליע ווונדערלעכן באַשאַף פון בורא... אָבער עס טריפט ווייטער פון פעלדזיקן סופיט — מיר פילן די טראָפּנס — עס זעצט זיך ווייטער אָפּ, און דער נאַטור־קינסטלער וועט צוריק־גאַנץ־מאַכן זיינע ווערק, טראָפּנווייז, אין משך פון טויזנטער, צי גאָר מיליאָנען, יאָרן — זי האָט דאָך צייט די נאַטור...

נישט אונדזער משה שאול האָט אויסגעטראַכט וועגן אונטערערדישן וועג, וואָס פירט דורך אָט־דער הייל קיין ירושלים. אשתורי הפרחי, דער דאָזיקער מערקווירדיקער פאָרשער און באַשרייבער פון אונדזער לאַנד (1280—1355), כאָטש ער רופט אָן די הייל, אין זיין ספר „כפתור ופרח", „מערת הבבלים", „הייל פון די באַבילאָנער", ווייל די הייל זאָל זיך „ציען דורך איין זייט ביז בבל און גולי־בבל זענען דורך דאַנען דורכגעגאַנגען, כדי אָנצוקומען אונטער דער ערד קיין ירושלים..." און דעריבער האָט שוין אשתורי הפרחי דאָ אויך געזוכט „דעם וועג קיין ירושלים". ער איז אָבער נישט דערגאַנגען אין איר ווייטער ווי „צוויי תחום שבת". „די פינצטערניש און די סכנות" האָבן אים ווייטער נישט געלאָזט גיין. און ביז היינט וואַרטן נאָך די געהיימניספולע פינצטערע אונטערערדישע ווייטן אויף זייערע מאָדערנע פאָרשערס. אויך יאָסעפוס פלאַוויוס איז געווען אין, אָדער ביי, דער דאָזיקער הייל. ער רופט זי גאָר אָן „מערת היונים", די טויבן־הייל, און עס איז ריכטיק, אַז עס נעסטן זיך אין און אַרום איר מאַסן טויבן. פלאַוויוס שרייבט, אַז אין די חשמונאים־צייטן און בעתן גרויסן אויפשטאַנד קעגן רוים — ער גופא איז מסתמא דאָ געווען נאָך אַלס קאָמאַנדיר פון די אויפשטענדלער אין גליל — האָבן זיך אין דער הייל אויפגעהאַלטן יידישע פרייהייט־קעמפערס. אַזעלכע זענען דאָ זיכער געווען אין אַלע עפּאָכעס. אין אונדזערע צייטן האָבן דאָ אַראַבישע כנופיהס געהאַט זייערע באַהעלטענישן.

דער באַרימטער ראש־ישיבה און רב רבי חיים איבן־עטר האָט, גלייך ביי זיין אָנקומען קיין ארץ־ישראל, באַזוכט עלמא (אין יאָר תק"ב, 1742). זיין תל־מיד, ר' יהודה, וועלכער האָט אים באַגלייט האָט געשריבן: „נאָענט צום דאָרף עלמא, פון איין זייט, געפינט זיך אַ הייל, מען רופט זי ,מערת הבבלים'; איך האָב אויסגעפונען, מען דערציילט עס איינשטימיק, אַז אין איר זענען באַגראָבן אַ סך צדיקים, ניין הונדערט טויזנט. מען האָט דורך דער הייל געבראַכט צדיקים פון בבל קיין ארץ־ישראל. — — — עס האָבן מיר דערציילט די אַלטע חכמים פון דער שטאָט צפת, ביי זיי איז אַזוי אָנגענומען אין דער טראַדיציע, אַז די הייל באַזיצט נישט קיין סוף און קיין תכלית. דער וואָס גייט אַריין אין דער הייל

ווערט דאָרט פאַרלוירן צוליב דער צאָל נישעס, שפּאַלטן און גריבער, וואָס זי פאַרמאָגט. יעדע נישע האָט אין זיך צען אַנדערע נישעס און זיי האָבן ווייטער־דיקע. אויב דו גייסט אַריין אין איינער — געפינסטו אין איר אַנדערע נישעס און דער וואָס גייט דאָרט אַריין שטעלט זיך אין סכנה צוליבן גרויסן פחד. און די געשעענישן אין דער דאָזיקער הייל זענען ווונדערלעכע. די גאַנצע הייל איז אונטער דער ערד און דער וואָס גייט אַריין גוטיקט זיך אין גרויסע פּאַקלען, צו באַלייכטן לפּחות צוואַנציק איילן פאַר זיך. דאָס אָרט איז זייער שרעקלעך. די אַלטע פון די אומות העולם זאָגן אַז דער אָנהייב פון דער הייל איז אין מדבר, און איין עק אירער דערגרייכט ביז ירושלים און די דערציילונגען וועגן איר זענען זייער פיל און ווונדערלעכע״ (ב. קלאַר, „רבי חיים בן־עטר״, זייט פ״ה). זיבן־און־צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין 1769, האָט די הייל באַזוכט רבי משה ירושלמי און געשריבן: „די הייל פון די בבלים איז אַ ריזיקע און אין איר — אַ סך היילן. מען גייט פון איינער אַריין אין דער צווייטער פון אַלע דריי זייטן. די דאָזיקע היילן ציען זיך אַ מהלך פון דריי טעג ביז ירושלים. אַ פרעמדער וועלכער גייט אין איר אַריין, בלאָנדזשעט אויפן וועג צוליב דער פינצטערניש. איך האָב אין דעם נישט געוואָלט גלייבן און איך בין אַריין מיט נאָך איין מענטש, מיט צוויי ליכט אין מיינע הענט. אין דער ערשטער הייל האָבן מיר צוגעבונדן אַ לאַנגן שטריק און אים געצויגן נאָך זיך. מיר זענען אַריבער אַ לאַנגן וועג. אָבער נאָך דעם ווי מיר זענען אַדורך עטלעכע היילן, איז אונדז באַפאַלן אַ פינצטערע שרעק. מיר זענען קוים אַרויס פון דאָרט״ („ידי־משה״, תרצ״ח).

מיר האָבן בלויז אַראָפּגעגנידערט אין גליטשיקן, נאָך שוואַך־באַלויכטענעם אַריינגאַנג — מען גיט אָן די טיף אויף פינף־און־פערציק מעטער... מיר האָבן נישט געהאַט אפילו בדעה אָנועקצושפּאַנען אין די קרומע נישעס מער ווי עט־לעכע מעטער... אונדזער „היי!... הא!...״ האָט זיך אָנועקגעקאָלערט מיט עכאָס ערגעץ אין פינצטערע ווייטן... ווער ווייסט, וואָס די דאָזיקע געהיימנישפולע, חושכדיקע און נאַסע אונטערערדישע וועגן באַהאַלטן אין זיך, וואָס פאַר אַ סודות זיי היטן...

דער אַלטער משה שאול ווייסט נישט וועגן דעם אַלעמען, און ווען מען דער־ציילט אים, נעמט ער זיך נישט איבער. מורא?... נישט מעגלעך?... „איר ווייסט גאָרנישט...״ — ער איז זיכער, אַז ער וועט נאָך דורך דער הייל עולה־רגל זיין קיין ירושלים, אויף יום־טוב, „ווי די תורה געבאָט״. נישט היינט? איז אין אַ יאָר אַרום, צי שפּעטער — אויך ער „האָט צייט״. ער דאַרף נאָר, זאָגט ער, עטלעכע „צעירים עם דם״, יונגע מיט בלוט, אָן שרעק, זיי זאָלן אים באַגלייטן אין אומבאַקאַנטן וועג, און „מ׳וועט שוין אָנקומען, זיכער...״ ער גלייבט און האָט צייט — זאָל נאָר מקויים ווערן די אַלטע תפילה פון זיין הייליקן בית־כנסת־שטיין:

„יהי שלום על המקום הזה ועל כל מקומות עמו ישראל״.

ערשט אַרויסקומענדיק צוריק אויף דער אויבערפלאַך, ווייזט מען אונדז אָן, אַז אַרום דער הייל איז נישט בלויז סתם פעלדזיקער באַרג־באָדן. „דער פּרימיטיווער מענטש האָט שוין דאָ געלעבט מיט אַ סך, אַ סך יאָרטויזנטער צוריק, אין סאַמע

קאַיאַר פון ,האַמאַ סאַפּיענס׳, אַט־די מצבות זענען שוין אַלט ביי צען טויזנט יאָר, זיי שטאַמען פון דער נעאָליטישער צייט, די אַזוי־גערופענע שפּעטע שטיין־עפּאָכע, וואָס רעכנט זיך פון זיבן טויזנט מיט פינף הונדערט יאָר פאַר קריסטוסן...״ — און נתנאל תפילינסקי ווייזט אונדז אַ ריי דאָלמען־מצבות אין דער געגנט, וואָס כאַראַק־טעריזירן די מענטשלעכע קברים פון יענער פרע־היסטאָרישער תקופה, און גריבער, וואָס האָבן, וואַרשיינלעך, געדינט פאַר „ווינונגען״ פון דעמאָלטיקן מענטש.

אויף דרום־מזרח קוקן מיר אַרונטער אין „וואַדי שובאַוויק״, אַריינגעשפּאַרט צווישן שיפּע, שווער־צוגענגלעכע אָפּהענגען, ווו עס זעען זיך אָן צווישן דערנער און בליענדיקע ווילדע געוויקסן, גרויסע הייל־עפענונגען — „אויך יענע היילן וואַרטן נאָך אויף פאָרשער, געוויסע צווישן זיי זענען נאָך בכלל נישט באַזוכט געוואָרן אין די מאָדערנע צייטן...״

דער צפונדיקער באַרג־שיפּוע, אַנטקעגן אונדז, איז געדיכט באַוואַקסן מיט אַ נאַטירלעכן וואַלד. אין אָפּשטאַנדן צווישן דיביימער — אָפּט דוכט זיך, אַז זיי געפינען זיך אין ווי אָפּגעמאָסטענע ווייטקייטן איינער פון צווייטן — שטאַרצן אַרויס שטאַרע גלאַטע פעלדזן, מיט אָפענע אַריינגענג אין היילן, וואָס זעען אויס ווי „פענצטער אינעם באַרג״, רופט מען טאַקע דעם דאָזיקן אַראָפּהאַנג „וואַדי החלונות״ — דער וואַדי, „אַראָפּפלוס פון די פענצטער״ — ווער ווייסט ווי ווייט אין דער געשיכטע מען קאָן דורך זיי אַריינבליקן...

1966

פּערסישע טעפּעכער אין עבדון

מיט אַ מאַלעריש־באַצויבערנדיקן פּירעק ענדיקט זיך אין ווינקל ביי ראש־הניקרה אונדזער מערבדיקער גליל. דער פּירעק האָט אין אַלע זייטן ממשותדיקע גרענעצן: אויף מערב דער מיטללענדישער ים, וואָס האָט דאָ אויסגעשווענקט גע־היימנישפּולע היילן און דורכגענג; אויף צפון — די גלייכע באַרג־גרענעץ מיט לבנון; אין דרום — דאָס טייכל אכזיב; און אויף מזרח — אַ ווייניקער־נאַטיר־לעכער גרענעץ־פּאַס, אָבער אַ פּיטאָרעסקער, צווישן באַרג און טאָל, וועג פון חניתה ביז עבדון.

די נאַטור האָט באַשאָנקען דאָס ווינקל מיט פולע הויפנס שיינקייט. ים, טאָלן און בערג, מאַלערישע וואַדיס, וואָס שלענגלען זיך צווישן פעלדזיק־הויכע שפּיצן. אויף טריט און שריט — חורבות אויף בערג־אָפּהענגען, אויף זייערע שפּיצן, אָדער אין טאָלעכלעך פאַרבאָרגענע צווישן הויכע פעלדזן; איבערבלייבענישן, וואָס דערציילן אַלטע, גאָר־אַלטע מעשיות...

יעדער יישוב דאָ האָט זיין אייגנאַרטיקן ייחוס, — פון פאַרשיידענע צייטן און עפּאָכעס.

גשר־הזיו דערציילט וועגן באַוועגטן נעכטן — די בריקן־נאַכט פון 1946, ווען דאָ זענען געפאַלן פערצן יונגע הגנה־לייט. מיטן ברעג־שאָסיי פאָרן מיר פאַרביי דאָס אַלטע אכזיב און דערגרייכן דעם ראש־הניקרה־דורכגאַנג. מענטשן האָבן דאָ געוואַנדערט, אַרמייען זענען דאָ אַדורך זינט די אורעלטסטע צייטן; אַלעקסאַנדער מוקדון איז מיט זיין אַרמיי דאָ אַריין קיין ארץ־ישראל; די מכּבּייער האָבן זיך דאָ געשלאָגן... און ווער און ווען נישט?... דער באַרג־שאָסיי פירט אונדז אויף מזרח צו חניתה. דערציילט דאָ יעדער שטיין נאָך וועגן די שווערע טעג — מיט צוואַנציק יאָר צוריק בלויז — ווען גיבורים זענען דאָ אַרויף און פאַרלייגט אַ יידישע באַרג־נעסט...

שווערלעך איז צוצוקומען, איבערן שלעכט־געפּלאַסטערטן וועג, אין פערטן ווינקל פון דעם פּירעק — קיין עבדון.

*

דער יישוב עבדון איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1952 אַלס ארבעט־דאָרף פון נייע עולים. אויפן „תל" אָבער, האַרט ביים איצטיקן יישוב, האָבן יידן געלעבט שוין אַזויפיל יאָרטויזנטער צוריק: ווען „די קינדער פון ישראל האָבן געאַרבט אין לאַנד כנען, וואָס אלעזר דער כהן און יהושע דער זון פון נון — — — האָבן זיי געמאַכט אַרבן. — — — און פאַר די קינדער פון גרשון, פון די משפּחות פון די לוייִם; די שטעט פון אַנטרינונג פאַרן טויטשלעגער, — — — און פון שבט אָשר: עבדון מיט אירע פרייע פּלעצער" (יהושע י"ד, א'; כ"א, כ"ז—ל'). דעמאָלט שוין געווען אַ שטאָט וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן די לוייִם. דאָס בערגל, מיט אַן אַלטער חורבה אויף דעם, האָט אַלע צייטן, אויך ביי די אַראַבער אין אונדזער צייט, איינ־געהאַלטן אַן ענלעכן נאָמען — אַבדאַ (עבדה).

מען האָט דאָ באַזעצט עולים, נאָר־וואָס געקומענע פון פּערסיע (איראַן), די מערהייט, און אַ טייל פון טוניס. זיבן יאָר נאָכן באַזעצן זיך דאָ, וואַרטן זיי נאָך אויף דער צוגעזאָגטער רעשט באַדן צו באַאַרבעטן. „קרן קיימת לישראל שטייט נערט אויס פאַר אונדז ערד אויפן באַרג, מיר וועלן האָבן גענוג...״ — זאָגט דער דאָרף־סעקרעטאַר עובדיה אלימלח. און דערווייל? „בלויז אַ טייל אַרבעטן נאָך ביי דחק־אַרבעט. מיר האָבן פּרנסה, ברוך השם...״ — קומט אַן ענטפער.

עובדיה אלימלח רעדט מיט אַ שמייכל, וואָס איז ספק־פאַרוואורף ספק־צער:

„וועגן אונדזער דאָרף שרייבט מען נישט... נישטאָ וואָס צו דערציילן...״

שרייבן וועגן זיין דאָרף שרייבט מען טאַקע ווייניק, אָבער צו דערציילן איז שוין גראָד דאָ אַ סך; עובדיה ווערט טאַקע נישט מיד דאָס צו טאָן...

אַליין שטאַמט ער פון פּערסיע, ווי פינף־און־דרייסיק פון די פופציק משפחות, וואָס באַוווינען דאָס דאָרף. די איבעריקע קומען פון טוניס.

„אָבער ביי אונדז זענען אַלע אַלץ איינס, נישטאָ קיין אונטערשייד״, — וויל ער זיך גרויסן מיט זייער מיזוג־גלויות — „מען באַאַרבעט צוזאַמען די גערטנער, מען דאַוונט צוזאַמען און מען — טראָגט צוזאַמען די נויט... מען קריגט זיך נישט...״

*

דער יישוב, וואָס ליגט 146 מעטער איבערן ים־ניוואָ און געפינט זיך זיבן קילאָמעטער ווייט פון ברעג, איז באַהאַלטן צווישן הויכע פעלדזיקע שפּיצן. אַ קליינער טאָל מיט אַ נאַטירלעכער שוץ־וואַנט פון בערג אַרום־און־אַרום. אין ווינטער ברענגט דאָס אַכזיב־טייכל שטורמישע וואַסערן, טרינקט אָן די פעלדער און פילט אָן די רעזערוו־גריבער. האָט דאָ אפשר דער בראַנדזשייט־מענטש נאָך געזוכט שוץ און טרינקען און אין היילן געלאָזט פאַר אונדז זיינע אַרכאַישע מכשירים. יהושע בן־נון האָט דאָ, ווי מיר זעען, באַזעצט לווים, מסתמא, ווייל דאָס אָרט איז צוגעפּאַסט פאַר די אויסדערוויילטע דינערס פון גאָט... מיט אַן אַכט יאָרהונדערט צוריק האָבן קרייצציגלערס אויסגעקליבן דאָס אָרט פאַר זייערס אַ פעסטונג־פונקט. אין אַלע צייטן האָבן דאָ מענטשן געלעבט, אַרום האָט געבליט.

נאָר ווען די עולים פון פּערסיע און טוניס זענען אַהער אָנגעקומען, אין 1952 — איז די ערד דאָ וויסט געווען, מעגלעך שוין לאַנגע־לאַנגע דורות, זינט דער אַראַבישער אַריינדרינגונג אין לאַנד, פונקט ווי אַזוי פיל אַנדערע יישובים, וואָס זענען דעמאָלט חרוב־געוואָרן.

דערציילט עובדיה אלימלח: „מיר האָבן זיך דערשראָקן... בלויז שטיינער. קיין פיצל זאַמד האָט מען אפילו נישט געזען...״

ער זאָגט נישט קיין ליגן. מען האָט אויפגעשטעלט אַ מעברה־יישוב אין בערגיק־שטיינערנער וויסטעניש. פּחונים, בלעך־ביידלעך, האָט מען זיי געגעבן צום וווינען. אָבער אפילו אין הילצערנעם בית־כנסת־צריפל האָט מען נישט געהערט דעם אָפּקלאַנג פון דער אַמאָליקער לווים־שירה...

מען האָט אויך דאָ „געמאַכט״ באָדן, ווי אין אַנדערע פעלדזן־פלעצער אין לאַנד. מיט טראַקטאָרן־ציין און אויך, פשוט, מיט מענטשן־נעגל — טאַקע זייערע דאָ אויפן אָרט — האָט מען צוריקגעבראַכט צום לעבן מעטער־נאָך־מעטער, דונאַם

נאָך דונאַם. און ס'איז געוואָרן אַ ישוב. פאַרשוווּנדן זענען גאַנץ גיך די פּחונים. נישטאָ שוין קיין סימן פון די הילצערנע צריפים. בעטאָנענע הייזקעס, צעשטעלט אין רייען, מיט גרינע גערטנדלעך אַרום.

„אונדזערע עפּל" — גרויסט זיך עובדיה — „זענען טעמעדיק און ווערן געזוכט. נאָר דער טאַבאַק געדייעט נאָכנישט..."

ווייל קיין ערד איז נאָך נישטאָ געגוג. און אַ טייל אייגוויינערס אַרבעטן נאָך ביים קרן־קיימת איז צוגרייטן ערד פאַר זיך אַליין. צוואַנציק דונאַם וועט זיין פאַר יעדער משפּחה און צוויי טויזנט מיט פינף הונדערט דונאַם פאַר נאַטירלעכער פּאַשע פאַר דער דאָרפישער סטאַדע.

„...צאָלט מען אונדז זעקס פונט אַ טאָג — פאַר שווערער אַרבעט, און פון דעם וויל מען נאָך פופצן פונט שטייערן אַ חודש".

רבקה שנער־גאָלדבערג

אָבער נישט די דירה האָט עפּעס געקאָסט, נישט דער שאָסיי. כאָטש ער איז אַ גאַנץ פּרימיטיווער. די ערשטע יאָרן איז מען ווינטער אָפּט אָפּגעריסן געוואָרן פון דער וועלט און אפילו קיין ברויט נישט געהאַט, ווייל מען האָט נישט געקאָנט צוברענגען פון שטאָט. היינט קומט צוויי מאָל אין טאָג אַן „אגד"־אויטאָבוס, יעדן טאָג אַ פּאָסט־אויטאָ. און אין דאָרף זענען שוין דאָ טעלעפעס פּריוואַטע טענדערס, אַ סך מאָדערנע ראַדיאָס.

„נישט פון די זעקסער פונטן פון קרן־קימת..." — שמייכלט געהיימנישפול עובדיה. אין מיטן דערפל שטייט אַ גרויסע געביידע נישט ווייט פון בית־כנסת, פון דער שול און צרכניה. ער פירט מיך אַהין.

„דאָס" — ווייזט מיר מיין באַגלייטער מיט שטאָלץ — איז אונדזער ,מחסן', מאַגאַזין, פון טאַבאַק..."

„אָבער איר האָט דאָך נאָכנישט קיין טאַבאַק, עובדיה!..."

איז זיין ענטפער אַ שטומער שווייגנדיקער בליק, ווידער — געהיימנישפול. ער צעעפנט ברייט אַ שווערע טיר און לאָזט מיך אַריין פאַראויס, אָבער יאָגט מיך שנעל איבער און קוקט מיט אַ ברייטן שמייכל אויף מיין פאַרוווּנדערטן פּנים.

צעשפּרייט אויף דער ערד איבער אַ לאַנגן גרויסן זאַל זיצן מער ווי אַ צענדליק פרויען טיף פאַרטאָן אין וועבן טעפּעכער. פאַר יעדער פרוי — אַן אָנגעהויבענער, האַלב־ צי גאַנץ־אויסגעפאַרטיקטער טעפּעך. עס שימערירן קאָלירן אין ווייכן וואָליקן פליוש. פאַרמען און ליניעס פון ווייטן פּערסיע, דורכגעפלאָכטן מיט אַן אייגענעם מגן־דוד, אַ שופר, צי אַן אַלט־יידישלעכן אשכול וויינטרויבן...

די פרויען באַמערקן אונדז גאָרנישט. זיי ציילן די נייט, בינדן קאָלירקע פעדעם, ענדערן געגנג, וואָרפנדיק איינע צו דער צווייטער האַרטע ווערטער אין אַ ווייטער אַזיע־שפּראַך.

יעדע פרוי האָט דאָ שטיין איר נול, אירע פעדעם. זי כאַפּט זיך דאָ אַריין, ווען זי האָט נאָר אַ פרייע מינוט — געבן אַ וועב און מסתם אַ „מוטל" טאָן מיט אַ שכנטע.

אמתע, פּראַכטפולע פערסישע טעפּעכער. אַ פּרייז ? די פרויען שמייכלען שעלמיש און ענטפערן, ווי אָפּגערעדט :

„לא למכור..." — פון די איינציקע ווערטער, וואָס זיי קענען אין עברית. —

„נישט צו פאַרקויפן... פאַר זיך... פאַר דער שטוב... פאַר די קינדער..."

אַ סך פון די טעפּעכער געפינען אָבער זייער וועג אין שטאָט אַריין — און צוריק קומען ראַדיאָס, וואַש־מאַשינען און פון צייט־צו־צייט אַ נייער טענדער...

מען וועט זייען טאַבאַק אויף דער רויערד פון די באַרג־אַראָפּהענגען, וואָס ווערט אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן שטיין. די נולן און טעפּעכער וועלן דאַן אַרויס פון מחסן. וועט מען בויען אַ צווייט הויז, אַ „בית־המרבד" — „דאָס הויז פון טעפּעך" — טרוימט שוין עובדיה. און כפר־עבדון וועט פאַרקויפן זיינע רויטע עפּל, זיין שמעקנדיקן טאַבאַק און — פערסישע טעפּעכער.

און — —

עובדיה וועט לאַכן פון די פּופּצן פונט מסים...

*

עס פאַלט צו דער פאַרנאַכט, ווען דער „אגד"־אויטאָבוס הייבט אויף אַ שטויב און רעש, אַריינפאַרנדיק אויף דער הויפּט־גאַס פון דאָרף. מיר שטייגן אויס. פון אַלע פענצטער בייגן זיך אַרויס קעפּ — אַ קוק טאָן אויפן פאַרבינדלער מיטן לאַנד. אויך פון בית־הכנסת קוקן אַרויס באַהיטלטע אַלטע און יונגע פּנימער. זיי טראָגן אַרויס אויפן פּלאַץ עפּעס אַ מאָנאָטאָנעם מזרחדיקן מנחה־ניגון...

האָבן נישט די לויים מיט אַזאַ מעלאָדיע געזאָגט זייער שירה און תנ"כישן עבדון, דאָ טאַקע, צווישן די זעלבע בערג ?...

1959

צווישן צפת און דעם קבר פון שמאי

ווען איבערן גליל שטורעמט אַ זעלטן־שטאַרקער פראָסט, זיינע בערג און טאָלן זענען איינגעהילט אין טיפן שניי, דערמאָנט זיך מיר אַזאַ ווינטער פונקט מיט צוואַנציק יאָר צוריק. אין צפת איז געשטאָרבן דעמאָלט מיין לאַנגיאָריקער פריינד און אַרבעט־חבר אַברהם־בער צעראַטאַ. אין מיטן מערץ־חודש זענען נאָך די וועגן צום אויבערשטן גליל געווען געפּערלעך צוליב די שניי־שטורעמס. ער איז געווען דאָרט איינזאַם, נישט געהאַט קיין קרוב, קיין נאָענטן. צו דער לוויה בין איך פון תל־אביב געפלויגן פון פלי־פעלד שדה־דוב; קיין מחניים און פון דאָרט אויף אַ מיליטערישן דזשיפּ זיך דערשלאָגן די עטלעכע קילאָמעטער קיין צפת.

דאָס בערגל פון אַלטן בית־עלמין איז ממש געווען איינגעשמידט אין גליטשיקן אייז. יעדע מצבה — אַ הויפן פאַרפרוירענער שניי. בלויז דער קבר פון אר״י הקדוש איז געווען אָפּגעדעקט, ווייל אויך אין אַזעלכע טעג זענען זיך מסתמא מקובלים מתייחד אויף זיין קבר. אַ שרעקלעכער פראָסט און שטורעם־ווינט האָט אונדז, די צוויי באַגלייטער זיינע צו דער אייביקער רו — מיט מיר איז געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון לאַנד־פאַרבאַנד פון די דרוקער־אַרבע־טער, דער שוין אויך פאַרשטאָרבענער צבי אָסף — נישט געלאָזט וואַרטן אין דרויסן, מיר האָבן געמוזט זיך שיצן אין דער אוראַלטער הייל און צוזען, ווי ביים „קוואַל פון אר״י" האָט מען געמאַכט די טהרה.

אברהם־בער צעראַטאַ (1900—1963) האָט לאַנג נישט געלעבט אין ישראל, כאָטש דאָס איז געווען דער טרוים פון זיין ציוניסטישן לעבן זינט דער פריער יוגנט. אַ שרייבער, פּאַרלעגער, דרוק־אַרבעטער, קונסט־זאַמלער, צייכענער, מעצע־נאַט, כאָטש שטענדיק — ביז צפת — אָן אַן אייגן היים־ווינקל, איז ער אָבער פאַר אַלעמען געווען אַ ליבהאָבער פון ארץ־ישראל. נאָך צענדליקער יאָרן באַקאַנט־שאַפט, האָב איך דאָ דערפילט און דערזען, ווי ער האָט פאַרוועבט דאָס לאַנד פון די אָבות אין חלומות. און אַזוי קוואַליק־פריש עס אַריינגעאָטעמט אין זיך. געקומען אַהער, נאָך אַ פעסטער, אַ געזונטער, ביי גלייכער זעכציק־יאָריקער עלטער, פול מיט פּלענער אויף אַלע געביטן פון זיינע לעבנס־טעטיקייטן, האָט זיך געדאַכט, אַז עס הייבט זיך אָן אַ ניי לאַנגיאָריק קאַפּיטל אין זיין פילזייטיקער טעטיקייט, — האָט זיין גורל געוואָלט אַנדערש און נאָך קנאַפּע דריי יאָר אים צוגענומען אין דער אייביקייט.

אין דער קורצער צייט בין איך מסתמא אַ צען מאָל געווען ביי אים אין צפת, סיי דירעקט געפאָרן אים באַזוכן און ביי יעדן אויספלוג אין גליל, זיך אָפּגעשטעלט ביי אים.

ס'איז געווען גוט און באַלערנדיק צו שפּאַצירן מיט צעראַטאַן איבער די גאַסן, און דער עיקר, געסלעך פון דער קבלה־שטאָט, ער איז אַריינגעדרונגען אין

אירע אַלטערטימלעכקייטן און מערקווירדיקייטן, גערעדט, דערציילט מיט אומ־געהויערער ליבע. און ער האָט קענענגעלערנט די אַרומיקע געגנט, ווו אויף טריט און שריט זענען פאַרבליבן היסטאָרישע מקומות.

צום לעצטן מאָל בין איך געווען ביי צעראַטאַן חול־המועד סוכות, עטלעכע חדשים פאַר זיין טויט. ער האָט, ווי שטענדיק, נישט געוואָלט פאָרן, מיר זענען — צום וויפלטן מאָל שוין? — געגאַנגען צופוס ביז מירון. צעראַטאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי יעדן „הייליקן קבר" אויפן וועג, ווידער אַריינגעקוקט אין די היילן, באַטראַכט די שטיינער, שטענדיק געפונען אין זיי נייע „קינסטלערישע זייטן". ער האָט טיף געגלויבט אין דער אויטענטישקייט פון יעדן קבר. אוודאי, ווי קאָן דען זיין אַנדערש?... ער האָט געלייענט „די פרשה פון דער אוראַלטער רייזע אין הייליקן לאַנד" פון „אַנאָנימען וואַנדערער", וואָס יצחק בן־צבי האָט אַנטפּלעקט דעם ריכטיקן מחבר, משה בן מרדכי באַסאָלאַ (1480—1560). באַסאָלאַ איז געשטאָרבן טאָקע אין צפת, אָבער זייענדיק נאָך רב אין פּיסאַראָ, איטאַליע, געמאַכט אַ רייזע איבער ארץ־ישראל אין די יאָרן 1520־21 און געשריבן אין זיינע רייזע־איינדרוקן:

„...מירון איז אַ שיינער און פּרוכטבאַרער פּלאַץ, די ערד איז דאָרט פעט. עס וווינען דאָרט נישט קיין יידן. דאָרט האָב איך געזען די הייל פון ר' שמעון בן יוחאי און זיין זון ע"ה. — — — דאָרט געפינט זיך די הייל פון הלל הזקן און זיינע תלמידים און דאָס איז אַ גרויסע און שיינע הייל. דערנאָך בין איך געגאַנגען אויפן באַרג וואָס געפינט זיך אַנטקעגן דעם דאָזיקן. דאָרט, אויפן צווייטן שכנותדיקן באַרג, רוען שמאי און זיין פרוי בראש, אויפן שפּיץ פונעם באַרג. — — — און אויבן אין דאָרף געפינט זיך אַ בית־כנסת, געבויט דורך ר' שמעון בן יוחאי..."

ס'איז געוואָרן שפּעטלעך, א.ב. צעראַטאַ האָט אויפגעהערט זיך אָפּשטעלן ביי די קברים אַרום רשב"י אויפן מירון־באַרג, אפילו דורכגעלאָזט דעם „מאוזאָליי פון פראַגרעסיוון הלל מיט זיינע תלמידים", ווי ער האָט עס גערופן, „איצט קום צום בייזן שמאי..." מיר האָבן אַראָפּגעגאַנגען אין טאָל, וואָס איז געווען אַמאָל אַ טייכל צווישןביידע בערג, און אַרויף קעגנאיבער, אויף נאָך אַ באַרג פון גליל. צו דער „כורבאַט שאַמאַ", ווי די אַראַבער רופן דאָס, מוז מען ווידער קלעטערן — 754 מ' איבערן ים־פלאַך. „עס לוינט דער אָנשטרענג..." — האָט געהאַלטן צעראַטאַ — „און דער נאָמען שטאַמט פון שמאי...", איז ער זיכער געווען.

זינט מיין ערשטער רייזע אַמאָל פון עכו קיין צפת האָב איך באַוווּנדערט דעם פּיטאָרעסקן און שאַרפן קער פונעם שאָסיי, דורכפאָרנדיק די בריק איבערן נחל־מירון, פאָרן דאָרף מירון. שיין איז דאָ, פאַרכאַפּנדיק, שווער אָנצוזעטיקן דאָס אויג, ווען איר פאָרט נאָר פאַרביי... דאָס טייכל קומט אַנטקעגן פלוצלינג פון מערב, פון אַראָפּהענג פונעם מירון־באַרג, און לאָזט זיך אַרונטער אויף מזרח צום נחל־עמוד, וואָס ווינקט צו אייך פון עטוואָס ווייטער. זיין מערב־טייל איז אַ נאַטור־רעזערוואַט. דרומדיק פון טייכל — וואָס טראָגט שוין בלויז דעם נאָמען, ווייל זיין וואַסער איז אַריינגעפאַנגען געוואָרן אין רערן, וואָס צעפירן עס איבער פעלדער — הייבט זיך אַ הויכפּליין, באַוואַלדיקט דורך שלאַנקע סאָסנע־ביימער. אויף מזרח־זייט שניידט דעם באַרג שאַרף אָפּ אַ צווייטער טייך־בעקן און אויך

אין מערב גרענעצט אָפּ דעם באַרג אַ טייכל. קוקט איר, אַרויפשפּרייזנדיק, אפילו פון צווישן דיביימער, פאַרבליפט אייך דער צפתער כנען, ווי אַן איינגעטונקטער מיטן שפּיץ אין וואָלקנס. און דעם בית־עלמין־שיפּוע זעט איר פון ווייטן ווי באַהערשט דורך געהיימנישפולע דורכזיכטיקע ציגער פון גרוילעכן הימל אין אָן־זוניקן נאָכמיטאָג. ביי דער זייט, ווי אָנצוטאַפּן מיט דער האַנט, דער מירון, איז גאָר באַגילדט מיט זון, און אַ הייב־קלעטער ווייטער — ווינקט אייך אַריבער דער בלוי פון כנרת... אין דער צייט אפילו פון ר׳ מנחם־מענדל פון צפת, אין זיין „היודע בהרים״ (1835), זענען דאָ נאָך קיין ביימער נישט געוואַקסן: „פאַר־שׂרפעטע פעלדזן האָבן געפירט אַרויף צום קבר פון רבינו שמאי״. די ביימער האָבן שוין פאַרפלאַנצט די צוריקקערנדיקע יידן אין די לעצטע דורות. דער פליין גופא אויפן באַרג איז נישט פאַרביימערט; פון צווישן די אַלטע חורבות, אַרום די געטעסעטע שטיינער, רייסן זיך פון דער ערד אַרויס ווילד־געוויקסן, אָבער בלויז נידעריקע דערנער און קוסטן.

דאָ, אויפן בערגל, כאַטש מיט אַ לייכטן צוטריט זינט דאָס וואַסער פון די בעקנס איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין רערן, וואָס זעט אויס ווי אַ נאַטירלעך־באַשאַפענע פעסטונג, אַ מין שוואַכערע מצדה, דאָ געפינט זיך — ווי עס שרייבט דער באַקאַנטער געשיכטע־פאַרשער ד״ר צבי אילן — „אַן איבערבלייב, וואָס וויניק ייִדישע יישובים פון דער עפּאָכע פון בית־שני און פון נאָכן חורבן, זענען פאַרבליבן אין אַזאַ פולער גאַנצקייט, ווי די דאָזיקע שטאָט״.

די דאָזיקע שטאָט האָט — וואָרשיינלעך, קיין שריפטלעכע באַשטעטיקונגען זענען נישט געפונען געוואָרן אין די אַרכעאָלאָגישע גראָבונגען — געהייסן תקוע (טעקאָאַ), תקוע הגלילית, די גלילדיקע, באַצייכנט מען זי, אונטערצושיידן פון תקוע אויף דער גרענעץ פון יהודה־מדבר, די שטאָט פון עמוס הנביא. תקוע איז געווען פאַראייניקט, זיך גערעכנט אַלס טייל, אָדער פאַרשטאָט פון מירון, און דאָ האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים רבי שמעון בר יוחאי, ווי עס דערציילט רבי, דער גרויסער ר׳ יהודה הנשיא, „כשהייתי לומד תורה אצל ר׳ שמעון בתקוע״ („ווען איך האָב געלערנט תורה ביי רבי שמעון אין תקוע״).

מען דאַרף נישט זיין קיין אַרכעאָלאָג צו זען, אַז דאָ איז געווען אַ שטאָט; דאָס באַווייזן די געביידעס־טיילן, גאַסן, באַרג־טעראַסעס. אָבער עס וואַרפט זיך אין די אויגן איין גרויסער איבערבלייב — אַ גאַנצער מאָנומענט, נישט קיין ווין־הויז, מער אַ פאַרצייטיקער מאַוזאָליי, אַן אויסנאַמלעכער קבורה־בניין. דריי מעטער מיט אַכציק סענטימעטער די לענג, צוויי מעטער מיט פערציק די ברייט און צוויי מעטער מיט פופציק סענטימעטער די הייך. צונויפגעשטעלט איז דאָס געביי פון ריזיקע שטיינער, איין גאַנצער שטיין איז יעדע פון די ווענט, אין דער גאַנצער ברייט און לענג. אַן אַנאָנימער רייזנדער, אין „מסעות בארץ הקודש״, דערשינען אין ליוואָרנאָ, איטאַליע, אין יאָר 1495, שרייבט: „כ׳בין געווען אין תקוע. כ׳האָב געזען די קבורה פון שמאי און זיין ווייב זצ״ל, באַגראָבן אין איין גרויסן שטיין, וואָס איך האָב אַזעלכן נאָך נישט געזען. און אונטערן שטיין איז פאַראַן אַ הייל פון שמאיס תלמידים זכרון צדיקים לברכה״.

דאָס איז אַ צוויי־שטאָקיקע געביידע. דער ערשטער שטאָק איז נידעריקער,

אויף פונדאַמענט־שטיינער, באַזיצט אַ שמאָלן אַריינגאַנג אין מזרח־זייט. צווישן ערשטן און צווייטן שטאָק געפינט זיך איין ריזיקער שטיין, וואָס לויט דער אויסרעכענונג פון ספּעציאַליסטן־געלערנטע, וועגט ער צוועלף טאָן. אין דאָזיקן שטיין, דער דיל, הייסט עס, פון צווייטן שטאָק געפינען זיך צוויי אויסגעהאַקטע, איינער לעבן צווייטן, פאַרקיילעכטע ערטער פאַר קערפּערס אין דער לענג פון אַ דערוואַקסענעם מענטש, איבערגעלאָזט אַן אונטערהייבונג אויפן אָרט פון קאָפּ.

טייל פאָרשערס שטעלן פעסט, אַז דאָס איז אַ מעגאַליטן־בנין פון דער שטיין־אָדער פריער בראָנדז־עפּאָכע, פון אַ פיר טויזנט יאָר איידער רבי שמאי איז געבוירן געוואָרן... אַנדערע פאָרשערס שרייבן דאָס צו דער פעניקער־עפּאָכע; מען האָט געפונען ענלעכע קברים־געביַיען, כאָטש נישט אַזעלכע ריזיקע, אין דער געגנט פון צור, אין היינטיקן לבנון, וואָס איז געווען אַ הויפּט־פּאַרט־שטאָט פון די פעניקער.

א. ב. צעראַטאַ האָט געלאַכט: „וואָס ,דיינע' געלערנטע זאָגן... זיי ווייסן וואָס זיי רעדן ?...” — און ער האָט צוגעגעבן זיין ספּעציפישן „פּירוש” — „די יידן האָבן צוגעדעקט שמאי ספּעציעל מיט גרויסע שטיינער, ער זאָל נישט קאָנען אַרויס פון קבר... פאַרשטייסט, דער דין איז דאָך שטענדיק לויט דער מעסיקער שיטה פון בית־הלל, האָבן די יידן מורא געהאַט, אַז די ידיעה וועט אָנקומען אויף יענער וועלט, וועט שמאי אַרויס פון קבר און איינפירן זיין קנאָישן שטייגער... אָבער נעם קריך אַרויס פון אונטער אַזעלכע שטיינער...”

יעדנפאַלס, שוין מער ווי אַ האַלבער יאָרטויזנט — און ווער ווייסט וויפל פריער אויך — ווי יידן שרייבן וועגן דאָזיקן מאָנומענט, און זייער אָפּט און אַ סך, ווי וועגן קבר־שמאי. אַזוי לייענען מיר אין ספר „יחוס אָבות” פון יאָר רצ”ז (1537): „אין מערב פון דאָרף מירון, אויפן שפּיץ פון אַ באַרג, שמאי און זיין פרוי אין אַ גרויסן מאָנומענט פון איין שטיין און עס געפינען זיך דאָרט, אין דאָזיקן שטיין, צוויי מולטערס מיט זיסן וואַסער און אין דער נידער פון זעלבן אָרט איז פאַראַן אַ הייל מיט צען קבורה־נישעס, אין וועלכע עס רוען די תלמידים פון שמאי, עליו השלום”.

די אַראַבער רופן דעם געביי „אַ־סאַריר”, וואָס באַדייט „וויגל”. אפשר צוליב דער ענלעכקייט פון די קבורה־מולטערס צו וויגלעך...

„נאָך נישט געענדיקט מיט שמאי און מיט זיין קבר...” — פאַרדריסט שוין צעראַטאַן.

אַ תלמיד, זיין נאָמען איז נישט באַקאַנט, פון ר' חיים בן־עטר, שרייבט צו זיין רבי אין יאָר תק”ב (1742): „דער שוואַנגערנדיקער שטיין, רופט מען עס, און יעדן שטיין פון זיי קאָן די מערהייט וואָס קומען אַרויף, נישט טרייסלען צוליב זיין גרייס, דאָס זענען פינף שטיינער איינער אויפן צווייטן. און יש אומרים, אַז די שנור פון שמאי האָט געמאַכט די דאָזיקע שטיינער און איז דאָרט באַגראָבן געוואָרן. פון דאָרט זענען מיר געגאַנגען צו אַ גרויסער הייל, ווו עס געפינען זיך פערצן נישעס, מען זאָגט אַז דאָס זענען שמאיס תלמידים”. דער נאָמען „שוואַנגערנדיקער שטיין”, ווידער, האָט שוין אַ צווייטן מקור. אין דער משנה (סוכה ב', ה') ווערט דערציילט אַז די שנור פון שמאי האָט געבוירן אַ יינגעלע אין

מיטן יום־טוב סוכות. איר פֿאָטער האָט צעבראָכן אַ שטיקל סופיט איבער איר בעט, כדי עס זאָל זיין אַ מין סוכה איבערן ביי־געבוירענעם קינד, ווייל לויט שמאי איז אויך אַזאַ פּיצל קינד מחוייב מקיים צו זיין די מצווה פֿון עסן אין סוכה...

ר׳ מנחם־מענדל פֿון צפת דערציילט („אורחות מנחם״, 1835) וועגן דאָזיקן אייגנאַרטיקן מאַוזאָליי, וואָס האָט שטענדיק געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון יידן: „דאָרט ליגט רבי־שמאי און זיינע ביידן תלמידים און נאָענט פֿון דעם געפֿינט זיך דער קבר פֿון דער שנור פֿון שמאי און אויף איר קבר ליגט איין שטיין. איבעם שטיין זענען אויסגעהאַקט פּאַרטיפֿונגען ווי צוויי מולטערס און שטענדיק געפֿינט זיך אין זיי וואַסער, אויך ווען מען באַנוצט זיי אַ סך — פֿעלט קיינמאָל נישט. מען דערציילט אַז בעתן טויט פֿון איר שווער האָט זי אַ סך געוויינט, זיין שנור, און פֿון דעם געמפּילט אַ צווילינג אין פֿעלד. איז דאָרט נישט געווען קיין וואַסער צו טאָן ווי עס פּירט זיך, איז געשען אַ נס און עס זענען געפֿונען געוואָרן די דאָזיקע שטיינער מיט וואַסער און דערנאָך האָט מען זיי אַוועקגעלייגט אויף איר קבר״.

די צווייטע געביידע — בעסער געזאָגט, איבערבלייבענישן פֿון איר — וואָס ציט דאָ די אויפֿמערקזאַמקייט, איז אַ לאַנגער בניין, פֿון וועלכן עס זענען פֿאַר־בליבן גאַנץ שטיקער ווענט ביז צוויי מעטער די הייך, געבויט פֿון שטיינער. די הינטערשטע וואַנט איז געוואַנדן צו דרום, אין דער זייט פֿון ירושלים. מען זעט גלייך, אַז דאָס איז אַ בית־כנסת. צוויי אַריינגאַנגען, אייגער אין צפֿון, דער צווייטער אין מערב, פֿון וועלכן טרעפּ האָבן געפֿירט צום תּפֿילה־זאַל, וואָס איז געווען ביי זעכצן מעטער די לענג און עלף אין דער ברייט. צוויי רייען זיילן, מיט פּשוט־באַאַרבעטע קרוינען, וואָס זענען אייגער נישט ענלעך צום צווייטן. אין צענטער פֿון דער דרום־וואַנט געפֿינט זיך אַ שמאָלע שטיינערנע בינע, אויף וועלכער עס איז, וואַרשיינלעך, געשטאַנען דער אָרון־קודש. הינטער די טרעפּ אויף מערב־זייט געפֿינט זיך אַן אויסגעגראָבענע קליינע הייל, וואָס איז, לויט די אַרכעאָלאָגן, געווען די „גניזה״ פֿון בית־הכנסת. לויט די געפֿונענע שטיקלעך, איז דער גאַנצער דיל געווען פֿון מאָזאַיק. דער דאָזיקער בניין איז אויפֿגעבויט געוואָרן נאָך דער ערד־ציטערניש אין יאָר 306 פֿון דער קריסטלעכער צייטרעכענונג (די ערד־ציטערניש אין דאָזיקן יאָר האָט אויך חרוב געמאַכט די בתי־כנסת אין כּפֿר־נחום און כורזין). דער דאָזיקער בית־כנסת איז געבויט געוואָרן אויפֿן זעלבן אָרט פֿון אַ בית־כנסת, וואָס די ערד־ציטערניש האָט חרוב געמאַכט, און איז געווען געבויט מיט העכער הונדערט יאָר פֿריער. די געפֿונענע שטיקלעך פֿון אָרון־קודש געהערן צום ערשטן בניין. אויך די טירן אין צפֿון און אין מערב זענען געבליבענע פֿון אַלטן בית־כנסת, צוזאַמען מיט די שיין־געשניצטע ביישטידלעך. דאָס אויבערשטידל מיט דער אויסגעשניצטער מנורה שטאַמט נאָך פֿון ערשטן בית־כנסת. דער צווייטער בית־כנסת איז חרוב געוואָרן אין דער צווייטער העלפֿט פֿון זעקסטן יאָרהונדערט — דאָס באַווייזן די געפֿונענע מטבעות פֿון פֿאַרשיידענע עפּאָכעס, אָבער די לעצטע שטאַמט פֿון יאָר 551.

מיר האָבן גערוט, זיצנדיק אויף אייגער פֿון די מעכטיקע שטיין־בענק פֿאַזע די ווענט, וואָס שטאַמען אויך פֿון ערשטן מקום־קדוש, פּונקט ווי דער ליגנדיקער

פאַר אונדז גרויסער געשניצטער באַציר־שטיין, מיט אויסגעהאַמערטע געוויקסן און געאָמעטרישע פיגורן, אָן שום אותיות, אָדער סימן פון אַן אויפשריפט.

ביי דער צפון־זייט פון בית־כנסת — איבערבלייבענישן פון אַ געביידע, וואָס די אַרכעאָלאָגן באַטראַכטן ווי אַ בית־מדרש און אַן אַכסניה צוזאַמען. צו־געבויט צום בית־כנסת איז געווען אַ מקווה־טהרה, פון וועלכער די געבליבענע חורבות ווייזן, אַז מען האָט זי דעמאָלט שוין געבויט אין די מאָסן, וואָס זענען אָנגענומען ביי יידן ביז היינט.



די חורבות פון בית־הכנסת אין תקוע הגלילית

ענלעכע איבערבלייבענישן פון געביידעס האָבן מיר אָנגעציילט ביז עלף, אויסער קאָנטיקע פונדאַמענטן פון פולשטענדיק חרוב־געוואָרענע הייזער. איבערן גאַנצן פלאַץ זענען צעוואָרפן ביישטידלען, שוועלן, ווינקלשטיינער, זיילן־קעפ מיט באַצירונגען, שטיקער פון זיילן. גרויסע טיילן זענען איבערגעבליבן פון אַ בוימלפּרעסעריי. מיר זענען געווויינט צו זען פון אַ פּאַרצייַטיקער בוימלפּרעסעריי דעם קיילעכדיקן שווערן פרעס־שטיין מיט אַ לאָך אינמיטן, וואָס האָט אַרויס־געפּרעסט פון די איילבירטן דעם בוימל. דאָ, אָבער, זענען חוץ דעם פאַרבליבן צוויי הויכע פעסטע און פולע פּירקאַנטיקע זיילן, אויף וועלכע עס איז געווען אַ בעליק און פון אים איז אַראָפּגעהאַנגען אַ שטאַנג צום פּרעס־שטיין. די צוויי זיילן רופן זיך „בתולות”. צעראַטאַ האָט געהאַלטן פשוט: „ווייל זיי בלייבן שטענדיק גאַנץ און אומבאַרירט...” — ער האָט מעגלעך געהאַט רעכט. קיינער האָט מיר נישט אויפגעקלערט, אַזוי האָט מען זיי גערופן שוין אין דער תלמוד־צייט: „דער וואָס פאַרקויפט אַן איילפּרעסעריי, האָט אויך פאַרקויפט דעם בעקן, דעם פּרעס־שטיין און די בתולות” (בבא בתרא, ד׳ ה׳).

דער מזרחדיקער אראָפּהענג פון באַרג איז אַ שאַרפער שיפּוע. דאָך זענען דאָ געווען, און געבליבן חורבות, נישט באַזעצטע, נישט איבערגעבויטע אין די לעצטע צוויי יאָרטויזנטער, אָדער עפּעס וויניקער. מען האָט געלעבט דווקא אויף דעם שיפּוע. מען איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ איבער דעכער, ווי עס דערציילט טאָקע ר׳ יהודה הנשיא, רבי, וועגן דער צייט ווען ער האָט געלערנט ביי ר׳ שמעון אין תקוע, „האָבן מיר געבראַכט בוימל און אַ האַנטעך פון הויף אויפן דאַך, און פון דאַך אויפן אַרומגעצוימטן פּלעצל, און פון פּלעצל, דורך אַ נידעריקן דאַך, אויף אַ צווייט פּלעצל, ביז מיר האָבן אַראָפּגענידערט צום קוואַל און זיך דאָרט געוואַשן״ (תוספתא, עירובין ח׳, ו׳).

תקוע איז רייך געווען דורך איר בוימל און דערפאַר בכלל באַרימט געווען מיט איר עשירות. האָבן חז״ל געדרשנט: „תקוע איז אויפן ערשטן פּלאַץ מיט בוימל״ (משנה, מנחות ח׳, ג׳ — דאָרט זאָגט זיך „תקועה״) און „מען עסט איילבירטן, ביז עס ענדיקט זיך דער לעצטער אין תקוע״ (תוספתא, שביעית ז׳, ט״ו), צום שפּעטסטנס זענען געוואַקסן און רייף געוואָרן איילבירטן אין תקוע, און „דער בוימל פאַרן בית־המקדש איז געבראַכט געוואָרן פון תקוע הגלילית״ (דאָרט, ל״ד). נאָך מער: „האָבן געפרעגט אונדזערע חכמים: פאַרוואָס מאַכן מיר אַכט טעג חנוכה? ווען די גריכן האָבן טמא געמאַכט די בוימלען אין בית־המקדש, האָט מען געשיקט מענטשן קיין תקוע אין גליל צו ברענגען פון דאָרט ריינעם און פרישן שמן זית, ווייל פון דאָרט קומען די בוימלען. האָט זייער וועג געדויערט פיר טעג פון ירושלים קיין תקוע און פיר טעג צוריק קיין ירושלים. יהודה המכבי האָט דעריבער אויף זיי געוואַרט, זיי זאָלן ברענגען ריינעם כשרן בוימל פון תקוע. דעמאָלט איז געשען דער נס און דאָס קריגל מיט ריינעם בוימל האָט געסטייַעט אויף אַכט טעג״ (ר׳ בנימין מוספיא, „חשיבות הגאונים״, זייט ל״ג).

איך האָב אַרונטערגעשטעקט די האַנט אונטערן „שוואַנגערשאַפט־שטיין״ און זי אַרויסגענומען אַן איינגענעצטע אין בלאָטע. צעראַטאַ האָט מיר אַ פּאַטש געגעבן איבער דער האַנט, מיט אַ שמייכל: „טו נישט קיין לעק, ווערסט נאָך פאַרשוואַנגערן...״ וואָס איז?... „מען זאָגט, אַז דאָס העלפט צו שוואַנגערשאַפט...״ — ער האָט געענטפערט נישט געוווסט, „מסתמא נאָך עפּעס אַ לעגענדע...״ יאָרן שפּעטער איז מיר אַריינגעפאַלן אין האַנט דאָס ביכל „מסע מירון״, אַרויסגעגעבן אין פּעטערבורג אין יאָר 1889, פון מנחם־מענדל ראַבין, וועלכער האָט באַזוכט ארץ־ישראל. ער האָט זיך משתטח געווען אויפן קבר פון שמאי און שרייבט וועגן קבר פון זיין שנור: „עס איז אָנגענומען ביי די איינוווינערס פון הייליקן לאַנד, אַז אויב אַ פרוי וואָס גייט שווער צו קימפּעט, וועט טרינקען דאָס וואַסער אויס־געמישט מיט אַ ביסל ערד פון דאָזיקן באָדן פון אונטער דער מצבה, דאַן וועט זי תיכף געבוירן. דאָס איז קאָנטראָלירט און אויסגעפּרווט, זיכער״...

צום סוף האָבן מיר זיך דערנענטערט צו אַ הויכן שטיין, מיט אַ גלאַטער אויבערפלאַך און אָנשפּאַר פון הינטן. „דאָס איז די ,כיסא אליהו הנביא׳ ״ — האָט מיר צעראַטאַ פייערלעך געמאָלדן. אַן אַלטע לעגענדע גייט איבער, אַז דאָ, אויף דער שטול „וועט זיך באחרית הימים אַוועקזעצן אליהו הנביא גלייך נאָכן

אַראָפּקומען פון הימל, דאָ בלאָזן אין שופר און אָנזאָגן דאָס קומען פון משיח בן־דוד" („יחוס האָבות").

האָט צעראַטאַ געזאָגט מיט פּאַראיבל: „זעסטו... דער ערשטער וועט זיך אויפכאַפּן דער בייזער תנא שמאי..."

די „שטול פון אליהו הנביא" הייסט ביי די אַראַבער „כאַדזשער על־כיבלע", דער „שטיין פון דער קימפּעטאָרין".

„אַלץ איז דאָ פאַרבונדן מיט קימפּעט, שוואַנגערשאַפט, מפּלען..." — האָב איך באַמערקט.

צעראַטאַ האָט מניה וביה געענטפערט: „ביז משיח וועט געבוירן ווערן..."

*

מיר האָבן אַראָפּגענידערט דורכן מער פלאַכן מערב־שיפּוע. בלויז אַ הונדערט מעטער פון שפּיץ, טעראַסעמעסיק משופּע, האָבן מיר אָנגעטראָפן אַן אָרעם, אָבער ציכטיק דערפל. כּפר־שמאי. אַ פּופּציק יידישע פאַמיליעס, געבראַכטע פון תימן „אויף די אָדלער־פליגל" (די אַקציע „על כנפי נשרים"), האָט מען דאָ באַזעצט אין 1949. זיי זענען אַהער געקומען גלייך פון עראָפּלאַן אין לוד, און אויפגעבויט אַ מושב אין די ראַמען פון „הפּועל המזרחי". גאַטפּאָרכטיקע און אַרבעטזאַמע יידן, גרינגע זייערע פעלדער און די שטיבלעך זענען גלאַנציק־ווייס. קינדערלעך מיט לאַנגע פּיאות לויפן אַרום אין די פּאָר זאַמדיקע געסלעך און קוקן מיט פאַר־וווּנדערונג אויף די צוויי פאַרשפּעטיקטע דורכגייערס. די אַראַבישע הייזקעס פון דאָרף סאַמועי, אין וועלכע מען האָט זיי באַזעצט, זענען לאַנג שוין פאַרשווּנדן. ביין־און־דרייסיק אַזעלכע הייזער זענען געווען אין סאַמועי, וועלכע די איינ־וווינערס האָבן אייליק פאַרלאָזט בעת דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה. אויף זייער אָרט שטייען עטלעכע־פופציק פּשוטע סוכנות־הייזקעס פון די ערשטע מדינה־יאָרן, ווייסע מיט רויטע דאַכלקע־דעכער, באַצירטע מיט ראַדיאָ־אַנטענעס און זון־קעסלען אויף וואַרעם וואַסער.

דער קליינער בית־כנסת איז פול צו מנחה. מען בעט אונדז העפלעך אַריין אינעווייניק, ווען מיר קוקן אַריין דורך אַ פענצטער. ווי עס גייט? „ברוך השם..." דער מושב געפינט זיך זעקס הונדערט מיט פינף־און־צוואַנציק מעטער איבערן ים־פלאַך. „ביי אונדז איז קיינמאָל נישט הייס, נישטאָ קיין כאַמסינען..."

ביי דער שטילקייט פון שמונה־עשרה אין שילעכל, רוימט מיר צעראַטאַ איין אויפן אויער: „פאַר זיי איז צוגעפּאַסט דער נאָמען פון מושב... זיי זענען סיי־ווי מחמיר אין אַלע דינים און מצוות, ווי בית־שמאי..."

נאָכן דאַווענען האָט פון דעסטוועגן צעראַטאַ זיך דערנענטערט צום אַלטיטשקן, מיט אַ ווייסער באָרד, וועלכער איז געזעסן אויף דער בימה און אַלע האָבן געקוקט אויף אים מיט כבוד.

„זייער רב, זיכער", יעדנפאַלס האָט ער אים טיטולירט „כבוד הרב", און אים דערציילט וועגן אונדזערס אַ משורר, וועלכער האָט געשריבן, אַז „דריי הונדערט אייזלען באַלאָדן מיט לידער — האָט דער פּייטן שבזי געטריבן פון תימן קיין ארץ־ישראל".

דער אַלטער האָט צופרידן געענטפערט: „אוודאי... יאָ, איר ווייסט? רבי

שלם זכרונו לברכה... און ער איז יעדן פרייטיק געקומען, דורך קפיצת הדרך, קיין צפת לערנען נסתר, און קיין ירושלים צום כותל מתפלל זיין... און נאָך הבדלה צוריקגעקומען גלייך קיין צנעה; אַ קדוש, מיט קפיצת הדרך..."

מיין חבר האָט ציטירט ווייטער, שוין פאַר מיר, אברהם סוצקעווערס ליד וועגן יידישן דיכטער פון תימן:

„פּייטן שבזי,
איך בין דיך מקנא,
ס'זענען די אייזלען אומזיסט נישט געגאַנגען.
אויף דיין אייניקלס חתונה שוועבן די קלאַנגען,
ווי טויבן מיט גילדענע גלעקלעך באַהאַנגען".

„הערסט, ווי עס ,שוועבן די קלאַנגען' פון רבי שלם בן יוסף שבזי אויך דאָ, אין כפר־שמאי? ביי אַ פּשוטער מנחה... דאָ וואָס מקנא צו זיין..." — האָט געשעפּטשעט צו מיר, צי צו זיך אַליין, אברהם־בער צעראַטאַ.

1983

ווי דער שמש פון צפת האָט פאַרהאַלטן די גאולה...

די מעשה איז פאַרבונדן מיט דער „כיסא אליהו הנביא", דעם לעגענדאַרן אוראַלטן שטיין אויפן באַרג אַנטקעגן הר־מירון, אין דער הייך ווו עס האָט זיך געפונען די תלמוד־שטאָט תקוע הגלילית; אָבער זאָל מיר דערלויבט זיין דאָס אָנהייבן מיט שורות וועגן אומפאַרגעסלעכע פערזענלעכע זכרונות.

*

אַן ערך אַ וואָך צייט נאָך מיין אָנקומען קיין ישראל, בין איך צום ערשטן מאָל געקומען פון חיפה, ווו איך האָב זיך פאַרהאַלטן נאָכן אָפּגעשטייגן פון דער שיף, קיין תל־אביב. דעם ערשטן טאָג, גלייך אינדערפרי, בין איך אַראָפּ אַליין „וואַנדערן אין שטוינונג" איבער די גאַסן פון דער אַזוי פיל געמאָלענער און באַזונגענער אין דער יידישער וועלט, „ערשטער יידישער שטאָט אין דער נייער צייט"...

עס איז געווען אַ זוניק־צעבליטער פרילינג־טאָג. די גאַנץ־קליינע דעמאָלט שטאָט, אָן די היינטיקע גרויסשטאָטישע צעבויטקייט און צערעשטקייט, איז געווען איינגעטונקען אין גרינס און אין בלומען אַרום יעדן הויז. נישט די בליונג האָט געצויגן מיין פאַראינטערעסירונג. אויך נישט די הייזער, אפילו נישט די וואָס איך האָב דערקענט פון געזעענע בילדער; נישט זייערע פאַרשיידנאַרטיקע סטילן, אָדער סטיללאָזיקייט... איך האָב בלויז מיט פריידיקער אומגלייבלעכקייט געלייענט די העברעיִשע שילדן, די אומבאַקאַנטע פאַר מיר נעמען פון געשעפטן־פירמעס; אָבער דער עיקר — די נעמען פון די גאַסן. אַלט־יידישע העלדן, מאָדערנע שרייבערס, פּירערס, רבנים, תנאים...

צוויי מענטשן האָבן מיך דערקענט און אָפּגעשטעלט בעת יענעם ערשטן שפּאַציר מיינעם איבער תל־אביב.

אויף אַ זייטיקער גאַס האָט מיך דער ערשטער גערופן, הינטער מיר פון ווייטן, ביי מיין אַלטן פען־נאָמען „פעדער", דער יידישער שרייבער יעקב באַטאַ־

שאַנסקי פון אַרגענטינע, וועלכער האָט זיך פונקט געפונען אויף אַ באַזוך אין ישראל. זיין קול האָב איך לייכט דערקענט — מיר האָבן זיך די לעצטע יאָרן פיל מאָל געטראָפן, אין דער מלחמה־צייט אין דרום־אַמעריקע, גלייך נאָך דער מלחמה, אין אייראָפּע, און איך האָב זיך אומגעקוקט, באַטאַשאַנסקי האָט געזוכט עפּעס אַ גאַס און געוואָלט ביי מיר געוויר ווערן ווו זי געפינט זיך...

מיטאָג־צייט, גייענדיק אויף אַלענבי־גאַס, נאָך אַלץ פאַרקוקט און לייענענדיק שילדן, האָב איך פּלוצלינג דערהערט ווי עמעצער רופט „מרדכי", פּשוט, מיין נאָמען טאָקע — עס איז מיר אָבער אפילו נישט איינגעפאַלן זיך אומצוקוקן. עס פעלן מרדכיס איז אַזאַ יידישער שטאָט ?... דאָס קול האָב איך אוודאי נישט דערקענט נאָך צען יאָר ווי איך האָב עס נישט געהערט און עס האָט מיך גאָרנישט געזאָגט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אַפּטייק, וואָס האָט געטראָגן דעם גרויסן שילד „רמב"ם". איך האָב קוים באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן, ווי צוגע־פּאַסט עס איז דער נאָמען פון רמב"ם, דעם דאָקטאָר, אויף אַן אַפּטייק, און אַז דאָס איז מעגלעך בלויז אין אַ יידישער שטאָט... דער „מרדכי"־רוף האָט זיך היגטער מיר שנעל דערנענטערט און גלייך האָבן אַ פּאָר הענט מיך אָנגעכאַפּט ביי די אַקסלען... איך האָב זיך שנעל אומגעדרייט — פאַר מיר איז געשטאַנען מיין יוגנט־חבר אור לאַנג־לאַנג־יאָריקער פריינד, אין וואַרשע און אין פּאַריז, דער קינסטלער מעטאַלפּלאַסטיקער אריה מערזער. מיר האָבן זיך דאָס לעצטע מאָל געזען אויפן פּאַריזער וואַקזאַל, זומער 1939, אַ דריי חדשים פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען איך בין אָפּגעפאָרן קיין דרום־אַמעריקע.

ווען מיר האָבן אָפּגעווישט פון אונדזערע פּנימער ביידנס אויסגעמישטע טרערן, פון אומדערוואַרטן צונויפטרעף, און פונעם „ווײ, ווײ... וואָס אין די צען יאָר זינט מיר האָבן זיך נישט געזען, איז זיך פאַרלאָפן..." — זענען מיר אַוועקגעפאָרן אין מערזערס וווינונג אין חולון, ווען אַרום האָבן נאָך דאָרט געהערשט זאַמדן.

דאָס איז געווען אין מאַי 1949.

איך האָב זיך געזעגנט מיט מיין אַלטן חבר מערזער, פאַרזיכערנדיק אים וואָס פריער צו קומען אויף אַ פּאָר טעג אין זיין הויפּט־וווינונג און אַטעליע, וואָס האָבן זיך שוין געפונען אינעם קינסטלער־קוואַרטאַל פון אַלטן צפת.

די ערשטע איינאָרדענונגען פון אַ נייעם עולה האָבן ביי מיר פאַרנומען דעם גאַנצן זומער. ערשט אין דער ימים־נוראים־צייט, דירעקט פאַר זיי, אָדער אפשר שוין צווישן זיי, בין איך אַ פריייטיק פאַרמיטאָג אָנגעקומען פון מיין היים אין עמק־יזרעאל, אויף שבת קיין צפת.

אויף מיטאָג ביי דער מערזער־משפּחה איז געווען נאָך אַ גאַסט — די ערשטע דאַמע פון העברעישן טעאַטער, די בינע־קינסטלערין חנה ראַווינאַ, וועלכע האָט זיך געפונען אויף אָפּרו אין צפת.

איך האָב ביי מערזערן געטראָפן קונסט־בלעכן מיט נייע טעמעס. ער האָט שוין אויסגעהאַמערט נישט בלויז אונדזערע פּוילישע יידן, נאָר אויך ארץ־ישראל־דיקע מאָטיוון, אויך צפתער מקובלים. ער האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן אַ קופּער־באַרעליעף פון אַ ייד, וועלכער קלעטערט מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן, ווי איז דער פינצטער, צווישן בערג, דער טלית צעכראַסטעט אין ווינט און אין

גאַרטל איז געווען אַריינגעשטעקט אַ גרויסער שופר. דאָס פּנים איז געווען אָנ־געשטרענגט, ווי יאָגנדיק זיך און זוכנדיק עפּעס...

„ווער דאַרף דאָס פאַרשטעלן, אריה?" — האָב איך אָנגעוויזן אויפן דאָזיקן נייעם, נאָך נישט אויסגעענדיקטן ווערק זײַנעם.

„שפּעטער..." — האָט מערזער געענטפערט און אָפּגעהאַקט.

*

דאָס איז געווען מײַן ערשטער באַזוך אין דער הייליקער מקובלים־שטאָט.

מיר האָבן ביים טיש דערמאָנט אַמאָליקע יאָרן, אַלטע חברים... וואַרשע... פּאַריז... אָבער מערזער האָט כּסדר איבערגעחזרט: „ביסט אין צפת, מרדכי... מיר געפינען זיך אין אונדזער עכטן הייליקן צפת... וועסט זען, וואָס דאָס באַדייט..."

גלייך נאָכמיטאָג זענען מיר אַלע דריי, ראָווינאַ, מערזער און איך, אַוועק אויפן אַלטן בית־עלמין. „די קברים וועלן מיר אים וויַיזן, כּל־זמן עס איז ליכטיק און פאַר שבת" — האָט ער געזאָגט צו ראָווינאַ. מיר זענען אַריין אויפן הייליקן אָרט דורך אַן אויבערשטן טויער. מערזער איז געגאַנגען דער ערשטער, ער האָט שוין געקענט אַלע קברים. מיר האָבן, ראשית־כּל, אַראָפּגענידערט, און באַלד זענען מיר געשטאַנען פאַרן קבר פון אר"י הקדוש. אַ ווייטער פון קבלה, אַ סקעפּ־טיקער צו איר, ווי איך בין, האָב איך דאָך געלייענט מיט אַן אינערלעכן ציטער, געריירט: „ציון המקובל רבי יצחק לוריא אשכנזי". דערלעבן האָבן אויף מיר, דעם געוועזענעם ישיבה־בחור, דאָך געווירקט און צו מיר „גערעדט" די מצבות פון רדב"ז און המבי"ט. און לייכט זיך פאַרצושטעלן, ווען מערזער האָט אונדז אַראָפּגעפירט אַ ביסעלע נידעריקער און מיר זענען געבליבן שטיין פאַר אַ קבר, אויף וועלכן איך האָב איבערגעלייענט: „ציון הרב רבי יוסף קארו זצ"ל, הבעל שלחן הערוך". און אָט איז דער קבר פון מיטציַיטלער פונעם מחבר פון „שולחן ערוך" — דער „זקן" ר' משה אלשיך, וועמענס פּירוש אויף תנ"ך איך האָב אַמאָל געלערנט, שוין ווי׳סנדיק אַז מען האָט אין זיין „תורת משה", וואָס דאָס פאָלק האָט הונדערטער יאָרן גערופן „ספר אלשיך הקדוש", אַ צייט דערזוכט אפילו אפּיקורסות...

„דעם שבתדיקן ,לכה דודי' געדענקען מיר אַלע..." — האָט מערזער אויסגע־רופן ביי אַ נאָענטער מצבה, אויף וועלכער מיר האָבן געלייענט: „ר' שלמה בר' משה הלוי אלקבץ זצ"ל". יאָ, דער מחבר פון „לכה דודי לקראת כלה"...

מען איז אַרויף אַ ביסל העכער. אָט זענען די קברים פון די געהאַנגענע דורך די ענגלענדער אצ"ל־קעמפער; אין דער נאָענט — די קברים פון די געפאַלענע ביים באַפרייען צפת אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, „מיט אַ יאָר צוריק"...

„איר רעדט וועגן דראָפּען זיך איבערן באַרגיקן בית־הקברות..." — האָט חנה ראָווינאַ געזאָגט שטיל און פאַרטראַכט — „מיר שפּרינגען דאָך... שפּרינגען איבער יאָרהונדערטער יידישער געשיכטע, וואָס זענען אַריינגעקריצט אין די דאָזיקע מצבות און מיר לייענען ווי פון אַן אָפן בוך..."

האָט דאָך דער אר"י הקדוש געזאָגט: „אין צפת זענען נקבר געוואָרן כּפל־כּפליים, אַן שיער מאָל מער, פון די יוצאי־מצרים, צדיקים, קדושים, גיבורים און וועלט־גאונים".

נישט־ווייט, דוכט מיר, פון אר״יס מקווה, האָט זיך מערזוער מיט אונדז אָפּגעשטעלט ביי אַ קליין שטיינער־בערגל, אָן אַ מצבה. ער האָט גערעדט שטיל, מיט אַ סודותפולן טאָן. איך, ביי זיין זייט, האָב געהערט. ראַווינא, פון דער צווייטער זייט קבר, האָט געמוזט זאָגן: „העכער, מערזוער, וואָס פאַר אַ געהיימנישן דערציילסטו ?...״

מערזוער האָט בלויז געשעפּטשעט:

„דאָ ליגט רבי אבא בן אבא... דער שמש פון באַגדאַד... איר האָט געזען מיין נישט־פאַרענדיקטע בלעך ?... דאָ רוט ער... רבי משה פּאַדהאַצער האָט עס מיר אַליין דערציילט...״

*

מיר האָבן אָפּגעפירט חנה ראַווינאַ צו איר האָטעל און מיר זענען ביידע אַליין אַריין צו קבלת־שבת אין די שמאָלע, האַלב־חרובע געסלעך פון יידישן אַלט־צפת. מיר זענען געגאַנגען פון בית־כנסת צו בית־מדרש, גאַנצע און שטייענדיקע אין חורבות. מערזוער איז גאַרנישט מיד געוואָרן וועגן אַלע צו דערציילן. לאַנג זענען מיר פאַרבליבן אין דער ספרדישער עכטער שיל פון אר״י הקדוש. אין אַ שטריימל האָט דאָ געדאַוונט דער בירגערמייסטער ר׳ משה פּאַדהאַצער, פון דורות־דיקן צפתער קבלה־גזע. מערזוער האָט דאָ אַלץ געגלעט מיט די אויגן און נישט מיד געוואָרן מיך צו פירן פון ארון־קודש צו דער פעלדזן־נישע, אין וועלכער דער אר״י האָט געלערנט; פונעם הייליקן וואַסער־קוואַל צום הילצערנעם בעלעמער... מיך דורכגעפירט גראַבע ווענט פון הונדערטער יאָרן און פעלדזיקע לעכער אין חורבות... און גערעדט וועגן די גייסטער פון ר׳ משה קורדובירו, צי גאָר יוסף דע־לאַ־רינה, וואָס שוועבן אַרום אונדז „אין די דאָזיקע פאַרכטיקע טעג״...

*

שפּעט אין אָוונט איז ווידער געקומען חנה ראַווינאַ. זי האָט שוין האַלב־ערנסט און האַלב אין וויץ געזאָגט צו מיר: „איר האָט געמיינט אַז איך וועל אייך ביידן אַליין לאָזן אויסטרינקען דאָס גאַנצע פלעשל ,נאַפּאָלעאָן־קאָניאַק, וואָס איר האָט געבראַכט...״

אונטערן צעצווייגטן פייגנבוים און אויסגעשטערנטן הימל אין מערזוערס גאָך דעמאָלט נישט־צוגעדעקטן הויף, זענען מיר געזעסן ביי אַ קליין טישעלע. אין אָנהייב זאַלבעדריט און ווען אסתר מעזורער האָט געלייגט שלאָפן די קינדער, האָט זי זיך צוגעזעצט און מען האָט אָנגעגאָסן דאָס פּערטע גלעזל — מיר האָבן שוין בכלל מסתמא געטרונקען דעם „כוס רביעי״. מען האָט פּאַמעלעך געזופּט פון די גלעזלעך, און גערעדט האָט בלויז אַריה מערזוער. ער האָט איבערדערציילט, ווי אַריינלעבנדיק זיך אין איר — עס האָט זיך געפילט, אַז ער זעט טאַקע אַלץ „בעיני רוחו״ — אָן אַלטע לעגענדע, וואָס ער האָט געהערט „ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, פון ר׳ משהן גופא...״ דער בירגערמייסטער ר׳ משה פּאַדהאַצער, אַ „צפאָסער״ זייט דורות, האָט עס זיכער דערציילט אין בעסאַראַבישן מאַמע־לשון פון זיינע עלטער־זיידעס; מערזוער איז ווי אַריין אין אַ „טראַנס״, ווען ער האָט עס איבערדערציילט אין אונדזער פּוילישן מאַמע־לשון.

*

ווען איז דאָס פאָרגעקומען ? ווער ווייסט ? ווער פרעגט אויף אַ צייט פון אַ לעגענדע ?... „נישטאָ קיין לעגענדעס אין צפת!" — האָט געגלויבט מערזער — „אַלץ איז אמת, מעגלעך און ווירקלעך אין דער שטאָט פון קבלה... די צייט ? דאָס שפּילט קיין ראָל נישט — הונדערט יאָר פריער, צוויי הונדערט יאָר שפּעטער, דאָס איז נישט קיין נפקא מינה..."

איינמאָל איז אַריינגעקומען אין בית־הכנסת פון אר"י אַן אויסגעדאַרט ייִנגל פון דרייצן יאָר, אין אָפּגעריסענע קליידער, אַן אויסגעהונגערטער. אַ פרעמדער אין צפת.

דאָס איז געווען אַ קיילעכדיקער יתום, אָן שום משפּחה, געקומען פון באַגדאַד. זיין פאָטער איז געשטאָרבן אַ פּאָר וואָכן פאַר זיין געבורט, און ער האָט דעריבער באַקומען דעם טאַטנס נאָמען און זיך גערופן אבא ב"ר אבא. די מוטער איז גע־שטאָרבן אינעם קימפּעט מיט אים, דאָס ערשטע קינד אירס. דאָס ייִנגל איז דערי־בער דערצויגן געוואָרן אין אַ פאַרמאַכטן יתומים־אַנשטאַלט, ווו די קינדער האָבן פון קליינווייז אָן געאַרבעט און גאָרנישט געלערנט. „ווען עס האָט זיך דערנענ־טערט מיין בר־מצווה" — האָט דערציילט דער קליינער אבא — „איז מיר גע־קומען צו חלום מיין טאַטע ע"ה און געזאָגט איך זאָל אַנטלויפן אין אַ שטאָט פון תורה אין הייליקן לאַנד אַריין, דאָרט לערנען". האָט דאָס ייִנגל געפאָלגט זיין געשטאָרבענעם טאַטן, אַנטלאָפן ביינאַכט פון יתומים־הויז, געוואַנדערט דורך פעלדער און וועלדער, געגנבעט גרענעצן, זיך געשפּייזט מיט ווילדע געוויקסן און אָנגעקומען אין דער הייליקער שטאָט צפת. דער אַלטער שמש פון דער אר"י־שיל, אַ מקובל, ר' אברהם, האָט קיין קינדער און קיין יורש נישט געהאַט און האָט מיט פרייד גענומען צו זיך און אַדאָפּטירט אַלס זון דאָס ייִנגל פון באַגדאַד.

אבא האָט נישט באַוויזן פיל צו געניסן פון אַ ליבנדיקער היים און פון דער תורה פון ר' אברהם, וועלכער איז צוויי יאָר שפּעטער געשטאָרבן.

דער אַדאָפּטירטער זון האָט, ווי עס פירט זיך, געירשנט די אַרבעט פון זיין פאָטער — אין עלטער פון פופצן יאָר איז אבא געוואָרן שמש אין דער הייליקער מקובלים־שיל.

דער יונגער שמש האָט זיך איבערגעגעבן מיט זיין גאַנצן וועזן דער פאַר־אַנטוואָרטלעכער אַרבעט, וואָס איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן. ער האָט געהיט און געריייניקט יעדעס ווינקל, געפּוצט יעדן שטיין, יעדן לאָמפּ, לייכטער און דאָס גלאָז אין די פענצטער. ער האָט טאָג־און־נאַכט נישט פאַרלאָזט דעם בית־כנסת. דאָ איז געווען זיין היים, און די מתפּללים, וועלכע האָבן אים ליב געהאַט, זענען געווען זיין משפּחה. יעדע פרייע מינוט האָט ער אויסגענוצט צו לערנען, זיך פאַר־טיפט אין תלמוד און אין קבלה. אבא האָט נישט חתונה געהאַט, נישט אויפגעבויט קיין אייגענע היים — ער האָט זיין לעבן געווידמעט דעם בית־הכנסת.

ר' אבא האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ נזיר. ער האָט געגעסן בלויז דריי מאָל אין וואָך — שבת, מאָנטיק און דאָנערשטיק — און די איבעריקע טעג געפאַסט, „כדי צו ברענגען די גאולה". ער האָט זייער ווייניק גערעדט, און אַמאָל חדשים־לאַנג געשוויגן. זיין איינציקע קליידונג איז שטענדיק געווען אַ לאַנגע ווייסע אַבייע מיט אַ ווייסן טורבאַן אויפן קאָפּ. ער האָט ווייניק געשלאָפן, נאָר אָפּט

גאַנצע נעכט געזעסן אין אַ ווינקל פון בית־כנסת אַריבערגעבויגן איבער אַ ספר, באַלויכטן מיט אַ קליין נאַפט־לעמפל, אָדער אַ פשוט ליכטל. צען מאָל אין מעת־לעת, אַנטקעגן די עשרת הדיברות, פלעגט ר׳ אבא שמש גיין אַראָפּ איבערן שיפּוע פון נאָענטן בית־עלמין, זיך צו טובלען און מטהר־זיין אין די קאַלטע וואַסערן פון דער מקווה פונעם אר״י הקדוש, און דאָס אפילו אין די קאַלטסטע ווינטער־טעג, ווען דאָס וואַסער פלעגט זיין האַלב־פאַרפרוירן.

גאַנצע פופציק יאָר האָט אבא שמש פון באַגדאַד אַזוי געהיטן דעם מקום־קדוש פון אר״י.

דעמאָלט איז אָנגעקומען אַ שרעקלעך יאָר פאַר די ייִדן אין צפת. דעם גאַנצן ווינטער האָט נישט גערעגנט, די פעלדער זענען געווען פאַרברענט און אויסגעטריקנט, קיין שום תבואות, פרוכטן און ירקות זענען דאָס יאָר נישט געווען אין גליל. די טריקעניש האָט נאָך געבראַכט אַ היישעריק. אַ הונגער האָט זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע ייִדישע הייזער אין צפת, און אויך אַ דורשט, ווייל עס האָט געפעלט וואַסער צום טרינקען. צוליב דעם אַלעמען איז אויסגעבראָכן אַ מגיפה — דער טיפוס האָט צוגענומען הונדערטער קרבנות. אויפן אַלטן בית־עלמין האָט מען טאָג־און־נאַכט, אָן אויפהער, געגראָבן קברים. און די שטיבער, פולע מיט ייִדישע קראַנקע, פלעגן באַפאַלן רויבער, געקומענע פון די בערג און וואַדיס אין גליל און צוגענומען אַלץ — אויב עס איז נאָך עפּעס געהאַט פאַרבליבן.

אַזוי האָט זיך עס געצויגן דעם גאַנצן זומער. ייִדן האָבן געמיינט אַז עס קומט דער סוף העולם...

עס זענען אָנגעקומען די אלול־טעג, דער חודש פון רחמים. די תפילות פון די ייִדן האָבן זיך נאָך שטאַרקער גענומען רייַסן צו די הימלען. די געוויין־קולות פון סליחות האָבן ממש געלעכערט הערצער.

ר׳ אבא שמש האָט נישט בלויז געזאָגט סליחות. ער האָט זיך גענומען פּייניקן, כדי אָפּצושרייען גאָטס שווערע גזירה. ער האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער הייל פון אר״י, וואָס איז אויסגעהאַקט אין פעלדז ביי דער מזרח־וואַנט פון בית־הכנסת — און האָט אויף זיך גוזר געווען אַ פולשטענדיקן תענית, נישט נעמענדיק אין מויל אַריין קיין שום עסן און טרינקען. און ער האָט געשוויגן, נישט אַרויסגערעדט צו קיינעם קיין וואָרט, נאָר „געזאָגט און געזאָגט" פון פאַרשיידענע ספרימלעך, זייענדיק איינגעוויקלט אין זיין טלית און תפילין. צוועלף טעג און נעכט איז ר׳ אבא אַזוי געבליבן אין זיין פּייניקן זיך. עס זענען צו דער הייל געקומען די רבנים פון שטאָט, די ראשי־הקהל און אים געבעטן אָפּשטעלן זיין תענית, וואָס קאָן, חלילה, ברענגען אויף אים דעם טויט. ער האָט קיינעם אפילו נישט געענטפערט. נאָר איינמאָל, ווען דער אַלטער רב רבי יוסף איז צו אים אַראָפּגעגאַנגען אין הייל אַריין און געטענהט, אַז „ס'איז אַ זינד צו נעמען אויף זיך אַליין דעם טויט", האָט אים ר׳ אבא געענטפערט מיט אַן אָפּגעשוואַכטער שטימע: „אפשר, רבי, וועל איך מיט מיין טויט מכפר זיין די זינד פון דער עדה און עס וועט קומען די ישועה..."

עס איז אָנגעקומען ערב ראש־השנה. ר׳ אבא פּייניקט זיך שוין דעם צוועלפטן טאָג. אין גרויען פאַרטאָגיקן קאַיאָר האָט אפשר ר׳ אבא פאַרמאַכט, נישט ווילנדיק,

אויף אַ מינוט זיינע אויגן, שוין פון שוואַכקייט, ווייל ער האָט זיך באַשווירן אויך קיין דרעמל נישט צו כאַפּן. ווען ער האָט אויפגעמאַכט די אויגן, האָט ער פון דער פינצטערניש דערזען לעבן זיך אַרויסשיינען דאָס געשטאַלט פון הייליקן אר״י בכבודו ובעצמו. אַ שיינער יונגער מענטש, ווי ער איז געווען ביי זיין פטירה,



דער „כסא אליהו הנביא״, אויף וועלכן ר׳ אַבא האָט געדאַרפט בלאָזן שופר

מיט אַ שוואַרצער באָרד, אַנגעטאָן אין טלית־און־תפילין. און געזאָגט האָט ער מיט אַ ווייכער שטימע צום אַלטן אויסגעפייניקטן שמש:

„שטיי אויף, אבא מיין זון, שטעל אָפּ דאָס פייניקן זיך. איך בין געקומען ברענגען דורך דיר די געגאַרטע ישועה פאַרן פאָלק ישראל. דערצייל עס נישט קיינעם. זאָלסט נישט מגלה זיין דעם קץ פאַר דער צייט... ווען עס וועט קומען דער אָוונט פון נעילה, נאָך דער לעצטער יום־כיפור־תפילה, זאָלסטו אַרויפגיין אויפן שטיינערנעם כסא אליהו הנביא, אויפן באַרג אַנטקעגן מירון און בלאָזן מיטן שופר אַ גרויסע תקיעה... דעמאָלט וועט קומען די גאולה...״

ר׳ אבא האָט אויפגעציטערט. ער איז אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט אַ קאַלטן שוויס. דער אר״י הקדוש מאַכט אים פאַר אַ שליח צו ברענגען די גאולה... ער איז גלייך

אַרויס פון דער הייל און געווען ווי אַ צווייטער מענטש. געגעסן, געטרונקען, נאָכן טובל זיין זיך, פאַרשטייט זיך, אין דער מקווה פון אר״י. ר׳ אבא האָט געפּײַערט, אפשר דעם פריידיקסטן אין זיין לעבן, ראש־השנה. אין זינען איז אים אָבער געלעגן די גאַנצע צייט דער נעילה־מאָמענט פון יום־כיפור...

די עשרת ימי תשובה האָבן זיך ביי ר׳ אבאן געצויגן ווי צען יאָר...

שוין צוויי טעג פאַר יום־כיפור איז ר׳ אבא אַוועק קיין מירון. ער האָט גוט געקענט דעם בית־הכנסת פון רבי שמעון בר־יוחאי און אויך דעם „כסא״ אין דער נאָענט. די דאָזיקע „שטול פון אליהו הנביא״ איז אַ פּשוטער פלאַכער פעלדז וואָס הייבט זיך אַרויס אויפן באַרג פון אַלטן תקוע. ווער ווייסט זינט ווען עס איז פאַרשפּרייט די לעגענדע, אַז דאָ, אויף דעם דאָזיקן פעלדזן־„כסא״ וועט משיח בן־דוד לאָזן הערן זיין גאולה־תקיעה...

„לאַנג שוין... לאַנגע דורות...״ — איז זיכער געווען מערזער.

דער בית־הכנסת פון רשב״י אין מירון פלעגט יום־כיפור נישט קאָנען אַריינ־נעמען אַלע געקומענע מתפללים. אָבער דאָס יאָר איז קוים געקומען אַ מנין פון צפת, מער האָבן קיין כוחות נישט געהאַט. אָבער אויך די צען יידן האָבן פיל־פיל טרערן פאַרגאָסן ביי „כל נדרי״ אויפן קבר פון רבי שמעון בר־יוחאי. בלויז ר׳ אבאס אויגן זענען געווען טרוקן, כאָטש ער איז געווען מער גערירט און מיט מער דערוואַרטונג ווי די איבעריקע נײַן יידן. די „כל־נדרי״־נאַכט, דער גאַנצער יום־כיפור־טאָג האָט זיך ביי אים געצויגן ווי אַן אייביקייט. ער איז נישט אָפּגע־טראָטן דעם גאַנצן מעת־לעת פון רשב״יס קבר.

און אָט הייבט דער בעל־תפילה אָן די „נעילה״־תפילות. אין דרויסן אַרום ווערט אַלץ טונקעלער, ס׳איז גאָר פאַרכמאַרעט נאָך אַ יאָר אָן רעגן... ווו איז די לבנה, כדי צו קאָנען זי מקדש זיין ?...

דער ש״ץ האָט נאָך געזאָגט שמונה־עשרה, ווען ר׳ אבא האָט אומגעדולדיק זיך שוין צוגעשאַרט צום ארון־קודש. צווישן די ספר־תורהס איז דאָרט געשטאַנען גרייט אַ גרויסער אַלטער שופר — איצט האָט ער געוואַרט אויף דער נאָך־נעילה־דיקער תקיעה... ר׳ אבא האָט שטיל אָפּגעשפּאַרט אַ טירל פון ארון־קודש, שנעל אַרויסגענומען דעם שופר און אים פאַרשטעקט אין גאַרטל הינטערן טלית. איינער פון די מתפללים האָט דאָס באַמערקט און צוגעלאָפן צו ר׳ אבאן: „ווי וואָגט איר גאָר אָנצורירן דעם שופר פאַרן ענדיקן נעילה ? !״

„דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער שטן...״ — דערמאָנען מיר זיך מערזערס ווערטער.

כדי צו באַרויקן דעם אויפגערעגטן ייד, האָט אים ר׳ אבא דערציילט דעם אמת, שטיל אין אויער אַריין: „איך מוז אײַלן צום ,כסא־אליהו׳, צו בלאָזן אַ תקיעה גדולה און צואײַלן די גאולה, אויפן געבאָט פון אר״י הקדוש...״

„... ר׳ אבא האָט נישט געשוויגן ביזן סוף ווי דער אר״י האָט באַפוילן !״ — האָט מערזער אַ שטאַרקערן שלוק געגעבן פון זיין גלעזל, ווי מיט פאַרדראָס...

דער אַלטער צפתער שמש איז אַרויס אין דער פינצטערניש אַריין דערפילן זיין הייליקע שליחות. דער ש״ץ איז צוגעקומען ביז „קדיש״ נאָך נעילה. ביי „עושה שלום במרומיו...״ איז ער געבליבן שטיין, וואַרטן. ער האָט שוין אַלץ געוווּסט,

ווי די איבעריקע אַכט יידן אין בית־הכנסת. אַלע האָבן געוואַרט אויף ר׳ אבאס שופר־בלאָזן. ער האָט דאָך מיט דעם אויך געדאַרפט פאַרענדיקן זייער תפילת־נעילה, זיי האָבן קיין צווייטן שופר נישט געהאַט...

אַלע אין בית־כנסת שטופּן זיך צו די פענצטער. מען קוקט אין דער זייט פונעם „כסא" — מען זעט נישט אין דער פינצטער ר׳ אבאן און מען הערט נישט זיין תקיעה. מען ווערט אומגעדולדיק און מען שרייט אין דער פינצטערניש אַריין, צו די דזשערמאַק־הייכן: „ר׳ אבא, תקיעה!... ר׳ אבא — תקיעה גדולה!... תרועה!..."

אַן עכאָ בלויז פון די אויסרופן ענטפערט זיי אין די בערג, אָבער נישט קיין שופר־בלאָזן. ר׳ אבא ענטפערט נישט... נישט ער, נישט זיין תקיעה — נישטאָ די גאולה...

די יידן האָבן שנעל אָפּגעדאַוונט דעם וואָכעדיקן מעריב פון מוצאי יום־כיפור, אָן אַ מנין, אָן אַ שופר־תקיעה. פון בית־הכנסת זענען זיי געלאָפן צו די אַראַבער פון דאָרף מירון, דערציילט זיי וועגן ר׳ אבאן און געבעטן זיי זאָלן העלפן אים זוכן אין די בערג אַרום דאָרף. די אַראַבער האָבן אָנגעזאָטלט זייערע פערד, גענומען פלאַקערס אין די הענט און אַרויסגעריטן אין דער פינצטערניש אַריין. מען האָט זיך צעשפּרייט איבער די פעלדזיקע שפּיצן און אין די וואַדיס.

אין אַ טיפן וואַדי, נישט ווייט פון דער „כסא"־הייכקייט, האָט מען געפונען ר׳ אבאן אַ צעבלוטיקטן, צעקלאַפּטן, שוין אָן אַ סימן פון לעבן. דער קאָפּ צע־שפּאַלטן, דער מוח אין דרויסן... הענט־און־פיס ממש אין שטיקלעך... דער טלית, די אַבייע צעריסן, און שטיקלעך פון זיי נאָך פאַרטשעפּעט אין די שפּיציקע שטיינער פון וואַדי־שיפּוע... בלויז די רעכטע האַנט־פלאַך פון ר׳ אבא איז געווען גאַנץ און געהאַלטן איינגעדריקט, ווי מיט אַ צוואַנג, דעם שופר...

אויף אַ רוקן פון אַ פערד האָט מען נאָך די זעלבע נאַכט אַריבערגעפירט דעם טויטן קערפּער קיין צפת.

באַלד האָט זיך אין אַלע בתי־כנסת, אין די אָרעמע שטיבלעך פון דער מקובלים־שטאָט, פאַרשפּרייט די טרויעריקע ידיעה און די מעשה מיט דער גאולה־תקיעה. די אויסגעהונגערטע, האַלב־טויטע יידן, האָבן איצט ערשט פאַרשטאַנען דעם סוד פון ר׳ אבאס פלוצלינגן איבעררייסן דעם תענית און דאָס פייניקן זיך, ערב ראש־השנה.

דער אַלטער רב ר׳ יוסף האָט אים דערקלערט אַלס קדוש, כאָטש ער האָט זיך אויסגעגליטשט, אַראָפּגעפאַלן און געפונען דעם טויט איידער ער האָט אויס־געפירט דעם געבאָט פון אר״י הקדוש. „ער איז געשטרויכלט געוואָרן אין דער לעצטער מינוט, ווייל מען האָט אים געצווונגען אַנטפּלעקן זיין סוד צוליבן חשש פון חילול־החג ביים נעמען דעם שופר... אשמדאי האָט זיך דערוווּסט און אים זיכער אַראָפּגעוואָרפן אין זיין לויף פון די פעלדזן..."

ר׳ אבא האָט די גאולה נישט געבראַכט... עמך ישראל וואַרט נאָך ווייטער אויף דער אויסלייזערישער תקיעה...

אריה מערזער האָט פאַרענדיקט: „איך האָב נישט געקאָנט זען ר׳ אבאן אַ טויטן מיטן שופר אין דער קאַלטער איינגעקאַרטשעטער האַנט, מיט אויסגע־

לאָשענע אויגן און טויטן פּנים. איך זע אים אַ יאָגנדיקן אין דער פינצטער מיט דער גליקלעכער דערוואַרטונג אויפן פּנים..."

אַזוי איז אבא ב"ר אבא פאַרבליבן אויף מערזוערס קופּערנער בלעך.

העכער אַ פערטל יאָרהונדערט איז אַוועק זינט יענעם פּרייטיק־צו־נאַכטס ביי מערזוערן אין צפת. מערזוער איז לאַנג שוין טויט. אויך חנה ראַווינאַ איז אַוועק אין דער אייביקייט. נאָר די לעגענדעס פון קבלה־צפת וועבן זיך וויי̇טער; אריה מערזוער האָט נישט איינע פון זיי אויפגעלעבט, אַריינגעהאַמערט אין זיינע וווּנדערבאַרע קונסט־בלעכן.

*

דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג האָבן מיר דעמאָלט אַרומגעוואַנדערט איבער צפת. אריה מערזוער האָט מיט מיר געלערנט ראשי־פּרקים אין דער געשיכטע פון דער דאָזיקער איינציקאַרטיקער וווּנדערלעכער שטאָט. מיר זענען געגאַנגען פון דער „פּלאַוויוס־פעסטונג", וואָס ציט איר יחוס פון דער צייט פון יידישן אויפשטאַנד קעגן רוים, דורך די קרייצציגלער, מאַמעלוקן, ביז דער באַפרייונג־מלחמה אין 1948 — זי געפינט זיך אויפן הויכפּונקט פון שטאָט — אַראָפּ אין געסלעך, צו אוראַלטע חורבות, איבער פּלעצער מיט קברים־לעגענדעס און גיבורים־עפּאָפּייעס.

אָבער מערזוער האָט מיך דעם טאָג איינמאָל און ווידעראַמאָל געצויגן, דורכן „קוילן־פּלאַץ", ווי עס רופן אים די יידן, צו די משופּעדיקע געסלעך, וואָס פירן צום האָרץ פון אַלטן יידישן צפת, און ספּעציעל צו איין בית־כנסת, דער פון רבי יוסי בנאה, אָדער „דער ווייסער צדיק". מערזוער האָט כסדר דערציילט נאָך און נאָך אַ לעגענדע וועגן דאָזיקן צדיק און זיין שיל, געקוקט אין אַלע ווינקלען, ווי ער זאָל עפּעס זוכן...

פּלאַנירט ער אַ ווערק אויף דער טעמע, אַ נייע צפת־„בלעך" ?

„עפּעס וועבן זיך מיר אין קאָפּ געדאַנקען", איז געווען זיין ענטפער, „זיי דאַרפן רייף ווערן... דערווייל, הער..."

שמאָלע געסלעך, ליקלעך, געדרייטע טרעפּ האָבן אַראָפּגעפירט צו דער דאָזיקער שיל, אין סוף פון אַ שמאָלן שטעג.

רבי יוסי בנאה, אָדער אבא יוסף הבנאי (דער בויער, ווייל ער איז געווען אַ בוי־אַרבעטער, אָדער בוי־אונטערנעמער), איינער פון חז"ל, וועלכער האָט גאָר געלעבט אין טבריה און דאָרט געהאַט זיין ישיבה אין דריטן יאָרהונדערט, אין סוף פון דער תנאים־ און אָנהייב אמוראים־צייט. ער ווערט פיל מאָל דערמאָנט אין תלמוד, נישט בלויז מיט זיינע תורה־פּירושים, נאָר אויך לעגענדעס און זיי האָבן וואָרשיינלעך, אַזוי געצויגן מערזוערס דמיון. ער האָט מער ווי איינמאָל איבערדערציילט אין עטלעכע וואַריאַנטן, די אגדתא (שמות־רבה י"ג, א') : „אַמאָל איז געקומען צו אים אַ חכם און האָט אים געפונען שטיין אויף דער רושטאָוואַניע, און אים געזאָגט : איך האָב דיר צו שטעלן אַ פראַגע. האָט ער אים געענטפערט : איך קאָן נישט אַראָפּנידערן, ווייל איך בין אַ טאָג־אַרבעטער. וואָס ווילסטו ? האָט דער חכם אים געזאָגט : ווי אַזוי איז באַשאַפן געוואָרן די ערד אין אָנהייב ? האָט

ער אים געענטפערט: הקדוש־ברוך־הוא האָט געמומען זאַמד פון אונטערן כסא הכבוד און געוואָרפן אויפן וואַסער און ס'איז געוואָרן די ערד. פון די קליינע ברעקלעך וואָס האָבן זיך געפונען אויפן זאַמד, זענען געוואָרן בערג און הייכן". אין אַ טונקעלן צימער, רעכטס פון גרויסן תפילה־זאַל, ווייזט מען אויפן קבר מיט אַ מצבה פון ר' יוסי בנאה. מערזער איז זיכער געווען: „דאָ האָט ער געלע־רנט..." אָבער דער „בית מדרשה דרבי בנאה", וואָס ווערט דערמאָנט סיי אין משנה (תענית ז', א'), סיי אין תלמוד בבלי (גיטין ס', א') און אין תלמוד ירושלמי (שבת י"ב, ג') און אַנדערע ערטער, איז געווען אין טבריה, „אָבער געשטאָרבן און באַגראָבן איז ער דאָ, אין זיין בית־מדרש...", האָט פעסט געהאַלטן מערזער, „און פאַרן טויט האָט ער דאָ נישט געלערנט ?... און קאָנען דען געשען אַזעלכע זאַכן ערגעץ אַנדערש ווי אין צפת ?..."

יידן פלעגן קויפן אויף כפרות ערב יום־כיפור ווייסע הינער, יעדנפאַלס העלע. האָט אַ טערקישער גובערנאַטאָר פון צפת אַמאָל אַרויסגעטראָגן אַ גזירה, אַז יידן מוזן שלאָגן כפרות בלויז מיט שוואַרצע עופות, „און ווער עס וועט נישט פאָלגן, וועט באַשטראָפט ווערן מיט טויט..." האָבן די יידן קיין ברירה נישט געהאַט און געקויפט שוואַרצע הינער און הענער. „אָבער ערב יום־כיפור באַגינען, פאַרן שלאָגן כפרות, זענען זיי אַוועק אויפן הייליקן קבר פון רבי בנאה, מתפלל געווען און געבעטן מחילה פאַר פאַרשווערכן אַן אַלטע טראַדיציע. ווען זיי זענען אַהיימגע־קומען — זענען אַלע כפרה־עופות געווען ווייס... „זעסט שוין ?..." דעריבער רופט מען רבי יוסי בנאה „דער ווייסער צדיק", אָדער גאָר „צדיק פון די הענער"

אַן אַלטער צעצווייגטער פייגנבוים וואַקסט אויפן הויף פון דאָזיקן בית־כנסת. אויך דער דאָזיקער בוים איז איינגעהילט אין לעגענדעס, וואָס איינע פון זיי האָט מיר מערזער דעמאָלט דערציילט. „קיינער באַגיסט אים נישט, קיינער מיסטיקט דאָ נישט און דער בוים איז יעדעס יאָר פול מיט פייגן — אין דער אייביקייט אַריין..." דערציילט צפת אַן אַלטע מעשה. רבי יוסי בנאה האָט אַמאָל דאָ איבערגעלאָזט זיין זון מיט אַרבעטער ביים בויען אַ שטוב און אַליין איז ער געפאָרן קיין ירושלים. ר' יוסי האָט נישט געבראַכט די אַרבעטער עסן, ווי שטענ־דיק, און זיי האָבן דאָס געפאָדערט ביי זיין זון. האָט זיך דער זון געוואָנדן צום אַלטן בוים: „פייַגנבוים, גיב אַרויס דיינע פירות און מיין טאַטנס אַרבעטערס זאָלן האָבן וואָס צו עסן..." איז דער בוים פול געוואָרן מיט פייַגן, אַלע האָבן געגעסן און זאַט געוואָרן... ווען דער פאָטער איז געקומען און מען האָט דאָס אים דערציילט, האָט ער געזאָגט צום זון: „דו האָסט מטריח געווען דעם הקדוש־ברוך־הוא אַרויסצוציען פון פייגנבוים פירות פאַר דער צייט — דו וועסט דעריבער איינגע־זאַמלט ווערן צו דיינע אבות פאַר דער צייט..." — „און דער זון איז אויפן אָרט געשטאָרבן..." האָט מערזער פאַרענדיקט מיט אַן ערנסט פנים.

צום באַדויערן האָב איך נישט נאָכגעפאָלגט, וואָס אריה מערזער האָט פון די דאָזיקע לעגענדעס אויסגעהאַמערט אין זיינע בלעכן.

איבער פעלדזיקע וועגן פון תּפן

אַ פינף יאָר זענען פאַריבער זינט מיין פריינד גאָדל קאַן, ציוניסטישער פירער פון בראַזיל, איז ביי זיינעם אַ באַזוך אין ישראל איינגעלאַדן געוואָרן דורך קרן־היסוד צו באַזוכן דעם ניי־געשאַפענעם ראַיאָן תּפן. איך האָב אים באַגלייט. מיר זענען פון עכו אַרויסגעפאָרן אויף מזרח דורכן שאָסיי וואָס פירט קיין צפת און צוגעקומען צום תּפן־ראַיאָן פון דרום, אַריינגעפאָרן אינעם מאַסיוו דורך כרמיאל און געקרייזט צווישן נאָך האַלב־גאָלע בערג און טאָלן ביז מעלות־תרשיחה. נייע וועגן, שוואַרץ־געהאַקטע אין בערג, אָפּט אין פעלדז, צווישן שפּיצן וואָס גרייכן אַמאָל ביז זיבן הונדערט מעטער איבערן ים־ניוואָ, ביז דער טיף פון „נחלים" — אפשר טאָקע טייכן אין פאַרגעשיכטלעכן אוראַמאָל — בלויז פון זעכציק־אַכציק מעטער איבערן ניוואָ פון אַזוי־גאָענטן מיטללענדישן ים.

אונדזער שאָפער־וועגוויזער שמייכלט, ווען איך פרעג אים ווו תּפן ווערט דערמאָנט אין תנ"ך:

„פאַראַן ערטער אין ישראל, אפילו אין גליל, זעסטו, וואָס דערמאָנען נישט דעם תנ"ך און ווערן אין אים נישט דערמאָנט..." ווען ער פאָרט שפּעטער פאַרביי, אין דער זייט פון אַ באַרג, אַ הייל מיט פאַרצייטיקע קברים, אין וועלכער עס איז אויסגעקריצט אַ יידישע זיבן־פלאַמיקע מנורה און די אָפּגעריבענע אותיות זעען אויס ווי איבערבלייבענישן פון אונדזער פּירקאַנטיקן אלף־בית, פאַרזיכערט ער: „דאָס שטאַמט פון שפּעטער, נישט פון די מקרא־צייטן. יידן האָבן דאָ געלעבט אין דער עפּאָכע פון בית־שני און אויך שפּעטער, נאָכן חורבן, אין די צייטן פון דער משנה און תלמוד".

אין תלמוד ווערט יאָ דערמאָנט „תפנא" און „תפנית". אָבער ווער ווייסט צי דאָס איז דער דאָזיקער „תּפן", אָדער „אַ־טופאַניאַ" ? אויך אין דער ליסטע פון אַכט און ניינציק שטעט, אין היעראָגליפן־שריפט אין אויבער־מצרים, וואָס פרעה מלך מצרים טכאָטמעס דער דריטער האָט „פאַרשקלאָפט אין גרויסן כנען", אין פופצנטן יאָרהונדערט פאַר דער צייטרעכענונג, איז אויסגערעכנט „תּפן" („טע־פע־ן"). קאָן מען דען וויסן ווו דאָס האָט זיך געפונען ?

*

איצט איז דער נאָמען תּפן אַ נייער. ער איז העברעיזירט פון אַראַבישן „אַ־טופאַניאַ", ווי עס ווערט גערופן אַ חורבה פון אַלטע צייטן, וואָס מיר זענען טאָקע פאַרבייגעפאָרן. אין אַראַבישן זאָל דער נאָמען שטאַמען פון וואָרט „טופאַן", וואָס באַטייט מבול. די געגנט איז דווקא אַ טרוקענע, מיט ווייניק רעגנס... אַ דעלעגאַציע פון דער בריטישער „קיניגלעכער אַרכעאָלאָגישער געזעלשאַפט" האָט דאָ געפירט די ערשטע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג אין יאָר 1873. אין באַריכט פון דער דעלעגאַציע איז באַשריבן די דאָזיקע „קאַלאַט אַ־טופאַניאַ", טופאַניאַ־פעס־

טונג: „אַ פּירקאַנטיקער צעשטערטער טורעם, געבויט פון פּרימיטיוו־געטעסעטע גרויסע שטיינער. ער זעט אויס צו שטאַמען פון אַ זייער פּריצייטיקער עפּאָכע. אינעם טורעם געפינט זיך אַ קליינער באַסיין, אויסגעהאַקט אין פעלדז, און צוויי סאַרקאָפאַגן — ליידיקע שטיינערנע ארונס פון טויטע מענטשן" („איבערבליק פון מערב־פּאַלעסטינע", ענגליש, לאָנדאָן 1876). אין צוזאַמענהאַנג מיטן נאָמען „מבול", דערציילט די דעלעגאַציע אַלס אַנעקדאָט: „איינער פון די אַנגעטראָפענע שייכן האָט מיט טיפער ערנסטקייט, מען האָט געזען ווי ער גלויבט אין דעם, איי־בערגעגעבן, אַז אויפן דאָזיקן טורעם איז בעתן מבול געשטאַנען די תיבה פון נחן..."

*

די „פעסטונג אַ־טופאַניאַ", העבראַיזירט אויף „מבצר תפן", געפינט זיך אויף אַ שפּיץ באַרג פון בערך פינף הונדערט מעטער איבערן ים־ביוואַ, אַרויסגעהויבן איבערן טייכל בית־העמק, איינס פון די גרעסטע אין מערבדיקן גליל, וואָס פּלייצט צווישן הויכע פאַרשיידנפאַרמיקע פעלדזן. בלויז פון איין זייט, פון דרום, קאָן מען אַרויפקומען צום שפּיץ באַרג, אַלע אַנדערע זייטן זענען גישט־צוטריטלעך, פעלדזיק־שטאַרע, ווי באַשטימט שוין דורך דער נאַטור פאַר אַ פעסטונג. אָבער ווי אַזוי האָט מען אַרויפבאַקומען אַהער די פאַרבליפנדיק ריזיקע בוי־שטיינער? שטיקער געבליבענע ווענט האָבן שטיינער פון צוויי ביז דריי מעטער די לענג, ברייט און הויך, פון פיל טאָנען די וואָג. אַ זיכערונג־מויער אַרום. דערלעבן זענען געווען אייניקע אַנדערע בנינים, אַ טורעם. טירן און פענצטער — געטעסעט. ווער און ווען האָט דאָ אויפגעבויט די פעסטונג? דערווייל האָבן דאָס די פאַרשונגען נישט פעסטגעשטעלט. מעגלעך, לויט געוויסע געלערנטע, אַז דאָס איז געווען אַ ביזאַנ־טישע פעסטונג פון דריטן אָדער פערטן יאָרהונדערט פון אונדזער צייטרעכענונג. דאָס זאָל דעמאָלט האָבן געווען אַ פאָדערשטע פאַרטיידיקונג־פּאָזיציע פון עכו, אויפן וועג פון לבנון. לויט אדם דרוקס, וועלכער האָט אונדז מיט עטלעכע יאָר צוריק דאָ באַגלייט, אין נאָמען פון דעם אַלטערטימלעכקייטן־אינסטיטוט, איז דאָס „מעגלעך אַ פעסטונג פון דער יידישער מלוכה־צייט. איר פּלאַן און טאָפּאָגראַפישע לאַגע איז ענלעך צו דער מלוכה־פעסטונג אין ,מצפה־ימים' אין צענטראַלן גליל". פּראָפ. אהרוני האַלט, אַז „אַ־טופאַניאַ שטאַמט פון אַ גאַר פאַרצייטיקער עפּאָכע, פון מיטן פערטן יאָרטויזנט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג" („התנחלות שבטי ישראל בגליל").

אפרים תלמי, וועלכער האָט צוזאַמען מיט אונדז אויסגעהערט דאָ די אויפקלערונגען, האָט קוקנדיק אויף די ווענט, שמייכלענדיק געזאָגט: „די דאָזיקע ריזן־שטיינער האָבן געקאָנט אַהער אַרויפברענגען בלויז די תנ"כישע ,נפילים', אַזוי אַז די פעסטונג איז נאָך עלטער..."

*

לאַנגע דורות איז די געגנט געווען וויסט און נישט באַוווינט. די אַראַבער פלעגן פּאַשען זייערע סטאַדעס, ספּעציעל ציגן, אויף די ווילדע גראָזן צווישן די פעלדזן. אין די זעכציקער יאָרן האָט קרן־הקיימת לישראל אָפּגעקויפט דעם גאַנצן

נעביט פון די אַראַבישע אייגנטימערס, גענומען דורכהאַקן וועגן, אויסשטיינען
שטיקער באָדן, באַוואַלדיקן באַרג־שפּיצן. אין 1976 איז דאָ געגרינדעט געוואָרן
דער ערשטער יידישער יישוב כישור, באַזעצט דורך יוגנטלעכע פון נח״ל, בשכנות
פון דרוזישן דאָרף כיסרה. אַ קאָמיסיע בראש מיטן געוועזענעם מדינה־פּרעזידענט
אפרים קציר, האָט אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן דאָ צו שאַפן — אין די ראַמען פון
אַנטוויקלען און פאַריידישן דעם גליל — אַ געגנט פון פּערפעקציאָנירטער אינ־
דוסטריע, „מגדל־תפן״. אין צוגרייטונג צו דעם זענען אין יאָר 1980 געלייגט גע־
וואָרן די באַזעס פאַר די יִישובים לפידות, תובל, פלך און תפן ד׳ — אויף די הייכ־
קייטן, און גיתה — אויפן אַראָפּהענג פון כישור־באַרג.

צפונדיק פון תפן האָט גענומען פאַרווירקלעכט ווערן דער „רויזן־פּלאַן״, אָדער
די „רויזן־וויזיע״, פון סטעף ווערטהיימער.

*



רבקה שנער־גאָלדבערג

אויף די ראַנדן פון נייעם יידישן
זידלונג־ראַיאָן געפינען זיך פיר נישט־
יידישע דערפער „פון די מינדערהייטן״,
בני־המיעוטים, ווי מען באַצייכנט זיי
אין ישראל. דאָ רופט מען זיי דרוזישע
דערפער, כאָטש אין אַלע זענען די
דרוזן בלויז אַ מערהייט און עס לעבן
אין זיי הונדערטער קריסטן און מו־
סולמענער. „און וואָס זאָגן זיי אויף
אונדזער׳ע פּלענער, צו באַזעצן דאָ,
צענדליקער טויזנטער יידן?...״ —
האָט געפרעגט גאָדל קאָן אונדזער וועגווייזער מצד קרן־היסוד. דער ענטפער
איז געווען אַ פּשוטער, אָבער זייער ערנסט: „מיר וועלן זיי פרעגן און הערן...״

דעמאָלט זענען מיר אַריינגעפאָרן אין קאַפער־סומייאַ (כפר־סמיע, ווי עס
פיגורירט אויף דער ישראל־מאַפּע).

דאָס ביוראָ פון דאָרף־ראַט האָט זיך געפונען אין צוויי־שטאָקיקן הויז פונעם
פּאַרזיצער, דעם דריי און פערציק־יאָריקן פואד מאַנצור. דער שמועס האָט זיך
אָנגעהויבן אין קליינעם ביוראָ־צימער און באַלד זיך אַריבערגעטראָגן אין מזרח־
דיק־אַראַביש אויסגעשטאַטן סאַלאָן פון מאַנצורס וווינונג. די בריענדיקע שמע־
קנדיקע קאַפּע האָט געווירקט, דוכט מיר, גאָר באַרויִקנדיק, אָפּגעהאַלטן פון דיס־
קוסיעס, ווען דער גאַסטגעבער האָט גערעדט, איז געווען קענטיק, פון טיפן האַרצן,
מיט געצווימטער אויפריכטיקייט:

„איך האָב פּאַקטיש מיין דערציִונג שוין באַקומען אין מדינת־ישראל. די
לעצטע קלאַסן גרונט־שול זענען שוין געווען ישראלדיקע, די מיטלשול אינגאַנצן.
מיין שפּראַך אין דער היים, אין דאָרף, איז אַראַביש, אָבער פאַראַן פּראָבלעמען
און געשעענישן, וועגן וועלכע איך דענק שוין אפילו אין העברעיש. איך האָב, ווי
יעדער יידישער בירגער, דורכגעמאַכט מיין מיליטער־דינסט פון פולע דריי יאָר

אין צה״ל, דערגרייכנדיק דעם ראַנג פון אַ לייטענאַנט. עס איז דאָך מיין לאַנד, מיין פאָטערלאַנד...״ ער האָט געזאָגט „הארץ שלי״, און עס האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט וואַקלדיק זיך אַ טראַכט געגעבן, איידער ער האָט צוגעגעבן „המולדת שלי״. מאַנצור האָט פאָרגעזעצט: „דער גליל, און אַוודאי די געגנט אַרום אונדז, גייטיקט זיך אין אַנטוויקלונג. אינדוסטריע, מאָדערניזירן די לאַנדווירטשאַפט וואָס איז אין פיל דערפער שטיין געבליבן, אויב נישט מיט טויזנטער, איז יאָרהונדערטער, אָבער זיכער פיל יאָרצענדליקער, צוריק... עס גייטיקן זיך וועגן, מען דאַרף ציען וואַסער־רערן. און אַ פאַקט איז דאָך, פאַראַן ליידיקע, נישט באַווינטע און נישט באַאַרבעטע שטחים, געביטן וואָס גייטיקן זיך אין אויסשטיינערונג, כדי זיי צו קאָנען באַאַרבעטן. ביז דאַנען זענען מיר אין אַלץ מסכים...״

דער פינדזשאַן האָט ווידער אָנגעפילט די טעפעלעך מיט קאַפע, מיר האָבן געקייט דאָס זיסע צובייסעכטס, דער דרוזישער דאָרף־פאָרזיצער האָט פאָרגעזעצט: „איך פאַרשטיי די יידן, ווען זיי דענקען וועגן אַ יידישער מערהייט אין דאָזיקן וויכטיקסטן, לויט מיין מיינונג, טייל פון דער מדינה. אָבער אויב דאָס וועט נישט געמאַכט ווערן פאַראַלעל מיט אַנטוויקלען דעם ג אַ נ צ ן גליל גלייכצייטיק, וועט דאָס ברענגען צרות פאַר ביידע טיילן באַפעלקערונג. לויט די פלענער, וואָס זענען מיר באַקאַנט, און ווי איך זע זיי אין דער אויספירונג, קאָן דאָס ברענגען נישט בלויז צו אַ וווקס פון פאַלעסטינעזער נאַציאָנאַליזם, נאָר אפילו צו אירעדענטישע טענדענצן...״

ער איז, פאַרשטייט זיך, פאַר די גרענעצן פון ישראל, זייער גאַנצקייט נישט בלויז אין די ראַמען פון די וואָפנשטילשטאַנד־אָפמאַכן פון 1949, נאָר אפילו פאַר „גרענעץ־אויסבעסערונגען צוליב זיכערקייט־טעמים אין שלום־אָפמאַכן מיט די אַראַבישע לענדער. איך בין איינשטימיק מיט דער שטעלונג פון מערך אויף דעם געביט״, בכלל איז ער אַ טעטיקער מיטגליד פון דער אַרבעט־פאַרטיי. אָבער ער באַקלאָגט זיך אויף „אומפאַרגעבלעכע פעלערן, וואָס קאָנען זיך נוקם זיין״. ער מאָלט די לאַגע, ווי ער זעט זי:

„אין די דרייסיק יאָר מדינה האָבן זיך צעבויט און צעוואָקסן, בלי עין־הרע, יידישע מושבים, קיבוצים און שטעטלעך אין גליל, אַלטע און צום גרעסטן טייל ביי־געגרינדעטע. מען האָט צו זיי געפלאַסטערט שאָסייען, געבויט הייזער, אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, שיינע באַלייכטונג. אַראַבישע דערפער זענען געבליבן, ווי געוועזן, אפילו אָן טראָטואַרן... קוקט און פאַרגלייכט שכנישע אָרטשאַפטן, וואָס זענען איינע לעבן די צווייטע, ווי מעלות און תרשיחה, אָדער ביידע נצרתן... יאָ, איך ווייס, אין די נייע יידישע יישובים פליסן רעסורסן פון דער סוכנות, פון יידישן וועלט־מגבית. אָבער די רעגירונג־סובסידיעס, די אָפיציעל־צוגעטיילטע, זענען פראָפאָרציאָנעל גרעסערע פאַר די יידישע ווי פאַר די אַראַבישע יישובים און דאָס איז אפילו נישט אין איינקלאַנג מיט אונדזערע ישראלדיקע געזעצן... מיר זענען באַגרענעצט אין פירן אונדזער קאָמונאַלע און מוניציפאַלע טעטיקייט...״ מאַנצור רייסט איבער און גיסט ווידער אָן אין דער ריי די קאַפע־טעפעלעך, קוקט דורכדרינגלעך אין אונדזערע פנימער, ווי פאָדערנדיק אונדזער רעאַקציע. איך רוף זיך אָפ: „דאָס אינערן־מיניסטעריום לייקנט אייערע פעסטשטעלונגען...״ מאַנ־

צור שמייכלט: „אויב איר וועט וועלן, וועל איך אייך אין דעם איבערצייגן מיט ציפערן, איך האָב זיי אין מיין ביוראָ. אָבער נישט דאָס איז איצט וויכטיק... מיר אינטערעסירט דער מאָרגן... איך בין אַ דרוז... מיר האָבן נישט אין דער גאַנצער געגנט קיין נאַציאָנאַל-מלוכהשע שטרעבונגען. מיר זענען איבערגעגעבע־נע בירגער, פּאַטריאָטן, פון ישראל, ווי אין אַלע לענדער ווו דרוזן לעבן. איך האָב זיכער נישט קיין אינטערעס צו פאַרמינערן די גרויסע אויפטועןן און דערגריי־כונגען פון דער מדינה, אויף אַלע געביטן, אויך פאַר די מינדערהייט-באַפעלקע־רונגען, אַראַבער, דרוזן, טשערקעסן. איר האָט באַרירט איין פּראָבלעם בלויז, האָב איך אייך געבראַכט מיין מיינונג וועגן דעם..."

פואד מאַנצור האָט אַ צווייטן אוניווערסיטעט-טיטל, ער איז מאַגיסטער פאַר סאָציאַלער אַרבעט פון ירושלימער אוניווערסיטעט. זיין באַשעפטיקונג איז דירעקטאָר פון אַ פאָלקס-שול. עס איז אָנגענעם צו זיצן און שמועסן אין דער דאָזיקער גאַסטפריינדלעכער און אינטעליגענטער היים. פואד גיט שפעטער צו: „מיר זענען געווען אויף אַ באַגריסונג-וויזיט ביים נייעם נשיא-המדינה יצחק נבון. ער האָט אויסגעדריקט די זיכערקייט, אויפווייזנדיק די נויטווענדיקייט, צו אַנטוויקלען אַלע טיילן פון אונדזער גליל און פאַרזיכערט אַז די רעגירונג וועט דאָס טאָן, ,אין זאָרג פאַר דעם ברידערלעכן צוזאַמענלעבן צווישן די יידן און די אַראַבער, אין אַלגעמיינער בירגער-גלייכקייט'. דער געגנט-ראַט פון גליל-צענטער אין צפון, אין וועלכן קאַפער-סומייאַ איז אָנגעשלאָסן, האָט באַהאַנדלט די פּלע־נער פון אויפלעבן דעם תפן-ראַיאָן. עס האָבן פאַר אונדז רעפערירט וועגן די ענייני פאַרשטייערס פון דער סוכנות און פון די מיניסטעריומס פאַר לאַנדווירט־שאַפט און אינדוסטריע. אַלע האָבן אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון אַנט־וויקלען די אַראַבישע דערפער און זיי אפילו אינדוסטריאַליזירן, אריינציענדיק אין די אַרבעט-פּלענער די גאַנצע באַפעלקערונג. מיר גלייבן און האָפן, אַז אַזוי וועט זיין און פון אויפלעבן תפן וועלן מיר געניסן, פונקט ווי די נייע יידישע יישובים וואָס וועלן דאָ אַנטשטיין".

קאַפער-סומייאַ ליגט פינף הונדערט און אַכציק מעטער איבערן ים-ניוואָ און האָט אין יאָר 1977 געהאַט טויזנט מיט פינף און זיבעציק איינוווינערס, פון זיי 759 דרוזן, 253 קריסטן און 63 מוסולמענער. אין דאָרף געפינט זיך אויסער אַ דרוזישן „כאַלוואַ", זייער פשוטער בית-תפילה, אויך אַ קליינער מוסולמענישער מעטשעט. פון די העכער דריי הונדערט הייזער אין דאָרף קאָנען אַ גאַנץ גרויסע צאָל נישט פאַרשעמען די הויפּט-גאַסן פון אונדזערע גרויסע שטעט... דער דאָרף־פאַרזיצער פירט אונדז אין אַ הייכקייט אין סוף פון דאָרף, אריין צווישן געדיכט־צעוואַקסענע, קרומע גראָבע באַקסער-ביימער. אַרומגעוואַקסן און פאַרשאָטנט צווישן די ביימער געפינט זיך די „אַלמובאַרקע", אַ הייליקער דרוזישער פּלאַץ, „דאָס געבענטשטע אָרט". פאַקטיש אַ חורבה, מיט שטיקער אַלטע גראָבע ווענט און אַ געבויט בערגל אינמיטן. „דאָ האָבן זיך אַמאָל-אַמאָל אויפגעהאַלטן צדי־קים, און דרוזן קומען אַהער זיך מתייחד זיין מיטן באַשאַפער". לויט פואד מאַנצור האָט שוין דערמאָנט דעם פּלאַץ אַ קאַטוילישער מאָנאַך אין זיבעטן יאָרהונדערט (מאַסקוס, „פּראַטום ספּיריטואַלע", אין לאַטיין, רוים 1665).

סומייא איז עטלעכע מאָל דערמאָנט אונטערן נאָמען כפר־סמא אין אונדזערע אַלטע מקורות, אין פאַרבינדונג מיט ישו הנוצרי גאָר... דאָ האָט געלעבט יעקב איש כפר־סמא, וועלכער איז געוואָרן אַ „מין", — אַן אַפּיקורס — אַריבער, ווייזט אויס, צום קריסטלעכן גלויבן און געפּרוווט היילן קראַנקע אין נאָמען פון ישו. אין תוספתא (חולין ב', כ"ב) ווערט דערציילט: „אַ מעשה מיט ר' אלעזר בן דמה, וועלכער האָט באַקומען אַ ביס פון אַ שלאַנג. איז געקומען יעקב איש כפר־סמא אים היילן אין נאָמען פון ישוע בן פנטרא, האָט אים ר' ישמעאל נישט געלאָזט". דאָס זעלבע ווערט געבראַכט אין אַ צווייטער ווערסיע: „אַ מעשה — — — — איז געקומען יעקב איש כפר־סמא אין נאָמען פון ישוע פנדירא היילן ר' אלעזר בן דמה" (ירושלמי, עבודה־זרה ב', ב'). אונדזער דרוזישער דאָרף־פּאַרזיצער קען גוט די מקורות וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיין דאָרף. און ער שפּאַסט נאָך ווייטער: „מען האָט אונדז אפילו פאַרבונדן מיט דער פרוי וואָס איז ביטערער פון טויט..." און ער ציטירט אין אָריגינאַל דעם פּסוק פון קהלת: „ומוצא אני מר ממות את האשה אשר היא מצודים וחרמים לבה אסורים ידיה טוב לפני האלהים ימלט ממנה וחוטא ילכד בה" (קהלת ז' כ"ו: „און איך געפין אַז ביטערער פון טויט איז די פרוי, וואָס איר האַרץ איז פאַסטקעס און נעצן, אירע הענט זענען בינדשטיק. דער וואָס איז ווילגעפעלן פאַר גאָט, ווערט אַנטרינען פון איר. און דער זינדיקער ווערט געפאַנגען פון איר").

און פואד מאַנצור מאַכט שוין אַן אָנשטעל פון אַ באַעוולטן: „און אייערע חכמים האָבן געדרשנט די ווערטער פון קהלת — „טוב, ווילגעפעלן, דאָס איז אלעזר בן דמה, און דער זינדיקער, דאָס איז יעקב דער מאַן פון כפר־סמא'..." (ריכטיק, אין קהלת־רבה א', מ"ז).

„אָבער, כבוד מאַגיסטער מאַנצור, האָט מען געמאַכט ביי אייך אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, פאַראַן דאָקומענטן, אַז כפר־סמא האָט זיך טאַקע געפונען דאָ וווּ עס שטייט היינט קאַפער־סומייא?..."

„נו..." — קומט אַן ענטפער מיט אַ יידישלעכן ניגון — „בנוגע דעם, פאַרלאָז איך זיך אויף פּראָפעסאָר זאב וילנאי, ער קען דאָס לאַנד און זיין געשיכטע, בפרט זיין יידישע פאַרגאַנגענהייט, בעסער פון מיר..."

*

נאָר תפן, אַ שטאָט, צי אַ גאַנצע געגנט, האָט קיינמאָל, זעט אויס, נישט געשפּילט קיין ראָל אין דער לאַנגער, טויזנטער־יאָריקער יידישער געשיכטע פון גליל, זינט די צייטן פון יהושע בן־נון. זענען אַזעלכע שווער־צוטריטלעכע בערג, מיט קענבאַרע צייכנס, „טעראַסעס", צווישן די פעלדזן, פון אַלטערטימלעכער לאַנדווירטשאַפט — נישט באַמערקט געוואָרן ביים צעטיילן דעם ראַיאָן צווישן די אַריינגעוואָנדערטע יידישע שבטים? דער וויכטיקסטער היסטאָריקער נאָכן תנ"ך, יאָסעפוס פלאַוויוס, אַליין אַ מענטש פון גליל, וועלכער האָט אַזוי פיל געשריבן וועגן דער דאָזיקער געגנט, וואָס ער האָט באַפעסטיקט צום גרויסן אויפשטאַנד — האָט ער זיך נישט געגייטיקט אין אַזעלכע בערג און וואַדיס, אָדער האָבן דאָ דעמאָלט בכלל קיין מענטשן נישט געלעבט?

רויזן-שטעט אין גליל

מיר רייסן זיך אָפּ פון ערב-שבתדיקן רוישיקן נהריה, וואָס ווערט שנעל אי-בערפולט אויף די סוף-וואָך-טעג; דער ים-ברעג איז שוין פול, מען טויכט אין די שוימיקע כוואַליעס, און בלויז צוואַנציק מינוט שפּעטער שטייגן מיר אויס אין אַ — „צווייטער וועלט"...

אויף פינף טויזנט דונאַם באַדן צעשפּרייט זיך דאָ דאָס וויזיע-קיניגרייך פונעם גרויס-אינדוסטריעלער סטעף ווערטהיימער. „בעל-החלומות", וואָלט אויך אים אָנגערופן שאול טשערניכאָווסקי אין זיין נביאים-שפּראַך. ווערטהיימער איז דער אייגנטימער פון די „ישקר"-פאַבריקן, וואָס אַרבעטן אויס די מעטאַל-כלים, פּרעציזע אינסטרומענטן, מאָטאָר-טיילן, געצייטע נישט בלויז אין ישראל, נאָר אויך אויף אַ גרויסן טייל וועלט איבער אַלע קאָנטינענטן.

אַ ריי באַרג-שפּיצן, וואָס הייבן זיך ביז זעקס-זיבן הונדערט מעטער איבערן ים-ניוואָ, אין אַ גרויסן טייל באַוואַקסן מיט סאָסנע-וועלדער, איבערגעשניטן דורך וואַדיס, טיפערע און פלאַכערע, וווּ עס זענען אין אור-צייטן געפלאָסן טייכן און הייַנט, אין זכר, שטורעמען אין זיי ווינטער רעגן-וואַסערן פון די בערג. און אויף די שיפּועים, אין טאָלן — דערפלעך, ווי אַרויסגענומענע פון מעשהלעך... ביי אונדזערע פיס, דוכט זיך, בלויז אַ שפּרונג צו געבן, ליגט פּקיעין. נישט וועגן פּיטאָרעסקן דערפל, נאָר וועגן אוראַלטן לעגענדאַרן פּקיעין קלערט זיך איצט, עס קוקט זיך אויף זיינע הייזער, קרומע איילבירט-ביימער; עס דוכט זיך פון ווייטן אונטערשיידן דעם דאַך פון אַלטן בית-כנסת, אַזוי נאָענט פון מעטשעט-מינאַרעט... און דאָרט, קוקט, צי איז נישט די הייל פון בר-יוחאי?... און אַלץ איז איינגעשלונגען אין טונקל-גרוילעכן, זיך אָפּשלאָגנדיק אין שאַרף-רויטלעכן קאָליר פון די בערג-פעלדזן. דאָס איז איצט, די מינוט... ווען מיר פאַרקוקן זיך אין ווייטן-נאָענט אויף די לבנון-בערג, וואָס ווייסן זיך שוין אָנהויב-ווינטער-דיק אין שניי, און אין מערב קוקן מיר אויפן בלוי פון חיפה-איינגוס, וואָס ציט זיך, ווי איין פּאַס, דורך עכו, נהריה, ביז ראש-הניקרה, און מיר קערן צוריק דעם בליק צו פּקיעין — וואָס איז געשען?... דער קאָליר פון באַרג איז שוין בלוילעך; גרוי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין פיאָלעט... עס טוישן זיך די קאָלירן, און דער פּייסאַזש?... די אַלטערטימלעכע יחיעם-פעסטונג, אויף צפון, איז אַ ביסל ווייטלעך און פאַרשטעלט נישט דעם אויסבליק, אויף שיפּועים, באַרג-הייכן, אין וואַדיס, צענדליקער גרוילעכע אַראַבישע דערפער, ווי צונויפגעגאָסן מיט ווייסע געביי-דעס פון קיבוצים — אַלע מישן זיך אויס, פּאַסן זיך אַריין אין די ענדערנדיקע קאָ-לירן, אין וווּנדערלעכן שפּיל פון זון און שאָטן; שטענדיק, טאָג-און-נאַכט בלאָזט אַ קילנדיק ווינטל, וואָס גרייכט אַהער מסתמא פון ווייטן, אייביק אין שניי-גע-טונקטן חרמון, אין ווייטן-ווייטן צפון, און בליאַסקעט אין די אויגן אַריין פון זיין באַהעלטעניש אַרויס אין די וואָלקנס...

דאָ, אויף איינעם פון די באַרג-שיפּועים, האָט — אויב איר ווילט, צי נישט: סימבאָליש — אין מיטן דער לבנון-מלחמה, דער מדינה-פּרעזידענט יצחק נבון געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר — אפילו „נישט רויזן-ש ט אָ ט — נאָר בלויז „כפר הוורדים", באַמערקט שמואל אַיַל, דער לייַטער פון דער באַפּעלקע-

רונג־אונטערנעמונג און בוי פון גאַנצן פּראָיעקט. עס זענען, בעת דער פּייע־רונג, צעטיילט געוואָרן די ערשטע פּלעצער, ווו עס וועלן אין דער ערשטער פאַזע אויפגעבויט ווערן זעקס הונדערט און פופציק הייזער, אין וועלכע עס וועלן לעבן דריי טויזנט מיט פינף הונדערט נפשות. יצחק נבון האָט, נאָכן פאַרגיסן די גרינדונג־מגילה מיט די ערשטע קעלניעס צעמענט, געזאָגט: „די אַנט־וויקלונג פון גליל בייטיקט זיך אין חלוצישן ענטוזיאַזם, קאַפּיטאַליסטישער פּריוואַט־איניציאַטיוו און נאַציאָנאַלן אָנשטרענג. דאָס צוזאַמענפאָרן, די צוזאַמענ־אַרבעט פון די אַלע דריי, וועט אַנטוויקלען דעם גליל און ברענגען אַהער נייע צענדליקער טויזנטער יידן פון לאַנד און פון די תפוצות. דער וווּנדערבאַרער אַלט־יידישער גליל וואַרט אויף זיי״.

סטעף ווערטהיימער איז אויך באַקאַנט אין ישראל מיט זיין קורצן נישט־געלונגענעם שפּרונג, וואָס ער האָט געגעבן צו דער פּאָליטיק. ער איז געווען איינער פון די שטיצער פון פּראָפ. יגאל ידין ביים גרינדן די ד״ש־פּאַרטיי צו די וואַלן אין יאָר 1977. ער איז געוויילט געוואָרן אַלס דעפּוטאַט אין כנסת. ער האָט אָבער שנעל איינגעזען, אַז דער וועג, אויף וועלכן ד״ש איז אַוועק, איז נישט זיינער און ער האָט דעמיסיאָנירט פון כנסת. סטעף האָט אויסגענוצט זיין רעכט און געהאַלטן פאַר אונדזערע כנסת־מיטגלידער און פאַרן פאָלק אַ געזעגענונג־רעדע, וואָס וועט פאַרבלייבן אַלס מערקווירדיקער דאָקומענט אין אונדזער פאַר־לאַמענטאַרישער געשיכטע. ווערטהיימער האָט נישט גערעדט וועגן פּאָליטיק. ער האָט אַנטוויקלט אַ געדאַנק וועגן אַ „נייער ציוניסטישער רעוואָלוציע״, וואָס ער רופט „ציוניזם פון דריטן שטאַפּל״ („ציונות שלב גימל״). ער האָט געבראַכט אַ פאָרשלאַג פון אַ פינף־יאָר־פּלאַן, לויט וועלכן עס זאָלן אויפגעבויט ווערן פופציק „רויזן־שטעט״, דרייסיק „אינדוסטריע־גערטנער״ און אין זיי „וועלן לעבן און אַרבעטן הונדערט טויזנט באַשעפטיקטע אין אַ טעכנאָלאָגיש־רייכער פּראָגרע־סיווער אינדוסטריע״. און דער אינדוסטריעלער שטעלט אַ ציל, „וואָס קאָן דער־גרייכט ווערן — אַז עקספּאָרט פון דאָזיקן פאַרווירקלעכטן פּראָיעקט אין זיין פינפטן יאָר, סחורות פאַר פופצן מיליאָן דאָלאַר״.

סטעף ווערטהיימער האָט פאַרלאָזט די כנסת, געלאָזט די טאָג־טעגלעכע פּאָ־ליטיק פאַר אַנדערע, אָבער זיין פּלאַן וויל ער פאַרווירקלעכן מיט אַלע מיטלען און כוחות. ער צייכנט פאַר אונדז אויף אַ בלאַט פּאַפּיר אַ צעצויגענעם פּירעק, „אַ שטיקל מאַפּע״, און אין די פיר ווינקלען שרייבט ער אויף די נעמען פון פיר שטעט: נהריה, מעלות, עכו און כרמיאל. אין מיטן נאָך אַ פינטל, אויף וועלכן ער ווייזט אָן און זאָגט: „דאָ איז אונדזער ערשטע רויזן־שטאָט, ביי זעקס קילאָ־מעטער דרומדיק פון מעלות, אויפן וועג צו כרמיאל. דרומדיקער געפינט זיך דער נייער אינדוסטריע־ראַיאָן תפן. מיר ווילן באַזעצן אין דער רויזן־שטאָט צען טוי־זנט נפשות און מיר האָפן אַז אין נאָענטן יאָרצענדליק וועלן אין דער געגנט, וואָס נעמט אַרום מעלות, כרמיאל און אונדזער עיר־הוורדים, צוקומען אַלס סטאַבילע איינוווינער נאָך פופציק טויזנט יידן״.

דער דריי און פערציק־יאָריקער שמואל אייל איז דער ליטער פון באַפעל־קערן די רויזן־שטאָט. ער רופט עס נישט „שטאָט״, נאָר „אַזוי ווי עס הייסט

אָפּיציעל דערווייל, כפר־הוורדים, דאָרף״, רויזן־דאָרף, אָדער דאָרף פון רויזן. שמואל אַיַל, וועלכער איז ענטוזיאַזמירט געוואָרן גלייך פון דער ערשטער מעלדונג פון ווערטהיימערן וועגן שאַפן „אַ לעבנס־קוואַליטעט פון אַ נייעם סאָרט״, באַשעפטיקט זיך שוין גאַנצע פיר יאָר בלויז מיט דער „געזעלשאַפט צו אַנטוויקלען דעם כפר־הוורדים״, איינגעשפּאַרט צו באַווייזן אַז „אין אונדזער לאַנד איז מעגלעך אויך אַנדערש...״

„פּאָרט״ — פרעגן מיר — „שטאָט צי דאָרף?...״

אין ביורא פון שמואל איל איז רויִשיק. פּאַרן אַריינגאַנג שטייען כסדר אויטאָס, טוישן זיך, קומען און פאָרן אָפּ. יונגעלייט, פּאָרלעך, שטייגן אויס, קומען אַריין, פרעגן, באַקוקן פּלענער, באַטראַכטן בילדער, רעדן וועגן פּרייזן, פּלעצער, שטאָקן. שמואל לאָזט איבער עטלעכע באַזוכערס און זעצט פאַר אונדזער געשפּרעך:

„שטאָט צי דאָרף, פרעגסטו... דאָס איז אַ וועזנטלעכע פראַגע פון אונדזער גאַנצן פּלאַן. מיר וועלן אויפבויען אַ יישוב — שרייבט: יִשובים, אין מערצאָל... — וואָס וועט זיין אַ שטאָט פונעם שטאַנדפּונקט פון דער צאָל איינוווינערס און וועט פאַרבלייבן „אַ דאָרף׳ פונעם שטאַנדפּונקט פון געאָגראַפישן פּייסאַזש. ש ט אָ ט — מיט דעם באַדינונגען־ניוואָ; ד אָ ר ף — אין די באַציִונגען צווישן מענטשן. מיר קענען גוט יעדן מענטש, וועלכער קומט זיך דאָ באַזעצן, זיינע דערוואַרטונגען און מאָטיוואַציע. זיי דערוואַרטן, און מיר וועלן זיי צוטיילן, אַ ספּעציעלע אַטמאָספער — אַ דאָרפישע געאָגראַפיע און טאָפּאָגראַפיע, און שטאָטיש־אַנטוויקלטע באַדינונגען. דער יישוב איז באַשטימט פאַר מענטשן וועלכע ווילן פאַרלאָזן די גרויסע שטאָט און דאָך בלייבן פאַרבונדן מיט שטאָטישער טעטיקייט, מיט קאָמונאַלן לעבן אפילו, אָ־ן דעריבער קאָן דער יִשוב זיך רופן דאָרף און דאָך זיין אַ שטאָט, כאָטש אין אַ קליינעם פאַרנעם״.

ווערטהיימער אַליין באַנוצט דאָך די באַצייכענונג „שטאָט״ און ער זאָגט:

„אין עיר־הוורדים וועלן וווינען אַ סך אַרבעטערס פון תפן־ראַיאָן. אונדזערע ,ישקר׳־אונטערנעמונגען וועלן געוויצלעך אַריבערגעפירט ווערן פון נהריה אין ,אינדוסטריע־פּאַרק׳, וואָס ווערט שוין געבויט נאָענט צו עיר־הוורדים. מען קאָן שוין זען דעם האַלב־פאַרטיקן נייעם אינדוסטריע־בנין מיט מאָדערנסטע איינריכטונגען און לופט־רעגולירונג. עס שטייען אין בוי צען טויזנט קוואַדראַטמעטער אינדוסטריעלע געביידעס, פאַר אַ צוועלף פּערפעקציאָנירטע אונטערנעמונגען, וויסן־רייכע, ווי ,אלסינט׳, ,אלביט׳, תע״ש. עס וועט גאָרנישט לאַנג דויערן און ביי די מאַשינען וועלן דאָ זיין באַשעפטיקט צען טויזנט אַרבעטערס אין די דאָזיקע אונטערנעמונגען, אַלע אין דער מאָדערנער אינדוסטריע פון הויכער וויסנשאַפט און טעכנאָלאָגיע, וועט יעדער אַרבעטער פּראָדוצירן יערלעך פאַר עקספּאָרט, אויסאַרבעטונגען אין דער ווערט פון פופציק טויזנט דאָלאַר — באַרעכנט אַליין וואָס דאָס וועט ברענגען פאַר דער ישראלדיקערווירטשאַפט און עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט״.

הונדערטער מענטשן, צום מערסטן געבוירענע און דערצויגענע אין לאַנד, זענען שוין פאַרשריבן זיך צו באַזעצן אין די רויזן־שטעט. די מערהייט וועט מוזן

לאַנג וואַרטן אין דער ריי. אין דער ערשטער פֿאַזע וועלן זיך באַזעצן הונדערט פֿיר און אַכציק משפחות, וועלכע האָבן שוין איינגעצאָלט צו זיבן טויזנט דאָלאַר, אויף צוצוגרייטן דעם באָדן. יעדער פֿון זיי וועט באַצאָלן אַכצן טויזנט דאָלאַר פֿאַר אַ בוי־פּלאַץ פֿון אַ האַלבן דונאַם (פֿינף הונדערט קוואַדראַט־מעטער). אַ ספּעציעלע מאַנשאַפֿט פֿון איגזשיניערן, בראַש מיטן יידיש־אַמעריקאַנער אַרכיטעקט אָסוואַלד נאַגלער, האָבן פּראָיעקטירט די הייזער וואָס וועלן דאָ געבויט ווערן און זייערע מאָדעלן זענען שוין אויסגעשטעלט אין ביוראָ. די דירות זענען איין־משפּחהדיקע אויף אַ האַלבן דונאַם, אָדער פֿאַר די וועלכע ווילן נישט קויפֿן אַזעלכע גרויסע פּלעצער, וועלן געבויט ווערן פֿינף וווינונגען אויף איין דונאַם. פֿאַראַן דירות אין דער גרייס פֿון הונדערט קוואַדראַט־מעטער און אויך פֿון צוויי הונדערט קוו"מ. אַלע זענען אין סטיל פֿון „קאָטעדזשן" מיט אַ גאָרטן פֿון הונדערט קוו"מ. מאָדערנע זייער פֿונקציאָנעלע הייזער, וואָס גיסן זיך ווי צוזאַמען מיטן אַרומיקן באַרג־פּייסאַזש און זיי וועלן קאָסטן פֿיל ביליקער ווי אין די שטעט.

די צוקונפֿטיקע ערשטע איינוווינערס, ווי דאָס רוב פֿאַרשריבענע ביז איצט, זענען אין עלטער פֿון זיבן און צוואַנציק ביז פֿינף און פערציק יאָר, פֿאַראַן אָבער אויך עלטערע און אַפֿילו גאָר יונגע פּאָרלעך. אַלע זענען שוין איינגעאָרדנטע, וועלכע האָבן וווינונגען אין די שטעט. מערסטנס מענטשן מיט אַקאַדעמישע פּראָפֿעסיעס, טעכניקערס, אינזשיניערן, פֿרייע באַרופֿן; די פֿרויען — לערערינס, קראַנקן־שוועסטערס, אַפּטייקערינס. ד"ר ל. ג., וועלכן מיר טרעפֿן אויפֿן פּלאַץ, אַרבעט אין קופּת־חולים אין חיפֿה; אָדער ער וועט פֿאַרזעצן די אַרבעט אין חיפֿה און פֿאָרן אַהין יעדן טאָג, אָדער באַקומען אַרבעט אין דער געגנט: „דאָס באַשעפֿטיקט מיך איצט נישט. אין אַ שעה וועל איך זיין ביי דער אַרבעט. דער מאָטיוו וואָס ברענגט מיך אַהער? איך וויל עס נישט אָנרופֿן הויכקלינגענדיק חלוציזם, אָבער איך וועל זיך באַטייליקן אין שאַפֿן עפּעס נייעס אין ישראל... עס איז אַ ציל, וואָס איך בין זיכער, אַז פֿאַר מיינע אייניקלעך וועל איך קענען שטאָלצירן און דערציילן זיי, אַז איך בין דאָ געוועזן ,דעמאָלט' — אין אָנהייב..."

עס דוכט זיך, אָבער, אַז סטעף ווערטהיימער קלערט מער וועגן פּשוטע אַרבעט־מענטשן, ווען ער זאָגט: „זיכער, אין גרונט פֿון מיין אינדוסטריעל־סאָציאַלער אידעאָלאָגיע געפֿינט זיך די איבערצייגונג, אַז אינעם אָרט וווּ דער מענטש שאַפֿט און אַרבעט, דאָרט דאַרף ער וווינען. און אויפֿן פּלאַץ וווּ ער לעבט און וווינט — נאָר דאָרט דאַרף ער אַרבעטן". ווערטהיימער שטרייכט אונטער: „קיין איין צענטימעטער באָדן איז, חלילה, נישט רעקוויזירט געוואָרן ביי אַראַבער. דער באָדן, אויב נישט פֿון קרן־קיימת, איז געקויפֿט געוואָרן מיט פֿולער איינשטימיקייט, פֿאַר ,שווער' מזומן ביי אַראַבישע אייגנטימערס. און מיר וועלן מיט זיי לעבן אין פֿריינדלעכער שכנהשאַפֿט, אָן שום קאָנקורענץ, נאָר אין פֿולער צוזאַמענאַרבעט, פּונקט ווי מיט די יידישע שכנים".

שוין פֿאַרטיקע פּלענער, באַשטימטע פּלעצער פֿאַר אַ קולטור־צענטער, מיט מוניציפּאַלע ביוראָען; אַ האַנדלס־קוואַרטאַל, אַ גרויסער האָטעל און אַ קאָנגרעסן־זאַל — „פֿאַר אינדוסטריע־פֿערזענלעכקייטן וואָס וועלן אונדז באַזוכן, אָפּהאַלטן דאָ זייערע קאָנפֿערענצן". און אָט אַ פּלאַן: „בית־אבות", אַן עלטערן־היים, וואָס

מען רופט נישט מער אין ישראל „בית־זקנים״... „יאָ...״ — באַקומען מיר אַן ענטפער — „מיר ווילן נישט בלויז אַ יונגע באַפעלקערונג. מיר האָפן דאָ צו האָבן אויך זיידעס און באָבעס, פעטערס און מומעס — מיר גרייטן פלעצער פאַר עלטערן פון אונדזערע איינוווינערס, וועלכע ווען אין פענסיע־עלטער לעבן נאָענט צו זייערע קינדער און אייניקלעך״.

*

אייביק בלאָזט דאָ אַ ווינטל פון די בערג פון איין זייט, און פון ים אין דער צווייטער זייט, און שפילט מיט עכאָס צווישן וואַדיס און הייכן. און זון פעלט דאָ קיינמאָל נישט. עס וואַרעמט און עס קילט אַרום־און־אַרום. אָט באַלד, זיי קומען שוין, וועלן דאָ פענצטער זיין פול מיט זון און דורך טירן וועט אַריינשפּאַרן ווינטיקע קילקייט...

אין אַלטן גליל וועבט זיך אין וויזיע אַ ניי מעשהלע...

„נישט חלוציזם...״, ווי עס וויל ד״ר ל. ג. — נאָר „עפּעס נייעס״, ווי עס קומט מיר אַנטקעגן דורך מיין זוניקן פענצטער...

1983

צווישן בויערס אין דער רויזן־שטאָט

איך ווייס נישט צי דאָס איז „ציונות שלב ג״״, צי „חלוציזם שלב ב״״ — כאָטש דורך מיין פענצטער זע איך פּיאָנערישקייט, חלוציזם, אין מיין לאַנד אַן אויפהער, אַן איבעררייס, אין איין לאַנגער „פּאַוזע״, וואָס ציט זיך שוין אַ סך אַ סך צענדליקער יאָרן — אָבער נויטווענדיקער „ישראליזם״ איז דאָס זיכער. וואָס איז נויטווענדיקער ווי אַנטוויקלען דעם גליל, באַזעצן אין אים יידן?

פופציק משפחות בויען שוין זייערע היימען, הייזער, אין רויזן־דאָרף. נאָך זיבעציק וואַרטן שוין בלויז אויף די אָפּיציעלע באַשטעטיקונגען פון זייערע בוי־פּלענער. דריי הונדערט משפחות האָבן איינגעצאָלט פאַר זייערע פלעצער און גרייטן די בוי־פּלענער.

אויף אַ פּאַרטיקן שוין באַלקאָן, כאָטש דער דאַך איז נאָך האַלב־אָפן, שטייט דער פיר און פערציק־יאָריקער דוד מלכי, גלעט זיינע גראָבע שוואַרצע, פּאַרזיל־בערט אַ ביסל מיט גרויע האָר, וואָנצעס, און רעדט פאַר אַן אומבאַקאַנטן: „דאָס געפיל ביי אַ בן־אדם, אַז ער בויט זיין היים מיט די אייגענע הענט, איז ממש אַ געטלעכס, עפּעס וואָס איז נישט פון דער וועלט... איך וואָלט איינגעשפּאַנט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, עס זאָל בויען אַליין זיינע היימען, דאָס וואָלט געווען דער אמתער אור לגויִם...״ ער נעמט אַרום ביים האַלדז זיין אַכצן־יאָריקן זון, וועלכער שטייט לעבן אים און זעצט פאַר: „קומט אַרויף... דער פּייסאַזש פון דאַנען, די שמעקנדיקע לופט, זיי פאַרשיכּורן נישט, ווי מענטשן זאָגן, זיי לײַטערן... אמת, נחום, — ער איז אַ פלייסיקער געהילף — אַז די אַרבעט דאָ איז לייכט און גייט שנעל?...״

מלכי, אַ געבוירענער אין בולגאַריע, איז עולה געווען אין יאָר 1948 און נאָכן דורכמאַכן זיין מיליטער־דינסט פאַרבליבן סטאַביל אין דער אַרמיי ביז ער איז

איצט אַרויס אויף פּענסיע אין דער ראַנג פון אַן ערשטן אויבערסערזשאַנט. אָפּנהאַר־ציק, פּשוט, דערציילט ער אַלץ, און עס קומט אַרויס אַ ישראַלאַרטיקער מאָנאָלאָג:

„קאַפּע וועט דיר קומען, איך בלייב דיר אַ ‚בעל־חוב', וועסט זי באַקומען זומערצו, ווען מיר וועלן זיך דאָ אַריינציִען... יפה איז טאַקע פון פּוילישער אָפּשטאַמונג, אָבער קאַפּע מאַכט זי שמעקנדיקע, שטאַרקע, אויפן בולגאַרישן שטייגער... איך בין צופעליק זעלטן געווען אין גליל, געווען שטענדיק באַשעפטיקט אין שטאָב אין צענטער. מיט פינף יאָר צוריק האָט מען מיך געשיקט אין גליל דורכמאַכן אַ לענגערן דערגאַנצונג־קורס און איך האָב זיך פאַרליבט אין די הייכן און וואַדיס. ווי אַזוי, פרעג איך, האָבן מיר לאַנגע יאָרן געלעבט אין זאַמדיקן פלאַכן ראשון־לציון?... מיר האָבן באַשלאָסן גלייך נאָך מיין באַפרייען זיך פון מיליטער, זיך באַזעצן אין גליל. ווו? מיר האָבן נישט געוווּסט. געקלערט וועגן כרמיאל. יפה האָט אין אַ צייטונג געלייענט וועגן ווערטהיימערס פּלאַן. זי האָט געשריבן אַ בריוו קיין נהריה. מען האָט גלייך געענטפערט און אונדז איינגעלאַדן צו קומען אָנקוקן. באַקאַנטע האָבן געלאַכט פון אונדז: ‚ווערטהיימער איז אַ מיליאָנער און ער מאַכט אַ שטאָט פאַר מיליאָנערן'. איך האָב געזאָגט אַז אין ישראל קאָן יעדער זיך באַזעצן וווּ ער וויל. נישט ריכטיק?... מיר זענען געפאָרן, געטראָפן אויך אַנדערע קאַנדידאַטן — און וואָס? פינף און נײַנציק פּראָצענט פון אונדז זענען לוין־אַרבעטערס; אויך אינזשיניערן, דאָקטוירים, און לערערס אַוודאי, זענען מענטשן וועלכע לעבן פון לוינען. די שטאָט איז אָפן פאַר אַלעמען, פאַר יעדן וואָס קאָן זיך אַקלימאַטיזירן צווישן רויזן... האָבן מיר מיט חדשים צוריק פאַרפּאַקט האָב־און־גוטס און געקומען אין גליל".

זיי האָבן צייטווייליק געדונגען אַ וווינונג אין מעלות. פּרוי מלכי, יפה, האָט גלייך באַקומען אַרבעט אַלס לערערין פון פּאַלאַשן־קינדער, וועלכע מען האָט נאָר וואָס געבראַכט פון עטיאָפּיע. דער מאַן האָט נאָך נישט קיין אַרבעט: „נישט געזאָרגט, איך וועל פריער אויפבויען די שטוב, און ווער עס וויל נאָר אַרבעטן אין גליל, באַקומט אַרבעט" — איז ער זיכער.

*

אין אַ נומער פון „עלון", אַן אָרטיק בלעטל, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פּעריאָדיש פאַר די שוין־בויענדיקע און פאַרשריבענע איינוווינערס פון כפר־וורדים, האָב איך געלייענט די שורות: „די מענטשן פון דער געגנט, וועלכע לעבן אַרום כפר־הוורדים אין אַלע זייטן, געהערן צו אַלע עדהס און רעליגיעס. די מערהייט לעבט דאָ שוין זינט לאַנגע־לאַנגע דורות און עס הערשט צווישן זיי אַ גוטע שכנהשאַפט. אייער פליכט איז זיי צו באַקענען און קענענלערנען זייערע מנהגים און איינגעשאַפטן, כדי איר זאָלט קאָנען מיט זיי אָנקניפּן פאַרבינדונגען פון גוטער און פריינדלעכער שכנהשאַפט. די שכנים אייערע דערוואַרטן, אַז דאָס אויפבויען דעם כפר־הוורדים וועט ביישטייערן פאַר אַנטוויקלען און פאַרפעסטיקן דעם גליל". אונטער די ווערטער איז געווען אונטערגעשריבן — סאַלימאַן כאַמדאַן.

„ווער דאָס איז?" — באַקום איך אַן ענטפער אויף מיין פראַגע — „איינער פון אונדזערע קומענדיקע איינוווינערס, אַ דרוז פון שכנותדיקן דאָרף „יאַנוחַ".

איין קילאָמעטער בלויז איז פון כפר־הוורדים ביז יאַנוח. מיר זענען אָנגע־קומען צו סאַלימאַן כאַמדאַן, ווען ער האָט זיך טאַקע געאײַלט נאָך דער טאָגלע־כער אַרבעט צוצופאָרן זעען ווי עס גייט די אַרבעט ביי זיין „נייעם הויז אין דער נייער שטאָט". דער צוויי און פערציק־יאָריקער סאַלימאַן כאַמדאַן איז אַן אינספעקטאָר מצד דעם בילדונג־מיניסטעריום אין די שולן פון דער געגנט, דער הויפּט־פירער פון די דרוזישע סקויטן אין ישראל און אינסטרוקטאָר פון די יידי־שע סקויטן אין דער געגנט.

„אין תפן בין איך איינגעפלאַנצט מיט ליבע זינט איך האָב אַלס קליין ייִנגל געפּאַשעט די שאָף אויף די בערג... אַלע סקויטן־טוערס, יידישע און נישט־יידישע ווענדן דיר דערציילן וויפל יאָרן שוין איך טענה: צו וואָס בויט איר זומער־לאַגערס אין דער פאַרפעסטעטער לופט לעבן די גרויסע שטעט? קומט אין גליל, וועט איר זיך פאַרליבן אין די פאַרכישופטע בערג און טאָלן און צוריקקערן אַהער כדי דאָ צו לעבן נאָכן מיליטער־דינסט. איצט איז געקומען אַ ייד, סטעף, און פאַר־ווירקלעכט מיינעם אַ חלום, ,שלעפנדיק' נאָך זיך הונדערטער, און עס וועלן קו־מען טויזנטער..."

ער רעדט מיט ענטוזיאַזם: „מיר האָבן אפשר דורות־לאַנג געוואַרט אויף אַן עיר הוורדים אין אונדזערע בערג. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן וואָס די דאָזיקע נייע שטאָט וועט אונדז געבן. אַרבעט פאַר דער יוגנט אין דער אינדוסטריע־שכונה. אַ באַפרייטער נאָכן מיליטער־דינסט דרוזישער זעלנער וועט מער נישט אַרומ־דרייען זיך אַרבעטלאָז, נישט זיין געצוווּנגען צו וואַנדערן קיין חיפה און תל־אביב, זוכן — געפינען אָדער נישט — אַרבעט. עס וועט זיין אַ ספּאָרט־געגנט — און אויך איך וועל האָבן וואָס צו טאָן ביי מיינע באַליבטע באַשעפטיקונגען. לעבן מיין פּלאַץ האָב איך געקויפט אַ פּלאַץ אויף אַ הויז פאַר מיין זון, ווען ער וועט ענדיקן מיליטער־דינסט. אויך אַ חבר פון דזשוליס וועט זיין מיינער אַ שכן".

„ווי וועט איר זיך פילן צווישן אַ מערהייט יידן אין שטאָט?"

ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט: „איך וועל נישט אָפּגאָלן מיינע וואָנצעס, איך וועל נישט ענדערן מיין נאָמען אויף שלמה. קיינער וועט דאָס ביי מיר נישט פאָדערן, חלילה. מיין פרוי וועט ווייטער טראָגן דעם דרוזישן טראַכט. פאַרוואָס זאָל איך לעבן אין אַ דרוזיש געטאָ אין יאַנוח? די יידן האָבן געלעבט צוויי טוי־זנט יאָר אין גלות, ווייט נישט שטענדיק אין געטאָס, בפרט ווען זיי זענען נישט געווען געצוווּנגען, — צי וועל איך נישט קאָנען אָפּהיטן מיין דרוזישע אייגנאַר־טיקייט איין קילאָמעטער פון יאַנוח?..."

*

ווען מיר גייען אַרויס אין אַ שפּאַציר איבערן דערפל מיט קנאַפּע פופצן הונדערט איינוווינער, ציטירט כאַמדאַן פון יהודה הלוי:

„שובנה אל תענוגיכם לגבול חמת וינוחה,
יתן אלוהים לכם ומצאנה מנוחה"
(„קערט צוריק צו אייערע פאַרגעניגנס אין די גרענעצן פון חמת און ינוח,
זאָל אייך גאָט געבן און איר זאָלט געפינען מנוחה").

„זעסט, דער דיכטער האָט נישט פאַרגעסן ינוח, כאָטש זי ווערט דערמאָנט בלויז איינמאָל אין תנ״ך...״

יאָ, געווען דאָ אַ שטאָט אין די צײַטן פון דער יידישער מלוכה: „אין די טעג פון פקח דעם מלך פון ישראל, איז געקומען תגלת-פלאסר דער מלך פון אשור און האָט גענומען — — — און יָנוֹחַ — — — און ער האָט זיי פאַרטריבן קיין אשור״ (מלכים ב׳ ט״ו, כ״ט). דאָס איז געווען אין יאָר 732 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג.

„און פון דעמאָלט האָבן די יידן נישט צוריקגעקערט קיין ינוח?״

„אָ, ניין!״ — ווייסט כאַמדאַן — „אין תלמוד ווערט דערמאָנט ,רבי אבא יוסף איש ינוח׳, ירושלמי, כלאים ב׳, ו׳, און אין תוספתא, אויך כלאים ב׳, א׳, ווערט דער זעלבער אָנגערופן ,איש יאני׳ — אָבער ס׳איז דאָס זעלבע יאַנוח אונ־דזערס...״ — ווייזט ער אַרויס בקיאות, ווי עס פּאַסט פאַר אַ שול-אינספּעקטאָר אין ישראל.

ווען מיר טוען אָן די שיך, אַרויסגייענדיק פון דער פשוטער, ווי עס פירט זיך ביי די דרוזן, „כילווע״ (בית-תפילה), האָב איך אַ פּאָר צענדליק מעטער פון מיר דערזען אַ קליינעם בנין מיט אַן עכט-מוסולמענישן קופּאָל, ווי אַ מעטשעט.

„וואָס איז דאָס?״ — האָב איך געפרעגט — „נישטאָ דאָך קיין מוסולמענער ביי אייך אין דאָרף...״

„דאָס איז ,סיט שאַמסאַ׳, אַ הייליקער קבר״ — האָב איך באַקומען אַן ענט־פער. „ווער עס איז געווען די ,גברת שאַמסאַ׳ ווייסן מיר נישט. פאַראַן פאַרשיידענע לעגענדעס. מען ווייסט אויך נישט גענוי אין וועלכער צייט דער בנין איז אויפ־געבויט געוואָרן און ווי אַלט עס איז דער קבר גופא. אָבער דאָס איז נישט קיין מוסולמענישער, נאָר אַ דרוזישער מקום-קדוש, גלייך געבויט אַלס אַזעלכער, אין מעטשעט-סטיל...״

רעדט זיך אָן אינטעליגענטער, טיף-דענקנדיקער דרוז אַראַפּ פון האַרץ, פאַר־קלערט אַביסל: „וועגן אונדזער געבאָט ,טעקיאַ׳ האָסטו דאָך שוין געהערט... דאָס איז עפּעס ווי קאָפּויערס פון יידישן פּרינציפּ ,קידוש-השם׳... ניין, עס באַדייט נישט סתם ,פאַרזיכטיקייט׳, נאָר אַ געבאָט זיך צו פאַרטיידיקן, בעת רדיפות, נישט בלויז צו באַהאַלטן, נאָר אפילו אָפּצוזאָגן זיך און לייקענען די רעליגיעזע אָנגע־העריקייט... דאָס איז דאָ געבויט געוואָרן זיכער אין אַ צייט פון רדיפות מצד מוסולמענער... דעריבער געפינט זיך אויך דער ,מוכראַב׳, דאָס תפילה-ווינקל, אין דרום-זייט, ווי אין אַ מעטשעט. דאָ זענען מתפלל בלויז די ,על-אוקאַל׳, די וועלכע קענען די רעליגיע-סודות״.

איבער דער טיר, אינעווייניק — אַ גרויסער מגן-דוד, געמאָלן אין רויט, בלוי און געל — עס פעלן צוויי פון די נאַציאָנאַלע דרוזן-קאָלירן. איז אויך דער מגן־דוד אַ טייל פון „טעקיאַ״?... — די פראַגע שטעל איך זיך אַליין און פאַר מיין גאַסטגעבער מאַך איך זיך נישט באַמערקן דעם יידישן, ישראלדיקן, עמבלעם...

*

שוין אין שפּעטן נאָכמיטאָג זענען מיר אָנגעקומען אין סאַלימאַן כאַמדאַנס אויטאָ אויפן פּלאַץ אין כפר-הוורדים, וווּ ער בויט זיין הויז. ער האָט זיך האַרציק

באַגריסט מיט זיין שכן, וועמענס הויז עס איז שוין האַלב-פאַרטיק. דאָס איז אבי כהן, אַ צוויי און דרייסיק-יאָריקער מעטאַל-אינזשיניער, וועלכער אַרבעט אין איי-נער פון די „ישקר"-פאַבריקן. ער וואַרט גאָרנישט אויף קיין פראַגע, ווען ער דערוויסט זיך, אַז ער רעדט מיט אַ זשורנאַליסט:

„איך בין נישט געקומען אויף ווערטהיימערס רוף, ווייל איך אַרבעט ביי אים און מיין אַרבעט-פּלאַץ וועט זיין טאַקע דאָ אויפן אָרט. עס האָט מיך צוגעצויגן די אידיי פון סטעף ווערטהיימער. צי איז גויטוועגדיק צו באַזעצן, אַנטוויקלען דעם גליל? אַלע זענען מיט דעם מסכים... נאָר איך זע נישט היינט אין ישראל קיין שום אַנדערע באַוועגונג, וואָס זאָל אויפהייבן די פאַן פון התיישבות אין גליל. אפילו ‚שלום עכשיו' זע איך דאָ נישט..."

1983

*

אין טאָג פון ניי-יאָר 1984 האָט די פאָלקס-דיכטערין, זינגערין און קאָמפּאָזי-טאָרין נעמי שמר, די אויטאָרין פון „ירושלים של זהב", פאַרעפנטלעכט אַ ליד אונטערן נאָמען „פיר און אַכציק". ווילט זיך פריי איבערזעצן אייניקע שורות פון דאָזיקן ליד:

„פיר און אַכציק
פאַראויס אין וועג אַריין;
הער אויף צו רעדן
און הייב אָן טאָן.

בוי נאָך אַ הויז,
שטעל אויף נאָך אַ פאַרקאָן,
בוי אויף נאָך אַ דאַמבע
איבערן צעשטורעמטן ים.
דווקא — דווקא
אדרבא — אדרבא!
פאַר וואָס נישט
יאָר פיר און אַכציק?!"

אונטערן נאָמען פון ליד, ביי דער זייט, צוויי קליין-אותיותדיקע ווערטער: „לסטף ורטהיימר" — דאָס ליד איז געווידמעט סטעף ווערטהיימערן...

פון גוש־חלב ביז דזשיש

געשען איז דאָס דעם ערשטן שבת פון נייעם יאָר 1970. די נייעס האָט אויפ־גערודערט ישראל — טעראָריסטן, געקומענע פון לבנון, האָבן אונטערגעלייגט אויפרייס־מאַטעריאַלן אין צוויי הייזער פון קריסטלעך־מאַראָניטישן דאָרף אין גליל־העליון גוש חלב, אָדער ווי די אַראַבישע איינוווינערס רופן עס, דזשיש. צום גליק האָט דער אויפרייס פאַראורזאַכט בלויז שאָדנס אין די הייזער און נישט גורם געווען קיין מענטשלעכע קרבנות. ביים אויפנעמען איצט די דאָזיקע ידיעה, האָט זיך מיר דערמאָנט אַן אינטערעסאַנטע באַקאַנטשאַפט מיט אַ פרוי פון דאָזיקן דאָרף.

מיט העכער אַ יאָר צוריק, צופעליק פונקט דעם פרייטיק פרי, ווען עס איז פאָרגעקומען אַ בלוטיקער טעראָר־אויפרייס אויפן מאַרק „מחנה יהודה" אין ירו־שלים, בין איך אָנגעקומען אויף עטלעכע טעג אַפּרו אין אַ דערהאָלונג־הויז לעבן ירושלים. נאָך דער פרייטיק־צו־נאַכטס־סעודה איז פאָרגעקומען אין אָפּרו־הויז אַ פאַרוויילונג, עס איז אַרויסגעטראָטן אַן אַרטיסט, דערנאָך האָט די יוגנט געטאַנצט. איך בין אַוועק צו זיך אין צימער גאָר פרי. אין האָל לעבן די וווינונג־צימערן איז געזעסן איינע אַליין אַ יונגע פרוי און געשטריקט. זאָגנדיק ביים פאַרבייגיין „שלום", האָב איך צוגעגעבן: „איצט, ווען אַלע יונגע טאַנצן דאָרט, זיצסטו און שטריקסט גאָר?". פאַקטיש האָב איך אַפילו קיין ענטפער נישט דערוואַרט; געוואָלט גיין ווייטער. די יוגנטלעכע פרוי האָט אָבער אויפגעהויבן צו מיר דעם קאָפּ, מיט אַ בליק, וואָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין ערנסט און אומעט. און געפרעגט: „ווייסט נישט ווער איך בין?" מיט פאַרוווּנ־דערונג האָב איך געענטפערט: „ניין. כ'בין ערשט היינט געקומען אַהער".

„איך בין נישט קיין יידישע..." — איז געקומען דער ענטפער, אין אַ ריינעם צאַברישן עברית.

„אַן אַראַבערין?" — האָב איך געפרעגט.

„ניין!" — האָט זי געענטפערט, מיט אַ פּראָטעסט־טאָן אין איר שטימע — „איך בין אַ קריסטין!"

„פון וועלכן לאַנד?" — האָב איך ווייטער געפרעגט, מיינענדיק, איך ווייס נישט פאַרוואָס, אַז דאָס איז אַן אויסלענדישע סטודענטין.

„פון ישראל, אַ ישראלית!" — האָט זי געענטפערט מיט אַ דעמאָנסטראַטיוון שטאָלץ — „איך בין פון גוש־חלב" — האָט זי צוגעגעבן, אַפילו נישט אָנרופנדיק דעם אַראַבישן נאָמען פון דאָרף — דזשיש.

איך האָב זיך אָוועקגעזעצט און אין משך פון לאַנגע שעהען אויסגעהערט אַ „טעאָריע־לעקציע" פון אַן עטלעכע צוואַנציק־יאָריק קריסטלעך אַראַביש מיידל. אַראַבער, האַלט זי, זענען בלויז די מוסולמענער. „די קריסטן זענען פונקט ווי די יידן, קעגן פּאַן־אַראַבישן נאַציאָנאַליזם, אָבער מיר זענען אין ערגעץ נישט

קיין אַראַבער". זי איז אַ טאָכטער פון קריסטלעכע עלטערן, "דאָס איז מיין רעליגיע, אָבער דאָס קריסטנטום טיילט אונדז אָפּ פון די מוסולמענער נישט בלויז רעליגיעז, נאָר אויך נאַציאָנאַל... נאָר מוסולמענער זענען עכטע אַראַבער..." זי האַלט זיך און פילט זיך ווי "אַן עכטע גלייכבאַרעכטיקטע ישראלית". אָט אַרבעט זי דאָ צווישן יידן, אַלס קראַנקן־שוועסטער. "מיט וואָס בין איך אַנדערש ?..."

"וואָלסט נישט געווען אַנדערש אויך ווען דו זאָלסט זיין פון מוסולמענישן גלויבן", — האָב איך געפּרוווט דערווידערן — "אַזויפיל אַראַבער זענען קריסטן אין זייער רעליגיע, און גלייכצייטיק אפילו נאַציאָנאַליסטישע פּאַלעסטינעזישע אַראַבער". דאָס מיידל איז, פאַרשטייט זיך, געבליבן ביי איר מיינונג.

דערביי, כאָטש זי האָט עס נישט געזאָגט מיטן פולן מויל, אָבער פון אירע רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דווקא ווי נישט קיין יידישע, וויל זי הייַנט נישט טאַנצן, נישט ווייַלן זיך, מען זאָל זי נישט חושד זיין אין פרייַען זיך מיטן אומגליק אין "מחנה יהודה", כאָטש געזאָגט האָט זי, אַז דאָס איז צוליב דעם וואָס איר חתן (אַן אַראַבער), אַ פּאָליציאַנט אין ירושלים, קאָן הייַנט צו איר נישט קומען צוליבן אויפרייס אין דער הויפּטשטאָט.

דענקן אַלע אין איר דאָרף ווי זי ?

זי האָט זיך אַ ווייל פאַרטראַכט, איידער זי האָט מיר געענטפערט אויף דער פראַגע: "כדי צו זיין אויפריכטיק, מעג איך זאָגן כמעט אַלע, רעדנדיק, פאַרשטייט זיך, בלויז וועגן די קריסטן אין דאָרף".

און איצט — האָב איך געטראַכט — אפשר טאַקע דערפאַר איז איר דאָרף געווען דער ערשטער נישט־יידישער יישוב אין ישראל, וואָס האָט געליטן פון אַ טעראָר־אַקט מצד דיווערסאַנטן, געקומענע פון דער מדינה, וועלכע דאָס מיידל האָט אָנגערופן — "אַ נישט־אַראַביש לאַנד אין דער מערהייט", פון לבנון.

*

צומאָרגנס נאָכן אויפרייס בין איך, צוזאַמען מיט דריי אויסלענדישע זשורנאַליסטן, אָנגעקומען אין פריען נאָכמיטאָג קיין גוש־חלב. מיר האָבן אָפּגעשטעלט אונדזער אויטאָ לעבן אַ הויז מיט עטלעכע געשעפטן, אַנטקעגן אַ קליינער קריסטלעכער קירכע. מיר האָבן פאַרהאַלטן אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, וועלכער איז פונקט אַרויס פון אַ געשעפט און אים געפרעגט ווו עס געפינט זיך "דער קאָמונאַלער ראַט פון גוש־חלב". אין אַ ריינעם העברעיש האָט ער אונדז געענטפערט, זייער העפלעך, אָבער גאַנץ פאַרביסן: "איך וועל אייך צופירן, אָבער דאָ איז נישט גוש־חלב, דאָ איז דזשיש..." דאָס איז געווען יאָסיף האַשול, אַ לערער אין דער דאָרף־שול און גראַד אויך אַ מיטגליד פון קאָמונאַלן ראַט. ער האָט נישט געענטפערט דירעקט אויף דער פראַגע: "וואָס איז דאָס נישט־פּאַסיקע אין אַן אוראַלטן היסטאָרישן נאָמען ?" ער האָט אָבער גערעדט: "כדי אויסצומיידן ווייטערדיקע אָנגריפן אויף אונדזער דאָרף, טאָרן מיר נישט, אַלס ישראל־בירגערס, נעמען קיין שטעלונג אין ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. מיר זענען דאָך אַראַבער... צום באַדויערן זענען פיל ביי אונדז צו שטאַרק אידענטיפיצירט אינעם קאַמף צווישן די פּאַלעסטינעזער און די יידן..." — מען האָט נישט באַדאַרפט אים אי־

בערפרעגן וועלכע „שטאַרקע אידענטיפיצירונג" ער האַלט פאַר שעדלעך... ווען מיר האָבן גערעדט מיט אים, האָב איך נישט געדענקט, וואָס יצחק בן־צבי שרייבט וועגן זיין משפחה; אויך זיינע פנים־שטריכן האָבן ביי מיר נישט אַרויסגערופן קיין השערות, ווי ביים פאַרשטאָרבענעם נשיא (זע ווייטער, זייט 102).

מיר האָבן אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז אפשר האָבן זיך די טעראָריסטן טועה געווען און געוואָלט אונטערלייגן דעם אויפרייס־מאַטעריאַל אין איינעם פון די באַגענטע יידישע יישובים. זאַקי דזשובראַן, פאָרזיצער פון אָרטיקן מוניציפאַלן ראַט, האַלט דאָס פאַר אויסגעשלאָסן: „די באַלויכטענע קירכע אויפן שפּיץ באַרג די גאַנצע נאַכט, האָט געגעבן גענוי געוויזן ביז ווייט־ווייט וואָסער יישוב דאָס איז... אונדזער דאָרף איז באַקאַנט ווי אַ שטילער יישוב, געטריי און איבערגעגעבן דער מדינה. פיל פון אונדזערע יוגנטלעכע דינען אין דער אַרמיי און פּאָליציי פון ישראל. אפשר טאַקע צוליב דעם..." דער מוניציפאַלער ראַט האָט איינשטימיק אָנגענומען די רעזאָלוציע: „מיר זענען אויפגעשוידערט און פאַראורטיילן דעם טאָט. ער איז אויסגעפירט געוואָרן דורך פּחדנים, שמוציקע און געוויסנלאָזע מענטשן. דאָס זענען מענטשן אָן כבוד און אָן טראַדיציע, וועלכע האָבן געוואָלט אַרויסרופן אין דאָרף אַ סכסוך צווישן דער קריסטלעכער מערהייט און דער מוסולמענישער מינדערהייט". צווישן די אַכצן הונדערט איינוווינערס פון דאָרף זענען אַ טויזנט דריי הונדערט מאַראָניטן, ביי צוויי הונדערט קאַטאָליקן און דריי הונדערט מוסולמענער.

עס איז מסתמא נישט קיין צופאַל, וואָס דער דאָזיקער ערשטער טעראָר־אַקט קעגן אַן אַראַביש דאָרף אין ישראל, איז אויסגעפירט געוואָרן קעגן אַ מאַראָניטישן יישוב, פּונקט אין די טעג ווען אין לבנון טרעטן די מאַראָניטן אַרויס קעגן די „קאַירער אָפּמאַכן" — וואָס רופן צו „אַ קאַמף קעגן ישראל פון אַלע אַראַבישע גרענעצן, איינגעשלאָסן לבנון" — און זיי פאָדערן פאַרבאָטן די טעראָר־טעטיקייט פון לבנונישער טעריטאָריע קעגן ישראל.

האָט דאָס אפשר אויך גענומען אין באַטראַכט זאַקי דזשובראַן, דערקלערנדיק ווייטער: „צום גליק זענען קיין קרבנות נישט געווען, אָבער דער פאַל איז אַ זייער־זייער ערנסטער און מיר קוקן מיט חשש צו דער צוקונפט, עס זאָלן נישט פאָרקומען קיין האַרבערע אַטענטאַטן".

*

גוש־חלב ליגט אויף אַן אָפּגעזונדערטן באַרג מיט אַ קופּאָלאַרטיקן שפּיץ, וואָס גרייכט ביז אַכט הונדערט ניין און דרייסיק מעטער איבערן ים־ניוואָ און זעט זיך בולט אַרויס אין דער גאַנצער געגנט, זיך אָפּשלאָגנדיק פון דערלעבנדיקן העכסטן באַרג־שפּיץ פון גליל, דעם באַרג מירון. דער באַרג גוש־חלב געפינט זיך אין מיטן אַ פרוכטבאַרן טאָל, וואָס איז שוין זינט טויזנטער יאָרן באַרימט מיט זיינע צאָלרייכע איילבירטן און פעטע מילך־קי. אויפן שפּיץ פון באַרג זעט מען פון ווייטן — אין די נעכט שטאַרק באַלויכטענע — די מאַראָניטן־קירך „מאַר בוטרוס" („הייליקער פּאַולוס"), און בלויז אין חורבות, אַביסל אין דער זייט, געפינען זיך די אויסגעגראָבענע רעשטן פון אַן אַלטן בית־כנסת — אָבער גוש־

חלב איז נאָך מער ווי אין פעטער מילך פון זיינע קי, „אויסגעווייקט" אין אַל־טערטימלעכער יידישער געשיכטע.

גוש־חלב ווערט נישט דערמאָנט אין תנ"ך, נאָר לויט אַלע יידישע מקורות אין משנה און תלמוד, איז דאָס געווען אַ שטאָט, אַרומגערינגלט מיט אַ מויער שוין ווען יהושע בן־נון האָט פאַרנומען דאָס לאַנד.

אין דער גאַנצער צייט פון בית־שני איז דאָס געווען איינע פון די וויכטיקסטע שטעט אין צפון פון לאַנד.

גוש־חלב האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין אויפשטאַנד קעגן די רוימער אין די יאָרן 66—68. פון דאַנען שטאַמט איינער פון די באַרימטסטע אויפשטענד־לער־פירערס קעגן די רוימער אין יענער צייט, יוחנן פון גוש־חלב. יאָסעפוס פלאַוויוס, וועלכער האָט יוחנען געהאַסט, ווייל ער האָט געקעמפט ביזן סוף, ווען יאָסעפוס איז אַריבער אויפן צד פון שונא, שרייבט דאָך וועגן אים זייער אַ סך.

יוחנן פון גוש־חלב איז געוואָרן דער צווייטער, נאָך שמעון בר־גיורא, אָנפירער און העלד פונעם אויפשטאַנד קעגן די רוימער.

„...אין גוש־חלב איז דער גאַנג פון די געשעענישן געווען אַזאַ: יוחנן בן־לוי, ווען ער האָט געזען אַז אייניקע איינוווינערס פון גוש־חלב קלערן מורד צו זיין אין די רוימער, האָט ער זיי אין אָנהייב געפּרוּווט אָפּרעדן; אָבער ווען די פרעמדע זענען באַפאַלן די שטאָט, זי איינגענומען, זי אונטערגעצונדן און חרוב געמאַכט — איז יוחנן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַנדער מענטש. ער האָט צונויפגעזאַמלט אַן אַרמיי, באַוואָפנט, באַפאַלן די פרעמדע, זיי צעשלאָגן און אויפגעבויט אויפסניי גוש־חלב, נאָך שענער ווי פריער, זי אַרומגערינגלט מיט אַ פאַרפעסטיקטן מויער, וואָס זאָל קאָנען זיין פאַר אים אַ ווידערשטאַנד־פּלאַץ אין די קומענדיקע טעג. — — — די שנאה פון יוחנן בן לוי צו מיר האָט זיך גע־שטאַרקט און געוואַקסן, ווייל ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן מיין דערפאָלג. ער האָט געשטרעבט מיט אַלע זיינע כוחות־אָנשטרענגונגען מיך צו באַזייטיקן פון זיין וועג און האָט געבויט נאָך פעסטערע מויערן אַרום גוש־חלב, זיין גע־בוירן־שטאָט" (פלאַוויוס, אין זיין אויטאָביאָגראַפישן ווערק „דאָס לעבן פון יוסיפן"). וועגן קאַמף פון גוש־חלב קעגן די רוימער דערציילט יאָסעפוס פלאַוויוס: „...בלויז גוש־חלב איז נאָך נישט איינגענומען געוואָרן דורך די רוימער. דאָס איז אַ קליינע שטאָט אין גליל, וואָס אירע איינוווינערס זענען מענטשן פון שלום, די מערהייט האָט באַאַרבעט זייער ערד און זייער ציל איז שטענדיק געווען בלויז די ברכה פון פעלד. אָבער צו זייער אומגליק זענען געקומען ווינען צווישן זיי פיל פון דער רויבער־מאַסע — — — און דער מענטש וועלכער האָט זיי געוועקט צו בונט און דיריגירט מיטן קהל איז געווען יוחנן, אַ זון פון אַ מענטש מיטן נאָמען לוי. — — — וועספּאַסיאַנוס האָט געשיקט קעגן זיי טיטוסן מיט טויזנט רייטערס. — — — און ווען טיטוס איז צוגעקומען ביז גוש־חלב, האָט ער געזען אַז ער קאָן לייכט שטורעמען די שטאָט און זי איינעמען, אָבער ער האָט געוווּסט, אַז ווען די אַרמיי וועט איינעמען די שטאָט מיט כוח, וועט זי דורכפירן אַ שרעקלעכע שחיטה איבער די איינוווינערס. און דעם צווייטן טאָג האָט טיטוס זיך דערנענטערט צום מויער פון דער שטאָט און גערופן צו שליסן אַ בונד מיט

די אייגוווינערס פון גוש־חלב און די בירגערס האָבן פּאַר אים געעפנט די טויערן פון דער שטאָט. — — — זיי האָבן אים דערציילט, אַז יוחנן איז אַנטלאָפן. — — און ווען יוחנן פון גוש־חלב איז אָנגעקומען קיין ירושלים האָט דאָס גאַנצע פאָלק זיך פאַר אים געשראָקן" („די יידישע מלחמות", ד', ב'). אָט אַזוי זעט דער געוועזענער יוסף בן מתתיהו, וועלכער האָט דער ערשטער באַפעסטיקט גוש־חלב און דעם גאַנצן גליל, ווו ער איז געווען דער קאָמאַנדיר פונעם אויפשטאַנד, טיטוסן אַלס צדיק, און יוחנן בן לוי אַלס שרעק פון פאָלק...

אין יידישע מקורות געפינט מען זייער אַ סך דערציילונגען וועגן גוש־חלב, געשיכטע אויסגעמישט מיט לעגענדע און אפילו קבלהשע וווּנדער.

אין „זוהר" (ג', זייט ע"א, א') ווערט דערציילט וועגן אַ שפּאַציר פון צוויי חכמים, וועלכע „זענען געגאַנגען צוזאַמען און צוגעקומען ביז גוש־חלב און זי געפונען חרוב. האָבן זיי זיך געזעצט נאָענט פון בית־הקברות און איינער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ פאַרמעט פון אַ צעריסענער ספר־תורה. פּלוצלינג האָט זיך אויפגעוועקט איינער פון די נאָענטע קברים און אָנגעהויבן שרייען: וויי! וויי! די וועלט געפינט זיך אין צער און די תורה אין גלות, און די לעבעדיקע קומען לאַכן און אונדז פאַרשעמען מיט דער תורה! האָבן זיי אים געפרעגט: ווער ביסטו? — האָט ער געזאָגט: איך בין טאַקע געשטאָרבן, אָבער איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין זכות פון דער תורה!..." מיר דערציילן דאָס אונדזערע אַראַ־בישע באַגלייטערס אויפן שפּאַציר איבערן דאָרף, ביי זיינע אַלטערטימלעכקייטן און גיבן צו: „אפילו תחית־המתים איז שוין פאַרגעקומען אין גוש־חלב..." יאָסיף האַשול בלייבט נישט שולדיק: „יאָ... דער הייליקער פּאַולוס האָט דאָך געשטאַמט פון דזשיש, נאָר זיינע יידישע עלטערן האָבן פריִ אויסגעוואַנדערט פון דאַנען, אָבער זיין גייסט איז שטענדיק געבליבן דאָ הערשן..." (וועגן אַפּאָסטאַל פּאַולוס אין De Viris Illustribus, 5, 23, פון הייליקן היעראָנימוס).

אַז אין גוש־חלב איז געווען אַ יידישע קהילה אויך נאָכן חורבן, באַווייזן די איבערבלייבענישן פון צוויי בתי־כנסת, איינער פון דריטן און איינער פון פערטן יאָרהונדערט. אָבער אויך אין דער אַראַבישער תקופה האָבן דאָ געלעבט יידן. אין צענטן יאָרהונדערט האָבן יידן אין מצרים זיך געגרויסט מיט זייער אָפּשטאַמונג פון גוש־חלב; צוויי דאָקומענטן געפונענע אין דער „גניזה פון קאַירא", פון דאָ־זיקן יאָרהונדערט, דערציילט איינער אין אַראַביש וועגן אַ חזן פון גוש־חלב („על־כאַזן על־דזשושי") און דער צווייטער, אין העברעיש, רעכנט אויס די שבחים פון „יהודה בן שלמה נשמתו עדן אין דער שטאָט דזשוש". בנימין פון טודעלאַ באַשרייבט זיין רייזע איבערן גליל אַרום יאָר 1173 און ער איז „אויך געגאַנגען קיין דזשיש, דאָס איז גוש־חלב, און דאָרט לעבן ביי צוואַנציק יידן". רבי שמואל בן שמשון האָט באַזוכט גוש־חלב אין יאָר 1211 און שרייבט: „מיר זענען דאָרט געבליבן שטיין און געפייערט פורים. פאַראַן דאָרט גוטע מענטשן, וועלכע טוען מצוות. ווּהין מיר זענען געקומען זענען זיי אַרויס מיט אונדז, מער ווי צוויי מניינים, לכבוד דעם ראש־הגולה" (שו"ת, תרמ"ב). אין „כפתור ופרח" דערציילט אשתורי הפרחי, דער ארץ־ישראל־באַשרייבער פונעם אָנהייב פערצנטן יאָרהונדערט: „קומענדיק אין הייליקן לאַנד האָב איך מיטן אויבערשטנס

חסד געהערט, אַז אין גוש־חלב, און מען רופט זי דזשוש, לייענט מען די מגילה י״ד און ט״ו באדר״.

אינטערעסאַנט דער אונטערשייד פון אַ ייִדישן און נישט ייִדישן רייזנדן, וואָס איינער זעט און אויף וואָס דער צווייטער קוקט... דער טערקישער שרייבער אֶליאַ טשעלבי האָט אין יאָר 1672 פֿאַרעפֿנטלעכט אַ בוך רייזע־באַשרייבונגען פון ארץ־ישׂראל און ער שרייבט אויך וועגן גוש־חלב: „אין דאָרף דזשיש געפינען זיך הונ־דערט הייזער. די איינוווינערס זענען דרוזן, פֿאַרשאָלטענע גלויביקע אין גילגול־הנשמות. אָבער ווי שיין עס זענען זייערע טעכטער! יעדעס מיידל האָט אויגן פון אַ מלכּה, ענלעך צו די פון אַ הירשין, באַצויבערנדיקע אויגן, וואָס פֿאַנגען דעם וועלכער קוקט אין זיי. אַן אויסערגעוויינלעך בילד״.

*

און אָט זענען מיר ביים קבר פון שמעיה און אבטליון... אויפֿן אָפּהאַנג פון דאָרף, אַראָפּגייענדיק צום שאָסיי, אַ קליינע אַלטע געביידע פון שטיין, מיט צוויי קופּאָלן אויפן דאַך און אינעווייניק אַ דאָפּלטער סאַרקאָפֿאַג, אַ מתים־אָרון. נישטאָ קיין איינער פון די אויבנדערמאָנטע ייִדישע רייזנדערס, וועלכער זאָל נישט האָבן דערמאָנט און נישט מתפּלל געווען אויף די דאָזיקע קבֿרים. איינס פון די פינף פּאַרלעך אין דער אַזוי־גערופענער „זוגות־עפּאָכע״, וועלכע זענען גע־שטאַנען בראש פון סנהדרין אין ירושלים. ספּעציעל איז דער קבר געווען פֿאַר־הייליקט ביי די מקובלים אין צפת אין זעכצנטן יאָרהונדערט. אין ספר „שער הגלגולים״ ווערט דערציילט: „איין מאָל איז דער רבי געגאַנגען זיך משתטח זיין אויפן אייביקייט־סימן פון שמעיה און אבטליון אין גוש־חלב, כדי זיי צו פרעגן איין סוד פון די תורה־געהיימנישן. און דער אר״י ז״ל שטייענדיק אויפן סימן פון שמעיה און אבטליון, און זיינע תלמידים מיט אים, האָט געזאָגט: ,מיינע זין, איר זאָלט וויסן, אַז שמעיה און אבטליון האָבן מיר באַפֿוילן אייך צו זאָגן איר זאָלט מתפלל זיין אויף משיח בן־יוסף ער זאָל נישט שטאַרבן׳...״ לויט דער ייִדישער מסורה זענען די ביידע חכמים געווען אָפּשטאַמיקע פון סנחריב דעם מלך פון אשור. ווי אַזוי? לעבן זייער קבר זענען פֿאַראַן די קבֿרים פון אדרמלך און שראצר — די זין פון סנחריב, וועלכע האָבן אים דערמאָרדעט, ווען ער האָט זיך נאָך זיין מפּלה אין ירושלים צוריקגעקערט אין זיין הויפּטשטאָט נינוה, ווי עס ווערט דערציילט אין תנ״ך: „און עס איז געווען, ווי ער בוקט זיך אין הויז פון זיין גאָט נסרוך, אַזוי האָבן זיינע זין אדרמלך און שראצר אים דערשלאָגן מיטן שווערד; און זיי זענען אַנטרונען אין לאַנד ארַרט״ (ישעיה ל״ז, ל״ח). לויט דער ייִדישער לעגענדע, זענען זיי שפּעטער געקומען קיין ארץ־ישׂראל, זיך מגייר געווען און פון זיי האָבן געשטאַמט שמעיה און אבטליון.

קבֿרים און קבֿרים, און היילן מיט קבֿרים — מען קאָן פון זיי אַראָפּלייענען יאָרהונדערטער געשיכטע; יעדער קבר און נאָמען אויף אים האָט וואָס צו דערציילן...

ביי דער זייט פון וועג, די קבֿרים פון ר׳ יוחאי און זיין פרוי, די עלטערן פון רשב״י. דערציילט די לעגענדע (קהלת־רבא, י״א, ב׳), אַז לעבן זיי איז געווען באַ־

גראָבן זייער איינּיקל ר׳ אלעזר. די יידן פון מירון האָבן אים געוואָלט אַריבערפירן און מקבר זיין לעבן זיין פאָטער. „זענען די מענטשן פון גוש־חלב אַרויס קעגן זיי מיט שטעקנס און שווערדן און גישט געלאָזט. איינמאָל אין יום־הכיפורים, ווען די מענטשן אין גוש־חלב זענען געווען פאַרמאַטערט, זענען די מירונער אַרויס און צוויי שלאַנגען פון פייער האָבן גענומען גיין פאַראויס און זיי באַגלייט. זיי זענען געקומען אין דער הייל, גענומען דעם קערפער פון רבי אלעזר און אים געבראַכט צו קבורה ביי דער זייט פון זיין טאַטן אין מירון״.

אין פערצנטן יאָרהונדערט שרייבט אַ רייזנדער אין גוש־חלב וועגן אַ צווייטן קבר: „אין צפון־זייט, אין דער גידער פון באַרג, דאָרט ליגט מאיר טאַצון און זיין ווייב זצוק״ל״ (זכרון צדיק וקדוש לברכה). דער נאָמען פון דאָזיקן מאיר, וואָס איז אויך דערמאָנט ווי קאַצין, איז נישט באַקאַנט און ווערט נישט דערמאָנט אין קיין שום יידישע מקורות, אָבער די יידן פון צפת האָבן אים, לויט אַ פאַרצייכענונג פון יאָר 1769, גערופן „דער פראַנצויזישער ר׳ מאיר בעל־הנס״.

איר מוזט נישט גלויבן, אויך איך צווייפל דאָך, אָבער גיי מיטן וועג פון ר׳ חיים וויטאל אין זיין „שער הגלגולים״: „ווען דו גייסט פון דאָרף גוש־חלב אין צפון־זייט, אין אַ טאָל, ווו וועסט אָפגיין פינף הונדערט איילן, וועסטו טרעפן אַ בערגל אויף וועלכן ס׳איז באַגראָבן דער נביא יואָל בן פתואל״. זיין קבר ווייזט מען דאָך אויך אין ירושלים, אין שומרון און אפילו אין טאַדמור, אין סירישן מדבר... אָבער ר׳ חיים וויטאָל איז זיכער, ווייל: „קומענדיק פון צפת האָט דער רבי, רשב״י, זיך פלוצלינג דאָ אָפגעשטעלט און אָנגעוויזן: דאָ ליגט יואל בן פתואל...״ נישט ווייט פון דאָרט — דער קבר — צי טאַקע בלויז „ציון״, ווי דאָס הייסט אין העברעיש, אַ סימן, אַ באַצייכענונג, ווייל ווער קאָן עס דען וויסן און פעסטשטעלן? — פון רבי מאיר ב״ר יצחק הלוי, דעם רעליגיעזן דיכטער, מחבר פון פיוט „אקדמות״, וואָס מען זאָגט שבועות — געפינט זיך אויך אין גוש־חלב.

עס הייבט זיך אָן די „סדרה היילן״, ווי עס באַצייכנט דאָס זאַקי דזשובראַן, דער פאָרזיצער פון מוניציפּאַלן ראָט. אונדזער צווייטער באַגלייטער גיט צו: „מיר פאַרמאָגן זייער צאָלרייכע היילן, וואָס זענען פאַרבונדן נישט בלויז מיט גוש־חלב, נאָר אויך מיט דזשיש...״

מיר גייען ראשית־כל צו דער אַזוי־גערופענער „דאָפלטער הייל״. מיט הונדערט יאָר צוריק איז זי אַנטפּלעקט געוואָרן, און איז אפשר די ערשטע פון אַזעלכע אַרכעאָלאָגישע ערטער וואָס זענען אין יענער צייט גלייך באַשריבן געוואָרן ביי יידן, און עס האָט זיך דאָ זינט דעמאָלט גאָרנישט געענדערט. אין דער העברעישער וואָכנצייטונג „חבצלת״, וואָס איז דעמאָלט דערשינען אין ירושלים, האָט די הייל באַשריבן (אין נומער 24 פון ר״ח אלול תרל״א/1871) דער עסטרייכישער קאָנסולאַרער באַאַמטער פון צפת און טבריה, מיטן נאָמען מינקלאָסיביץ (וואַרשיינלעך, אַ ייד). מיט עטלעכע חדשים פריער, שרייבט ער, האָבן פויערים „אַנטפּלעקט די הייל אין גוש־חלב״ און ער האָט זי באַזוכט אין דער באַגלייטונג פונעם בישאָף פון לבנון. „איך האָב מיר גענומען געהעריקע צייט נאָכצופאָרשן די אָפּשטאַמונג פון דער הייל. — — אַראָפּגייענדיק האָבן מיר זי געפונען אַלס זייער ברייטע און הויכע און אַ בלאָס ליכט צעשטרייט די פינצטערניש. מען דערקענט נאָך אויף די ווענט צייכנס

פון יידישע אותיות, אָבער דער לייענער וועט איבער זיי נישט קאָנען „לויפן". אויפן באָדן פון דער הייל האָבן מיר געזען אַ גרויסן שטיין וואָס פאַרשטעלט דעם אַריינגאַנג אין אַ צווייטער הייל". דער שטיין איז געווען אַן אויסגעהוילטער און איז זיך צע־פאַלן, ווען זיי האָבן אים אָנגערירט. זיי האָבן אַראָפּגענידערט אין דער צווייטער הייל. ווייטער לייענט זיך אין „חבצלת": „אין וואַנט פון דער דאָזיקער הייל האָב איך געפונען אַ לאָך, אויסגעבויערט דורך אַ קלוגן מייסטער. אין לאָך איז געהאָנגען אַ גראָבע אייזערנע קייט, אין איר אָנגעטשעפּעט אַ קליינע טאָץ פון דינעם קופּער (לויט מיין השערה איז דאָס געווען אַ קמיע), באַשריבן מיט יידישע אותיות אויף ביידע זייטן. ווען מיר האָבן דאָס געוואָלט אָנרירן איז די קייט צעבראָכן געוואָרן, זיך צעפאַלן, ווי צעריסן, פון אַלטקייט. אויך דעם קמיע האָבן מיר נישט געקאָנט אָנכאַפּן קיין גאַנצן". יצחק בן־צבי האָט געזען די איבערבלייבענישן פון דאָזיקן קמיע, זיבן שורות פון איין זייט און זעקס פון דער צווייטער און בן־צבי שרייבט: „עס איז שווער צו לייענען דאָס געשריבענע און עס צו פאַרשטיין" (י. בן־צבי, „שאר ישוב", ז' 101). די קמיע אַנטהאַלט העברעיִשע ווערטער, ווי „אהיה" (איך וועל זיין) און אַראַבישע מיט יידישע אותיות, ווי „פייתנאוווז מן אלפז" (און זיי זענען זיך צעגאַנגען פון שרעק).

דאָס דאָרף איז גרויס. צו אַנדערע היילן דאַרף מען צופאַרן. דאָס זענען מערסטנס קבורה־היילן פון קריסטן פון דער ביזאַנטישער עפּאָכע, פון פּערטן און פינפטן יאָרהונדערט. צוויי האָבן מיר באַזוכט. סאַרקאָפאַגן פון שטיין אין ביידע, מיט קינסטלעריש־געשניצטע צודעקן. מען האָט אין זיי אויך געפונען יידישע קמיעות, צווישן זיי איינע מיטן אויפשריפט „ה' אחד מנצח הרע", וואָס געפינט זיך אין ראָקפעלער־מוזיי אין ירושלים.

גוש־חלב האָט אין די פאַרשיידענע עפּאָכעס פון זיין געשיכטע זיך צע־שפּרייט איבערן שפּיץ באַרג, אויף די שיפּוע־אָפּהאַנגען אין אַלע זייטן, און נישט איינמאָל איז אויך באַוווינט געווען דער טאָל אַרום באַרג. אָבער אין משך פון יאָרהונדערטער האָבן זיך פונעם באַרג אַראָפּגעשאָטן זאַמד און שטיין־קרישל אין „טויזנטער און טויזנטער טאָנען און, אַמאָל אין גאַנץ קורצע צייט־אָפּשניטן פאַרדעקט טיילן פון יִשוב, גלייך ווי די מענטשן האָבן זיך אַריבערגעטראָגן אויף אַ צווייטן טייל פון באַרג" (י. ברסלבי). דאָס איז דער ענטפער פאַרוואָס מען האָט ביז מיט עטלעכע חדשים צוריק נישט געקענט, נישט געוווסט וועגן אים, דעם אימפּאָזאַנטן מאַוזאָליי פון פעסט־געטעסעטע שטיינער, אויפן מערבדיקן אַראָפּהאַנג פון דאָרף אויפן שטח פון פאַרצייטיקן יידישן בית־עלמין. פון ברו־קירטן מיט שטיינער הויף קומט מען אַריין אין אַ נישט־קליינעם געוועלבטן זאַל, געבויט פון גרויסע שטיינער. אַרום די ווענט שטיינערנע בענק. „צום זיצן בעת אַ לוויה, צי גאָר מתפלל צו זיין?..." — קיינער קאָן מיר נישט ענטפערן אויף דער פראַגע. פון דאָנען קומען מיר אַריין אין אַן אויסגעהאַקטער הייל אין באַרג אַריין, דורך אַ טיר, וואָס דרייט זיך נאָך פריי אויף די אַלטע זאַוויאַסעס און אַן אייזערנע קליאַמקע עפנט זי. דאָ געפינען זיך צען קבורה־נישעס מיט סאַרקאָ־פאַגן און שיין־געשניצטע שטיינערנע צודעקן. אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט ציט אַ דאָפּלטער סאַרקאָפאַג אין אַ קליינעם זייטיקן נישע־חדר — זיכער אַ

משפּחה־קבר. אַ פלאַכער גרוב אײנמיטן דער הײל האָט איבערבלײבענישן פון זכרון־ליכט אין פאַרשײדענע פאָרמען. עס זענען נאָך געבליבן אױפן אָרט נישט בלױז די אַרום פופצן מענטשלעכע סקעלעטן, נאָר אױך די קבורה־מתנות, אָדער אָנדענק־זאַכן: גלאָז־כלים, צירונג פון בראָנדז און פון גאָלד. לױטן אַרכיטעק־טאָנישן סטיל איז דער מאַוזאָלײ געבױט געװאָרן אין צװײטן אָדער דריטן יאָר־הונדערט. ער װערט נאָך שטאַרק געהיט, ביז געלערנטע װעלן אױספאָרשן אַלע געפינסן. „מען דאַרף אױך פעסטשטעלן די רעליגיע פון די מתים״ — זאָגן אונ־דזערע באַגלײטערס.

אױפן שפּיץ באַרג געפינען מיר זיך בײ דער קירך „מאַר בוטרוס״. טײל־װײז אַ נײע געבײדע פון דער צײט שױן פון מדינת־ישראל, אָבער געבױט אין אַ פּרי־קריסטלעכן סטיל מיט טײלן פון אַלטע קירכעס פונעם דאָרף, אױפן זעלבן פּלאַץ, װוּ עס איז פריער געװען אַ בית־כנסת. געװיסע טײלן פון יידישן בית־תפילה זענען פאַרבליבן אין די װענט פון דער קירך. דאָס דאָזיקע בית־כנסת איז געניצט געװאָרן, לױט יידישע מקורות, אין די צײטן פון רבי שמעון בר יוחאי. אױפן מזרחדיקן שיפּוע פון דאָרף געפינען זיך מאָנומענטאַלע חורבות פון אַ צװײטן בית־כנסת, געבױט אַרום יאָר 250. דאָס איז אַ געבײדע מיט אַ תפילה־זאַל, כמעט אַ קװאַדראַטישער פון אַן ערך זעכצן מעטער אין דער לענג און ברײט. עס זענען געבליבן טײלן פון פונדאַמענט, שטיקלעך װענט, און דער עיקר — צװײ רײען זײלן מיט יאָנישע קרױנען. די שיל האָט דער ערשטער באַשריבן און געפאָרשט אין יאָר 1863 דער פראַנצױזישער געלערנטער ערנסט רענאַן. ער האָט אױך פאַרעפנטלעכט דעם אַראַבישן אױפשריפט מיט יידישע אותיות אױף אײנעם פון די זײלן: „יוסה בר נחום עבד האדן תאה לה ברכתה״ — „יוסה בן נחום האָט געמאַכט דעם זײל, זאָל אױף אים רוען די ברכה״. עס איז גאַנץ געבליבן דער גרױסער אַרײנגאַנג־טױער און אַ קלענערע טיר אין דער צװײ־טער זײט.

נאָך די פראַנצױזן האָבן דאָ געגראָבן ענגלענדער אין 1875, אַ דײטשע עקספּעדיציע אין 1905, אין צװישנצײט האָבן שױן דאָ געגראָבן ישראלדיקע אַרכעאָלאָגן און איצט, װען מיר שטײען דאָ, גראָבט אַן אַרכעאָלאָגישע עקספּע־דיציע פון „דיוק״־אוניװערסיטעט אין די פאַראײניקטע שטאַטן, געהאָלפן דורך אַ הונדערט פרײװיליקע פון אַ צענדליק לענדער. „מען גראָבט אין דער טיף, װײל דאָס בױען דאָ איז געמאַכט געװאָרן שיכטנװײז, אײנע אױף דער צװײטער, װי אין גאַנץ פּאַלעסטינע״ — זאָגט אונדז פּראָפעסאָר אַריק מאַיערס, דער אָנ־פירער פון דער עקספּעדיציע. זײ האָבן דאָ לעצטנס געפונען „ממש אַן אוצר, אין אונדזערע װיסנשאַפטלעכע באַגריפן...״ און עס רײסט אים איבער יאָסיף האַשול: „נישט קײן קלענערער אוצר אױך אין אונדזער הײנטיקן פּשוטן האַנדל־באַגריף...״ מען האָט געפונען צװײ טױזנט מטבעות, פון בראָנדז, זילבער און אפילו גאָלד, פון פערטן יאָרהונדערט, באַהאַלטן אױף אײן אָרט אין אַן אַלטער װאַנט, „װי עס זעט אױס, שטײערן, אָדער ,מעשׂר׳, װאָס יידן האָבן געשיקט פאַר די כוהנים״, זאָגט פּראָפ. מאַיערס, באַנוצנדיק די װערטער „מעשׂר״ און „כוה־נים״ אין העברעיש. ער װײזט אונדז אַ בײשטידל פון שטײן, מיט אַ קינסטלעריש

סקולפּטירטן אָדלער אין מיטן, וועלכער האָלט אין מויל אַ לאַנגן צעצויגענעם בלומען־קראַנץ. מען האָט שוין געגראָבן ביז דער טיף פון אַכט מעטער, און „דאָס ,לעבן' ציט זיך נאָך טיפער... אַלץ עפּנטלעכע געביידעס, זעט אויס; מעגלעך קולט־בנינים, שוין פון די צייטן פון ערשטן בית־המקדש, פון די יידישע מלוכה־צייטן...", איז צופרידן דער אַמעריקאַנער געלערנטער. „מיינט איר נאָך צוצוקו־מען צו דעם ,באַפעסטיקטן מויער פון די צייטן פון יהושע בן־נון', וועגן וועלכן עס דערציילט די תלמודישע ליטעראַטור?". עס קומט אַ רויִקער ענטפער: „אַלץ איז מעגלעך..."

אַזוי אַנגענעם פּונקט צו טרעפן אַ יונגן געלערנטן, וועלכער איז נישט סתם באַרעדעוודיק, נאָר איז צופרידן ווען מען הערט אים כדי צו לערנען און רעדט פּאַמעלעך, מען זאָל קאָנען פאַרצייכענען אַלץ, אַזוי שטייענדיק אין אַ טיפן גרוב. פּראָפ. מאַיערס שטעלט פעסט: „גוש־חלב איז אַ קלאַסישער גראָב־פּלאַץ פאַר שטודירן, איינס פון די זעלטן אָפענע ,ביכער' אין דער אַרכעאָלאָגיע. מיר האָבן דאָ געפונען לעבן־שיכטן אָנהייבנדיק פון דער פריער בראָנדז־תקופה, אָדער פרי־כנענישער, ווי מען קאָן זי אָנרופן אין פּאַלעסטינע, דאָס הייסט אָן ערך אין דריטן יאָרטויזנט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, דורך אַלע שפּעטערדיקע עפּאָכעס, ביז דער ביזאַנטישער, אומאַיִשער און קרייצציגלערישער. דעריבער איז פאַר מיר קלאָר, אַז אין דער עפּאָכע פון יהושע בן־נון איז שוין דאָ געווען אַ שטאָט — און מסתמא טאַקע אַרומגערינגלט מיט אַ מויער..." — באַקום איך אַ שמייכלענדיקן בליק פון זיין זייט, ווי אין ענטפער אויף מיין פאַריקער באַמערקונג.

דער לעצטער בית־כנסת, „קוקט, דער העכסטער אין גראָבן", איז צעשטערט געוואָרן אין דער ערד־ציטערניש פון יאָר 551 און מער נישט צוריקגעבויט געוואָרן. אַ גרויסער טייל פון זיין פאַסאַדע איז פאַרבליבן, אָבער זי איז ווי אַריינגעמויערט אין דער פריערדיקער שיכט, אין די חורבות פון בית־כנסת פון דריטן יאָרהונדערט. פּראָפ. מאַיערס ווײַזט: „אָט די שטיינער, באַנוצטע אין ביידע שיכטן, שטאַמען פון פיל עלטערע בנינים" — ער גלעט אַ וואַנט־שטיק, ווי פון אַ פעסטונג — „דאָס איז אַ טיפּיש ווינקל פון דער יידישער מלוכה־עפּאָכע. פון 9־טן און 8־טן יאָרהונדערט פאַר דער צייטרעכענונג". זאָגן, אַז איך זע אַן אונטערשייד צווישן די פאַרשיידענע ווענט־שטיקער, קאָן איך נישט... אָבער איך מוז גלייבן דעם געלערנטן, אַז פון איינע ביז די אַנדערע איז אַ ווייטקייט פון אַ יאָרטויזנט... אין די טויזנט יאָר איז דאָ זיכער געווען אַ יידישער ישוב.

*

ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין „מאַר בוטרוס", האָט זיך דורך אַ זייטיקער טיר, הינטערן מזבח, שטיל אַרויסגעשאַרט, מיט געאיילטע טריט, אַ סילועט פון אַ גלח, לויט זיין לאַנגער שוואַרצער קליידונג. ביים באַטראַכטן די הייליקע בילדער, וואָס אַ טייל שטאַמען פון מיטלאַלטער, האָט איינער פון אונדזערע אויסלענדישע קאָלעגן געפרעגט צי דער גלח וואָלט אונדז נישט געוואָלט

געבן ברייטערע אויפקלערונגען.ביידע אַראַבישע באַגלייטערס אונדזערע האָבן זיך איבערגעקוקט: „נישט כדאי אים צו באַמיען, ער איז שטאַרק באַשעפטיקט...״ איך האָב געשמייכלט און שפּעטער דערציילט, וואָס איך האָב געוווּסט. דער גלח, אַבונאַ דזשאָזעף, מיידט אויס זיך צו טרעפן און רעדט נישט מיט קיין שום פרעמדן פון אויסער גוש־חלב...

דאָס איז אַ געבוירענער ייִד פון אַלט־ירושלים, אַ זון פון דער מיוחסדיקער משפחה שמואלב. אַ ישיבה־בחור, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן גאונות און מען האָט אים פאַרגעזאָגט אַ גרויסע רבנישע קאַריערע. פאַר דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה איז ער געווען אַקטיוו באַטייליקט אין אונטערערדישן קאַמף קעגן די ענגלענדער. פּלוצלינג האָט ער „דערזען דעם אמת פון געטלעכקייט אין גע־קרייציקטן״, ווי ער האָט דערקלערט, און זיך געשמדט. מיט זיינע אויסערגעוויינ־לעכע פעיקייטן, ער האָט אין דער פריער יוגנט שוין גערעדט אַכט שפּראַכן, איז ער שנעל געוואָרן אַ גלח. ער האָט נישט באַמיט זיך צו מאַכן באַקאַנט אין דער עפנטלעכקייט, פאַרקערט, מיידט עס אויס. ער האָט זיך באַזעצט אין קליינעם היסטאָרישן דאָרף, וואָס ער פאַרלאָזט זייער זעלטן. מיידט פאַרעקשנט אויס יעדן קאָנטאַקט מיט יידן.

פון אייביקע יאָרן זענען פאַראַן פאַרשיידענע טיפּן משומדים...

*

אין אָנהייב אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, האָבן זיך רבי שמואל מאָהילעווער און י. ל. פּינסקער באַמיט און געפּרוווט קויפן דעם באָדן פון גוש־חלב פאַר די „חובבי־ציון״ פון רוסלאַנד, כדי „אויפצובויען צוריק די אוראַלטע יידישע שטאָט און זי באַזעצן אויפסניי מיט יידן וואָס וועלן באַאַרבעטן איר פעטע ערד״. דעריבער, האָט ווייטער געשריבן הרב מאָהילעווער צו פּינסקערן, „אַ סך דאַנק לכבודו פאַר זיין באַמיִונג און אָנשטרענגונג פון גאַנצן הארץ לטובת דעם הייליקן ענין, צו קויפן גוש־חלב און איך וועל טאָן אַלץ וואָס איז מעגלעך צו שאַפן אַ סך קונים״. אין „הצפירה״ אין פּעטערבורג, נומער 21 פון יאָר 1885, שרייבט ש. שולמאַן פון ירושלים: „וועגן גוש־חלב — — — איז נייטיק פאַר יעדער מש־פּחה דריי טויזנט זילבער־רובל צו קויפן באָדן, ווײַן־ און שטאַל־בנינים, בהמות, אַקער־מכשירים, פאַרזיי־קערנער און פרנסה אויף אַ יאָר ביז דער נייער תבואה. אין גוש־חלב זענען איצט פאַראַן דריי און אַכציק משפּחות, קיין ספק נישט אַז מיר וועלן נישט קאָנען דאָרט באַזעצן מער ווי אַזאַ צאָל משפּחות. — — — אָבער מיר זענען נישט זיכער צי עס וועט זיך אונדז איינגעבן צו קויפן דאָס דאָזיקע אָרט״. די טראַנזאַקציע איז טאַקע נישט צושטאַנד געקומען. אין ירושלימער וואָכנבלאַט „הצבי״ פון כ״ד כסלו תרמ״ה ווערן מיר געוווּיר די סיבה: „די חברה האָט גע־קויפט אַ האַלב דאָרף גוש־חלב און די גאַנצע שטערונג איז געווען וועגן פאַר־שרייבן דאָס געקויפטע אויף אונדזער נאָמען אין די רעגירונג־ביכער. — — — און אָט איז געקומען די ידיעה, אַז זיי האָבן באמת כמעט געענדיקט קויפן דאָס דאָזיקע דאָרף, אָבער זיי האָבן זיך איבערגעלייגט און געקויפט ערגעץ אַנדערש״.

דער צווייטער מדינה־פּרעזידענט פון ישראל, יצחק בן־צבי, איז געווען דער

ערשטער געלערנטער אין דער מאָדערנער צייט, וועלכער האָט געפּאָרשט די געשיכטע פון יידן אין גליל. ער שטעלט פעסט, אַז „לפחות ביזן ערשטן פערטל פון פערצנטן יאָרהונדערט" איז נאָך גוש־חלב געווען אַ יידישע שטאָט, אָבער וואַרשיינלעך אויך אין די צייטן פון ר' משה קורדובירו אין די יאָרן 51—1548. בן־צבי דערציילט („ארץ־ישראל ויישובה", ז' 189) : „איך האָב געהערט פון די פּאַלאַכן אין גוש־חלב, וועלכע האָבן דאָס געהערט פון זייערע עלטערן און זיידעס, אַז דאָס אָרט איז געשטאַנען וויסט און פאַרלאָזט אַ לאַנגע צייט און ערשט מיט אַ צוויי הונדערט יאָר צוריק זענען אַהין געקומען קריסטן־מאַראָניטן פון לבנון און שפּעטער מוסולמענער". אין „שאר ישוב" (ז' 104) דערציילט בן־צבי: „די משפחה האשול איז געווען די ערשטע אין דאָרף, און מען דערציילט וועגן איר אַז איר אמתער נאָמען איז געווען שאול און זי איז פון יידישער אָפּשטאַמונג. קיינער ווייסט נישט גענוי פון וואַנען זיי זענען געקומען. לויט זייער רעליגיע זענען זיי מאַראָניטן, אָבער זייער פּנים־אויסזען דערציילט, אַז זיי שטאַמען פון יידישע קינדער, מעגלעך, אַז איבערבלייבענישן פון פאַרצייטיקן יידישן יִשוב אין דעם דאָרף".

מיר האָבן ביי אונדזער באַגלייטער יאָסיף האשול קיין יידישע פּנים־שטריכן נישט געזען...

*

זאַקי דזשובראַן איז נישט געווילט אַלס פאָרזיצער פון קאָמונאַלן ראַט, ער איז באַשטימט געוואָרן דורכן אינערן־מיניסטעריום. צי שטערט דאָס נישט אין די באַציִונגען צווישן אים מיט די איינוווינערס?

„אַבסאָלוט נישט" — דערקלערט דזשובראַן — „אַלע ווייסן און פאַרשטייען, אַז עס האָט געמוזט אַזוי געשען לטובת דעם דאָרף און די איינוווינערס. די לעצטע וואַלן, און אויך די פריערדיקע, האָבן נישט געבראַכט קיין סטאַבילע טעטיקייט־פעיקע קאָמונאַלע פאַרוואַלטונג. עס זענען שטענדיק געווילט געוואָרן משפחה־און כאַמולעס־פאַרשטייערס, אפילו ווען זיי זענען געגאַנגען הינטער פּאַרטייִשע פענער. עס האָט נישט געקאָנט געווילט ווערן קיין דעמאָקראַטישע פּראָפּאָרציאָנעלע פאַרשטייערשאַפט פון אַלע איינוווינערס. די נײַן באַשטימטע ראַט־מיטגלידער זענען פאַרשטייערס פון אַלע קרייזן אינעם דאָרף און טאַקע אַ דאַנק דעם צוטרוי און מיטאַרבעט פון אַלע איינוווינערס, האָט זיך אין די פינף יאָר פון אונדזער פאַרוואַלטונג דאָס דאָרף דערהויבן צו אַ נייער הויכער מדרגה". ער שטאַלצירט, ראשית־כל, מיטן שיינעם בניין פון דער גרונט־שול מיט צוועלף קלאַסן, וואָס ווערט שוין אויסגענדיקט אינעווייניק און אריינגעשטעלט דאָס מעבל. אַלע גאַסן פון דאָרף זענען אין דער צייט באַלויכטן געוואָרן מיט עלעקטרישע לאָמפּן, וואָס ווייניק אַראַבישע דערפער אין גליל באַזיצן דאָס. צענדליקער הייזער האָבן באַקומען טעלעפאָן־פאַרבינדונג. אפילו זייטיקע שמאָלע גאַסן ווערן געפלאַסטערט מיט אַספאַלט. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ בודזשעט פון צוויי טיילן, אַ געוויינלעכער און אַנטוויקלונג־בודזשעט. אין נאָענטן פּלאַן איז דער אויפבוי פון אַ גרויסן קולטור־קלוב מיט אַ טעאַטער־ און קינאָ־זאַל. „מיר האָבן אַן אַרומנעמענדיקן פּלאַן צו הייבן דעם קולטורעלן, געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן מצב פון

דער באַפעלקערונג". דער ראַט קלאָגט זיך, אַז גוש־חלב באַקומט נישט פון דער רעגירונג קיין סובסידיעס אין דער הייך, ווי די יידישע מוניציפּאַליטעטן. דזשובראַן פּרוּווט אַליין פאַרענטפערן: „איך ווייס, אַ טייל פון די סובסידיעס קומט פון דער סוכנות, פון מגבית..." און מיר דיסקוטירן נישט מיט אים ווען ער גיט צו: „איך מיין, אַז די יידן אויף דער וועלט גיבן פאַר ישראל, די מדינה, איר אַנטוויקלונג און נישט ספּעציעל פאַר יידן..." פון וועלכע פאָנדן ווערט געדעקט דער בודזשעט? „כדי אויסצומיידן אַ תוהו ובוהו אין לעבן פון דאָרף, האָבן מיר באַשלאָסן אַנצונעמען אַ שטאַרקע האַנט כלפּי די איינוווינערס, וועלכע זענען נישט געווינט צו צאָלן מוניציפּאַלע שטייערן, און צאָלן נישט — ווי עס געשעט אין נצרת און אין צענדליקער דערפער אַרום אונדז. מיר האָבן אַרויפגעלייגט שטייערן און זיי איינגעמאָנט מיט די פולמאַכטן, וואָס דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט אונדז צוגעטיילט. ביינציק פּראָצענט איינוווינערס צאָלן איצט די שטייערן ווי אַ זעלבפאַרשטענדלעכקייט".

ביז מיט פינף יאָר צוריק זענען אין דזשיש געווען בלויז זעקס קלאַסן גרונטשול. דער נאָמינירטער ראַט האָט גלייך געקויפט צוויי שוועדישע „צריפים" פאַר נאָך פיר קלאַסן. די איבעריקע קינדער פלעגן לערנען אין שכנותדיקע גרעסערע דערפער, אפילו אין צפת. איצט לערנען אַלע פיר הונדערט און צוועלף קינדער אויפן אָרט, מיידלעך מיט יינגלעך אין געמישטע קלאַסן — „יאָ..." — זאָגט דזשובראַן — „דאָס איז אַ נייעס, אפילו אַ מין איבערקערעניש, אין אַ קליין אַראַביש דאָרף..." די מערהייט קינדער זעצן פאָר די לערע אין מיטלשולן, פאַרשטייט זיך אויסערן דאָרף. איצט לערנען זעכציק קינדער אין מיטלשולן, פון זיי צוואַנציק אין דער פּראָפעסיאָנעלער גימנאַזיע אין צפת און פיר מיידלעך אפילו אין דער ביוראָ־שול אין צפת. און ער שטאָלצירט: צוויי זין פון דאָרף האָבן שוין געענדיקט דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, איינער מעדיצין און דער צווייטער סאָציאָלאָגיע; צוויי בחורים פון דאָרף שטודירן אין פּאָליטעכניקום פון חיפה.

*

גוש־חלב, וואָס האָט געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין די חורבן־מלחמות מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, האָט ווידער געשפּילט אַ ראָל אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה אין יאָר 1948.

„אין דער צייט פון דער זעלבשטענדיקייט־מלחמה איז גוש־חלב געווען איינע פון די צום מערסטן באַפעסטיקטע פיינטלעכע באַזעס" — דערציילט „די געשיכטע פון דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה", צונויפגעשטעלט דורכן גענעראַל־שטאַב פון צה"ל. די אויפגאַבע פון דער באַזע אין גוש־חלב איז געווען צו פאַרטיידיקן דעם איינציקן וועג אין דער לענג וואָס שניידט דורך דעם גליל אין זיין צענטער, קעגן יעדן יידישן אָנגריף. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז דער אַזוי־גערופענער „חירם"־אַקציע פון דער ישראל־אַרמיי. אָט ווי דאָס ווערט באַשריבן אין דאָזיקן ספר:

„גלייך נאָכן פאַרנעמען צפצאַף איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו דעראָבערן דזשיש, דאָס איז די אַלטערטימלעכע גוש־חלב. ,דער ווידערשטאַנד איז געווען אַ שווערער', האָט געשריבן דער וויצע־קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן מאַלנדיק דעם

קאַמף, עס האָט אויסגעזען ווי אין דזשיש זאָל זיין אַ סך אַ גרעסערער כוח ווי עס האָבן אָנגעגעבן די ידיעות, וואָס האָבן זיך געפונען אין אונדזערע הענט. די שײַנענדיקע זון האָט באַלויכטן די מהומה אין דזשיש: אויפן מאַרק־פּלאַץ פון דאָרף, לעבן אַ שטיין־געבײדע וואָס האָט אין זיין צייט געדינט אַלס אַמבולאַטאָריע פון מאַנדאַטאָרישן געזונט־אַמט, און איצט — דער שטאָב פון דער „צווייטער יאַרמוק־בריגאַדע", איז געשטאַנען אַ ריי לבנונישע אויטאָבוסן, געפּאַרבטע מיט שרײַענדיקע אייל־פאַרבן און אויף זיי אויפשריפטן. דאָס זענען געווען אויטאָבוסן, וואָס האָבן אין דער זעלבער נאַכט, געציילטע שעהען פאַרן שטורמען אויף דזשיש, געבראַכט אַ סירישן באַטאַליאָן פון פיר הונדערט זעלנערס פון מאַרדזשאיון. זעט אויס, אַז זיי זענען אָנגעגריפן געוואָרן דורך אונדז נישט זייענדיק צוגעגרייט און עס איז ביי זיי אַנטשטאַנען אַ צעטומלעניש. די זעלנערס אַליין, גוט געקליידט און גוט באַוואָפנט, זענען געלאָפן צווישן די הייזער, אין די געסלעך פון דאָרף און אין די נאָענטע פייגן־סעדער, איינצלנע און אין גרופּעס, געפרוווט מלחמה־האַלטן אויף אַ שטח וואָס איז זיי געווען אַבסאָלוט אומבאַקאַנט. די מענטשן פון קאַוקאַדזשי' זענען אַנטלאָפן אין דער זייט פון דזשערמאַק און צו די בערגלעך וואָס נעמען אַרום דזשיש פון מערב און געשאָסן מיט נישט־עפעקטיוון פייער קעגן אונדזער פאַראויסמאַרשירנדיקן פאַנצער. אַ לאַסט־אויטאָ אָנגעלאָדן מיט אַמוניציע, וואָס איז געטראָפן געוואָרן אין אַרייננאַנג פון דאָרף, האָט געברענט און פאַרגרעסערט די מהומה און די קאַמף־קולות. אַ שטאַרקער פייער־קלאַפּ און אָנגריף פון דעם פוסגייער־אָפּטייל אין דאָרף אַריין — האָט ליקווידירט די פרשה. אויסער די אויטאָבוסן זענען גענומען געוואָרן צוויי פאַנצער־מאַשינען „סענדוויטש"; אַן אַנטיטאַנקען־האַרמאַט פון זיבן און דרייסיק מילימעטער, וואָס איז געווען געלאָדן און גרייט צום שיסן, אויף אַ פּאָזיציע אין מיטן דאָרף; פראַנצויזיש געווער און אַמוניציע אין גרויסע קוואַנטומס. פונעם שטאָב פון שונא זענען פאַרנומען געוואָרן זעק מיט דאָקומענטן. שפּעטער האָבן גענומען שטראָמען אין דאָרף אַריין געפאַנגענע: קאַוקאַדזשי־מענטשן, גייסטיק צעבראָכענע, און אויך דערשראָקענע, צעמישטע סירישע אָפיצירן און זעלנערס, וועלכע זענען געשטאַנען צונויפגעקוועטשט און געקוקט אויף אונדז מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. — — — צפצאף און גוש־חלב האָבן זיך געפונען אין די הענט פון דער בריגאַדע „זיבן". אַלע קעגן־אַטאַקעס וואָס דער פיינד האָט דעם טאָג דורכגעפירט, כדי זיי אַרויסצורייסן פון אונדזערע הענט — זענען דורכגעפאַלן" (צבא הגנה לישראל, „תולדות מלחמת הקוממיות", ז"ז 322—323).

די דאָזיקע זיגרייכע אָקציע האָט זיך אָנגעהויבן אין דער נאַכט פון 28־סטן אויפן 29־סטן אָקטאָבער 1948 און איז פאַרענדיקט געוואָרן אין משך פון זעכציק שעה — נאָך צוויי טויזנט יאָר האָט זיך גוש־חלב צוריק געפונען אונטער ייִדישער הערשאַפט...

1971

קיבוץ לוחמי הגיטאות

אין ווייטן אַרום זעען זיך די בערג פון גליל. נאָענט לעבן אונדז הייבן זיך נאָר די שטיינערנע יסודות פון אַלטן „אַקוואַדוקט״. מיר גייען צווישן רושטאָוואַניעס. מען גיסט אַ דאַך. אַ בעטאָן-מישער דרייט זיך מיט רעש. אַ געקלאַפּעריי, אַ געפּילדער פון אַרבעט. די פרוי וואָס פירט מיך דאָ, דערציילט:

„...דאָ וועלן זיין די לערן-זאַלן... אָט דאָרט — וווינונג-צימערן. ווייטער — לאַבאָראַטאָריע-רוימען...״

די יונגע אַרכיטעקטין מאָלט פאַר אונדז דעם פּלאַן פון „בית יאַנוש קאָרטשאַק״, וואָס ווערט, לויט אירע פּלענער, געבויט אין איר קיבוץ. אַ מיטל-שול מיט אַן אינטערנאַט פאַר עולים-יוגנט, „עליית-הנוער״, צום אָנדענק פון באַרימטן פּויליש-יידישן דערציער-קדוש און שרייבער. דער דאָזיקער לערן-אַנשטאַלט פּאַסט אַריין אין קיבוץ „לוחמי הגיטאות״, ווי עס פּאַסט פאַרן בוי די אַרכיטעקטין נעמי יודקאָווסקי, מיטן טאַטואירטן לאַגער-נומער אויפן אָרעם.

זי האָט אָנגעהויבן איר שטודיום אין פאַרמלחמהדיקן וואַרשע. די מלחמה, דאָס געטאָ, אוישוויץ — האָבן אַלץ איבערגעריסן. נאָכן איינפונדעוועון זיך, האָט דער קיבוץ דערמעגלעכט איינער פון זיינע מיטגרינדערינס, שוין אַ מוטער פון צוויי קליינע קינדער, פאַרזוצעצן און ענדיקן דעם שטודיום אין חיפהער פּאָליטעכניקום.

עס וווּנדערט איר מיין שמייכל. עס זעט דאָך אויס אַזוי אומגלויבלעך פאַר אַ שטאָטישן.

דאָס איז איר ערשטע גרויסע אַרבעט. אָבער דער אַלטער חדר-האוכל איז שוין אויך באַנייט לויט איר פּלאַן.

„אַלטער״...

אין מאַי 1949 האָבן מיר זיך דאָ אָפּגעשטעלט צום ערשטן מאָל, טאַקע זוכנדיק דעם קיבוץ, וועלכער איז נאָך גאָר געווען „אויף דער ערד״.

נעמי און מיין פרוי, שולמית, האָבן געענדיקט די זעלבע גימנאַזיע אין וואַרשע. נעמי האָט נאָך באַוויזן, פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, „אַריינצוכאַפּן״ צוויי יאָר אַרכיטעקטור-שטודיום אין וואַרשעווער פּאָליטעכניקום. די נאַצי-אָקופּאַציע האָט דאָך אַ סוף געמאַכט צו יעדן סאָרט שטודיום פון יידן אין פּוילן.ביידע חברטעס האָבן נאָך געאַרבעט צוזאַמען אין וואַרשעווער געטאָ. זייערע נסימדיקע וועגן צום לעבן-בלייבן זענען געווען אַנדערע, איינע איז געבליבן אין געטאָ ביז זיין ביטערן סוף און דערנאָך געיאָגט און געפּלאָגט געוואָרן „אויף דער אַרישער זייט״. נעמי האָט דורכגעמאַכט מיידאַנעק, אוישוויץ, אַנטלאָפן פון „טויט-מאַרש״. איך האָב זי באַקענט אין פּאַריז, נאָך דער מלחמה, שוין מיט איר מאַן, באַריאַ יודקאָווסקי, אַ העלדישער פּאַרטיזאַן פון די פּאָלעסיער וועלדער, אַ טיכטיקער חלוצישער טוער, פאַר און נאָך דער מלחמה,

איינער פון די הויפּט־בויער פון קיבוץ לוחמי הגיטאות און טוער אין אַלגעמיינעם „קיבוץ המאוחד" אין ישראל.

נאָך אַן איבעררײַס פון פופצן יאָר האָט זי געענדיקט איר שטודיום און געוואָרן אינזשיניער־אַרכיטעקטין.

*

די יודקאָווסקיס זענען פון פּאַריז אָוועקגעפאָרן קיין ישראל נאָך איידער די אומאָפּהענגיקייט־מלחמה האָט זיך געהאַט געענדיקט. זיי האָבן אונדז באַוויזן פון דאָרט צו שרייבן, ווו געגוי „מיר וועלן, צוזאַמען מיט נאָך געטאָ־קעמפער, בויען אונדזער קיבוץ". אַ פּאָר חדשים שפּעטער זענען מיר געקומען אין לאַנד אַריין. גלייך צומאַרגנס נאָך אונדזער אָנקומען, אין מאַי 1949, זענען מיר געפאָרן צו די יודקאָווסקיס „אין זייער קיבוץ אַריין". דער שאָפער פון אויטאָבוס חיפה—נהריה האָט נאָך דעם נאָמען „קיבוץ לוחמי הגיטאות" אַפילו נישט געהאַט געהערט. „וואָס ?... איר זאָגט מיר ?" — האָט ער אונדז אָנגעקוקט מיט שטוינונג — „איך פאָר שוין יאָרנלאַנג, עטלעכע מאָל טעגלעך איבער דעם וועג. אַז איך זאָג אייך אַז אַ ישוב איז דאָ נישטאָ, מעגט איר מיר גלייבן". אַוודאי האָבן מיר אים געדאַרפט גלייבן... ער האָט אונדז אַראָפּגעלאָזט ביים איינציקן קענצייכן, וואָס מיר האָבן געהאַט: אַן אַלטער ענגלישער און באַנייטער ישראל־דיקער מיליטערישער לאַגער. דער וואַך־זעלנער האָט אונדז אָנגעוויזן אויף דער צווייטער זייט פון שאָסיי: „דאָרט בויט מען עפּעס אַ קיבוץ..." — דעם נאָמען האָט ער אויך נישט געוווּסט. מיר זענען געטראָטן אין טיפן זאַמד. פּוסט איז געווען ווייט אַרום, מדברדיק. בלויז דער אַלטער רוימישער „אַקוואַדוקט" האָט זיך געוועלבט איבער אונדזערע קעפּ און געשענקט אַ ביסל שאָטן פון דער ברענענדיקער זון, ווי מסתמא פאַרבייפאָרנדיקע קאַראַוואַנעס אין משך פון צוויי טויזנט יאָר... אַביסל ווייטער — אַ פּאָר האַלב־חרובע קאַזאַרמעס פון ענגלישן מיליטער, ווו עטלעכע מענטשן האָבן געאַרבעט, פאַרריכט ווענט, אַריינגעפּאַסט פענצטער. זיי האָבן אַרום אויסגעגלייכט אַ שטיקל באָדן, אַריינגעהאַקט אין דער ערד די ערשטע פּלאָקנס פאַר געצעלטן — צייטווייליקע „וווינונגען" פאַר די נייע קיבוצניקעס.

אַלץ דאָ אַרום, וואָס בליט אַזוי, שײַנט און באַשײַנט די געגנט — אַלץ איז אויסגעוואַקסן זינט דעמאָלט, זינט 1949.

ווייל מיט אַ דריי־פיר יאָר פריער זענען נאָך אַלע בויערס פון אָט־די לייכטנדיקע ווענט געווען ווייט־ווייט פון דאַנען.

דער נאָמען לוחמי הגיטאות — געטאָ־קעמפער — איז דאָ נישט קיין אַבסטראַקטער, נישט סתם אַן אָנדענק־נאָמען.

אין זיין באַשיידענעם צימער דערציילט אונדז יוסף פּרומער, דער מזכיר פונעם קיבוץ:

„פון די הונדערט און אַכציק חברים, קיבוץ־מיטגלידער, זענען כמעט אַלע לעבנגעבליבענע פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע אין אייראָפּע, געראַטעוועטע פון די נאַצישע בעגל. אַ סך, טאַקע געטאָ־קעמפער — צווישן זיי די אָנפירערס פון וואַרשעווער אויפשטאַנד יצחק צוקערמאַן, צביה לובעטקין, טוביה באָזשיקאָווסקי ;

געוועזענע פּאַרטיזאַנערס; געראַטעוועטע אין ראַטנפאַרבאַנד, און ביי אַ גרויסן טייל זעט איר טאַטואירטע לאַגער־נומערן אויף די אָרעמס...״

דאָס זענען די גרינדער פונעם קיבוץ, וואָס באַשטייט איצט פון קרוב פינף הונדערט נפשות, קינדער, יוגנט און עלטערן.

„מען איז געקומען פון איינפאַלנדיקע, נאָך רויכערנדיקע געטאָ־ווענט און, בויענדיק נייע, שטאַרקע ווענט דאָ, אין גליל — זיך שוין אויסגעלערנט זיין לאַנדווירטן, אַרבעטנדיקע פויערים, בויען אַ דאָרפישע ווירטשאַפט, וואָס בליט און שלאָגט רעקאָרדן״.

דער קיבוץ באַאַרבעט פיר טויזנט דונאַם באָדן מיט פאַרשיידנאַרטיקע תבואות; אַ „כּרם״, אַ וויינגאָרטן פון הונדערט און פופציק דונאַם; הונדערט און אַכציק דונאַם „פּרדס״, ציטרוס־פּלאַנטאַציע; הונדערט און פופציק דונאַם באַנאַנעס. הונדערט און פערציק קעפּ זענען פאַראַן אין דער קי־שטאַל, פון דעם זיבעציק מעלק־קי. און הענט וואָס האָבן „ערשט נעכטן״ געגרייט אויפרייס־מאַטעריאַל אין געטאָ, צערטלען אַזוי פאַכמעניש די יונגע עופות, ציילן שנעל די אייער, באַוועגן זיך אַזוי היימיש אין די לאַנגע עופות־שטייגן, וווּ עס פאַר־טויבט אַ געקוואָקעריי פון טויזנטער הינער.

„אַ דאַנק אונדזער אַרבעט״ — רעדט ווייטער דער מזכיר — „נעמען מיר אַראָפּ אין כּרם צוויי טויזנט צוויי הונדערט קילאָ ווייַנטרויבן פון אַ דונאַם, ווען דער דורכשניט אין לאַנד איז טויזנט פינף הונדערט קילאָ...״

די פּראָדוקציע וואַקסט אָן אויפהער. אין יאָר תשט״ו, למשל, האָבן זיי אַראָפּגענומען דרייצן טאָן קוקורידזע, דאָס פאַריקע יאָר — צוויי הונדערט און זיבעציק טאָן. אין תשט״ו האָט זייער „לול״ געגעבן אַ האַלבן מיליאָן אייער, דאָס יאָר — אַכט הונדערט און פופציק טויזנט. מילך: אין תשט״ו — הונדערט און פופציק טויזנט ליטער, דאָס פאַריקע יאָר — שוין צוויי הונדערט און פיר־און־אַכציק טויזנט ליטער. אַזוי אויף יעדן געביט.

„דאָס אַלץ קען נאָך מער וואַקסן און געדייען״, — האַלט פרומער, — „אָבער מיר דאַרפן נאָך מענטשן, און די קומען נישט צו אונדז. דאָס איז דער עיקר־פּראָבלעם פונעם קיבוץ״.

פון דער נייער עלייה פון פּוילן זענען געקומען אין קיבוץ אַריין צען משפּחות, זענען זיבן אַוועק אין שטאָט אַריין אויף פיל ערגערע לעבנס־באַדינגונגען.

אַ טיכטיק קולטור־לעבן. רעפעראַטן, קורסן, קולטור־פאַרזאַמלונגען. יעדע וואָך אַ פילם. פיר מאָל אין יאָר קומט אַ טעאַטער אין קיבוץ אַריין, פיר מאָל אין יאָר פאָרט מען קאָלעקטיוו אין טעאַטער אין שטאָט אַריין. אַלע קינדער באַקומען מיטעלע בילדונג. די עלטער איז פאַרזיכערט. „צוליב אַ לענגערער קראַנקייט זאָגט מען נישט אָפּ פון דער אַרבעט און די פאַמיליע איז נישט אויס־געשטעלט אויף הונגער...״ — שמייכלט דער מזכיר.

און דאָך... מען קומט נישט.

„זיכער זענען פאַראַן שוועריקייטן. אונדזער לעבן איז נישט קיין אידיליע. שווער די איבערשיכטונג, דאָס אַריינלעבן און איינלעבן זיך. און בכלל — אַ לעבן פון אַן אַרבעטער איז גאָרנישט לייכט...״

צוריקגערעדט — איז עס דען נאָר צוליב דער לעבנס־פאָרם פון קיבוץ? ניין, עס איז נישט נאָר די שרעק פאַרן קאָלעקטיוון לעבנס־שטייגער. מען גייט אויך נישט אין די מושבים. עס ציט נישט די ערד־אַרבעט, דאָס דאָרף־לעבן בכלל.

„און אַז דעם וועלן מיר נישט אויפהאַלטן די מדינה!" — שטרייכט אונטער דער מזכיר. מען דאַרף, האַלט ער, דערציען די יוגנט פאַרן דאָרף. זיי האָפן אַז „בית קאַרטשאַק" וועט זיין אַ מוסטער־אַנשטאַלט אויף דעם געביט און דער־ציען די עולים־יוגנטלעכע פאַרן מדינה־בוי אויפן דאָרף און טאַקע דורכן קי־בוץ־שטייגער.

*

אויף רעכטס פון קיבוץ־אַריינגאַנג שטייט אין בוי אַ גרויסער צוויי־שטאָ־קיקער בנין. דאָס איז די נייע געביידע פון „בית יצחק קאַצענעלסאָן".

דער מוזיי אינעם קיבוץ, אויפן נאָמען פון אומגעבראַכטן מחבר פון „ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק", איז איבעראַל באַקאַנט, אַ זכרון־זאַמלונג פונעם אומקום.

„אונדזער אויפגאַבע" — דערקלערט דער דירעקטאָר פון מוזיי — „איז צו האַלטן פריש דעם זכר פון פאַרשניטענעם פאָלק, פון לעבן און פון דער יידישער גבורה, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער היטלער־צייט אין די געטאָס און אין די לאַגערן".

מיר גייען אַריין אין מוזיי, ווי אין אַ מקום־קדוש... טויזנטער דאָקומענטן, אָנדענק־זאַכן, וואָס לעבן אויף די קדושים פון די געטאָס און פאַרניכטונג־לאַגערן. צייטונגען און עס־כלים; „יודען־זייף" און פאַלשע „קען־קאַרטן"; אויפרייס־מאַטעריאַלן און אַש פון די קרעמאַטאָריעס; פאַרבלוטיקטע פענער און געשענדעטע יריעות פון ספר־תורהס... אַלץ געהיט מיט פּיעטעט, איינגע־אָרדנט, געסדרט מיט הייליקן ציטער. אַ כסדרדיקע אויסשטעלונג אויפן אָרט און אַ וואַנדערנדיקע איבערן גאַנצן לאַנד.

„צענדליקער טויזנטער, אַלט און יונג, קוקן יאָר־יערלעך אָן אָט־די אי־בערבלייבענישן, און עס קריצט זיך איין אין זכרון דער אָנדענק און די צוואָה פון די קדושים".

*

אין צווייטן עק קיבוץ געפינען זיך די קינדער־הייזער, די מאָדערנסטע, באַקוועמסטע פון גאַנצן ישוב. אַ פריידיקער געפּילדער. נאָך אַלץ קליינוואַרג — נישט עלטער פון צען יאָר.

„אָט איז אונדזער בכור, דאָס ערשטע קינד וואָס איז דאָ געבוירן געוואָרן. אַ קינד טאַקע פון געטאָ־אויפשטענדלערס", — דער זון פון אַנטעק צוקערמאַן און צביה לובעטקין.

אַ נייער דור, וואָס וועט קיין געטאָס שוין נישט קענען, אָבער טייער האַלטן דעם הייליקן אָנדענק.

אַ טראַקטאָר פאָרט אָן מיט געזשום פון פעלד. קליינוואַרג באַפאַלט אים, באַ־קלעפּט אים ווי פליגן, מיטצופאָרן צום גאַראַזש.

ס'איז פאַרנאַכט. מען נעמט די קינדער אין די צימערן אַריין. די חדרים אין די שוועדישע האָלץ־הייזקעס, די „צריפים", זענען בריי טער און באַקוועמער געוואָרן אין לעצטן יאָר. צוגעבויט באַקוועמלעכקייטן. ציטירט אַ חבר מיט גמרא־ניגון: „איזהו עשיר? — ר' יוסי אמר: כל שיש לו בית־כסא סמוך לשולחנו"...

שטייט אַ שטאָט־מענטש ווי פאַרגאַפט...

ווייל נישט בלויז די פאַרבעסערטע וווינונג־באַדינגונגען, נאָר — אַלץ צוזאַמען. די קינדער־הייזער און די יונגע סאָסנעס אין הויף. די טראַקטאָרן און דער מוזיי. די טענץ און דער בשותפותדיקער מאַלצייט...

אַן אומבאַקאַנטע וועלט?...

אַ זוניקער אויפגאַנג אונטער די בויגנס פון אוראַלטן אַקוואַדוקט...

1958

ווידער צוגאַסט אין קיבוץ...

מיר זענען אָפטע געסט אין קיבוץ לוחמי הגיטאות.

דאָס מאָל זענען מיר געווען אויף אַ פייערלעכן אַלגעמיין־קיבוצישן יום־טוב, וואָס איז אָבער אין אַ געוויסן זין — דער פּערזענלעכער יום־טוב פון אונדזער שטענדיקער גאַסטגעבערין. מיר רופן זי זאָסיאַ, ווי אַמאָל אין וואַרשע, כאָטש איר נאָמען איז לאַנג שוין נעמי — נעמי יודקאָווסקי. איר מאַן, באַריאַ, האָט דעם היינטיקן יום־טוב נישט דערלעבט, כאָטש ער האָט אַזוי וועגן אים געטרוימט... די מלחמה־איבערלעבונגען האָבן זיך פרי אויף אים אָפּגערופן, ער האָט עטלעכע יאָר שווער געקרענקט און מיט אַ קנאַפּ יאָר צוריק נפטר געוואָרן.

נעמי האָט פּלאַנירט, געוואַכט איבער יעדער איינצלהייט פונעם בוי און איינריכטונג, פונעם נייעם — פּאַקטיש ערשטן ספּעציעל דערצו געבויטן — „חדר אוכל", געמיינזאַמען עס־זאַל, און קיך־רוימען פון קיבוץ. אַ פּראַכטפולע געביידע, וואָס איז דאָך אויסער אַן עס־פּלאַץ, אויך אַ געזעלשאַפטלעך צוזאַמענטרעף־אָרט, פאַרווײַלונג־זאַל, פאַר די עטלעכע הונדערט איינוווינערס פון קיבוץ.

מיר זענען איצט געקומען צום חנוכת הבית. איז עס טאַקע אַן אַלגעמיינע פייערונג, און נישט בלויז פונעם קיבוץ גופא אַפילו; עס זענען געקומען מיט־פרייען זיך די אַלטע התיישבות־פירער אברהם האַרצפעלד און יצחק טאַבענקין. אָבער די אַרכיטעקטין האָט דאָ אַריינגעלייגט נישט בלויז פּלאַנירונג, אַרבעט, אָנשטרענגונג, נאָר אויך ליבע, צוגעבונדנקייט — ס'איז דאָך איר היים — און אַ סך אַ דאַנק דעם איז ער אַרויסגעקומען אַזוי אָריגינעל־מאָדערן און היימיש־וואַרעם גלייכצייטיק. מען מוז דאָך, אויסער טעכנישער קענטעניש, אַריינגעבן געפיל און האַרץ, אַז יעדער יחיד, יעדע משפחה ביי איר טישל, זאָל זיך, צווישן פינף־הונדערט מיט־עסערס דאָך פילן אינטים־שטוביק.

איז עס ביי נעמין, אין איר טרויער, אויך אַ פּערזענלעכע פרייד.

גוט איז זיך צו דערמאָנען יענעם מאַי־טאָג פון 1949, ווען מיר זענען דאָ געווען צום ערשטן מאָל — מיר האָבן נעמין דעמאָלט נישט געפונען, ווייל עס איז נאָך גאָרנישט געווען דאָ...

אויף איינער פון די אַלטע קאַזאַרמעס האָט מען אונדז דעמאָלט אָנגעוויזן: „דאָ וועט זיין דער חדר האוכל"...

זינט דעמאָלט האָט אַלץ אַרום זיך צעבליט. אַלץ גרינט און לעבט. עס איז אויסגעוואַקסן אַ יישוב מיט אַ צעצווייגטער פאַרשיידנאַרטיקער ווירטשאַפט. גרויסע געזעלשאַפטלעכע הייזער, שיינע וווינונגען. אַזויפילביימער און בלו־מען, אַזאַ ליכט, אַ גערויש פון לעבן. זין, דאָ געבוירענע, היטן שוין מיט וואָפן די גרענעצן. בלויז דער עס־זאַל איז געבליבן אין דער אַלטער קאַזאַרמע. מען האָט אים געפּרוּווט באַנייען, איבערבויען. אויך נעמי, די אַרכיטעקטין, האָט אין אים אַריינגעלייגט פיל מי. אין תוך איז עס געבליבן — די אַלטע חורבה... אַפילו ווייט שוין פון צענטער קיבוץ, און אין גלילדיקן ווינטער האָט זיך נישט שטענדיק געוואָלט גיין עסן... אַלע יאָרן זענען געווען וויכטיקערע באַדערפע־נישן, נויטווענדיקערע געביידעס אויפצושטעלן, די ווירטשאַפט צו באַזירן.

דערמאָנענדיק זיך יענעם ווייטן מאַי־באַזוך אין 1949, וואָס זעט אויס ווי עפּעס אַ חלום, אַן אוממעגלעכע זאַך אַפילו, פון מיט צוואַנציק יאָר צוריק — פרייט זיך מיט אויף דעם חנוכת־הבית, יום־טובט הארציק אויך אַ גאַסט.

*

נעמי איז יעדע וואָך דריי־פיר טעג אין תל־אביב, וווּ זי אַרבעט, צווישן צענדליקער אַנדערע אַרכיטעקטן, אינזשיניערן און טעכניקערס, אַלס פּלאַנירערין אין דער גרויסער בוי־אונטערנעמונג פון „קיבוץ המאוחד"; זי איז צווישן זיי די איינציקע קיבוץ־מיטגלידערין. צענדליקער עפנטלעכע געביידעס אין קיבו־צים, עס־זאַלן, שולן, אַמבולאַטאָריעס, קולטור־בנינים, און זיכער הונדערטער וווינונג־הייזער טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון איר אייגנאַרטיקן סטיל. ווען מען קומט אָבער צו איר צוגאַסט, מוז מען מיט איר ווידער גיין אָנקוקן איר ליבלינג־געביידע — דאָס „יאַנוש קאָרטשאַק הויז" („בית יַנוּש קוֹרצ׳ק"). דאָס איז געווען איר ערשטע גרויסע זעלבשטענדיקע אַרבעט אַלס אַרכיטעקטין. מיט איר נאַטירלעכער שמייכלענדיקער אויפריכטיקייט, זאָגט זי אַפילו: „דאָס איז ווייט נישט דער געלונגענסטער בנין מיינער, ער איז מיר אָבער צום נאָ־ענטסטן און טייערסטן, אפשר אַפילו מער פון מיין אייגענער וווינונג, וואָס איך האָב דאָך אויך אַליין פּלאַנירט... איך האָב נאָך טאַקע געהאַט ווייניק דערפאַ־רונג, אָבער פאַר מיר איז ביי דעם הויז נישט געשטאַנען בלויז דער פּראָפע־סיאָנעלער רייץ. איך האָב פּערזענלעך געקענט קאָרטשאַקן און אים פאַרערט, האָב איך מיט אויסנאַמלעכן יראת־הכּבוד גענומען פּלאַנירן דאָס הויז. איך האָב דאָך געמוזט געפינען עפּעס אַ כּישוף־נוסח, וואָס זאָל פאַראייניקן צוויי זאַכן: אַ הויז פאַר זיין אָנדענק, אין אָנדענק פון דער קאַטאַסטראָפע, אין וועלכער ער איז אומגעקומען אַ מות־קדושים, און עס זאָל אין דער זעלבער צייט דינען ווי אַ לערן־אַנשטאַלט פאַר אונדזערע סאַבּרעס..." און זי האָט געבויט אַ פונקציאָ־

נאָלן בניין, מיט אַ סך ליכט, גרויסע באַקוועמע קלאַסן און לאַבאָראַטאָריעס, „בלויז דער ביבליאָטעק־צימער, פאַרשטייסט...״ צווישן די ביכער־פּאָליצעס — איין ליידיקע וואַנט פון רויטע ציגל, מיט קאַרטשאַקס בילד און אַ נר־תמיד. „די ציגל, ווי פון די וואַרשעווער הייזער, אין קאָרטשאַקס שטאָט, און אויך — אין מיינער...״

איצט זוכט זי אַ נוסח צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון איר פּריצייטיק פאַרשטאָרבענעם מאַן. דאָס וועט זיין אַ באַשיידן קולטור־הויז, לעבן נייעם חדר־האוכל אין זייער קיבוץ. אַ „בית באריא״, באַשיידן, ווי ער איז געווען. זי צע־שפּרייט די פּלענער. פּשוטע צימערן, „נאָר תּוכן דאַרף מען אַריינגעבן. איינ־האַלט מיט פּשטות״.



דער מוזיי „בית יצחק קאַצענעלסאָן״ אין קיבוץ לוחמי הגיטאות

ווי „פּשוט״, ממש ביז דערשיטערונג, עס איז דער גלעזערנער קאַסטן מיטן קינדערשן שיכל, וואָס זי האָט אָוועקגעשטעלט אין „בית כצנלסון״, דער אויס־ראַט־מוזיי אויפן נאָמען פון יצחק קאַצענעלסאָן.

נעמי איז נישט די איינציקע אין קיבוץ, מיטן אויסטאַטויִרטן אוישוויץ־נומער אויף דער האַנט. פאַראַן אַ סך אַזעלכע אין לוחמי הגיטאות. און צענד־ליקער גרינדערס, בויערס און ביז היינט מיטגלידער פונעם קיבוץ, זענען לעבנ־געבליבענע פון דער היטלער־קאַטאַסטראָפע אין אייראָפּע.

איז גוט וואָס מען האָט דאָ, אין הארץ פון מערבדיקן גליל, אוועקגעשטעלט דאָס הויז אויפן נאָמען פון מחבר פונעם „ליד פון אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק״. די צוויי־שטאָקיקע היכל „בלינדע״ ווענט זענען עפּעס אַ צוניפגוס פון פעס־טונג און בית־קדושים. אין יעדער צייט מוז נעמי ברענגען די שליסלען און אונדז אַריינפירן אינעווייניק. ווי קאָן מען זיין דאָ און נישט אַריינגיין זיך

מתייחד זיין? און אַז מ׳גייט אַרום אינעווייניק — מעג עס זיין צום הונדערט־סטן, צי טויזנטסטן מאָל — ווערט מען איבערפולט מיט ציטער. אַ מקום קדוש? יאָ, און „אויב נישט נאָך העכער...״ נעמי חזרט איבער מיט פשטות: „מיר דאַרפן דאָך אויפהאַלטן פריש דעם זכר פון פאַרשניטענעם פאָלק, פון זיין לעבן, פיין און גבורה, אין די געטאָס, לאַגערס, וועלדער״. ניין, נעמי, פיל מער. דאָס זענען דאָך נישט סתם קאַלטע דאָקומענטן, אָנדענק־זאַכן. זיי לעבן אויף די קדושים, שטעלן זיי לעבעדיק אַוועק פאַר אונדזער דמיון... פון די פאַרמאַכטע גלעזערנע שענק לייענען מיר, ווי איצט געשריבענע די בריוו פון געטאָס, בלעטערן נאָכאַמאָל די ביכער פון און וועגן „דאָרט״ — ביים אָפּשיין פון די פאַרבלוטיקטע פענער און געשענדעטע יידישע הייליקייטן... און דאָס קינדער־שיכעלע הינטער פשוטן גלאָז?...

*

דער וואַדי־יַסף וואָס שניידט דורך דעם פליין לעבן קיבוץ לוחמי הגיטאות, איז איינער פון די טיפסטע אין מערבדיקן גליל, דעריבער האָט ער אין אַראַביש באַקומען דעם נאָמען „וואַדי אל־עמיק״, „דער טיפער טייך״. אין רעגן־גע־בענטשטע יאָרן פליסן דורך אים פון די תפן־הייכן וואַסערן צום מיטללענדישן ים. האָט דאָ, אויף פרוכטבאַרער וואַסער־רייכער ערד, געלעבט דער מענטש שוין אין באַגינען פון זיין אַנטוויקלונג. מען האָט טאַקע אויפן געביט פון קיבוץ געפונען איבערבלייבענישן, שערבלעך און כלים־טיילן, פון דער פריער און צווייטער אייזן־עפּאָכע (יאָרן 1000—800 פאַר קריסטוסן), פון דער שפּעטער בראָנדז־עפּאָכע, פון אָנהייב פון דער יידישער מלוכה, פון דער פערסישער, הע־לעניסטישער, רוימישער, ביזאַנטישער, אָנהייב־אַראַבישער און מאַמעלוקישער עפּאָכעס. מענטשן האָבן דאָ געלעבט, ווייזט זיך אַרויס, אין גאַנצן טויזנטער־יאָ־ריקן לויף פון זייער געשיכטע. אַ בערגל אין מערב־זייט פון קיבוץ, תל־ע־ראַס, אָדער סאַמאַריע, איז אין פאַרשיידענע צייטן געווען אַ יישוב. אויפן געביט פון קיבוץ האָט מען געפונען קברים פון דאָזיקן יישוב, צווישן זיי אַ ביזאַנטישע קברים־הייל מיט איינדרוקפולע וואַנט־צייכענונגען, ספּעציעל „דניאל אין דער לייבן־נאָרע״. מען האָט אויך אויפגעגראָבן, פון פאַרשיידענע עפּאָכעס, גלייכע דילן פון פרימיטיווע ווין־ערטער, גריבער אין דער ערד אַריין. און אומעטום שערבלעך, אַ ביסל געטעסעטע שטיינער. קיין אַרכעאָלאָגישע אויספאָרשונגען זענען נאָך נישט דורכגעפירט געוואָרן, אָבער עס איז זיכער, אַז עס זענען דאָ געווען מענטשלעכע אויפהאַלט־ערטער אין פריצייטיקע תקופות.

*

נעמי באַגלייט אונדז אַרויס צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע, טאַקע לעבן מי־ליטער־לאַגער, וווּ מיר זענען אָפּגעשטיגן מיט איין און צוואַנציק יאָר צוריק. ס׳איז שפּעטער אָוונט. ביים אַרויסגאַנג פון קיבוץ שניידן זיך אַרויס פון חושך די מאַסיווע ווענט פון „בית קצנלסון״ און איבער אים וועלבן זיך בויגנאַרטיק די אוראַלטע שטיינער פונעם „אַקוואַדוקט״. אויך ער איז אַן אָנדענק פון אַ

חורבן. נאָר דער לייכטנדיקער נייער ייִשוב באַווייזט — אַז „דאָס פֿאָלק האָט מען קיינמאָל נישט געקאָנט חרוב מאַכן..."

און אַרום און אַרום לייכטן די גליל־בערג, נאָענטער און ווייטער, העכערע און נידעריקערע; דרומדיק — שימערירט מיט טויזנטער פֿייערלעך דער כּרמל.

נעמי קוקט פֿאַרטראַכט ערגעץ צו צפֿון. דאָרט הערן זיך לעצטנס שיסערייען, אויפֿרייסן. ערגעץ ווו דאָרט וואַכן ביי די גרענעצן אויך אירע צוויי זין. מיר פֿרעגן נישט, מיר שווייגן אַלע.

„...נעמי, עס זאָל מער קיין חורבן נישט זיין, דאָס פֿאַרזיכערן זיי".

1970

ווער בין איך?...

יעדעס מאָל, וואָס איך טרעט איבער די שוועל פֿון „בית יצחק קצנלסון", דערמאָנט זיך מיר די געשיכטע, וואָס די פֿאַרוואַלטערס פֿונעם חורבן־מוזיי האָבן מיר דערציילט, און אַ שוידער נעמט מיך אַרום אויפֿסניי...

אין מוזיי איז אַריינגעקומען אַ הויכער, פֿעסט־געבויטער זעלבער, מיט אַ רויט פֿאַראַשוטיסטן־היטל אויפֿן קאָפּ. ער האָט פֿאַרלאַנגט צו רעדן מיטן די־רעקטאָר „ביחידות... אונטער פֿיר אויגן... אַ פּערזענלעכער ענין..."

ווען ער איז פֿאַרבליבן אַליין מיטן דירעקטאָר, האָט ער זיך שווער אַראָפּ־געלאָזט אויף דער שטול און אַ לאַנגע ווייל געשוויגן. מען האָט געזען, אַז אים איז שווער צו רעדן. צום סוף:

„איר זעט... איך ענדיק באַלד מיין מיליטער־דינסט. איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן מיין צוקונפֿט און גלייכצייטיק אויך וועגן מיין עבר... און צום ווייפֿלטן מאָל שוין — ווידער שטיין געבליבן פֿאַר דער מוח־עקבערנדיקער פֿראַ־גע: ווער בין איך?..."

ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ טיכל, געווישט דעם שווייס פֿונעם פּנים און באַהאַלטענערהייט — די טרערן פֿון די אויגן. זיינע ווערטער האָבן זיך געבראָכן, די שטים האָט געציטערט:

„יאָ... כ'ווייס נישט ווער איך בין... אין לאַנד אַריין האָבן מיך געבראַכט טוערס פֿון אגודת־ישראל; זיי האָבן מיך גלייך נאָך דער מלחמה, געפֿונען צוזאַמען מיט נאָך יידישע קינדער אין אונגאַרן. כ'בין יאָרן געווען אין קינדער־ און יוגנט־אַנשטאַלטן. כ'בין גראָד געווען אַ פֿריילעך ייִנגל... אָבער כ'ווייס נישט ווער איך בין, ווער ס'זענען געווען מיינע עלטערן, פֿון וואַנען איך שטאַם..."

דער זעלבער האָט זיך מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און צעכליפּעט זיך:

„כ'בין געבוירן געוואָרן, ווייזט אויס, אין סאַמע ערב־מלחמה. ווען מ'האָט מיך געפֿונען אינעם אַנשטאַלט אין אונגאַרן, בין איך אַלט געווען אַ יאָר זיבן... קיינער האָט דאָרט וועגן מיר גאָרנישט געוווּסט, אויסער דעם, אַז כ'בין אַ ייד... כ'האָב שוין געפֿאָרשט ביי די, וואָס האָבן מיך געבראַכט אַהער, אָנגעפֿרעגט אין פֿאַרשיידענע אינסטיטוציעס אין אויסלאַנד — קיינער ווייסט נישט, ,ווער איך בין'..."

ער האָט זיך אָנגעהויבן באַרויִקן און צוגעגעבן:

„איצט בין איך געקומען בעטן אייער הילף. אפשר קאָן מען אין די אַלע ביכער און דאָקומענטן וועגן דער קאַטאַסטראָפע, געפינען עפּעס אַן אָנהאַלט־פּונקט מיר צו העלפן... איר פאַרשטייט? דאָ איז שוין מיין לעצטע האָפענונג... כ׳בין שוין אין דער עלטער, ווען מען קלערט חתונה צו האָבן. יעדעס מיידל וועט דאָך וועלן וויסן ווער איך בין, פון וואַנען איך שטאַם... וואָס וועל איך ענטפערן?...״

*

צום ווייפלטן מאָל גייען מיר, שטענדיק ווי אויף די שפּיץ־פינגער, אין דאָזיקן איינציקאַרטיקן „הויז״?... ווער קאָן דאָס ציילן און געדענקען? אָבער יעדעס מאָל כאַפּט אַרום עפּעס אַן אינערלעכער ציטער. אַ מקום־קדוש? יאָ, אָבער פון עפּעס אַ גאָר הויכער קדושה־מדרגה.

זענען דאָס דען סתם קאַלטע דאָקומענטן, אָנדענק־זאַכן? אין יעדן זענען באַהאַלטן פיל אַזעלכע טראַגעדיעס און סודות ווי פון אָט־דעם „אומבאַקאַנטן״ יידישן זעלנער. ווער, וואָסער פאָלק האָט אַזעלכע טראַגיש־אָטעמענדיקע, אומ־באַקאַנטע זעלנערס?...

„אונדזער אויפגאַבע״ — דערקלערט מען אונדז — „איז צו האַלטן פריש דעם זכר פון פאַרשניטענעם פאָלק, פון זיין לעבן און גבורה, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער היטלער־צייט אין די געטאָס און אין די לאַגערס״. מיינען מיר, אַז נאָכ־מער: די טויזנטער אויסגעשטעלטע זאַכן לעבן־אויף די קדושים פון די געטאָס און פאַרניכטונג־לאַגערס, מאַכן זיי רעדן, דערציילן און מאָנען...

*

נאָר ענטפערן אויף דער פּשוטער פראַגע פונעם זעלנער „ווער בין איך?...״ — דאָס קאָן קיינער נישט. זי וועט בלייבן, די פראַגע, איינגעקריצט אויף אייביק, צווישן אַלע שווידער־דאָקומענטן, וואָס זענען דאָ אויסגעשטעלט.

1967

„פלניות, פלניות...״

„כלניות, כלניות —
כלניות אדמדמות אדמוניות;
כלניות, כלניות —
כלניות מטוללות חיננויות״

(„כלניות, כלניות —
מאַנקעפלעך רויטינקע מיט פורפור־פנימלעך,
„כלניות, כלניות —
מאַנבלימלעך חנעוודיקע באַדעקטע מיט טוי״)

(נתן אלתרמן)

„פּאַרוואָס ‚כלנית׳, אין לשון יחיד, און נישט ‚כלניות׳ — אַ סך — ווען מיליאָנען מאַנבלומען פלאַטערן אין ווינט אויף אייער באַרג אַליין?...״ — דאָס איז געווען מיין ערשטע פראַגע, קומענדיק צום יום־טוב פון „אַרויפגיין אויפן באַדן״ פון נייעם מושב אין גליל. „יאָ... טאַקע...״ — האָב איך געענטפערט אויף דער באַמערקונג „אַלץ צוליבן ליד...״ — „ביי וועמען אין ישראל קלינגען נישט אָפּ, שוין מער ווי דריי צענדליק יאָר, די שורות פון נתן אַלטערמאַן ‚כלניות, כלניות...׳ אין דער אומפאַרגלייכלעכער אויספירונג פון שושנה דמאַרי?״

איך האָב נישט צוגעגעבן די ווערטער „ספּעציעל ביי מיר...״ — געלאָזט זיי ביי מיר אין האַרץ...

געווען איז דאָס עפּעס העכער אַ יאָר נאָך מיין אָנקומען קיין ישראל. איך האָב געאַרבעט און געוווינט אין קיבוץ מרחביה. אַ יום־טובדיקער פרייטיק־צו־נאַכטס — אַ קאָנצערט פון שושנה דמארי. זי האָט געזונגען פאַרן אַריינגאַנג צום חדר־האוכל. דער גאַנצער קיבוץ, אויך געסט פון אַרום, זענען געזעסן אויפן גרויסן גראָז־פּלאַנט, אויפן דשא, און מיט פאַרכאַפּטן אָטעם מיטגעלעבט און מיטגעזונגען אירע אומפאַרגעסלעכע טרעלן אין דער ווייכער תימנישער אויסשפּראַך.

פאַר מיין פרוי און פאַר מיר איז עס געווען עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכע איבערלעבונג — מיר האָבן צום ערשטן מאָל געהערט זינגען די דאָזיקע קינסטלערין.

אין מיטן קאָנצערט האָט מיין פרוי באַקומען געבורט־ווייען...

איך האָב איינגעבויגענערהייט זיך באַוועגט צווישן די צונויפגעפּרעסטע מענטשן־רייען — געזוכט דעם שאָפער. איך האָב אים געפונען: „מיכאל, שנעל... שולמית דאַרף אין שפּיטאָל אַריין...״ ער האָט געוווּסט, דערוואַרט דעם רוף, נאָר מיר האָבן אים אַוועקגענומען אַ טייל פון אַזאַ זעלטענעם יום־טוב אין קיבוץ...

ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן פונעם טויער פון קיבוץ, אויפן וועג צום שפּיטאָל, איז אונדז נאָכגעלאָפן די האַרציק־גלעקלדיקע שטימע פון שושנה דמארי:

„כלניות, כלניות — — —״

און ווען עס איז פֿאַרטאָג געבוירן געוואָרן אונדזער עלטערע טאָכטער נעמי, האָבן מיר זיך ווי אין עכאָ, ווידער געהערט די שורות פון נתן אַלטערמאַן:

„כלניות, כלניות —
שקיעות אין באַרג וועלן זיך צעברענען און פאַרגיין,
אָבער תּמיד׳ אייביק, וועלן מאַנבלומען בליען...״

*

מיר געפינען זיך אויפֿן אָפּהאַנג פון באַרג חָזון — וויזיע, און אויך — אידע־אַל. ביידע פֿאָרן זיך, גייען האַנט־ביי־האַנט אין באַניַיטן, צוריק אויפגעלעבטן יידישן גליל.

אַ נייער יישוב אויפן שיפּוע פון באַרג, וואָס הייבט זיך ביז 584 מעטער איבערן ים־ניוואָ.

זאַיאַד יוסוף בעלעוס האָט אָנגעהויבן זיין רעדע אין אַראַביש, כדי אונטער־צושטרייכן אין וועמענס נאָמען ער רעדט, אָבער זיין העברעיִש איז נישט בלויז פּערפעקט, נאָר אַ טיפּיש־סאַברישער: „איך באַגריס אייער באַזעצן זיך דאָ, נישט בלויז מיט האָפענונג אויף גוטער שכנהשאַפט, נאָר אויף עכטער ברידער־שאַפט, ווי בירגערס פון איין לאַנד, אין זאָרג פאַר אַנטוויקלען אונדזער געמיינ־זאַמע מדינה״. ער איז פֿאָרזיצער פון אָרט־קאָמיטעט פון שכנישן אַראַביש־דרוזישן דאָרף מעאַר, מוגאַר. בלויז אַ צוים פון שטעכיקן דראָט טיילט אָפּ דאָס אַלטע אַראַבישע דאָרף פון נייעם יידישן מושב, וואָס איז די טעג אַרויף זיך באַזעצן אויף זיין באָדן, אויפן באַרג־אָפּהאַנג פון דער צפון־גרענעץ פונעם אונטערשטן גליל.

מושב כלנית — מאַנבלום, אָדער מאָנקעפּל — אַזוי וועט ער זיך באַווייזן אויף דער ישראל־מאַפּע. פּשוט, דער נאָמען פון דער פאַרשפּרייטער פעלד־בלום מיט אירע גרויסע רויטע, אין דער מערהייט, אָבער אויך פּיאָלעטע, ווייסע און בלויע בעכער־בלעטער, וואָס באַשיינען די אַרומיקע בערג און טאָלן.

מושב כלנית געהער צום מושבים־פאַרבאַנד פון הפועל המזרחי. די צוואַנציק משפּחות און צוועלף נישט־פאַרהייראַטע בחורים זענען אַלע רעליגיעזע פּויערים־קינדער פון צווייטן און דריטן דור, טאַקע פון גליל. דאָ געבוירן און דערצויגן. „אויפגעוואָקסן און צוגעשמידט צו דער ערד, כדי צו פילן איר אָטעם ביים אַקערן, זייען, שניידן; אָטעמען מיטן בלי פון פּרוכט אויף די ביימער״ — רעדט כמעט פּאָעטיש, יעקב כּהלון, דער אַכט און צוואַנציק־יאָריקער סעקרעטאַר פון נייעם מושב. ער איז געבוירן אין מושב עלמא אין אויבערשטן גליל. „נישט קיין סתם עקשנות ליגט אין דעם, וואָס מיר אַלע, די גאַנצע גרופּע, האָבן נישט גע־וואָלט פאַרלאָזן דעם גליל. מיר האָבן אים ליב, זענען צוגעבונדן צו דער דאָזיקער פּרוכטבאַרער און היסטאָרישער ערד אונדזערער. אין די מושבים פון אונדזערע עלטערן איז נישטאָ קיין פּלאַץ, עס פעלט באָדן צו באַאַרבעטן פאַרן צווייטן דור. און מיר האָבן געוואָלט ממשיך זיין די מעשי־אבות. אונדזערע עלטערן זענען גע־קומען פון ווייט, אַלע האָבן געלעבט אין שטעט און געוואָרן ערד־מענטשן, און

מיר האָבן נישט געוואָלט ענדערן דעם לעבנס־וועג פון פויערים...״ — זאָגט כחלון און די חברים אַרום שאָקלען צו מיט די קעפּ אין איינשטימיקייט.

נישט לייכט איז זיי אָבער אָנגעקומען דאָס צו באַקומען. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ „גרעין״, „קערן פאַר ערד־זידלונג״, אין די ראַמען פון דער מושבים־באַוועגונג פון הפועל־המזרחי. סעדיה אפרת, אַ זיבן און צוואַנציק־יאָריקער זון פון מושב דלתון, אַ הויכער בחור, האַלט־צו זיין געשטריקט יאַרמול־קעלע אויפן קאָפּ, ווען ער בייגט זיך צו צו מיין אויער און זאָגט מיט אַ געוויסן וואָקל אין דער שטימע: „מען האָט אונדז געוואָלט געבן, נאָך מיט צוויי יאָר צוריק, אַ מושב מיט גרייטע הייזער אין שומרון. מיר זענען דאָך אָבער אַלע קינדער פון גליל — ווילן מיר לעבן דאָ, אויף אונדזער געבוירן־ערד״.

אין יאַנואַר 1978 האָט מען זיי באַזעצט צייטווייליק אין נייעם מושב גבעת־חנניה, גלייך ווי מען האָט אים גענומען בויען. ער געפינט זיך עטלעכע הונדערט מעטער פון זייער סטאַבילן פּלאַץ. „מען האָט עס אָנגערופן ,די הכשרה׳, כאָטש מיר זענען אַלע געווען פון קינדהייט צוגעגרייט צו דעם לעבן...״ — שמייכלט אַ ביסל טרויעריק יעקב כחלון. אָבער די צייט איז גוט אויסגענוצט געוואָרן. זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט, איינגעלעבט צווישן זיך. געאַרבעט ביים אויפבויען זייערע אייגענע היימען. און ער גיט צו מיט צופרידנקייט: „באַקענט די סביבה, און זיך באַפריינדט מיט אונדזערע שכנים, די דרוזן און אַראַבער אין מע׳אר־מוגאַר. זיי האָבן אונדז געהאָלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן, אַרויסגעוויזן פריינד־שאַפט, מערערע פון זיי האָבן אויך געאַרבעט ביים בויען אונדזערע הייזער. מיר זענען אָפט ביי זיי צוגאַסט און זיי ווייסן אַז מיר קאָנען ביי זיי נישט עסן צוליב כשרות״. און ווען מען דאַוונט מנחה אין סוף פון דער פייערונג, שטייען די מוסולמענער מיט ערפורכט ביי דער זייט. אַ גאַנצע גרופּע נאַטאַבלען איז גע־קומען פון מע׳אר צו דער פייערונג ביי די יידישע שכנים.

מען ווייסט נישט וואָס עס וועט זיין שפּעטער, ווען אין כלנית וועלן לעבן די הונדערט משפחות, ווי עס איז פּלאַנירט; דערווייל איז דאָס אַ ריין־לאַנד־ווירטשאַפטלעכער יישוב. זיי באַזיצן שוין צוויי הונדערט דונאַם פּאַרפּלאַנצטע אוואָקאַדאָ־פּלאַנטאַציע, פיר דונאַם פאַר רויזן־צוכט און צען דונאַם געדעקטע ספּעקטן פאַר סובטראָפּישע פּלאַנצן. פאַר יעדער משפחה איז פאַרטיק אַ הייזל מיט אַ וווינונג פון אַכט און זעכציק קוואַדראַט־מעטער, מיט מעגלעכקייטן דאָס צו פאַרגרעסערן. דער בית־הכנסת, קינדער־גאָרטן, הויז פאַר זייג־קינדער, שפּייז־געשעפט געפינען זיך צייטווייליק אין ווויך־הייזער, אָבער די בניינים פאַר זיי ווערן שוין געבויט אין צענטער פון דאָרף.

יעקב כחלון, וואָס וווינט שוין דאָ מיט זיין פרוי אוןביידע קליינע קינדער, איז זיכער: „אונדזער מושב וועט זיך אַנטוויקלען און בליען. דאָס אָרגאַניזירן זיך וועט נישט לאַנג דויערן, מיר האָבן דאָס אָנגעהויבן אין גבעת־חנניה, מיר טרעטן גלייך צו מיט פולער ענערגיע צו די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן. מיר וועלן באַקומען נאָך באָדן צוגעטיילט, אַביסל ווייטער אין דער סביבה״.

„אייערע קינדער זענען נאָך זייער קליינע און עס איז נאָך ווייט צו זאָרגן

וועגן באַדן אויך פאַר זיי, ווי אין די אַלטע מושבים פון אייערע עלטערן. אָבער ווען איר רעדט וועגן הונדערט משפּחות ?...״

יעקב כחלון ענטפערט גלייך, מען דערקענט אַז ער, מיט די חברים צוזאַמען האָבן שוין געקלערט וועגן דעם: „אונדזערע מושבים, ווי די קיבוצים, נעמען זיך טיילווייז אינדוסטריאַליזירן. וועלן מיר דאָס מסתמא אויך טאָן. אונדזער שכנותדיק מע׳אַר, מיט העכער זיבן טויזנט איינוווינער, באַזיצט שוין אַ גאַנצע ריי קליינע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. דאָס איז איינער פון די גרויסע און שלוותדיקסטע מינדערהייט־ייִשובים אין אונדזער לאַנד — מיר וועלן זיכער קאָנען מיט זיי צוזאַמענאַרבעטן אויף דעם געביט, סיי בנוגע דערפאַרונג, סיי אינוועס־טיציע־קאַפּיטאַלן און סיי אַרבעט־הענט. מיר האָבן שוין אפילו אין די דריי הכשרה־יאָרן צייטווייליק געאַרבעט אין זייערע פאַבריקלעך און זיי זענען געווען זייער גוטע אַרבעטגעבערס״.

אין גבעת־חנניה געפינט זיך שוין אַ צווייטער „גרעין״ מושבים־קינדער פון גליל און אויף אַ מערב־אָפּהאַנג אין די בערג פון אונטערשטן גליל ווערט פאַר זיי געבויט דער מושב לבנים, וואָס געפינט זיך שוין אין עטאַפּ פון פאַרגעשריטע־נעם אויפבוי.

דערווייל, דוכט זיך, שאַלט איבער די גליל־בערג דאָס אייביק יונגע קול פון שושנה דמארי מיט די שורות פון נתן אַלטערמאַן:

„כלניות, כלניות —
די דורות קומען און פאַרגייען אָן אויפהער,
אָבער יעדער דור פאַרמאַגט זיין מאַנבלימל און געזאַנג.
ווייל איז דעם מענטש, ווען צווישן שטורעם און הוראַגאַן
האָט געבליט פאַר אים די כלנית כאָטש איין איינציק מאָל״.

1982

יידישער אַמאָל אַרום באַרג חזון

ווען כרמיאל, די יידישע שטאָט אין האַרץ פון גליל, איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1964, איז דער נאָענטסטער גרויסער יישוב געווען דאָס אַראַביש־דרוזישע דאָרף מע׳אַר, מוגאַר, מיט זיבן טויזנט איינוווינער, אויפן באַרג חזון — חזור, אין אַראַביש — און דער דאָזיקער וועג, אויף מזרח, אין דער ריכטונג צו טבריה, איז געווען אָן איין יידישן יישוב. סעדיה אפרת, וועלכער באַגלייט אונדז אין דער געגנט אויף צוריקוועגס פון כלנית קיין כרמיאל, איז געבוירן מער אויף צפון פון גליל, אין מושב דלתון. ער פירט זיין אויטאָ דורך ניַיע ייִשובים, וואָס זענען אויף דעם קורצן וועג־אָפּשניט, געשאַפן געוואָרן שוין נאָכן אַנטשטיין פון כרמיאל. פון זיי זענען פיר, „מצפּים״ — כמון, מיכמנים, קדרים און אשחר, געגרינדעטע אין די יאָרן 1980—1981. „מצפּה״ איז אַ גאַר ניי־געשאַפענע באַ־צייכענונג פאַר אַ יישוב־„פאָרם״, דאָס באַדייט פּשוט „אָבסערוואַציע־פונקט״; מען בויט אויף אייניקע הייזער, מען באַזעצט דאָרט עטלעכע יידישע משפּחות, וועלכע וווינען בלויז דאָרט און אַרבעטן נישט אויפן אָרט, זיי זאָלן „אָבסערווירן, אָדער היטן, דער באַדן זאָל נישט באַזעצט ווערן דורך אַראַבער...״

„מיט נייטיקן זיך אין יישובים, ווי כלנית, אָבער אויך גרעסערע" — האָלט סעדיה אפרת — „נישט די ,מצפים' וועלן באַיידישן און אַנטוויקלען דעם גליל. אין די אַלע נייַע ייִדישע יישובים, וואָס מיר פאָרן פאַרביי, ווייס איך נישט צי מיר קאָנען אָנציילן צוזאַמען צוויי הונדערט משפחות, זינט כרמיאל איז געגרינדעט געוואָרן, אין משך פון אַכצן יאָר..."

די יונגע גליל־קינדער זענען צופרידן זיך צו באַזעצן אויפן הר חזון. זיין נאָמען „שטאַמט נישט פון וויזיע, נישט פון נבואה... קוק אויפן אויסבליק פון דאַנען... חוזים ממנו נוף נהדר..." — מען זעט פון אים אַ פּראַכטפולן פּייסאַזש. זענען זיי אַנטציקט. „דער מושב חזון, וואָס איז דאָ געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1969, האָט אפשר טאָקע געטראָגן מיט זיך די וויזיע — צו פאַריידישן דעם גליל, ספּעציעל אין דער דאָזיקער יידן־ווייניקער געגנט, אָבער ער וועט באַלד אַלט ווערן פופצן יאָר און קיין דריי הונדערט נפשות האָט ער נאָך נישט דערגרייכט...", איז טרויעריק דער טאָן פון סעדיה, ווען מיר פאָרן פאַרביי די איינציקע, שלעכט־ברוקירטע גאַס פון מושב. נאָך פיל קלענער איז זיין צייטווייליקע היים, גבעת־חנניה. „דערפאַר האָט עס אַן אַלטן ייחוס — דאָ האָט זיך געפונען כפר־חנניה".

כפר־חנניה איז נישט קיין תנ"כישער נאָמען, מען ווייסט נישט ווער דער חנניה איז געווען. דאָס אָרט ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין דער משנה (שביעית ט', ב') : „פון כפר־חנניה אַרויף — איז דער אויבערשטער גליל, און פון כפר־חנניה אַראָפּ — דער אונטערשטער גליל". כפר־חנניה איז געווען באַרימט מיט אירע טעפּערס, די כלים וואָס זיי האָבן אויסגעאַרבעט זענען געווען שטאַרקע : „דאָס געפעס פון כפר־חנניה האָט אַ נאַטור נישט צעבראָכן צו ווערן" (בבלי, שבת ק"כ, ב'). אין געוויסע מקורות איז דאָס דאָרף שפּעטער אָנגערופן געוואָרן כפר־חנן און אין אַראַביש „קעפאַר־ענאַן". אין מיטלאַלטער האָט אין כפר־חנניה עקזיסטירט אַ יידישע קהילה, פון וועלכער מען האָט אפילו עמיגרירט קיין מצרים. אין דער גניזה פון קאַירע האָט מען געפונען אַ דאָקומענט וועגן אַ פּרוי „מיט אַ מאַן פון כפר־ענאַן" (בריטישער מוזיי, לאָנדאָן, „כתבי־יד פון 11־טן י"ה"). רבי יעקב, וועלכער האָט באַזוכט כפר־חנניה אין 12־טן יאָרהונדערט, דערציילט : „אין כפר־חנניה געפינט זיך אַ בית־כנסת פון רבי שמעון בר יוחאי. ער איז אויסגעהאַקט אין באַרג, און באַזיצט בלויז איין וואַנט אַ געבויטע" („מסע בעולם", ז' 68). מנחם החברוני דערציילט דאָס זעלבע אין יאָר 1215 און גיט צו : „די יידן זענען נאָך אין אים מתפלל. זיי האַנדלען מיט די אַראַבישע שכנים און באַזוכן אַלע אַרומיקע דערפער" (שו"ת). רבי משה באַסולאָ שרייבט : „אין כפר־חנניה, וואָס ווערט גערופן כפר־ענאן, זענען די יידן אַראַביזירט, רעדן אַראַביש און האָבן אָנגענומען אַראַבישע מנהגים. עס לעבן דאָרט ביי דרייסיק בעלי־בתים, די מער־הייט כהנים. זיי באַזיצן אַ בית־כנסת. דאָס אָרט איז פעט און פּרוכטבאַר, פול מיט כל־טוב". ער דערציילט וועגן דעם, אַז די איינוווינערס פון נאָענטן פּרוד האָבן אָפּגעשניטן פון כפר־חנניה דעם צופלוס פונעם וואַסער פון קוואַל צווישןביידע דערפער : „איז צו אַ ייד אין כפר־ענאן געקומען צו חלום רבי אבא־חלפתא און געזאָגט : ,גייט זוכט אין מיין קבר און איר וועט געפינען אַ קופער־שאַכטל און אין אים געפינט זיך אַ שטר, אַז איך האָב געקויפט דעם קוואַל פון נחום איש

גמזו...' האָט מען געזוכט און טאַקע געפונען דעם שטר, מען האָט אים געבראַכט פאַר דעם מלך פון מצרים און די איינוווינערס פון כפר־ענאן האָבן געוווּנען" (מ. באסולה, „מסעות ארץ־ישראל", ז' 69).

אין אָטאָמאַנישן טערקישן אַרכיוו פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל וועגן די שטייער־צאָלערס ווערן אויסגערעכנט אין יאָר 1525 אין כפר־ענאן — פערצן יידישע משפּחות און צוועלף אַראַבישע; אין יאָר 1555 — זיבעצן יידישע און איין און צוואנציק אַראַבישע; אין יאָר 1572 — אַכצן יידישע און אַכט און צוואנציק אַראַבישע (ב. לואיס, „דאָקומענטן פון טערקישן אַרכיוו". ענגליש, לאָנדאָן, 1952). די יידישע קהילה אין כפר־חנניה איז אונטערגעגאַנגען, ווייזט אויס, אין



דער קבר פון ר' אבא חלפתא אין כפר־חנניה

זיבעצנטן יאָרהונדערט. פון דאָרטיקן בית־כנסת איז געבליבן אַ העננ־לאָמפּ אין דער פאָרם פון אַ מעטאַל־ראָד, מיט צוועלף לעכער אַרום־און־אַרום, אַריינצושטעלן גלעזלעך מיט בוימל אָנצוצינדן. איבער זיי אַ לייענבאַרער אויפֿשריפט אין העברעיש: „דן כלילה לאתרה קדישה דכפר־חנניה..." — „דן כלילה פאַרן הייליקן אָרט פון כפר־חנניה. זאָלן דערמאָנט ווערן צום גוטן, אמן סלה, שלום". דער לאָמפּ געפינט זיך אין בריטישן מוזיי.

אין כפר־חנניה געפינען זיך הייליקע קברים, אויף וועלכע דורות יידישע עולי־רגל זענען געקומען זיך משתטח זיין און תפילה־טאָן: רב אבא חלפתא איש כפר־חנניה, פון די באַקאַנטע משנה־חכמים אין צווייטן יאָרהונדערט. דער קבר־אוהל געפינט זיך היינט אין שאָטן פון אַ צעצווייגטן אַלטן אייכנבוים ביים אַריינפאָר אין נייעם מושב חזון. דער ערשטער דערמאָנט אים יעקב בן נתנאל אין יאָר 1187 („ציוני קדושים"): „און ר' חלפתא מיט זיין זון האָבן

קברים אין כפר־חנניה״; אין 1211 דערציילט רבי שמואל בן שמשון: „איידער מיר זענען אַריינגעקומען אין שטאָט האָבן מיר געפונען אין פעלד דעם קבר פון ר׳ חלפתא און זיין זון און אייניקל״; אַ פּאָר יאָר שפּעטער שרייבט רבי מנחם החברוני (דאָרט): „איך בין אַריינגעגאַנגען אין דער הייל און דאָרט געפונען דעם קבר פון ר׳ חלפתא און זיין פרוי מיט זיינע זין״. חנניה בן עקשיה, אויך אַ משנה־חכם פון דער זעלבער צייט; וועגן זיין הייל, וואָס עקזיסטירט ביז היינט, ווערן דערציילט שוין אין יאָר רפ״ב (1522, „יחוס האבות והנביאים״): „אַ הייל און דאָרט ר׳ חנניה בן עקשיה און זיינע תלמידים. איך בין אין איר אַריינגעגאַנגען מתפלל זיין. עס זענען דאָרט פאַראַן פינף געוועלבונגען און אין יעדער געוועלבונג פינף קברים, איינער ביי דער זייט פון צווייטן. אַ טיר פון שטיין פאַרמאַכט די הייל״; אין „יחוס צדיקים״ רעדט זיך שוין וועגן דריי היילן „און איינע רופט מען הייל פון די ביינער און דאָרט איז חנניה בן עקשיא. און אַלץ מזרחדיק פון דאָרף, נאָענט צום אַריינקום פון די יידן״. זכריה דער זון פון קצב, איינער פון די ערשטע בעלי המשנה. ער האָט געלעבט אין ירוש־לים בעתן חורבן דורך די רוימער, ער דערציילט וועגן זיין ווייב, אַז „איר האַנט האָט זיך נישט געריִרט פון מיין האַנט פון מאָמענט ווען די גויים זענען אַריין קיין ירושלים ביז זיי זענען אַרויס״ (משנה, כתובות ב׳, ט׳). די אַלטע מקורות דערציילן גאָרנישט וועגן זיין טויט און קבר. ערשט אין „תוצאות ארץ־ישראל״ (1272) ווערט דערציילט: „כפר חנניה געפינט זיך אין באַרג, מיט אַ בית־הקברות און דאָרט ר׳ זכריה״. משה ירושלמי („ידי־משה״, 1796) שרייבט ברייט וועגן די קברים אין כפר־חנניה בכלל און צו זכריהן גיט ער שוין צו זיין פאָטער: „נישט ווייט פון דאָרט זענען באַגראָבן ר׳ זכריה דער זון פון קצב און זיין טאַטע״. פאַראַן נאָך דאָ „דער עלטסטער זיכער הייליקער קבר, פון רבי אליעזר קב ונקי״, אַ גייסטיקער מנהיג נאָך אין ירושלים, אין די לעצטע צייטן פון בית־שני.

סעדיה, אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ פרומער מיוחסדיקער תימנישער פאַמיליע, ווערט נישט בייז פון מיין פראַגע: „אָבער זאָג מיר, איז מעגלעך, אַז מען האָט די אַלע גדולי־ישראל, געבראַכט אַהער קובר צו זיין, צי זיי האָבן טאַקע גאָר געלעבט און נפטר געוואָרן אין כפר־חנניה?...״

„איך גלויב, אַז יאָ,״ — ענטפערט ער — „און אויב אפילו נישט, ווען דאָס זענען בלויז שפּעטער געשאַפענע לעגענדעס, איז יעדער קבר אַ מקום־קדוש, ווייל צענדליקער דורות יידן האָבן אויף זיי פאַרגאָסן טרערן מיט תפילות...״

*

פון מע׳אר נידערן מיר אַראָפּ מערבדיק פון באַרג צום צלמון־טייכל. זעלטן איז עס באמת „טייכל״, מערסטנס איז דער בעקן טרוקן, באַצירט מיט גרינע קוסטעס און ווילדע בלומען. ביים ברעג, 162 מעטער איבערן ים־ניוואָ, געפינט זיך אַ „תל״. ביי זיין זייט — עטלעכע, שוין האַלב־חרובע צריפים, „דאָ איז אין 1976 געשאַפן גע־וואָרן אַן אָנהאַלט־פונקט פון נח״ל־זעלנערס, וואָס האָט געדאַרפט זיך אַנטוויקלען אין אַ ציווילן יישוב, אָבער ער איז פאַרלאָזט געוואָרן...״ — הערט זיך באַדויער אין קול פון סעדיהן — „זיי האָבן געדאַרפט באַנייען דאָס אוראַלטע צלמון... געדאַרפט...״

צלמון איז נישט באַקאַנט פון די תנ״ך־מקורות. אָבער לויט יוסף בן מתתיהו, ווען ער איז געווען מיליטער־קאָמאַנדיר פון גליל, פאַרן אויפשטאַנד קעגן די רוי־מער, האָט ער זי באַפעסטיקט אין יאָר 66: „און זייענדיק ביי דער מיינונג, אַז די רוימער וועלן אַריינדרינגען קיין ארץ־ישראל דורכן גליל, האָט ער באַפעסטיקט די היכקייטן פון לאַנד — — — און צלמון״ (פלאַוויוס, „דאָס לעבן פון יוספן״, ל״ו) — איז דאָס שוין געווען, ווייזט אויס, אַן אַנגעזעענער יישוב. נאָכן חורבן ירושלים און פאַרבר׳ענען דעם בית־המקדש, האָבן זיך אין צלמון באַזעצט אייניקע באַקאַנטע כהנים־משפחות, צווישן זיי: די דינאַסטיע דליה, וואָס האָט געדינט אין בית־המקדש, לויט דער ריי, „דער דריי און צוואַנציקסטער אויף דליהו״ (דברי הימים א׳, כ״ד, י״ח); די משפחה גנתון: „...כהנים הויפּטן פון פאָטערהייזער: — — — פון גנתון, משולם״ (נחמיה י״ב, ט״ז). אלעזר הקליר באַקלאָגט „דעם גורל פון די כהנים וועלכע האָבן געוואָנדערט פון דער הייליקער שטאָט קיין צלמון און אַנדערע דערפער, ביטער איז דער גורל פון משמר דליה־גנתון״ („ברייתא משמרות כהנים״, כ״ג). וועגן צלמון ווערן דערציילט פאַרשיידענע געשעענישן אין משניות (כלאים, יבמות). אין „תו־ספתא״ (פרה ט׳, ב׳) ווערט גער׳עדט וועגן „די מלחמות און קאַמפן קעגן די רוימער, ווען די טייכן, ווי צלמון, האָבן אַנטוישט די קעמפערס״.

*

מיין באַגלייטער, כאָטש ער האָט געקאַנט קירצן דעם וועג, פאָרט פאַרביי די צוויי שכנישע יישובים, דעם יידישן מושב שזור — „פון די ערשטע נח״ל־פונקטן, געגרינדעט אין 1953, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַ בליענדיקן מושב״ — און דאָס דרוזישע דאָרף סעזשור. סעדיה איז צופרידן: „זע, דורך יאָרהונדערטער איז ביי די אַראַבער געבליבן דער קלאַנג פון אַלטן יידישן נאָמען״. אַ בליענדיק יידיש שטעטל געווען שזור אין די צייטן פון משנה און תלמוד. פון דאַנען האָבן געשטאַמט די חז״ל־פערזענלעכקייטן שמעון שזורי און שמעון בן אליעזר און מען ווייזט דאָ זייערע קברים. דער דריטער קבר, וואָס ציט צו יידישע עולי־רגל אין שזור, איז דער פון ישמעאל כהן גדול, איינער פון די צען הרוגי מלכות, וועלכער איז געווען „איי־נער פון די זיבן שענסטע וועלכע האָבן געלעבט אויף דער וועלט און זיין פנים איז געווען ענלעך צו אַ מלאך ה׳ צבאות״ („מדרש אלה אזכרה״, ב׳). וועגן אים ווערט פיל דערציילט אין די יידישע מקורות, אויך ווי עס האָט זיך אין אים פאַרליבט די טאָכטער פון קייסער.

„דאָך...״ — זאָגט פאַרטראַכט סעדיה — „האָבן חז״ל געוואָרנט: ,ווער עס זעט רבי ישמעאל אין חלום — זאָל זיך היטן פון פורענות׳...״ (בבלי, ברכות נ״ז, ב׳).

דאַבוריע — זינט דבורה הנביאה

אין אַ קאַלטן, רעגנדיקן ווינטער־טאָג, צופעליק אַ מאַנטיק, בין איך איצט אָנגעקומען קיין עפולה. איינגעטוליעט ממש אין מיין מאַנטל, בין איך שנעל אַרויס פון דער אויטאָבוס־סטאַציע, נישט קוקנדיק אפילו אויף די מענטשן וואָס קומען מיר אַנטקעגן. פלוצלינג האָט מיך עמעצער אַרומגעכאַפּט מיטביידע הענט:

„יאָ, מרדכי, שלום, ידידי! וואָס מאַכסטו?"

איך האָב אַ דערשטוינטער געקוקט אויפן פנים, וואָס האָט זיך אין קנאַפּע דרייסיק יאָר אַזוי ווייניק פאַרעלטערט און נישט געענדערט:

„שלום, מאַכמוד!" — האָט אויפריכטיקע פרייד פון מיר געדרופן — „האָסט מיך דערקענט?..."

אַרומגענומען נאָך, נאָכן צעקושן זיך, זיך דערנענטערנדיק קעגן רעגן צו אַ דעכל ביי דער וואַנט, האָט מאַכמוד געזאָגט:

„פאַראַן אַן אַלט אַראַביש שפּריכוואָרט, ,אַ פריינד דערקענט מען פון העכסטן באַרג און פון טיפסטן טאָל'..."

„מיר זענען טאַקע אין טאָל, אין האַרץ פון עמק־יזרעאל, אָבער נישט אַזוי טיף..." — האָב איך געענטפערט — „און וואָס הערט זיך ביי מוסטאַפאַ? זעסטו אים?"

„באַלד וועסטו אים אויך זען... קום אַריין דאָ אין קאַפע, מיר טרעפן זיך דאָ יעדן מאַנטיק".

מיר האָבן נישט באַוויזן אויסצוטרינקען דאָס ערשטע בריענדיקע קאַפּע־טעפּעלע, ווי מוסטאַפאַ איז לויפנדיק אַריין אין קאַפעהויז, ער האָט מיך דערזען פון ווייטן, און אַרומגעכאַפּט מיט אַ הילכיקן „אַהאַלען וועסאַהאַלען".

איך האָב נישט געקענט זיך פאַרטראַכטן... עס זענען געפאַלן האַסטיק פראַגן און ענטפערס פון אַלע דריי. דאָך בין איך אין געדאַנק אַוועק צוריק מיט עט־לעכע דרייסיק יאָר שוין... מיין ערשטער אַרבעט־פּלאַץ אין ישראל איז געווען דאָ נישט ווייט, צוויי קילאָמעטער מיטן שאָסיי, צו וועלכן מיר האָבן אַרויסגע־קוקט, אין דער דרוקעריי פון קיבוץ מרחביה. מוסטאַפאַ איז געווען דער ערשטער אַראַבער, וואָס איך האָב באַקענט אין לאַנד. ער איז אין דרוקעריי געווען אַ לוין־אַרבעטער, פונקט ווי איך. איך אַ לינאָטיפּיסט. ער אַ האַנט־זעצער. מיר האָבן זיך גיך באַפריינדעט. ער האָט געלעבט אין סולאַם, אויפן אָרט פון תנ"כישן שונם. מוסטאַפאַ האָט פאַר מיר דעמאָלט זיך געגרויסט מיט זיין דאָרף, ציטירנדיק, פאַרשטייט זיך, אין העברעישן אָריגינאַל: „און דער מלך דוד איז געוואָרן אַלט און באַטאָגט, און מען האָט אים צוגעדעקט מיט קליידער, אָבער אים פלעגט נישט וואַרעם ווערן. האָבן זיינע קנעכט צו אים געזאָגט: זאָל מען זוכן פאַר מיין האַר דעם מלך אַ מיידל אַ יונגפרוי, און זי וועט שטיין פאַר דעם מלך און וועט

אים זיין אַ וואָרטאָרין; און זי וועט ליגן אין דיין בוזעם און עס וועט וואַרעמען זיין מיין האַר דעם מלך. און זיי האָבן געזוכט אַ שיין מיידל אין גאַנצן געמאַרק פון ישראל, און זיי האָבן געפונען אבישג פון שונם, און זיי האָבן זי געבראַכט צום מלך" (מלכים א', א', א' — ג').

נישט ווייט פון אונדזער טישל איז געשטאַנען אַ העל־צעברענט עלעקטריש אייוועלע. איך האָב אויף דעם אָנגעוויזן: „יאַ, מוסטאַפאַ, אין דוד המלכס צייטן זענען קיין עלעקטרישע אייוועלעך נישט געווען..." ער האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרשטאַנען מײַן מיין, און געענטפערט: „וואָס אבישג קאָן באַווייזן, קאָן אויך היינט קיין עלעקטריש אייוועלע נישט אויפטאָן..."

ווען מוסטאַפאַ האָט מיך געפירט צום ערשטן מאָל צום באַרג תבור, מיר זענען ארויס פון סולאַם מיטן אַלטן פסוק אין מיין חברס מויל: „גיי און זאָלסט ציען צום באַרג תבור..." (שופטים ד' ו'), האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין דאַבוריע און איך האָב באַקענט מאַכמודן.

דאַבוריע ליגט אויפן אָפּהאַנג פון באַרג, אויף דער הייך פון הונדערט פינף און זיבעציק מעטער איבערן ים־פלאַך, פון דאַנען ביזן שפּיץ זענען נאָך פאַראַן ביי פיר הונדערט מעטער. איז טאַקע גוט זיך אָפּצורוען אינעם דאָרף, ווען די ביזאַנטינער נאָך האָבן אויסגעהאַקט אין פעלדז פיר טויזנט דריי הונדערט און פערציק טרעפּ, כדי אַרויפצוקומען ביזן באַרג־שפּיץ.

ווען דער קעלנער האָט צוגעבראַכט צום צווייטן מאָל קאַפע און געפרעגט צי מיר ווילן עפּעס צובייסן, האָט מאַכמוד אַנטשלאָסן געענטפערט:

„ניין, גאָרנישט... פאַרבײַסן וועלן מיר שוין ביי מיר אין דאַבוריע..."

„וואָס רעדסטו, מאַכמוד ?..." — האָב איך אויסגערופן — „ווי קאָן מען איצט צוקומען אין דיין דאָרף אַריין ? מיר וועלן ערגעץ פאַרזינקען אין בלאָטעס..."

מיינע ביידע אַראַבישע פריינד האָבן זיך צעלאַכט, מאַכמוד האָט שמייכלענ־דיק, מיט פילבאַרן שטאָלץ געזאָגט: „איך פאַרזיכער דיר, קיין איין טראָפּן רעגן און קיין שפּריץ בלאָטע וועלן אויף דיר נישט פאַלן ביז דער סאַמע טיר פון מיין שטוב..."

איך האָב זיך נישט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי מאַכמוד איז אַרויס פון קאַפע־הויז און פאַרפאָרן מיט אַ כמעט נייער „סימקאַ"־מאַשין פאַר דער טיר און אונדז מיט דער האַנט גערופן איינצוזיצן. מיר זענען אַרויס פון עפולה אויפן שאָסיי קיין נצרת, שנעל פאַרביי בלפוריה, כפר־גדעון, מזרע און נאָך תל־עדשים צו־געקומען צום וועגן־קנופּ פון שפּרינג־באַרג („סאַלטום דאַמיני", אין לאַטיין, וווּ ישו איז, לויט דער קריסטלעכער מסורה, אַראָפּגעשפּרונגען, אַנטלויפנדיק פאַר זיינע שונאים). און ווייטער ?... ביז אַהער איז מיר דער וועג אַלט־באַקאַנט. ער פאַרקערט מזרחדיק — דאָ איז געווען אַ בלאָטיקער וועג ווינטער, כמעט נישט דורכצוגיין, צופוסנס די גליל־בערג... איצט פאָרט מען איבער אַ גלאַטן אַספאַלטירטן וועג, פאַרקערן באַלד רעכטס, אויף אַ שאָסיי קיין דאַבוריע... גע־ציילטע מינוטן דויערט דער וועג און מיר פאָרן אַריין צווישן שיין־געבויטע הייזער, ווילעס, גרויסע בנינים, אַריין אין אַ געפּלאַסטערט געסל מיט טראָטואַרן ביי די זייטן... איך רייב די אויגן פון פאַרוווּנדערונג, ווען מאַכמוד שטעלט אָפּ

זיין אויטאָ לעבן אַן איין־שטאָקיק הויז פון שטיינער, מיט אַ געפלעגטן גאָרטן אין ביידע זייטן. „ווו געפינען מיר זיך?...״ — רייסט זיך ביי מיר אַרויס.

„ביי מאַכמודן אין דער היים״ — ענטפערט מוסטאַפאַ.

„דאָס איז דאַבוריע?...״ — פרעג איך — „און ווו איז דאָס אַלטע צוריק־געשטאַנענע דערפל?...״

*

דווקא אַ גאַנץ שפּעטע, אַראַבישע לעגענדע דערציילט, אַז דער נאָמען דאַבוריע שטאַמט פון דבורה, דבורה הנביאה, וועלכע האָט געקעמפט קעגן די פּלישתּים פון באַרג תּבור, „אין דאַבוריע האָט זי זיך אָפּגעשטעלט, אָראָפּגיידע־רנדיק מיט דער אַרמיי פון בני־ישראל פונעם באַרג״ — שרייבט דער ערשטער ה. מאַנדריל אין „אַ רייזע פון אַלעפּאָ קיין ירושלים״, פאַרעפנטלעכט אין ענג־ליש אין יאָר 1697 — „דעריבער האַלט מען אַז דער נאָמען שטאַמט פון דבורה״.

לויט די ייִדישע מקורות איז דאָ געווען די שטאָט דברת, וואָס האָט עק־זיסטירט שוין ווען יהושע בן־נון האָט איינגענומען דאָס לאַנד. דאָס איז אין „גורל אַרויפגעקומען פאַר די קינדער פון זבולון. — — — פון שריד צו מזרח, קעגן זון־אויפגאַנג, ביז דעם געמאַרק פון כסלות־תבור, און איז אַרויסגעגאַנגען צו דברת״ (יהושע י״ט, י״ב). ווייטער (דאָרט, כ״א) ווערט דערציילט, אַז „דברת מיט אירע פרייע פּלעצער״ זענען צוגעטיילט געוואָרן די לויִים, וועמען אַלע שבטים האָבן אָפּגעגעבן געוויסע שטעט.

אין דער צייט פון גרויסן ייִדישן אויפשטאַנד קעגן די רוימער איז דברתה, ווי עס האָט דעמאָלט געהייסן, געווען אַן אָנגעזעענער ייִדישער ייִשוב. יוסף בן־מתתיהו (יאָסעפוס פלאַוויוס), וועלכער איז אין אָנהייב פון אויפשטאַנד געווען קאָמאַנדיר פון די אויפשטענדלערס אין דעם ראַיאָן, באַשרייבט: „אין יענע טעג זענען אַרויסגעגאַנגען אייניקע יונגטלעכע פון דאָרף דברתה, פון די אויסשפּירערס וואָס יוסף האָט אַוועקגעשטעלט אין גרויסן טאָל און זיי האָבן געלויערט אויף תלמי... און זיי האָבן ביי אים אַוועקגעגזלט דאָס גאַנצע פאַרמעגן וואָס ער האָט געפירט מיט זיך. און אין דעם זענען געווען טייערע קליידער זייער פיל און אַ סך זילבערנע בעכערס און זעקס הונדערט גאָלד־טאַלערס״ („ייִדישע מלח־מות״ ב׳, כ״א, ג׳).

ווען איך בין צום ערשטן מאָל געווען אין דאַבוריע, געווען איז דאָס מסתמא אין יאָר 1951, האָט מאַכמוד נאָר וואָס געהאַט געענדיקט די מיטלשול אין נצרת. אַן אַראַבישע שול. אָבער ער האָט געדענקט וואָס יאָסעפוס פלאַוויוס שרייבט וועגן זיין דאָרף. מען האָט שוין געמאַכט אַמאָל אַרכעאָלאָגישע אויסגראַבונגען אין דאַבוריע? — איז געפאַלן אַ פראַגע.

„מען וועט נאָך געפינען די זילבערנע בעכערס און גאָלדענע טאָלערס...״ — האָט זיך געוויצלט מוסטאַפאַ.

אין פערטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייטרעכענונג איז נאָך דאַבוריע געווען אַ ייִדישער יישוב. אויסעביוס, איינער פון די אבות פון דער קריסטלעכער רעליגיע, דער ערשטער עפּיסקאָפּוס פון קיסריה, האָט אין זיין „אָנאָמאַסטיקאָן״,

דאָס ערשטע בוך וועגן די געאָגראַפישע ערטער פון תנ״ך, געשריבן וועגן „דאַבוראַ, אַ שטעטל פון ייִדן אויפן באַרג תּבור״.

פון זעלבן יאָרהונדערט ווערט דאָס דאָרף דערמאָנט צום איינציקן מאָל אין דער אַלטער ייִדישער ליטעראַטור. עס האָט פון דאַנען געשטאַמט „מתיה מן דבתרתה״, אָדער „דברתה״, וואָס איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי דאָס תנ״כישע דברת (תלמוד ירושלמי, ערלה א׳, א׳).

*

מיט איין און דרייסיק יאָר צוריק האָט בלויז אַ זאַמדיקער פעלד־וועג געפירט צו דאַבוריע.

אויף דער הויפּט־גאַס זענען געווען געלייגט, דערמאָנט זיך מיר, פּאַסן נישט־געטעסעטע שטיינער. געווען איז דעמאָלט אַ זומער־טאָג און איך האָב געטראַכט, אַז די שטיינער דערלויבן די מענטשן אַריבערגיין די גאַס, ווען פון באַרג גיסט זיך וואַסער אין צוגאָב צו די ווינטערדיקע רעגנס... די זייטיקע געסלעך זענען געווען זאַמדיק־פעלדזיקע, נישט געגלייכטע מסתמא פון ששת ימי בראשית... בלויז אַרום מעטשעט איז געווען אַן אויסברוקירטער קליינער פּלאַץ.

ביי דער פאָלקס־ציילונג אין 1931 האָבן אין דאַבוריע געלעבט זיבן הונדערט מיט אַכט־און־צוואַנציק מענטשן, בלויז מוסולמענער, אין הונדערט איין־און־זיבעציק הייזער. און היינט? — האָב איך דעמאָלט געפרעגט. מען האָט נישט געוווּסט געענוי, „העכער טויזנט״, איז געווען דער ענטפער. די צאָל הייזער? קיין סך זענען נישט צוגעבויט געוואָרן. אָפּגעלאָזענע הייזקעס, שטיינערנע, אַ טייל ליימענע. אָרעמקייט האָט זיך געטראָגן פון טיר־און־פענצטער. די מערהייט איינוווינערס האָט געלעבט פון לאַנדווירטשאַפט.

מאַכמוד וווינט אין אַ הויז וואָס קאָן זיך נישט פאַרשעמען אין צפון־תל־אביב. פינף שיינע צימערן, אַ מאָדערנע קיך. קאָלירטע טעלעוויזיע, פאַרשטייט זיך. אַ זון שטודירט מעדיצין אין לאָנדאָן. ווי אַזוי? ער האָט געאַרבעט אין אַ טעקסטיל־פאַבריק אין עפולה, „אַמאָל, מיט יאָרן צוריק... גוט פאַרדינט״. די פאַבריק האָט זיך געשלאָסן. האָט ער געמאַכט אַ קליין טעקסטיל־פאַבריקל טאַקע אין דאָרף. ער אַרבעט אויס אונטערוועש. און „עס איז גוט אַוועק...״ איצט איז שוואַך, קריזיס... „אָבער, אינשאַללאַ, עס וועט צוריק בעסער ווערן און דערווייל, איז פון די גוטע יאָרן געבליבן נישט שלעכט...״ פאַראַן אַ שניידעריי און שלאָסעריי אין דאָרף, אַ קאָאָפּעראַטיווע סטאָלעריי.

מאַכמוד איז אַ מיטגליד פון דאָרפישן מוניציפּאַלן ראַט. מיר באַזוכן דעם פאָרזיצער פון ראַט, אַסעד עזאַיזע. מאַכמוד שטעלט אים פאָר: „אים האָבן מיר אַלץ צו פאַרדאַנקען״. עזאַיזע איז יאָרנלאַנג געווען דער לייַטער פון דער בודזשעט־אָפּטיילונג אין אינערן־מיניסטעריום פאַרן צפון־ראַיאָן. געאַרבעט אין חיפה, אָבער יעדן טאָג אַהיימגעקומען קיין דאַבוריע און געקלערט וועגן דאָרף. מיט פיר יאָר צוריק — ער האָט געענדיקט עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן אין ירושלימער אוניווערסיטעט — איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס לעקטאָר פון בוכהאַלטעריע אין חיפהער אוניווערסיטעט. האָט ער נאָך מער צייַט פאַרן דאָרף. מיר שמועסן אין זיין ביוראָ

אין נייעם בנין פון דאָרפישן ראַט, אַ געביידע פון הונדערט און זיבעציק קוואַ־דראַט־מעטער, „וואָס נישט קיין סך דערפער, אפילו יידישע, מיט דריי טויזנט איינוווינער, פאַרמאָגן אין ישראל...״ — איז ער מיט רעכט שטאָלץ.

די מוניציפּאַליטעטן אין ישראל שטרייקן, דאָס אינערן־מיניסטעריום צאָלט נישט אויס די בודזשעטן — „און ביי אייך, מר עזאיזע, האָט איר שוין געמאַכט אַ קאָנקורס צו בויען אַ גרויסן שווים־באַסיין און איר וועט זיין דאָס ערשטע אַראַבישע דאָרף אין ישראל, און אפשר אין גאַנצן ראַיאָן, מיט אַ באַסיין פאַר אַזאַ קליינער באַפעלקערונג... ווי באַוויייזט איר דאָס?״ עזאיזע פאַרלירט נישט זיין שמייכל, אָבער ענטפערט מיט טיפער ערנסטקייט אין קול:

„איך קען גוט די שווערע פינאַנציעלע פּראָבלעמען פון דער מדינה בכלל און פון דער מוניציפּאַלער מאַכט אין גאַנצן לאַנד, בפרט. טראָץ דעם, און ביי דער לאַגע, קאָן יעדע אַרטיקע פאַרוואַלטונג, סיי אַראַבישע און סיי יידישע, מיט די אָרעמע מיטלען וואָס זי פאַרמאָגט יאָ, פיל אויפטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג און פאַרן פאַרשריט פון דאָרף, אָדער אַנדער יישוב־פאָרם. מיטן באַדינג, פאַר־שטייט זיך, אַז דער פאַרזיצער פונעם ראַט זאָל האָבן פרייע צייט פאַר די ענינים פון זיין דאָרף און פון די איינוווינערס — ער זאָל זיי מיטבאַטייליקן אין אַלע זיינע פּלענער און זיי זאָלן זיך מיטבאַטייליקן אין זיין טעטיקייט און העלפן אים״.

די איינוווינערס פון דאַבוריע העלפן דעם ראַט מיט אַלע מעגלעכקייטן. „די אַרבעט איז אַ געמיינזאַמע און אַלגעמיינע. אַלע אָן אויסנאַם איינוווינערס צאָלן אין דער צייט די מוניציפּאַלע שטייערן״. האָט דער ראַט טאַקע געפּלאַסטערט די לעצטע אַכט יאָר הונדערט קילאָמעטער נייע שאָסיי־וועגן, אויף אַלע גאַסן און געסלעך פון דאָרף, אויסגעברייטערט דעם אַריינפאַר־שאָסיי אין דאָרף אַריין און דעם שאָסיי וואָס פירט אַרויף צום שפּיץ תבור, און טוריסטן־אויטאָבוסן האָבן זיך גענומען אָפּשטעלן אין דאַבוריע — עטלעכע געשעפטן זענען געעפנט געוואָרן פאַר טו־ריסטן „און עטלעכע משפחות האָבן דערפון שיין פרנסה״. מען האָט מיט אייגענע כוחות, און געהעריקער הילף פון בילדונג־מיניסטעריום, אויפגעבויט שולן, צו־געבויט לערן־קלאַסן, „נישטאָ ביי אונדז קיין איין קלאַס אין אַ געדונגענעם צימער, וואָס איז אַזאַ שווערע מכה אין גאַנצן לאַנד״. מען האָט אויסגעבויט ספּאָרט־פּלעצער, פאַר פוטבאָל, האַנטבאָל, קוישבאָל. אַלע אונטערשפּאַר־ווענט ביים באַרג זענען פאַרשטאַרקט געוואָרן, צוגעבויט נייע — „מיר שרעקן זיך נישט מער פאַר אַ באַרג־אַראָפּשיט, וואָס האָט נישט איינמאָל אין דער געשיכטע געבראַכט חורבן אין דאָרף״.

*

איז גוט געווען צו טרעפן צוויי פריינד, פון מיינע ערשטע עולה־יאָרן אין לאַנד. זכרונות וועגן קעגנזייטיקע באַזוכן. די פיר יאָר וואָס איך האָב געלעבט און געאַרבעט אין עמק־יזרעאל, האָב איך געוווינט אין קיבוץ מרחביה, אין מושב מרחביה און צום סוף אין עפולה. מוסטאַפאַ געדענקט אַלע דריי פּלעצער, מאַכמוד איז געווען ביי מיר צוגאַסט בלויז אין עפולה. דערמאָנען זיי זיך: „געדענקסט ווי מיר האָבן געטרונקען, ווען דיין צווייטע טאָכטער איז געבוירן געוואָרן?...״ ער

פאַרהאַלט דעם אויטאָ, אויפֿן וועג צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע: „אָט איז דאָס הויז... אַנטקעגן דער פּאָליציי, פֿון וואַנען מען האָט זיכער אין יענע יאָרן „גע־וואָרפֿן אַן אויג' וואָס אַראַבער דרייען זיך ביי דיר..." — גיט ער צו מיט אַ פֿיל־דייטיקן ווונק פֿון אַן אויג.

מוסטאַפֿאַ אַרבעט ווייטער ביים פֿאַך, אין דרוקעריי. „ביז דער עמעריטור, אם ירצה השם... פּונקט ווי דו — האָסט זיך וואָס צו באַקלאָגן?..." ער האָט אַ פֿרוי מיט פֿיר קינדער. מאַכמוד איז רייכער פֿון אים — ער האָט צוויי פֿרויען מיט זיבן קינדער. „כן ירבו, מאַכמוד!"

איך בין געקומען קיין עפּולה באַזוכן אַ פֿריינד און, דער עיקר, פֿאַרזעצן די רייזע קיין עין־חרוד. דעם פֿריינד אין עפּולה האָב איך באַזוכט צוזאַמען מיט ביידע אַלטע חברים. די רייזע קיין עין־חרוד האָב איך געמוזט אָפּלייגן. „שוין אין זומער, מען זאָל זיין געזונט".

„זאָלסט מעלדן ווען — דעמאָלט וועלן מיר זיך טרעפֿן אין סולאַם, אין אַלטן שונם... מיר וועלן טרינקען אין קאַפֿעהויז אויפֿן נאָמען פֿון אבישג..."

„אינשאַללאַ, מוסטאַפֿאַ, מאַכמוד!..."

פֿריער וועלן זיי שוין אַ נאָענטן פֿרייטיק זיין ביי מיר צוגאַסט אין תל־אביב —

„בעזרת השם, מרדכי!..."

1983

יקנעם שטייַגט אַרויף אויפן באַרג

די ימים־נוראים פון 1951 האָב איך פאַרבראַכט מיט מיין מיליטערישער אייג־הייט אין מחנה־מנצורה. פלעגט מען אָפט — קוקן אויף יקנעם. די הייזער פון דער מושבה זענען געווען גרוי, אַלט־מאָדיש. דאָס גרינס אַרום זיי, די ביימער, האָבן זיך נאָכנישט געהאַט באַוויזן צו צעוואַקסן — אַלץ האָט נאָך געטראָגן סימנים פון קאַמף, אָדער פון שעדיקער־הענט.

אין די שווערע צייטן פון די קאַמפן ביי על־אלמיין אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן דאָ די ענגלענדער געשאַפן אַ מיליטערישן לאַגער מיטן נאָמען „מאַנ־סוראַ", גענומען פון פאַרשפרייטן אַראַבישן מענער־נאָמען מאַנסור, וואָס באַדייט „זיגער" — ווען דאָס איז, אין 1948, געוואָרן אַ ישראלדיקער מיליטערישער לאַגער, איז דער נאָמען געבליבן כמעט דער זעלבער: „מחנה מנצורה", פונקט אַנטקעגן, אַריבער דעם וועג, דער מושבה יָקנעם.

ווייטער אַ ביסל, פון ביידע זייטן שאָסיי, האָבן זיך געצויגן נאָכמער טרויעריקע — הונדערטער געצעלטן פון דער „מעברה". גראָד פאַר יום־טוב האָט אַ פרייד זיך צעשפרייט אין די געצעלטן — מען האָט איבערגעגעבן די ערשטע שליסלען פון שיכּון און אַ פּאָר צענדליק פאַמיליעס האָבן זיך געגרייט צו יום־טובן אונטער אַן אמתן דאַך...

דעם ערשטן טאָג ראש־השנה זענען מיר אַרויף אויף דער „גבעה", אויפן בערגל, וווּ עס זענען שוין געווען באַווינט די ערשטע הייזער פון שיכּון און צענד־ליקער אַנדערע זענען געשטאַנען אין רושטאָוואַניעס. דאָ האָט מען געבויט יקנעם־עלית, דאָס אויבערשטע יקנעם.

געדאַוונט האָט מען אין נישט־אויסגעפּאַרטיקטע הייזער. אַ „שיקנאַזישער" מנין און אַ ספרדישער. אויף איין אָרט — פּוילישע און רומענישע יידן; בּיים צווייטן עמוד האָט זיך מזרחדיק געגאָרגלט אַ תּימנישער בעל־תפילה און ס'האָבן אים אונ־טערגעהאָלפן יידן פון מאַראָקאָ...

אַ מאַראָקאַנער ייד האָט אונדז פאַרבעטן אויף „קידוש" אין זיין נייער וווינונג. אַנדערטהאַלבן קליינע צימערלעך. אין האַלבן צימערל האָט דער אייגנטימער שוין באַוויזן איינצואָרדענען זיין שוסטער־וואַרשטאַטל.

„וויפל קינדער ?"

„חמישה, בלי עין־הרע..." — ענטפערט, ווי אויף דער מערהייט פראַגן, די עלטסטע טאָכטער, אַ מיידל שוין פון אַ יאָר פופצן־זעכצן.

„צופרידן ?"

„ברוך השם !" — ענטפערט דער פאָטער און קלאַפּט נאָכאַמאָל אָן זיין גלעזל אין אונדזערס.

זיי זענען געווען גליקלעך. ביי צוויי יאָר זיך געוואַלגערט אין אַ געצעלט. אין נעץ און אין קעלט מיט פיצלעך קינדער. די טאָכטער האָט אין דער צייט נישט

געפּוסטעוועט. איר עברית איז פריי, כמעט סאַבריש. ווען זי באַגלייט אונדז אַרויס, ווייזט זי אין דער ווייט:

„דאָרט איז די ,מוכראַקאַ', וווּ אליהו הנביא האָט געשאָכטן די פאַלשע נביאים..."

„און דאָ, טעכטערל, ביי אונדזערע פיס צווישן די גרויע הייזלעך, איז אליהו נישט געווען?..."

לאָזט זי נישט ענדיקן. לויפט צוריק אין שטיבל אַריין און קומט אַרויס פאַר־סאַפּעט מיט אַ העפט אין האַנט.

„יאָ... מיר האָבן געלערנט אויף די קורסן... אויך דאָ איז געווען אליהו הנביא, און נאָך אַנדערע נביאים..."

זי לייענט אַרויס מיט עפּעס אַ גדלות — א י ר יקנעם...

יקנעם איז געגרינדעט געוואָרן אַלס מושבה דורך יידן פון דייטשלאַנד, שוין פליטים פון היטלער־רעזשים, אין דעצעמבער 1935. עטלעכע חדשים שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן די אַנטי־יידישע אומרועו, איבערפאַלן פון אַראַבער אויף יידן. צוויי פון די ערשטע יידישע קרבנות זענען געווען די נאַכט־שומרים פון יקנעם יואש זולער און יצחק קליטשעווסקי. זענען מיר אין זייער פופצנטער יאָרצייט געשטאַנען אין מיליטערישן סאַלוט ביי דעם בערגל, רמת־השנים, וווּ צוויי צעצווייגטע ציפּרו־סן באַצייכענען דאָס אָרט וווּ זיי זענען געפאַלן, ביים צוגאַנג צו די פּרוכטסעדער, און נאָך אונדזערע דריי שאָסן אין זייער אָנדענק, האָט איינער געלייענט די שורות פון דוד שמעוני:

„אויפן באַרג אפרים אין יקנעם,
זענען צוויי פריינד אַרויס צוהילף דעם פאָלק,
יואש און יצחק, בחורים מיט מוט —
צייט פאַרן גראָבאייזן און צייט פאַר פיילן —
זיי זענען אַרויס היטן אין פינצטערניש פון נאַכט
פעלדער פון ישראל, פאַרן ווילדנדיקן שונא.
— —
אויפן באַרג אפרים, אין יקנעם,
האָט אַ קויל נאָך אַ קויל אָפּגעהילכט. — — —
אויף ישראלס פעלדער זענען יצחק און יואש
געפאַלן טויטע — איינזאַמע שומרים".

דאָס זענען געווען די ערשטע שריט פון באַנייטן, נאָך יאָרטויזנטער, יקנעם.

געווען איז דאָס מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק — די מושבה פייערט היי־יאָר אַ פערטל יאָרהונדערט פון איר עקזיסטענץ. מען האָט זיך באַזעצט צווישן שונאים, וועלכע האָבן אָן אויפהער געלויערט פון די נאָענטע בערג און אויף די שמאָלע זיגזאַגישע בערגיקע שטעגן און וואַדיס. איין יישוב האָט דאָ עקזיסטירט פון פריער, דער קיבוץ משמר־העמק, האָט ער זיך געפונען פיר קילאָמעטער ווייט. אַ יאָר שפּעטער, אין סאַמע מיטן פון די בלוטיקע געשעענישן 1936—1939, איז אַנטקעגן, אויף דער צווייטער זייט וועג, אין דער ווייט פון בלויז אַ האַלבן קילאָמעטער, גע־גרינדעט געוואָרן דער קיבוץ הזורע, אויך דורך עולים פון דייטשלאַנד — און מען איז זיכערער געוואָרן אין יקנעם.

דער ערשטער ייִדישער יִשוב איז דאָס געווען צופוסנס די שומרון־בערג. אַרויף אין דער הייך האָבן זיך געצויגן וויסטע פעלדזן, אַביסל פּאַראויס צו דרום האָבן זיך געשפּרייט די מאַלאַריע־זומפּן פון עמק־יזרעאל. אָבער אויפן שמאָלן פּאַס אינמיטן האָבן ייִדן, וועמענס עלטערן האָבן זינט דורות אַלץ געטאָן, אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך, אָבער נישט געאַקערט און נישט געזייט — שנעל אַנטוויקלט אַן אינטענסיווע לאַנדווירטשאַפט, געפלאַנצט גערטנער און סעדער. און האָבן אַרויסבאַקומען פון דער ערד אַ נייעם סאָרט מעלאָן, וואָס ווערט אונטערן נאָמען „יקנעם" פלאַנטירט און געפלאַנצט, פאַר זיין ספּעציעלן טעם, גרייס און פאָרם, אין גאַנץ ארץ־ישראל.

האָט די ערשטע שריט פון יקנעם נאָכגעפאָלגט דער גאַנצער יִשוב און דער דיכטער האָט זיינע ערשטע קרבנות פאַראייביקט אין זיין באַלאַדע.

*

ווייסט שוין דאָס שוואַרץ־חנעוודיקע מיידעלע, כאָטש זי איז געבוירן און אויפגעוואַקסן נאָך אין מאַראָקאָ, אַז „אין אונדזער יקנעם איז זיכער אויך געווען אליהו הנביא, און נאָך פריער איז יקנעם שוין געווען אַ גרויסע שטאָט..."

טכאָטמעס דער דריטער (1490—1450 פאַר קריסטוסן), איינער פון די גרעסטע מצרישע הערשער פון אַלע צייטן, האָט צווישן זיינע ווייט־גרייכנדיקע דעראָבערונגען אויך איינגענומען כנען. אין זיינע מלחמה־באַשרייבונגען אויף די ווענט פון טעמפּל אין קאַרנאַק, אויבער־מצרים, פאַרנעמט אַ גרויס אָרט דאָס באַשרייבן די קאַמפּן אין כנען. עס ווערן אויסגערעכנט אַלע שטעט, וואָס זענען פאַרנומען געוואָרן. צווישן די „אונטערוואָרפענע שטעט" איז אויך פאַראַן יקנעם (אונטערן נאָמען ענקנעם, וואָס שטאַמט פון עין קנעם, קוואַל קנעם), וואָס ווערט אויסגערעכנט צוזאַמען מיט דער נאָענטער קיניגלעכער פעסטונג מגידו, און אויך שונם, בית־שאן, יפו, לוד.

צווישן די איין און דרייסיק „מלכים פון לאַנד וואָס יהושע און די קינדער פון ישראל האָבן געשלאָגן אויף דער זייט פון ירדן צו מערב", האָט זיך אויך געפונען „דער מלך פון יקנעם אין כרמל" (יהושע י"ב). ביים צעטיילן דאָס לאַנד צווישן די שבטים, האָט זיך „די נחלה פאַר די קינדער פון זבולון אָנגעשטויסן אָן דעם טייך וואָס פאַר יקנעם" (דאָרט, י"ט, י"ד). אַרום דעם פאַרנעמען יקנעם דורך יהושע איז פאַרבליבן ביי די שומרונים אַן אויסנאַמלעכע געשיכטע. דאָרט רופט זיך שוין יקנעם אויך קימון, ווי אַ סך שפּעטער ביי די אַראַבער, און דאָרט „האָט געהערשט דער מלך שובח": „און אָט איז יהושע און דאָס פאָלק וואָס מיט אים איינגעשלאָסן געוואָרן אין זיבן מויערן פון אייזן. האָט ער אויפגעציטערט אין גרויסער שרעק. און ער האָט מתפלל געווען צו גאָט צו מאַכן פליען פאַר אים פון די טויבן וואָס ביי זיין פריינד נביח דעם מלך וואָס קיניגט אין עבר הירדן. און ווי ער איז נאָך מתפלל פאַר גאָט און די טויב איז אַריינגעפלויגן צו אים אין חדר. און ער האָט זיך געזעצט און געשריבן צו נביח. — — —, טויט און פאַרלענדונג רינגלען מיך אַרום איינצושליסן מיט די דריי הונדערט טויזנט מענטשן, וואָס מיט מיר, ווייל איך בין איינגעשלאָסן געוואָרן איך מיט מיין פאָלק אין זיבן אייזערנע מויערן. און די מחנה פיינד איז אין קימון׳. ווען די טויב האָט געוואָרפן צו אים דעם בריוו, האָט נביח גערופן מיט

אַ גרויסן קול: ,מײַנע ברידער און געליבטע, קומט נאָך מיר גיך, מיר אײַלן זיך העלפן אונדזערע פאַרשלאָסענע ברידער׳. זיי זענען געקומען און געראַטעוועט יהושען און זײַנע מענטשן און זיי האָבן געשטורעמט יקנעם און זי אײַנגענומען״ (ספר יהושע פון די שומרונים, כ״ו, ל״ז).

ווער קאָן וויסן פון וואַנען עס שטאַמט יעדע לעגענדע ?... אַן אַלטע לעגענדע, ווייזט אויס, וואָס איז צו דער מאָדערנער געשיכטע דערגאַנגען דורך די קרייצ־ציגלער. זיי האָבן יקנעם אָנגערופן קאימאָן, פון ,,קין־מאָנט״ — דער באַרג פון קין, ווייל ,,אין קאימאָן איז געווען דאָס לאַנד נוֹד, און קין איז אוועקגעגאַנגען פון פאַר גאָט און האָט זיך באַזעצט אין לאַנד נוֹד, אין מזרח פון עדן׳ (בראשית ד׳, ט״ז) און דאָ האָט אים למך דערהרגעט״ (גלת בערטאָלעמי, ,,רייזע אין הייליקן לאַנד״, בעאַפּאָל, 1573). דער דאָזיקער איטאַליענישער גלח דערציילט אויך, אַז אין יקנעם האָט געלעבט למכס זון תּובל־קין, ,,דער אויסשלײַפער פון אַלערליי קופּער־ און אײַזנגעצייג״ (בראשית, ד׳, כ״ב). אויסעביוס דערמאָנט יקנעם, אין פערטן יאָר־הונדערט, מיטן תנ״ך־נאָמען (,,אַנאַמאַסטיקאָן״). די קרייצציגלער האָבן דאָ געהאַט אַ וועג־פעסטונג אין 12־טן און 13־טן י״ה. דער מערקווירדיקער בעדואינישער שייך דאַהיר על־אָמאַר (1686—1776), וועלכער האָט אָרגאַניזירט אַ בונט קעגן דער טער־קישער מאַכט און אַ לענגערע צייט געווען אַ זעלבשטענדיקער הערשער אין אַ גרויסן טייל ארץ־ישראל, האָט אין יקנעם אויפגעבויט אַ פעסטונג, פון וועלכער ער האָט געפירט קאַמפן קעגן שכם. נאָך זײַן טויט איז די פעסטונג חרוב געוואָרן.

ביים בויען יקנעם־עילית האָט מען, פאַרשטייט זיך, געלאָזן אומבאַרירט דאָס היסטאָרישע בערגל, דעם ,,תל״, פון יקנעם. דער אַרכעאָלאָגישער אינסטיטוט ביים ירושלימער אוניווערסיטעט האָט שוין ביז איצט אַנטפּלעקט צען פאַרשיידענע שיכטן פון דער געשיכטע פונעם מענטש אין יקנעם, וואָס ציען זיך אַוועק אין דער ווייט פון זעקס טויזנט יאָר. ,,די פיר און צוואַנציק טויזנט מעטער פונעם בערגל״ — האָט גע־זאָגט דער אָנפירער פון די אויסגראָבונגען ד״ר אמנון בן־תור — ,,האָבן שוין אויפ־געדעקט, און אין דער טיף זענען באַהאַלטן נאָך ווייטערע אוצרות פאַר פאָרשונגען און וויסנשאַפטלעך־היסטאָרישע פעסטשטעלונגען. מיר האָבן אויפגעגראָבן, אויסער איבערבלייבענישן פון שטעט, אַזויפיל כלים, גאַנצע און שטיקלעך, פון אײַזן, בראָנדז און דער עיקר קעראַמיק, וואָס גיבן אונדז ממש אַן אוצר פון ידיעות וועגן די קינסטלערישע, אַרבעט־אופנים און קולטורעלע געביטן. און אַלע געפינסן, אפילו קליינע שערבלעך, קאָן מען צווינגען צו ,רעדן׳ און זיי דערציילן אַ סך. און פאַראַן זייער אַ סך צו דערציילן וועגן אַמאָליקן יקנעם...״ דער געלערנטער האָט אונדז געפירט צו צוויי שטאַרקע מויערן, פּאַראַלעלע איינע צו דער צווייטער, וואָס זענען געבליבן פון דער צייט פון דער ישראל־מלוכה, 800 יאָר פאַר דער צייטרעכענונג. זיי ציען זיך אויף אַ לענג פון העכער פופציק מעטער. יעדע וואַנט איז אין דער גרעב פון אַ מעטער מיט צען סענטימעטער, מער־ווייניק, געבויט פון גרויסע שטאַרקע שטיינער. צווישןביידע ווענט איז אַ ליידיקער שטח פון אַ מעטער מיט צוואַנציק ס״מ און אויף דעם שטח — אַ שלל מיט ספּעציפישע קעראַמיק־כלים פון דער יידי־שער מלוכה־עפּאָכע. ,,די דאָזיקע ווענט זענען אויסנאַמלעכע״ — דערקלערט ד״ר בן־תור — ,,זיי זענען אײַנציקאַרטיקע און דערוויל אין ערגעץ נישט־אָנגעטראָפענע

פון יענער צייט. מיר געפינען נישט קיין צייכנס זיי זאָלן זיין אַ טייל פון אַ פעס־טונג־מויער, אויסער דער שטאָט, און מיר וועלן זיי נאָך לאַנג פאָרשן...״ דערווייל האָט מען שוין צווישן די ווענט געפונען פינף און צוואַנציק קאָך־טעפּ, באַצייכנטע מיט אַלט־יידישע אותיות; שיסלען, קולט־כלים, אויך אַ צילינדעראַרטיקן שטעמפּל פון ווייכן שטיין, אין דער לענג פון צוויי סענטימעטער, מיט אַ צייכענונג פון אַ הירשין און אַ בוים.

גלייכצייטיק ווערן שוין צוויי יאָר געמאַכט אויסגראָבונגען אין און אַרום אַ קרייצציגלערישער קירך; גריבער, וואָס דאַרפן פאַמעלעך געריניקט און געפאָרשט ווערן, אַ טונעל ציט זיך אונטער דער קירך, וואָס מען ווייסט נאָך נישט זיין באַשטי־מונג, צוועק און וועג. און אומעטום שערבלעך, שטיקער כלים, פּרימיטיווע סקולפּ־טורן, מטבעות, געצקעס. „דאָס אַלץ דאַרף מען נאָך טאַקע מאַכן ,רעדן׳ און זייערע ,רייד׳ וועלן אונדז לערנען און דערציילן אמתע מעשהלעך...״

אויף די צוויי יידישע מויערן, האָבן שפּעטער געבויט די פּערסן, אַראַבער, מאַמעלוקן, „יידן, מוסולמענער, קריסטן, אויף איבערבלייבענישן פון די פריערדיקע געצנדינער — שיכט אויף שיכט... זיי זענען חרוב געוואָרן, איז שטענדיק אויף די חורבות אַרויפגעוואָקסן אַ נייע בוי־שיכט, אַ פרישע עפּאָכע, און דער ,תל׳ האָט זיך געהויבן...״

דעם לעצטן גרויסן חורבן פון יקנעם האָט דורכגעפירט תגלת פלאָסר דער דריי־טער, קיניג פון אַשור, אין יאָר 732 פאַר דער צייטרעכענונג, וועלכער האָט „אין די טעג פון פקח דעם מלך פון ישראל גענומען — — — און גלעד, און גליל, דאָס גאַנצע לאַנד נפתלי און ער האָט זיי פאַרטריבן קיין אַשור״ (מלכים ב׳, ט״ו, כ״ט).

*

קנאַפּע הונדערט משפחות האָט יקנעם געהאַט ביים אַנטשטיין פון דער מדינה. זיי האָבן ביים וועג, ביים וואָדי מילק, זיך געטוליעט איינע צו דער צווייטער — האַלטנדיק אָן אויפהער „אין איין האַנט די ביקס און אין דער צווייטער — דעם אַקעראייזן״. די מעלאָנען פון יקנעם זענען שטענדיק זיס געווען, אָבער אָפט אָנגע־זאַפּט מיט בלוט...

זינט 1948 איז יקנעם געוואָקסן אין אַ פּראָפּאָרץ, וואָס ווייניק יישובים קאָנען זיך מיט דעם באַרימען — ביז פיר טויזנט נפשות, 700 פאַמיליעס. עס וואַקסט אַרויפצו, אויפן אַלטן באַרג אַרויף, — דאָס אויבערשטע יקנעם, יקנעם־עילית. אין יקנעם איז שטענדיק דאָ אַרבעט — אויף די פופצן טויזנט דונאַם באָדן פון דער מושבה, אין די אַרומיקע קיבוצים, צי אין די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון דער געגנט. נישטאָ קיין אַרבעטלאָזיקייט, — פאַרקערט, עס קאָנען זיך דאָ איינ־אָרדענען, באַקומען באַשעפטיקונג, נאָך צענדליקער און צענדליקער משפחות.

אָבער די צופרידנקייט אויף דער הייכקייט איז נישט די זעלבע, וואָס מיט אַכט־ניין יאָר צוריק. ס׳איז טאַקע מער נישט פינצטער, ווי דעמאָלט, פאַראַן עלעקטריע; מען טאַפּטשעט נישט מער אין די בלאָטעס — די הויפּט־גאַסן זענען געפלאַסטערט. נאָר דאַן איז מען געווען באַפרידיקט מיט אַ דירה פון עטלעכע־צוואַנציק קוואַדראַט־מעטער שטח, פאַר אַ זיבן־פּערזאָניקער פאַמיליע; היינט — קאָן דאָס נישט, און טאָר

נישט באַפרידיקן. בפרט, ווען מ׳האָט דעמאָלט אַזוי געבויט, אַז איצט זענען דאָ גאַנצע גריבער אין די פאַדלאָגעס און אין די דינע ווענטלעך — שפּאַלטן, לעכער גאַנצע. ס׳איז געבויט געוואָרן אַן אַ פּלאַן, אַן מעגלעכקייטן צו פאַרגרעסערן און פאַרבעסערן — אַזוי ווי די ערשטע אָרעמע שיכּונים אין גאַנצן לאַנד, באַלד נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה.

דאַרף מען בויען נייע הייזער, נאָך העכער אויפן בערגל, — קלערט מען וועגן איבערציִען זיך, ווידער אַנהייבן פונדאַסניי... דאָס איז די סיבה, וואָס פיל האָבן פאַר־לאָזט די מושבה; אָנהייבן פונדאַסניי, מיט נייע שווערקייטן און נייע חובות — פּרוּווט מען ערגעץ אַנדערש, נענטער צו אַ צענטער.

צום פינף־און־צוואַנציק־יאָריקן יובל האָט זיך יקנעם יום־טובדיק אויסגעצירט. סיי אין דער נידער, אין טאָל, און סיי אויבן, אויף דער „גבעה״. מען באַמיט זיך דעם שווערפּונקט, דעם צענטער אַריבערצוטראָגן אויפן באַרג. די הסתדרות גייט אַריבער. מען וועט דאָרט בויען די קולטור־ און בילדונג־בנינים. אָבער ראשית־כּל מוז אויפ־געבויט ווערן אויפסניי און אויף אַ צוגענגלעכן אופן, דער שיכּון, לויטן היינטיקן ניוואָ און באַגריפן. נאָר אַזוי־אַרום וועט יקנעם ווייטער וואַקסן, אין דער הייך און אין דער ברייט.

*

די ביימער זענען זיך צעוואַקסן אין יקנעם. די פעלדער צעגרינט זיך, ווייט אַוועק. שטייט די מושבה אין מיטן פון אַ וועג — נישט חיפה, נישט עפולה...

נאָר די מעלאָנען פון יקנעם טראָגן שוין זיסקייט העט־ווייט אַוועק, אפילו איבער ימען. די ערד קאָן געבן נאָך־און־נאָך. זיבן־פאַכיק געוואַקסן דער ישוב — פאַראַן פּלאַץ פאַר נייע און נייע אַקערערס און פאַרזייערס.

ווי האָט דוד שמעוני פאַרענדיקט זיין באַלאַדע, שוין דעמאָלט, מיט צוואַנציק יאָר צוריק:

„אויפן באַרג אפרים, אין יקנעם — — —
וואַקסט שנעל, יואַשים! יצחקים!
פעלדער פון ישראל וואַרטן אויף אייך!״

עס וואַרטן נאָך אַלץ פעלדער פון ישראל...

1961

„די שפּורן האָבן געפּירט קיין סולאַם״

עס איז געווען אַ כאַמסיניק־בריענדיקער יולי־פרימאָרגן אין 1971, נאָר ווען איך האָב איבערגעלייענט אין דער צייטונג די ידיעה, האָב איך עפּעס אַן אינערלעכן ציטער געגעבן... „סולאַם...״ — יאָ, האָב איך ווידעראַמאָל געלייענט דעם נאָמען. איך האָב דעם נאָמען קיינמאָל נישט געלייענט אין דער פּרעסע און ער האָט געגומען ביי מיר ווי פאַרשווינדן פון זכרון, כאָטש ער איז מיר געווען אַזוי איינגעגראָבן אין באַוווסטזיין, אַפילו אין האַרץ, פון די סאַמע ערשטע וואָכן פון מיין לעבן אין ישראל.

די ידיעה האָט דערציילט: אינעם וועלדל לעבן קליטה־צענטער אין עפולה־עילית האָט אויפגעריסן אַ דינאַמיט־לאָדונג פון אַן ערך פינף קילאָגראַם. צום גליק זענען קיין שום קרבנות נישט געווען, עס זענען בלויז אויסגעהאַקט געוואָרן עטלעכע שויבן. די פּאָליציי־אויסשפּירערס האָבן ביים אָרט פון אויפרייס אַנטפּלעקט טריט פון גומי־שיך, וואָס האָבן געפירט דורך די פעלדער אויף אַ מרחק פון אַ פיר מיט אַ האַלבן קילאָמעטער, צום אַראַבישן דאָרף ס ו ל אָ ם. אין דאָזיקן דאָרף האָבן זיך די שפּורן פאַרענדיקט... אין סולאַם איז דערקלערט געוואָרן אַרויסגאַנג־פאַרבאָט, עס זענען דורכגעפירט געוואָרן אונטערזוכונגען פון שטוב צו שטוב. מענטשן זענען געפאָרשט געוואָרן. עס איז גאָרנישט אויפגעדעקט געוואָרן...

„סולאַם איז דאָס ערשטע ישראל־אַראַבישע דאָרף, אויף וועלכן עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַן אַרויסגאַנג־פאַרבאָט צוליב אַ טעראָר־אַקט״ — האָב איך מיט אַ געוויסן ווייטיק געלייענט דעם סוף פון דער ידיעה.

אויף מאָרגן האָב איך מיט אַ דערלייכטערונג אויפגענומען די אַנטשלאָסענע דערקלערונג פונעם „מוכטאַר״ אין נאָמען פון אַלע סולאַם־איינוווינערס: „עס באַליידיקט אונדז ממש דאָס אַרויסהייבן אַ חשד, אַז פון אונדזער דאָרף איז אַרויסגעגאַנגען אַ טעראָריסט־דיווערסאַנט. מיר זענען אַלע טרייע בירגערס פון דער מדינה און לעבן צופרידן און גוט אין ישראל. טראָץ דעם, וואָס די שפּורן האָבן געפירט אין מיטן דאָרף אַריין — זענען מיר זיכער, אַז דער דיווערסאַנט איז נישט פון אונדזערע מענטשן״.

איז מיר טרויעריק געוואָרן אויפן האַרצן, ווען איצט, אַ דריטהאַלבן יאָר שפּעטער, איז דער דערמאָלטיקער טעראָריסט פאַרהאַלטן געוואָרן טאַקע אין סולאַם. ער איז געכאַפּט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן אויפרייס אין אַ ליידיקן אויטאָבוס אין חיפה. צוזאַמען מיט אים זענען אַרעסטירט געוואָרן זיין פרוי, שוויגער, שוואָגער, שוועגערין און נאָך אייניקע קרובים, אַלע פון סולאַם. זיי האָבן זיך מודה געווען אין עטלעכע דיווערסיע־אַקטן זינט דעם אַטענטאַט אין עפולה־עילית און נאָך פריער. מאַכמוד שאַמוט איז דער נאָמען פון דיווערסאַנט פון סולאַם.

איך קען נישט דעם נאָמען. אָבער אַנדערע נעמען פון סולאַם זענען מיר גוט באַקאַנט.

אייך זאָגט אפשר גאָרנישט דער נאָמען פונעם דאָרף סולאַם גופא. מיר — אַ סך...

*

ווען איך בין אָנגעקומען קיין ישראל אין יאָר 1949, האָב איך באַקומען אַרבעט אין קיבוץ מרחביה, אין עמק־יזרעאל. צוזאַמען מיט מיר האָט דאָרט געאַרבעט אַ בחור פון אַ יאָר ניינצן־צוואַנציק, וועלכן מען האָט גערופן מוסטאַפאַ. ער האָט גערעדט העברעיש פיל בעסער פון מיין חדר־לשון־קודש, וואָס האָט ביי מיר גענומען פאַמעלעך אַרויסקריכן פון לאַנג־לאַנג־יאָריקער פאַרגעסנקייט... זיין מזרח־אַקצענט האָט מיך נישט געוווּנדערט — פיל האָבן אַזוי גערעדט. זיין פּנים? כ׳בין זיך מודה: מיר איז אויך היינט שווער צו אונטערשיידן אין די געזיכט־שטריכן צווישן אַ ספרדישן מזרח־ייד און אַן אַראַבער — בפרט דעמאָלט. דער נאָמען איז מיר אויך נישט געווען אויפפאַלנדיק, — צווישן אַזוי פיל נייע נעמען, וואָס כ׳האָב דעמאָלט באַקענט, האָט זיך אויך „מוסטאַפאַ" געקאָנט אַריינפּאַסן. איינמאָל, ווען מיר האָבן צוזאַמען, זיצנדיק איינער לעבן צווייטן, געענדיקט מיטאָג־עסן אין קיבוצישן חדר־האוכל און זיך אויפגעשטעלט צוריקצוגיין צו דער אַרבעט, האָב איך געמאַכט אַ שפּאַס־באַמערקונג וועגן „ברכת־המזון", אַז אַלע דריי נישט־קיבוצישע אַרבעטער קאָנען בענטשן מיט מזומן... מוסטאַפאַ האָט מיך מיט פאַר־וווּנדערונג אָנגעקוקט און געפרעגט: „ווייסט נישט, אַז כ׳בין נישט קיין ייד?..."

איך האָב נישט געוווּסט. ערשט דעמאָלט בין איך געוואויר געוואָרן, אַז מוסטאַפאַ איז אַן אַראַבער, פון נאָענטן דאָרף — סולאַם. אין קיבוץ האָט מען קיין אונטער־שייד נישט געמאַכט צווישן אים און די יידישע אַרבעטערס. ווי האָב איך געקאָנט וויסן, אַז דאָס איז נישט קיין ייד, ווען איך האָב נישט באַמערקט אין אים קיין שום אַנדערשקייט פון אונדז אַלע? אָבער די אַנטפּלעקונג איז פאַר מיר געוואָרן אַ „גאָלדגרוב" פאַר מיין דערקענונג־גיריקייט — דאָס איז געווען דער ערשטער אַראַבער, מיט וועלכן איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו שמועסן, פרעגן, באַ־קענען זיין לעבן. אַזוי איז סולאַם געווען דער ערשטער ריין־אַראַבישער יישוב, וואָס איך האָב באַזוכט אין ישראל און דאָרט — די ערשטע אַראַבישע שטוב, ווו איך האָב, ביי אויפריכטיקער און עכט־מזרחדיקער גאַסטפריינדלעכקייט, גע־טרונקען טעפעלעך שאַרפע, בריענדיקע, שמעקנדיקע „קהאַוואַ".

מוסטאַפאַ איז געוואָרן נישט בלויז מיין פריינד, נאָר מיין ערשטער פירער, וועגווייזער, באַגלייטער און „פּאַרטייטשער" פון מקומות איבער אוראַלטע וועגן און שטעגן פון אונדזער אַלט־נייעם היימלאַנד.

און — אין סולאַם האָב איך געלערנט אַן אַלט קאַפּיטל תנ״ך — אַ פּרק יידישע געשיכטע דורך אַן אַראַבישן דאָרף...

*

אַ זאַמדיק־שטיינערנער, קיינמאָל נישט־געפּלאַסטערטער וועג, האָט געפירט פון מיין „צריף" אין קיבוץ און שפּעטער אין מושב מרחביה, קיין סולאַם. אַנט־

קעגן אונדז האָט זיך געהויבן די גבעת־המורה, וואָס אויפן סאַמע אָנהייב פון איר שיפּוע, אַרויפצו, ליגט סולאַם. גבעת־המורה איז נאָך דעמאָלט געווען אימהדיק־פוסט — בלויז פעלדזן, אַביסל גרינס, אַמאָל אַביימל און אַ סך דערנער; ווו־נישט־ווו זענען געווען צעוואָרפן אויסגעגלייכטע פעלד־„טעראַסעס״, פּאַרזייטע און באַגרינטע. ערשט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט אויף די אַראָפּהאַנגען גענומען אַרויסוואַקסן די שטאָט עפולה־עילית. נאָענט צום העכער פינף הונדערט־מעטער־דיקן שפּיץ האָט זיך געזען אַ קליין דערפל, נאָר אין דער סאַמע הייך האָט די זון באַלויכטן און עס האָט געגלאַנצט פון ווייטן אַ קיילעכדיקער קופּאָל. „דאָס איז דער קבר פון אונדזער הייליקן נעבי אַ־דאַכי״ — האָט מיר אויפגעקלערט מוס־טאַפאַ — „אין ראַמאַדאַן־חודש גייען מיר אַרויף יעדן פרייטיק דאָרט מתפלל זיין״. ער האָט אָבער נישט וויניקער זיך אָריענטירט אין תנ״ך און מיר דערמאָנט פון מיינע חדר־יאָרן, ווי דער שופט גדעון איז דאָ אַרויס צום קאַמף און „געלאַגערט ביי עין־חרוד; און דער לאַגער פון מדין איז אים געווען פון צפון, פון גבעת־המורה אין טאָל״ (שופטים ז׳, א׳) און געהערט האָט עס צו „די קינדער פון יששכר — — — און זייער געמאַרק איז געווען יזרעאל, און כסולות, און שונם״ (יהושע י״ט, י״ח).

אַן אָרעם דערפל איז דעמאָלט געווען סולאַם. שמאָלע זאַמדיקע געסלעך. שטיינערנע און מיט ליים־געבויטע הייזלעך, צעוואָרפן אָן אַ פּלאַן. האַלב־איינגע־פאַלענע שטאַלן, פון וועלכע עס האָט זיך געהערט אַ כאָרכלען פון אייזלען און נאָר זעלטן אויך אַ הירזשען פון פערד. אויסגעדאָרטע קי האָבן געזוכט גראָז צווישן די דערנער און שטיינער ביים אַריינגאַנג אין דאָרף. ס׳איז געווען אַ שפּע־טער נאָכמיטאָג, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל באַזוכט סולאַם. מיט אונדז צוזאַמען זענען פון פעלדער אָנגעקומען פּאַלאַכן אין לאַנגע אַבייַעס און אויף די קעפּ — קעפיאַס, זיי האָבן געפירט ביי ציימלעך אייזעלעך, וואָס האָבן געשלעפּט הינטער זיך הילצערנע אַקערס, יאָ, אַקערס פון האָלץ, ווי אין גדעונס צייטן. „אַזוי וויניק האָט זיך דאָ געענדערט אין לויף פון יאָרטויזנטער...״ — האָב איך געמורמלט, מער צו זיך, ווי צו מיין באַגלייטער.

מוסטאַפאַ האָט מיר אָנגעוויזן אויפן דאָרף: „קוק... עס ציט זיך אַרויף אין באַרג ווי אַ לייטער... סולאַם, אין אַראַביש, האָט די זעלבע באַדייַטונג ווי ,סולם׳ אין העברעיש, טאַקע אַ לייטער. אין געוויסע אַראַבישע דיאַלעקטן ווערט דער ,ל׳ אַרויסגערעדט ענלעך ווי ,נ׳ און עס הערט זיך סונאַם, וואָס איז שוין בלויז אַ לייכטע ענדערונג פון תנ״כיש־העברעישן שונם...״ — און אין זיין שטימע האָט זיך געהערט אַ שטאָלץ־טאָן — „יאָ, דאָ וווּ עס טרעטן אונדזערע פיס, ווו עס געפינט זיך מיין דאָרף, איז געווען די אוראַלטע שטאָט שונם...״

האָט זיך מיין דמיון דאָ, צווישן די נעבעכדיקע הייזלעך, אַריבערגעטראָגן אין די תנ״ך־צייטן...

דאָ האָט דער מלך שאול געפירט זיין לעצטע מלחמה. „און די פלשתים האָבן זיך איינגעזאַמלט און זיי זענען געקומען און האָבן געלאַגערט אין שונם, און שאול האָט איינגעזאַמלט גאַנץ ישראל און זיי האָבן געלאַגערט אין גלבוע״ (שמואל א׳ כ״ח, ד׳). מוסטאַפאַ האָט מיר אָנגעוויזן: „קוק...״ — זיך אומקערנדיק אויף דרום

און וועגדנדיק דעם בליק אביסל צו מזרח, האט זיך אויפן נישט־ווייטן האריזאנט געזען א בארג־וואנט — „דאס איז דער גלבוע" — און טייטלענדיק מיט א פינגער צו צפון־מזרח, האט ער פארגעזעצט — „דארט איז עין־דור..." איך האב עס נישט דערבליקט, „קיין צער נישט..." — האט מוסטאפא געשמייכלט — „מיר וועלן צוגיין אהין בייטאג, נישט שלייכן זיך ביינאכט, ווי שאול המלך..."

מיט צוויי פרויען איז שונם פאראייביקט געווארן אין תנ"ך. די ערשטע איז געווען אבישג השונמית, אזוי באקאנט פון דוד המלכס זיקנה־יארן: „און דער מלך דוד איז געווארן אלט, — — — אים פלעגט נישטווארעם ווערן. האבן זיינע קנעכט צו אים געזאגט: זאל מען זוכן פאר מיין הער דעם מלך א מיידל, א יונג־פרוי, — — — און זי וועט ליגן אין דיין בוזעם און עס וועט ווארעם זיין מיין הער דעם מלך. און זיי האבן געזוכט א שיין מיידל אין גאנצן געמארק פון ישראל און זיי האבן געפונען אבישג פון שונם" (מלכים־א' א', א'—ג'). די צווייטע פרוי פון שונם פארנעמט א סך פלאץ אין תנ"ך, איר געשיכטע איז פארבונדן מיטן נביא אלישע און כאטש איר נאמען איז אין ערגעץ נישט אנגעגעבן, ווערט זי אויך פיל מאל דערמאנט אין די שפעטערדיקע יידישע מקורות. „און עס איז געווען איין טאג, איז אלישע אריבערגעגאנגען קיין שונם און דארטן איז געווען א רייכע פרוי, האט זי אים פארהאלטן צו עסן ברויט. און עס איז געווען, אז ווען נאר ער איז דורכגעגאנגען, פלעגט ער פארקערן אהין צו עסן ברויט" (מלכים־ב' ד', ח'). אלישע האט אויפגעוועקט צום לעבן דער פרויס זון, אויף זיין בעט אין „אויבערשטיבל", וואס די פרוי האט אפגעגעבן פארן נביא. „ווייל זי איז רייך געווען איז מיט איר געשען דער נס..." — איז אמאל זיכער געווען מוסטאפא. ווייזט אויס... ער האט געקענט די יידישע מקורות, בנוגע זיין שונם: „גרויס איז די פרנסה, אז זי איז גורם עס זאל קומען תחיית המתים פאר דער צייט. די שונמית, דורך דעם וואס זי האט געגעבן צו עסן אלישען, אים געשפייזט — האט זוכה געווען איר זון זאל צוריק לעבעדיק ווערן" — אזוי ווערט בפירוש געזאגט אין מסכת ברכות (י', ב') פון תלמוד בבלי.

מוסטאפא פלעגט אפט צוריקקומען צו דער דאזיקער דערציילונג. עפעס האט אים אין איר ערגעץ „געקוועטשט" — איך ווייס נישט צי ער האט דערווארט פון מיר אן ענטפער. „גאט האט געהערט דעם נביא, דורכגעפירט זיין ברכה און די שונמית האט אויף דער עלטער געבוירן א זון. האט ער אים יונגערהייט געטויט... מסתמא כדי צו באווייזן נאכאמאל א נס און דורכפירן א תחיית המתים אין שונם..." — פלעגט מוסטאפא איבערחזרן.

אין די שפעטערדיקע יידישע מקורות, נאך אלישע ביזן ערשטן חורבן, איז דער גאנצער עפאכע פון בית שני און אין די שטורמישע צייטן פון די רוימער, חשמונאים, גרויסן אויפשטאנד, אויך ביי יאסעפוס פלאוויוס, ווערט שונם נישט דערמאנט. דער יישוב האט דא עקזיסטירט. מען האט אין דארף אויפגעגראבן איי־בערבלייבענישן פון דער רוימישער תקופה. אין תלמוד ירושלמי ווערט עטלעכע מאל דערמאנט דער חכם יוסטא בר שונם (שקלים א', א' און אנדערע ערטער), געלעבט בערך אין דריטן יארהונדערט. אשתורי הפרחי שרייבט אין יאר 1322: „איך האב באזוכט שונם. און אין מיטן שטאט פליסט ארויס א קוואל פון צפונדיקן

פעלדז. און דאָרט האָב איך געזען אויפן שפּיץ לעבן דאָזיקן קוואַל אַ הויז. גישט פאַראַן קיין גייסט, וואָס זאָל זיך דאָרט נישט געפינען. האָב איך געזאָגט: דאָס איז דאָך דאָס הויז פון דער שונמית און דאָרט איז געוועזן דאָס אויבערשטיבל פון אלישע הנביא עליו השלום" („כפתור ופרח", זייט מ"ג, בערלינער אויפלאַגע). דער דאָזיקער ערשטער יידישער באַשרייבער פון ארץ־ישראל, וועלכער האָט דאָך געלעבט אַזוי נאָענט פון שונם, אין בית־שאן — אַלע יישובים, וואָס ער באַשרייבט, דערציילט ער וועגן זייערע יידישע קהילות. און אין שונם האָט ער בלויז געטראָפן אַ לעגענדאַרע שטוב פון מיט העכער צוויי טויזנט יאָר פריער? מיט רוחות, אין וועלכע ער גלייבט, בדרך כלל, ווייניק...

דער קוואַל מיט קלאָרן קאַלטן וואַסער פּלייצט אויף אַ הייכקייט, צפון־מזרחדיק פון סולאַם, אַ ביסל דערווייטערט פון דאָרף. דער זעלבער וואַסער־פּלייץ מסתמא, און אויפן זעלבן פּלאַץ, ווי אין די פּלשתים־צייטן, אָן איבעררייס ביז היינט... אין די אַלע צייטן איז דאָ געווען שונם. מיר האָבן אָפּט געקוקט אין גרובן אַריין, ווו שטיקלעך ווענט, הויז־פונדאַמענטן זענען געבליבן, ווער ווייסט פון וואָסערע צייטן. און קברים, שורותווייז, העכער און נידעריקער, אויסגעהאַקטע אין באַרג גופא און אין אַ קינסטלעך־אָנגעשיטן, אָדער דורך יאָרטויזנטער אָנגע־הויפטן, בערגל. פון וועלכע צייטן שטאַמען דאָ די חורבות און קברים? קברים־רויבערס האָבן לאַנג שוין גענישטערט און געזוכט אין די צעבראָכענע גלאָסקאַמעס, צווישן די סקעלעטן און שאַרבנס. „געפינען זיך, מוסטאַפאַ, צווישן די רויִנען אויך איבערבלייבענישן פון הויז פון דער שונמית?..." מוסטאַפאַ איז געווען ערנסט: „ווער ווייסט? קיין גרינטלעכע וויסנשאַפטלעכע אויספאָרשונגען האָט מען אין סולאַם נישט געמאַכט. ווען די אַרכעאָלאָגן וועלן פריי ווערן ביי וויכ־טיקערע פּלעצער, ווער ווייסט וואָס פאַר אַן איבערראַשונגען עס דערוואַרט זיי דאָ?..."

די באַדייטונג פון שונם איז, ווייזט אויס, געפאַלן נאָכן אָנהייב פון דער יידישער מלוכה־תקופה, צוליב סטראַטעגישע, האַנדל־, אָדער קאָמוניקאַציע־סיבות אין דער געגנט, צי גאָר אַנדערע מאָטיוון.

שונם איז געווען אַ וויכטיקע שטאָט שוין אין דער פאַר־יידישער עפּאָכע, נאָך איידער די בני־ישראל זענען אַריינגעדרונגען קיין כנען. אין פּאַריזער „לוווּר" געפינט זיך אַ ליים־טאָוול פון אַרום יאָר 1390 פאַר דער קריסטלעכער צייטרע־כענונג, געשריבן אין פּלעקל־שריפט, וואָס איז אַן אונטערטעניקייט־בריוו פונעם „הערשער פון עמעק" צו פּרעה מלך מצרים אַמאַנאָפּיס אַמען האָטעפּ דעם דריטן; דאָרט איז צווישן די שטייער־צאָלנדיקע שטעט אויך אויסגערעכנט שונמאַ — אונדזער סולאַם־שונם. אינטערעסאַנט, אַז אין אַלט־עגיפּטישן לשון האָט שוין דעמאָלט די געגנט פון עמק־יזרעאל און עמק־בית־שאן געטראָגן דעם נאָמען „עמעק", אַמאָל מיט אַ צוגאָב „פּ־עמעק". ווער זענען דעמאָלט געווען די איינ־ווינער פון שונמאַ? טכאָטמעס, אָדער טאָטמעס דער דריטער (1504—1451 פאַר קריסטוסן), איז געווען איינער פון די באַרימטסטע אַלטערטימלעכע הערשער, ער האָט געקיניגט דרייסיק יאָר און זעכצן מאָל געפירט מלחמות אין סיריע, עטלעכע מאָל איינגענומען מגידו און באַהערשט דעם „עמעק". ער האָט אויפגעבויט די

באַרימטע געביידעס אין נאָ־אַמאָן אין אויבער־מצרים. אין אַ היעראָגליפן־אויפֿ־שריפט אין איינעם פֿון זיינע פּאַלאַצן ווערט דערציילט, אַז „שונאם איז אינוואַדירט געוואָרן דורך די ווילדע כיברו און זיי האָבן זיך דאָרט באַפעסטיקט". זענען די „כיברו", אָדער „היברו", קעמפּער־שבטים וואָס ווערן אָפט דערמאָנט אין שריפטן פֿון יענער צייט, אַז זיי האָבן געוואַנדערט אין די געגנטן, שוין די בני־ישראל, אָדער קרובישע סעמיטישע שבטים, וואָס זענען אַריינגעדרונגען אין יענע צייטן קיין ארץ־ישראל?

אין באַרימטן מצרישן קיניגלעכן אַרכיוו פֿון טעל־על־אַמאַרנע זענען פֿאַרבליבן אייניקע בריוו פֿון קיניג פֿון מגידו בירידיע. בירידיע איז געווען אונטערטעניק צו מצרים און ער האָט געקעמפֿט קעגן מלך פֿון שכם לעבאַיאַ. איין בריוו פֿון בירידיע, געשריבן אין דער ערשטער העלפֿט פֿון פֿערצנטן יאָרהונדערט (פֿאַר קריסטוסן), צו אַמאַנאָפּיס דעם פֿערטן, מלך מצרים (1384—1364), לייענט זיך: „צום מלך, מיין האַר און מיין שיינענדיקע זון, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט בירידיע, דער געטרייער קנעכט פֿון מלך: צו די פֿיס פֿון מיין קיניג, מיין האַר און מיין זון, זיבן מאָל זיבן וועל איך זיך בוקן. זאָל דער מלך וויסן וועגן זיין קנעכט און וואָס טוט זיך אין זיין שטאָט; איך בין דער אייציקער וועלכער אַקערט לעבן דער שטאָט שונם און בלויז איך אַליין פֿיר אַהין צוואַנג־מענטשן צו אַרבעטן. און זע, די הערשערס וואָס אַרום מיר טוען נישט ווי איך און זיי אַקערן נישט אַרום שונם און ברענגען נישט קיין צוואַנג־אַרבעטערס. בלויז איך פֿיר צוואַנג־מענטשן פֿון דער שטאָט יאַפּו". אין אַ צווייטן טאָוול־בריוו אין טעל־על־אַמאַרנע ווערט דערציילט אַז שונם איז, צוזאַמען מיט אַנדערע שטעט, פֿאַרוויסט געוואָרן אין איינער פֿון די אַקציעס פֿון שכם־קעניג לעבאַיאַ. ווייזט אויס, אַז די שונם־געגנט איז געווען פּרוכטבאַר און וויכטיק, ווייל די מצרישע הערשער האָבן באַפֿוילן די כנענישע מלכים פֿון דער געגנט צו באַאַרבעטן די ערד פֿון שונם, דורך צוואַנג־אַרבעטערס פֿון „יאַפּו", וואָס האָט געהערט צום „געמאַרק פֿון די קינדער פֿון זבולון. — — — און אַרויפֿגעגאַנגען קיין יפֿיע" (יהושע י"ט, י'). דאָס איז דאָס הייַנטיקע דאָרף יאַפֿאַ לעבן נצרת. דער אינהאַלט פֿון בריוו איז דירעקט פֿאַרבונדן מיט דער נחלה פֿון שבט יששכר אין דער געגנט, און שונם איז געווען אַ צענטראַלע שטאָט פֿון שבט (דאָרט, ח') און ווען דער בריוו רעדט וועגן צוואַנג־אַרבעטערס, דערמאָנט עס די רייד פֿון יעקב אבינו וועגן „וואָס אייך וועט געשען אין סוף פֿון די טעג": „יששכר איז אַ ביינערנער אייזל, ער הויערט צווישן די שאַפֿגעהעפֿטן. און ער האָט געזען די רו, אַז זי איז גוט, און דאָס לאַנד, אַז עס איז אים ליב, האָט ער געבויגן זיין רוקן צו טראָגן און איז אַ צינדז־קנעכט געוואָרן" (בראשית מ"ט, י"ד).

אין „גרויסן טעמפּל פֿון אַמאָן" אין קאַרנאַק, אויבער־מצרים, זענען ביז היינט געבליבן אויסגעקריצט אויף אַ וואַנט, אין היעראָגליפֿן־שריפֿט, הונדערט און פֿופֿציק נעמען פֿון שטעט, וואָס זענען איינגענומען געוואָרן, ווען „שישאַק דער מלך פֿון מצרים איז אַרויסגעגאַנגען — — — און ער האָט באַצוווּנגען די פֿעסטונגשטעט פֿון יהודה און איז געקומען ביז ירושלים" (דברי הימים ב', י"ב, ב'־ד'). שישאַק, ווי ער ווערט אָנגערופֿן אין תנ"ך, איז שאשאַנק, איינער פֿון די

גרויסע מצרישע קיניגן (945—924 פאַר קריסטוסן). צווישן די שטעט, וואָס ער האָט דעראָבערט אין ארץ־ישראל, ווערט אויך אויסגערעכנט שונם.

*

אין נאָוועמבער 1952 בין איך דאָס לעצטע מאָל געווען אין סולאַם. איך האָב זיך דעמאָלט אַריבערגעצויגן פון עמק־יזרעאל קיין תל־אביב און געגאַנגען זיך געזעגענען מיט מוסטאַפאַ און זיין משפחה. מוסטאַפאַ האָט מיר, מיט אויפריכטי־קער זאָרגפולער פריינדשאַפט, צוגערעדט צו פאַרבלייבן אין עמק. ביים געזעגענען זיך האָט ער גאָר געזאָגט: „עס וועט דיך שווער זיין אין רעש פון דער גרויסער שטאָט... וועסט דאָך דאָרט אפילו נישט האָבן קיין אייער פאַר דיינע קינדער..." עס איז געווען די „צנע"־צייט אין ישראל, מיט אַ שאַרפער שפייז־ראַציאָנירונג. אַ מענטש האָט באַקומען אַ צוטייל פון צוויי־דריי אייער אַ וואָך. מוסטאַפאַ, האָ־בנדיק אַן אייגענע היגער־שטייג, האָט געהאַט רעכט מיטצונעמען טעגלעך צו דער אַרבעט צוויי אייער. גלייך ווי מיין ערשטע טאָכטער איז געבוירן געוואָרן, האָט ער גענומען ברענגען בלויז איין איי אָפּגעקאָכט, דאָס צווייטע רוי און מיר יעדן טאָג עס אָוועקגעגעבן: „פאַרן קינד, צום געזונט..."

מיט אַ דריי־פיר יאָר צוריק האָט מיך אומדערוואַרט, אויף דער „תחנה המר־כזית" אין תל־אביב, אַרומגעכאַפּט אַ טראַדיציאָנעל־געקליידעטער אַראַבער: „מרדכי, יקירי..." — מיר האָבן זיך האַרציק צעקושט, דאָס איז געווען מוסטאַפאַ פון סולאַם.

ער האָט נישט געהאַט קיין צייט צו פאָרן צו מיר אַהיים — כ'האָב אַזוי גע־וואָלט כאָטש איינמאָל אים אָפּדינען מיט הכנסת־אורחים פאַר אַמאָליקע צייטן. ביי אַן „עספּרעסאָ" אין אַ קאַפעהויז האָט ער מיר דערציילט וועגן זיין פרוי און פיר קינדער. ער האָט איבערגענומען אַ טייל פון זיין טאַטנס באָדן און באַ־אַרבעט אים, „אָבער געבליבן אַרבעטן ביי אונדזער אַלטן פאַך גלייַכצייטיק, אי"ה ביז דער פּענסיע־עלטער", און צוגעגעבן:

„טיילווייז געוואָרן אַ פּאַלאַך, און די ערד אין שונם איז דאָך גוטע און פעטע פון אייביק אָן, לעבט מען גוט, בלי עין־הרע. און אַ הויז האָב איך מיר אויפגע־בויט, ווי ביי יידן... קום צו אונדז, וועסט סולאַם נישט דערקענען... נייע הייזער, עלעקטרישע באַלייכטונג, אַ שאָסיי פירט צום דאָרף — מיר האָבן אויטאָס... די פרויען טראָגן מער נישט די קרוגן וואַסער אויף די קעפּ פון אַלטן קוואַל — וואַסער־קראַנען און קאַנאַליזאַציע אין יעדער שטוב..." איך האָב געפרעגט אויף די הילצערנע פּרע־היסטאָרישע אַקערס. מוסטאַפאַ האָט זיך צעלאַכט: „מיר האָבן אַ טראַקטאָר, ווי אין קיבוץ..."

„און די כאַמולעס אין דאָרף?..." — האָב איך געפרעגט.

כמעט אַלע איינוווינער פון סולאַם געהערן צום זעלבן שבט — די זועביס. אָבער מוסטאַפאַ האָט מיר אַמאָל־אַמאָל געפרווט קלאָר מאַכן די פּרשה „כאַמולע" — דאָס דאָרף איז צעטיילט אויף דריי, פיינדלעכע איינע צו דער צווייטער, „כאַמולעס". מוסטאַפאַ האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ: „דאָס, זעסטו, איז געבליבן, כאָטש מען איז זיך שוין אפילו מתחתן פון איין כאַמולע מיט אַ קינד

פון דער צווייטער...״ אַלע, האָט ער דערציילט, קענען שוין אין דאָרף העברעיש,
,,מען אַרבעט דאָך בלויז אין די קיבוצים, אין עפולה, מען האַנדלט מיט זיי״.

*

,,די אַרעסטירטע דיווערסאַנטן זענען אַ פרעמד געוויקס אין אונדזער דאָרף...״
— האָט דערקלערט דער ,,מוכטאַר״ פון סולאַם.

איך בין זיכער, אַז אויך מיין פריינד מוסטאַפאַ איז אין דעם איבערצייגט. ער געהער נישט מסתמא אפילו צו דער ,,כאַמולע״ פון אַרעסטירטן שאַמוט. מוסטאַפאַ האָט מיך אַמאָל געפירט אין קליינעם מעטשעט פון זיין דערפל — דער ערשטער מוסולמענישער מקום־קדוש, וואָס כ׳האָב ווען עס איז באַזוכט. וואָלט איך אים גערן באַגלייט אַהין צו דער תפילה, אַז די אויספאָרשונג זאָל באַווייזן די גערעכטיקייט פון ,,מוכטאַר״ — די באַשולדיקטע זענען בלויז אַ ,,פרעמד געוויקס״ אין אוראַלטן שונם־סולאַם...

מאַכמוד שאַמוט האָט ציניש־אָפנהאַרציק, פונקט ווי ער האָט געבעטן גריסן זיינע ,,פאַטאַך״־חברים אין סיריע, דערקלערט, אַז אין 1971 האָט ער דעם אויפרייס־מאַטעריאַל נישט אונטערגעלייגט אין קליטה־צענטער גופא, נאָר דערלעבן, אין וועלדל, ,,איך האָב דאָך נישט געקאָנט שאַדן־ברענגען דעם בנין, ווען איך אַליין האָב געאַרבעט ביים בויען אים...״ — בלויז די מענטשן האָט ער געוואָלט טרעפן; פונקט ווי ביים אונטערלייגן דינאַמיט אויפן מאַרק פון עפולה, אין וואָס ער האָט זיך מודה געווען.

באַלד נאָכן אויפרייס אין אַבסאָרבציע־צענטער אין עפולה־עילית, איז אַהין געקומען דער לייַטער פון דער עלייה־אָפּטיילונג ביי דער סוכנות־עקזעקוטיווע, עוזי נרקיס, און געזאָגט דאָרט צו די נייע עולים: ,,פון היינט אָן זענט איר אמתע ישראלים — איר האָט דורכגעמאַכט אַ פייער־פּרווו... איר זענט מער נישט קיין עולים, נאָר אַ חלק פונעם פאָלק אין ישראל, פון דער מדינת ישראל...״

אַזוי איז אויך אַ טייל פון ישראל, מיין חבר מוסטאַפאַ, אונדזער געמיינזאַם שונם־סולאַם — מיט דער כנענישער, פלישתישער, יידישער, אַראַבישער געשיכטע פון טויזנטער־טויזנטער יאָרן.

1973

קיין עין־דור ,,אין די פוסטריט פון שאול המלך״

דער וועג קיין עין־דור האָט זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון... ווי מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט, בין איך אין פרימאָרגן פון אונדזער רו־טאָג ביי דער אַרבעט, געקומען צופוס קיין סולאַם. לעבן הויז פון מוסטאַפאַס משפחה האָב איך געטראָפן שטיין צוויי געצאַימלטע אייזלען. מיין חבר האָט מיך איבערראַשט: ,,איך האָב נישט באַקומען דעם דזשיפ און מיר פאָרן היינט רייטנדיק אויף אייזלען...״ איך בין צום ערשטן מאָל אין לעבן געריטן אויף אַן אייזל, און אַ נישט־געזאָטלטן, און די עטלעכע־שעהדיקע רייזע האָט זיך מיר לאַנג געלאָזט פילן... מוסטאַפאַ האָט מיך געהייטערט: ,,מיר פאָרן אין די פוסטריט פון שאול המלך. ער איז זיכער אויך געריטן אויף אַן אייזל...״ מיר זענען געריטן דרומדיק צופוסנס פון גבעת־המורה,

ווען די הייכקייטן האָבן זיך געענדיקט זענען מיר אַרויף אויף אַ ברייטן זאַמדיקן שטעג צו צפון און מיר זענען אָנגעקומען אין אַ קליין אָרעם אַראַביש דערפל.

„דאָס איז טאַמרא, אַן אַלטער יישוב", — האָט דערציילט מוסטאַפאַ — „און ער רופט זיך אין ישראל תמרה, טייטלבוים, וואָס פּאַלט זיך צונויף מיט דעם אַראַבישן באַטייט פונעם וואָרט ,טאַמאַר', פרוכט".

מען האָט דעמאָלט געפונען אין דאָזיקן דאָרף, ביים גראָבן פונדאַמענטן צו אַ הויז, אַלטע חורבות, איבערבלייבענישן פון בנינים פון די ערשטע יאָרהונדערטער פון קריסטנטום, קברים מיט שיינע באַצירונגען, שטיקער מאָזאיק־דילן. אַ פראַנצויזישער היסטאָריקער פון 17־טן יאָרהונדערט, זש. באַנאַזש, דערציילט, אַז „אין יאָר 1684 איז געקומען קיין איירָאָפּע אַ שליח פון די יידן אין טאַמרא, יעקב טאַמרי, וועמענס טאַטע האָט געשטאַמט פון פּאָרטוגאַל. ער האָט איבערגעגעבן וועגן דער זייער שווערער לאַגע פון די יידן אין הייליקן לאַנד" (לויט „דברי יוסף" פון יהוסף שווארץ). פאַראַן אָבער אין גליל נאָך אַן אַראַביש דאָרף, לעבן צפת, מיטן זעלבן נאָמען און עס איז גישט זיכער פון וועלכן פּלאַץ דער שליח איז געקומען, כאָטש מוסטאַפאַ איז זיכער געווען: „דאָ איז געווען דער אַמאָליקער יידישער יישוב". אויף צפון־מזרח האָט אונדז דער וועג נאָך אַ צוויי קילאָמעטער געבראַכט אין קאַפּער־מיסער, אַן אַראַביש דערפל, וואָס זיין נאָמען באַדייט „מצריש דאָרף". לויט ווי די אייגוווינערס האַלטן, איז דאָס דאָרף אויפגעבויט געוואָרן, אויף די רויִנען פון אַן אוראַלטן יישוב, דורך איינוואַנדערערס פון מצרים אין אָנהייב פון נייִנצנטן יאָרהונדערט. ווי מוסטאַפאַ האָט איבערגעגעבן, „פילן זיך די איינוווינערס פון קאַפּער־מיסער ביז היינט אַלס עגיפּטער, ,מצרים' מיט גאווה..." — שטרייכט ער אונטער אין העברעיש, און צווישן דעם דאָרף און די אַנדערע פון דער געגנט הערשט גישט, זעט אויס, קיין גרויסע פריינדשאַפט...

בלויז אַן אַנדערטהאַלבן קילאָמעטער אויף צפון און מיר זענען אָנגעקומען קיין עֵין־דור. געווען איז עס דעמאָלט אַ יונגער קיבוץ, קוים אַ צוויי יאָר אַלט (געגרינדעט אין 1948). די קיבוצניקעס האָבן נאָך געוווינט אין פאַרלאָזטע האַלבחרובע אַראַבישע הייזער. אין איינעם פון זיי איז געווען דער חדר־האוכל. מען האָט צענומען וועגט, עס איז געוואָרן איין גרויסער סאַלאָן מיט אַ קיך דערלעבן. די דאָזיקע הייזער זענען לאַנג שוין פאַרשוווּנדן — איצט איז עס אַ בליענדיקער קיבוץ, אַ יישוב מיט העכער זעקס הונדערט איינוווינערס.

„דאָס דאָזיקע דאָרף, אַט די אַלטע הייזער, האָט ביזן יאָר 1948 געהייסן, גאָר ענלעך ווי אין שאולס צייטן אַנדאָר..." — האָט דערציילט מוסטאַפאַ. ער האָט מיך געפירט צו אַן אַלטערטימלעכער רויִנע, וואָס די אַראַבער האָבן גערופן „כירבאַט אַ־סאַפסאַפאַ", „חורבה פון די טאַפּאַלן". „דאָ איז געווען דאָס היסטאָרישע עין־דור. פון וואַנען מען ווייסט עס ?... דאָס איז אַן אַלטע מסורה ביי די אַראַבער. די יידן וועלן דאָס באַשטעטיקן דורך אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען..."

ווען דאָס לאַנד איז צעטיילט געוואָרן צווישן די שבטים אין די צייטן פון יהושע בן־נון: „און צו מנשה האָבן געהערט — — — און די באַוווינער פון עין־דור און אירע טעכטערשטעט" (יהושע י"ז, י"א). אין די שופטים־צייטן האָבן דאָ די יידן אָפּגעהאַלטן גרויסע זיגן, ווי עס בעט דער אַלטער משורר: „טו צו זיי

אַזוי ווי צו מדין, ווי צו סיסראַן, ווי צו יבינעןביים טייך קישון, וואָס זענען פאַרטיליקט געוואָרן אין עין־דור, געוואָרן ווי מיסט אויף דער ערד" (תהלים פ"ג, י'־י"א). צום מערסטן איז, אָבער, עין־דור באַקאַנט פון דער טראַגישער לעצטער שלאַכט פון שאול המלך און זיין טויט. „גאָט האָט אים נישט געענטפערט..." האָט ער געזוכט אַ כישופמאַכערין, כדי דורך איר געוויר ווערן וועגן גאָטס באַשלוס... „האָבן זיינע קנעכט צו אים געזאָגט: אָט איז דאָ אַ פרוי אַ גייסטערזעערין אין עין־דור". ער האָט זיך איבערגעטאָן, פאַרשטעלט זיך, מיט צוויי באַגלייטער ביי־נאַכט פאַרלאָזט זיין מיליטערישן לאַגער און אַוועק קיין עין־דור. ער האָט דער כישופמאַכערין נישט דערציילט ווער ער איז. לויטן ספר שמואל א', ווו דאָס ווערט דערציילט, קומט אויס, אַז שאול האָט דאָס געטאָן אין געהיים, ווייל ער אַליין, „שאול האָט געהאַט אָפּגעטאָן פון לאַנד די גייסטערזעער און די טויטנ־באַשווערער". ווען מיר גיבן אָבער אַ בליק אויף דער מאַפּע, קאָן דאָך זיין אַ צווייטער מאָטיוו פאַר דער רייזע פון קיניג ביינאַכט און פאַרשטעלטערהייט. פון גלבוע, ווו עס איז געווען דער לאַגער פון ייִדישן מיליטער, קיין עין־דור, האָט ער דאָך געמוזט פאַרבייגיין שונם, ווו „די פלשתים האָבן זיך אייגעזאַמלט און האָבן געלאַגערט..."

שמואל, וועלכן די כישופמאַכערין האָט „אַרויפגעבראַכט פון קבר" אויף שאולס ביטע, האָט פאַרגעזאָגט אין דער נאַכט פון עין־דור: „מאָרגן וועסטו און דיינע זין זיין מיט מיר"... אין דער שלאַכט צומאָרגנס זענען פריער געפאַלן זיינע זין און כדי אַליין נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די פלשתים, איז דער ערשטער ייִדישער קיניג באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין די בערג פון גלבוע.

מיר זענען פון עין־דור אַראָפּגעריטן אין בעקן פון „נחל הקוסמת", טייכל פון דער כישופמאַכערין, אויפן נאָמען פון דער פרוי אין אוראַלטן עין־דור...

אין פערטן יאָרהונדערט, ווען דער גריכישער היסטאָריקער אויסעביוס איז געווען קריסטלעכער בישאָף אין קיסריה, האָט ער באַזוכט עין־דור און „דאָס איז היינט אַ זייער גרויס דאָרף מיט ייִדן" („אָנאָמאַסטיקאָן").

*

מיר זענען צוריקגעריטן איבערן שאָסיי פון טבריה קיין עפולה. ווען מיר האָבן זיך אויפן שאָסיי קיין בית־שאן געדאַרפט פאַרקערן אויף לינקס קיין סולאַם, האָט מוסטאַפאַ זיך אָפּגעשטעלט: „אָט זעסטו..." — האָט ער אָגעוויזן מיט דער האַנט אויף רעכטס — „צו דרום־מזרח ציט זיך דער גלבוע, וואָס איז אַ באַרג־קייט, אויף וועלכער די אַלטע קללה איז נישט אינגאַנצן מקויים געוואָרן..."

געוויר ווערנדיק וועגן אומגליק מיט שאול המלך אין די גלבוע־בערג, האָט דוד המלך „געקלאָגט די דאָזיקע קלאָג אויף שאולן און אויף יהונתן זיין זון":

„די פּראַכט פון ישראל איז אויף דיינע הייכן דערשלאָגן;
ווי זענען די גיבורים געפאַלן! — — —
איר בערג פון גלבוע,
נישט טוי און נישט רעגן אויף אייך, אָדער פעלדער געהויבענע!

שאול און יהונתן, די באַליבטע און ליבע אין זייער לעבן,
צומאָל אין זייער טויט האָבן זיי זיך נישט צעשיידט.
פון אָדלערס זענען זיי געווען פלינקער,
פון לייבן זענען זיי געווען שטאַרקער. — — —"

(שמואל ב׳, א׳, י"ז—כ"ג)

די דאָזיקע שורות זענען אויסגעקריצט אויף אַ צונויפבעטאָנירטן שטיינער־אַנשיט, אַ דענקמאָל נאָך זיבן געפאַלענע יידישע קעמפערס, אין אַ שלאַכט קנאַפּע דריי טויזנט יאָר שפּעטער. אייגער פון די נידעריקע גלבוע־שפּיצן טראָגט דעם נאָמען פון יהונתן, שאול המלכס דאָ געפאַלענער זון. דער שטיינער־דענקמאָל שטייט אויף זיין שפּיץ, העכער הונדערט און דרייסיק מעטער איבערן ים־ניוואָ. אַלע געבוירענע צופוסנס פונעם באַרג, אין עמק־יזרעאל, זענען זיי דאָ אומגעקומען אין אַ בלוטיקער שלאַכט, דעם 19־טן מערץ 1948. אויף די גלבוע־בערג האָבן זיך געפונען אַראַבישע דערפער, וואָס האָבן פון די הייכן באַדראָט די יישובים און וועגן פון די טאָלן יזרעאל און בית־שאן און סטראַטעגיש געשיצט אין די בערג, האָבן זיי נישט דערלאָזט אפילו באַארבעטן די פעלדער אין טאָל און אָפּגעשניטן די יידישע וועגן. אין אַפּריל און אין מאַי 1948 זענען די בערג ווידער געשטורעמט געוואָרן דורך יידישע קעמפערס. עס זענען געווען קרבנות און די גאַנצע גלבוע־קייט איז באַהערשט געוואָרן דורך צה"ל דעם 18־טן מאַי פון זעלבן יאָר, — די יידישע יישובים און וועגן אין טאָל האָבן צוריקגעקערט צום נאָרמאַלן לעבן.

פון די מרחביהס און פון עפולה פלעגן מיר אַזוי אָפט פאָרן צווישן די בערג, טאָלן, וואַדיס און בעקנס פון גלבוע. מיר האָבן דערגרייכט דעם העכסטן שפּיץ, מלכישוע, וואָס הייבט זיך מאַיעסטעטיש אַרויס מיט זיינע 536 מעטער, פון וואַנען מען נידערט אַראָפּ און אַרויף איבער זיגזאַגישע וועגן, מיט טייך־בעקנס ווי שלאַנגען, און היילן, וואָס אַנטפּלעקן סודות פון טויזנטער יאָרן. די שיינקייט אַרום איז פאַרכאַפּנדיק. „נישט טוי און נישט רעגן" ? זיכער, מיט העכסטנס פינף הונדערט מילימעטער רעגן יערלעך, קאָן ווייניק בליען און גרינען. אָבער די גלבוע־הייכן זענען זעלטן פעלדזיק־וויסט. דערנער, גראָז און בלומען פאַרדעקן זיי פון אייביק, און וועלדער, וואָס געדייען, האָבן פאַרפלאַנצט יידן די לעצטע צענדליקער יאָרן. פון די באַקאַנטע פילקאָלירקע איריס־בלומען, וואָס זענען באַרימט אויף דער גאָרער וועלט מיט זייער שיינקייט, איז דאָ איין מין (אין לאַטיין: Iris Haynei) וואָס וואַקסט בלויז אויף די גלבוע־בערג ; די „געזעלשאַפט צו פאַרטיידיקן די נאַטור" האָט ספּעציעלע געזעצלעכע פולמאַכטן צו שיצן די בלום. איבער עין־חרוד צעשפּרייט זיך דער ווינגייט־וואַלד, מיט סאָסנע־ביימער, אייקאַליפּטוסן, באַקסער־ביימער. דאָ צופוסנס, האָט אָרד טשאַרלס ווינגייט, דער הויכער ענגלישער אָפיציר, אין געהיים גענומען מיטאַרבעטן מיט די יידן קעגן דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט, געאיבט די „הגנה"־מענטשן, ביז ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד, ווייל ער איז „אַ זיכערקייט־געפאַר פאַר דער אימפעריע פון זיין מאַיעסטעט"...

די גלבוע־בערג ווערן נישט דערמאָנט אין קיין שום אַלטערטימלעכן מקור, פאַרן תנ"ך. די פאָרשער וווּנדערן זיך. נאָענט צום אַזוי וויכטיקן מגידו, ממש ביי דער זייט פון אוראַלטן סטראַטעגישן און האַנדל־וועג „וויאַ מאַריס"; נאָך מער — צווישן אַט־די ביידע פלעצער, האָט מען דאָך די דאָזיקע הייכקייטן, לייכטע צו פאַרטיידיקן און גלייכצייטיק לייכט דורכצודרינגען, בעת די שווערע מלחמות, דעראָבערונגען, אין משך פון אַ יאָרטויזנט ביז די תנ"ך־צייטן, ווי נישט באַמערקט. די אָפּשטאַמונג פון נאָמען איז אַוודאי נישט באַוווּסט. דער באַקאַנטער קריסטלע־כער געלערנטער, פון די אַזוי־גערופענע „פאַטערס פון דער קירך" (330—420), היעראָנימוס, דער איבערזעצער פון תנ"ך אויף לאַטיין (די „חכמי לוד", מיט בר חנינא בראש, פלעגן קומען צו אים אין געהיים קיין בית־לחם, ווו ער איז פערציק יאָר געווען בראש פון אַ קלויסטער, און אים געלערנט העברעיש), האָט געהאַלטן, אַז גלבוע שטאַמט פון „גל־נובע", אַרויספּליסנדיקער קוואַל; כאָטש אויף די גלבוע־בערג גופא איז קיין איין קוואַל נישטאָ, אָבער צופוסנס פון זיי זענען פאַראַן זיבן קוואַלן פון זיסן שפּרודלדיקן וואַסער, וואָס טרינקען אָן און באַפרוכפּערן זינט יאָרטויזנטער די אַרטיקע טאָלן. דער נאָמען איז פאַרבליבן ביים אַראַבישן דאָרף גאַלבון, אָדער דזשאַלבון, וואָס אויסעביוס האָט אָנגערופן גאַלבוס. שפּעטער, אין פערצנטן יאָרהונדערט שרייבט אויך אשתורי הפרחי, אַז „די גלבוע־בערג ווערן אָנגערופן גלבון" („כפתור ופרח").

*

מוסטאַפאַ האָט ליב דאָ די בערג און טאָלן, ער איז צו זיי צוגעבונדן. קיין וווּנדער נישט. ער איז געבוירן געוואָרן און אויפגעוואַקסן — און לעבט ביז היינט — אין שאָטן פון די הרי־גלבוע, אין איין זייט, און גבעת־המורה, פון דער צווייטער זייט און זיינע זוניקע טעג און יאָרן האָט ער פאַרבראַכט אין די רומרייכע טאָלן צווישן זיי, ממש צופוסנס פון ביידע. קען ער די געשיכטע, דער עיקר די הייליקע שריפטן, וואָס דערציילן וועגן אַלע אַרומיקע פלעצער. עס דוכט זיך מיר אָפּט, אַז שאול המלך איז אין זיין דמיון נישט „מיינער, אַ יידישער קיניג" — סתם גאָר אַ מלך פון דאָזיקן לאַנד, וואָס איז אָנגעהעריק אים גלייך ווי מיר... אפשר טאַקע יאָ? פאַרוואָס דען נישט?

האָט זיך מיר אַמאָל געוואָלט ציטירן פאַר מוסטאַפאַן די שורות פון אברהם סוצקעווער:

צי הערסטו ווי אויף דעם גלבוע ווידער שטייגט דיין חיל?
די שווערד אויף וועלכער ביסט געפאַלן קלינגט אין יונגע הענט...
— — — — — — — — — — — — — — —
און אָט — אַ שטים: ישׂראל־קינד, אַן עדות דער גלבוע,
עס וועלן קיין מפּלות מער נישט זעטיקן דעם דור...
און שאול רייט אַוועק אויף נעפּלען. איבער פעלדזן גראָע —
טרומייטן שאַלן. ס'קרייט אַ האָן פאַרכישופט אין עין־דור".

(„ביי נאַכט אין עין־דור")

ניין, איך האָב קיין מאָל נישט געפּרוּווט אים איבערזעצן אָט־די שורות... וואָלט זיי מוסטאַפאַ פאַרשטאַנען ?... פאַרשטאַנען — אפשר יאָ, אָבער ווי אַזוי וואָלט ער די דאָזיקע שורות ג ע פ י ל ט ?...

*

אין גלבוע־מאַסיוו זענען די באַרג־שפּיצן וואָס טראָגן די נעמען פון ערשטן יידישן מלך, וועלכער איז דאָ אומגעקומען (הר שאול, 302 מעטער איבערן ים־ניוואָ), פון זיינע דריי זין, וועלכע זענען דאָ אומגעקומען צוזאַמען מיט אים: הר מלכּישוע (536 מ׳), הר אבינדב (440 מ׳) און דער דערמאָנטער גבעת־יהונתן; אויך הר אבנר (499 מ׳), אויפן נאָמען פון שאולס אַרמיי־קאָמאַנדיר. אָבער נאָך פריער, אין דער שופטים־עפּאָכע, זענען דאָ פאָרגעקומען צוויי וויכטיקע מלחמות פון די יידן. דבורה הנביאה האָט דאָ געפירט די מלחמה קעגן די כּנענים, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען פון מערב. אויף דער הייך פון 413 מעטער אויפן הר־גיבורים געפינען זיך רויִנען פון אַן אַראַביש דאָרף מיטן נאָמען מאַזאַר, וואָס די איינוווינערס האָבן פאַרלאָזט אין 1948 ; געבליבן אַן אינטערעסאַנטע קופּאָלאַרטיקע געביידע, אַ קבר פון „אַ־נעבי מאַזאַר", אַ מוסולמענישער נביא. די פאָרשער האַלטן, אַז דאָ איז געווען, דער נאָמען איז דורך די אַראַבער אַביסל געענדערט געוואָרן, די שטאָט מרוז, וואָס דבורה האָט פאַרשאָלטן אין איר שירה נאָכן זיג איבער יבין מלך כנען: „שילט מרוז, האָט געזאָגט דער מלאך פון גאָט, שילטן שילט אירע באַוווינער, ווייל זיי זענען נישט געקומען צו דער הילף פון גאָט, צו דער הילף פון גאָט צווישן די גיבורים" (שופטים ה׳, כ״ג). צופוסנס פון גלבוע, ביים חרוד־קוואַל און אויף די פעלדער פון מזרחדיקן עמק, האָט דער שופט גדעון געקעמפט קעגן די אַריינדרינגענדיקע מדיַנער. גדעון איז אַרויס מיט דריי הונדערט קעמפערס קעגן אַ ריזיקער מדין־אַרמיי „און האָט זיי אַלעמען געגעבן שופרות אין דער האַנט און ליידיקע קריג, און בראַנדהעלצער אין די קריג. — — — און זיי האָבן געבלאָזן אין די שופרות און האָבן צעבראָכן די קריג, און זיי האָבן געהאַלטן אין זייער לינקער האַנט די בראַנדהעלצער" (שופטים ז׳, ט״ז—כ׳). אינמיטן נאַכט, אויפגעוועקט דורך שופר־בלאָזן, אַרומגערינגלט מיט פלאַקערס, האָבן זיך די מדיַנער דערשראָקן און אַנטלאָפן... אין אָנדענק פון דעם — דער הר לפידים, פלאַקערס־באַרג (434 מעטער).

ווען מען האָט מיך צום ערשטן מאָל מאָביליזירט אין צה״ל, אין סוף 1949, האָט מען מיך געשיקט אין לאַגער „יזרעאל", ווו געוועזענע פּלמ״ח־זעלנער האָבן מיך געאיבט, געלערנט האַלטן אַ ביקס און שיסן... מיט אַ יאָר פריער איז דער לאַגער געגרינדעט געוואָרן, גלייך מיטן פּלאַן אים צו פאַרוואַנדלען אין אַ קיבוץ. יזרעאל געפינט זיך ביים מערבדיקן צוגאַנג צו די גלבוע־בערג, אויף אַ הייך פון 103 מעטער איבערן ים־ניוואָ, פון וואַנען מען קאָן אַריינבליקן אין גאַנצן מזרחדיקן עמק־יזרעאל, מיט זיינע אַלטע און נייע יישובים און זייערע שטענדיק־בליענדיקע פעלדער און סעדער. די עטלעכע צענדליק „האַלב־זעלנערס און האַלב־קיבוצניקעס", ווי איך האָב זיי גערופן, זענען אַלע געווען יונגעלייט שוין געבוירענע אין ארץ־ישראל, קינדער פון די אַרומיקע קיבוצים און פון עפולה. זיי האָבן געלעבט אין עטלעכע אַלטע אַראַבישע הייזער און אין געצעלטן. ווען זיי האָבן מיר דעם

ערשטן טאָג געזאָגט: „זאָלסט האָבן דרך־ארץ, דו געפינסט זיך אין דער געווע־זענער הויפּטשטאָט פון דער ייִדישער מלוכה...״ — האָב איך געשוויגן און אין זיך געשמייכלט, ווען זיי האָבן צוגעגעבן — „דו זעסט, יענע דאָרט אַלטע ווענט, אויבן, זענען פונעם פּאַלאַץ פון מלך אחאָב...״ קיין איבערבלייבענישן פון פּאַלאַץ פון די ישראל־מלכים איז נישט פאַרבליבן, די פלמ״חניקעס האָבן דעמאָלט זיך סתם גע־וויצלט מיט אַ פרישן נישט־יונגן זעלנער, אָבער די הויפּטשטאָט פון מלכות ישראל איז דאָ טאַקע יאָ געווען אין די גאָר אַלטע צייטן. פונקט ווי שונם, האָט יזרעאל געהערט צום שבט יששכר, ווען יהושע בן־נון האָט צעטיילט דאָס לאַנד צווישן די בני־ישראל: „...פאַר די קינדער פון יששכר לויט זייערע משפחות, און זייער געמאַרק איז געווען יזרעאל — — —״ (יהושע י״ט, י״ח). דעמאָלט, ד. ה. בערך אין עלפטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן, איז שוין יזרעאל געווען אַ יישוב, האָט עקזיסטירט, און איז, ווייזט אויס, געווען אַ וויכטיקער יישוב, ווייל אחאָב, דער קיניג פון מלכות ישראל האָט באַשטימט יזרעאל פאַר זיין ווינטערדיקער הויפּט־שטאָט (אין יאָר 870 בערך פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג). לויט די אַלט־ייִדישע מקורות זענען אין יזרעאל אויפגעבויט געוואָרן „פּראַכטפולע גע־ביידעס״, צווישן זיי דער קיניגלעכער פּאַלאַץ. די שטאָט איז געווען ארומגערינגלט דורך אַ באַפעסטיקטער מויער מיט אַ הויכן טורעם אין איר. אין יזרעאל זענען פאָרגעקומען פיל געשעענישן, וואָס ווערן באַשריבן אין תנ״ך.

די געביידע, אין חורבות, וואָס איך האָב דאָ געזען בעת מיין ערשטן באַזוך, שטאַמט פון מיטלאַלטער, איז געבויט געוואָרן, זעט אויס, אַלס פעסטונג־הויז. די מוסולמענער האָבן דאָ אַריינגעשטעלט אַ תפילה־שטענדער, געווענדט צו דער זייט פון מעקאַ און דעם בניין פאַרוואַנדלט אין אַ מעטשעט. דער בניין האָט געהאַט אונטערערדישע היילן, קברים, פונדאַמענטן פון פריערדיקע געביידעס. אויפן באַרג איבערן בניין האָט מען געפונען אין אויבערפלעכלעכע גראַבונגען, שערבלעך, שטיקלעך כלים פון זינט דער קאַלקוליטישער עפּאָכע (פערטער יאָרטויזנט פאַר קריסטוסן), דורך די בראָנדז־ און אייזן־תקופות, ווי פון דער פערסישער און בי־זאַנטישער צייט — „מען האָט דאָ געלעבט אָן איבעררייס...״

פון יזרעאל שטאַמט דער באַרימטער, אפשר צום מערסטן באַנוצטער, תנ״ך־זאָג: „הרצחת וגם ירשת?״. „נבות דער יזרעאלי האָט געהאַט אַ ווייגאָרטן וואָס איז געווען אין יזרעאל לעבן דעם פּאַלאַץ פון אחאב דעם מלך פון שומרון״ (מלכים א׳, כ״א). האָט דער מלך געוואָלט אָפּקויפן דעם ווייגאָרטן, אָבער נבות האָט נישט געוואָלט „אָפּגעבן די נחלה פון מיינע עלטערן״. איז ער דערמאָרדעט געוואָרן אויפן באַפעל פון דער קיניגן איזבל. דעמאָלט „איז אחאב אויפגעשטאַנען אַראָפּ־צוגיידערן צו דעם ווייגאָרטן פון נבות דעם יזרעאלי, כדי אים צו ירשען״ (דאָרט). דאָ איז צו אים געקומען אליהו התשבי און פאָרגעוואָרפן: „האָסט געהרגעט און ווילסט אויך יַרשען?״... בעת דער איבערקערעניש פון יהוא, וועלכער איז געוואָרן קיניג, געזאַלבט דורך אַ שליח פון נביא אלישע, „און יהוא איז געקומען קיין יזרעאל״, דאָ האָט ער דערמאָרדעט דעם קיניג יורם און זיין מוטער איזבל. הינט האָבן צעפרעסן איר טויטן קערפּער לעבן קיניגלעכן פּאַלאַץ אין יזרעאל: „דאָס איז דאָס וואָרט פון גאָט וואָס ער האָט גערעדט דורך זיין קנעכט אליהו דעם

תשבי, אַזוי צו זאָגן: אין דעם שטיק לאַנד פון יזרעאל וועלן די הינט עסן דאָס פלייש פון איזבלן" (מלכים ב׳ ט׳, ל״ו). עטלעכע דורות שפּעטער רעדט דער נביא הושע בן בארי וועגן צוריקבלי פון יזרעאל: „און איך וועל זיך רעכענען פאַר דעם בלוט פון יזרעאל. — — — און עס וועט זיין יענעם טאָג, וועל איך צעברעכן דעם בויגן פון ישראל אין טאָל פון יזרעאל. — — — זאָגט גאָט, וועל איך ענטפערן די הימלען, און זיי וועלן ענטפערן דער ערד, און די ערד וועט ענטפערן דער תבואה, און דעם וויַין, און דעם אייל, און זיי וועלן ענטפערן יזרעאל. און איך וועל זיי מיר איינזייען אין לאַנד" (הושע א׳, ד׳; ב׳, כ״ד).

אויף אַ שיפּועדיקן גראָז־פּלאַץ, געוועגדט צום טאָל אין דער זייט פון עפולה, האָט אַ פּלמ״חניק געלייענט פאַר אונדז, אַ שבת אינדערפרי, לאַנגע קאַפּיטלען פון תנ״ך, וואָס האָבן גערעדט וועגן יזרעאל, אירע מלכים און זקנים, און געענ־דיקט מיט אַ קונדסישן שמייכל: „די נבואות פון הושע בן־בארי זענען אָפּגעלייגט געוואָרן ביז אונדזער צייט... „איך וועל אומקערן די געפאַנגענשאַפט פון מיין פאָלק׳ — צוריק אַהער, אין דער מלכות־שטאָט יזרעאל..."

די בלי־עפּאָכע פון יזרעאל האָט זיך, ווייזט אויס, געענדיקט מיטן סוף פון דער עמרי־דינאַסטיע אין דער ישראל־מלוכה (יאָר 842 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג). שפּעטער ווערט די שטאָט נישט דערמאָנט אין תנ״ך. ביי אוי־סעביוס איז „יזרעאל, אַ גרויס דאָרף צווישן סקיטאָפּאָליס און לעגיאָ". אין דער צייט פון די קרייצציגלער איז יזרעאל געווען אַ וויכטיקער דורכפאַר־ און אָפּרו־אָרט צווישן נצרת און ירושלים און זיי האָבן זי גערופן „לאַ פּעטיט גערען", פון וועלכן עס איז שפּעטער אַנטשטאַנען דער אַראַבישער נאָמען זרעין. בנימין פון טודעלאַ האָט באַזוכט יזרעאל אין יאָר 1175 און ער האָט „געגעכטיקט ביי אַ יידישן פאַרבער". אשתורי הפרחי שרייבט שוין אין „כפתור ופרח", אין אָנהייב פערצנטן יאָרהונדערט, אַז „יזרעאל פון יששכר רופט מען היינט זרעין". שוין בעת דער טערקישער הערשאַפט, אין יאָר 1632, איז דאָ פאַרבייגעפאָרן אַ פראַנצויזי־שער מאָנאַך און שפּעטער געשריבן: „יזרעאל פאַרמאָגט איצט ביי הונדערט און פופציק הייזער פון מוסולמענער און יידן. — — — די איינוווינערס באַשעפטיקן זיך מיט רויב, ווי די אַראַבער און דעריבער קאָן מען אַהין נישט קומען מיט אַ געפיל פון זיכערקייט" (ע. ראָזשע, „לאַ טער סענט", באַרדאַ, 1646). ענלעך שרייבט אַ האָלענדער אין יאָר 1677: „אין אַלטן יזרעאל וווינען מוסולמענער און יידן, וועלכע לעבן פון רויבן און זיי באַשווערן די קריסטן אַהער צוצוקומען" (אַ. דאַפּער, „באַשרייבונג פון אַ רייזע אין פּאַלעסטינע").

פינצטער איז געווען יענעם אָוונט, אין יאָר 1949, ווען מיר זענען געזעסן אין גרויסן געצעלט — אייגער פון די אָפּטע איבעררייסן אין דער עלעקטרישער באַלייכטונג דעמאָלט — און חיים (עס געדענקט זיך: „רופט מיך „מיץ׳, מיין טאַטע הייסט מיצמאַכער") האָט געגעבן אַ ברייטע לעקציע וועגן „עמק־יזרעאל אין לויף פון דער געשיכטע". ער האָט געענדיקט: „מיטן טראַגישן טויט פון דער קי־ניגין איזבל, האָט זיך געענדיקט דער בלי־פּעריאָד נישט בלויז פון דער שטאָט יזרעאל, נאָר אויך דער גאַנצער פרוכטבאַרער טאָל אַרום און אַרום איז ווי פאַר־וויסט געוואָרן אויף אַ משך פון אַן אַכט און צוואַנציק יאָרהונדערטער. זיין נייער

בלי־פּעריאָד האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, אָבער מיר געפינען זיך נאָך אַלץ אין אָנהייב..."

1968

אין סולאָם — נאָך דרייסיק יאָר

דעם לעצטן ווינטער, אין אַ קאַלטן רעגנדיקן טאָג, האָט זיך מיינע אַ רייזע קיין עין־חרוד, פאַרוואַנדלט אין עפולה, אין אַ רייזע צו אַ פריינד אין אַראַבישן דאָרף דאַבוריע אויפן תבור־באַרג, אין באַגלייטונג פון אַן אַרבעט־חבר פון די ערשטע טעג אין ישראל. דעם לעצטן פּסח האָבן מוסטאַפאַ פון סולאָם און מאַכמוד פון דאַבוריע מיך באַזוכט אין תל־אביב. מען האָט זיך דערמאָנט איבערלעבונגען פון מיט דרייסיק יאָר צוריק און עס האָט צוריק אויפגעפלעמלט איינגעדרימלטע אַלטע פריינדשאַפט. אין אַ הייסן יוני־טאָג האָבן מיר זיך ווידער געטראָפן אויף דער צענטראַלער אויטאָבוסן־סטאַציע אין עפולה, כדי דורכצופירן דעם דריטן צוזאַמענטרעף, ביי מוסטאַפאַ אין סולאָם.

אין די לעצטע דרייסיק יאָר בין איך צענדליקער מאָל דורכגעפאָרן דעם שאָסיי פון עפולה קיין עין־חרוד, בית־שאן, פון דאַנען אויף צפון, ביז די דגניהס, צום ברעג פון כנרת. איך פלעג קוקן אויף די ערשטע צוויי קילאָמעטער, וואָס איך האָב אַזויפיל מאָל דורכגעשפּאַנט צופוס, געריטן אויף אַ ראַוועך, צי דורכגעשאָקלט זיך אויף אַ שווערן פויערישן וואָגן, געשפּאַנט מיט פערד, אָדער אפילו אַ בהמה; אָנגעוויזן מיינע מיטפאָרער, דערציילט וועגן יענע שווערע, אָבער גייסטיק־ליבע האָפענונגפולע ערשטע יאָרן אין לאַנד. אָבער צום ערשטן מאָל איצט, נאָך דריי יאָר־צענדליקער, האָב איך זיך פאַרקערעוועט אויפן שמאָלן וועג, לינקס, אויפן לייכטן באַרג־אַרויף צו די מרחביהס און סולאָם. בין איך געזעסן צווישן צוויי פריינד — וועלכע זענען קיינמאָל פון דאַנען נישט אַוועק — געשוויגן פאַרטראַכט און גע־קוקט דורכן אויטאָ־פענצטער ווי אויף פּוסטריט פון דער קינדהייט, ווי איך זאָל דאָ האָבן געיאָגט זיך אין דער פריער יוגנט... ווערט דאָך אַזוי וואַרעם אויפן האַרץ, ווען מען וואָגלט ווידער אויף דער עלטער איבער אַזעלכע נאָענטע וועגן... בפרט... מוסטאַפאַ, ווי ער זאָל לייענען מיינע געדאַנקען, רייסט מיר איבער ווען מיר פאָרן פאַרביי דעם טויער פון קיבוץ, וווּ עס שטייט דערלעבן די אַלטע געביידע, וווּ מיר האָבן דעמאָלט צוזאַמען געאַרבעט, און ער פרעגט: „געדענקסט ?..." און ער דערמאָנט אַזעלכעס, וואָס אַ מענטש פאַרגעסט קיינמאָל נישט.

דער טויער צום קיבוץ מיט דער דרוקעריי איז אויף רעכטס פון אונדז. לינקס, אין דער ווייט פון אַן אַנדערהאַלבן־צוויי קילאָמעטער, ווייַסן זיך די גע־ביידעס פון צענטראַלן עמק־שפּיטאָל. ווען איך בין אָנגעקומען פון שפּיטאָל מיט מיין פרוי און מיטן עטלעכע־טאָגיקן ערשטן טעכטערל אויף די הענט, איז פאָרן אַריינגאַנג אין דער דרוקעריי, כמעט ביים קיבוץ־טויער, געשטאַנען אַ געגרייטער טיש מיט משקה און כיבוד, און אַרום האָבן געוואַרט אויף אונדז אַלע אַרבעטער...

— דאָס איז געווען מיט מער ווי דרייסיק יאָר צוריק, און מיר זענען אין — ה י י נ ט...

באַלד טרינקען מיר „לחיים" ביי מוסטאַפאַ אין הויז, מיט אַ גלאָז פרוכט־

זאַפט. אין סולאַם טרינקט מען נישט, ווי דער „קאָראַן" האָט געבאָטן, אַוודאי נישט בפרהסיה, קיין אַלקאָהאָל.

אמת, סולאַם איז שווער צו דערקענען. די איילבירטן און מאַנדלביימער, צווישן וועלכע דאָס דאָרף איז צעשפּרייט, זענען העכער, גרעבער, צעצווייגטער געוואָרן. נאָרמאַל. אָבער די הייזער, ביים ראַנד, צי אין דער טיף פון די סעדער, זענען אין דער מערהייט אַנדערע, נייע, מאָדערנע — ווייניק געבליבן פון די אַלטע כאַטעס, געבויטע פון שטיין, ליים, געמישט מיט ציגל און אָפט הילצערנע שטיקלעך ווענט. אויף זייער אָרט שטייען שיינע געטינקטע הייזקעס, דאָ און דאָרט צוויי־שטאָקיקע. די געסלעך זענען נאָך נישט געפלאַסטערט אין דער מערהייט. אויף דעם פּלאַץ פון אַלטן קליינעם מעטשעט, איז שוין באַלד פאַרטיק אַ נייער גרויסער אימפּאָזאַנטער בית־תפילה.

מיר האָבן עפּעס איבערגעביסן, בעת אַ שמועס מיט דער פרוי און קינדער, און פאַרצויגן אַ נאַרגילע, אין מאָדערן־מעבלירטן סאַלאָן. דעמאָלט האָב איך ווי אַראָפּגעוואָרפן אַ שטיין פון האַרצן, פרעגנדיק דירעקט און פשוט:

„אַנטשולדיק מיר, מוסטאַפאַ, פאַר דער פראַגע... וואָס איז געשען מיט די דיווערסאַנטן פון סולאַם? ווו געפינט זיך מאַכמוד שאַמוט?"

מוסטאַפאַ איז געבליבן רויִק און געענטפערט מיט נאַטירלעכקייט: „האָסט נישט וואָס צו איבערבעטן, איך פאַרשטיי דיין אינטערעס... הער..." — האָט ער שטאַרקער פאַרצויגן די נאַרגילע — „פאַראַן דאָך פאַרשיידענע מענטשן, מיט ריכטיקע, אָדער אומבאַרעכטיקטע איבערצייגונגען. איך פאַרזיכער דיר, דער ,רוֹב רוּבוֹ', די איבערוויגנדיקע מערהייט אין סולאַם, ווי אין אַלע זועבי־כאַמולעס, זענען נישט בלויז געטרייע ישראל־בירגער און קעגנער פון טעראָר, נאָר זענען גרייט צו באַקעמפן די דיווערסאַנטן, ווייל זיי ברענגען שאָדן אויך אונדז, זענען שעדלעך פאַר סולאַם. מאַכמוד שאַמוט מיט זיין פרוי זענען פאַרמשפּט געוואָרן אויף אייביקער תפיסה און קומען אָפּ זייער שטראָף. נאָך צוויי פון דער פאַמיליע האָבן באַקומען קלענערע אורטיילן. זיי זענען צוריקגעקומען קיין סולאַם. איך בין איבערצייגט, אַז זיי וועלן מער נישט דורכפירן — און אפשר אויך נישט קאָנען... — קיין טעראָר־מעשים פון סולאַם".*

מוסטאַפאַ האָט גערעדט וועגן „זועבי־כאַמולעס". פאַקטיש איז דאָס אַ „זועבי־שבט", און אַ גרויסער. פיר דערפער אין דער געגנט, סולאַם, דאַכי, נין און תמרה, זענען באַוווינט, אין דער גרעסטער מערהייט דורך די זועבים. מוסטאַפאַס פאַמיליע־נאָמען איז אויך זועבי. ווי פאַרבייגייענדיק, נישט אָנבינדנדיק מיטן טעראָר, האָט מוסטאַפאַ שפּעטער דערציילט: „די משפחה שאַמוט געהער נישט צו די זועבים..."

הערנדיק, אַז סאַלימאַן כאַליל זועבי לעבט און איז געזונט, האָב איך געבעטן מיך פירן צו אים. ער איז געזעסן פאַר דער טיר פון זיין הויז און געדרעמלט.

---

* דאָס פאַרפאַלק שאַמוט איז לעצטנס באַפרייט געוואָרן, צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע טעראָריסטן, פאַר די פינף געפאַנגענע ישראל־זעלנערס אין טריפּאָלי, אין לבנון. זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן ישראל און קוים זיך געלאָזט איבערצייגן דורך די פאַרשטייערס פון „רויטן קרייץ", איינצושטייגן אין עראָפּלאַן קיין טוניס, לויטן אָפּמאַך מיט דער ישראל־רעגירונג.

„אדון סאָלימאַן כאַליל, שלום!" — ער האָט געעפנט די אויגן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיך גלייך דערקענט, אויסרופנדיק מיין נאָמען מיט „אהאַלעו וועסאַהאַ־לען". ער איז שוין געווען אַ זקן מיט דרייסיק יאָר צוריק. זיין העברעיִש איז מיט אשכנזישער אויסשפּראַך און אויסגעמישט מיט אַ סך יידישע ווערטער. „אַזוי האָב איך געלערנט אין מושב מרחביה, אַלס יינגל. דאָס איז עברית..." אין מושב איז געווען זיין ערשטער אַרבעט־פּלאַץ. איך פּלעג ליב האָבן פון אים צו הערן וועגן די ערשטע יאָרן פון קיבוץ מרחביה, ווו ער איז אַריבער אַרבעטן באַלד נאָך זיין גרינדונג און ער שטאָלצירט שטענדיק: „איך האָב געאַרבעט אין היגערשטייג צוזאַמען מיט גאָלדע מאיר. איך האָב איר געלערנט צו דערקענען צווישן אַ הינדל און אַ הענדל..." שפּעטער האָט ער געאַרבעט אין דער מלוכהשער אָפּטיילונג פאַר עפנטלעכע אַרבעטן אין עפולה, פון די מאַנדאַט־צייטן אָן און אַרויס אויף עמעריטור מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק, „און אפשר נאָך פריער". יעדנפאַלס, דער עלטסטער מאַן אין דאָרף און ביי יעדן עניין בעט מען זיין עצה.

סולאַם איז איינס פון די צענדליקער אַראַבישע דערפער אין ישראל, וואָס באַזיצן נישט קיין מוניציפּאַלע מאַכט. דער אַלטער סאָלימאַן כאַליל האַלט, אַז „אַזוי איז בעסער... אַ מוניציפּאַליטעט קאָסט אַ סך געלט..." ער גלייבט נישט, אַז „די רעגירונג וועט אויסהאַלטן אָן אַרטיקע דאָרף־מאַכט. צו וואָס דאַרף זי דאָס ?..." און כאַליל גיט פּלוצלינג צו: „אויב מען וועט שאַפן אַ געזעצלעכע אַרטיקע מאַכט, וועט ,גוש אמונים' האָבן צו וועמען זיך צו ווענדן..." איך קוק אים אָן דערשטוינט: „ווי קומט אַהער ,גוש אמונים'?" דער אַלטער ענטפערט ערנסט, וואָס די אַרומיקע באַשטעטיקן: „איך האָב ביי אונדז קיינמאָל נישט געזען קיין רעליגיעזע יידן, זיי זענען קיינמאָל נישט געקומען קיין סולאַם. אָבער לעצ־טנס קומען צו אונדז אָפט יידן מיט קאַפּעלעך אויף די קעפּ, מיט ציצות, זיי זאָגן אַז זיי ווילן צוריקקערן צום אָרט ווו עס איז געבוירן געוואָרן שולמית, די מוטער פון דוד המלך..."

מוסטאַפאַ האַקט אים איבער, אָבער רעדט שטיל, מיט דרך־ארץ: „איך האָב דיר שוין געזאָגט, יאָ, סאָלימאַן כאַליל, נישט שולמית, נאָר אבישג השונמית, און זי איז נישט געווען דוד המלכס מאַמע, נאָר אַ דינסט..."

„אַ נפקא מינה, שולמית, שונמית... זיי האָבן געזאָגט דודס... ווייס איך וואָס..." — ווערט דער אַלטער אומגעדולדיק — „זיי האָבן נישט וואָס צו זוכן אין סולאַם. מיר האָבן נישט גענוג פּלאַץ פאַר אונדזערע אייגענע הייזער..."

עז אל־דין זועבי, אַ מאַגיסטער פון געאָגראַפיע פון חיפהער אוניווערסיטעט, איז אַ גימנאַזיע־דירעקטאָר אין נצרת, פון וואַנען ער קומט יעדן טאָג אַהיים נאָך דער אַרבעט און פאַרנעמט זיך פרייוויליק מיט אַדמיניסטראַטיווער אָרגאַניזאַציע אין דאָרף. ער דערקלערט, אַז „דאָס נישט צוטיילן סולאַם קיין זעלבפאַרוואַלטונג־סטאַטוס איז אין קעגנזאַץ צו די גלייכקייט־געזעצן פון מדינת־ישראל. מיר טוען טאַקע אַליין אַ סך, אָבער עס פעלט אונדז געזעצלעכע אויספיר־מאַכט און די מאַטעריעלע שטיצע וואָס עס קומט אונדז פון אינערן־מיניסטעריום". אין 1972 האָט ער אָרגאַניזירט אַ „פרייוויליקן אָרט־קאָמיטעט", אָבער בלויז „אַד האָק", גיט ער צו. ער איז מיט רעכט שטאָלץ: „די גערנוויליקע צוזאַמענאַרבעט פון אַלע

איינוווינערס האָט דערמעגלעכט דורכצופירן וואַסערלייטונג פאַרן גאַנצן דאָרף, אין יעדן הויז אַריין; פּאַראייניקן סולאָם צו דער לאַנד־נעץ פון עלעקטרישער באַ־לייכטונג; אַ גרויסע נייע אַמבולאַטאָריע פון דער קראַנקן־קאַסע פון דער הס־תדרות. די אונטערנעמונג אַרויסצופירן דאָס מיסט, זעסטו, אַרבעט נאָך נישט ווי געהעריק — ס'איז אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג, יעדעס הויז דאַרף צאָלן טויזנט שקלים אַ חודש און כמעט אַ העלפט צאָלט נישט און מיר האָבן נישט די מאַכט דאָס אַרויפצוצווינגען...״ זיין לעצטע גאווה איז דער נייער מעטשעט, „אַ געביידע וואָס וועט באַשיינען אונדזער דאָרף״. ער ענטפערט אויף מיינער אַ פראַגע: „דאָס רעליגיעס־מיניסטעריום גיט דערצו אַ גרויסע הילף, אָבער דער גרעסטער טייל ווערט געדעקט דורך די איינוווינערס גופא״.

עז אל־דין איז אַ טוער פון דער אַרבעט־פּאַרטיי, פּאַרזיצער פון אָרטיקן אַרבעטער־ראָט ביי דער הסתדרות. דער דירעקטאָר פון דער דאָרף־שול כּאַסאַן זועבי, אַ מפ"ם־טוער, האָט מורא פאַר אַן אָרטיקן ראָט. „דאָס וועט צעטיילן די איינוווינערס לויט פּאַרטייען, משפחה־ליסטעס און ברענגען צו קריגערייען. נאָך וואָס איז דאָס אונדז נייטיק? מיר האָבן אָן דעם דורכגעפירט וויכטיקע אַקציעס פאַרן דאָרף. מיר דאַרפן פאַרזעצן אויף דעם וועג״. באַלד איז ער זיך אַליין סותר. דער פריירווילליקער קאָמיטעט האָט אויפגעבויט שול־קלאַסן, וואָס זענען אין דעם מאָמענט גענוגנדיק. אָבער „עס איז נישט געווען קיין געלט אויף סאַניטאַציע־באַדינונגען און עס איז נישטאָ קיין אַדרעס ווו זיך צו ווענדן... דאָס בילדונג־מיניסטעריום האָט צוגעטראָגן זיין טייל, ווי עס ווערט פאַרגעזען. אָבער יעדעס יאָר דאַרפן מיר אַ נייע קלאַס...״ אין יאָר 1972 האָט סולאָם געהאַט זיבן הונדערט און זעכציק איינוווינערס, אין 1983 שטייגט זייער צאָל אַריבער פערצן הונדערט.

די מאַטעריעלע לאַגע אין דאָרף איז אַ גוטע. רושטאַוואַניעס פון נייע הייזער אין בוי, די קליינע געוועלבלעך זענען פול מיט קונים אין הייסן מיטן טאָג. ביי אַ סך הייזער שטייען אויטאָס. אין פעלד רוישט דער טראַקטאָר דעם גאַנצן טאָג. מעקדאַד זועבי, וועלכער באַגלייט אונדז פאַרנאַכט איבערן דאָרף, אַרבעט אין דער פאַבריק פון פּלאַסטישע אויסאַרבעטונגען „פּלסים״ אין קיבוץ מרחביה. ער פאַרדינט זייער גוט. „קיין אַרבעט אין דאָרף פעלט נישט. מען אַרבעט אין דער מילכערייַ אין תל־יוסף און אין ‚תנובה' אין עפולה; ביי טעקסטיל אין עפולה־עילית איז שטענדיק פאַראַן אַרבעט״. מוסטאַפאַ גיט צו: „פאַרשטייט זיך, פון די טויזנט דונאַם לאַנדווירטשאַפטלעכן באָדן וואָס איז אונדז פאַרבליבן, קאָנען נישט לעבן קיין סך פּאַלאַכן־משפחות. אָבער ווען פינף זין אונדזערע האָבן שוין געענ־דיקט די אַגראַר־שול ‚כדורי', באַקומט מען פון ווייניק באָדן אַרויס אַ סך פּרוכטן...״

נאָר די שמאָלע געסלעך זענען געבליבן נישט ברוקירט, ווי אַמאָל, און זיי זענען בלאָטיק אפילו אין מיטן יוני — עס פּליסט אין שמאָלע אָפענע ראָוועס די קאַנאַליזאַציע פון די הייזער.

מוסטאַפאַ האָט טרויעריק געשמייכלט: „מיר נייטיקן זיך אין אַ פּראָטעקציע פון אַן ‚אבישג' ביים מלך, אָדער פון דער ‚רייכער שונמית' ביים ‚געטלעכן מאַן'...״

1983

מלפישוע אין די גלבוע־בערג

ווען איך קום נאָר אין עמק־יזרעאל דערפיל איך זיך ווי פאַריינגערט... דאָ האָב איך פאַרבראַכט מיינע ערשטע, שווערע און פריידיקע, יאָרן אין לאַנד. דאָ ערגעץ, אין די טאָלן צווישן עפולה און בית־שאן, אַרום די מרחביהס און קוואַל פון עין־חרוד, צווישן די בערג גבעת־המורה און תבור, פון איין זייט, און גלבוע־קייט פון דער צווייטער, האָבן, דוכט מיר, זיך אַריינגעפלאַנצט מיינע וואָרצלען, וואָס האָבן מיך צוריק פאַרבונדן מיטן אַלטניילאַנד. פיל איך זיך שטענדיק אין עמק־יזרעאל, ווי איך זאָל צוריקקומען אויף די ערטער פון מיין קינדהייט, אויף וועגן איבער וועלכע איך האָב געמאַכט מיינע ערשטע שריט...

איך בין איצט געפאָרן אין צענטראַלן עמק־שפּיטאָל ביי עפולה מבקר־חולה זיין אַ פריינד. אַ געזונטער שוין, פאַרן אַהיימגיין, האָט ער מיך געפירט איבער די מאָדערנע אָפּטיילונגען און אַמבולאַטאָריעס. אַן אַלטער אָנגעזעענער תושב פון עפולה, איז ער דאָ אַ שטיקל „בעל־הבית".

„ווי עס איז זיך צעוואַקסן, אַנטוויקלט זינט דעמאָלט..." — איך בין שוין דאָ נישט געווען דרייסיק יאָר.

„דו פאַרגעסט..." — ענטפערט ער — „אונדזערע קינדער האָבן אונדז דאָך שוין באַגליקט מיט אייניקלעך..." — זיינע צוויי זין און מיינע בײדע טעכטער זענען געבוירן געוואָרן, „אין יענע צייטן", אין דאָזיקן שפּיטאָל.

איינער פון מיין פריינדס זין איז געקומען באַזוכן דעם טאַטן. איינזיצנדיק צוריקוועגס אין זיין אויטאָ, האָט ער מיך געפרעגט: „וווהין ווילסטו צופאָרן ?" איך האָב געבעטן מיך פירן אַהין, „ווו מיר זענען געווען פאַראַיאָרן זומער".

אין אַ הייסן זומער־טאָג פון 1982 בין איך צוריקגעפאָרן פון אַ זשורנאַליסטן־רייזע אין לבנון. אין חדרה האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע קאָלעגן און אַריינגעפאָרן קיין עפולה, באַזוכן די דאָזיקע פריינד.

*

יענעם טאָג איז אין „דבר" געווען אַ באַשרייבונג פון אַ נייעם ציוויל־גע־מאַכטן נח"ל־יישוב אין די גלבוע־בערג, וואָס איז פון אַ מיליטערישן „אָנהאַלט־פונקט" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ציווילן קיבוץ. מלכּישוע רופט זיך דער נייער יישוב, אויפן שפּיץ באַרג מיטן זעלבן נאָמען, אין אָנדענק פון שאול המלכס זון, וועלכער איז דאָ אומגעקומען צוזאַמען מיט זיין פאָטער און ברידער אין דער מלחמה קעגן די פלשתים: „און די פלשתים האָבן אָנגעיאָגט שאולן און זיינע זין, און די פלשתים האָבן דערשלאָגן יהונתן, און אבינדב, און מלכּישוע, די זין פון שאולן" (שמואל א', ל"א, ב'). און געלייענט האָבן מיר דעמאָלט אין „דבר": „עפּעס מער ווי אַ חודש נאָך דער צערעמאָניע פון ציוויל־מאַכן, ווען עס האָבן זיך איינגעשטילט די דונערן פון באָמבאַרדירונגען אין צפון און די צייטונגען האָבן זיך גענומען באַשעפטיקן אויך מיט וויניקער וויכטיקע זאַכן ווי די מלחמה, זענען מיר געפאָרן קיין מלכּישוע".

זענען אויך מיר געפאָרן קיין מלכּישוע — אַ נייער יישוב אויף די בערג, אויף וועלכע עס ליגט לויט דער אגדה דוד המלכס קללה „אַל טל ואַל מטר עליכם".

ביז לעצטנס איז מעלה־הגלבוע געווען דער איינציקער יישוב אויף דער היסטאָרישער באַרג־קייט צווישן עמק יזרעאל און עמק בית־שאָן. מיר זענען ביז מעלה־הגלבוע געפאָרן איבער אַן אַספאַלטירטן שאָסיי, מיט וואַלד איןביידע זייטן, אָדער גרינענדיקע פעלדער. אָן טוי און אָן רעגן ?... פון דאַנען קיין מלכישוע איז דער וועג נאָך אַ פעלדזיקער, אַ בולדאָזער גלייכט אים איצט. אויך דאָ איז באַוואַלדיקט אַרום. עס גרינען שוין פעלדער.

מעלה הגלבוע, געגרינדעט אין 1962, איז געווען דער פופצנטער קיבוץ פונעם „קיבוץ הדתי״, אויך געשאַפן דורך אַ רעליגיעזן נח״ל־גרעין אין די ראַמען פון „הפועל המזרחי״. שוין היינט אַן איינגעפונדעוועטער צעבויטער קיבוץ, אויפן באַרג־שפּיץ מצפה־הגלבוע, 475 מעטער איבערן ים־ניוואָ, האָט ער „געהאַלטן אויף דער לערע״, ווי עס דערציילט אורנה זהבי, די סעקרעטאַרין, „אונדזער גרעין און אונדז געוויזן די רעליגיעזע און וועלטלעכע קיבוץ־דרכים״. און, אינגאַנצן געציילטע קילאָמעטער פון „לערער־קיבוץ״, אַ ביסל העכער, 536 מעטער איבערן ים־ניוואָ, האָט זיך באַזעצט דער זעכצנטער קיבוץ פון „הפועל המזרחי״. זיי זענען דאָ נאָך צייטווייליק, אַ קילאָמעטער־צוויי צפונדיק בויט מען שוין זייער סטאַבילן יישוב, ווו „מיר וועלן אַראָפּנידערן, זיך דערווייטערן עטוואָס פון הימל, אָבער נישט, חלילה, פון גאָט...״ — שמייכלט אורנה. דער סטאַבילער פלאַץ פון קיבוץ געפינט זיך אויפן שפּיץ פון באַרג אמינדב, בלויז 475 מעטער די הייך.

אורנה איז אַ טאָכטער פון רעליגיעזן קיבוץ סעד, אין דרום. אין דער אָנפירונג פונעם נייעם קיבוץ איז די מערהייט פרויען, „די מענער־חברים פון גרעין געפינען זיך נאָך אין דער אַרמיי, איצט אַלע אין לבנון. אַלע זענען מיר נאָך נישט פאַרהייראַטע...״ גיט זי צו מיט אַ שמייכל — „נישטאָ נאָך קיין צייט, און אויך נישט קיין באַדינגונגען, אויפצושטעלן משפחות, אָבער בקרוב...״ אויך ורדית און עופר זענען קיבוץ־קינדער, געבוירענע אין טירת־צבי, דעם ערשטן און פיל־געליטענעם רעליגיעזן קיבוץ און ערשטער יידישער יישוב אין דרום פון בית־שאָן־טאָל, אַנטשטאַנען אין 1937. אביטל און שפרה זענען שטאָטישע, דערצויגענע אין „בני־עקיבא״. צוזאַמען מיט דער יונגער, איין און צוואַנציק־יאָריקער, סעקרעטאַרין, זיצן מיט אונדז צוויי עלטערע קיבוצניקעס, מנחם טרופער און אלקנה בן־יצחק, וואָס זייער קיבוץ שדה־אליהו האָט „אַדאָפּטירט״ דעם נייעם קיבוץ. „מיר העלפן זיי, מיט ראַט און טאַט, צייטווייליק בלויז״ — זאָגט מנחם — „אָפּט גייען מיר אויף אַ דינעם שטריק... העלפן און נישט מישן זיך אין די אינערלעכע ענייִנים, איז נישט לייכט, אָבער דאָס איז אונדזער אויפגאַבע״.

מיר האָבן באַזוכט, נאָך אַ יאָר ווי זיי זענען „אויפן באָדן״, כאָטש נישט אויפן סטאַבילן פלאַץ, די באַשיידענע וווין־ און ציבור־צריפים. אַ טייל נאָך אָן סאַניטאַרע איינריכטונגען, דריי חברים אין איין צימער מיט ווייניקער ווי באַשיידענער מעבלירונג און אויסשטאַטונג. „עס דערמאָנט מיר די ערשטע קיבוץ־וווינונגען, וואָס איך האָב באַקענט בעת מיין קומען אין לאַנד אַריין״ — זאָג איך. „פאַרוואָס זאָל היינט זיין אַנדערש ? חלוציזם ענדערט זיך נישט...״ — ענטפערט אורנה און זי שטאָלצירט : „אונדזערע מאַטעריעלע הכנסות זענען שוין גאַנץ גוטע״. זיי האָבן אויפן אָרט אַ קליינע אונטערנעמונג, „מפעל קט...״ — ווי זי שטרייכט אונטער —

„אַ קליינטשיקער". זיי אַרבעטן אויס בלומענטעפּ, וואַזאַנעס, מיט לעבעדיקע גע־וויקסן און אויך פון פּלאַסטיק, „צו באַשיינען יידישע הייזער, און מיר גלויבן און פּלאַנירן דאָס צו עקספּאָרטירן". די איבעריקע חברים אַרבעטן ביי פאַרשיידענע זאַכן: אין בשותפותדיקע געגנטלעכע פּרדסים, אין דער מערן־קאָנסערוון־אונטער־נעמונג אין מעלה־הגלבוע; זיי זייען שוין און נעמען אַראָפּ פון פעלד סאַלאַט־בלעטער אויף עקספּאָרט, דאָס זעלבע פאַרזיי־קערנער פון ציבל און קאַלאַפּיאָרן. זיי וואַרטן שוין צו באַאַרבעטן די צוגעזאָגטע ערד, וואָס זיי וועלן באַקומען פון די שכנותדיקע קיבוצים אין טאָל. „אויף אבינדב וועלן מיר אויפבויען אַן אַפּרו־הויז, וואָס וועט צוציען, צוליב דער באַרג־לופט, געסט פון לאַנד און פון אויס־לאַנד".

זיי רעדן וועגן אַלץ, נישט בלויז מיט האָפענונג, נאָר מיט טיפן גלויבן, „אַלץ איז דאָך מעגלעך און דורכפירבאַר, נישט קיין פאַנטאַזיעס און סתם חלומות..." מענטשן מיט אמונה, ערלעכער און אויפריכטיקער. אמונה און מסורה זענען אַ טייל פון זייער טאָג־טעגלעכן לעבן. דער צריף פון בית־כנסת שטייט אין צענטער פונעם הויף. דער אַרבעטסטאָג הייבט זיך אָן — „מיט אַ האַלבער שעה פריער ווי אין די וועלטלעכע קיבוצים" — אַזייגער 4.30 באַגינען, מיט תפילת שחרית; צוליבן אָפּטן רעזערוו־דינסט פון די חברים, און נאָך סטאַבילן מיליטער־דינסט פון אַ גרויסן טייל, איז נישט שטענדיק פאַראַן אַ מנין צום דאַווענען, און „כ'ווייס נישט צי וועסט עס פאַרשטיין — דאָס איז ביי אונדז אַ פּראָבלעם". איך גלויב זיי און פאַרשטיי. אָפּגעזונדערט אויף דער באַרג־הייך, „איזאַלירט", קאָן זיך דוכטן אַ פרעמדן, זעט מען אַז זיי לאַנגווייליקן זיך נישט. זיי קריסטאַליזירן און שטעלן שוין איין אייגנאַרטיקע טאָג־טעגלעכע לעבנספאָרמען, וואָס וועלן זיכער אַנט־וויקלען אַן אָרגאַניזירט רעליגיעז לעבן, וואָס וועט פאַראייניקן תורה מיט אַרבעט: קורסן פון גמרא, הלכה, משניות. און ספּעציעלע לעקציעס וועגן שמיטה־יאָר, אַרבעט אין חול־המועד — „דאָס וועט זיין אַ טייל פון אונדזער לעבן..."

און פּאָליטיק? — פאַלט, ווי פון זיך אַליין, אַ פראַגע. ענטפערט אביטל: „די פּאָליטישע פּראָבלעמען שטייען נישט אין צענטער פונעם לעבן אין מלכישוע. פאַראַן פּאָליטישע מיינונג־פאַרשיידנקייטן, כאָטש נישט קיין שאַרפע און נישט קיין טיפע. אין סך־הכל קומען מיר דאָך פון איין באַוועגונג און די פּאָליטישע אָנשווינגען זענען גאָר נאָענטע". מען זעט, אָבער, אויך אַ ווילן און אָנשטרענ־גונג, אויסצומיידן איבעריקע מחלוקתן. „מען קאָן דאָך דיסקוטירן איבער יעדער זאַך, נישט בלויז וועגן פּאָליטיק..." למשל? אין „ידיעון" פון קיבוץ, וואָס זיי גיבן שוין אַרויס, דיסקוטירן צוויי וועגן דער פאָרם און „די ריכטונג פון די פענצ־טער" אין „בית־התרבות", וואָס ווערט שוין געבויט אויף זייער סטאַבילן קומענ־דיקן פּלאַץ אויפן אבינדב־באַרג.

דער „ידיעון" הייבט זיך אָן מיטן כאַראַקטעריסטישן פּסוק: „און איך האָב באַפוילן אייך יענער צייט, אַזוי צו זאָגן: יהוה אייער גאָט האָט אייך געגעבן דאָס דאָזיקע לאַנד עס צו אַרבן; זאָלט איר, אַלע העלדישע יונגען, חלוצים, אַריבערגיין געוואָפנט פאַראויס פאַר אייערע ברידער, די קינדער פון ישראל" (דברים ג', י"ח). ווייטער — אויסגעווײלטע חז"ל־ווערטער; מען דערקענט לייכט, אַז זיי באַנוצן

און קענען גוט דעם „ספר האגדה" פון ביאַליק און רבניצקי —ביידע וואָלטן ביי זיי קיין אויטאָרן־רעכט נישט געפאָדערט...

*

מען פרייט זיך אין מילכישוע מיט געסט, „אפילו זשורנאַליסטן..." — שמייכלט אורנה. מען קומט נאָך צו זיי ווייניק, „עס וועט זיך ענדערן ווען דער שאָסיי וועט זיין געפלאַסטערט". דערווייל איז טאַקע שווער צוצוקומען. די פאַרשפּרייט־אונ־טערנעמונגען פון זאַכן פאַרן טאָג־טעגלעכן געברויך, אויך שפּייז־אַרטיקלען, „פוילן זיך" צו קומען דירעקט קיין מלכישוע, לאָזן פאַר זיי די באַשטעלונגען אין מעלה־הגלבוע. זענען זיי דעריבער אַזוי דאַנקבאַר דער אַלגעמיינער הסתדרותישער קופּת־חולים, וואָס שיקט צו זיי אַ דאָקטאָר, האַלט אויף אַן אַמבולאַטאָריע. דער פאַר־באַנד פון „קיבוץ הדתי" העלפט זיי אויף אַלע געביטן. זיי „האָפן, אַז אונדזערע ,אַדאָפּטירער' פון שדה־אליהו וועלן אונדז אָפּט באַזוכן, כאָטש מיר ווייסן, ווי שווער דאָס איז, ווען מען איז נישט מחלל־שבת..." — שבת רוט מען פולשטענדיק, מען לערנט, „מען האַלט זיך אונטער צווישן זיך, ווען קיין שבת־געסט זענען נישטאָ". פאַרלאָזן זיי זיך טאַקע צום מערסטן אויף זיך אַליין און גלויבן אין אַלטן „יידישן יחד", ווי עס שרייבט ורדית אין זייער „ידיעון":

„מיר ווילן ווידעראַמאָל איבערחזרן און בעטן די חברים גוט צו באַטראַכטן יעדן אוועקפאָר אויף שבת און יום־טוב. עס איז פאַר אונדז וויכטיק און נויט־וועגדיק די יום־טוב־אַטמאָספער אין מלכישוע, און עס איז נישט דאָס זעלבע אַ קליין הייפל חברים ווי אַ גרויסער ציבור. איך בעט, באַמת זיך מצמצם זיין אייערע אַרויספאָרן ווי ווייט מעגלעך. און מיר וועלן די שבתים און יום־טובים הבאים עלינו לטובה פייערן ברוב עם ובהדרת מלך, דאָ אין אונדזער היים, אין מלכישוע".

פייערן „מאַסנהאַפט און מיט קיניגלעכן פּראַכט".

מיין באַגלייטער, דער יונגער זון־שכן פון עפולה, האָט צוגעשריבן ביי די ווערטער: „כן יהי רצון".

ווי קאָן מען ווינטשן אַנדערש אַזאַ יונגער גרופּע עכטע חלוצים, מיט אַזאַ אויפריכטיקן גלויבן?...

1983

צוריק אין קיבוץ גבעת־עוז

יענער טאָג האָט זיך מיר אויף שטענדיק איינגעקריצט אין זכרון. ווי קאָן מען דאָס פאַרגעסן ?...

עס איז געווען שוין אַ קילער הארבסט־טאָג פון 1949. אַ דריי חדשים נאָך מיין אָנקום קיין ישראל און העכער צוויי חדשים ווי איך האָב געאַרבעט אין דער דרוקעריי פון קיבוץ מרחביה. די דרוקעריי האָט זיך געפונען אין אַ הויכער געביידע ביים אַריינגאַנג פון קיבוץ און פאַרנומען דעם גאַנצן פּאַרטער־שטאָק. אויפן ערשטן שטאָק האָבן זיך געפונען די ביוראָען פון „הקיבוץ הארצי" און טאָג־טעגלעך איז דאָרט געפירט געוואָרן די רוישיקע טעטיקייט נישט בלויז פון דער קיבוצים־באַוועגונג „השומר הצעיר", נאָר אויך פון דער פּאַרטיי. יענעם טאָג האָט מען אין הויז געגרייט עפּעס פּלאַקאַטן, טראַנספּאַרענטן און עטלעכע יונגע חברה האָבן זיך געדרייט אַרויף און אַראָפּ.

אויף מיינער אַ פראַגע, האָט מען מיר געענטפערט: „נישט ווייט פון דאַנען, אויך אין עמק־יזרעאל, קומט פאָר די ,עליה על הקרקע' פון אַ נייעם קיבוץ".

„אַרויפגאַנג אויפן באָדן..." — אַ נייער פאַר מיר באַגריף. מען גרייט אַ יום־טוב, אַ פייערונג. עס וועט אַנטשטיין אַ נייער קיבוץ... אָט וועל איך זען, ווי דאָס צעבליטע, אַנטוויקלטע מרחביה האָט אָנגעהויבן אַמאָל, אין די מאַלאַריע־צייטן. איך האָב געמיינט אַז איך וועל טרעפן נאָך קראַנקע זומפּן, וועגן וועלכע מען דערציילט מיר אַזויפיל...

איך האָב גענומען דעם ערשטן פרייען טאָג אויפן חשבון פון מיין יערלעכן אורלויב און בין מיטגעפאָרן, צוזאַמען מיט צענדליקער חברים פון קיבוץ מר־חביה, וווּ איך האָב, אויסער דער אַרבעט, אויך געוווינט און געגעסן.

עס איז געווען דער פייערלעכער טאָג פון דער „עליה על הקרקע" פונעם קיבוץ גבעת־עוז.

פוסטער באָדן איז נאָך געווען אַרום־און־אַרום. עס זענען געשטאַנען שוין אַ צוויי־דריי הילצערנעביידלעך, די באַקאַנטע אין ישראל „צריפים", עטלעכע געצעלטן. קיין זומפּן זענען, פאַרשטענדלעך, נישט געווען, נאָר געצויגן שוין וואַסער־רערן צווישן צעאַקערטע בייטן. אַ דריי צענדליק יונגע מענער און פרויען האָבן דעם טאָג זיך באַזעצט דאָ און אָנגעהויבן פירן אַ געאָרדנט קאָלעקטיוו לעבן, וואָס נאָר, ווייזט זיך אַרויס, יידישע חלוצים קאָנען. מען האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר די ערשטע געמויערטע בניינים — דאָס קינדער־הויז און דעם געמיינזאַמען עס־זאַל, דער „חדר־האוכל", וואָס איז אין קיבוץ דאָן געווען אומעטום אויך דער קלוב, פאַרוויילונג־זאַל, פאַרזאַמלונג־רוים.

אַ יונגער בחור פון די קיבוץ־גרינדערס האָט געלייענט די יסוד־מגילה וואָס איז איינגעמויערט געוואָרן אין פונדאַמענט פון דער הויפּט־געביידע: „צופוסנס פון די שומרון־בערג, אין ראַנד פון עמק־יזרעאל, באַזעצן מיר זיך און בויען

אונדזער היים אויף דער ערד פון די אבות. אונדזער יישוב און זיין נאָמען וועט פּאַראייביקן דעם מוט און די גבורה, וואָס אונדזערע קעמפּערס האָבן דאָ אַרויס־געוויזן מיט אַ יאָר צוריק אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, אָפּשטויסנדיק פון דאַנען דעם שונא, וועלכער האָט באַדראָט דעם גאַנצן יידישן עמק". דער נאָמען איז טאַקע אַ ניי׳ער, אין אָנדענק פון די זעלבשטענדיקייט־קאַמפן, גבעת־עוז, דאָס בערגל פון מוט. בערגל ?... מיר געפינען זיך אינגאַנצן ביי הונדערט און דרייסיק מעטער איבערן ים־פלאַך, נאָר די טאַל־פליינען אויף מזרח און צפון האָבן אויס־געזען ווי אַריינגעזעצטע אין אַ טיפקייט. צו עפולה האָט מען אַראָפּגעקוקט, נצרת, אַביסל ווייטער, נאָך טיפער. דער קופּאָלאַרטיקער תבור־באַרג האָט אָפּגעצ־שניטן דעם האָריזאָנט אין צפון־מזרחדיקן ווינקל און ווי צונויפגעוואָקסן מיט אים האָט אויסגעזען דער פלאַך־אַראָפּנידעריקנדיקער גבעת־המורה. און מערב־צפונדיק, כמעט אין אַ גלייכער ליניע, האָבן זיך די שומרון־בערג אַריינגעגאָסן אין הויכן ווייטן כרמל־מאַסיוו.

מאיר יערי, דער פאַרערטער פירער פון דער באַוועגונג, האָט באַקומען דעם כבוד צו גיסן די ערשטע קעלניע צעמענט אין פונדאַמענט. זיין שטים האָט נאָך דעמאָלט יוגנטלעך געקלונגען און מיט עכאָס אָוועק אין די ווייטן, צו באַרג און טאָל. „מיר האָבן באַפרוכפּערט די מאַלאַריע־טאָלן פון עמק־יזרעאל, באַאַרבעט אים נאָך יאָרטויזנטער פאַרוויסטקייט. און מיר זעצן פאָר, מיט מער אייפער, מיט מער כוח אין דער אייגענער אומאָפּהענגיקער מדינה, וואָס מיר האָבן דורך אַרבעט, מי און קאַמפן באַנייט נאָך צוויי טויזנט גלות־יאָרן" — געדענקען זיך מער־ווייניק יעריס ווערטער — „מיר בויען נישט סתם, מיר באַנייען אונדזער אַלטניילאַנד. ליגט דאָך דאָ, לעבן אונדז, מגידו, ווו מיר דערגייען אין אונדזער עבר באַלד ביז פיר טויזנט יאָר, דאָ, טאַקע ווו עס טרעטן אונדזערע פיס..."

אַ חרפה צו דערציילן ?... איך האָב דעמאָלט, פון מאיר יעריס ווערטער, צום ערשטן מאָל געהערט, אַז איך לעב אַזוי נאָענט פון אוראַלטן מגידו, דעם תנ"כישן און נאָך אַ סך פריערדיקן באַפעסטיקטן יישוב... איך האָב באַלד אָנ־געטאַפּט די איבערבלייבענישן פון די געביידעס, וואָס שלמה המלך האָט דאָ געבויט...

*

פונעם לייגן דעם גרונטשטיין ביז נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה בין איך נישט געווען אין גבעת־עוז. אין 1967 זענען מיר געפאָרן פון עפולה באַזוכן די פאַרנומענע יאַרדאַנישע שטאָט דזשענין און זיך אָפּגעשטעלט אין גבעת־עוז. פון דאַנען איז געווען אַנדערהאַלבן קילאָמעטער צו דער גרענעץ, האָבן דאָ צה"ל־קאַלאָנעס געוואַרט אויפן באַפעל אָנצוהייבן דעם שטורעם. אַ צעוואַקסענעם, פאַנאַנדערגעבויטן בליענדיקן יישוב האָב איך שוין געטראָפן. פון די גרינדערס זענען שוין זיידעס געוואָרן. קאָקעטע וווינונג־געביידעס, גרויסע בנינים פון שולן און ווירטשאַפט. הויך־צעצווייגטעביימער פאַרשטעלן שוין, צוזאַמען מיט די בנינים, דעם פרייען אויסקוק אויף טאָלן און בערג. דאָס איז נאָך אַלץ דער עיקר אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער יישוב. זיבן טויזנט מיט צוויי הונדערט דונאַם

באָדן ווערן באַארבעט, מערסטנס קינסטלעך־באַוואָסערט; תבואה, פרוכט־סעדער, גרינצייג. אַ גרויסע פּי־שטאַל, צענדליקער מילך־קי; שטייגן מיט טויזנטער עופות. די באַפעלקערונג, קיבוץ־מיטגלידער, צוזאַמען מיט די קליינע קינדער, מיט הכשרה־גרופּעס, פיר הונדערט און פופציק נפשות. זיי באַארבעטן אַליין אַזאַ ריזן־ווירטשאַפט? „כמעט...״ — איז געווען דער ענטפער, — „מיר פאַרקלענערן כסדר די לוין־אַרבעט ביי אונדז, אפילו אויפן חשבון פון פאַרהאַלטן די אויס־ברייטערונג פון געוויסע צווייגן. טאַקע שווער... די יוגנט אין מיליטער, טייל פאַרלאָזן... נייע קומען נישט צו...״

*

מיט פאַרגעניגן באַזוך איך שטענדיק עפולה, דאָס ערשטע שטעטל — היינט איז עס שוין אַ כרך מיט די צוואַנציק טויזנט איינוווינערס, אין פאַרגלייך מיט די צוויי טויזנט נפשות, וועלכע האָבן דעמאָלט דאָרט געלעבט — אין וועלכן איך האָב געוווינט אין ישראל. געווען איז דאָס אין די ערשטע טעג סעפּטעמבער פון היינטיקס יאָר, 1982, ווען עס האָבן זיך דערנענטערט די ימים נוראים תשמ״ג. איך האָב מיט אַ גרופּע אויסלענדישע זשורנאַליסטן צוריקגעקערט פון לבנון. עס זענען נאָך דאָרט געפאַלן שראַפּנעלן, ווייט־שיסנדיקע האַרמאַטן האָבן זיך נאָך העפטיק „דורכגעשמועסט״; ווייניקער שוין, אָבער בלוט האָט זיך נאָך געגאָסן אויף די ליכטיקע בולוואַרן, און דער עיקר אין די שמאָלע טונקעלע געסלעך, פון ביירוט. איך האָב פאַר חיפה זיך געזעגנט מיט מיינע קאָלעגן און פאַרקערעוועט קיין עפולה — ווינטשן אַ שנה טובה פריינד פון אַלטע יאָרן. האָט אַ צופאַל געוואָלט, אַז פונקט יענעם טאָג האָבן צייטונגען איבערגעגעבן וועגן אַ פאַמיליע אין גבעת־עוז, וואָס איז צוריקגעקומען אין קיבוץ אַריין נאָך צען יאָר לעבן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן. פונקט אין אַזאַ צייט?...

שוין אַ האַרבסטיק־קיל עמק־ווינטל האָט אונדז אָנהייב אָוונט באַגלייט פון עפולה ביז גבעת־עוז. דורך דער שטענדיק־צעגרינטער אַלייע פון אייכנביימער, מיט בלומען־קוסטן אין אַלע זייטן, פאַרפאָרן מיר צום צוויי־שטאָקיקן חדר־אוכל און רוישיקע פאַרוויילונג־צימערן. מינוטן שפּעטער זיצן מיר אין דער קיבוץ־היים פון ישראל און קרן גבאי און הערן אויס אַ נייעם סאָרט מעשהלע, וואָס איז מעגלעך בלויז ביי אונדז...

אַ „מעשהלע״... נישט בלויז צוגעבונדנקייט צו פאָלק; נישט בלויז פאַרליבט־קייט אין ערד וואָס איז אייגן; נישט בלויז איינגעוואָרצלטקייט אין היימלאַנד... דאָס וווּנדערלעכסטע איז דאָ געווען פאַר מיר — רופט עס נס, רופט עס פּענאָמען, איך האָב נישט פאַר דעם קיין באַצייכענונג — דער מיזוג־גלויות, דער צוזאַמענ־גוס, די צונויפשמעלצונג צווישן מענטשן פון ווייטע וועלטן, וועלכע עס פאַר־קייטלט אָבער אין איין פאָלקישער געמיינזאַמקייט סיי אָפּשטאַם, סיי טראַדיציע, סיי געשיכטע — בלויז רעליגיע האָט דאָ קיינער נישט דערמאָנט, אָבער צי האָט זי טאַקע נישט געווירקט?... — און, ווער קאָן אויסציילן וואָס אַלץ נאָך...

ווען עס איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין בעתן „אַרויפגיין אויפן באָדן״, האָבן זיך די עטלעכע צענדליק חלוצים שפּראַכלעך נאָך שווער צונויפגערעדט. די

מערהייט זענען געווען נייע עולים פון אונגאַרן און פון בראַזיל; בלויז אייניקע זענען געווען קינדער אָפּגעראַטעוועטע פון דער שואה אין פּוילן און גערעדט נאָך צווישן זיך פּויליש — צווישן די איבעריקע האָט זיך געהערט פּאָרטוגעזיש און אונגאַריש. צווישן זיך האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, שוין גערעדט העברעיש, ווער בעסער און ווער שוואַכער. פון זיי וועט ווערן איין קיבוצישע משפחה?... נאָך ווי אַזוי! שווער איצט שוין צו וויסן, אין צווייטן און דריטן דור, פון וואַנען די זיידעס האָבן געשטאַמט.

און ישראל גבאי שטאַמט גאָר פון אַ פאַמיליע פון מצרים; זיין פרוי קרן איז געבוירן און דערצויגן אין ניו־יאָרק, שוין אַ פערטער דור אַמעריקאַנער יידן. רעדן זיי מיט שמייכל און פרייד וואָס שלאָגט אַרויס, פּילט איר, פון האַרץ, און די ווערטער שליסן זיך איין ווי נאָך אַ רינג אין דער יידיש־גאָלדענער קייט...

ביידע ווילן אַלץ דערציילן גלייכצייטיק, רייסן זיך אַריין איינער אין צווייטנס רייד, אָבער דאָס בילד איז גאַנץ...

ישראל: „מיינע עלטערן האָבן מיך געבראַכט פון קאַירא אין דער עלטער פון עטלעכע חדשים, אין יאָר 1950. זיי האָבן געהאַט ניין קינדער עלטערע פון מיר... צו בר־מצווה בין איך אָנגעקומען, אין אַ יוגנט־גרופּע פון ,השומר הצעיר', אַהער, אין קיבוץ אַריין. איך ווייס נישט ווי עס וואָלט אויסגעקומען מיין לעבן, ווען איך געפינען נישט דאָ נאָך אַ טאַטע־מאַמע... אַ מענטש קאָן, זאָג איך דיר, אַמאָל האָבן ,צוויי פּאָר' עלטערן... עס האָט מיך דאָ ,אַדאָפּטירט' די בראַזילישע משפּחה ראָזענטאַל, זיי האָבן מיר געהאָלפן אין די לימודים, אַריינגעפירט אין דער אַרבעט אין שלאָסעריי. אַלץ איז געגאַנגען נאָרמאַל: מיליטער־דינסט אין די ראַמען פון נח"ל־פּאַראַשוטיסטן, אַריבער צו טאַנקען. סוף 1971 געענדיקט מיליטער און צוריקגעקומען אין קיבוץ, צו ווערן אַ מיטגליד — און געטראָפן די אַמעריקאַנערין..."

קרן: „שעם זיך נישט... אַ ליבע פון ערשטן בליק, אפילו מיט ווייניק ווערטער — זיין ענגליש איז געווען שוואַך, ווי מיין עברית... מיין זיידע האָט מיך געמאַכט פאַר אַ ציוניסטקע און איך בין געפאָרן אַלס פרייוויליקע אין קיבוץ אַריין. עס האָט גאָרנישט לאַנג געדויערט ביז מיר האָבן חתונה געהאַט. די פאַמיליע אין ניו־יאָרק האָט געפאָדערט מיר זאָלן קומען אַהין און איך אַליין האָב אויך געבענקט..."

אין 1972 האָבן זיי פאַרלאָזט דעם קיבוץ, שוין מיט אַ קליין זונעלע אויף די אָרעמס, און באַזעצט זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פאַרוואָס האָבן זיי זיך צוריקגעקערט נאָך צען יאָר, שוין מיט פינף קינדער, פיר געבוירענע אין אַמעריקע? נישט געקאָנט זיך איינאָרדענען?

ביידע צעלאַכן זיך. קרן: „איך האָב געשלעפּט אַהין און איך האָב די משפּחה צוריקגעבראַכט אַהיים... ישראל האָט פון ערשטן טאָג גוט פאַרדינט, קיין איין טאָג נישט געווען אַרבעטלאָז. טאַקע שווער געאַרבעט, אַלס אינסטאַלאַטאָר, אין אַמעריקע פאַרדינט מען נישט לייכט... מיר האָבן געהאַט אַ פּראַכטפול איינגעאָרדנט הויז פון ניין צימערן לעבן ניו־יאָרק, די פאַרדינסטן זענען כסדר געוואַקסן... אַ יאָר נאָך אונדזער קומען, איז דאָ אויסגעבראָכן די יום־כיפּור־מלחמה.

ישראל איז מיטן ערשטן מעגלעכן עראָפּלאַן אָפּגעפלויגן קיין ישראל, גלייך צו זיין צה״ל־אָפּטיילונג. איך האָב זיך נישט קעגנגעשטעלט, איך האָב געפילט אַז ער דאַרף פאָרן. עפּעס אַ שולד־געפיל האָט מיר געפּיקט אין האַרץ... איך האָב זיך געשראָקן, יאָ...״ — ווי זי זאָל ענטפערן אויף אַ פראַגע, וואָס קיינער האָט איר נישט געשטעלט — „אין קיבוץ אַריין האָט ער געבראַכט דערמוטיקונג. דריי חברים זענען געפאַלן אין קאַמף... גלייך ווי ער איז דעמאָביליזירט געוואָרן, איז ישראל צוריקגעקומען צום אַמעריקאַנער ,געיעג נאָך געלט און נאָך געלט׳, און ,עס איז געגאַנגען׳... אָבער, דער אמת, ישראל האָט זיך נישט געקאָנט אַריינלעבן אין דער אַמעריקאַנער מאַטעריאַליסטישקייט. ער האָט נישט געפונען קיין גע־מיינזאַמע שפּראַך מיט די אַמעריקאַנער און אויך נישט מיט דער יורדים־קאָלאָניע. איך האָב געפילט, אַז עס איז אים שלעכט אין אַמעריקע, כאָטש ער האָט זיך נישט געקלאָגט... איך האָב אפילו געגעבן אָנצוהערן וועגן גטן זיך — ישראל האָט מיר אויסגעלאַכט...״

אויף פסח הייי־יאָר איז די גאַנצע משפּחה, ישראל, קרן, מיט אַלע פינף קינ־דער, געקומען אויף אַ באַזוך אין ישראל. „שוין געוועזן אַנטשלאָסן צוריקצו־קומען ?״ — פרעגן מיר. ישראל גבאי צעלאַכט זיך ווידער: „אפילו נישט גע־קלערט נאָך. געקומען זען די משפּחה, ,חופשת מולדת׳, פּאַטערלאַנד־אורלויב, ווי מען רופט עס ביי אונדז. מיין משפּחה איז דאָך דאָ אַ גאַנצער שבט, קיין עין־הרע... עלטערן, מיט נייַן חתונה־געהאַטע ברידער און שוועסטער. און די מש־פּחה פון קיבוץ ? יום־טוב האָבן מיר, פאַרשטייט זיך, פאַרבראַכט אין דער היים — יאָ, אין דער היים מיינער — אין גבעת־עוז. ווי מען האָט אונדז אויפ־גענומען, איז שווער איבערצוגעבן. ממש, געטראָגן אויף די הענט... קרן איז געוועזן טיף איבערגענומען, די קינדער האָבן זיך פאַרליבט אין קיבוץ. און איך ?... איך האָב בלויז געקאָנט מקנא זיין מיינע חברים פון דער נח״ל־גרופּע — זיי האָבן שוין אָנגעפירט, גליקלעכע, מיט אַ גרויסן טייל קיבוץ. קיינער האָט אונדז נישט אָגיטירט צוריקצוקומען, אָבער מיר האָבן געפילט אַז מיר האָבן דאָ אַ היים, אַ וואַרעמע, ליבע היים... איך האָב אין דער שטיל געקעמפט מיט זיך אַליין... איך האָב געוווּסט, אַז אין מיין עלטער, צוויי־און־דרייסיק יאָר, איז עס די לעצטע גרענעץ צוריקצוקומען. די קינדער, אַלע פינף צווישן צען און צוויי יאָר, קאָנען זיך נאָך פאַרוואַנדלען אין אמתע סאַברעס... אין פינף יאָר אַרום וועט שוין זיין צו־שפּעט... אָבער מיין זאָרג איז געווען קרן, ווי זי וועט זיך דאָ פילן... איך האָב נישט געפּרוּווט ווירקן אויף איר, נישט צוגערעדט — זי קען דאָך אַליין מיינע געדאַנקען און מיין בענקשאַפט...״

זיי זענען צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, „צוריק אַריין אין טאָג־טעגלעכן ביזנעס־געיעג״. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, דערציילט ישראל גבאי, האָט ער זיך פינף אַזייגער פאַרטאָג אויפגעכאַפּט פון שלאָף, הערנדיק ווי זיין פרוי קרן פירט אַ געשפּרעך דורכן טעלעפאָן. ער האָט מיט אַ פאַרשלאָפן קול, אָבער דערשטוינט געפרעגט: „צו וועמען טעלעפאָנירסטו אין מיטן נאַכט ?״

„קיין ישראל, אין קיבוץ אַריין״ — האָט קרן געענטפערט.

„קאָנסט נישט שלאָפן ? וואָס וועלן זיי דיר העלפן פון ווייטן ?...״

קרן: „איך האָב זיי געמאָלדן אַז מיר קערן זיך צוריק אין קיבוץ אַריין — דאָרט איז אונדזער היים...״

אין אַמעריקע האָט זיך קעגנגעשטעלט קרנס פאַמיליע. „געבעטן, געוויינען, ביז עקאָנאָמישן דרוק...״ — דערציילט ישראל — „איך בין דאָך געווען ,דער שולדיקער׳... פון אַלע זייטן האָט מען מיך אָנגעגריפן... ווי וועט איר דאָרט לעבן? אין אַ הויז פון פיר־און־פערציק קוואַדראַט־מעטער?... איר וועט לעבן אָןביידע אויטאָס?...״ — און ער שמייכלט ווידער — „איך האָב זיי געשיקט צו קרן: אויב זי וועט זאָגן נישט, וועלן מיר נישט פאָרן. אָבער קרן איז געווען אַנטשלאָסן, דעצידירט. וואָס ווילט איר?... אין עראָפּלאַן, האָבן אונדז ישראלים, וועלכע זענען צוריקגעפאָרן פון אַ טוריסטיק־רייזע, אויך אָנגערופן ,מטומטמים... אידיאָטן...׳ אָבער אָט זענען מיר דאָ, מיט ביידע פיס. אין דער היים... איך האָב שוין באַוויזן ,אַריינכאַפּן׳ צוויי וואָכן ,מילואים׳, רעזערוו־דינסט, אין מיין אָפּ־טיילונג אין לבנון...״

דער סעקרעטאַר פון קיבוץ זיצט ביי אונדזער זייט, הערט אויס מיט אַ צו־פרידענעם שמייכל אויפן פנים און זאָגט צום סוף: „אַ צוּוואוּקס פון זיבן אַזעלכע נפשות אין אונדזער קיבוץ איז נישט קיין קלייניקייט — אַ יום־טוב. אָבער נישט וויניקער — אַ קליינער ציוניסטישער זיג, צו וועלכע מיר זענען נישט שטאַרק צוגעוווינט אין אונדזערע טעג...״

1983

אתרוגים אין אום על־פּאַכם

ווען איך בין עולה געווען קיין ישראל, פּונקט צום ערשטן יום־העצמאות, אין מאַי 1949, האָב איך אַ חודש שפּעטער געגומען אַרבעטן אין קיבוץ מר־חביה, אין עמק־יזרעאל. מיר האָבן געלעבט אין קיבוץ, אָבער אַלס לוין־אַרבע־טער בין איך געווען אַ „פרעמדער" און אויסער מיין אַרבעט־טאָג, געהאַט געגוג פרייע צייט. די קיבוץ־ביבליאָטעק איז געווען פאַר מיר אָפן און איך האָב זיך „געוואָרפן" אויף דער נייער העברעישער ליטעראַטור, וועלכע איז פאַר מיר אין חוץ־לארץ יאָרן לאַנג געווען גאַנץ פרעמד און ווייט. בין איך שעהענלאַנג בייטאָג, און אָפט אַ גרויסע שטיק נאַכט, געזעסן ביי אַ לעמפּל אויפן גראָז, ווייל צווישן די אַנגעבריטע וועגט פון אַלטן הילצערנעם צריף־באַראַק איז שווער געווען איינצושלאָפן — און האָב „געשלונגען" ביכער... צווישן די ערשטע ביכער, וואָס איך האָב באַקומען אין דער קיבוץ־ביבליאָטעק, איז געווען אַ באַנד דערציילונגען פון ש״י עגנון. דער אַלטער מייסטער איז מיר געווען סיי לייכ־טער צום לייענען, סיי נעענטער, דורך זיין שפּראַך, וואָס איז מיין ישיבהדיקער לשון־קודש, אפילו באַגלייט מיטן אָפּקלאַנג פון חדרדיקן ידיש... אין דעם ביכל איז אויך געווען „האתרוג".

די דערציילונג „דער אתרוג" האָט מיך אַריבערגעטראָגן אַהיים, צו מיין טאַטן, אין דער יום־טובים־צייט אין שטעטל, ווען ער פלעגט קויפן אַן אתרוג מיט אַ לולב אויף סוכות...

איך האָב נאָך, אַנקומענדיק קיין ישראל, דאָ געהאַט אַ מומע, מיין מאַמעס אַ שוועסטער, אַן אַלטיטשקע איינזאַמע אלמנה, וועלכע האָט געלעבט אין מאה־שערים אין ירושלים. האָב איך געפּאַלגט עגנונען, ווי ער הייבט אָן זיין דער־ציילונג: „ווער עס וויל זען ווי ליב ס'איז די אתרוג־מצווה ביי ישראל, זאָל גיין צווישן אלול און סוכות אין מאה שערים". האָב איך זיך טאַקע איבערצייגט, אַז די דאָזיקע פרומע שכונה, וואָס איז אַ גאַנץ יאָר אויסגעטריקנט, אַן אַ פּיצל גרינס, „בליט אין די דאָזיקע טעג ווי אַ גאָרטן פון אתרוגים און לולבים און הדסים, וואָס די מערהייט געוועלבער זענען מיט זיי איבערפולט". און אַרום שמעקט שוין פרישער גרינער סכך פאַר די סוכות.

„און אויף צומאָרגנס נאָך יום־הכיפורים בין איך מיר געגאַנגען נעמען אַן אתרוג, איך האָב זיך אַריינגעשטופּט אין אַ געוועלב פון אַ פאַרקויפער פון אַלטע ספרים, וואָס פון ראש חודש אלול ביז ערב סוכות פאַרקויפט ער אתרוגים" — האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון אַ בילד וואָס ש״י עגנון מאָלט אין גע־שעפט. אַן אַלטער באַקאַנטער רב שטופּט זיך אויך ביי די קעסטלעך און קלייבט אַן אתרוג. אָבער יעדער שיינער אתרוג איז געווען פאַר אים צו טייער. האָט דער הענדלער געזאָגט: „רבי, אויב איר זוכט אַ כשרן אתרוג, דאַרפט איר באַצאָלן כך וכך. אַזוי ווי עס האָט מיר באַצאָלט יענער רב און ווי עס האָט מיר

באַצאָלט יענער גבאי. און דאָ האָט דער הענדלער אָנגעגעבן אַ ריזיקן פּרייז און ער האָט אויפגעהויבן דעם אתרוג און געזאָגט, דאָס איז דער הדר וועגן וועלכן עס רעדט זיך אין דער תורה, דאָס איז אַן אתרוג כשר לכל הדעות. האָט דער זקן געענטפערט און געזאָגט: אויך דאָס געלט פאַר וועלכן מען קויפט דעם אתרוג, דאַרף זיין כשר...״

דעמאָלט, מיט עטלעכע דרייסיק יאָר צוריק, ווען איך האָב דעם ערשטן סוכות פאַרבראַכט אין לאַנד, האָט מען מיך חול־המועד צום ערשטן מאָל געפירט איבערן אור־אַלטן היסטאָרישן וועג וואַדי־ערה, וואָס איז נאָר־וואָס געהאָט אַריבער צו ישראל פון יאַרדאַניע, אין אַן אויסטויש־אָפּמאַך ביים פעסטשטעלן די וואָפנשטילשטאַנד־ליניע צווישןביידע לענדער. דער אַראַבישער נאָמען „וואַדי־אַראַ״ איז געבליבן ביז היינט אין אומגאַנג, כאָטש דער וועג האָט לאַנג שוין באַקומען דעם העברעישן נאָמען „בקעת־עירון״. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אום־על־פאַכם (אום־אל־פחם), איינס פון די גרויסע אַראַבישע דערפער אין ישראל. מיין באַגלייטער איז געווען אַן אַראַבישער אַרבעט־חבר. אין קאַפעהויז אויפן דאָן נאָך נישט ברוקירטן צענטראַלן פּלאַץ, האָבן מיר באַשטעלט אַ שמעקנדיקע הייסע „קהאַוואַ״. אונדזער טיש איז גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ גרופּע עלטערע און יונגע אַראַבער. אַן אַלטיטשקער פאַלאַך האָט זיך צוגערוקט צו אונדז פון אַ ווינקל אין דער טיף, צוזאַמען מיט זיין נאַרגילאַ, געצויגן אין זיך אַריין מיט הנאה דעם רויך און מיט נאָך מער הנאה, דוכט מיר, געזעדט, דערציילט און זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט, זאָגנדיק צו מיין חבר: „גיב אים גוט צו פאַרשטיין, דעם יאַהוד...״ — האָט ער דערציילט, אַז גרויסע וועלדער זענען געווען אַרום און אַרום, „אַ סך, אַ סך גרעסערע ווי היינט, געדיכט, אַז מען האָט צו די בערג־שפּיצן נישט געקאָנט דערגרייכן... מען האָט געשניטן ביימער און זיי געברענט אויף האָלץ־קוילן, וואָס מען האָט פאַרקויפט ווייט־ווייט, אפילו שיפן צו פירן... זאָג, ער פאַרשטייט שוין פאַרוואָס דאָס דאַרף הייסט ,מוטער פון די קוילן׳?...״ דער עיקר, אָבער, האָט דער אַלטער דערציילט וועגן „עסרויגים״. דאָס וואָרט האָט ער אַרויסגעזאָגט ריין־יידיש. „פון ירושלים פלעגן יידן קומען צו אונדז קויפן עסרויגים. מען האָט זיי געשיקט קיין אויסלאַנד, ווייט־ווייט, איבער ימען...״

שפּעטער האָב איך געלייענט באַשרייבונגען פון יעקב הלוי ספיר (1826—1885), אַ טיף־רעליגיעזער ירושלימער וועלט־רייזנדער, פאָרשער, דערציילער, און לאַנד־באַשרייבער, ווי ער איז נאָך אַלס ייִנגל מיטגעפאָרן אויף אייזלען פון ירושלים קיין אום על־פאַכם איינקויפן אתרוגים אויף סוכות. „איין אָרט איז פאַראַן וואָס די אויסמעסטערס פון דאָזיקן לאַנד האָבן עס נישט אָפּגעשאַצט און נישט אַריינגענומען אין זייערע ביכער, ווייל זיי האָבן עס נישט געזען. דאָס איז די פרייליכע שטאָט אום על־פאַכם און אירע טעכטערשטעט, וואָס איך בין עטלעכע מאָל אַהין געגאַנגען דאָרט צו שניידן פרי עץ הדר... ווייל דאָרט וואַקסן זיי לרוב. די דאָזיקע גרויסע שטאָט שטייט אויפן שפּיץ פון אַ הויכן משופּעדיקן באַרג און אירע איינוווינערס זענען ישמעאלים, הענדלערס, מאַכמעדאַנערס, עטלעכע טויזנט בעלי־בתים״ („שומר ציון הנאמן״, 1854). ער מאָלט

אַ לעגענדאַרע ממש רייכקייט אין אום על־פאַכם, — „און זייערע הייזער זענען פול מיט כל־טוב, אויך זילבער און גאָלד און זיי עסן דעליקאַטעסן" — און: „ארום דער שטאָט געפינען זיך גרויסע טאָלן, קוואַלן, פעלדער... וועלדער, די גרעסטע אין ארץ־ישראל". האָט מען איצט פאַראייביקט זיין נאָמען נאָענט פון דאָרף און אַ טייכל וואָס פליסט פון אים אַרויס צום נאָענטן עירון־בעקן, אָנ־גערופן „מעין ר' יעקב הלוי ספיר" און „נחל רבי ספיר". אין זיין צייט האָט קיין איין ייד נישט געלעבט אינעם דאָרף. ווען ר' יואל משה סאָלאָמאָן, איינער פון די גרינדער פון פתח־תקווה, האָט אין 1878 באַזוכט אום על־פאַכם „מיטן ציל צו אונטערזוכן די כשרות פון זיינע אתרוגים", האָט אים שוין אויפגענומען אַ יידישער אייגנטימער פון אַן אתרוגים־סאַד אין דאָרף. ביי ר' יואל־משה איז עס שוין מער נישט קיין שטאָט: „דאָס דאָרף איז גרויס. אַ סך הייזער און געוועלבער און בעלי־מלאכה. די מערהייט איינוווינערס פון דאָרף זענען פויערים, אָבער אויך הענדלערס און סוחרים צווישן די ישמעאלים און קריסטן" און ער איז שוין אַ ציוניסטישער וויזיאָנער: „מיר האָבן געזאָגט צו אונדזער הארץ, אַז אַ סך גוטס וועט אויפשפּראָצן פאַר גאָטס עדה ווען זיי וועלן זוכה זיין זיך אָנצוהאַלטן אין אונדזער הייליקער ערד, דיק און פעט וועט זיין זייער חלק. און מיר זענען אַראָפּ־געגאַנגען אין דער נידער פון באַרג צום וואַסער־קוואַל און צו די גערטנער. און מיר זענען אַריין אין גאָרטן פון ר' מענדיל הכהן, וועלכער האָט אונדז באַגלייט... און פון טאָג ווען דער דאָזיקער גאָרטן איז אַרויס פון די הענט פון פריערדיקן אייגנטימער און אַריין אין יידישע הענט, האָט ער געענדערט זיין טעם און אָנגע־טאָן פראַכט־קליידער. ר' מענדיל האָט דאָרט אויך אויפגעבויט אַ באַסיין איינצו־זאַמלען דאָס קוואַל־וואַסער צו באַוואַסערן דעם גאָרטן אינדערפרי און פאַרנאַכט. און נישט אומזיסט האָבן אויסגעוויילט אונדזערע עלטערן, אונדזערע רבנים, אונדזערע גאונים פון דור צו דור צו מאַכן אַ ברכה נאָר איבער אתרוגים פון אום על־פאַכם..." (ענציקלאָפּעדיע „אריאל", ב' 1, ז' 216).

*

פיל תנ"ך־קריטיקער האָבן געצווייפלט צי דער „פרי עץ הדר" איז טאַקע דער אתרוג. דער גרויסער ארץ־ישראל־באָטאַניקער פּראָפ. הלל אָפּענהיימער שרייבט בפירוש: „עס איז נישט וואַרשיינלעך, אַז ,פרי עץ הדר' וואָס ווערט דערמאָנט אין דער תורה און דער מדרש־ההלכה אידענטיפיצירט אים מיטן אתרוג, איז מלכתחילה געמיינט געוואָרן די דאָזיקע פרוכט". געשריבן איז: „און איר זאָלט אייך נעמען אין ערשטן טאָג פרוכט פון אַ שיינעם בוים, טייטלביימער, און צווייגן פון אַ געדיכטן בוים, און ווערבעס פון טייך, און איר זאָלט זיך פרייען פאַר יהוה אייער גאָט זיבן טעג" (ויקרא כ"ג, מ'). פרי עץ הדר — פרוכט פון אַ שיינעם בוים. סיי תלמוד בבלי און סיי תלמוד ירושלמי האָבן דאָס שוין באַצייכנט ווי אתרוג. איינער פון די בעלי־התלמוד, ר' אבא דמן עכו, האַלט אפילו, אַז „דער עפּל, וואָס חוה האָט געגעבן אדמען אין גן־עדן, איז געווען אַן אתרוג" (בראשית רבה, פרק כ')...

די געלערנטע זענען נישט זיכער פון וואַנען עס שטאַמט דער אתרוג־בוים. לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן האָט ער זיך אין דער ביאָלאָגישער אורגעשיכטע

באַוויזן אין אינדיע, אָדער אינדאָכינע. פון דאָרט איז ער אַריבערגעפּלאַנצט געוואָרן קיין פּערסיע, אַפגאַניסטאַן, מצרים, און אָנגעקומען אין אַראַביע און קיין ארץ־ישראל. די אַרמייען פון אַלעקסאַנדער מוקדון האָבן פון זייערע אָקופּאַציע־מלחמות געבראַכט דעם אתרוג־בוים קיין גריכנלאַנד און פון דאָרט האָט ער דערגרייכט איטאַליע. דער נאָמען האָט זיך אַנטוויקלט פון אַלט־אינדישן נאָמען „מעטלונגאַ", וואָס האָט אין פּערסיש זיך פאַרוואַנדלט אין „טרונדזש", אין אַראַביש געוואָרן „אוטרונג" — וואָס איז שוין גאָר נאָענט צום העברעישן אתרוג („עטראָג").

אין די אַלע דערמאָנטע לענדער איז די דאָזיקע פרוכט געווען פאַרהייליקט, געדינט פאַר רעליגיעזן קולט, אָבער אויך אַלס הייל־מיטל און פאַר שפּייז. מיט צוויי־דריי טויזנט יאָר צוריק איז דער אתרוג געווען די איינציקע ציטרוס־פרוכט אין ארץ־ישראל, און איז, ווייזט אויס, געווען זייער פאַרשפּרייט אין לאַנד. אין תלמוד ווערט פיל מאָל דערציילט וועגן „פאַרשטיינען" עמעצן מיט אתרוגים.

דער חשמונאים־קיניג אַלעקסאַנדער ינאי (126—76 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג), וועלכער האָט געפירט אַ קאַמף קעגן די פרושים, אויף דער זייט פון די צדוקים און דאָס פאָלק איז אויפגעשטאַנען קעגן אים, שרייבט וועגן דעם יאָסעפוס פלאַוויוס: „אין יענע טעג האָבן די יידן געמאַכט אַ בונט קעגן ינאי המלך און אין יום־טוב סוכות, ווען דער מלך איז אַלס כהן גדול אַרויפגעגאַנגען אויפן אינערלעכן מזבח מקריב זיין דעם יום־טוב־קרבן, האָבן פיל פון פאָלק געוואָרפן אויף אים די אתרוגים וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין די הענט און אים געשאָלטן און האָבן צו אים געשריגן: ,אַרויס, אַרויס, זון פון דער פאַרשוועכטער'. — — — און ס'זענען דערהרגעט געוואָרן אין פאָלק ביי זעקס טויזנט פרושים" („יידישע אַלטערטימלעכקייטן", י"ג). געהאַנדלט האָט זיך וועגן גיסן וואַסער בעת דער „עבודה" אין בית־המקדש, וואָס די צדוקים האָבן דאָס נישט אָנערקענט: „תנו רבנן, אַ מעשה מיט איין צדוקי וועלכער האָט באַגאָסן זיינע פיס, האָט אים דאָס גאַנצע פאָלק פאַרשטיינערט מיט זיינע אתרוגים" (מסכת סוכה מ"ח, ב').

דער באַרימטער יידישער דאָקטאָר אסף הרופא (בן ברכיהו), וועלכער האָט געלעבט אין 7־טן אָדער 8־טן יאָרהונדערט אין סיריע אָדער בבל, שרייבט אין זיין „מדרש הרפואות", איינס פון די אָנגעזעענסטע מעדיצינישע ביכער אין אַלטערטום, אַז „דער זאַפט פון אתרוג ציט אַרויס די גאַזן פון די קישקעס, באַרויקט די גאַל־אַנטצינדונג, היילט קאָנוולסיע. קערנער פון אתרוג העלפן קעגן נירן־ווייטיקן און דער בוימל פון זיין שאָל היילט אויער־ווייטיק". און פון אונדזערע שטעטלעך געדענקען מיר דאָך, אַז אָפּבייסן דעם פּיטם פון אתרוג דורך אַ שוואַנגערנדיקער פרוי, איז געווען אַ סגולה פאַר אַ „לייכט האָבן" און פאַר אַ בן־זכר...

אין די בריוו פון בר־כוכבא, וואָס זענען די לעצטע יאָרן אַנטפּלעקט געוואָרן אין די נגב־היילן, איז דאָ איין בריוו, אין וועלכן דער „נשיא בר כוזיבא" באַפעלט איינעם פון זיינע נאָענטע צו באַזאָרגן „אין אונדזער לאַגער אויף חג־הסוכות לולבין ואתרוגין והדסין וערבין" — בר־כוכבא האָט וועגן דעם געקלערט און געזאָרגט אפילו אין די שווערע געפאַרפולע אויסנאַם־צייטן. דאָס באַווייזט ווי

איינגעוואָרצלט עס איז געווען אין פאָלק די מצווה פון די „פיר מינים" און מען האָט זי דערפילט אין די באַדינגונגען פון די שווערע מלחמות קעגן די רוימער. פון די זעלבע בריוו ווערן מיר געוווּיר, אַז מען האָט געציכטעט די „פיר מינים" אפילו אין דרומדיקן טייל ארץ־ישראל, ווו עס געפינט זיך אַזוי ווייניק וואַסער, ווי יהודה, בֿרעג פֿון ים־המלח און די געגנט פון יריחו.

*

וואָס דער אתרוגים־מאַרק אין אום על־פּאַכם איז ביסלעכווייז אונטערגע־גאַנגען, האָט גורם געווען אונדזער באַרימטער סער משה מאָנטעפיאָרי. אין יאָר 1855, בעת זיין פערטן באַזוך אין לאַנד, האָט מאָנטעפיאָרי געקויפט אַ ציטרוס־סאַד, אויף אַ פּלאַץ, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו יפו און געפינט זיך היינט אין האַרץ פון תל־אביב, אין דער שכונת־מונטיפיורי, וואָס הייסט טאַקע אויף זיין נאָמען. דער ערשטער יידישער „פּרדס" אין נייעם ארץ־ישראל, וואָס האָט געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר דער גרויסער יידישער ציטרוס־פּראָדוקציע אין די שפּעטערדיקע יאָרן. אין דאָזיקן פּרדס האָט מאָנטעפיאָרי פאַרפלאַנצט בלויז אתרוג־ביימער. זיין פרוי יהודית פאַרצייכנט מיט פרייד אין אירע טאָג־ביכער: „דער דאָזיקער גאָרטן וועט באַארבעט ווערן דורך יידן פון יפו, וועלכע ליידן נויט און פון דער אַרבעט וועלן פיל משפּחות ציען פרנסה, און מיר וועלן פון אים באַקומען אי"ה די ערשטע עכט־יידישע כשרע אתרוגים צו באַשיינען דעם יום־טוב סוכות" (ב' 2, ז' 184, ענגלישע אויסגאַבע). פון די דאָזיקע ביימער זענען שוין אין יאָר 1860 טאַקע געשיקט געוואָרן קיין ענגלאַנד די ערשטע „יידישע עכט־כשרע ארץ־ישראלדיקע אתרוגים", ווי עס האָט נאָך פאַרצייכנט די שוין־קראַנקע יהודית מאָנטעפיאָרי צוויי יאָר פאַר איר טויט.

אין יאָר 1877 דערציילט אין זיין „ספר הזכרונות" הרב חיים אליעזר וואַקס: „איך האָב געקויפט דריי גאָרטנס אין כפר־חיטין און דאָרט געפלאַנצט זעקס הונדערט אתרוגים־ביימער און דאָס יאָר האָף איך צו פלאַנצן אייניקע טויזנט אתרוג־ביימער ביים חולה־ים, באַזעצן דאָרט משפּחות צו באַארבעטן די ערד און זי צו היטן — און עס וועלן זיין פאַר יידן אתרוגים פאַר אַ מצווה". דאָס איז געווען אין אויבערשטן גליל. פון דאָרט האָבן אתרוגים, ווי ציטרוס־פּלאַנטאַציעס בכלל, „אַראָפּגעגנידערט" צו דרום, אין שרון־געגנט, קיין פּתח־תקווה, ראשון־לציון, מקווה־ישראל. היינט־צו־טאָג געפינען זיך די אתרוגים־גערטנער דער עיקר אין דריי ערטער, פּתח־תקווה, נס־ציונה און חדרה, פאַרנעמען נישט מער ווי אַ שטח פון קנאַפּע הונדערט און פופציק דונאַם.

יידן אין מזרח־אייראָפּע פלעגן אין פאַריקן יאָרהונדערט נוצן אתרוגים פון אינדזל קאָרפו, אין גריכנלאַנד. אין יאָר 1891 זענען אויפן דאָזיקן אינדזל פאָרגע־קומען בלוטיקע עקסצעסן קעגן יידן, און יידישע פירער האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף באָיקאָטירן די אתרוגים פון קאָרפו. פיל רבנים האָבן דאַן פּשוט פאַרבאָטן צו נוצן די דאָזיקע אתרוגים, דערקלערנדיק אַז זיי זענען געגרייפט, צונויפגע־קרייצט פון צוויי אַנדערע ביימער און זענען דעריבער אסור לויט דער הלכה. דעמאָלט איז געוואַקסן דער עקספּאָרט פון אתרוגים פון ארץ־ישראל. געווען

אָבער עקסטרעמיסטן צווישן אונדזערע רבנים, וועלכע האָבן געאסרט דעם ארץ־ישראל־אתרוג, ווייל אין לאַנד ציכטן אים יידן, וואָס היטן נישט קיין מצוות און מען טאָר דעריבער איבער אים נישט מאַכן קיין ברכה...

אין גאַנץ ישראל ווערן פּראָדוצירט נישט מער ווי אַ זעכציק טויזנט אתרוגים יערלעך, פאַר אינערלעכן געברויך און פאַר עקספּאָרט. מען נוצט זיי נישט צום עסן און אויך נישט אויף מעדיצין — זיי זענען בלויז „פּרי הדר" פאַרן אייניציקן יידישן רעליגיעזן באַנוץ, מען קויפט אתרוגים בלויז אויף סוכות צו די „דריי מינים".

איך מוז נישט פאָרן קיין ירושלים, אין מאה שערים כדי צו זען, ווי גאַסן צעבליען זיך מיט אתרוגים. אין תל־אביב איז אַמאָל געווען דער אתרוגים־מאַרק ביי דעם גרויסן בית־הכנסת אויף דער אלנבי־גאַס. אויפן דאָזיקן פּלאַץ האָט זיך דאָס בית־הכנסת אַליין פונאַנדערגעבויט, צעשפּרייט מיט נייע קאָלאָנאַדעס און מויערן. דער מאַרק איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף אַ ליידיקן פּלאַץ אויף רחוב יהודה הלוי. אויך דאָ „בליט ווי אַ גאָרטן פון אתרוגים און לולבים און הדסים". עס שמעקט שוין פון ווייטן דער אתרוג־ריח „צווישן אלול און סוכות"...

ווען איז דאָס געווען ?... שוין אַ פּאָר יאָר אַוועק. איך האָב זיך אין די אתרוג־טעג אויסגעמישט אין געדראַנג אויפן פּלאַץ פון ר' יהודה הלוי־גאַס. מען קלייבט... מען שמעקט... מען קוקט אויף דער פּרוכט אין אַלע זייטן. מען איז מיט אַנשטרענגונג בודק דעם פּיטם... מען מעסט דעם לולב. אַ סך, זייער אַ סך, יידן אין לאַנגע קאַפּאָטעס און מיט רונדע רבנישע קאַפּעלושן אויף די קעפּ. און בערד, לאַנגע און קורצע, מיט און אָן פּיאות... אָבער צי זענען זיי געווען די מערהייט ? — איך בין נישט זיכער. אין די רייען, צווישן די קויפערס, זענען געשטאַנען און געקליבן כשרע „פיר מינים" אויך גלאַט־ראַזירטע מענטשן, מיט ספּאָרט־העמדער איבער די הויזן, אַפילו מיט אָפּגעדעקטע קעפּ. איך האָב זיך נישט געשטופּט, נאָר זיך געדרייט ביי די ראַנדן, אויפגעכאַפּט שמועסן און באַמערקונגען. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אויטאָ, ווייט נישט פון לעצטן מאָדעל... דער שאָפער, וואָס איז אויסגעשטיגן, טראָגנדיק אין האַנט אַ גרויס קעסטל, איז געווען געקליידט אין כאַקי־מלבושים, מיט אַ טיפּיש־קיבוצישן טעמבעל־היטל אויפן קאָפּ. איך האָב זיך אינסטינקטיוו, מיט נישט־קלאָרער פאַר זיך אַליין פאַראינטערעסירונג, דערנענטערט צום אתרוגים־סטאַנד הינטער אים. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס קעסטל און געבעטן פאַרפּאַקן צען אתרוגים, מיט לולבים און הדסים. ער האָט נישט געקליבן, זיך פאַרלאָזט אויפן סוחר...

„פון עמק־יזרעאל..." — האָב איך אַרויסגעוואָרפן צום מאַן אינעם טעמבעל־היטל.

ער האָט מיר געענטפערט בלויז מיט אַ פרעגנדיקן בליק, אויף וואָס איך האָב, נישט קלערנדיק, געזאָגט אַ ליגן :

„... ווייל איך בין פון עפולה..."

ער האָט מיר געדריקט די האַנט און זיך פאָרגעשטעלט אַלס קאַסיר פון אַ קיבוץ, טאַקע נישט ווייט פון מיין אַמאָליקער וווין־שטאָט. אַ קיבוץ פון „איחוד

הקבוצות והקיבוצים", אַן אַלטער קיבוץ. האָב איך געפּרוּווט פעסטשטעלן מיט זיכערקייט:

„כּיבוד אָב... פאַר די אַלטע עלטערן פון חברים..."

„ניין, אַ טעות" — האָט ער געענטפערט — „עס בענטשן אויפן אתרוג אויך יונגע, אפילו גאָר יונגע..."

ער האָט באַצאָלט, גענומען דאָס כּמעט פולע קעסטל און געשמייכלט: „אויף זייער כּשרות בין איך נישט קיין מבין..." ער האָט גאָר געפרעגט דעם הענדלער: „פּיטמס האָבן זיי אַלע ?..."

איך האָב זיך אָנגערופן:

„דאָס געלט, מיט וועלכן האָסט פאַר זיי באַצאָלט, איז זיכער כּשר..."

דער קיבוצניק האָט מיר פאַרריכט: „נישט ‚הכּסף', נאָר ‚המעות'..." — איך האָב באַנוצט דעם פּשוטן העברעישן אויסדרוק אויף געלט „כּסף". דער קיבוצניק האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער ווייסט פון וואַנען עס שטאַמט דער אויסדרוק — ש"י עגנון באַנוצט דאָס אַלט-תלמודישע וואָרט „מעות"...

„יאָ, איך האָב געלייענט ‚האתרוג'..." — האָב איך אים געזוגט — „טאַקע אין עמק-יזרעאל..." — האָב איך שוין געזאָגט ריינעם אמת.

1982

דאָס גרעסטע אַראַבישע דאָרף אין ישראל

פון שטענדיק רוישיקן שאָסיי צווישן חדרה און עפולה, איבער וועלכן עס באַוועגן זיך טאָג-און-נאַכט טויזנטער אויטאָס, פאַרט מען, אַנקומענדיק פון חדרה, אַרויף אויף רעכטס אויף אַ שמאָלן שלעכט-געפּלאַסטערטן וועג, וואָס גייט באַרג-אַרויף און פירט אַריין, נאָך געציילטע קילאָמעטער, אויף דער הויפּט-גאַס פון אום על-פאַכם. זינט איך בין דאָ געוועזן מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר צוריק, איז דער יישוב אויסגעוואַקסן פון אַן אָפּגעלאָזן דאָרף, אָן וועגן, אָן עלעקטריע, מיט אַן ערך פיר טויזנט איינוווינערס, צו פאַקטיש אַ שטעטל מיט העכער צען טויזנט איינוווינערס. געפּלאַסטערטע פלעצער און גאַסן, פיל געשעפטן מיט באַלויכטענע שוי-פענצטער, גרויסע גאַסן-לאַמטערנעס מיט נעאָן-לאָמפּן. איבער די געסלעך באַוועגן זיך הין-און-צוריק אויטאָס און שווערע טראַקטאָרן. די הייזער אויף דער הויפּט-גאַס זענען באַנייט, אָפּגעפרישט, און אַרויף צום שפּיץ באַרג ציען זיך נייע קוואַרטאַלן, מיט ווייניקע הויכע הייזער, אָבער אַ סך מאָדערנע ווילעס, וואָס באַהאַלטן זיך אין גרינע בליענדיקע גערטנער. אַריינגעאָרעמט אין געפּלאַסטערטע הייף — שול-געביידעס, די זעלבע ווי אין אונדזערע גרויסע שטעט און קלענערע יישובים פון יידן.

אין מוניציפּאַלן ראַט, דווקא אַן אַלט, אָפּגעלאָזענע נישט-באַקוועמע געביידע, נעמען אונדז אויף דער פּאַרזיצער וואַדזשיע פּיאַד, און דער קאַסיר דזשאַברין כּאַסאַן דזשעמיל. ביידע געהערן צום נייעם יונגן דור אַראַבישע דאָרף-פירער. דער זעקס-און-דרייסיק-יאָריקער פּיאַד האָט געענדיקט בלויז פיר קלאַסן מיטלשול, אַ בוי-אַרבעטער וועלכער שטאַלצירט: „מיט איבערגעגעבענער

געזעלשאַפטלעכער אַרבעט״ — און ער גיט צו אונדזער אַלטן פּרק־אויסדרוק „שלא על מנת לקבל פּרס״ — „האָב איך פֿאַמעלעך דערגרייכט דעם העכסטן אַמט אין מיין דאָרף, נאָכדעם ווי דער מערך האָט מיך אַרויסגעשטעלט אויפֿן ערשטן פּלאַץ פֿון זיין ליסטע אין יאָר 1965״. און ביידע, מיטגלידער פֿון דער אַרבעט־פּאַרטיי, זענען צופֿרידן: „אונדזער ליסטע האָט באַקומען עלף פֿון די פֿופֿצן פּלעצער אין ראַט״. דזשעמיל האָט געענדיקט די פּראָפֿעסיאָנעלע מיטל־שול אין חדרה און ער שטודירט סאָציאַלע אַרבעט אויפֿן ירושלימער אוניווער־סיטעט. ער גלייבט, אַז ער האָט דערגרייכט זיין געזעלשאַפֿטלעכע פּאָזיציע „נישט בלויז אַ דאַנק מיין בילדונג, וואָס העלפֿט מיר, פֿאַרשטייט זיך, גיט ברייטערע מעגלעכקייטן. אָבער געפֿירט דערצו האָט מיך מיין סאָציאַלע און פּאָלי־טישע טעטיקייט אין דאָרף. איך האָב יעדן פֿרייען אָוונט, יעדן פֿרייען טאָג, בעת מיין שטודיום פֿאַרבראַכט אין אום על־פֿאַחם. עס דערמאָנט זיך מיר נישט קיין איין פּריוואַטיקער אָפּרו־טאָג ווען איך בין נישט געווען אין דער היים״.

כאַסאַן דזשעמיל — „ווען מען זאָגט ,כאַסאַן׳ סתם, כאָטש דאָס איז אַזאַ פֿאַרשפּרייטער אייגן־נאָמען, מיינט מען מיך... אַלע ווייסן דאָס״, האָב איך אים אויך נאָך אַ שעה באַקאַנטשאַפֿט גערופֿן פּשוט „כאַסאַן״ — רעדט מיט איבער־צייגונג, און מען דערקענט זיין אויפֿריכטיקייט, אַז אַזוי פֿילט ער, ווי אַ פּאַ־טריאָטישער ישׂראלי. פּונקט ווי ער זאָגט כסדר „מיין פּאַרטיי״, באַקומט זיך נאַטירלעך זיין „אונדזער מדינה״, און עס הערט זיך מיט שטאָלץ, ווי ביי יעדן יידישן „סאַברע״, ווערטער ווועגן „מלחמת־העצמאות״, די אומאָפּהענגיקייט־מלחמה פֿון ישׂראל. דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט נישט קיין טענות. יאָ, ער האָט, און זאָגט זיי אויך אָפֿן אַרויס:

„אין די צוואַנציק יאָר מדינת־ישׂראל האָט זיך דער סאָציאַלער באַשטאַנד אין דאָרף ראַדיקאַל געענדערט. מיר זענען געווען אַ דאָרף פֿון פּויערים, געלעבט פֿון דער ערד. אום על־פֿאַחם האָט פֿאַר דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה פֿאַר־מאָגט הונדערט און פֿערציק טויזנט דונאַם לאַנדווירטשאַפֿטלעכן באָדן, וואָס מיר האָבן באַאַרבעט. איצט האָט דאָס גאַנצע דאָרף בלויז זיבן־און־דרייסיק טויזנט דונאַם — אַ פֿערטל, ווען די באַפֿעלקערונג איז פֿאַרדאָפּלט געוואָרן. וווּ עס זענען די העכער הונדערט טויזנט דונאַם?...״ — פֿרעגט ער ווי רעטאָריש און קוקט אויף מיר מיט אַ טרויעריקן בליק — „אַ טייל איז טאָקע געבליבן אויף יענער זייט גרענעץ, אין יאַרדאַניע. אָבער דעם גרעסטן טייל האָט מען געמוזט פֿאַרקויפֿן, ער איז פֿאַרצעלירט געוואָרן, און אַ טייל רעקווירירט... די קיבוצים מגידו, גבעת־עוז, למשל, זענען אויפֿגעבויט אויף אונדזער באָדן. מען האָט אפֿשר דעם ווייניקן באָדן אין אונדזער לאַנד געמוזט צעטיילן מיט יושר, אָבער... אונדזערע פּויערים האָבן זיך, נאָך דורות, געמוזט איבערשאַלטן, פֿאַרוואַנדלען אין לוין־פֿאַרדינער ביי שוואַרצער אַרבעט אין די יידישע שטעט, מערסטנס ביי בוי״.

איז די מאַטעריעלע לאַגע דעריבער פֿאַרערגערט געוואָרן? ניין, דאָס נישט. „מען קאָן אפֿילו זאָגן, אַז פֿאַרקערט, עס הערשט וווילשטאַנד. קינדער אַרבעטן, די טאַטעס אויף די קליינע פֿאַרבליבענע פֿעלדער, אַרבעטן מיט טראַקטאָרן...״

און ווידער, אַז „אָבער...״ דער לאַנדווירט אין דאָרף איז געווען זיכער שטענדיק מיט זיין ברויט, ווי אַללאַ האָט געגעבן... איצט, אין שטאָט איז מען אָפּט אויסגע־שטעלט אויף אַרבעטלאָזיקייט, מען איז נישט זיכער מיט פרנסה ביי יעדן ווירטשאַפטלעכן ווינטל... „אָט, ביז דער זעקס־טאָגיקער מלחמה איז געווען דער ,מיתון׳, אַ סטאַגנאַציע אין אונדזער ווירטשאַפט, און מיר האָבן אַ צייט־לאַנג געהאַט אין אום על־פּאַכם צוויי טויזנט מיט פינף הונדערט, בערך, אַר־בעטלאָזע...״

אום על־פּאַכם איז געלעגן האַרט ביי דער יאַרדאַנישער גרענעץ. מען איז אין יאָר 1949 אָפּגעריסן געוואָרן פון טיילן משפּחה... דאָס דאָרף טייבע, למשל, וואָס איז געבליבן ביי יאַרדאַניע, איז געווען ווי אַ טייל פון אום על־פּאַכם. כדי צו זען אַ קרוב פון יענער זייט גרענעץ, וועלכער וווינט דריי קילאָמעטער פון דאַנען, האָט מען געדאַרפט אַרויסנעמען אַ דערלויבעניש,ביידע צדדים אַזוי, פאָרן קיין ירושלים און זיך טרעפן אויף אַ האַלבער שעה ביים „מאַנדעל־בוים־טויער״. ווען מיר זיצן שוין ביי אַ בריענדיקער קאַפע אויף דער ווע־ראַנדע פון כאַסאַנס ווינונג, און ער דערמאַנט די זעקס־טאָגיקע מלחמה, פרעג איך:

„ווי איז די באַציִונג פון די קרובים פון יענער זייט גרענעץ צו ישראל? ווי נעמען זיי אויף דיין ישראלדיקייט?״

כאַסאַן ענטפערט ברייט און אָפנהאַרציק: „פאַרשיידן... אפילו קעגנזעצ־לעך... — דאָס איז אין צוויי ווערטער דער ענטפער אויף דיינע ביידע פראַגעס. פאַרשטייט זיך, שוין מער ווי אַ יאָר, ווי די גרענעץ איז אָפן פון ביידע זייטן, פון יאַרדאַניע צו אונדז און פון אונדז קיין יאַרדאַניע. פאַראַן דאָרט אַזעלכע וואָס וואַרטן אויף אַ ,צווייטער רונדע׳ קעגן ישראל. עס האָט מיר אָפן געזאָגט דער געוועזענער יאַרדאַנישער מיניסטער קאַדרי טוקאַן פון שכם, אַז ,עס איז גענוג איין רונדע זאָל זיך איינגעבן די אַראַבער און אַלע פּראָבלעמען וועלן זיין געלייזט...׳ אמת, נישט אַלע דענקען אַזוי. אָבער ווען איך קלער זיי אויף, אַז עס איז נישטאָ קיין שום אויסזיכט אין נאָך אַ מלחמה און דער איינציקער וועג איז שלום, שכנותדיק צוזאַמענלעבן פון ישראל מיט די אַראַבישע מדינות, ענטפערט מען מיר אָפט אַז איך בין אַ ציוניסט... אַ באַקאַנטער אין שכם האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט מיך געזען צווישן די זעלנערס, וועלכע האָבן איינגע־נומען די שטאָט... איך האָב אים געזאָגט: ,זאָל דיר אַללאַ מוחל זיין, ס׳איז דאָך נישט ריכטיק. איך וואָלט טאַקע געוואָלט דינען אין צה״ל, אָבער דאָס איז דערווייל אוממעגלעך׳. אין אַנהייב זענען אַ סך פון זיי געווען גענייגט צו זען אין אונדז פאַררעטערס, מענטשן וואָס אַסימילירן זיך צווישן די יידן. שפּעטער, ווען זיי האָבן אונדז באַזוכט, געזען אַז מיר היטן די רעליגיעזע געבאָטן און די טראַדיציעס, האָבן זיי געענדערט זייער מיינונג. און...״ — ער פאַרטראַכט זיך אַ וויילע — „איך האַלט אַז זייער שׂנאה צו ישראל וועט שוואַכער ווערן. דערווייל איז ביי זיי נישטאָ קיין פּאָזיטיווע אָנפירונג צוליב דער שרעק פאַר די טעראָר־אָרגאַניזאַציעס. איך דענק, אַז אויב מען וועט לאָזן די פּאַלעסטינעזער אַליין

דעצידירן, וועט זיין אַן ענגע פאַרבינדונג, אַ פרידלעכע, צווישן זיי און מדינת־ישראל".

מען באַגלייט אונדז אין אַ שפּאַציר איבערן דאָרף. אין די זייטיקע געסלעך זעענען נאָך פיל הייזער, מערסטנס שטיינערנע, אָפּגעלאָזן, נישט באַנייט, גע־בליבן אין צושטאַנד פון אפשר הונדערט יאָר צוריק. אָבער צווישן זיי האָט מען אויפגעבויט אַ הסתדרות־הויז, וואָס דינט אויך אַלס יוגנט־צענטער, קול־טור־קלוב און פּלאַץ פאַר לעקציעס — „דאָ איז רוישיק און לעבעדיק טאָג־און נאַכט". צוויי שיין־געבויטע מאָדערנע מעדיצינישע אַמבולאַטאָריעס, איינע פון דער אַלגעמיינער קופּת־חולים פון דער הסתדרות, אַ צווייטע פון „פאָלקס־הדסה". עס אַמטירן דאָקטוירים פון אַלע ספּעציאַליטעטן, צווישן זיי אויך גע־בוירענע אין אום על־פאַכם גופא. דאָ דערקלערט מיר דער פיר־און־צוואַנציק־יאָריקער הויכער באַאַמטער פון מוניציפּאַלן ראַט שאהין כאַנאַ, אַן אַבסאָלווענט פון געשיכטע אין ירושלימער אוניווערסיטעט: „אויב עמעצער פון די יוגנעליט פון אום על־פאַכם דערגרייכט יאָ צו ענדיקן מעדיצין, וועט ער קיינמאָל נישט פּראַקטיצירן ערגעץ אַנדערש ווי אין היים־דאָרף. וועסט אַנטשולדיקן, אָבער דאַרפסט פאַרשטיין... אום על־פאַכם איז פאַר אונדז, זייַנע קינדער, אַ היים אין אַ טיפערן באַטייַט, ווי דאָס איז אָנגענומען אין יידישע יישובים. זייער ווייניק געבוירענע אין דאָרף פאַרלאָזן עס, וועז זיי ווערן פּוליאַריק. דאָ ווערן זיי געבוירן, דאָ בויען זיי זייער הויז, וואָס איז מיט דער גאַנצער פשטות" — איך דערלויב זיך אַזוי איבערגעבן זיין אָנגענומענעם אויסדרוק אין העברעיש „פשוטו כמש־מעו" — „זיין היים, און ווען עס קומט זייער טאָג, ווערן זיי דאָ באַערדיקט, אין אונדזער פעלדזיקער ערד אויפן באַרג ביז תחיית־המתים..." מיר באַזוכן דעם נייעם אימפּאָזאַנטן מעטשעט, פון וועלכנס הויכן טורעם די עלעקטרישע הילכערס צעטראָגן די תפילה־רופן פון „מואַזין" איבערן גאַנצן דאָרף און זיי שלאָגן זיך אָפּ מיט עכאָס אויף שכנותדיקע באַרג־שפּיצן און קוילערן זיך ביז טיף אין די וואַדיס... פון דער „סטאַציע פאַר מוטער און קינד", ווו עס געפינט זיך שטענדיק אַ קראַנקן־שוועסטער און יעדן טאָג נעמט אויף אַ דאָקטאָר, קומען מיר אין די שולן.

דריי גרונט־שולן עקזיסטירן אין דאָרף, מיט העכער צוויי טויזנט און זעקס הונדערט שילערס. צוויי אין אַלטע געביידעס און איינע אין אַ נייער. „מיר נעמען אַריין אַלע שילערס אין באַקוועמע קלאַסן" — זאָגט אונדז און ווייזט דער דירעקטאָר פון דער גרעסטער שול, מיט קנאַפּע טויזנט תלמידים, כאַדזש אַכמעד כאַדער כאַסאַן דזשעברין, — „צום באַדויערן באַזיצן מיר נאָכנישט קיין מיטלשול און עטלעכע דרייסיק פון אונדזערע קינדער פאָרן יעדן טאָג לערנען אין דער גימנאַזיע פון עפולה, זיבעצן לערנען אין חדרה. זיכער דאַרפן מיר אַ גימנאַזיע..."* — ענטפערט ער אויף אַ פראַגע — „פיל מער קינדער וואָלטן פאַרגעזעצט די גרונט־לימודים, אָבער דאָס איז אָפּהענגיק פון בילדונג־מיניס־

---

* איצט, פאַרשטייט זיך, אין 1983, ווען די ווערטער קומען אַריין צווישן טאָוולען, האָט שוין אום על־פאַכם אַ פול־קלאַסיקע מיטלשול.

טעריום, נישט פון אונדז..." כאָדוש דזשעברין פירט אונדז מיט פריידיקער גאווה צום גערטנדל אין אַ ווינקל פון שול־הויף. אויף די גרינע שמאָלע בייטן בליען יונגע בלומען, עס שפּראָצן ביימלעך, איידעלע קוסטן עפּעגען קנאָספּן... „מיט אַ יאָר צוריק זענען דאָ געווען בלויז שטיינער און פעלדז..." — הערן זיך ווערטער, וואָס חזרן, דוכט זיך, איבער רייד פון אַ וועג־פירער פון קרן־קיימת... — „מיט גרויסע אָנשטרענגונגען האָבן די שילער אַליין אויסגעשטיינערט דעם באָדן, געבראַכט רויערד פון ווייטן, געשאָטן, געמיסטיקט, געגראָבן און אַט זעט איר די ערשטע שפּראָצן..."

„יעדעס יאָר נייטיקן מיר זיך אין נײַע קלאַסן..." — נישט קיין ווונדער. אום על־פּאַכם גרויסט זיך מיט דער העכסטער געבורטיקייט אין לאַנד. אין לעצטן יאָר זענען געבוירן געוואָרן זיבן הונדערט מיט אַכט־און־פופציק קינדער. „די קינדער זאָלן לעבן, און כלהס, פרויען, וועלכע ווערן געבראַכט פון דער פרעמד, פאַרגרעסערן כסדר די באַפעלקערונג, בלי עין־הרע, און מיר זענען פאַר אַז אין יאָר 1980 וועט די צאָל באַפעלקערונג אין דאָרף איבערשטייגן צוואַנציק טויזנט..."* — זאָגט כאַסאַן.

*

אום על־פּאַכם געפינט זיך אויף אַ באַרג וואָס האָט ערשט אין דער ישראל־צייט באַקומען דעם נאָמען אלעקסאַנדער, „הר אלכסנדר". די אַראַבער האָבן אים גערופן עמיר, אַ חשובער טיטל, אפשר צוליב דעם, וואָס ער איז דער העכסטער באַרג אין דער געגנט, די גרענעץ צווישן שומרון און עמק־יזרעאל. זיין שפּיץ געפינט זיך פינף הונדערט און אַכצן מעטער איבערן ים־ניוואָ. „אלכסנדר" האָט אים די נעמען־קאָמיסיע פון ישראל אָנגערופן, אויפן נאָמען פון אלכסנדר ינאי, דעם חשמונאים־קיניג, וועלכער האָט די געגנט איינגענומען און אָנגעשלאָסן אין דער יידישער מלוכה. פאַראַן, אָבער, אויך אַ לאַנג־דורות־דיקער אָנווייז אויפן נאָמען „אלעקסאַנדער" פאַרן דאָזיקן באַרג. נאָענט צו זיין שפּיץ, מזרחדיק פון אום על־פּאַכם, געפינט זיך אַן אַלטער קבר פון אַ „שייך עסקאַנדער", אַן אַראַבישע פאָרם פון באַמען אַלעקסאַנדער און די אַראַבער האָבן דעם באַרג אין פאַרשיידענע מקורות און צייטן גערופן „ראַס עסקאַנדער", אַלעקסאַנדערס קאָפּ. לעבן קבר וואַקסט אַ גאַר־אַלטער, מען שאַצט אים אפילו אויף טויזנט יאָר, אייכנבוים, צעצווייגט ברייט און געדיכט איבערן אַרום און וואַרפט שטענדיק זיין שאָטן אויפן קבר. ווער עס איז געווען דער שייך, וואָס איז דאָ באַגראָבן, ווען דער קבר איז אויפגעשטעלט געוואָרן, ווייסט אויך נישט דער היסטאָריקער שאהין כאַנאַ, וועלכער קלייבט זיך צו שרייבן אַ ברייטע געשיכטע פון זיין דאָרף.

לויט אַן אַלטער מסורה, „וועגן וועלכער איך האָב געפונען פאַרצייכענונגען פון מיט העכער צוויי הונדערט יאָר צוריק", דערציילט שאהין כאַנאַ, האָבן

* די פאָרזעונג איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. לויט די אָנגאַבן פונעם סטאַטיסטישן ביוראָ פון דער רעגירונג אין יאָר 1983, שטייגט שוין די צאָל איינוווינער פון אום על־פּאַכם איבער צוואַנציק טויזנט — 21.137 נפשות.

געגרינדעט דאָס דאָרף מיט פינף הונדערט יאָר צוריק אַראָבער, געקומענע פון בית־גוברין. אין יאָר 1870 האָט דאָס דאָרף געהאַט אַכצן הונדערט איינוווינערס. אין 1936 איז די צאָל אײַנוווינערס פון אום על־פאַכם געווען קנאַפּע דרײַ טויזנט...

באַהאַלטן צווישן די געדיכטע וועלדער, מיט ווילדע, כמעט נישט־באַוווינטע נידעריקע בערג, מיט אַ שווערן צוגאַנג אַפילו צו וואַדי־ערה, איז אין יאָר 1936 אום על־פאַכם געוואָרן אַ צענטער פון די בלוטיקע אַנטי־יידישע אומרוען, וואָס האָבן זיך געצויגן גאַנצע דרײַ יאָר, די טראַגיש־טרויעריקע יאָרן 1936—1939. אין אום על־פאַכם האָט זיך פאַרנעסטעט אַ כנופיה באַוואָפנטע אַראַבער, אונטער דער אָנפירונג פון אַ געוויסן יוסוף כאַמדאַן. זיי זענען באַפאַלן יידישע יישובים, אָפּגעשניטן וועגן. כאַמדאַן „איז געווען דער הערשער פון דער גאַנצער געגנט, און נישט בלויז יידן האָבן פון אים געליטן. ער האָט אַרויפגעלייגט שטייערן אויף די אײַנוווינערס און זיי אײַנגעמאָנט מיט באַרבאַרישע צוואַנג־מיטלען. פאַר נישט אויספירן זײַן ווילן און באַפעלן, האָט כאַמדאַן פשוט גע־מאָרדעט" — דערציילט כאַנאַ. „די ענגלישע מאַכט האָט כאַמדאַנען נישט געקאָנט כאַפּן' און נישט ליקווידירט זײַן באַנדע כמעט ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה", האָט פאַרגעזעצט דער יונגער אַראַבישער היסטאָריקער. אין אויגוסט 1939 האָט דאָס מיליטער פון דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט סוף־כל־סוף אַרומגערינגלט אום על־פאַכם. אין דאָרף זענען פאָרגעקומען ערנסטע קאַמפן, אין וועלכע יוסוף כאַמדאַן און אַ טייל פון זײַנע מענטשן זענען אומגעקומען. „זײַן הערשאַפט האָט זיך געענדיקט, און, ווי עס האָבן מיר דערציילט זקנים פון דאָרף, נישט בלויז די יידישע יישובים, נאָר אויך די אַראַבישע, האָבן פרײַער אָפּגעאָטעמט..." — האָט פאַרגעזעצט שאהין כאַנאַ.

אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה איז אום־על־פאַכם מיט דער גאַנצער געגנט, ביז אַריבער וואַדי־ערה, באַזעצט געוואָרן דורך איראַקיש מיליטער, וואָס איז אַרײַן אין לאַנד דורך עבר־הירדן. קיין קאַמפן, אויסער קליינע צוזאַמענשטויסן, זענען דאָ נישט פאָרגעקומען צווישן די אַראַבישע אַרמייען און דער יונגער יידישער אַרמיי. ווען די איראַקער האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד, האָבן זיי די געגנט איבערגעגעבן צו דעם יאַרדאַנישן קיניגרייך. דער וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך צווישן ישראל און יאַרדאַניע אין 1949 האָט די גאַנצע געגנט, מיט וואַדי־ערה אין צענטער, אײַנגעשלאָסן אין מדינת־ישראל און ווערט אין אונדזער געאָגראַפיע באַצייכנט אַלס „מזרח־טייל פון ישראלדיקן דרײַעק".

*

צי וועט ער שרייבן וועגן אתרוגים־צוכט אין אום על־פאַכם אין זײַן געשיכטע־בוך וועגן דאָרף? — פרעג איך ביי שאהין כאַנאַ. די פראַגע האָט מיך געצוווּנגען מיטצוגיין אין דער וווינונג פון יונגן פאָרשער, וואָס געפינט זיך, אגב, אין גאָרטן הינטערן בנין פון קינאָ־זאַל, וואָס האַלט זיך אין בויען. ער נעמט אַרויס פון אַ שאַפקע איינע פון די דאָקומענטן־טעקעס, וואָס טראָגט דעם אויפשריפט „אתרוגים באום אל־פחם", אויך דער נאָמען פון זײַן דאָרף

איז דאָ אויפגעשריבן אין העברעיש. איך האָב אין דער טעקע געזען אַ רוף פון יואל־משה סאָלאָמאָן, איינער פון די גרינדערס פון פתח־תקווה, וועלכער איז פריער געווען איינער פון די אָנגעזעענע טוערס אין ירושלים און, „ווייזט אויס, אויך אַליין אַ הענדלער מיט אתרוגים", וועלכער האָט זיך געוואָנדן צו די יידן אין יאָר 1876: „נישט אומזיסט האָבן אונדזערע אבות, אונדזערע רבנים און גאונים פון דור צו דור אויסגעוויילט צו בענטשן אויף די אתרוגים פון אום על־פּאַכם, ווייל די דאָרטיקע גערטנער — איז פּאַר אונדז פאַרבליבן ווי אַ פאַר־צייטיקע מסורה — גיבן אַרויס די פּרוכט פון לאַנד פאַר רום און און באַשיינונג". און אָט איז אַן אַנאָנס פון אַן אַנדערן ירושלימער סוחר אין „לוח ארץ־ישראל" פון יאָר תרנ"ה (1895): „שיינע פּראַכטפולע אתרוגים, אָן שום חשש פון גרעפ־טונג, פון יפו און פון דאָרף אום על־פּאַכם".

„אתרוגים־צוכט איז אַ לאַנגע צייט געווען אַ וויכטיקער ווירטשאַפט־צווייג פון אונדזער דאָרף און איז אַ קאַפּיטל פון אונדזער געשיכטע" — פאַרענדיקט כאַנאַ.

מי־עמי אויפן באַרג־שפּיץ

איך בין נישט געפאָרן צוריק צו וואַדי־ערה, נאָר געבעטן מיך באַגלייטן אַ דרייסיק מעטער העכער, אַרויף אויפן באַרג, צום קיבוץ מי־עמי. עס איז שוין פּאַקטיש אַ שפּאַציר דורך נייע געסלעך פון אום על־פּאַכם, בלויז אַ שמאָלע שיכט וואַלד טיילט אָפּ דאָס דאָרף פונעם קיבוץ. „באַלד וועט מי־עמי זיין אַ קוואַרטאַל אין גרויסן צעשפּרייטן אום על־פּאַכם..." — זאָג איך מיט אַ שמייכל צו עטלעכע קיבוצניקעס אין קליינעם באַשיידענעם חדר־האוכל. מען ענטפערט מיר נישט מיט קיין שמייכל, אין קיבוץ איז דער עניין זייער אַן ערנסטער. „מיר ווילן לעבן ווי אַ קיבוץ, פירן אַ חלוציש־לעבן, ווייט פון שטאָט..." — קלערט מיר אויף דער סעקרעטאַר שמעון נועם. זיי זענען ביי פערציק פּיאָנערן, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט, אַ קילאָמעטער פון אַ פיינדלעכער גרענעץ, וואָס איז מיט אַ יאָר צוריק אָפּן געוואָרן, אָבער זיי ווילן נישט ענדערן זייער לעבנס־שטייגער. כאָטש די זיכערקייט־ און שמירה־זאָרגן זענען מער נישטאָ. „און אום על־פּאַכם פאַרוואַנדלט זיך פון אַ דאָרף אין אַ שטאָט... מיר קלערן נישט פון זיין אַ שטאָט־ אָדער שטעטל־קוואַרטאַל — מיר קאָנען פּשוט איינגעשלונגען ווערן..."

דער דאָזיקער קיבוץ פון „השומר הצעיר" איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1963 דורך זעלנערס פון נח"ל (נוער חלוצי לוחם — קעמפנדיקע חלוצישע יוגנט), אַלס מיליטערישער „אָנהאַלט־פּונקט", ווי מען רופט דאָס אין ישראל. מיט אַ יאָר צוריק איז דער יישוב פאַרציוויליזט געוואָרן, ווי מען באַצייכנט דאָס אין העברעיש, פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ מיליטערישן אין אַ ציווילן און די חברים האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין קיבוצים־פאַרבאַנד „השומר הצעיר, הקיבוץ הארצי". מי־עמי איז אַ ביי־געשאַפענער נאָמען, וואָס דאַרף קלינגען ווי „מיאמי"... די יידן אין מיאַמי, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, האָבן געשאָנקען דאָס געלט צו קויפן דעם באָדן,

האָט מען לכבוד זיי באַשאַפן אַ נאָמען, וואָס דערמאָנט זייער שטאָט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

מי־עמי פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן, און וואַרשיינלעך איינציקן אין ישראל — איך, יעדנפאַלס, האָב עס קיינמאָל אין ערגעץ נישט באַמערקט — געאָלאָגישע „באַשעפעניש״. דאָס איז פאַרגליווערטע, פאַרהאַרטעוועטע ווולקאַנישע לאַווע, אין ברוינער פאַרב, וואָס איז פאַרבליבן אויף דער אייבערפלאַך פון דער ערד, ווער ווייסט וויפל טויזנטער צי מיליאָנען יאָרן, ווען דער אַלעקסאַנדער־באַרג, אָדער אַ דערלעבנדיקער שפּיץ, איז געווען אַ טעטיקער ווולקאַן, און די לאַווע איז נישט באַגראָבן געוואָרן אין די אינגעווײדן פון ערד־קײַלעך. פון די אור־היסטאָרישע עפּאָכעס אין דער געשיכטע איז נישטאָ קיין שום אָנדייטונג וועגן ווולקאַנישער טעטיקייט אין דער געגנט — „און וועט שוין האָפנטלעך אין אונדזער געאָלאָגישער עפּאָכע נישט אָנהייבן פּלוצלינג שפּייען מיט לאַווע...״ — באַרויִקט אונדז נועם.

פיר הונדערט און אַכציק מעטער איבערן ים־ניוואָ, זעט מען פון דער הייך אַזאַ וווּנדערבאַרן פּייסאַזש, ווי די חברה רופן דאָס, „אַן אַריינבליק אין אַלע בריײטן און ווייטן פון ארץ־ישראל״. אויף מערב פאַרכאַפּן גלייך דאָס אויג, דוכט זיך, נאָענט אויף אויסצוציען די האַנט און דערלאַנגען, די בלויע ווייטקייטן פון מיטל־לענדישן ים, נישט בלויז פאַרביי און אַריבער דעם צעבליטן שרון־טאָל, נאָר אין ווייטן צפון שניידט זיך קלאָר אַריין די בוכטע פון חיפה ביז עכו. אויף מזרח זעט זיך, איינגעטונקען אין לייכטן נעפּל, אויך אַ ריזיקער בלויער „פלעק״ — דער כנרת. צופוסנס, אַט טאַפּ עס אָן, שלענגלט זיך זיגזאַגיש, גרינלעך גאָר, דער אַלטיטשקער ירדן; פאַר אים, איז אָט, ווי מען זאָל הערן דעם שטאָטישן גערויש פון עפולה, אָבער דאָס אויג וועט צוגעצויגן דורך מרחביה, בית־אלפא, עין־חרוד און אַביסעלע ווייטער בית־שאן. די גלבוע־בערג ווילן פאַרשטעלן, נאָר קאָנען נישט, די הייכקייט פון גלעד. דאָס אויג אָבער קאָן זיך צום לענגסטן נישט אָפּרייסן פון צפון. דער כרמל־מאַסיוו, וואָס איז נישט דורכדרינגלעך מיט זיינע טונקעלע הייכן, האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, צו מזרח, כדי אונדז צו לאָזן דורכבליקן, צי גאָר דורכחלומען אין די ווייטקייטן פון אומפאַרגלייכלעכן גליל. די נצרת־בערג, דער בית־נטופה־טאָל — דאָס זענען דאָך שכנים, אַזוי נאָענט. אויך דער היסטאָרי־שער עמק־ארבל איז נאָך, ווי עס ווייזט דער פינגער אין דער ווייטן, דערקענבאַר. אָבער דאָרט ווייטער, אויף אַ הייך, איז טאַקע צפת, צי עס דוכט זיך נאָר?... וואַדיס און גרינע בערג, פעלדזיקע תהומען — אַלץ מישט זיך דאָ אויס... און ווען אַ האַנט ציט זיך אויס צום ווינקל צפון־מזרח און רופט צו מיר אויס: „זעסט דאָרט?... אָט... כפר־גלעדי... תל־חי...״ — בין איך זיכער, און אפשר אויך די גאַנצע יונגע גרופּע, בליקן נישט דורך דאָ, נאָר חלומען דורך, די ווייטקייטן פון די וווּנדערבאַרע גלילישע בערג און טאָלן. איך האָב שוין מורא צו ווענדן מיין בליק אויף דרום... „איר וועט מיר באַלד אָנווייזן מיטן פינגער אויף ירושלים...״

ווען עס פאַלט צו דער אָוונט, באַלייכט אַ „מדורה״ דעם קליינעם הויף, צווישן ווייסע נייע הייזקעס. מיר זיצן אַרום — „אונדזער נאַציאָנאַלער פלאַקער״, ווי עמעצער רופט אים אָן, צעטראָגט שאָטנס און ליכט איבער ווענט. מען זינגט. עס הערן זיך גלייכצייטיק אויף שווערע דערציילונגען וועגן די ערשטע פינף יאָר,

„אויפֿן פֿיינדלעכן און רויען שפּיץ״... עס וועבן זיך אָבער זיכערקייט און האָפֿע־נונג אויף ווייטערע פֿינפֿער־יאָרן שווין אין שפּעדיקער אַרבעט, „אויסברייטערונג, פֿאַרגרעסערטע צאָל נפֿשות... און ווען נישט גענוג ערד, וועלן מיר בויען פֿאַבריקן... דער עיקר, נישט בלייבן לאַנג ביי פֿערציק אירע...״

שווערקייטן? איבערהאַלטן?... יאָ, זיי קענען גוט די ערשטע יאָרן פֿון עמק־יזרעאל, דאָ ביי זייער זייט. „און די מאַלאַריע פֿון חדרה, אין דער צווייטער זייט, האָט איר פֿאַרגעסן?...״

מיטרייסנדיק איז דאָ אויך די נאַכט. די ליכטער אויפֿן האָריזאָנט און אין דער נאָענט, אַרום־און־אַרום, האָבן נעמען, זיי זענען ערטער, און „דערציילן געשיכ־טעלעך, מעשהלעך...״

קיין איינער אַרום מיר דאָ פֿאַרשטייט נישט קיין יידיש. אייניקע האָבן אָבער יאָ געהערט דעם נאָמען יוסף פּאַפּיערניקאָוו. וויל זיך פֿאַר זיי לייענען:

„אכזריותדיק שיין ביסטו היים מיינע, נייע,
אכזריותדיק אפֿשר נאָך מערער פֿון שיין, — — —
ווער ווייסט דען ווי דו, וויפֿל טויטקלעפּ מיר האָבן
באַקומען פֿאַר אונדזער געוואַגטן פֿאַרמעסט —
צו וועלן דיין קוואַליקע טיפֿקייט דערגראָבן
און גרייכן די הייך צו דער אָדלערשער נעסט...״

(י. פּאַפּיערניקאָוו, „אכזריותדיק שיין״)

אין קאַיאָריקן באַגינען האָב איך פֿאַרלאָזן אָט־די „אָדלערשע נעסט״.

1968

„אין די געגנטן פון דור”

„ואל המלכים אשר מצפון בהר ובערבה נגב כנרות ובשפלה ובנפת דור מים”.

(„און צו די מלכים וואס אין צפון, אין דעם געבערג, און אויפן פליין, אין דרום פון כנרות, און אין דער נידערונג, און אין די געגנטן פון דור, אין מערב”)

(יהושע י״א, ב׳)

געווען איז דאס ביי א פערטל יארהונדערט צוריק, א יאר פריער, אדער א יאר שפעטער. יעדנפאלס מיינע ביידע טעכטער זענען נאך געווען גאר קליינע מיידעלעך, אין דער עלטער פון מיינע הייניטיקע אייניקלעך... נאך א הייסן שווערן זומער, האבן מיר באשלאסן, די גאנצע פאמיליע צוזאמען, ארויסצופארן אויף די יום־טובים קיין טאנטורא. איר האט נישט וואס צו זוכן היינט דעם נאמען אויף די ישראל־מאפעס, כאטש מען באנוצט דעם נאמען — „דער ברעג פון טאנטורא” איז א שם־דבר, א באצייכענונג אין ישראל. אויף דעם ארט, ביים ים־ברעג צווישן עתלית און חדרה, נישט ווייט פון זכרון־יעקב, זענען באצייכנט צוויי ארטשאפטן — דור און נחשולים, איינס ווי ארייגעוואקסן אין צווייטן.

טאנטורא איז געווען אן אראביש דארף, באוווינט דורך פישערס. אבער דער אייביק־רויקער ים־ברעג האט דערמעגלעכט צוקומען אהער אין קליינע שיפלעך פון ווייטן און עס איז דא געווען א גאנצע אראבישע באזע קעגן די יידישע יישובים ארום און א געפאר פאר די וועגן צווישן זיי. א גרויסער קאמף איז דא פארגעקומען דעם 23־סטן מאי 1948. יידישע כוחות זענען אנגעקומען דורך צוויי יבשה־וועגן, פון זכרון־יעקב און פון חדרה און דער יונגער ישראלדיקער ים־פלאט האט אטאקירט פון ים — און טאנטורא איז איינגענומען געווארן א וואך נאכן פראקלאמירן די מדינה. דער וועג צווישן תל־אביב און חיפה איז מיט דעם אפ־געריייניקט און געזיכערט געווארן. דרייצן יידישע זעלנערס זענען געפאלן אין קאמף. זייער אנדענק איז פאראייביקט אויף אן אימפאזאנטער וואנט, א דענקמאל אין מושב דור.

די אראבישע איינוווינערס זענען אנטלאפן פון טאנטורא און איבערגעלאזט כמעט אומבארירט זייער ארעם צוריקגעשטאנען דערפל. דריי וואכן בלויז נאכן יידישן זיג, דעם 14־טן יוני 1948, איז דא ארויף אויפן באדן א „קערן”, „גרעין”, פון „הנוער העובד”, צוזאמען מיט פריש־געקומענער יוגנט פון אייראפע, און געשאפן דעם קיבוץ נחשולים, וואס באדייט „שטורמישע ים־כוואליעס”, ווי להכעיס דעם אזוי־רויקן ברעג ביי זייערע טירן... אנדערהאלבן יאר שפעטער, אין דעצעמבער 1949, האבן נייע עולים פון גריכנלאנד געשאפן, בלויז א האלבן קילאמעטער פון קיבוץ, דעם מושב דור.

ווען ביידע ייִדישע ישובים האָבן אויפגעבויט זייערע אייגענע הייזקעס, האָבן זיי דאָס דאָרף טאַנטוראַ פאַרוואַנדלט בשותפות אין אַ ספּעציעלן סאָרט „בית־הבראה“, ווי מען רופט ביי אונדז אַן אַפּרו־הויז. מען האָט אויפגעריכט די פאַר־לאָזטע אַראַבישע הייזער, צוגעבויט אויך אַ פּאָר נייע, אַריינגעצויגן וואַסער מיט טושן אין יעדן צימער, און עס זענען גרייט געוואָרן אַפּרו־הייזקעס פאַר גאַנצע משפּחות.

מיר זענען אָנגעקומען קיין טאַנטוראַ אַ צוויי־דריי טעג פאַר ראש־השנה. איך האָב דעמאָלט באַזוכט דאָס ערשטע מאָל די דאָזיקע געגנט. אָבער וועגן דור, דאָר, ווי דאָס אָרט איז אָנגערופן געוואָרן אין אונדזערע אַלטע מקורות, האָב איך געלערנט אין חדר, און אָפּקלאַנגען זענען גוט פאַרבליבן אין מוח, אין האַרץ...

דער ערשטער שפּאַציר ביים ים־ברעג און אַרום אים, האָבן מיך איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון מיין פרויס באַמערקונג:

„אַ גן־עדן־ווינקל... שוין אוראַלטע מענטשן, אפשר נאָך האַלבע מאַלפּעס, האָבן דאָס אָפּגעשאַצט...“

יאָ, נישט קיין וווּנדער, וואָס דאָ איז געווען איינס פון די ערטער אויפן ערד־קיילעך, וווּ מענטשן האָבן זיך באַזעצט שוין אין קאַיאָר פון זייער אור־געשיכטע. עטלעכע קליינע אינדזעלעך, פון די טיפקייטן זיך־אַרויסהייבנדיקע פעלדזן, בילדן אַ נאַטירלעכע דאַמבע און פאַרהאַלטן די ים־כוואַליעס צענדליקער מעטער ווייט פון ברעג. דער אָפענער ים שטורעמט אָפט, באמת — כמעט שטענדיק; וויס־שוימיקע וואַסער־זיילן הייבן זיך פיל מעטער אין דער הייך. אָבער מען קוקט אויף דעם, זיצנדיק דאָך גאָר נאָענט, אין רויקן, אָבער שטאַרק־געזאַלצענעם ים־וואַסער, ווי אין אַ קינסטלעכן באַסיין. די נאַטור האָט דאָ געשאַפן עטלעכע אַזעלכע „נאַטירלעכע באַסיינען“. ווייסטו נישט ווו פריער צו קוקן... צו די הויכע כוואַליעס, ווי ווייסע ווענט, וואָס ברויזן, מסתמא, פון כעס, וואָס זיי קאָנען דעם אַזוי נאָענטן בן־אדם נישט אָנרירן, אפילו נישט באַשפּריצן... צי גאָר באַוווּנדערן הינטער זיך, מזרחדיק, ווי אָנצושפּאַרן זיך, אויפן גרינעם מאַסיוו פון כרמל... די בערג שפּילן זיך מיט דיין אויג — אַ לייכטער נעפּל און אין אַ מינוט אַרום — פאַרגאָסן מיט זון, וואָס טונקלט זיך און גאָלדט זיך צווישן וואָדי און שיפּוע. פאַרכישופט אַלץ מיט שלוותדיקער פּראַכט און בראשיתדיקן אומגעהויער אין ביידע זייטן, ווען אַרום און אַרום, ספּעציעל דאָ, הייבן זיך „בערגלעך“ מיט נאָך געשלאָ־סענע ספרים פון ווער־ווייסט ווי אַלטע „אַמאָל“ן...

*

די פריער־געקומענע שכנים אין טאַנטוראַ האָבן אונדז געוויזן קינסטלעריש־אויסגעאַרבעטע קעראַמיק־כלים פונעם „טעפּער פון דור“. אַ גאַנצע אויסשטעלונג ביי אים — דערציילט מען אונדז. זענען מיר אַוועק קיין דור צום טעפּער אין סאַמע ערב ראש־השנה נאָכן ערשטן פרישטיק, גאַנץ פרי.

די הויפּט־גאַס אין מושב דור איז ליידיק געווען אין הייסן ערב־יום־טובדיקן פרימאָרגן. ווו־נישט־ווו לויפט אַ פאַרשפּעטיקט כמעט־נאַקעט קינד צום ים, נאָך קייענדיק אין גאַס דעם לעצטן ביסן פון פרישטיק. פון אַ הויז איילט אַרויס אַ

פרוי אין אַ באָד־קאָסטיום; מיר פּרעגן ביי איר אויפן טעפּער — זי קען דאָ קיינעם נישט, אַ פרעמדע, געקומען אַריינכאַפּן אַ פּאָר בעדער אין סוף־זומערדיקן ים. די שטיבער זענען געשלאָסן — אַלע מענטשן, פרויען און מענער, יונג און אַלט, זענען אין פעלד, מערסטנס אין די וויינגערטנער, ווו דער אָראָפּנעם פון די וויינטרויבן איז אין פולן ברען. מיט שוועריקייטן טרעפן מיר דעריבער צום קעראַמיק־מייסטער.

מיר גייען אַריין אין אַ גערטנדל, וואָס רינגלט אַרום אַ שיין־געבויט הייזל מיט אַ רויטן דאַכלקעס־דאַך. הינטערן הייזל, טיפער אין גאָרטן, שטייט אַ האַלב־געמויערטע, האַלב־הילצערנע געביידע. אַ קינד, וואָס שפּילט זיך אויפן גראָז, ווייזט אונדז, נישט געפרעגט, אויף דער דאָזיקער געביידע: „שם...” — דאָרטן. ביי אונדזער איבערטרעטן די שוועל, צוגלייך מיטן ענטפער: „בוקר אור!”, איז שטיל געבליבן דער ראַדיאָ־טראַנזיסטאָר...

הויך, „רייטנדיק” אויף אַ שמאָלן ברעטל־געזעס איז געזעסן אַ יונגערמאַן, איינגאָבצן אַריינגעטאָן אין רעדל מיטן אָנגעקלעפּטן ליים, וואָס דרייט זיך פאַר אים. ער גלאַטיקט דאָס ליים און מאָדעלירט געשווינד מיט די הענט, בייגט ביי די ראַנדן, גלעט און צערטלט... ווי פון זיך אַליין, גאָרנישט נאָכקלערנדיק, האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסן פון קעל מיט מיין טאַטנס אַלטן ניגון:

„...הנה כחומר ביד היוצר” („ווי ליים אין דער האַנט פון דעם טעפּער”, ווי יהואש טייטשט עס אין ירמיה י״ח, ו׳).

דאָס פּנים פונעם טעפּער האָט זיך ברייט צעשמייכלט און — נאָך אַלץ נישט קוקנדיק אויף אונדז, פאַרטאָן אין זיין ליים, האָט ער ווייטער געצויגן תפילהדיק דעם ניגון: „...ברצותו מרחיב וברצותו מקצר” און פּונקט ווי מיין טאַטע אַמאָל ביים עמוד אין אַלטן לאָשיצער בית־המדרש: „בירצויסוי...” מיט דער ריכטיקער אַלט־שטעטלדיקער אויסשפּראַך.

איז מיין ערשטע פראַגע אין פּשוטן יידיש:

„אַ פּוילישער ייד, האַ?”

„לא!” — קומט אָן ענטפער דווקא אין העברעיש, מיט אַ קלינגנדיקן אַנגלאָ־זאַקסישן אַקצענט — „יהודי אנגלי מבטן ומלידה... פון סאַמע ווייטשעפּל...” — גיט ער שוין צו אין יידיש, נאָך אַלץ נישט קוקנדיק אויף אונדז, אָנגעשפּיזט די אויגן אויף זיין טעפּער־רעדל.

„אָבער פון וואַנען דער ,בירצויסוי׳ און ,אובירצויסוי׳?” — פרעג איך שוין מיט אַ נייגעריקן שמייכל.

דער טעפּער האָט אָפּגעשטעלט זיין רעדל און געענטפערט אויף מיין פראַגע שוין שטייענדיק לעבן אונדז: „פון טאַטן, פאַרשטייט זיך”.

דער טאַטע זיינער, אַ שניידער, איז געקומען אויפן ווייטשעפּל פון רוסישן „תחום המושב” אין די לעצטע יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט און דער זון דער־ציילט: „מיין טאַטע זיצט נאָך אַזוי ביז היינט אין לאָנדאָן, נייט נאָך אַביסל מיט דער מאַשין אויף דער עלטער און שבת און יום־טוב דאַוונט ער פאַרן עמוד דאָרט אין אַ בית־מדרש”. זענען ביים זון פאַרבליבן דעם טאַטנס תפילות צוזאַמען מיט זיין אויסשפּראַך, ביז אַזש:

„עס דוכט זיך, אַז גאָט פאַרשטייט גאָרנישט אַנדערש...״ — זאָגט ערנסט דער טעפּער. אָבער ווי קומט ער צו טעפּעריי? אויף דעם ענטפערט ער זייער ערנסט: „גלייבט מיר, וויפל מאָל איך קלער וועגן דעם — איז עס פאַר מיר גופא מאָדנע און עפּעס סודותדיק... אפשר עפּעס אַן אַטאַוויסטישע ירושה נאָך אַן אור־זיידן וואָס איז אפשר געווען אַ טעפּער... עס האָט מיך צו דעם געצויגן פון קינדווייז אָן — דאָס ווייס איך...״ יעדנפאַלס, ער האָט דאָס געלערנט — „מער אַלס ,האָבי', גלייבט מיר״ — אין אַ ספּעציעלער ענגלישער קעראַמיק־שול.

אָבער נישט בלויז טעפּעריי האָט דער יידישער בחור איינגעזאַפּט אין זיין געבוירן־קוואַרטאַל ווייטשעפּל; ער האָט פון דאָרט אַרויסגעטראָגן נאָך עפּעס, — „שוין נישט דורך אַטאַוויזם... און אפשר טאָקע יאָ?... ווער ווייסט? צי קאָן מען דאָס דעפינירן?...״ — ווי גיך ס'איז אויסגעבראָכן די באַפרייַונג־מלחמה אין ארץ־ישראל, האָט ער, אַלס יונגער געשיכטע־סטודענט אין לאָנדאָן, דערפילט אַז זיין אָרט איז דאָ, אין די יידישע קאַמף־רייען, „...צווישן מיינע ברידער אין לאַנד פון אונדזערע אבות״. ער איז געקומען. אומלעגאַל. זיך מאָביליזירט אין גח״ל („גיוס חוץ־לארץ״, אויסלאַנד־מאָביליזאַציע) און געגעבן זיין ביישטייער אינעם קאַמף פאַר דער מדינה און איז — „נישט ווי אַ סך פון מיינע גח״ל־חברים...״ — דאָ פאַרבליבן. ער האָט זיך אין 1949 באַזעצט אין טאַנטורא, צווישן אַ גרופּע עולים פון גריכנלאַנד.

„וואָס האָט איר אויסגעוויילט פּונקט טאַנטורא, פון גאַנצן לאַנד?״

„ערשטנס, קאָן מען זיך אין דעם ווינקל טאָקע פאַרליבן...״ האָט ער גאַנץ ווילייַנגעריש געענטפערט — „אָבער איך האָב זיך באַזעצט אין אוראַלטן ד ו ר און געהאָלפן אויפבויען מיין מושב מיטן זעלבן נאָמען. און צו דור האָב איך עפּעס אַ שטיקל ,קרובהשאַפט', ווי מיין טאַטע רופט דאָס...״ — און ער שפּרינגט פּלוצלינג אַריבער — „דעם נאָמען פון ענגליש־יידישן קאַלאַנעל אַלבערט עדוואַרד גאָלדסמיט האָסטו געהערט?״. איך האָב זיך מודה געווען: „ניין, איך ווייס נישט ווער דאָס איז...״ האָט דער טעפּער־מושבניק שטאָלצירט: „ער איז געווען אַ חובב־ציון נאָך פאַר הערצלען. מיין טאַטע האָט אים געקענט, געניית זיין קאַלאַנעל־מונדיר און געוואָרן מיט אים באַפריינדעט. ליגט ביי מיין טאַטן אַ פאַרגעלטער שוין נומער פון ,טיימס' אַזש פון יאָר 1882 מיט אַן אַרטיקל פון קאַלאַנעל גאָלדסמיט, ווו ער באַשרייבט זיינעם אַ באַזוך אין הייליקן לאַנד און ספּעציעל אויף די חורבות פון אונדזער אוראַלטן פאָרט דור״.

מיר איז ערשט שפּעטער באַקאַנט געוואָרן, אַז גאָלדסמיט האָט געחלומט דאָ אויפצובויען „דעם ערשטן נאָך צוויי טויזנט יאָר יידישן פאָרט ביים וואונדערבאַרן דור־ברעג... פון דור וועלן אַפּשווימען האַנדלס־שיפן פון די בני־ישראל און אויף זייערע מאַסטן וועלן זיי טראָגן אין די מרחקים די פאָן פון ציון...״

צענדליקער ביכער, אָפּהאַנדלונגען זענען געשריבן געוואָרן וועגן דאָזיקן מערק־ווירדיקן ענגלישן קאַלאַנעל.

אַ קינד פון אַן ענגליש־קריסטלעכער משפּחה ווילימסאָן, האָט אַלבערט עדוואַרד דורכגעמאַכט אַ טיפּיש־יידישן גורל און דערפון האָט זיך מסתמא גענומען זיין אייגענע דערציילונג וועגן „אומבאַקאַנטע דאָקומענטן״, אַז זיין גאַנצע משפּחה

איז פון אַן אַלטער יידישער אָפּשטאַמונג. געבוירן אין אינדיע (1846), געשטאָרבן אין פּאַריז (1905), האָט ער זיך מגייר געווען אין ענגלאַנד און אָנגענומען דעם פאַמיליע־נאָמען פון דער באַרימטער ענגליש־יידישער באַנקירן־ און עסקנים־משפּחה גאָלדסמיט, פון וועלכער אַ גאַנצע ריי קינדער האָט זיך געשמדט, כדי לייכטער צו באַקומען אָפּיצירן־ראַנגעס און נאָבעל־טיטולן... נאָכן מגייר זיין איז ער געוואָרן טעטיק אין יידישן לעבן אין ענגלאַנד און אַן ענטוזיאַסטישער טוער, שוין אין די אַכציקער יאָרן פון 19־טן יאָרהונדערט, פון דער חובבי־ציון־באַוועגונג. זיך אויס־געצייכנט אין דער בורן־מלחמה וואָס ענגלאַנד האָט געפירט אין אַפריקע און דאָרט אָרגאַניזירט אַ יידישע אָפּטיילונג. געשיקט דורך באַראָן הירש, האָט גאָלד־סמיט אָנגעפירט אין אַרגענטינע מיט די יידישע קאָלאָניעס (1894—1982). נאָכן דערשיינען פון הערצלען, איז ער געוואָרן זיינער אַ הייסער אָנהענגער, אָבער שפּעטער זיך דערווייטערט פון פּאָליטישן ציוניזם. מען האַלט, אַז קאָלאָנעל גאָלד־סמיט האָט געדינט אַלס פּראָטאָטיפּ פונעם הויפּט־העלד אין „דניאל דעראָנדאַ" פון דזשאָרדזש עליאָט.

*

מיר האָבן ביים טעפּער אין דור געקויפט אַ קליינע קעראַמיק־וואַזע, וואָס מיר האָבן באַדויערט ווען זי איז לעצטנס צעבראָכן געוואָרן. ווען איך האָב דעמאָלט געפּרוווט זיך דינגען וועגן פּרייז, האָט דער טעפּער געזאָגט: „טעפּעריי איז ביי מיר מער נישט קיין ,האָבי', נאָר אַ טייל פון דער פּרנסה, ביי דער זייט פון פּרדס. איר זעט דאָס ליים? דעם דאָזיקן רוי־מאַטעריאַל מוז מען ברענגען פון וייטן נגב, ערגעץ אַנדערש געפינט ער זיך נישט. מען האָט דאָס וואַרשיינלעך געבראַכט פון דאָרט, צי פון אַנדערע ווייטן, אויך מיט טויזנטער יאָרן צוריק, ווען מען האָט שוין דאָ געאַרבעט, ווי עס ווייזן די אויסגראָבונגען, מיטן זעלבן ,רעדל', עס האָט זיך פון פּאַרצייטנס ביז היינט ווייניק געענדערט... דער הויפּט־אונטערשייד פון אברהם אָבינוס צייטן ביז מיינע, ביי טעפּעריי, איז דער ראַדיאָ־טראַנזיסטאָר ביי מיין זייט, וואָס מען האָט דעמאָלט נישט גענוצט... און דעם אויוון אין וועלכן עס ברענען זיך דריי טעג און נעכט די אויסגעאַרבעטע כלים, האָבן זיי דעמאָלט געהייצט מיט האָלץ און מיר באַנוצן נאַפט..."

*

ווען דער טעפּער איז געוויר געוואָרן אַז זיין קונה איז אַ זשורנאַליסט, אינ־טערעסירט ספּעציעל מיט יישובים, לאַנדשאַפט, געשיכטע, האָט ער ווידער שטיל געמאַכט זיין „רעדל" און זיך פאַרגעלייגט: „אין מיין געגנט וועל איך זיין אייער וועגווייזער..." און איידער איך האָב באַוויזן צופרידן אים דאַנקען, האָט ער צוגעגעבן: „און אַ תנ"כל האָט איר?... איך האָב דריי יאָר שטודירט וועלט־געשיכטע, אין צענדליקער ביכער געזוכט מיין וויסן — ביי אונדז אין לאַנד איז דאָס וויכטיקסטע געשיכטע־בוך דער ספר־הספרים..."

צומאָרגנס, דעם ערשטן טאָג ראש־השנה נאָכמיטאָג, האָט זיך דער טעפּער פון מושב דור פאַרוואַנדלט פאַר מיר נישט בלויז צוריק אין אַ סטודענט, נאָר אין אַ פּראָפעסאָר פון געשיכטע. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין טעפּער־רעדל, נישט

געגאַנגען אין פּרדס, אויך אין די וואָכן־טעג „בין כסה לעשור" מיך באַגלייט און זיך געטיילט מיט זיין וויסן.

*

ער האָט פאַר מיר געלייענט די אַלטע פּסוקים אין אָריגינאַל פון קליינעם ספר'ל, אָבער אין מיינע אויערן האָבן געקלונגען די ווערטער אין דער שפּראַך פון מיין מלמד: „און עס איז געווען, ווי יבין דער מלך פון חצור האָט דערהערט, אַזוי האָט ער געשיקט — — — און צו די מלכים וואָס אין צפון און אין די געגנטן פון דור, אין מערב. — — — און אַלע די דאָזיקע מלכים האָבן זיך איינגעזאַמלט און זענען געקומען — מלחמה צו האַלטן מיט ישראל" (יהושע י״א, א׳—ה׳). דאָס איז געווען אין די צייטן פון יהושע בן־נון, „און דער מלך פון דור, אין דער געגנט פון דור" איז געווען צווישן „די מלכים פון לאַנד וואָס די קינדער פון ישראל האָבן געשלאָגן און געאַרבט זייער לאַנד" (דאָרט, י״ב, כ״ג, א׳).

מיר טרעטן אַרויף אויף פעלדזן, נישט ווייט פון די שטילע ים־וואַסערן. ניין, דאָס זענען נישט קיין נאַטירלעכע פעלדזיקע ברעגעס, נאָר דורך מענטשן אַוועקגעלייגטע, מיט שווייס און אויך מיט מענטשלעכער געניאַליטעט אין יענע צייטן, געטעסעטע מעכטיקע פונדאַמענט־שטיינער און שטיקלעך ווענט, פון וואָרווייסט וואָס פאַר אַ געביידע. שטאַמען זיי נאָך אפשר פון יהושע בן־נונס צייטן, אַ צוועלף יאָרהונדערטער פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, אָדער, מען האָט נאָך נישט באַוויזן פעסטצושטעלן, מעגלעך נאָך פון פריער... נישט די וואַסערכוואַליעס, נישט די מענטשלעכע שטורעמס פון יאָרטויזנטער האָבן בייגעקומען די שטיינער...

שוין אין דער שפּעטער בראָנדז־עפּאָכע, אַן ערך זעכצן יאָרהונדערטער פאַר קריסטוסן, איז דאָ געזעסן אַן אַנטוויקלט און פאַרגעשריטן, לויט די דעמאָלטיקע באַגריפן, פאָלק, אָדער שבט, מיטן נאָמען טאַקאַרא, וואָס האָט דאָ געלעבט און געהערשט עטלעכע הונדערט יאָר. אין טעל־על־אַמאַרנאַ, אין מצרים, איז געפונען געוואָרן אַ גומאַ־מגילה אין דער היעראָגליפן־שפּראַך, אין וועלכער דער הויכער מצרישער גייסטלעכער וואַן־אַמון דערציילט וועגן זיין רייזע קיין געבאַל (בערך אין יאָר 1100 פאַר קריסטוסן) און ווי ער איז אָנגעקומען מיט זיין שיף אין פּאָרט פון דור, „וואָס איז די הויפּטשטאָט פון פאָלק טאַקאַרא און דאָרט זיצט זיין מלך באַדאַר און דער קיניג האָט מיר געשיקט ברויט און קאַשע אַ סך, וויין. — — — איינער פון די מענטשן פון מיין שיף איז אַנטלאָפן און פאַרכאַפּט מיט זיך גאָלד און כלים... בין איך אויפגעשטאַנען באַגינען און אַוועק צום אָרט וווּ עס געפינט זיך דער מלך און איך האָב אים געזאָגט: איך בין באַרויבט געוואָרן אין דיין פּאָרט און אויב דו ביסט דער קיניג פון דאָזיקן לאַנד, און אויב דו ביסט זיין שופט, זוך אויף מיין געלט... האָט ער געזאָגט צו מיר: קוק! איך פאַרשטיי נישט די ווערטער וואָס דו האָסט צו מיר גערעדט! ווען דער גנב זאָל זיין אַ זון פון מיין לאַנד וואָס איז אַרויף אויף דיין שיף און צוגעגנבעט דיין געלט, וואָלט איך דיר געדאַרפט באַצאָלן פון מיין פאַרמעגן, ביז דער גנב וועט געפונען ווערן. אָבער דער גנב־רויבער ביי דיר איז דאָך געווען פון די מענטשן

פון דיין שיף..." און דער אוראַלטער מצרי ברענגט דאָס אַלס ביישפּיל פון חכמה און גערעכטיקייט „פאַר אַלע דורות". ראַמסעס דער דריטער האָט אין זיין פּאַלאַץ אין אויבער־מצרים איבערגעלאָזט אַ שיינעם וואַנט־באַרעליעף, ווי אַ געבונדענער „טאַקאַראַ־מענטש" ווערט געפירט פון דור אין געפאַנגענשאַפט קיין מצרים, אַרום יאָר 1190 פאַר דער צייטרעכענונג. איז אפשר דער מלך פון דור, וועלכן יהושע האָט באַזיגט געווען דער לעצטער קיניג פון טאַקאַראַ־פאָלק?

אַ טאַקאַראַ־מענטש, איינוווינער פון פאַרצייטיקן דור, ווערט געפירט אין מצרישער געפאַנגענשאַפט (פון אַ באַרעליעף אין פּאַלאַץ פון רעמסס, ראַמסעס, דעם דריטן אין אויבער־מצרים, פון יאָר 1190 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג).

„די באַוווינער פון דור און אירע טעכטער־שטעט" זענען צוגעטיילט געוואָרן דעם שבט מנשה. און ווען שלמה המלך „האָט געהאַט צוועלף געשטעלטע איבער גאַנץ ישראל, און זיי פלעגן אויסהאַלטן דעם מלך און זיין הויז; אַ חודש אין יאָר פלעגט איטלעכער דאַרפן אויסהאַלטן", איז געווען „דער זון פון אַבינדבן אין דער גאַנצער געגנט פון דור" און ער איז געווען נישט בלויז אַ באַאַמטער, נאָר אויך אַן איידעם פון מלך, „ער האָט געהאַט טפת די טאָכטער פון שלמהן פאַר אַ ווייב" (מלכים א׳, ד׳).

די כנענים, וואָס יהושע בן־נון האָט אונטעריאָכט, טיילווייז פאַרטיליקט, טיילווייז האָבן זיי זיך אויסגעמישט, אַסימילירט, צווישן די אַנדערע פעלקערשאַפטן, אפילו צווישן די יידן און זיי זענען פאַרשוווּנדן פון דער מאַפּע, זענען געווען די „דרומדיקע קענאַאַ'נאַ־שבטים", ווי זיי ווערן אָנגערופן אין די עלטסטע מצרישע היעראָגליפן־דאָקומענטן. די צפונדיקע כנענער האָבן נאָך לאַנגע יאָרהונדערטער געפירט אַן אַנטוויקלט מלוכה־לעבן, מיט דער שטאָט צידון אַלס הויפּטשטאָט. די דאָזיקע כנען־מלוכה האָט אָפט געקעמפט קעגן דער יידישער, צייטנווייז אויך אָפּגעריסן שטיקער פון ארץ־ישראל. אין פּאַריזער „לוווּר"־מוזיי געפינט זיך אַ גרויסער פּראַכטפולער באַזאַלט־אָרון וואָס איז אויסגעגראָבן געוואָרן אין צידון, פון אַשמאַנעזער דעם כנען־קיניג אין 8־טן יאָרהונדערט פאַר דער צייטרעכענונג. אויפן צודעק פון אָרון (העכער דריטהאַלבן מעטער די לענג) איז אין כנענישן לשון אויפגעשריבן די געשיכטע פון דאָזיקן קיניג און צווישן אַנדערן רימט ער זיך: „דער הערשער איבער די מלכים האָט אונדז געגעבן דור און יפו, די מעכטיקע קאָרן־לענדער אין די פעלדער פון שרון..."

גייען מיר איבער פעלדזיקע איבערבלייבענישן פון אוראַלטן פאָרט. ער איז געווען, דאָס איז אינגאַנצן אָנזעעוודיק, צעטיילט אויף צווייען. אָבער די געלערנטע זענען נאָך נישט איינשטימיק צווישן זיך: צי זענען ביידע טיילן געבויט געוואָרן איינצייטיק, אָדער דאָס זענען צוויי באַזונדערע פאָרטן פון אַנדערע עפּאָכעס. יעדנפאַלס, די אויבערשטע שטיינער פון די כוואַליעס־אָפּהאַלטער זענען פון דער

קרייצציגלערישער עפּאָכע. די עלטער פון די נידעריקערע שטיינער, שוין טייל־ווייזע אין וואַסער, איז נאָך נישט גענוי פעסטגעשטעלט געוואָרן — זיכער, אָבער, זייער עלטער ציילט זיך אין יאָרטויזנטער, נישט יאָרהונדערטער... צווישן ביידע פּאָרט־טיילן איז געווען אַ גאַנץ שמאָלער פּאַס ערד. האָט מען דאָרט געוווינט? געהאַנדלט? בלויז דורכגעפאָרן? דאָ האָט מען געפונען אינטערעסאַנטע אַלטער־טימלעכע זאַכן. דאָס אינטערעסאַנטסטע האָב איך געזען אין ירושלימער ראָקפעלער־מוזיי. דאָס איז ביי אַ דריטחלק פון אַ צעבראָכענעם ערדענעם, גוט־אויסגעברענטן טעלער — ווי זאָגט אונדזער טעפּער: „געמאַכט אויף פונקט אַזאַ טעפּער־רעדל ווי מיינס...״ דאָס שטאַמט פון פינפטן יאָרהונדערט פאַר דער צייטרעכענונג, טראָגט אויף זיך צוויי ווערטער מיטן פּאַרצייטיק־יידישן אַלף־בית, וואָס יעדער ייד קאָן זיי אָן אַ גרויסער אָנשטרענגונג איבערלייענען: „גראַל״ און „ליבן״; וואַרשיינלעך זענען דאָס צוויי פּריוואַטע נעמען — פון „גראַל״ צו (ל־) „יבן״. פּירקאַנטיקע אותיות אונדזערע, מסתמא אין זייער אָנהייב־אַנטוויקלונג מיט צוויי־און־אַ־האַלבן טויזנט יאָר צוריק, אַריינגעקריצט אָט־דאָ, אין דור, דורך אַ יידישן „יוצר״ אין זיין „חומר״...

מען האָט די דור־געפינסן צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, כאָטש אונדזער טעפּער חלומט וועגן אַן „אַלטערטימלעכקייטן־מוזיי ביי אונדז אין מושב. דו ווייסט דען, וואָס מען וועט נאָך אַלץ אויסגראָבן אין אונדזער „תל׳, דאָס אַרכעאָ־לאָגיש־רייכע בערגל?...״ אין בערגל, מיט אַ טורעם־איבערבלייבעניש און שטיק־לעך שווערע שטיינער־טרעפּ פון דער קרייצציגלערישער פעסטונג „קאַסטעללום מערלע״, גראָבט מען נאָך אויך איצט. אין צענטן יאָרהונדערט האָט מען די פעס־טונג אַ נאָמען געגעבן „מערלע״, איצט דער לאַטייניש נאָמען פון פאַרשפּרייטן פייגעלע, וואָס מען רופט אין העברעיש קיכלי. האָבן די אייראָפּעישע קרייצציגלער גערופן זייער פעסטונג אויפן נאָמען פון אונדזער פייגעלע, צי דאָס פייגעלע האָט באַקומען דעם נאָמען פון אַ דעמאָלטיקן ריטער?... אין ים־מוזיי אין חיפה האָט מען מיר דערלויבט נעמען אין האַנט אַ סטאַטועטקע פון בראָנדז פון צווייטן יאָרהונדערט. דאָס איז „טיכאַ״, זאָגט מען מיר, די גריכישע מזל־געטין. שיין אויסגעאַרבעט, אַ מיידעלע פון העכער צען סענטימעטער די הייך. אויפן קאָפּ אַ קראַנץ, אין איין האַנט אַ רודער, אין דער צווייטער — דער שפע־האָרן, פון װעלכן עס זענען זיך אַרויס פרוכטן. דער פּנים־אויסדרוק, די קליידונג — אַלץ הויך־קינסטלערישע אַרבעט. מען האָט עס געפונען אין דור. צי איז דאָס געמאַכט אין דור גופא, אָדער אימפּאָרטירט פון ערגעץ — דאָס קאָן מען מיט זיכערקייט נישט זאָגן. אַ שאָד...

אין חיפהער מוזיי געפינען זיך אויך מטבעות פון דער רוימישער צייט, מיטן אויפשריפט „דאָר״ און „דאָראַ״ און אויף אַלע — צייכענונגען פון שיפן, רודערס — די הויפּט־אייגנשאַפט פון דור אין אַלע עפּאָכעס.

האָט מען פון בערגל אַרויסגענומען בוי־פעלדזן פון פאַרשיידענע תקופות. זיי ליגן נישט ווייט פון שטילן ברעג, אויסגעמישט מיט קלענערע און גרעסערע זיילן־טיילן. אונדזער טעפּער האָט געוווּסט און זיך געוווּנדערט אויף מיר: „זעסט נישט דעם אונטערשייד? דאָס טעסען איז פון צווייטן יאָרטויזנט פאַר דער צייט־

רעכענונג... פאַרגלייך מיט דער פאָרם פון דאָזיקן פעלדז — פון פינפטן יאָר־הונדערט שוין פון אונדזער צייטרעכענונג... אָט דער זייל איז נאָך געקיילעכט פון שטיין מיט שטיין און יענער — שוין מיט מעטאַלענע מכשירים... קוק זיך צו, מען קאָן אונטערשיידן..." — איך גלויב אים... זיין געשיכטע־שטודיום האָט זיך דאָ צונויפגעפּאָרט מיט אַרכעאָלאָגישן וויסן.

אַזוי פיל מאָל איז די שטאָט אַריבער פון האַנט צו האַנט, פון איין מלכות צום צווייטן, און אַלע האָבן איבערגעלאָזט טיפערע צי פלאַכערע טריט־צייכנס פון געשיכטע און אַנטוויקלונג, פון מענטשלעכן אָנשטרענג.

תגלת־פּלאסר דער דריטער, מלך פון אשור, האָט פאַרנומען דור נאָך אַ סך פריער ווי ער האָט זיין אַרמיי געוואָרפן אויף גאַנץ מלכות־ישראל (יאָר 732 פאַר דער צייטרעכענונג). דערנאָך האָבן דאָ געהערשט, לויט דער ריי, די צידון־כנענער, גריכן, רוימער, ביזאַנטינער, שפּעטער די אַראַבער. דאָס איז געווען אַ הויפּט־פּונקט אויפן וועג צווישן צפון און דרום דורך „וויאַ מאַריס". אונטער יידישער הערשאַפט איז שוין דור שפּעטער געווען בלויז אַ קורצע צייט — אַלעקסאַנדער ינאַי, דער חשמונאים־קיניג, האָט די שטאָט איינגענומען און באַפעסטיקט. פריער האָט שמעון הנשיא, אויך פון דער חשמונאים־דינאַסטיע געפּרוּווט דעראָבערן דור, אָבער „ער האָט דאָס נישט באַוויזן, ווייל דאָס איז געווען אַ פעסטונג־שטאָט וואָס עס איז זייער שווער צו באַזיגן" (יאָסעפוס פלאַוויוס, „אַלטערטימלעכקייטן" 14, 4). דער רוימישער קייסער פּאָמפּעיוס האָט אין יאָר 63 פאַר קריסטוסן „אַריינדרינגענדיק קיין ארץ־ישראל פאַרנומען דור, כאָטש אַלעקסאַנדער ינאַי האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַרקער פעסטונג, און זי אָפּגעריסן פון דער יהודה־מלוכה" (פלאַוויוס, „די יידישע מלחמות", 1, 7). פלאַוויוס דערציילט גלייכצייטיק, אַז דער יידישער ישוב אין דור „איז נישט אויסגעראָטן געוואָרן און פאַרגעזעצט זיין קיום אַלס יידישע קהילה". מען ווייסט אַז אין ערשטן יאָרהונדערט פון דער צייטרעכענונג האָט אין דור עקזיסטירט אַ בית־כנסת, וווּ עס האָבן געלערנט און געדרשנט תלמידי־חכמים.

די ריי זיילן לענגאויס דעם ברעג, שטעלט פעסט מיין טעפער, זענען פון אַ העלעניסטישן טעמפּל. איך גלויב אים. פון דאָרט פירט ער מיך צום מזרחדיקן שיפּוע פון היסטאָרישן „תל־דור" און ווייזט מיר האַלב אויפגעגראָבענע מאָזאיִק־שטיקער, האַרט ביים גדר פון קיבוץ נחשולים. „מען דאַרף נאָך גראָבן ווייטער..." — מען האָט איבערגעריסן די אַרבעט אויף די יום־טובים. איך באַוווּנדער דעם צונויפשטעל פון די קאָלירטע שטיינדלעך און פאַנטאַזיר אויפן קול: „אין דער ערד זענען נאָך איינגעגראָבן שטיינדלעך מיט אַ שופר, אונדזערע אַ מנורה... זיכער איז דאָס אַ טייל פון דער פּאָדלאָגע אין יידישן בית־כנסת, וואָס ווערט דערמאָנט אין תלמוד..." — פאַרגינט עס מיר נישט מיין געלערנטער באַגלייטער: ניין, אַ קריסטלעכע באַזיליקע איז דאָ געשטאַנען, דאָס האָט מען שוין פעסטגע־שטעלט. ריכטיק, היינט זעט שוין יעדער די קריסטלעכע צייכנס אין דער דאָזיקער מאָזאיִק.

„גירסא דינקותא" לויפט אונדז שטענדיק נאָך, בפרט אויף אַזעלכע שטיינער ביים דאָזיקן ברעג... איך נעם טאַפּן פלוצלינג די שטיינער און דעם פאַרוווּנדערטן טעפער זאָג איך, אַז איך זוך פעלדזן פון „שורא דדור", דער מויער פון דור, וואָס

חז״ל האָט אַריינגערעכנט אין „תחום ארץ־ישראל המקודשת״... די מסכת חולין, נאָך בבא מציעא און בבא בתרא, האָב איך שוין נישט געלערנט אין חדר ביים מלמד, נאָר עס האָט געדאַרפט הייסן אין בית־מדרש, אָבער פּאַקטיש איז דאָס געווען אין דער היים, אונטער דער אויפזיכט פון טאַטן. דערמאָנט זיך די סוגיא „אייער אין ווײַן״... צוויי חכמים „איקלעו לפונדקא״. מען האָט זיי דערלאַנגט אין פונדק, וואָס איז פון אראַמיש געוואָרן אַ העברעיש וואָרט, אַ שענק, אַן אַכסניה, „איינגעשרומפּענע אייער אין ווײַן״ — איינער פון זיי האָט געגעסן, דער צווייטער נישט. האָב איך געהאַט צרות מיט אַ שווערן תוספות. דער טאַטע האָט געבראַכט אַ מהרש״א און מיך אַריינגעצויגן אין הלכות „יין נסך״... נעם געדענק, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אין „אַ פונדק פון דור״ און די ביידע האָבן געהערט צו די „חכמים פון דור״.

ביי אַ צוויי קילאָמעטער דאַרף מען גיין פון אַלטן פּאָרט צום רוימישן אַמפּי־טעאַטער. ער שטאַמט פון דריטן יאָרהונדערט שוין פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, ווען די רוימער האָבן דאָ טאַקע געהערשט, אָבער אַ ייִדישע קהילה האָט נאָך געבליט אין דער אַלטער שטאָט. פונעם קיילעכדיקן אַמפּיטעאַטער האָט מען געפונען אונטער דער ערד בלויז אַ פּערטל, ביי דער זייט פון דעם איבער־געבליבענעם בינע־טייל. עס איז גוט דאָ בייטאָג און ביינאַכט. שטיל. מען זעט דאָ די רויִקע ים־ברעגעס און די הויכע כוואַליעס פון דער ווייטן שיקן אַהער זייער שוים־אָפּשיין און זייער רויש דערגייט נישט. פונקט אַנטקעגן ווייעט שטענ־דיק אַ ווינטל פון אייביק־גרינעם כרמל, וואָס הייבט זיך מיט זיינע שפּיצן צו די הימלען. האָט מען דאָ געשפּילט טעאַטער? האָבן גלאַדיאַטאָרן דאָ געקעמפט צווישן זיך? אָדער האָט מען דאָ מענטשן געצוווּנגען צו קעמפן קעגן ווילדע חיות און צעריסן ווערן?...

*

נישט ווייט פון אַמפּיטעאַטער שטייט אַ גרויסער חרובער און דאָך גאַנצער „אַראַבישער״ בנין, געבויט פון שטיינער און ציגל. די געביידע איז נישט אַזוי חרוב, ווי פאַרלאָזן און אָפּגעלאָזן, אָבער באַהאַלט אין זיך אַ מערקווירדיק בלעטל — נייע ייִדישע געשיכטע.

דער „נדיב הידוע״, באַראָן עדמונד (בנימין) ראָטשילד, האָט זיבן מאָל באַזוכט ארץ־ישראל. בעת זיין ערשטן באַזוך אין יאָר 1887 איז ער אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, באַזוכט ראשית־כל די ייִדישע יישובים, אָבער אויך די איבעריקע טיילן פון לאַנד. „איך האָב געטראָפן אַ וווּנדערבאַר־שיינעם פיאָרדן־ברעג ביים אַראַבישן דאָרף טאַנטורא״ — האָט ער געשריבן צו זיין עלטסטן זון דזשיימס עדמאָנד אַרמאַן קיין לאָנדאָן — „און די געגנט האָט דערביי אַן אַלטערטימלעכע ייִדישע געשיכטע״. דעם צווייטן וויזיט אין לאַנד האָט באַראָן ראָטשילד געמאַכט אויף זיין פּריוואַטן יאַכט אין יאָר 1890 און פאַראַנקערט טאַקע אין טאַנטורא. פון דאַנען האָט ער געקאָנט זען, מיטן בלויזן אויג אַפילו, די מושבה זכרון־יעקב אויפן כרמל, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון זיין פאָטער, און ער, דער „נדיב הידוע״, האָט דאָרט געגרינדעט זיין צווייטן ווינקעלער, נאָך ראשון־לציון, אין ארץ־ישראל.

און אפשר איז נישט קיין צופאַל, וואָס אויף דור קוקט אַראָפּ פון כּרמל־שיפּוע „רמת־הנדיב", דער קבר־מאַוזאָליי פון באַראָן ראָטשילד מיט זיין פרוי.

בעת זיין ערשטן אַנקערן אין דור האָט ראָטשילד דאָ געקויפט אַ שטיק ערדביים ים. די חרובע, דאָך גאַנץ־געבליבענע געביידע איז נישט קיין אַראַבישע נאָר ראָטשילדס... ער האָט דאָ געגרינדעט אַ גלאָז־פאַבריק אויסצואַרבעטן וויין־פלעשער און אַנדערע גלאָז־כּלים. די גלאָז־פאַבריק איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1891 און בראש פון איר איז געשטעלט געוואָרן מאיר דיזענגאָף, וועלכער איז שפּעטער געווען צווישן די גרינדער פון תּל־אביב און איר ערשטער בירגערמייסטער. אין 1893 האָט אין טאַנטוראַ־דור ווידער פאַראַנקערט דער יאַכט פון ראָטשילדן און אים געבראַכט צו זיין דריטן באַזוך אין לאַנד. און דאָ „האָט דער ארץ־ישראלדיקער דיזענגאָף אויפגעשטעלט לכּבוד דעם באַראָן אַן ערן־טויער און אַלע אַרבעטער פון הויז ווו מען מאַכט גלאָז, האָבן פאַר אים געזונגען אין העברעיִש" (צייטשריפט „האור", 1893, נומ׳ ל״ב). דאָ האָט נאָך די גלאָז־פאַבריק געהייסן „בית מעשה הזכוכית", צוויי יאָר שפּעטער האָט מען זי שוין גערופן אין העברעיִש „מזגגה". אין „לוח ארץ־ישראל" תּרנ״ו (1895/96) ווערט דערציילט וועגן דער דאָזיקער „מזגגה": „זי געפינט זיך אונטער די באַפעלן און אָנפירונג פון כעמיקער דיזענגאָף און דערווייל אַרבעטן אין איר פינף־און־צוואַנציק אַרבעטער... אין איר וועלן גע־גאָסן ווערן בלויז שוואַרצע פלעשער צו שיקן דעם וויין, און כּוסות. אָן צווייפל, אַז ווען עס וועט זיך שטאַרקן די לאַגע פון הויז, וועלן דאָרט געגאָסן ווערן אַלע מינים גלאָז־כּלים וואָס ווערן שטאַרק געזוכט אין לאַנד און דעמאָלט וועט פאַר־גרעסערט ווערן די צאָל אַרבעטער. — — — איצט לעבן אין דער דאָזיקער שטאָט ביי פופצן משפּחות און נאָך פופצן נישט־פאַרהייראַטע. דורך דער השתדלות פונעם דירעקטאָר פון דער ,מזגגה׳ איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן אַ גרונט־שול פאַר אָנפאַנגער, פאַר די זין און טעכטער פון די פּועלים און אַרבעטערס". דער באַקאַנטער העברעיִשער שרייבער זאב יעבץ, וועלכער האָט אין יענער צייט געלעבט אין ארץ־ישראל, האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער גלאָז־פאַבריק: „עס האַנדלט זיך נישט בלויז אין פלעשער. לעבן בית־מלאכה פאַר גלאָז האָט מען איינגעאָרדנט אַ פּלאַץ פאַר אַ וואַרשטאַט אויסצואַרבעטן גאַפּט־לאָמפּן. אין אָנהייב וועלן אַלע מעטאַל־טיילן געבראַכט ווערן פאַרטיקע פון איירופּע, אָבער אין משך פון דער צייט וועט נישט זיין קיין אָפּהאַלט אויפצושטעלן אַ בית־מלאכה אויך פאַר די מעטאַל־טיילן" (ז. יעבץ, „גאון הארץ", א׳, וואַרשע, תּרנ״ו). אָבער מאיר דיזענגאָף האָט נישט געהאַט קיין דערפאַרונג ביי גלאָז־אויסאַרבעטונג, קיין אַנדערע פאַכלייט זענען אויך נישט געווען אין דער פאַבריק — נאָך עטלעכע יאָר איז די גלאָז־פאַבריק אונטערגעגאַנגען און מיט איר — דער קליינער יישוב, וואָס האָט געפּרווט אויפלעבן דאָס אוראַלטע דור, אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט.

באַראָן ראָטשילד האָט נישט פאַרגעסן און נישט פאַרלאָזט דאָס אַלטע דור און נאָך געאַנקערט מיט זיין יאַכט אין טאַנטוראַ אין די יאָרן 1899, 1914, 1924 און 1925 — זיין לעצטע רייזע אין הייליקן לאַנד, אין דער עלטער פון זיבעציק יאָר.

*

ביים אַרבעטן איבער די דאָזיקע שורות בין איך ווידער געווען — ווער געדענקט צום וויפלטן מאָל שוין ? — „אין די געגנטן פון דור".

מיין אַלטער טעפּער־באַגלייטער איז לאַנג שוין נישטאָ אין מושב. קריך איך אַליין איבערן צעגראָבענעם, אויסשטודירטן „תל", איינס פון די געשיכטע־דער־ציילנדיקע בערגלעך אין אונדזער לאַנד. איך טראָג מיט זיך צייכענונגען, באַשרייבונגען און מאַפּעס. איך קוק אויף די פאַרשיידענע שיכטן — אַרכעאָלאָגן לייענען פון זיי בעסער ווי פון ביכער, איך זע נישט די ווערטער פון די שיכטן און הער נישט זייערע דערציילונגען, אָבער גלייב אין זיי... אָט איז דאָך צונויפגעשטעלט אַ געשיכטע פון אַ יישוב. דאָס בערגל איז צום ערשטן מאָל באַזעצט געוואָרן, יעדנפאַלס געבויט געוואָרן, אין דער שפּעטער כנען־עפּאָכע (1550—1200 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג). אין 13־טן יאָרהונדערט איז דער יישוב חרוב געוואָרן — דאָס זע אויך איך — ווי עס ווייזט אַ פאַרברענטע שיכט ביזן יישוב פון דער ערשטער ייִדישער עפּאָכע (1200—1000 פאַר דער צייטרעכענונג). פון ביידע תקופות האָט מען געפונען פיל קעראַמיק־שטיקלעך, אויפן אָרט אויסגעאַרבעטע און געבראַכטע פון ציפּערן. העכער אין בערגל, וואָס באַדייט שפּעטער אין צייט, זענען שוין פאַראַן קענטיקע בוי־איבערבלייבענישן — פון דער העלעניסטישער און רוימישער עפּאָכעס (פון יאָר 332 פאַר דער צייטרעכענונג ביזן יאָר 324 נאָך קריסטוסן). פרעג איך, אָבער, אויף דער צווייטער און דריטער יידישער עפּאָכע (פון יאָר 1000 ביז 600 פאַר דער צייטרעכענונג) — פון דעמאָלט זענען



איבערבלייבענישן פון פאַרצייטיקן דור. אויבן אויפן בילד: די קליינע אינדזעלעך ביים ברעג

קיין שטיינער־שפורן נישט פאַרבליבן. און די חורבות פון דער גרויסער געביידע? „יאָ, פון דער העלעניסטישער צייט, ווען אויך די חשמונאים האָבן דאָ געהערשט..." לויט מיין קענען די העראָדיאַנישע (הורדוסעס) געביידע־איבערבלייבענישן, מיט זייערע מאָנומענטאַלע שטיינער, וואָלט איך, דער נישט־וויסנשאַפטלער, צוגעשריבן די חורבות צו זיין צייט — שמייכלט מיט נעגאַציע (און אפשר אויך חוזק...), דער אָנגיטראַפּענער אויפן אָרט, בראש פון אַ גרופּע פרייוויליקע סטודענטן־גראָבערס, ד"ר פערשטער, פון אַרכעאָלאָגישן אינסטיטוט אין ירושלים: „עס שטאַמט פון העכער אַ יאָרהונדערט פריער". מילא...

מען האָט אויפגעגראָבן און צו ביסלעך רעקאָנסטרויִרט, דעם טעמענוס (דעם הייליקן טייל פון דער געביידע, וואָס איז ריזיק: 41.60×70.40 מעטער) און אין זיין צענטער אַ פּאָדיום פון עטלעכע־צוואַנציק מעטער די לענג. אַלץ געבויט פון גוט געטעסעטע שטיינער, פּאַראייניקטע מיט שטאַרקן טינק, וואָס האַלט נאָך הייַנט. איבערן פּאָדיום איז אַנטפּלעקט געוואָרן אַ פּאָדלאָגע פון דער שפּעטער רוימישער תקופה (פון 2־טן ביזן 4־טן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צ"ר) און אויף דער פּאָדלאָגע זיילן־באַזעס. דער איצט־אויפגעגראָבענער טעמענוס, צוזאַמען מיטן פּאָדיום, זענען פאַרפולט געוואָרן מיט ערד, מערסטנס דורך דער נאַטור, פון ים, אָבער אויך דורך מענטשן, און געהייכט האָט זיך איבער זיי אַ נייע עפּאָכע, נישט בלויז נייע געביידעס. דער חרובער טורעם, וועלכער האָט זיך אַמאָל אַרויסגעהויבן אויפן בערגל — איז שוין געווען פון גאָר „שפּעט", פון דער קרייצציגלער־עפּאָכע, אין 11־טן און 12־טן יאָרהונדערט.

בין איך אַ צופעליקער צוהערער צו פראַגן, וואָס עס שטעלט, מסתמא, זיך אַליין, און זאָגט זיי אויפן קול אַרויס פאַר זייבע סטודענטן, ד"ר פערשטער: „צי האָבן מיר נישט קיין טעות?... אַרום, אפילו נישט ווייט, לויט יענע צייטן, זענען געווען שטאַרקע גרויסע פעסטונגען, און דווקא דור האָט אין יאָר 219 פאַר קריסטוסן אָפּגעהאַלטן דעם שטורמישן פאַראויסמאַרש פון אַנטיאָכוס דעם גרויסן אויף סיריע. מען וועט נאָך גראָבן דאָ — אפשר איז דאָס גאָר געווען אַ גרויסע שטאָט, ווען איר פעסטונג איז געווען אַזאַ שטאַרקע? אַכציק יאָר שפּעטער האָט זיך אין דור פעסט געהאַלטן און פאַרטיידיקט טריפאָן אין זיין מלחמה קעגן אַנטיאָכוס סידעטעס... און אַלעקסאַנדער ינאַי האָט געמוזט פירן אַ שווערע מלחמה קעגן טיראַן זאָילאָס, ביז ער האָט איינגענומען דור און זי אָנגעשלאָסן אין זיין מלוכה... ווען קייסער פּאָמפּעיוס האָט דערקלערט דור אַלס טייל פון דער רוימישער אימפּעריע, האָט ער דאָך נישט צופעליק צוגעטיילט דער שטאָט אַ ברייטע אויטאָנאָמיע, מיט רעכט צו מינצן אייגענע מטבעות און אפילו פירן אַן אייגענע ציטרעכענונג פונעם יאָר פון דער רוימישער אָקופּאַציע..." — הער איך געשיכטלעכע פעסטשטעלונגען, וואָס קלינגען ווי נאָך נישט־פאַרענטפערטע פראַגן אין דער געשיכטע פון דור.

*

אויף קורצע ווילעס בין איך פון פאַרשאָטן־אויפגעגראָבענעם אַמאָל צוריק אַוועק אין הייַנט אַריין...

דער מושב דור איז איינגעטונקען אין גרינס. פרוכט־ביימער אין אַלע זייטן פון די הייזער. ווייַנגערטנער כמעט ביז די פענצטער. די אַמאָליקע, ערשטע דאָרף־

הייזלעך זענען באַנייט און איבערגעבויט, אָפּט אויף ריכטיקע פּאַלאַצלעך און ווילעס. אין שפּעטן פאַרמיטאָג איז כמעט ליידיק דאָס דאָרף. בלויז אַ פּאָר גע־עלטערטע מענטשן, וואָס זענען אַמאָל דאָך נישט געווען, אַרבעטן אין ביימער־שאָטן ביי די שטיבער, פאַריכטן וועגענער, פישער־נעצן.

דער קיבוץ נחשולים איז בכלל אַ נייער, נישט צו דערקענען. צעשפּרייט זיך. האָט מען דען מיט צוואַנציק־דרייסיק יאָר צוריק געקאָנט חלומען וועגן קנאַפּע דריי הונדערט חברים און העכער אַ פינף הונדערט מענטשן זאָלן לעבן אין קיבוץ? אויפן אָרט פון הילצערנעם חדר־אוכל — אַ שיינע צוויי־שטאָקיקע געביידע. אויך די הייזער פון די חברים זענען שטאָקיקע. די קינדער־היימען, קולטור־ און קלוב־הייזער — אַלץ צעבויט, אַרומגערינגלט מיט ביימער און ברייט־געפּלעגטע גרינע גראָז־פלאַכן. אַ ביסל ביי דער זייט פון קיבוץ — גרויסע געביידעס פון דער פּלאַסטיק־פאַבריק „תפן", וואָס שטעלט צו אויסאַרבעטונגען פאַרן גאַנצן לאַנד.

איך האָב אָפּגעשטעלט אַן איילנדיקן קיבוצניק, אין אַרבעט־קליידער, און געפרעגט אויפן סעקרעטאַריאַט. „וואָס דאַרפסטו אין מזכירות?" — האָט ער געפרעגט. איך האָב אים דערציילט, אַז מיין אינטערעס איז די געשיכטע, אויס־גראָבונגען פון דור. ער האָט זיך מאָדנע צעשמייכלט: „וועגן דעם גיי אין דער ,מזגגה', פרעג אויף קורטן... קום, איך וועל דיר וויזן..." איך בין צוריקגעגאַנגען פונקט דורכן זעלבן וועג מיט וועלכן איך בין געקומען... איך בין פאַרבייגעגאַנגען די „מזגגה" און נישט דערקענט די אַלטע גלאָז־פאַבריק פון באַראָן ראָטשילד... זי איז באַנייט אפילו אויסנווייניק, די טירן און פענצטער געמאָלן. געפּלאַסטערטע וועגלעך פירן צו די טירן פון אַלע זייטן. אַרום איז אַ גרויסער פּלאַץ אָפּגערייניקט און אויסגעגלייכט, וואַסער־רערלעך מיט שפּריצערס וואָס דרייען זיך שוין און זאָגן אָן בלומען און גראָז אינגיכן... איך קוק אַרויף — אַ נייער דאָך אויפן גאַנצן גרויסן צוויי־שטאָקיקן הויז. און ערשט דאַן באַמערק איך אויף דער הויפּט־טיר אַ באַשיידענעם שילד: „געגנטלעכער אונטערן־מישער אַרכעאָלאָגישער צענטער. אַלטערטימלעכקייטן־דעפּאַרטאַמענט".

באַלד שטיי איך פאַר קורטן. „קורט רווה" (ראַווע) — דריקט ער פעסט מיין האַנט, זיך פאַרשטעלנדיק. אַ מיטל־יוּוקסיקער יונגערמאַן און נישט קיין העל־בלאָנדער — פאַראַן אויסנאַמען ביי די נאָרד־אייראָפּעיִשע פעלקער... — אָבער זיינע פנים־שטריכן האָבן אין זיך קיין ייִדישע — איך האָב נישט געפרעגט און עס האָט מיר נישט אינטערעסירט. זיין העברעיש איז ווי פון אַ סאַברע.

איך קוק אויף דער געביידע, אינעווייניק, אויסנווייניק, מיט פאַרוווּנדערטע אויגן און באַמערק:

„מיט אַ יאָר פיר־פינף צוריק האָבן מיר זיך, דאָס לעצטע מאָל, אָפּגעשטעלט זיך אויסבאָדן ביים ברעג, האָב איך מיינע מיטרייזנדיקע געוויזן די ,היסטאָרישע מזגגה', ווי פערד זענען אין איר געשטאַנען און אין אַ טייל איז געווען אַ הינער־שטייג..."

„מיט עפּעס העכער ווי צוויי יאָר צוריק איז נאָך אויך אַזוי געווען..." — שמייכלט קורט.

קורט רווה, נישט קיין ייד, גאָר מיט אַ נייעם צוגעאייגנטן העברעישן נאָמען, איז אין יאָר 1973 געקומען פון האָלאַנד, צום ערשטן אַלס טוריסט, שפּעטער איז ער געקומען אַרבעטן אַלס פרייוויליקער אין קיבוץ נחשולים. ער האָט זיך דאָ פאַרליבט אין אַ יונגער קיבוץ־טאָכטער. אויך זי אין אים און זיי האָבן חתונה־געהאַט און היינט האָבן זיי שוין צוויי טעכטערלעך. קורט האָט זיך שנעל אַריינגעפּאַסט אין קיבוץ־לעבן און איז אָנגענומען געוואָרן אַלס חבר, מיטגליד פון קאָלעקטיוו. ער האָט שוין אַפילו „אָנגעשטעקט" מיט זיין „קיבוציזם", ווי ער רופט עס אַליין אָן, צוויי זיינע חברים, וועלכע זענען אַהער געקומען פון האָלאַנד און לעבן אין נחשולים.

„איך קען פון קינדוויז אָן תנ"ך, און נישט שלעכט, אָבער דער נאָמען דור האָט זיך מיר אַפילו נישט איינגעקריצט אין זכרון. איך האָב איר אוראַלטע געשיכטע נישט געקענט און אַוודאי און אַוודאי נישט דעם וווּנדערבאַרן טאַנטוראַ־ברעג..." — דערציילט ער. אָבער ער האָט שנעל ליב באַקומען דעם אָרום. ער האָט באַלד גענומען גראָבן, זוכן אין „בערגל", אין דער גאַנצער געגנט, נורטעווען ביי די ברעגעס, זוכן אין וואַסער, „אַלץ טיפער... מען לערנט זיך אויס..." וואָס דער קורט האָט אַלץ שוין נישט אַנטפּלעקט אין די לעצטע עטלעכע יאָר! אַרכעאָלאָגישע און היסטאָרישע אוצרות ממש. זיין ערשטע אַנטפּלעקונג איז געווען אונטערן וואַסער, גאָרנישט ווייט פון ברעג: אַ דערטרונקענע שיף פול מיט פּרימיטיוו־גלעזערנע און ליימענע כלים, פלעשער, וואַזעס. אין קיבוץ האָט מען געקוקט מיט דערשטוינונג, ווי ער האָט גענומען ברענגען טאָג־טעגלעך פון די וואַסער־טיפענישן אוראַלטע כלים. מען האָט זיי אַריינגעלייגט אין אַ פאַרלאָזענעם צריף.

פאָרשערס פון די אַלטערטימלעכקייטן־אָפּטיילונגען, אוניווערסיטעט־מענטשן האָבן גענומען אַהער עולה־רגל־זיין, באַטראַכטן, באַוווּנדערן, פאָרשן. די כלים ווערן באַטראַכט ווי פון 2—3־טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. „מסתמא איז די שיף פון יענער צייט... זי איז איינגעזונקען אין בלאָטיקן ים־באָדן. דוכט מיר אַז זי איז גאַנץ. מען וועט זי נאָך אַרויסשלעפּן, ווען איך וועל זי אויסלייזן..." — זאָגט קורט ערנסט. ער האָט געמאַכט אַ געניע אונטערערדישע מאַפּע. אין דרום־זייט פון דור ליגט אַ צווייטע געזונקענע שיף, אַ ליידיקע און „צעניזוקט אין קאַמף אָדער אין שטורעם". אָבער עס איז אָן אַנטפּלעקונג וועגן וועלכער מען האָט נישט געוווּסט, נישט געווען ביז איצט פאַרצייכנט אין די געשיכטע־פאָרשונגען.

אַ קליינע שטרעקע ווייט פון דור־ברעג, ליגן אויפן ים־באָדן צוויי נאַפּאָלעאָנישע שיפן מיט געווער און אַמוניציע, וואָס דער פראַנצויזישער קייסער האָט, ווי מען ווייסט שוין איצט, אַליין געלאָזט דערטרינקען, ווען ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון ארץ־ישראל, נישט קאָנענדיק דעראָבערן דאָס לאַנד. די שיפן פון נאַפּאָלעאָנען האָבן געאַנקערט אין דור. קורט האָט שוין פון זיי אַרויפגעבראַכט אויף דער אויבערפלאַך און באַוויזט זיי פאַר מיר אין דער „מזגגה", רעוואָלווערן, ביקסן, האַרמאַטן־קוילן, אַנדערע סאָרטן באַוואָפענונג פון דער נאַפּאָלעאָנישער עפּאָכע. און אויף איין שיף האָט ער געפונען „אַ פאַרבלאָנדזשעטע קרייצציגלערישע

שווערד״ — זיכער א געפינס אין יענער צייט פון א זעלנער, אפיציר, „און אפשר האט עס נאפאלעאן אליין מיטגענומען אלס אנדענק...״ קורט האט שוין ארויסגענומען פון די ים־טיפענישן ביי דור הע כער הונדערט שטיינערנע אנקערס, וואס שטאמען פון דער צייט פון צוויי טויזנט יאר פאר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, ביז דער ביזאנטישער עפאכע. נישטא אפשר קיין ים־מוזיי אויף דער וועלט, וואס פארמאגט אזא רייכע זאמלונג פון אלטערטימלעכע אנקערס.

קורט טויכט אבער נישט נאר אין וואסער. „די געגנטן פון דור״ האבן נאך איבערגעלאזט פאר אים אויף דער אויבערפלאך ארכעאלאגיש־היסטארישע אוצרות, וואס קורט האט שוין אנטפלעקט און אנדערע ווארטן נאך זיכער אנטפלעקט צו ווערן און, דער עיקר, געפארשט און טיפער געגראבן ווערן. א דאנק אים איז שוין איצט „לעבעדיק״ אויפן „תל־דור״, מען ארגאניזירט גראב־דעלעגאציעס. דער ירושלימער אוניווערסיטעט האט קורטן דא באשטימט פאר זיין פארשטייער, אויף א פולן פאסטן, ווייל נישט בלויז ער געפינט אלטערטימלעכקייטן, זוכנדיק זיי ווו מען דארף, נאר באשרייבט אלץ, קאטאלאגירט, שיקט איבער באשרייבונגען, וואס זענען נייטיק פאר פארשונגען. ער האט אין קיבוץ גופא געפונען עטלעכע אלטערטימלעכע קברים, וואס דארפן נאך וויסנשאפטלעך געגראבן און געפארשט ווערן. אן ענלעכן קבר האט ער געפונען גראבנדיקביים אויסגלייכן דעם באדן הארט ביי דער גלאז־פאבריק. א דאנק קורטס באמיונגען האט דער „אלטערטימלעכקייט־דעפארטאמענט״ געשיקט קיין דור די ד״ר קלאדין דופין פון ירושלים און נעמט אונטער אויסגראבונגען פון דער ביזאנטישער קירכע, וואס שטיקלעך פון איר מאזאיק־דיל האט מען לאנג שוין געפונען ביים קיבוץ. באלד וועלן אפשר פארענטפערט ווערן פיל „פראגעס״ פון ד״ר פערשטער — דור האט, אין פארשיידענע עפאכעס, זיך צעשפרייט ווייט אויסערן „בערגל״; געווען מעגלעך א גאר גרויסע שטאט, לויט יענצייטיקע באגריפן.



פעגאסאס, דער גריכיש־מיטאלאגישער פערד מיט פליגל — געפונען אין די אויסגראבונגען פון דור

„...און דאס ,בערגל׳ אליין ?״ — לאכט קורט רווה — „די פארש־ און גראבארבעט אין דעם איז נאך אין בראשית...״. אוודאי... ער ווייזט מיר שטיין, אנגעשפארט אין וואנט פארן אריינגאנג אין דער „מזגגה״, נישט קיין גאנצן, אבער א גרויסן טייל פון א מאנומענטאלן זייל. ער האט אים געפונען אין בערגל, מיט א גרויסן לייענבארן אויפשריפט אין גריכיש. „קיינער האט דאס ביז איצט נישט באמערקט ?״ — פרעג איך. קורט הייבט מיט די אקסלען און זיין פנים דריקט אויס דעם אלט־יידישן „זעסט דאך...״ דער אויפשריפט דערציילט וועגן א פרוי

וואָס איר פּאָטער איז געווען אַ פאָרשטייער אין דור פון דער באַרימטער גריכישער שטאָט טראָיאַ, עס רעדט זיך וועגן אַן „אָפיציעלן שליח". די דאָזיקע ביז־איצט אומבאַקאַנטע איינצלהייט באַווייזט נאָכאַמאָל וועגן דער וויכטיקייט פון דור. אויף זיין טיש ליגט אַ קליינער פאַרצייטיקער רעדל־זיגל מיט אויסגעקריצטע צוויי זעלנער אין אַ וואָגן, פון וועלכע איינער פאַרטיידיקט זיך, צי גרייפט אָן, מיט אַ שפּיז אַ לייב. אויך דאָס און ענלעכע אַרכעאָלאָגישע „קלייניקייטן" האָט קורט געפונען אין און אויפן דור־בערגל. צי דאַרפן, דעריבער, וווּנדערן די אויבן־געבראַכטע פראַגעס ?...

עס פאַרוווּנדערט אייך דאָך, ווען קורט זאָגט פלוצלינג מיט אַן ערנסטער שטימע: „ערגעץ אינעם בערגל, אָדער דערלעבן באַהאַלט זיך נאָך אויס פּאָר אונדז אַ יידישער מקדש..." און ווען ער זעט דעם מאָדנעם שמייכל ביי זיין צוהערער, גיט ער צו: „ניין, נישט קיין חלום פון עפּעס אַ וויזיאָנער..."

ביי אַן אַנטיקוואַר אין אַלט־ירושלים איז אַנטפּלעקט געוואָרן אַ שטעמפּל, וואָס „איז מסוגל אַריינצושרייבן אַן אומבאַקאַנט קאַפּיטל אין דער יידישער געשיכטע..." דאָס איז אַ קליינער אַזוי־גערופענער „זשוק־זיגל", צוליב זיין פּאַרקייעכט־לענגלעכער פאָרם, וואָס איז באַנוצט געוואָרן שוין אַלס שטעמפּלען און קמיעות אין אוראַלטן מצרים. אויף האַרטן שטיין, האָט דער דאָזיקער „זשוק", ווי זעלטן אַזעלכע אין אַלטערטום, אויפגעשריפטן אויף ביידע זייטן, כאָטש ער איז נישט גרעבער פון פינף מילימעטער. „און ווען אויפן לענגסטן פלאַץ האָט ער זיבעצן מילימעטער און ברייטסטן בלויז דרייצן, פאַרשטייסטו ווי מען דאַרף זיך אָנשטרענגען אים איבערצולייענען..." אָבער דאָרט איז מיט אַלט־יידישן שריפט אויף איין זייט געשריבן: „לצדק בן מכא", און אויף דער צווייטער — „דאָס איז פאַר מיר וויכטיק, די אַנדערע זייט אינטערעסירט מיר ווייניק" — „כריו כהן דאר", איז צוויי שורות און אונטער זיי אַ שלאַנג מיט פליגל, אַן אַלטער יידישער באַצירונג־מאָטיוו. פּראָפ. נחמן אביגד האָט שוין געווידמעט אַ ברייטע אָפּהאַנדלונג דעם דאָזיקן „זשוק־זיגל". „כריו" זאָל זיין אַן אָפּקירצונג פון „זכריהו" און „צדק בן מכא" („צדוק בן מיכה" אין שפּעטערדיקן אויסלייג) זאָל זיין דער פּאָטער פונעם כהן... „דאר" ווערט שוין אין תנ"ך פיל מאָל פאַרביטן מיט „דור", אַזוי אַז „דער כהן איז זיכער פון אונדזער דור". אמת. דעריבער, הערט זיך אַ זיגער־טאָן אין קורט רוהס קול:

„דער כהן האָט אין דור געדינט אין אַ מקדש — עס קאָן נישט זיין אַנדערש..." עס איז אין ערגעץ נישט דערמאָנט ? דער שטעמפּל שטאַמט פון אַכטן י"ה פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, „פון דער תקופה פון ישראל־הערשאַפט אין דור. און פאַרוואָס איז אין אַזאַ וויכטיקער אַדמיניסטראַציע־שטאָט נישט געווען קיין קולט־געבײדע, ווי אין אַנדערע אַזעלכע פלעצער ? אויך וועגן די מקדשים אין ערד און אין לכיש האָבן מיר נישט געוווּסט פון קיין שום דאָקומענטאַרע מקורות — מען האָט זיי אַנטפּלעקט אין די ,בערגלעך', געפונען נאָך יאָרטויזנטער..." אין תנ"ך ווערן, אויסער ירושלימער בית־המקדש, דערמאָנט בלויז די מקדשים אין דן און בית־אל. „איצט דערציילט אונדז דער ,זשוק־זיגל', אַז אויך

אין דור איז געווען אַ מקדש" — איז זיכער קורט — „מיר דאַרפֿן אים בלויז געפינען. און ווען מען זוכט געפינט מען, זאָגן יידן זינט לאַנגע צייטן..."

*

ביים אָפּרייניקן, באַנײַען, אָפּפרישן די גלאָז־פֿאַבריק, האָט מען אין בנין געפונען אירע צוויי אויוונס צום גיסן גלאָז, אומבאַריירטע פלעשער („אַ שאָד, לײדיקע, אָן וויין..." — וויצלט זיך קורט), אָבער אויך גלעזערנע שיסעלעך, קליינע פלעשלעך, ווי אויף פאַרפום. מען האָט אויך געפונען פלאַכע גלאָז, אָבער מען וועט דאַרפֿן אונטערזוכן צי דאָס איז דאָ אויסגעאַרבעט, אָדער געקויפט. „וועט דאָ אויך זיין אַ ווינקל פאַר דער ערשטער יידישער גלאָז־פֿאַבריק אין ארץ־ישראל, הייסט עס?" — „ערשטע, נאָך צוויי טויזנט יאָר..." — פאַרריכט מיר קורט מיט אַ קונדסישן גלעכטער.

אַ ספעציעלער צימער שוין פאַראַן אין הויז, „געזונט־צו־מאַכן", רעקאָנסטרו־אירן געפונענע, צעבראָכענע, כלים. שטודיר־צימערן. „די פּאַקטישע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין דור, נישט בלויז אויפן און אין תל־דור, נאָר אויך אַרום־און־אַרום, וועלן זיך איצט פאַקטיש אָנהייבן און וועלן דויערן יאָרן, גראָב־סעזאָנען, ווי מיר רופן דאָס, מיט אָן איבעררייס אין ווינטער..." און אויסגראַבן דאָ וועט מען נאָך, דאָס איז זיכער, גאַנצע אוצרות, סיי אין אַרכעאָלאָגישע קעגנשטאַנדן, סיי אין היסטאָרישע ידיעות. דאָס נישט־מער ווי נײַנציק־יאָריקע הויז פון ראָט־שילדס גלאָז־פאַבריק, וואָס באַהאַלט אין זיך אַ פּרק נײַע יידישע געשיכטע אויף דעם אַלטן ברעג, פּאַסט זיך אַלס אכסניה פאַר אַ דור־מוזיי. קורט איז איבערצייגט, אַז דאָס הויז וועט זיין צו קליין אַלץ אַריינצונעמען. „וועט מען אַרויפבויען אַ דריטן און פערטן שטאָק" — באַרויִקט איך אים ערנסט, — „זע ווי מען אַרבעט דאָ..." דער קיבוצניק פון האָלאַנד האָט באַגייסטערט חברים, אפילו ווייטע פון אַרכעאָלאָגישע ענינים, עס האָט מיטגעריסן זיין באַגייסטערונג, זיין איבערגעגעבנ־קייט, און עס העלפן אים אין באַנײַען דאָס הויז חברים, עלטערע און יינגערע מענטשן פון נחשולים. „די סובסידיע אויף דעם פון בילדונג־מיניסטעריום" — קורט האָט שוין אויך דאָרט דערוועקט פאַראינטערעסירונג — „סטייעט דערווייל קוים אויף די בוי־מאַטעריאַלן..."

נאָר אַ שאָד, וואָס דער טעפער פון דור, דער זון פון יידישן ווייטשעפל, איז מער דאָ נישטאָ — דער ערשטער מסתמא טרוימער וועגן אַזאַ מוזיי אין „די געגנטן פון דור".

*

איך נידער פּאַמעלעך, אַרויס אָדער אַראָפּ — ס'איז סיי אַרויס און סיי אַראָפּ — פונעם דור־בערגל צום נאָענטן וווּנדערבאַרן ברעג.

די אינדזעלעך וואָס שאַפן דעם נאַטירלעכן כוואַליעס־ברעכער און לאָזן זיי נישט צו צום ברעג, טראָגן די נעמען פון פייגל, זייערע באַוווינערס. איך שטיי אַנט־קעגן מעווע־אינדזל, אי־השחפית. שחפית אין העברעיש איז נישט דירעקט קיין מעווע, נאָר אַ מין קליינע מעוועס, וואָס זעען פון ווייטן אויס ווי טויבן. ווינטער

זענען די אינדזועלעך פוסט און פּאַרוויסט. די פייגל געפינען זיך דעמאָלט אין לענדער, ווו עס הערשט זומער בעת אונדזער ווינטער... זיי הייבן אָן קומען אין מערץ און באַפעלקערן דאָס אינדזל ביז אויגוסט, לייגן דאָ אייער, בריען זיי אויס, כאָוזען אויף די קליינע און פליען מיט זיי צוזאַמען אַוועק זומערן ערגעץ אַנדערש, ווען ביי אונדז דערנענטערט זיך דער ווינטער.

די נעסטן זענען פשוטע לעכער אין דער ערד. מען זעט פון ווייטן די יונגע פייגעלעך און מען הערט זייער צוויטשער. אויך זיי נעסטן דאָ שוין זיכער פיל טויזנטער יאָרן...

מענטשן לעבן אינדזועלע האָבן דאָ געלעבט פריער ווי די פייגל? צי זענען מיר געקומען שפּעטער פון זיי? שיכטן פון קולטורן, פון פעלקער האָבן זיך געהייכט אויפן „בערגל", געבויט און צעשטערט, מלחמה־געהאַלטן, געקומען, פאַר־שוונדן... און די מעוועס — זינט זיי זענען פייגל געוואָרן אין זייער ביאָלאָגישער אַנטוויקלונג — האָבן אַזוי רויק געבויט זייערע נעסטן? היינט, די זעלבע ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק?... אָדער באַהאַלט אויך דאָס אינדזועלע פייגלשע אור־געשיכטע, וועגן וועלכער מיר האָבן קיין אַנונג נישט?...

1980

באַפּטיסטישע קיבוץ־חברים

ווען איך לייען וועגן קיבוץ מענית, אָדער פאָר אים פאַרביי, טראָג איך זיך אַריבער צו מיין וועג אַהער און די סאַמע ערשטע יאָרן אין ישראל.

מיר זענען אַרויפגעשטיגן אויף דער שיף אין מאַרסעיל, אויפן וועג קיין חיפה, אין אַ הייסן מאַי־נאָכמיטאָג. ווען די שיף האָט זיך נאָר וואָס גענומען גליטשן איבער די בלויע ווייטן פון מיטללענדישן ים, איז צוגעפאַלן אַ פאַרנע נאַכט, קיין מינדסט ווינטל האָט נישט באַוועגט דאָס וואַסער. אין די ענגע קאַיוטעס איז שווער געווען צו אָטעמען... אַרום האַלבער נאַכט זענען מיר אַרויס אויפן כמעט־נישט־באַלויכטענעם דעק. מען האָט קיין מענטש נישט גע־קאָנט דערבליקן צווישן די רעטונג־שיפלעך, איינגעפּאַקטע זעגלען, קאַסטנס און סתם פּעק. פון איין ווינקל האָט זיך געטראָגן אַ שטיל געזאַנג פון אַ צאַרטער פרויען־שטימע:

„האָסט אַ גרויסן גאָט אין הימל,
ימען שפּאַלט ער מיט זיין האַנט;
אויף זיין פליגל מיט זיין שטורעם
טראָגט ער דיך צום ליבן לאַנד...“

איך האָב אַ ציטער געגעבן... מיט זעלבן ניגון האָט דאָס מיר, אַלס קינד, מיין מאַמע געזונגען... און די שטים?... קומט זי נישט ערגעץ פון די טיפענישן?... איך האָב זיך שטיל דערנענטערט, ציענדיק נאָך זיך מיין פרוי. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דער נאָענט. ווען די פרויען־שטים אין דער פינצטער האָט געענדיקט, האָב איך זיך נישט איינגעהאַלטן און שטיל גענומען ברומען די ערשטע סטראָפע פון ר׳ יהודה הלוי, וואָס מיין מאַמע פלעגט זינגען אַלס רעפריין דורכן גאַנצן ליד:

„כ׳האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ׳האָב פאַרלאָזט מיין אייגן הויז;
כ׳האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן —
טראָג מיך, ים, צום מוטערס שויס...“

אַזוי האָבן מיר זיך אין דער טונקלקייט באַקענט מיט זיסל און גרשון ריינוויין.

זיי האָבן געשטאַמט פון אַ קליין שטעטל אין פּאָדאָליע, ביידע אין עלטער פון די ערשטע פערציקער יאָרן. זיי האָבן זיך דערנענטערט אין „קן“ פון „השומר־הצעיר“ אין שטעטל און פון דעמאָלט זענען זיך זייערע וועגן נישט צעגאַנגען. ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיי שוין געהאַט אַ טעכטערל פון פופצן יאָר — זי איז אומגעבראַכט געוואָרן אין דער שואה. ווער ווייסט, צי דאָס האָט נישט פאַרקירצט זייער לעבן... מען האָט אָפט פון

ביידע געהערט: „...ניין, פּרוּוו נישט טרייסטן... טאַטע־מאַמע זענען געבליבן לעבן און דאָס קינד נישט...״

גרשון איז אַרויס אַ לעבעדיקער פון טרעבלינקע. זיסל האָט מיט פאַלשע פּוילישע פּאַפּירן געאַרבעט אין אוקראַיִנישע דערפער. דאָס טעכטערל, פאַרכאַפּט באַלד אין אָנהויב כלומרשט „אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד״, איז אומגעקומען „אין ווער ווייסט וועלכן גיהנום״... גרשון איז געווען אַ שניידער פון פאַך. נאָכן אַרומזוכן — „מיט פחדנותדיקער האָפענונג...״, ווי זיסל פלעגט זאָגן — אַ יאָר צייט די טאָכטער אין דייטשלאַנד, זענען זיי אין אָנהייב 1946 אָנגעקומען קיין פּאַריז. ער האָט באַקומען אַרבעט, זיך איינגעאָרדנט. אָבער גרשון האָט מיר אַמאָל, מיט זיין שטילן רויִקן קול געזאָגט: „מען האָט אַלץ אין אונדז, ביי אונדז, אַרום אונדז — דוכט מיר אפילו, אַז אונדז גופא אויך — דערמאָרדעט... נאָר דער חלוצישער, השומר־גייסט איז געבליבן לעבן...״

דאָס פאַרפאַלק האָבן איבערגעלאָזט „די גליקן אין פראַנקרייך״ און עולה געווען קיין ישראל.

זייער איינציקער טרוים פאַר זיך אין ישראל איז געווען — לעבן אין אַ קיבוץ. איין פראַגע האָט זיי פאַרדאגהט אויפן גאַנצן וועג: צי זענען זיי נישט צו אַלט אָנגענומען צו ווערן אין אַ קיבוץ?...

עס האָט גראָד נישט לאַנג געדויערט און די רייזגוויינס זענען אָנגענומען געוואָרן, ווי עס פּירט זיך, אין אָנהייב אויף אַ יאָר אַלס קאַנדידאַטן, און דערנאָך געוואָרן פולבאַרעכטיקטע, און געשעצטע, מיטגלידער פון קיבוץ מענית.

מיר זענען פּאַקטיש געווען שכנים. איך האָב די ערשטע יאָרן אין ישראל געאַרבעט און געלעבט אין דער געגנט פון עפולה. מען האָט בלויז געדאַרפט דורכפאָרן די וואַדי ערה און מען איז געווען אין אַ קנאַפּער שעה רייזע, אייגער ביים צווייטן. ביידע זענען שנעל ממש אַריינגעוואַקסן אין קיבוצישן לעבן, אין דער געזעלשאַפט, באַקומען פריינד. אין 1952 בין איך איינגעלאַדן געוואָרן אויף דער פייערונג פון צען־יאָריקן עקזיסטענץ־יובילייִ פון מענית. עס איז נאָך געווען אַן אַלטער הילצערנער חדר־אוכל, אָבער אויסגעצירט און פריידיק. איך בין געווען שטאָלץ, ווען אין אַריינפיר־וואָרט האָט דער קיבוץ־סעקרעטאַר גערעדט וועגן „די נייע חברים זיסל און גרשון, וועלכע האָבן זיך, געקומענע פון עמק הבכא, געוואָרפן מיט פרייד, ענערגיע, איבערגעגעבנקייט אין דער אַרבעט״. זיסל איז געווען גליקלעך, מען האָט זי צוגעטיילט צו אַרבעטן אין בית־התינוקות, איז „יעדעס ניי־געבוירענע קינד, ווי מיינס אַן אייגנס...״ און גרשון האָט געאַרבעט אין קי־שטאָל: „כ׳האָב דאָך קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז אַ בהמה איז אַ לעבעדיק נפש, פאַרשטייט דיך, אפילו דיין לשון און אַ קעלבל טוליעט זיך צו דיר און קאָנסט עס ליב האָבן...״

אינערלעך, אָבער, זענען די רייזגוויינס צו זיך נישט געקומען פון די איבער־לעבונגען. „קיין אייגן קינד קאָן מען מיט גאַרנישט פאַרטרעטן...״ — פלעגט זיך ביי זיסלען אַרויסכאַפּן. אויך איר אויסערלעך גליק האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. צו די צען יאָר פון זייער אָנקומען אין קיבוץ, אָנהויב 1959, האָט אַ בייזוויליק געוויקס אין קאָפּ אַ סוף געמאַכט צו איר לעבן. דריי יאָר שפּעטער,

אין 1962, האָבן מיר אויך גרשונען באַגלייט צו זיין אייביקער רו. זינט דעמאָלט ביז איצט בין איך אין מענית נישט געווען...

*

מענית איז געגרינדעט געוואָרן דורך חלוצים פון השומר־הצעיר פון פוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע, צווישן זיי חביבה רײַק, די העלדישע פּאַראַשוטיסטין. פון איר היים אין מענית איז זי פרייוויליק אָפּגעפלויגן צו דער נאַצי־אָקופּירטער טשעכיע און דאָרט פּאַראַשוטירט געוואָרן. אָרגאַניזירט יִדישע און סלאָוואַקישע פּאַרטיזאַנערס, געטראָגן הילף יידישע קינדער, ביז זי איז געכאַפּט געוואָרן דורך „ולאַסאָווצעס" און הינגעריכטעט געוואָרן דורך די דייטשן. לעבן מענית איז אין איר אָנדענק געגרינדעט געוואָרן דער אידעאָלאָגיש־דערציערישער סעמינאַר פון „קיבוץ־הארצי השומר־הצעיר", גבעת־חביבה, וואָס איז פּאַקטיש אַ טייל פון מענית, און אַביסל ווייטער — דער קיבוץ להבות־חביבה, „די חביבה־פלאַמען", ווי עס זאָגט זיך אין דער יסוד־מגילה: „זי האָט אָנגעצונדן אין די הערצער די פלאַמען פון איר שליחות".

„נעם ווייס ווו מען געפינט זיך אין ארץ־ישראל..." — האָט מיר גרשון געזאָגט, ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל באַטראַכט, מיט פאַרוואונדערונג איןביידנס אויגן, דעם מאָנומענטאַלן טויער געטעסעט פון איין ריזן־שטיין אין אַ הייך פון דריי מיט דריי־פערטל מעטער. געהאָט האָט ער אַן אויסגעהאַקטע טיר פון איין מעטער מיט דריי־און־אַכציק סענטימעטער אויף איין מעטער מיט צוואַנציק, לעכער פון די זאַוויאַסעס און ריגל צו פאַרמאַכן. פון ווען שטאַמט דאָס? מען ווייסט נישט גענוי, אָבער יעדנפאַלס מער ווי פון פאַר צוויי טויזנט יאָר. „וואָס איז צוויי טויזנט יאָר ביים יִדישן פאָלק?... אפילו ביי אַ יונגן קיבוץ..." די אַראַבער האָבן דאָס גערופן „חורבת בײַדוס", קיינער ווייסט נישט פון וואַנען אָט־דער נאָמען שטאַמט. מיר האָבן אַראָפּגעקלעטערט אין גריבער, אוראַלטע קברים, אַ צעבראָכענער סאַרקאָפאַג. געטעסעטע בוי־שטיינער. דערלעבן אַן אויסגעהאַקטער אין שטיין בעקן צו טרעטן ווײַן, אָדער בוימל.

און געווען איז דאָ גאָר נרבּתּה (נאַרבאַטאַ), די צענטער־שטאָט פון דער רוימישער טופּאַרכיע, וואָס האָט זיך געצויגן ביז קיסריה. לויט יוסף בן־מתתיהו (יאָסעפוס פלאַוויוס) האָבן „אין נרבּתּה געלעבט דורותלאַנג בשכנות אין שלום אַ סך יִדן, שומרונים און געצנדינער". ווען עס איז אויסגעבראָכן דער גרויסער אויפשטאַנד קעגן די רוימער „זענען די יִדישע איינוווינערס, מיט ספר־תורהס אין די הענט, אַנטלאָפן, פאַרפאָלגט דורך אַלע נישט־יִדן, וועלכע האָבן זיך קעגן זייער פאַראייניקט אין אונטערטעניקייט צו די רוימער און אין פחד פאַר זייערע לעגיאָנען" („יִדישע מלחמות" ב', 14, 5). בראש פון די יִדן אין נרבּתּה איז דעמאָלט געגאַנגען שמעון החשמונאי. „אַלץ דאָ, ווו מענית..."

*

די יונגע חלוצים, וועלכע האָבן געגרינדעט דעם קיבוץ, האָבן מיטן נאָמען געוואָלט באַצייכענען זייער „צוריקקער צו דער ערד פון אַלטן היימלאַנד". „מענית" באַדייט די ערשטע בייט, וואָס עס מאַכט דער אַקעראייזן, לויטן געזאַנג

פון אוראַלטן משורר: „על־גבי חרשו חרשים, האריכו למעניתם" („אויף מיין רוקן האָבן אַקערער געאַקערט, זיי האָבן לאַנג געמאַכט זייערע בייטן" — תהלים קכ"ט, ג'). אָבער גרשון האָט געהאַט פּאַרדרוס: „פּאַרוואָס נישט נרבתה?... אַ היסטאָריש־ריכטיקער נאָמען פון דאָזיקן אָרט... בפרט ווען פריער איז דאָ געווען דאָס תנ"כישע ארובות — אַוודאי אַ פּאַסיקער נאָמען". אַז דאָס איז שוין בלויז אַ השערה, די אַרכעאָלאָגן האָבן קיין באַשטעטיקונג נישט געפונען, דאָס האָט גרשונען נישט אינטערעסירט... ער האָט ציטירט דעם אַלטן מקור: „און שלמה האָט געהאַט צוועלף געשטעלטע איבער גאַנץ ישראל און זיי פלעגן אויס־האַלטן דעם מלך און זיין הויז; אַ חודש אין יאָר פלעגט איטלעכער דאַרפן אויסהאַלטן. און דאָס זענען זייערע נעמען: — — — דער זון פון חסדן אין ארובות; אונטער אים איז געווען שׂוכו און דאָס גאַנצע לאַנד חפר" (מלכים א', ד', ז'—י'). „יאָ, דאָ האָט געלעבט דער זון פון חסדן".

*

און איצט, ווען אין און אַרום מעגית דיסקוטירט מען וועגן אַריינגעמען אַלס חברים, פּולבאַרעכטיקטע מיטגלידער, אַ באַפּטיסטיש, נישט־יידן פּאַרשטייט זיך, פּאָרל, שטרענג־רעליגיעזע קריסטן אין דאָזיקן קיבוץ — זענען פאַר מיר גלייך געשטאַנען, ווי לעבעדיקע, זיסל און גרשון ריינווין... ווי וואָלטן זיי געשטימט אויף דער אַנטשיידנדיקער קיבוץ־פאַרזאַמלונג?...

עוועלין און גרעי רעינאַ, ביידע אין עלטער פון עפּעס מער ווי דרייסיק יאָר, האָבן זיך נישט בלויז פאַרליבט אין קיבוצישן לעבן, נאָר זעען אין דעם די „פאַרווירקלעכונג פון די עכטע יסודות פון גלייכקייט צווישן מענטש און מענטש, און סאָציאַליזם ביי די תנ"ך־נביאים..."

גריי איז געבוירן אין אויסטראַליע, דאָרט געענדיקט פּאָליטעכניקום אַלס שאָסייען־אינזשיניער; עוועלין איז געבוירן אין ניי־זעלאַנד, באַזיצט דעם ערשטן אוניווערסיטעט־טיטל אין כעמיע. ביידע שטאַמען פון קריסטלעך־באַפּטיסטישע משפחות, פאַרמעגלעכע, אַנגעזעענע אין זייערע אָפּשטאַם־לענדער — זיי האָבן זיך באַקענט מיט עטלעכע יאָר צוריק און חתונה געהאַט. זיי זענען, ווי אַ יונג פּאָר־פאָלק, געקומען אַלס פרייוויליקע אַרבעטן אַ פּאָר חדשים אין קיבוץ, ווי הונ־דערטער אַנדערע, יידן און נישט־יידן. די מערהייט פרייוויליקע פאָרן שפּעטער צוריק אין זייערע לענדער. פאַראַן אָבער געגנוג אַזעלכע, וועלכע קומען שנעל צוריק, אָדער בלייבן גלייך אין לאַנד. מערסטנס זענען דאָס, אין פאַל פון קריסטן, ייִנגלעך אָדער מיידלעך, וואָס פאַרליבן זיך אין אַ טאָכטער, אָדער זון פון קיבוץ, און מען האָט חתונה. דאָ איז עס אַ פּאָרפאָלק, מאַן און פרוי, וועלכע האָבן נאָך עטלעכע חדשים אַרבעט, זיך געווענדעט צום קיבוץ מען זאָל זיי אָננעמען אַלס חברים, זיי ווילן ביידע בלייבן לעבן אין מעגית.

אין קיבוץ האָט זיך געשטעלט לגבי דעם פּאָרפאָלק אַ שווער פּראָבלעם. דאָס זענען נישט סתם קריסטן, נאָר באַפּטיסטן, וואָס זענען באַקאַנט מיט זייער עקסטרעמער רעליגיעזקייט, און זיי האָבן דאָס נישט געלייקנט און נישט באַ־האַלטן, — דווקא אין אַ קיבוץ מיט פּרינציפּיעלער וועלטלעכקייט. דער מאַן,

גריי, רעדט שוין אַ נישט־שלעכטן העברעיש און איז איינגעשפּאַרט דווקא צו רעדן העברעיש. ביי עוועלין „גייט עס שווערער לדבר עברית", ווי זי זאָגט האַלב־ענגליש און האַלב־העברעיש.

געווען חברים אין קיבוץ, וועלכע האָבן אָפן אַרויסגעזאָגט זייער חשש, צי דאָס פּאַרפאַלק האָט נישט קיין באַהאַלטענע מיסיאָנערישע כוונות. גרעי ריינאַ זאָגט ערנסט: „גלויבן, אמונה, יאָ, מיר האָבן עס ביידע, אָבער דאָס איז פּריוואַט. אַ זאַך פון האַרץ, אינעווייניק, חלילה נישט אָנצוואַרפן דאָס אויף עמעצן אַנדערש". חוה הדר, איינע פון די גרינדערינס פון מענית, צענטראַליזירט אין אירע הענט די באַשעפטיקונג מיט די פריייוויליקע שוין צען יאָר. זי האָט נאָענט באַקענט פיל צענדליקער פון דער גאַנצער וועלט, זיי רופן זי „מוטער חוה", זי פאַרברענגט מיט זיי אין שמועסן, גיט זיי עצות, לייזט זייערע פּראָבלעמען. און חוה זאָגט: „זעלטן איך האָב צווישן די פריייוויליקע געטראָפן אַזעלכע ערנסטע צוויי מענטשן וואָס קוקן אין דער טיף, בליקן דורך־און־דורך דאָס קיבוץ־לעבן און אַרבעטן מיט איבערצייגונג, ווי אַ שליחות, מיט אַזויפיל פלייס און ענערגיע. איך בין איבערצייגט אין זייער אויפריכטיקייט נישט ,אָנצושטעקן' קיינעם מיט זייער קריסטלעכן גלויבן. דאָס זענען אמתע אידעאַליסטן און זעען דעם קיבוץ אין זיין ריכטיקן שענסטן ליכט. דאָס זענען צוויי פּאָזיטיווע מענטשן און אויב דער קיבוץ וועט זיי אַבסאָרבירן אין זיך, וועט ער עס זיכער נישט באַדויערן".

אינזשיניער ריינאַ חזרט איבער: „פאַרשטייט, נישט יעדער באַפּטיסט איז אַ קנאי, אויך מיר זענען נישט קיין פאַנאַטיקער. די רעליגיע איז ביי אונדז אַן אינערלעכער ענין, אין דער נשמה און נישט כלפּי אויסן, נישט אויסערלעך".

חנן גר־ארי, דער דריי און דרייסיק־יאָריקער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר די הינער־שטייגן אין מענית זאָגט: „דאָס איז אַ פּאָרל וואָס אידענטיפיצירט זיך — און עס איז לייכט צו דערקענען, נישט בלויז אויסערלעך, נאָר אַן אינערלעכע גייסטיקע אידענטיפיצירונג — מיט די פּרינציפּן פון קיבוץ, איז משפּחהדיק אויסגעמישט און איינגעלעבט צווישן די חברים, האָט שנעל דערוואָרבן נאָענטע פריינד". ער, אַ קיבוצניק פון געבוירן, פאַרטראַכט זיך אַ ווייל און גיט צו: „לויט דער דערציונג וואָס איך האָב באַקומען אַלס אַ קיבוץ־קינד, פיל איך נישט קיין שוואַכערע פאַרבינדונג מיט אַ קריסט, וועלכער איז גרייט צו לעבן מיט אונדז און ער אידענטיפיצירט זיך מיט אונדזערע סאָציאַליסטישע פּרינציפּן, ווי מיט אַ רעליגיעזן ייִד וועלכער לעבט אין שטאָט און איז מקיים אַלע מצוות..."

געווען אויך קעגנערס, ווי איען שטיין. אַ ייִד פון ענגלאַנד, וועלכער איז געקומען אין קיבוץ אַריין אַלס פריייוויליקער, אין עלטער פון פיר־און־צוואַנציק יאָר, מיט זעקס יאָר צוריק. ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ קיבוץ־טאָכטער, חתונה־געהאַט מיט איר, געבליבן און איז שוין פינף יאָר אַ קיבוץ־חבר. מיט אים צוזאַמען איז געקומען זיינער אַ קריסטלעכער חבר, אַרומגעגאַנגען אַ שטיקל צייט מיט אַ קיבוץ־טאָכטער, אָנגענומען געוואָרן אַלס מיטגליד. ער האָט נישט חתונה־געהאַט, לעבט אין קיבוץ „ווי אַ פרעמדער און אַזעלכער וועט ער שוין פאַרבלייבן", דער דאָזיקער ענגלישער נישט־ייִד האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט — „אמת, אויך ייִדן פּאַסן זיך נישט שטענדיק אַריין אין קיבוץ־לעבן" — און וועט

מסתמא סוף־כל־סוף אַליין פֿאַרלאָזן דעם קיבוץ. אָבער שטיין האַלט דאָך: „וואָס האָט אַ קריסט צו טאָן אין אַ ייִדישן קיבוץ? נאָך וואָס?..." ער האַלט עס פֿאַר „אַ ריינע עכטע י י ד י ש ע לעבנס־פֿאָרם".

די צוואַנציק־יאָריקע רעגולאַ, אַליין אַ קריסטין, אָבער שוין העכער צוויי יאָר אַ קיבוץ־חברטע, דענקט אַנדערש. מיט פֿינף און אַ האַלב יאָר צוריק איז זי געקומען אויך אויף פֿרייוויליקער אַרבעט אין קיבוץ אַריין, פֿון שווייץ. זיך באַקענט מיטן קיבוץ־זון עוזי, אַ קעגנזייטיקע ליבע, מען האָט חתונה־געהאַט און זייער זונעלע דני איז שוין אַלט צען חדשים. רעגולאַ דערציילט אָפֿנהאַרציק: „כאָטש איך בין נאָך געווען זייער יונג, ווען איך בין אָנגעקומען אין קיבוץ אַריין, האָב איך געהאַט, אונטער דער ווירקונג פֿון מיין סביבה אין שווייץ, גאַנץ נעגאַטיווע מיינונגען וועגן ישראל... פֿאַרשטייט זיך, אַז היינט, אַלס קיבוץ־חברטע, זענען מיינע אָנשויונגען געגנצלעך אַנדערע..." — שמייכלט זי האַרציק — „אָבער נאָך מער: מיינע עלטערן, אַלע מיינע באַקאַנטע אין שווייץ, די גאַנצע סביבה, זעען איצט ישראל אין אַן אַנדער ליכט, קענען די פּאָזיטיווע זייטן פֿון דער ייִדישער מדינה". זי פֿילט זיך גליקלעך אין קיבוץ, „אַן אייגענע, בכלל נישט קיין פֿרעמדע, אַלע חברים זענען מיר נאָענט". זי פֿייערט, זאָגט זי, נאָרמאַל די ייִדישע יום־טובים, מיט איר מאַן און קינד, „מיט דער גאַנצער קיבוץ־משפּחה". דעריבער איז רעגולאַ איבערצייגט: „דער קיבוץ איז אַ פֿרייע געזעלשאַפֿט און מען דאַרף אַריינגעמען אין אים יעדן קריסט, וועלכער אָנערקענט די פּרינציפּן פֿון קיבוץ און וויל אין אים לעבן ווי אַ ישראלדיקער בירגער, מיט אַלע רעכט און פֿליכטן אַלס בירגער און קיבוצניק".

אויף דער חברים־פֿאַרזאַמלונג, די „העכסטע אינסטאַנץ" אין קיבוץ, איז די דיסקוסיע אַרום דעם ענין געווען אַ לאַנגע. איינער האָט פֿאַרגעלייגט אַלס באַדינג „זאָלן זיי זיך מגייר זיין" — דאָס איז אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן, ווייל, ווי איינער האָט פֿאָרמולירט, „דאָס וואָלט געווען לעכערלעך, נישט ערלעך און נישט־מאָראַליש, צו קומען מיט אַזאַ פֿאָרשלאָג צו רעליגיעזע באַפּטיסטן". אַ גרויסע מערהייט האָט געשטימט פֿאַר אָננעמען דאָס פֿאָרפּאָלק רעינאַ אויף אַ האַלב יאָר אַלס „אורחים", געסט, וואָס וועט זיין „אַן אַנטשיידנדיקער עטאַפּ", שפּעטער — אַ האַלב יאָר אַלס „קאַנדידאַטן" און דעמאָלט, נאָכן באַקומען ישראלדיקע בירגערשאַפֿט, דורכמאַכן מיליטער־דינסט, אין אַ פֿאַרקירצטער פֿאָרם, ווי מען פֿירט זיך כּלפּי העכער דרייסיק־יאָריקע, וועלן זיי ווערן פֿולבאַרעכטיקטע מיטגלידער פֿון קיבוץ. אויסער די באַדינגונגען פֿון בירגערשאַפֿט און מיליטער־דינסט, האָט מען זיי געשטעלט נאָך צוויי באַדינגונגען: דורכמאַכן אַ קורס פֿון העברעיִש אין אַן אולפּן און אַן אידעאָלאָגישן קורס פֿון „קיבוץ־הארצי" אין גבעת־חביבה.

וועלין און גריי רעינאַ וווינען אין אַ קליינעם באַשיידענעם קיבוץ־צימער. „מער קומט אונדז נישט... מיר האָבן דאָך גאָרנישט בייגעטראָגן אויפֿצובויען אָט־די פּראַכטפֿולע קאָמונע..." ביידע הויך־וווקסיקע, שלאַנקע, שמייכלענדיקע. דערציילן זיי וועגן דער שפּאַנונג, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט אין די שעהן, ווען „די חברים־פֿאַרזאַמלונג" האָט „באַהאַנדלט אונדזער גורל"...

און איצט? „מיר זענען זיכער, מיר וועלן אָנשטרענגען אונדזער גאַנצן

ווילן און כוחות, צו באַווייזן, אַז מיר האָבן פאַרדינט דעם צוטרוי פון די חברים..." *

*

ווען מיר זענען אַמאָל אַרויס מיט די ריינוויינס פון קיבוץ אויף אַ שפּאַציר צו מזרח, האָט אונדז אַ חבר אָפּגעהאַלטן און געוואָרנט: „זעט ווו איר גייט... גייט נישט צו־ווײַט, איר קענט אַריבער די גרענעץ..." — נישט ווייט פון מענית איז געווען די יאַרדאַנישע גרענעץ.

אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה איז דער „אַראַבישער לעגיאָן" צוזאַמען מיט איראַקישן מיליטער, געקומען פון אַזוי־גערופענעם „אַראַבישן דרייַעק", אַריינגעדרונגען ביז מענית. פון דאָרטן האָבן שוין דעמאָלט געפּירט וועגן דורך אַ רײי ייִדישע יישובים, ביז פּרדס־חנה. דאָס איינגעמען דורך די אַראַבער מענית, וואָלט ערנסט באַדראָט דעם ראַיאָן ביז חדרה און אפילו דעם וועג צווישן תל־אביב און חיפה. די קליינע צאָל איינוווינערס פון מענית האָט מיט גבורה אָפּגעשטויסן אַלע אָנגריפן. מענית האָט געליטן פאַרלוסטן, עס זענען געפאַלן קרבנות, דער קיבוץ איז כמעט צעשטערט געוואָרן. אָבער דער שונא איז נישט אַריינגעלאָזט געוואָרן, „מיט געציילטע ביקסן, אַליין־פאַבריצירטע „גראַנאַטן", אָבער מיט ציין־און־נעגל..."

בלויז עטלעכע צענדליק מענטשן זענען זיי דעמאָלט דאָ געווען. אין די צייטן פון אונדזערע פריינד זיסל און גרשון איז זייער צאָל שוין אויסגעוואַקסן ביז קנאַפּע צוויי הונדערט. היינט? אַ פּרעכטיק צעבליטער יישוב. אַזויפיל ביימער און גרינס, מאָדערן־געבויטע הייזער, שולן, ווירטשאַפט־געביידעס. די צאָל איינוווינערס שטייגט איבער פינף הונדערט. אַ געמישטער אַנטוויקלטער אַגראַר־יישוב, שוין געקרייצט מיט אינדוסטריע — אַ גרויסע פאַבריק אין עטלעכע צעשפּרייטע געביידעס, מיט אַ גרויסן שילד „גלעם". דאָ ווערן אויסגעאַרבעט פאַרשיידענע קראַכמאַלן און גלוקאָזעס צו שפּייזן און קאָנסערוון.

„און היינט מעג מען שוין שפּאַצירן רויִק אויף מזרח־זייט?..."

„זיכער, אָן שרעק... זינט 1967, אפילו צענדליקער קילאָמעטער..."

„און אויב די גרענעץ וועט צוריקקומען?..."

אויף דער פראַגע באַקום איך אַ פעסטן ענטפער: „אַוודאי. זי וועט צוריקקומען — הלוואי וואָס שנעלער... ווייל אַ גרענעץ וועט דאָ צוריקגעשטעלט ווערן נאָר אַ פרידלעכע. און אויפן שלום וואַרטן מיר, גלויבן אַז ער וועט קומען — פאַר אים בויען מיר, פאַר אים צעשפּרייט מען זיך, און פאַר אים, פאַרן געגאַרטן שלום, קומען צו אונדז אפילו טיף־גלויביקע באַפּטיסטן..."

גרשון ריינוויין, וועלכער האָט אַזוי פאַרהערלעכט דעם נביא ישעיהו, וואָלט זיכער אויף דער דעצידירנדיקער חברים־פאַרזאַמלונג, אין זיין רעדע, ציטירט:

„...כי ביתי בית־תפילה יקרא לכל העמים" (ישעיהו נ"ו, ז': „וואָרום מיין הויז וועט גערופן ווערן דאָס הויז פון געבעט פאַר אַלע פעלקער").

1982

---

* ביים דרוקן דאָס בוך, ווערט באַקאַנט, אַז די אויסטראַלישע באַפּטיסטן האָבן זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין קיבוץ־לעבן און האָבן, נאָך דריי יאָר, פאַרלאָזט דעם קיבוץ.

פון מכמורת ביז שדות־ים — „די וואָס פאַרשפּרייטן אַ נעץ אויפן וואַסער“

צעאַקערט פון ווינט און שוואַרץ פון שטענדיקער ים־זון, זענען די פישער־פּנימער אין מכמורת.

גרויז איז געווען דער פאַרטאָג, ווען אַן אָנגעלאָדן שיפל מיט פיש האָט פאַראַנקערט ביים ברעג.

פאַרמאַטערט, געפירן נאָך אַ גאַנצער נאַכט אויפן ים — האָט דאָך שפּע־טער, נאָכן אָפּפירן די פיש אין פריר־קאַמער, אַ פישער ברייט אונדז אַנטקעגנגעשמייכלט און געזאָגט גאַנץ ערנסט:

„דער נאָמען פון אונדזער דאָרף שטאַמט טאַקע פון ישעיה הנביאס אַ טראַגישער פעסטשטעלונג — ,ופורשי מכמורת על־פני־מים אמללו׳ — ,און די וואָס פאַרשפּרייטן אַ נעץ אויפן וואַסער ווערן פאַרשניטן׳...“ (ישעיה י״ט, ח׳) און ער גיט גלייך צו מיט אַ שמייכל: „אָבער דער נביא האָט דאָך געמיינט בלויז די מצרים, ווי עס ווייזט דער ערשטער טייל פּסוק, ,און טרויערן וועלן אַלע וואָס וואַרפן אַ ווענטקע אין נילוס׳... מיט יידישע פישערס איז עס אַנדערש...“

„און אַמאָל אויך אַזוי ווייטיקדיק־אמת פאַר אונדז...“ — האַקט אים איבער זיין חבר אין שיפל.

און איר הערט מעשיות וועגן גליק, אָבער אויך וועגן זייער שווערע, אפילו גאָר פּיינפולע מאָמענטן טאַקע דאָ, אויפן ברעג, צי ווייט דאָרט אין דער בלויקייט פונעם ים.

*

אין יאָר 1945 האָבן באַפרייטע זעלנערס פון דער יידישער בריגאַדע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, די ערשטע באַלעבט דעם דאָזיקן ברעג־ווינקל פון ארץ־ישראל.

די דאָזיקע אָפּטיילונג פון דער יידישער בריגאַדע האָט זיך געפונען אין איטאַליע, נאָענט פון דער קאַנאַל־גאַסיקער שטאָט ווענעציע. ווען די מלחמה האָט זיך דערנענטערט צום סוף און די יונגע סאָלדאַטן האָבן גענומען קלערן וועגן אַ „תכלית פאַרן ציווילן לעבן“ — איז ביי זיי אויפגעגאַנגען דער רעיון: שיין איז דער ים ביי ווענעציע, רויִק לעבן דאָרט די איטאַליענישע פישערס, — פאַרוואָסזשע זאָל אַזאַ לעבן נישט מעגלעך זיין אויך ביי אונדז, אין ארץ־ישראל?...

און זיי האָבן זיך אָרגאַניזירט — פאַר אַ צוקונפטיק פישער־לעבן. די מיליטער־מאַכט האָט זיי מיטגעהאָלפן און זיי זענען אָנגעקומען אויף אַ פישער־קורס אין גאַרדאַ, לעבן ווענעציע. שפּעטער זענען זיי אָפּגעשיקט געוואָרן קיין האָלאַנד, האָבן זיי דאָרט פאַרגעזעצט די לערע אין איינער פון די בעסטע האַ־

לענדישע ים־שולן, אין אימאַאַנדען, לעבן אַמסטערדאַם. די ייִדישע סאָלדאַטן האָבן זיך פאַרליבט אין ים און אין זיינע פיש, און פאַרבונדן זייער לעבן מיט ים אויף שטענדיק.

גיך האָבן זיי איינגעזען, אַז די פישער־אַרבעט איז פאַר זיי ניט נאָר עפּעס אַ יוגנט־ראָמאַנטיק, וואָס ציט צום ים, — עס איז אַן אינטערעסאַנטע אַרבעט, וואָס פאָדערט, אויסער פיזישן כוח, אויך אינטעליגענץ און אָריענטאַציע, — גיט גלייכצייטיק צופרידנקייט און באַפרידיקונג.

„פאַר אייך, שטאָטישע מענטשן" — זאָגט רויִק דער פישער — „איז אַ פיש אַ געשמאַקער מאכל, וועלכן מען קאָן קאָכן אין טאָמאַטן־זאָפט, אָדער פּשוט אין וואַסער מיט ציבעלעס, צי גאָר פּרעגלען אין בוימל... פאַר אונדז אָבער האָט אַ פיש אַן אַנדער באַדייטונג, אַ באַדייטונג פון האַטשיקעס און נעצן, נעצן פון איין שיכט און פון דריי שיכטן; און פון שטורעמס, וואָס וואַרפן מיטן שיפל ווי מיט אַ ניסל־שאָלעכץ, און פון אַ געזאַלצענעם קאַיאַר, וואָס גייט אויף פון ווייטע גלאַנציקע וואַסערן..."

*

ווען זיי זענען אָנגעקומען צום היינטיקן מכמורת, אין די קאַלטע נאָוועמבער־טעג פון יאָר 1945, איז דאָ, איינגאַנצן אַ דריי קילאָמעטער צפונדיק פון כפר־ויתקין, געווען אַן אמתער מדבר. איינטאָניקע זאַמדן האָבן זיך געכוואַליעט אין דיונעס, כמעט אָן שום שפּראָצונגען. דער ים־ברעג, אָבער, — אַזאַ פאַר־שיידנאַרטיקער, איבערפולט מיט הויכע פעלדזן און היילן האַרט ביים וואַסער.

און אָט הערט איר אויס אַ גאָר וווּנדערבאַרע געשיכטע, פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן ברעג:

די אַראַבער פון דער געגנט האָבן געגלויבט, אַז אין איינער פון די היילן לעבט אַ — שד. און איבערגעגעבן האָבן זיי פון טאַטעס צו קינדער אָט־וואָס: גאָר אַמאָל האָט דאָ געלעבט אַ פישער מיטן נאָמען אַבו־יוסף. איינמאָל האָט אַבו־יוסף געכאַפּט פיש און זיי געבראָטן אויף קוילן אויפן ברעג. ווען ער האָט זיי אָנגעהויבן עסן, האָט ער פּלוצלינג דערהערט ווי מען רופט אים ביים נאָמען... אַבו־יוסף האָט זיך דערשראָקן, אויפגעציטערט, אַריינגעשפּרונגען אין זיין שיפל און גענומען רודערן מיט אַלע כוחות, אָבער דאָס שיפל האָט זיך ניט גערירט... עמעצער האָט עס צוגעהאַלטן, ווי צוגענעגלט צום ברעג... ער האָט גערודערט און גערודערט ביז ער איז מיד געוואָרן... דערנאָך איז געקומען אַ שטורעם און עס איז פאַרשוווּנדן יעדער שפּור פון אַבו־יוסף און פון זיין שיפל... פאַרשוווּנדן אויף אייביק...

אַ שד...

די אַראַבער האָבן דעריבער אויסגעמיטן, ניט באַזעצט זיך אויף דעם ברעג אַרום, כאָטש זיי האָבן זיך באַנוצט מיט דער באַקוועמער בוכטע צו פאַר־אַנקערן שיפלעך. און אַ דאַנק דער אַלטער לעגענדע איז געבליבן דער פּלאַץ ליידיק פאַר אונדזער מכמורת...

אונדזערע בייע פישערס האָבן די אַראַבישע לעגענדע אויסגענוצט גלייך ווי זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט. זיי פלעגן, אין דער ערשטער צייט, נאָך דער פישפאַנג־אַרבעט, ווען דער ים פלעגט זיין רויִק, אָנפילן אין די אָונטן זעק מיט „זיפזיף", ווי מען רופט אין אַראַביש אין ישראל ים־זאַמד צום בויען, כדי אינדערפרי אים אַוועקצופירן אויף קעמלען אין שטאָט אַריין צום פאַרקויפן. פלעגן בייניאַכט קומען אַראַבער און אַוועקגנבֿענען די זעק מיט „זיפזיף". האָט יוסקע דער וועכטער איינמאָל ביינאַכט זיך אָנגעטאָן אין ווייסן, זיך צוגעטשע־פעט „פליגל" פון אַ גרויסן ליילעך און ווען די אַראַבער זענען ביינאַכט גע־קומען, איז ער אַרויף אויפן פעלדז איבער דער שדים־הייל, געגומען פלאַטערן מיט די „פליגל" און מאַכן משוגעדיקע קולות... די אַראַבער זענען אַנטלאָפן באַנומענע פון שרעק, איבערלאָזנדיק זייערע קעמלען און כלים... מער האָבן זיי זיך אין דער געגנט נישט באַוויזן... די גניבֿות האָבן אויפגעהערט.

*

מכמורת האָט אַ קליינעם אייגענעם נאַטירלעכן פּאַרט, אַ שמאָלע בוכטע, וואָס די אַראַבער האָבן אָנגערופן אַבו־זאַבוראַ (אבו־זבורה, אין העברעישער טראַנסקריפּציע), „מינאַט אַבו־זאַבוראַ", „פּאַרט אבו־זאַבוראַ", כאָטש עס איז נישט מער ווי אַ קליינער ים־איינגוס. לאַנגע יאָרן פלעגן די אַראַבער פון דער גאַנצער אַרומיקער געגנט, ברענגען צו אַבו־זאַבוראַ אַרבוזן, וואָס זענען פון דאַנען מיט שיפלעך צעפירט געוואָרן סיי איבער גאַנץ ארץ־ישראל, סיי קיין אויסלאַנד, און דעריבער האָט מען אין אַראַביש די בוכטע אויך גערופן „מינאַט עלבאַטיאַך", אַרבוזן־פּאַרט. אַרום איז דער פּרוכטבאַרער שרון־ראַיאָן, ווו אַרבוזן האָבן ספּעציעל געדייעט. אויך די ערשטע יידישע פּויערים פון נאָענטן חדרה האָבן געפלאַנצט אַרבוזן און דורך דאַנען אַוועקגעפירט זייערע פּרוכטן. אין אַרויספיר־סעזאָן פון די אַרבוזן, פלעגט קומען אַהער אַ טערקישער צאָל־באַאַמטער („גומרוק", אין טערקיש), כדי איינצומאָנען דעם צאָל־שטייער. ווען חדרה איז אַלט געוואָרן פינף יאָר און די ערשטע מתיישבים האָבן נאָך מאַסנ־האַפט געקרענקט — און געשטאָרבן — אויף מאַלאַריע, האָט איינער פון זיי געשריבן אין ירושלימער „הצבי" (י"ט אב 1895): „אונדזער מושבה איז באַ־רימט מיט אַרבוזן פון אַן אויסגעצייכנטן סאָרט, וואָס זי עקספּאָרטירט אַ סך, יאָר נאָך יאָר. אין דער צייט ווען מען נעמט אַראָפּ די רייפע אַרבוזן, אין זומער, קומט איינער פון די באַאַמטע פון ,גומרוק' אין דער קליינער בוכטע וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען ,מינאַט אַבו־זאַבוראַ', און דאָרט עפנט מען אַ ,גומרוק'־אַמט, כדי זעגל־שיפן זאָלן דאָ קאָנען פאַראַנקערן און אַרויפנעמען די פּרוכטן. אין דער דאָזיקער צייט פאַרוואַנדלט זיך דער ים־ברעג, וואָס איז וויסט אין משך פון גאַנצן יאָר, אין אַ לוסטיקע שטאָט, אַן אָרט פון באַוועגונג און רוישיקן לעבן. גרויסע און קליינע זעגל־שיפן אַנקערן אין די צענדליקער אין ים־אויסגוס. הונדערטער קעמלען, אָנגעלאָדן מיט אַרבוזן, גייען און קומען פון אינערן לאַנד. אַ סך סוחרים פון די שטעט אין טערקיי, סיריע און דער עיקר מצרים, קומען קויפן אַרבוזן און צעשטעלן דאָ זייערע געצעלטן".

*

אַ פּופּצן הונדערט דונאַם אַרום זענען היינט שוין גרין. די וואַנדערונג פון די זאַמדן איז פאַרהאַלטן געוואָרן מיט וואַלד, וועמענסביימער עס הייבן זיך אַלץ העכער און פאַרהילן די ברעגיקע פעלדזן. די שטורמישע כוואַליעס ווערן אויף אַ גרויסן שטח פאַרהאַלטן דורך צוויי לאַנגע וואַלן, וואָס שיצן די פישער־שיפן.

דריי מאָטאָר־שיפלעך, ספּעציעל־געבויטע פאַר פישפאַנג, און געהערן צו די פישערס פון מכמורת, אַרבעטן ווייט אין ים אין די טיפע וואַסערן.

איינס פון די דאָזיקע שיפלעך, „אופיר", האָט זיך בעת דער אומאָפּהענגי־קייט־מלחמה באַטייליקט אין דער באַלאַגערונג פון יפו, טנטורה און עכו.

„פון אַזעלכע פישער־שיפן איז דעמאָלט באַשטאַנען אונדזער מלחמה־פלאָט..." — שמייכלען היינט אונדזערע פישערס — „מיר האָבן מיט ,אופיר' געפירט געווער און שפייז פאַרן באַלאַגערטן מערבדיקן גליל".

די צווייטע מכמורת־שיף הייסט „כריש" — „היי־פיש" — האָט זי גע־פאַנגען פיש און ערב דער מדינה־אנטשטייונג אַ פופציק מאָל געפאָרן קיין ציפערן, אונטער דער נאָז פון ענגלישן מלחמה־פלאָט, געפירט פאַר די יידישע געפאַנגענע געווער און אינסטרוקטאָרן און געבראַכט פון דאָרטן אומלעגאַלע עולים.

די דריטע שיף טראָגט דעם נאָמען „שחף", „מעווע" — „מעוועס האָבן ליב פיש און כאַפּן זיי מיט זייערע שטאַרקע שנאָבלען...", באַקומט איר אַ דער־קלערונג. די דאָזיקע שיף שטאַמט פון האָלאַנד, אַ פערטע קומט פון דייטשלאַנד. זיי זענען שוין מאָדערנע, מיט גרויסע אויסבעסערונגען, וואָס פאַרלייכטערן די אַרבעט; זיי שטעלן זיך שטאַרקער אַנטקעגן די שטורעמס און פאַרגרעסערן דעם פאַנג. גלייכצייטיק פאַנגט מען אויך מיט זעגל־שיפלעך מיט קליינע נעצן, נאָענט ביים ברעג, און אין צענדליקער ווייַסן זיך שטענדיק די זעגלען אין דער בוכטע.

שווער איז דאָס לעבן און די אַרבעט פונעם פישער. מען פאַרברענגט אַמאָל לאַנגע טעג און נעכט אָן איבעררייס אויפן ים, ווייט פון היימישן ברעג. אין שטורעם, אין שלאַקס־רעגן, אין דער פינצטער און אין קעלט. און מען אַרבעט דערביי זייער שווער אָן אָפּרו. מען פאַרוואַרפט די שווערע נעצן טיף אין ים אויפן באַפעל „מאַינאַ!" און מען ציט זיי, פיר־פינף שעה שפּעטער, אַרויס, ווען עס הערט זיך דעם קאַפּיטאַנס רוף „ווירא!" מען ליידיקט אויס די זיך־וואַרפנדיקע פיש אין „בויך"־אַריין פון שיף און ווידער — „מאַינאַ!"

„און ווען מען קומט אַמאָל צוריק מיט אַ פולן שיפל מיט אַ שללדיקן פאַנג, געפרוירן, דורכגעפּרעסן פון זאַלץ — הערט מען וועגן געפאַלענע פּרייזן, וועגן פאַרקלענערטן מאַרק... כאַטש וואַרף די פיש צוריק אין ים אַריין..."

מען באַנוצט ביי אונדז ווייניק ים־פיש, מען עסט זיי נישט קיין סך אין ישראל, טראָץ זייער גרויסן באַשפייזונג־ווערט און וויכטיקייט פאַרן מענטשלעכן געזונט. ווי זאָגט איין פישער:

„נעם כאַטש און באַפּרוכפּער אַלע ימען מיט קאַרפּן פאַר אונדזערע יידן..."

דאָך זעט מען צופרידענע שמייכלען אויף די פּנימער, מיט אַ „נישט־געדאַיגעט" אויף די ליפּן, און איר הערט אָפט אַ זאָג:

„פאַר כל הון דעלמא וואָלט איך נישט פאַרביטן דעם מאַסט אויף אַ ווײַדל פון אַ קו..."

דער ים מיט זײַנע שטורמישע ווײַטן פאַרכישופט, — „דער וואָס רירט זיך נאָר צו אים, בלײַבט אויף שטענדיק מיט אים באַהעפט" — זאָגט אַ פישער־ווערטל. די ימישע ברייטקייטן לאָקן מיט באַהאַלטענע סודות... איר הערט דאָ וועגן די צענדליקער פאַספאַרירנדיקע פיש, וואָס שײַנען ווי מיט עלעקטרישע שטראַלן אין די טיפענישן; פיש, וואָס טיילן אויס טינט; פאַרשיידנקאָלירקע און דורכזיכטיקע; פיש, וואָס לאָקן מיט אַ שמייכל... פון שטורעם „שרײַען" אַמאָל די פיש, רופן פון די כוואַליעס... עס איז גאָר אַ ליגן דער זאָג „שטום ווי אַ פיש..."

פישערס לײַדן אויך פון ים־קראַנקייטן, פון קאָפּ־שווינדלעניש און איבלען ביי יעדן אַרויספאָר, כאָטש יאָרן שוין, ווי זיי זענען ים־מענטשן.

די מכמורת־פישערס דערמאָנען זיך זייערע לערע־יאָרן אין איטאַליע און אין האָלאַנד, — אין דער ווייטער פרעמד — ווען זיי קוקן מיט שטאָלץ אויף די צענדליקער שילערס פון דער ים־שול ביים לאַנדווירטשאַפט־מיניסטעריום, וואָס איז אײַנגעאָרדנט דירעקט לעבן זייער דאָרף. צענדליקער נײַע פישערס, יונגע ים־מענטשן, קומען פון דאַנען צו יאָר נאָך יאָר.

דער הויפּט־סעזאָן פון פישפאַנג איז ווינטער. דווקא אין די קעלטן און רעגנס. זומער אַרבעטן די נעצן נאָר טיילווייז. אין די הייסע חדשים פלעכט מען נײַע נעצן, מען פאַרריכט די אַלטע, און מען האַלט אין איין סאָרטירן, איבער־אַרבעטן און קאָנסערווירן די פיש.

די הײַזער אינעם מושב זענען ענלעכע, ווי אין אַלע דערפער אונדזערע. ווײַסע ווענט מיט פלאַכע דעכער, אָדער משופּעדיקע מיט רויטע דאַכלקעס. אַרום יעדן הויז — אַ גרינער גאָרטן און אַ סאָד. גרינסן, בלומען, פרוכטן־ביימער. באַוואַסער־מכשירים דרייען זיך און גיסן שלאַנקע וואַסער־בויגנס, און קינדערלעך, באָרוועסע, מיט אָפּגעדעקטע, אָפּגעברענטע האַלבע קערפּערלעך יאָגן זיך לוס־טיק איבער סטעזשקעס.

און גלײַכצײַטיק, אין זעלבן מכמורת — ציגן בײַסן פלויטן, גריזשען די קאָרעס פון די ביימער... ערגעץ הירזשעט אַ פערד און אַ קו מעקעט שווער.

„דאָך זענען פאַראַן ווײַדלען פון פערד און פון קי דאָ אין מושב..."

1957

ים... ים... ים...

מיר זענען געווען צוגאַסט אויף דער נײַער פישער־שיף „הצבי", פון זעכ־ציק טאָן, געקויפט דורכן אַגראַר־מיניסטעריום. אויף דער שיף, וואָס וועט זײַן באַשעפטיקט מיט פישפאַנג, וועלן זיך אויך איבן און לערנען די שילער פון דער פישעריי־שול אין מבואות־ים. אויפן דעק איז מיט אונדז געווען דער די־

רעקטאָר פון דער שול רפאל רופין, וועלכער האָט אויפגעקלערט: „דאָס לערנען פישעריי האָט אַ גרויסן נאַציאָנאַלן באַטייט. קוקט אויף דער דאָזיקער שיף וואָס זעט זיך אויפן האָריזאָנט. דאָס איז די שיף ,בחשון' פון אַ פּריוואַטער פישפאַנג־אונטערנעמונג. עס געפינען זיך אויף איר צוויי און אַמאָל דריי אויסלענדישע ספּעציאַליסטן פאַר פישפאַנג. אַזוי אויף יעדער שיף, זייער צאָל איז אָפּהענגיק פון דער צאָל פישער־אַרבעטערס, וואָס פאַרט אויף דער שיף. דאָס ברענגען און אויסהאַלטן פישעריי־אינסטרוקטאָרן פון אויסלאַנד איז, פונעם בודזשעט־שטאַנדפּונקט, נישט מעגלעך, נישט לוינבאַר פאַר אונדזער פישעריי־צווייג. דאָס איז פאַר ישראל אַ שווערער פּראָבלעם און אונדזער שטרעבונג איז צו דערגרייכן דעם טאָג, ווען אונדזער שול וועט קאָנען צושטעלן אינסטרוקטאָרן־ספּעציאַליסטן און זעלבשטענדיקע פישערס, וועלכע וועלן אַרויסציען זייער ברויט פון ים".

*

די ים־שול אין מבואות־ים איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1955. זי געפינט זיך — ווי אַ זעלבשטענדיקער שטודיר־„ישוב", אויפן ברעג פון מיטללענדישן ים, האַרט ביי דער גרענעץ פון פישער־מושב מכמורת. דער נאָמען איז גענומען פון די ווערטער פונעם נביא יחזקאל, וועלכער האָט געזאָגט וועגן דער פּאַרצייטיקער שטאָט צור, דער גרויסער פּאָרט פון היינטיקן לבנון: „היושבת על מבואות ים..." — „...צור, וואָס זיצט ביי די איינגאַנגען פון ים, וואָס האַנדלט מיט פעלקער און אינדזלען פיל — — — אין האַרצן פון די ימען זענען דיינע געמאַרקן" (יחזקאל כ"ז, ג').

מבואות־ים אַלס שול איז דערעפנט געוואָרן מיט פופצן תלמידים. פייערנדיק איצט צען יאָר עקזיסטענץ, לערנען אין דער ים־שול פיר הונדערט און צוואַנציק שילערס, פון זיי דריי הונדערט און זעכציק אינעם אַנשטאַלט גופא און זעכציק מאַכן דורך זייער שטודיום דירעקט אויפן ים, אויף פישער־שיפן — „אַ פּרווו וואָס מיר קלייבן זיך אויסברייטערן, אויב ער וועט זיך איינגעבן". עס רעדט אַזוי משה פרידיס, איינער פון די ערשטע פופצן שילער, וועלכער איז היינט לערער אין מבואות־ים. ער דערציילט וועגן זיך אַליין מיט אַ ביסל הומאָריסטישן טאָן: „איך בין געבוירן אין ירושלים און עס דערמאָנט זיך מיר נישט איך זאָל האָבן געזען דעם ים פאַר מיין בר־מצווה... בערג האָב איך געזען און מיין קינדהייט פאַרבראַכט שפּאַצירנדיק און קלעטערנדיק איבער די הייכקייטן פון ירושלים. מיין חלום איז גאָר געווען צו זיין אַ שלאָסער, מסתמא ווייל מיין פאָטער איז געווען אַ סטאָלער... גלייך, געדענק איך, נאָך מיין בר־מצווה האָט זיך די פאַמיליע אַריבערגעצויגן קיין כפר־ויתקין, ווו מיין ,חלום' איז באַלד פאַרווירקלעכט געוואָרן — מען האָט מיך אָפּגעגעבן אַלס לערן־יינגל אין אַ שלאָסעריי. דורך די פאַרסאַזשעטע פענצטער פון דער שלאָסעריי האָבן מיינע אויגן גענומען זיך זעטיקן מיטן נאָענטן ים. און די ברייטע בלויע ווייטן מיט זייערע שוימיקע ווייסע כוואַליעס האָבן באַלד געוואונען מיין האַרץ..."

משה פרידיס האָט שנעל אַוועקגעוואָרפן דאָס שלאָסעריי און גענומען אַר־בעטן אויף אַ זעגל־שיפל פאַר ברעג־פישעריי. „עוֹגן" האָט געהייסן זיין ערשט שיפל, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט „מיט נאָך צוויי יינגלעך, ווי איך..." ער דערציילט וועגן זייער נישט־דערפאַרנקייט, וועגן „פיש־פאַנג אַ גאַנצע נאַכט", אַראָפּלאָזן און אַרויסציען די נעצן און „נישט אַרויספּברענגען קיין איין אייניציקן פיש..." אָבער ער האָט זיך נישט אַנטוישט. „געלערנט... די שווערע לער־צייט האָט מיך איבערצייגט, אַז ראָמאַנטיק אין דער אַרבעט איז פאַראַן ווייניק, אָבער אינטערעסאַנט איז זי און אויסער פיזישן כוח פאָדערט זי מחשבה, אַרבעט מיטן קאָפּ... עס איז מיר באַלד קלאָר געוואָרן, אַז פישעריי איז נישט אַזוי פשוט, ווי דאָס זעט אויס דורך די פענצטער פון אַ שלאָסעריי, אפילו נישט ווי ווען מען עסט נאָך דער אַרבעט אַ געשמאַק שטיקל פיש אין טאָמאַטן־סאָוס..."

*

די זיכערקייט אין ים האָט דאָך קהלת רעזומירט מיטן „שלח לחמך על־פני המים" — „לאָז אַוועק דיין ברויט אויפן וואַסער, וואָרום אין פיל טעג אַרום וועסטו עס געפינען" (קהלת י"א, א').

פון חדר האָט אונדז באַגלייט אַ געפיל, אַז שוין אין די צייטן פון בראשית און שופטים האָבן מיר געהאַט שיפערס און פישערס: „זבולון וועט וווינען ביים באַרטן פון ימען און ער וועט זיין אַ באַרטן פאַר שיפן" (בראשית מ"ט, י"ג) און „דן פאַרוואָס ווײַלט ביי די שיפן? אשר איז געזעסן ביים באַרטן פון ים, און ביי זיינע אויסגוסן געטאָן רוען" (שופטים ה', י"ז). די היסטאָריקער האָבן אונדז געלערנט, ווי „דער לעצטער פון די חשמונאים־ברידער, שמעון, האָט פאַרפעסטיקט ירושלים און האָט ענדגילטיק פאַראייניקט צו דער טערי־טאָריע פון יהודה די שטאָט יפו, כדי צו פאַרזיכערן פאַר דער הויפּטשטאָט דעם דאָזיקן שליסל צום ים" (שמעון דובנאָוו, „די וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק", ב' 2, ז' 85). דאָס זעלבע „קודם־כל האָט אַלעקסאַנדער ינאַי געווענדט זיין בליק צום ברעג פון מיטללענדישן ים. — — — געוואָלט פאַרענדיקן דאָס וואָס זיינע פאָרגייער האָבן אָנגעהויבן — דעראָבערן דעם פאַלעסטינער ים־ברעג" (דאָרט, ז' 142). אויף די מטבעות האָט מען אויסגעמינצט אַן אַנקער, אַ צייכן פון דער וויכטיקייט און צוגעבונדנקייט צום ים.

ווען יידן האָבן זיך גענומען צוריקקערן אין זייער לאַנד אַריין נאָך צוויי טויזנט יאָר, זענען זיי געווען מענטשן מיט אַלע באַשעפטיקונגען און מלאכהס — נאָר קיין ים־מענטשן האָבן זיך צווישן זיי נישט געפונען, נישט קיין פישערס און נישט קיין שיפערס. און דאָס, טראָץ דעם, וואָס אין די צוויי טויזנט יאָר גלות זענען געווען פיל יידישע וועלט־רײַזנדערס, שיף־קאַפּיטאַנען, און אפילו אַנטדעקערס פון קאָנטינענטן און אומבאַקאַנטע אינדזלען. אין גייעם ארץ־ישראל האָט מען צום ים בוכשטעבלעך געדאַרפט צוריקקערן פון סאַמע אַלף אַן...

מבואות־ים איז געווען דער ערשטער רעגירונג־פּרווו אין ישראל צו פאַר־ריכטן דעם דאָזיקן בלויז אויף אַן אָרגאַניזירטן מאָדערנעם אופן. דער דירעק־טאָר פון דער שול, רפאל רופּין, איז נישט אינגאַנצן באַפרידיקט: „אין צען יאָר

האָבן מיר שוין צוגעשטעלט פאַר אונדזער יונגן ים־פלאָט, פישעריי־ און האַנדל־שיפן, אַ געוויסע צאָל קאַפּיטאַנען, נאָך מער אָפיצירן פון אַלע גראַדן, מאַטראָסן, פישערס און שיפערס כמעט גענוגנדיק. אָבער, מיר האָבן אָנגעהויבן צו שפּעט... אונדזער פלאָט איז גיך אויסגעוואַקסן, און מיר האָבן נאָך פיל קאַפּיטאַנען, הויכע פלאָט־אָפיצירן פון דער פרעמד, וואָס מיר קאָנען זיך דערווייל אָן זיי נישט באַגיין".

1965

שׂדות־ים — לאַנדווירטשאַפט און פישפאַנג

יוגנטלעכע, געבוירענע אין לאַנד, און חלוצים פון „עליית־הנוער", האָבן אין יאָר 1936 איינגעזען, אַז „דאָס נייע ארץ־ישראל דאַרף אַרויסציען ברויט אויך פון די ים־טיפענישן". זיי האָבן געגרינדעט אין חדרה אַ קבוצה, וואָס איר „הכשרה זאָל באַשטיין נישט בלויז זיך צוצוגרייטן צו חלוצישער אַגראַר־אַרבעט אויף דער יבשה, נאָר אויך צו אַרבעט אויף וואַסערן און צו ימישער התיישבות". דער „גרעין", דער דאָזיקער קיבוצישער קערן, וואָס האָט זיך אַ נאָמען געגעבן „שׂדות־ים", ווי אַ צייכן, פאַר דער קרייצונג פון זייערעביידע לעבנס־צילן, פעלד און ים, האָט דער ערשטער געשאַפן דעם באַגריף „ימישע התיישבות". עס האָבן זיך געדאַרפט ענדיקן די בלוטיקע אַראַבישע אומרוען, וואָס זענען אויסגעבראָכן גלייך מיט דער אָרגאַניזירונג פון דער גרופּע, יידיש בלוט האָט זיך געגאָסן אין די געטאָס פון אייראָפּע, ביז דער קיבוץ האָט באַקומען אַן אָרט זיך צו באַזעצן, טאַקע ביים ברעג ים, צוועלף קילאָמעטער דרומדיק פון חדרה, ממש אינערהאַלב די חורבות פון דער אַמאָל גרויסער וויכטיקער פּאָרט־שטאָט קיסריה.

פינף און צוואַנציק יאָר זענען אַוועק זינט דער קיבוץ איז „אַרויף אויפן באָדן". זענען מיר געסט אויף דער פייערונג.

*

פאַרמיטאָג האָבן מיר באַזוכט די אויסגראָבונגען אין קיסריה, די איבער־בלייבענישן פון דער הורדוס־עפּאָכע; געגעסן מיטאָג אינעם קיבוצישן רעס־טאָראַן „קיט ושיט" און אַוועק צו „בית־חנה", אין שׂדות־ים.

„ווידער געשיכטע ?..." — האָט איינער געפרווט פרעגן.

„אָ, ניין !" — האָט אים געענטפערט אונדזער באַגלייטער פון קיבוץ שׂדות־ים — „דאָס איז נאָך אונדזער איצט, ה י י נ ט. אַפילו נאָך נישט קיין נעכטן..."

ס'איז נאָך היינט, — כאָטש צוואַנציק יאָר זענען אַדורך זינט חנה סענעש איז דערמאָרדעט געוואָרן, נאָכדעם ווי זי איז מיט צען חדשים פריער אַרויס פון דאַנען אויף איר שליחות צום אייראָפּעישן יידנטום. פינף יאָר איז זי געווען בלויז דאָ, אויף דעם באָדן...

וואָס זענען צוואַנציק יאָר, פינף און צוואַנציק יאָר, אין דער טויזנטער־יאָריקער געשיכטע פונעם פאָלק אויף זיין אוראַלטן באָדן ?...

„...ווען מ'זעט נאָך פון דאַנען די צוויי־טויזנט־יאָריקע מויערן..."

*

„זאָל זיין געבענטשט די קיבוצישע פאַרווירקלעכונג, וואָס האָט פאַרוואַנדלט זאַמד און ים אין ברויט, היים און וויזיע". די דאָזיקע ווערטער האָבן געשטראַלט איבערן קליינעם אַמפיטעאַטער ביים „בית־חנה", בעת די פייערונגען לכבוד פינף און צוואַנציק יאָר שדות־ים. צו דעם האָבן געצילט די דרייסיק יוגנטלעכע, וועלכע האָבן דעם 2־טן מאַי 1940, דורך דער יבשה און דורכן ים, „פאַרנומען" דעם ברעג אַרום אַט־דער פאַרשיכורנדיק־שיינער קליינער בוכטע. זיי זענען געקומען פון ים מיט אַ פישער־שיפל; פון דער יבשה, אין צוויי וועגענער, מיט איינגעשפּאַנטע אייזלען. און זיי האָבן „צעשלאָגן זייערע געצעלטן" לעבן אַראַבישן אָרעמען דאָרף אין מיטן די חורבות פון קיסריה. צרות זענען געווען פון צוויי זייטן — פון די אַראַבער און פון דער יידישער פיק"א, צו וועלכער עס האָט געהערט דער באָדן. די ראָטשילד־געזעלשאַפט האָט נישט געוואָלט גלייבן אין דער מעגלעכקייט פון „קיבוצישער פאַרווירקלעכונג" אויף מדברדיק־זאַמדיקן ברעג־באָדן... האָט מען ביסלעכווייז אָפּגעקויפט שטיקלעך ערד ביי די אַראַבישע פּאַלאַכן, ביי דער גריכישער קירך און מען האָט געזוכט פרנסה־צווייגן ביים ים, וואָס האָט דאָך נישט איבער זיך קיין בעל־הבית...

אַ קליינעם דאַנק האָבן זיי אויפגעבויט, קלערנדיק וועגן בויען פאַר זיך פישער־שיפן. אָבער באַלד זענען אָנגעקומען פון דער ענגלישער מאַכט באַשטעלונגען אויף אינוואַזיע־טראַטוועס, אין צוגרייטונג צו עפענען דעם „צווייטן פראָנט" אין אַפריקע און אייראָפּע, בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן בויען ספּאָרט־שיפן און אַפילו גרעסערע האַנדל־שיפן. דער עיקר, אָבער — דערציילט מיט פשטות, איינער פון די ערשטע פון שדות־ים, זאב פרדס — „מיר זענען געקומען צום געדאַנק פאַרצולייגן די זיכערקייט־אַנשטאַלטן פונעם יישוב צו שולן ביי אונדז דעם פלי"ם. מיר האָבן געהאַט אַ באַטירלעכן געשיצטן פּאָרט, אַ פלאָט פון שיפלעך און אַלע נויטיקע איינריכטונגען..."

באַלד איז די קליינע בוכטע „פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער צענטראַלער באַזע פון פלי"ם..." — דער קערן פון צוקונפטיקן מיליטערישן ישראל־פלאָט. „פשוט": „די בחורים האָבן אויפגעשטעלט אַ געצעלטן־לאַגער אין הויף, געגעסן ווי מיר, האַלבע הארטע אייער, און געטיילט זיך מיט אונדז מיט די שוועריקייטן. דאָ זענען איינגעאָרדנט געוואָרן די מערהייט קורסן פון פלי"ם. פון דאַנען זענען אַרויסגעפאָרן די באַגלייטערס פון די מעפּילים־קאַראַוואַנען און שפּעטער זענען דאָ אויפן ברעג אַראָפּגעזעצט געוואָרן מעפּילים. אונדזערע פישער־שיפן האָבן אויך דערפילט אַ וויכטיקע ראָל אין אויפהאַלטן אַ סטאַבילע פאַרבינדונג מיט ציפערן בעתן קאַמף".

אַזוי פשוט?...

אויף מאָרגן נאָכן טרויעריק־באַרימטן „שוואַרצן שבת", דעם 30־טן יוני 1943, איז ענגליש מיליטער באַפאַלן דעם יונגן קיבוץ, דורכצופירן „אַ רעוויזיע". דריי הונדערט באַוואָפנטע פאַראַשוטיסטן האָבן אַרומגערינגלט שדות־ים. דער־

ציילט די קיבוץ־מיטגלידערין, די דיכטערין און געוועזענע פלמ"ח־קעמפערין, צביה כצנלסון:

„מיר האָבן זיך גוט צוגעגרייט, מיר האָבן געוווּסט וואָס עס דערוואַרט אונדז... מיר האָבן אויסגעשולט פּרוּוען צו פירן די גאַנצע ווירטשאַפט..."

אַלע מענער זענען טאַקע אָפּגעפירט געוואָרן אין רפיח־לאַגער. געווען פאַר־וווּנדעטע. דריי אַזעלכע „רעוויזיעס" זענען פאָרגעקומען אין שדות־ים און: „דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, קיינעם פון אונדז נישט אָפּגעשראָקן".

פייערנדיק דעם האַלבן יובל פון קיבוץ, קומט כסדר ווידער צו רייד וועגן זיין העלדישער מיטבויערין — חנה סענעש. דערציילט דער מזכיר־פנים פון קיבוץ, מוגלי:

„זי האָט געהערט צו דעם טיפּ מענטשן, וואָס זענען שטענדיק גרייט צו נעמען אויף זיך אחריות. זי האָט נישט אָפּגעוואָרפן קיין שום אויפגאַבע און קיין שום אַרבעט. זי האָט געפאָדערט פיל פון איר סביבה, פון אַלע חברים, פונקט אַזוי ווי פון זיך אַליין... זעלבפאַרווירקלעכונג איז ביי איר נישט געווען בלויז אַ לאָזונג..."

דער קיבוץ־סעקרעטאַר, יצחק נוימאַן, רעדט וועגן עפּעס אַנדערש: „מיט איין וואָרט, מען האָט ביי אונדז אַלץ געטאָן, אויסער בויען די ווירטשאַפט... מיר האָבן קיינמאָל נישט באַקומען קיין גענוגנדיקן בודזשעט צו באַזירן די ווירט־שאַפט, אויסער קלייניקייטן צו אַנטוויקלען פישפאַנג. ערשט נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה האָבן מיר באַקומען אַ באַזירונג־בודזשעט, אָבער די מעגלעכ־קייטן אים אויסצונוצן זענען געווען באַגרענעצט, ווייל מיר האָבן נישט געהאַט קיין באָדן און קיין ערנסטע ווירטשאַפט־צווייגן..."

און אַט — דערציילן די פשוטע ציפערן פון שדות־ים וואָס עס איז מעגלעך צו דערגרייכן ביי „באַגרענעצטע מעגלעכקייטן..."

צוויי הונדערט און פופציק חברים־מיטגלידער, דריי הונדערט קינדער; אַ באַאַרבעטער שטח פון דריי טויזנט און פינף הונדערט דונאַם: פיר הונדערט דונאַם פּרדס, צוויי הונדערט דונאַם באַנאַנעס, הונדערט דונאַם קינסטלעך־באַוואַסערטע פאַשע, פינף הונדערט מיט פופציק דונאַם ביינוול און אַכט הונדערט דונאַם תבואה. די ציפערן גיט איבער עוזיאל מוגלי, דער אינערן־סעקרעטאַר פון קיבוץ, און גיט צו מיט אַ שמייכל: „אַזוי זעט עס אויס, ווען מען באַזעצט זיך ביי אונדז אויף זאַמד, אָן אַ פיצל באָדן צו באַאַרבעטן..." אין די שטאַלן פון קיבוץ געפינען זיך ניינציק מעלקנדיקע קי און „אונדזער פלאַן איז צוויי הונדערט בהמות שוין אין צוויי יאָר אַרום". אין די הינער־שטייגן — דריי טוי־זנט מיט פינף הונדערט לייגנדיקע הינער. אין דער אינדוסטריע: אַ גרויסע פאַבריק פון פּאָדלאָגע־באַלאַטן, אַ סטאָלעריי; און — דער קליינער דאָק, וואָס איז נאָך אַלץ טעטיק; די אַפּרו־ און רעסטאָראַן־אונטערנעמונג „קיט ושיט", שותפות אין דער שיף־אונטערנעמונג פון קיבוץ־המאוחד „סלע". פיר הונדערט דונאַם קינסטלעכע פיש־באַסיינען — דער ים־פישפאַנג איז ליקווידירט געוואָרן, ער איז נישט געווען רענטאַבל.

*

אַ ווונדערלעך ווינקל פון אונדזער קליינעם ים־ברעג. בלויקייט פון ים און גרינע בלײַזנג מישן זיך צונויף אין דער בוכטע, וווּ ס'הויבן זיך אַרויס עלטערע און נייע בנינים. עס צעשפּרייטן זיך די קינדער־ און שול־הײַזער. מען בויט נייע באַקוועמערע וווינונגען, ווו מען זאָרגט נישט בלויז וועגן דער ווירטשאַפט, נאָר אויך וועגן גייסט; אַ סימן: נישט בלויז „בית־חנה", דער „אַרכעאָלאָגישער מוזיי" און „אינסטיטוט פאַר ים־פאָרשונג", נאָר אויך אַרויסגעגעבענע ביכער פון די קיבוץ־מיטגלידער: צביה כצנלסון (פּאָעזיע), א. וואַגמאַן (געאָגראַפיע) און ג. אָוערבאַך (געשיכטע און עקאָנאָמיע).

האָט טאַקע די דיכטערין צביה פאַרפאַסט די יובל־לאָזונג: „זאָל זיין געבענטשט די קיבוצישע פאַרווירקלעכונג, וואָס האָט פאַרוואַנדלט זאַמד און ים אין ברויט, היים און וויזיע" און זי זאָגט: „דאָס איז דער אמת און די ,גרויע' ווירקלעכקייט, וואָס איז דאָס יום־טובדיקסטע אין אונדזער יום־טוב".

טראָגט זיך די ברכה מיט ווייטערדיקער וויזיע צום ים, וואָס איז דאָ אייביק בלוי, און זאַמדן, וואָס האָבן זיך צעגרינט.

1965

מען קאָן הערן און הערן...

יאָרן לויפן... פּופצן יאָר זענען מיר נישט געווען אין שדות־ים. אָט, נעכטן, דוכט זיך, האָט מען געפייערט דעם יובילייִ פון אַ פערטל יאָרהונדערט און שוין זענען פאַרביי פערציק יאָר.

זיצט מען אין אַמפיטעאַטער, ביי אַ קיל ימיק ווינטל און אַ וואַרעמער שטימונג און מען הערט דערציילונגען, זכרונות, וואָס מען האָט שוין נישט איין מאָל געהערט — אָבער מען קאָן זיי הערן און הערן, און „מען ווערט גאָרנישט מיד און עס ווערט נישט פאַרמיאוסט", ווי עס זינגט די קיבוץ־דיכטערין צביה כצנלסון.

איז עס טאַקע די זעלבע שוין געהערטע דערציילונג?...

יאָ... פונקט ווי עס איז געווען די זעלבע חנה סענעש, וואָס איר נאָמען ווערט דאָ אויף קיין מינוט נישט פאַרגעסן.

„די דרייסיק חברים פון נייעם קיבוץ זענען אָנגעקומען אויפן פלאַץ מיט צוויי וועגן, איין טייל איז געקומען דורך די זאַמדן פון דער מושבה בנימינה, דער צווייטער טייל מיט שיפלעך דורכן ים. עס איז געווען אויסגערעכנט, אַז אַזייגער צוועלף בייטאָג טרעפן זיך ביידע גרופעס אויפן אָרט. אַזוי איז געשען. זיי האָבן אויסגעפאַקט זייערע זאַכן, צווישן זיי זיבן געצעלטן, וואָס זיי האָבן גלייך אויפגעשטעלט אויף די זאַמדן, האַרט ביי דעם אַראַבישן דאָרף אַבו־טאַנטור, וואָס האָט זיך געפונען צווישן די אַלטע חרובדיקע פעסטונג־מויערן פון קיסריה..." — לייענען מיר אין „עלון שדות־ים". די ערשטע נאַכט גלייך זענען די קיבוצניקעס אַרויסגעשווומען אונטער דער אָנפירונג פון יוגאָסלאַווישע אינסטרוקטאָרן, מיט זייערע שיפלעך אויף פישפאַנג, אַביסל ווייטער פונעם ברעג, מיט אָנגעצונדענע ליכטער. לאַנג האָבן זיי נישט געקאָנט אָנגיין מיט

דער „ליכט־שיטה", — „נישט באַוויזן זיך אויסצולערנען..." — ווייל די יוגאָ־סלאַוון זענען אַוועק צוליב די מלחמה־אַנטוויקלונגען אין זייער לאַנד. די מענטשן פון שדות־ים האָבן פאַרגעזעצט זייער פישעריי האַרט ביים ברעג, מיט די פּרי־מיטיווע שיטות פון זייערע אַראַבישע שכנים.

ווען מיר גייען פאַמעלעך איבער די אויסשטעלונג־זאַלן פון דעם אַלטער־טימלעכקייטן־מוזיי אין שדות־ים, קאָן מען לערנען דעם לויף פון אַ צוויי־טויזנט־יאָריקער געשיכטע אויפן דאָזיקן אָרט. פון אַרכיטעקטאָנישע איבער־בלייבענישן ביז אַסטראָקאָנען; אויפשריפטן פון אַלע עפּאָכעס, צווישן זיי אויך יידישע; גאַנצע און שטיקלעך סקולפּטורן און ביי זייער זייט כלים פונעם גאַנצן לויף פון דער קיסריה־געשיכטע. דער מענטשלעכער יישוב האָט זיך דאָ געצויגן — לויט זיינע ערשטע באַקאַנטע דאָקומענטן, נישט טראַכטנדיק וועגן אור־געשיכטע פון דריטן יאָרטויזנט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג — ביז דער מאַמעלוקישער הערשער פון מצרים באַיבאַרס האָט זי חרוב געמאַכט אין יאָר 1265. זינט קיניג הורדוס האָט גענומען בויען, אין יאָר 22 פאַר דער צייט־רעכענונג, די נייע שטאָט מיטן פּאָרט און זי אַ נאָמען געגעבן לכבוד זיין האַר דעם רוימישן קייסער, קיסרי, קיסריה, ביז איר אונטערגאַנג, האָט זי געשפּילט אַן אומגעהויערע ראָל אין יעדער היסטאָרישער געשעעניש אינעם לאַנד אין דער גאַנצער צייט. כאָטש אין משך פון אַ זעקס יאָרהונדערטער האָבן די וואַסער־כוואַליעס און די ים־זאַמדן פאַרוואַנדלט די געגנט נישט בלויז אין רוינען און פאַרדעקט מיט מדבר, נאָר טיף אין שטח אַריין געשאַפן זומפּן, קראַנקהאַפטע בלאָטעס, וואָס האָבן אויסגעראָטן מענטשן, איז אינעם יאָרהונדערט פון נייעם צוריקקער פון יידן קיין ארץ־ישראל דאָ פאַרגעקומען אַן איינציקאַרטיקער מערקווירדיקער באַדן־אויסלייז, וואָס האָט דערמעגלעכט צו באַזעצן שדות־ים און אַנדערע יישובים אַרום.

ווען טערקיי האָט פאַרשפּילט די מלחמה מיט רוסלאַנד אין די יאָרן 1877—1878, איז באָסניע־הערצעגאָווינע (וואָס געהער היינט צו יוגאָסלאַוויע), אַריבער פון טערקיי צו עסטרייך־אונגאַרן, זענען עטלעכע הונדערט מוסולמענישע מש־פּחות פון באָסניע — צוליב מורא פאַר דער נייער קריסטלעכער מאַכט — אַנטלאָפן קיין טערקיי און די אָטאָמאַנישע הערשער האָבן זיי אַריבערגעפירט צו באַזעצן אין ארץ־ישראל. די טערקישע מאַכט האָט אין לאַנד צוגעטיילט די באָסניער די קאַבאַראַ־זומפּן, וואָס האָבן זיך געצויגן צווישן דרומדיקן אָפּצווייג פון כרמל־מאַסיוו, מער־ווייניק פון היינטיקן רמת־הנדיב, ביזן ים־ברעג אויף מערב, צו דרום ביז די זאַמדן פון קיסריה. די בלאָטעס זענען געווען איבערפולט מיט מאַלאַריע־מאָסקיטן. אין דער גאַנצער קאַבאַראַ־געגנט האָט געלעבט אַן אָרע־מער, טאָקע קראַנקהאַפטער בעדואינער־שבט עלאַוואַרנאַ. אין יאָר 1888 האָט מען דאָ באַזעצט אויך די מוסולמענער פון באָסניע. אויב די בעדואינער האָבן געקאָנט, מיט דערפאַרונג פון דורות, פּירן אַ צוריקגעשטאַנענע נויט־לעבן צווישן די זומפּן, האָבן די אייראָפּעישע באָסניער גענומען גלייך מאַסנהאַפט אויסשטאַרבן פון מאַלאַריע און אַנדערע קראַנקייטן. זיי האָבן מיט מאַטערניש דאָ אויסגע־האַלטן צוויי יאָר און אין יאָר 1890 האָט זיי די טערקישע רעגירונג געגעבן די

ברעג־שטחים פון קיסריה. דאָ איז אויך נישט געווען קיין ערד צו באַארבעטן, נאָר בלויז זאַמדיקער באָדן, אַ פאַרלאָזטער זינט לאַנגע יאָרהונדערטער, אָבער אָן קרענק־ברענגענדיקע זומפּן. די באַסניער האָבן זיך באַזעצט אויפן געביט פון דעם צעשטערטן קרייצציגלערישן מויער אין קיסריה, אויסגעבויט אַ דערפל אין אייראָפּעיִש־באַלקאַנישן סטיל, און זיך פאַרנומען מיט האַנדל מיט לאַנדווירט־שאַפטלעכע פּראָדוקטן. די געזעלשאַפט פּיק"א, בראש מיט באַראָן עדמונד דע ראָטשילד, האָט זיך גלייך אָרומגעזען, אַז פון די באַסניער איז נישט שווער אָפּצוקויפן סיי דעם באָדן פון דער זומפּיקער קאַבאַראַ־געגנט, סיי פון די זאַמדן אַרום קיסריה. דער טערקישער העכסטער ציוויל־באַאַמטער, „קאַימאַקאַם", וועלכער איז געזעסן אין באַסניער־דאָרף און איז זענען געווען אונטערגעוואָרפן אַלע יידישע יישובים פון זכרון־יעקב ביז חדרה, האָט באַשטעטיקט דעם פאַרקויף פון די באָדנס צו יידן, באַקומענדיק אַן אָפיציעלע פאַרזיכערונג פון פּיק"א, אַז „די קאַבאַראַ־זומפּן וועלן מעליאָרירט ווערן און דער באָדן וועט אויסגעטריקנט ווערן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכער באַארבעטונג; די זאַמדן אַרום קיסריה וועלן באַוואַלדיקט ווערן כדי אָפּצושטעלן זייער וואַנדערונג".

אין דער זעלבער צייט האָט די קריסטלעכע קירך, געגנויער, די גריכיש־אָרטאָדאָקסישע פּאַטריאַרכיע, אָפּגעקויפט ביי די באַסניער זעקס דונאַם באָדן אין זייער דאָרף גופא, ווו עס האָבן זיך געפונען בולטע איבערבלייבענישן פון אַ קירך פון דער קרייצציגלער־עפּאָכע; און אויך געקויפט זעקס הונדערט דונאַם מזרחדיק, אויסער דעם מויער פון דאָרף. אַלס פאַרוואַלטער פון דאָזיקן באָדן האָט זיך אין קיסריה באַזעצט אַ גריכישער גלח, וועלכער האָט די ערד טייל־וויַיז באַארבעט מיט דער הילף פון אַראַבישע אַרבעטער. בעת די אומרוען אין 1938, האָבן די אַראַבער דערמאָרדעט דעם גלח און גענומען באַארבעטן דעם קירכלעכן באָדן אַלס „אייגענעם".

די באַסניער האָבן, נאָכן פאַרקויפן זייער ערד, פאַרלאָזט די געגנט פון קיסריה און זיך צעשפּרייט איבער די גרויסע שטעט פון לאַנד. אויף זייער אָרט זענען געקומען אַראַבער פון פאַרשיידענע געגנטן אין לאַנד, צום מערסטן ערדלאָזע פעלאַכן, וועלכע האָבן געפּאַכטעט די ערד פון פּיק"א.

באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, דווקא ווען עס האָט זיך געענדיקט די טערקישע הערשאַפט אין לאַנד, האָט פּיק"א אונטערגענומען אַ ברייט־פאַרמאָסטענע אַרבעט אויסצוטריקענען די קאַבאַראַ־זומפּן. אַראַבישע און יידישע אַרבעטערס האָבן פאַרטיפט דעם בעקן פון נחל התנינים — וועלכער האָט באַקומען דעם נאָמען פון די קראָקאָדילן, וואָס האָבן זיך אָמאָל גענעסטעט ביי זיין אַרויסגאַנג צום ים — און געגראָבן איינזאַמל־קאַנאַלן פאַר די שמוציקע וואַסערן. אין משך פון עטלעכע יאָר האָט זיך די זומפּן־געגנט פאַרוואַנדלט אין פּרוכטבאַרן באָדן, ווו עס האָבן זיך שנעל צעוואָקסן גערטנער און סעדער און צעבליט פעלדער. אויפן שטח פון די זומפּן איז געגרינדעט געוואָרן אין 1949 דער קיבוץ מעגן־מיכאל, אין צפון, און אין דרום, אין 1950, דער מושב בית־חנניה. אינמיטן האָט פּיק"א אויפגעבויט פאַר די בעדואינער, וועלכע האָבן זיך דורותלאַנג געמאַטערט אין די זומפּן, אַ מאָדערן דאָרף — דזשיסער ע־זאַרקאַ.

*

בלויז דריי חדשים זענען די חלוצים פון שׂדות־ים געזעסן אין זייערע געצעלטן אינערהאַלב דעם קרייצציגלערישן מויער, בשכנות מיט די אַראַבער פון אַבו־טאַנטור. זיי האָבן איינגעזען, אַז דאָ איז נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר בויען אַ נייעם יישוב. פיק״א האָט נישט געקאָנט באַזייטיקן די אַראַבער פון באַדן, וואָס זיי האָבן געפּאַכ־טעט און באַאַרבעט. שׂדות־ים איז אַריבער אויף דרום פון אַבו־טאַנטור, אויף אַ זאַמדיק־מדבּרדיקן באָדן, ווו עס האָט זיך געפונען דער אַנטיקער טעאַטער און דער־לעבן דער היפּאָדראָם פון קיסריה. עס איז געווען דער ערשטער פאַל, וואָס אַ יידי־שער יישוב־פּונקט האָט זיך באַזעצט אויף אַ פּלאַץ, ווו עס איז נישט געווען קיין אויסזיכט צו האָבן באַאַרבעטבאַרע ערד. די נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן זענען געווען קעגן, אויך די ענגלישע מאַכט האָט נישט געוואָלט געבן דעם קיבוץ קיין דערלויּ־בעניש דאָרט צו בויען הייזער. די יונגע פּיאָנערן האָבן זיך אָבער איינגעעקשנט און אָן אַ דערלויבעניש, ביינאַכט, גענומען בויען אויף די זאַמדן זייערע ערשטע הייזער.

אין דער גרינדונג־מגילה, וואָס איז איינגעמויערט געוואָרן אין פונדאַמענט פון ערשטן אַרעמען חדר־אוכל, לייענט זיך: „פון דאַנען זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט און צו פיין־טויט די לעצטע פירער און קעמפער פון מלכות־ישראל מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. די אוראייניקלעך פון יענע פאַרטריבענע שטייען איצט ווידער אין אייראָפּע אין אַנבליק פון טויט־געפאַר. אין דעם מאָמענט בויען מיר צוריק אונדזער היים, אַ היים פאַרן פאָלק, אויף אונדזער אַלטן ברעג, וואָס וועט זיין דער איינציקער זיכערער פאַר אונדזער פאָלק לדור דורות״.

נישט האָבנדיק די ערשטע יאָרן קיין ערד צו באַאַרבעטן, האָט שׂדות־ים אויפ־געשטעלט אַ פאַבריק פון קאַפּליעס און אַ קליינעם דאָק, צו בויען פישער־שיפלעך און פאַרריכטן אַלטע. גאָר קיין וועג פאַר אַן אויטאָ־צופאָר איז נישט געווען און „מען האָט געמוזט ברענגען רוי־מאַטעריאַלן און אַוועקפירן די פּראָדוקציע אויף אייזלען״ — דערציילט מען מיט אומגלויבן „מעשיות״ פון מיט פערציק יאָר צוריק...

זענען דאָ, אין קליינעם ים־אײַנגוס פאַרגעקומען איבונגען פון פלי״ם — די „פלוּגוֹת־ים״, די ים־אָפּטיילונגען פון „הגנה״ און פּלמ״ח, וואָס זענען געווען די באַזע פאַרן שפּעטערדיקן ישראלדיקן ים־מיליטער. און דאָ, אויפן קיסריה־ברעג פון שׂדות־ים, זענען אָפּגעשטיגן אין פינצטערע נעכט טויזנטער „מעפּילים״, געבראַכטע אויף „אומלעגאַלע״ שיפן. האָט דוד יזרעאלי, בעת דער פייערונג פון פערציק־יאָריקן יובל פון שׂדות־ים, רעדנדיק אין נאָמען פון די ערשטע דרייסיק גרינדער, מיט רעכט שטאָלצירט: „מיר האָבן אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעווישט די חרפּה פון קיסריה — דורכן פאָרט, פון וועלכן מען האָט אָפּגעפירט אין געפאַנגענשאַפט די לעצטע קעמ־פערס פון מלכות־ישראל, האָבן מיר אַריינגעבראַכט רייען פון די ערשטע צוריק־בויערס פון דער יידישער מלוכה״.

פערציק יאָר, ווי דרייסיק יוגנטלעכע האָבן זיך באַזעצט אויף וואַנדערנדיקע פוסטע זאַמדן. „אַ משוגעת... דאָ וועט דאָך קיינמאָל קיין יישוב נישט זיין...״ — האָבן זיי געהערט פון אַלע זייטן. „מיט עקשנות האָבן זיי קיינעם נישט געהערט און געטאָן זייערס״, האָט געזאָגט ישראל גלילי, וועלכער האָט באַגריסט אין נאָמען פון „הקיבוץ המאוחד״, און דערציילט זכרונות, ווי ער איז געקומען אַ פאַרטאָג, „אין

שרעק פֿאַר אַ ,עינא בישא׳, צוזאַמען מיטן ,זקן׳ יצחק שדה, אינספּעקטירן די פּלי״מניקעס. עס איז געווען אַ נאָוועמבער־באַגינען. אַ דורכגעווייקטער ווינט פֿון מערב האָט געשאַפֿן אַ זאַמד־געווירבל, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין די אויגן, האַלדז און נאָז... ווו זענען אַהינגעקומען אייערע זאַמדן?...״

נישט קיין געוויינלעכע ביימער, נאָר פּרוכט־גערטנער האָבן פֿאַרהאַלטן די זאַמדן, זיי צוגעשמידט, און באַוואָסערטע האָבן זיי אַרויסגעגעבן פּרוכטן; זאַמד־שטחים האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין תבואה־פֿעלדער. „דיר צוקום צו שדות־ים איז מעגלעך געווען, אויב נישט דורכן ים, איז אויף אייזלען, אָדער וועגענער, געשפּאַנט מיט פֿערד, אָדער בהמות...״ — דערציילן די זיידעס זייערע אייניקלעך ווי אויסגע־טראַכטע זאַכן. אַ ברייטער געפּלאַסטערטער שאָסיי פֿירט אויף דרום־מזרח, איבער צוויי קילאָמעטער, צום הויפּט־שאָסיי תל־אביב—חיפה; קיין דרום פֿירט אַ שאָסיי ביז דער פֿאַרבינדונג פֿון קיסריה־קנופּ מיט וועגן קיין חדרה — אַלע ווייטן זענען אָפֿן. קנאַפּע זיבן הונדערט נפשות לעבן, אַרבעטנדיק, נישט בלויז פֿון פֿעלד און ים, ווי עס איז געווען דער חלום פֿון די ערשטע, נאָר אויך פֿון אינדוסטריע. אַ גערוימער חדר־אוכל, ווירטשאַפֿט־ און קולטור־בנינים, און אַרום, צווישן גראָז־פּלעצער מיט בלומען, אין שאָטן פֿון אייקאַליפּטוסן און ווערבע־ביימער — איין־שטאָקיקע און צוויי־שטאָקיקע מאָדערנע הייזער, ווו עס וואַקסט שוין דער דריטער דור, אַ געבוי־רענער אויפֿן אָרט.

דערלעבן האָט זיך צוריק צעבליט, אויפֿגעלעבט דאָס אַלטע קיסריה, ווען שדות־ים איז ווי אַ טייל זיינער, פֿון די ערשטע.

אין זיין באַגריסונג־רעדע האָט דער הסתדרות־פֿירער ישראל קיסר געזאָגט: „פֿאַראַן דאָך אַן אַלטע גמרא: ,די חכמים האָבן געדרשנט אויף ירושלים און קיסריה: אויב אַ מענטש וועט דיר זאָגן ביידע זענען חרוב — זאָלסטו נישט גלייבן; ביידע זענען באַזעצט — זאָלסטו נישט גלייבן; חרוב געוואָרן קיסריה און אויפֿגעבויט געוואָרן ירושלים, חרוב געוואָרן ירושלים און אויפֿגעבויט געוואָרן קיסריה — זאָל־סטו גלייבן!...״ (בבלי, מגילה ו׳, א׳). קיסר האָט מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף די פֿייערן, באַלויכטענע גאַסן און פּלעצער אַרום אַמפּיטעאַטער, און פֿאַרענדיקט: „חז״ל האָט פֿאַרזען דעם כוח פֿון אונדזער דור... אָט לעבט קיסריה, און ירושלים גלייכ־צייטיק. ,ביידע זענען באַזעצט׳ — זאָלסטו יאָ גלייבן״.

1980

עמק חפר — פופציק יאָר און יאָרטויזנטער

אַ קילער ווינט האָט געבלאָזן פון נאָענטן ים, אַנזאָגנדיק אַז אויך דער היי־יאָריקער פרילינג גייט אַוועק. צווישן גרויסן עולם איז דווקא געווען נישט בלויז אַ פרילינגדיקע, נאָר אַ זייער זומערדיקע אַטמאָספער. אַ פּאָר טויזנט מענטשן האָבן איבערגעפולט דעם אַמפיטעאַטער אויפן נאָמען פון ד״ר רופּין אין חפר־טאָל. יעדע עטלעכע מינוט, ווען די פאַרזאַמלטע האָבן געוואַרט אויפן אָנקום פון מדינה־פּרעזידענט, איז אין אַ צווייטן ווינקל פון זאַל אויסגעבראָכן אַ ניי געזאַנג. גאָר־אַלטע און מאָדערנע לידער — אָבער די זעלבע אוראַלטע שפּראַך, וואָס האָט דאָ געגומען קלינגען מיט אַ דריי־פיר יאָרטויזנטער צוריק.

דער נשיא, יצחק נבון, אַ פּרעזידענט אין אַ ספּאָרט־העמד מיט אַ צעלייגטן קאָלנער, האָט געזאָגט: „איך האָב היינט באַזוכט אייערע ישובים, אייערע פעלדער און גערטנער. איך האָב זיך נאָכאַמאָל איבערצייגט וואָס פאַר אַ גרויסע גע־וויקסן עס שפּראָצן אַרויס פון קליינטשיקע קערנער... מיר דאַרפן נאָר טאָן אַלץ, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל אַנטפּלעקן און אָנווענדן די שאַפונג־כוחות, וואָס זענען אין אים באַהאַלטן״.

*

די אָנפירונג פון עמק חפר האָט זיך דאָס מאָל אַ ביסעלע צוגעאיילט... עס איז אָקטאָבער 1979. די ערשטע „גרופּע פון צוואַנציק״, יונגע חלוצים, זענען אַרויף אויפן באָדן פון חפר־טאָל דעם 2־טן יאַנואַר 1930 (ג׳ טבת תר״ץ), גענומען באַאַרבעטן די ערשטע דרייסיק טויזנט מיט זיבן הונדערט דונאַם וואָס דער קק״ל האָט דאָ באַוויזן צו קויפן, אַ דאַנק דעם מיליאָן דאָלאַר, וואָס עס האָט פאַר דעם צוועק צונויפגעזאַמלט דאָס קאַנאַדער יידנטום.

אַ יאָר שפּעטער, אין 1931, באַשרייבט דער דיכטער און ציוניסטישער פירער, לייב יפה, ווי די לאַגע זעט דאָ אויס: „איך וואַנדער איבער וואַדי כאַוואַרעט, דאָס איז דער טאָל חפר... ער איז נישט לאַנג צוריק באַזעצט געוואָרן דורך יידן...״ ער קוקט אויפן טאָל נישט ווי אַ דיכטער. ער ווייסט און זאָגט אפילו נביאות: „דער באָדן — ערד פאַר פלאַנצן אוןביימער, טויזנטער משפחות קאָנען זיך באַזעצן אויפן דאָזיקן פלאַץ, געפינען זייערע לעבנס־באַדערפעניש און פאַרוואַנדלען דעם דאָזיקן טאָל אין אַ בליענדיקן גאָרטן...״ אָבער: „אין דאָזיקן ברייט־צעשפּרייטן טאָל לעבן דערווייל, אויף אַ בערגל, אין אַ פּאַרצייטיקן אַראַבישן הויז, בלויז דרייסיק אַרבעטערס, צווישן זיי פינף פרויען און אַ זעקס־יאָריק קינד, עמוס הייסט ער. אַן איינזאַמער קבר איז פאַראַן אין דאָזיקן טאָל: אייגער פון די אַרבעטערס איז דערטרונקען געוואָרן אין וואַדי, אין אַ פאַרפלייצונג וואָס איז אויף אים אָנגעלאָפן בעתן אַקערן״ (ל. יפה, „איגרות ויומנים״, ז׳ 155).

שפּאַנען מיר איצט, פופציק יאָר שפּעטער, אַרויף אויפן זעלבן ערשטן־באַזעצטן בערגל, קוקן ביז וואַנען עס גרייכט נאָר דאָס אויג אויפן ווייטן האָרי־

זאָנט, אין אַלע זייטן, אויף מזרח און מערב, אויף צפון און דרום, און עס דוכט זיך, אַז מען נאָרט אונדז אָפּ — די יאָרצענדליקער זענען מסתמא יאָרהונדערטער, אויב נישט נאָך מער... אומעטום איז גרין און באַלעבט. געביידעס פון אַלע מינים צווישןביימער, בלומען און בייטן. מיר קריזן אַרום אַן אמתן „פּאַלאַץ״, נישט דעם „שלאָס פון בעק״, „דאָס פּאַרצייטיקע אַראַבישע הויז״, ווי לייב יפה האָט עס געזען, און אַנדערע מאָלן עס ווי „מער ענלעך צו אַ גרויסער שטאַל״... אין אַ פּאַרק מיט גרויסע גראָז־פּליינען געפינט זיך דאָ איצט אַן אָפּרו־הויז פאַר מדינה־באַאַמטע — אויפן זעלבן פּלאַץ, אויפן אַלטן בערגל.

מיר נידערן אַראָפּ און שפּרייזן גלייך אַריין אין הויפּט־געסל פון ביתן־אהרון. „מען האָט אונדזער יִשוב באַצייכנט אַלס ‚ביתן׳, ווייל די גרינדער האָבן אים געבויט דער עיקר פאַר גערטנער מיט פּרוכט־ביימער״ — דערקלערט דער סעקרעטאַר פון מושב. ווי עס שטייט אין דער מגילה „בחצר גנת ביתן המלך״ (אסתר א׳ ה׳) און אונדזער יהואש זעצט עס איבער: „אין הויף פון דעם מלכס פּאַלאַצגאָרטן״. יאָ, פאַראַן דאָ אַ סך פּאַלאַצגערטנער, אָבער אויך עפּעס אַנדערש...

דער מושב איז אַרויף אויפן באָדן דעם 8־טן פעברואַר 1936 און אין יאָר 1961 האָט ער געפייערט דעם האַלבן יובל פון זיין עקזיסטענץ. האָט דער סעקרעטאַר אויסגערעכנט, אַז אין די דאָזיקע פינף־און־צוואַנציק יאָר האָט דער מושב פּאַרקויפט צוואַנציק מיליאָן מיט פינף־און־זיבעציק טויזנט אייער. „אויסלייגנדיק די דאָזיקע אייער אין דער לענג אין איין ריי — אין דורכשניט זעקס צענטימעטער פאַר איין איי — וועט זיך באַקומען אַ לענג פון טויזנט צוויי הונדערט און פינף קילאָמעטער, די לענג פון אַלע גרענעצן פון מדינת־ישראל...״

געווען דאָ אין דער פאַרגאַנגענהייט אַ יִשוב. מען קען נישט זיין געשיכטע, נישט זיין נאָמען. אָבער ביים גראָבן אין צפון־מערבדיקן ראַנד פונעם דאָרף האָט מען געפונען איבערבלייבענישן פון אַלטע קברים. מען האָט דאָ אויסגעגראָבן אַ קבורה־קאַסטן פון בליי, וואָס ווייניק ענלעכע האָט מען געפונען אויף דער וועלט. ער שטאַמט פון דער רוימישער עפּאָכע און איז אויף אַלע פיר זייטן און אויפן צודעק באַצירט מיט הויך־קינסטלערישע באַרעליעפן, וואָס שטעלן פאַר מענטשן, פיש, אַדלער־געשטאַלטן, אַ סך בלומען און אויך פּאַרלעך דאַלפינען וואָס טראָגן וואַזאָנען מיט פלאַנצן. דער ארון איז אויסגעשטעלט אין ראָקפעלער־מוזיי אין ירושלים.

אין יאָר 1961, נאָכן אויסהאָדעווען הינער וואָס האָבן געגעבן צענדליקער מיליאָנען אייער, פון די ביימער זענען אַראָפּגענומען געוואָרן טויזנטער טאָנען פּרוכטן פון אַלערליי סאָרטן, תבואות און בלומען, — זענען אין ביתן־אהרון געווען נישט מער ווי הונדערט מיט זעקס־און־צוואַנציק איינוווינערס און איצט לעבן דאָרט עפּעס מער ווי צוויי הונדערט נפשות.

*

דער עמק־חפר ציט זיך צפונדיק פון נתניה ביז צו דער מוניציפּאַלער גרענעץ פון דער צווייטער שטאָט אין צפון — חדרה. די מערב־גרענעץ פונעם טאָל איז

דער מיטללענדישער ים און די מזרח־גרענעץ — צופוסנס פון די אפרים־בערג, די געגנט פון טול־כרם. דעם טאָל שניידט איבער אינמיטן דער נחל־אלכסנדר, אַלעקסאַנדער־טייכל, וואָס טראָגט, לויט דער יידישער טראַדיציע דעם נאָמען פון חשמונאים־קעניג אלכסנדר ינאי, אָבער מעגלעך גאָר — פון גריכישן אַלעקסאַנדער דעם גרויסן, דעם מאַקעדאָניער, וועלכער איז אויך דאָ געווען. נאָענט צום אַריינפאַל פון אַלעקסאַנדער־טייכל אין ים אַריין איז פאַראַן אַ קליינע בוכטע מיטן אַראַבישן נאָמען מינאַט־אַבו־זאַבוראַ און מען חלומט אַפּט אין עמק־חפר, אַז „דאָ וועט מען אויסבויען דעם פּאָרט פון אונדזער געגנט..." די אייגוווינער פון דאָזיקן טאָל האָבן רעכט צו חלומען וועגן אַן אייגענעם ים־פּאָרט: זייערע זעקס און פערציק יישובים זענען פאַראייניקט אין דעם גרעסטן, לויט דער צאָל יישובים, קאָמונאַלן געגנט־ראַט, מיט דער געדיכטסטער באַפעלקערונג אין לאַנד.

*

מענטשן האָבן געלעבט אין דעם טאָל שוין אין דער קאַלקוליטישער עפּאָכע. מען האָט דאָ אין אויסגראָבונגען געפונען צייכנס פון מענטשלעכע יישובים פון דריטן יאָרטויזנט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. אין דער פריער בראָנדזעפּאָכע האָבן מענטשן געבויט שוין יישובים ביי די ברעגן פון אַלעקסאַנדער־טייכל, וואָס איז אפשר דעמאָלט גאָר געווען אַ גרויסער טייך.

בעת די בני ישראל האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד האָבן זיך אין דעם טאָל און אויף די בערג מזרחדיק פון אים באַזעצט די אָפּשטאַמיקע פון שבט מנשה און צווישן זיי איז געווען „חפר — די משפחה פון די חפרים. און צלפחד דער זון פון חפרן, ער האָט נישט געהאַט קיין זין, נאָר בלויז טעכטער; און די נעמען פון צלפחדס טעכטער זענען געווען: מחלָה און נוֹעה, חָגלָה, מלכּה און תרצה" (במדבר כ"ו, ל"ב—ל"ג). די דאָזיקע טעכטער האָבן געפאָדערט אַן אייגענע נחלה און באַקומען טאָקע נישט־ווייט פון דאַנען — „בארץ יוסף".

דער טאָל האָט זיך, זעט אויס, שנעל צעבליט. ווען דאָס לאַנד איז דורך מלך שלמה צעטיילט געוואָרן אויף „מחוזות", אַ מין גובערניעס, און יעדער מחוזהערשער, וועלכער האָט געהאַט דעם טיטל ניצב, האָט געדאַרפט שפּייזן און אויסהאַלטן דעם קיניגלעכן הויף אין משך פון אַ חודש אין יאָר, איז איינער פון זיי געווען אין ארץ חפר: „דער זון פון חסדן אין אַרובות; אונטער אים איז געווען שוֹכו און דאָס גאַנצע לאַנד חפר" (מלכים א', ד', י'). לויט דער מיינונג פון די פאָרשערס, האָט די פּאַרצייטיקע שטאָט חפר זיך געפונען אויפן בערגל לעבן היינטיקן קיבוץ מעברות, ווו עס געפינט זיך דער בית־עלמין פונעם קיבוץ. די, אויבערפלעכלעכע דערווייל, אויסגראָבונגען אויפן בערגל באַווייזן אַז דאָ האָט זיך געפונען אַ יישוב אין דער צייט פון דער ערשטער יידישער מלוכה.

אין דער תנ"ך־עפּאָכע האָט שוין דאָס ארץ־חפר דורכגעשניטן דער וויכטיקסטער וועג אין גאַנצן אַלטערטום און אין דער גאַנצער אַנטיקער וועלט, „דרך הים", ווי ער ווערט שוין אָנגערופן אין די יידישע מקורות, דער „ים־וועג", וואָס האָט פאַרבונדן צוויי „ווייטע" דעמאָלט ציוויליזירטע צענטערס, מצרים מיט בבל, די גרויסמאַכטן אַרום נילוס, מיט די לענדער ביי די טייכן עופראַט און טיגריס (פרת

און חידקל). טאַקע מיט דעם וועג איז פאַרביי עמק־חפר, אין יאָר 333 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, אַלעקסאַנדער דער גרויסער, דער מאַקעדאָניער, כדי אַרייַנצודרינגען אין גאַנץ ארץ־ישראל. שפּעטער, אין דער חשמונאים־עפּאָכע, האָבן די ייִדישע מלכים פון דער מכבייער־דינאַסטיע געשטרעבט זיך צו פאַר־פעסטיקן אויפן ברעג פון מיטללענדישן ים. דער קיניג אַלכסנדר ינאי (126—76 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג) האָט בערך אין די יאָרן 90—80 איינגע־נומען דעם חפר־טאָל מיט זיין ים־ברעג, אים אַנגעשלאָסן אין ייִדישן קיניגרייך און פון דאַנען זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער שרון־געגנט. אויף זיין נאָמען איז אָנגערופן געוואָרן דער מושב בית־ינאי אין עמק־חפר. אין דער גאַנצער צייט פון בית שני ווערט נישט דערמאָנט אין דער דעמאָלטיקער ליטעראַטור דער טאָל, אין וועלכן עס זענען וואַרשיינלעך נישט געווען אין דער עפּאָכע קיין וויכטיקע שטעט, כאָטש אויף דער סאַמע גרענעץ פון טאָל האָט זיך געפונען דער וויכטיקער פּאָרט און אַדמיניסטראַציע־שטאָט קיסריה. אין דער צייט פון דער רוימישער הער־שאַפט איז דאָ דורכגעגאַנגען דער וועג קיין ירושלים — און נישט איין מאָל האָבן דאָ פאַרביימאַרשירט רוימישע לעגיאָנען. דער אַלטער „דרך־הים" איז די גאַנצע צייט געגאַנגען, און געמוזט גיין, דורך דאַנען — די רוימער האָבן בלויז געענ־דערט זיין נאָמען אויף לאַטייניש, און ער איז מיט דעם נאָמען אריין אין דער וועלט־געשיכטע, אַלס „וויאַ מאַריס".

געווען דאָ קליינע, ווייזט אויס, אומוויכטיקע ייִשובים, נאָך וועלכע עס זענען געבליבן „בערגלעך" דאָ און דאָרטן — אַן אַרכעאָלאָגישער „תל", ווי מיר רופן זיי אין ישראל, וואָס וואַרטן נאָך אין גרעסטן טייל אויף זייערע אַרכעאָלאָגן־אויפגראָבער און באַהאַלטן אין זיך אפשר נאָך געשיכטלעכע סודות־איבערראַ־שונגען.

די קרייצציגלער, וועלכע זענען געקומען פון אייראָפּע „אויסלייזן דאָס הייליקע לאַנד", זענען פון צפון דורכגעריטן דעם עמק־חפר אויפן וועג קיין ירושלים. אין דער גאַנצער קרייצציגלער־עפּאָכע, אין 12־טן און 13־טן יאָרהונדערט, זענען געווען באַקאַנט די וויכטיקע שטעט און פּאָרטן קיסריה, אין צפון פון טאָל, און אַפּאָלאָניאַ אין דרום, אַנדערע ייִשובים אין עמק־חפר — כמעט נישט. די מענטשן פון קיבוץ מעברות האָבן אויפן שטח פון זייער ייִשוב געפונען איבערבלייבענישן פון מיטלאַלטער. מעגלעך אַז דאָ איז געווען דער ייִשוב מאַנדידיאַר, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער קרייצציגלערישער ליטעראַטור.

אין תלמוד ווערט דערמאָנט דאָס שטעטל בורגתה (מסכת עבודה זרה, בורגטאַ — אַראַמישע פאָרם פון אייראָפּעישן וואָרט „בורג", פעסטונג. דאָס איז אין תלמוד ירושלמי. אין תלמוד בבלי, אין דער זעלבער מסכת און אין דער זעלבער פאַר־בינדונג, טראָגט שוין דער נאָמען אַ מער פאַרייִדישטע פאָרם — „ברקתא"). אין דער געגנט איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1949 דורך נייע עולים פון טערקיי דער מושב בורגתה, וואָס איז אַן אָנגעזעענער מיטגליד אין דעם פאַרבאַנד ייִשובים פון עמק־חפר. נאָענט פון בורגתה איז פאַרבליבן אַן אינטערעסאַנטע אַלטע חורבה. מעכטיקע ווענט פון אַ פעסטונג, איבערבלייבענישן פון זאַלן און שיס־פּונקטן. געבויט אין 12־13־טן יאָרהונדערט, ווען די קרייצציגלער האָבן דאָ געפירט קאַמפן

מיט די מוסולמענער. ביז איצט איז געבליבן דער אַראַבישער נאָמען פון דער חורבה, בורדזש על־אַטוט, די געשפּאָלטענע פעסטונג. די קרייצציגלער האָבן די פעסטונג גערופן „טוריס רובעאַ״ אין לאַטיין, אָדער „טור רוזש״ אין פראַנצויזיש. דער רויטער טורעם. אפשר איז ער אַמאָל טאַקע רויט געווען, פון פאַרב אָדער בלוט... אָבער ווארשיינלעך איז דער נאָמען פון דער רויטלעכער ערד אויף וועלכער ער איז געבויט געוואָרן.

אַ פינף יאָרהונדערטער איז דער עמק־חפר געווען פוסט, אָן שום מענטשלעכן יישוב. די ערד איז באַדעקט געוואָרן מיט זומפּן, פולע מיט מאַלאַריע־מיקראָבן און מיט וואַנדערנדיקע זאַמדן, וואָס די ווינטן האָבן געטראָגן צווישן די שומרון־בערג און דעם ים. קיין עולי־רגל, נישט קיין יידן און נישט קיין קריסטן, האָבן נישט געהאַט וואָס צו קומען אַהער, נישט געווען דאָ קיין שום הייליק אָרט, קיין פאַרהייליקטער קבר. צווישן די ביימער ביי די זומפּן פלעגן זיך אויפהאַלטן וועג־רויבערס, כדי צו באַפאַלן די קאַראַוואַנען, וואָס זענען געפאָרן האַרט פאַזע דעם ים־ברעג איבער דעם אַלטן „וויאַ מאַריס״.

אין חודש מערץ 1799 איז אויפגעוועקט געוואָרן פון זיין „היסטאָרישן שלאָף״ דער עמק חפר. פון דער זייט פון יפו איז אַהער אָנגעקומען דער פראַנצויזישער קייסער נאַפּאָלעאָן מיט זיין אַרמיי, אין זיין געוואַגטער עקספּעדיציע צו באַהערשן דעם נאָענטן מזרח. דורך דאַנען האָט די פראַנצויזישע אַרמיי מאַרשירט אויף צפון, צו פאַרנעמען פריער די וויכטיקסטע ים־פעסטונג עכו און פון דאָרט זיך לאָזן צום הויפּט־ציל — ירושלים. דאָ, אין עמק חפר, זענען פאָרגעקומען ספּאָראַדישע קאַמפן צווישן טערקישן מיליטער און די פראַנצויזן. דאָ האָבן די טערקן פאַרשפּילט, אָבער היינטער עכו, די הויפּטשטאָט פון דער טערקישער מאַכט, איז נאַפּאָלעאָנס מאַרש פאַרהאַלטן געוואָרן. דער גרויסער אימפּעראַטאָר האָט נישט געקאָנט באַזיגן די דאָזיקע קליינע פאָרט־שטאָט און געצווילטע וואָכן שפּעטער איז דער זיגרייכער נאַפּאָלעאָן אַדורך איבערן עמק־חפר — צוריק קיין מצרים.

ווידער האָבן דאָ געהערשט וויסטקייט, טויט־טראַגנדיקע זומפּן און רויבערס...

אין יאָר 1830 איז נאָכאַמאָל דורכגעגאַנגען די געגנט אַן אויסערלעכער אריינדרינגלער — די אַרמיי פון עגיפּטישן פּאַשאַ איבראַהים, וועלכער האָט פאַרנומען ארץ־ישראל. צי דאָס איז געטאָן געוואָרן פלאַנמעסיק, כדי צו פאַרזיכערן די מצרישע הערשאַפט, צי עס איז געשען צוליב אַנדערע סיבות, אינערלעך־מצרישע, אָבער מיט דער אַרמיי פון איבראַהים פּאַשאַ איז מיטגעקומען אַ בעדואינער־שבט פון עגיפּטן, כאַוואַראַט האָט מען גערופן די דאָזיקע בעדואינער, און זיי האָבן זיך באַזעצט אין פוסטן עמק־חפר. צוזאַמען מיט זיי זענען געקומען נעגערס, אַנטלאָפענע פון קנעכטשאַפט. זינט דעמאָלט האָט דער טאָל באַקומען דעם נאָמען וואַדי כאַוואַראַט. די בעדואינער האָבן זיך באַשעפטיקט מיט בהמות־צוכט, גרויסע סטאַדעס קי און שעפסן האָבן זיך געפּאַשעט אויף די דערנער און ווילדע גראָזן אַרום די בלאָטעס ביים אַלעקסאַנדער־טייך. זיי האָבן זיך אויך ווו־נישט־ווו באַשעפטיקט מיט פרימיטיווער לאַנדווירטשאַפט. אָבער די מאַלאַריע־בלאָטעס האָבן נישט דערלאָזט די מענטשן זיך פאַרמערן...

היינט, ווען מען פאָרט איבער עמק־חפר, ווו צענדליקער יישובים וואַקסן כמעט

אַריין איינער אין צווייטן און די באַפּעלקערטקייט איז די געדיכטסטע אין גאַנץ ישראל, אומעטום גרינט און בליט, איז ווי אומגלויבלעך די באַשרייבונג פון אַן אַמעריקאַנער מיסיאָנער מיט נישט קיין גאַנצע הונדערט־און־צוואַנציק יאָר צוריק: „מיר זענען געפאָרן רייטנדיק, די גאַנצע גרופּע, פון טול־כרם קיין קיסריה. באַוואָפנטע אַראַבער האָבן אונדז באַגלייט און געזיכערט אונדזער וועג. אין משך פון פיר שעה רייטן האָבן מיר נישט באַגעגנט קיין לעבעדיקן נפש, דאָס וואָס באַשטעטיקט דעם תנ״כישן פּסוק — ,שליאַכן האָבן אויפגעהערט און וועגנגייער פלעגן אויף קרומע שטעגן גיין׳ (שופטים ה׳, ו׳). די געצעלטן פון שבט כּאַוואַראַט, האָבן מיר געוווּסט, האָבן זיך געפונען אין דער געגנט. אָבער דער גאַנצער פליין וואָס האָט זיך געשפּרייט פאַר אונדז, איז געווען באַדעקט מיט ווילדע גראָזן, דערנער, אָדער בלאָטעס און זאַמדן. די איינציקע באַשעפענישן וואָס האָבן זיך געזען זענען געווען הירשן, וואָס האָבן זיך באַוועגט אויפן האָריזאָנט. מיר האָבן פאַרגעזעצט, אַן אַ שטעג און אַן אַ וועג אין דער ריכטונג פון די ווייסע זאַמדבערגלעך אויפן האָריזאָנט. פּלוצלינג האָבן מיר זיך געפונען ביי אַ באַאַרבעטן קליינעם טאָל. דאָרט האָבן זיך געזען אייניקע מענטשן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט איינזאַמלען תבואה, דרעשען און רייניקן זי. אונדזער פּלוצלינג באַווייזן זיך האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַן איבעראַשונג און שרעק. זיי האָבן, ווייזט אויס, געטראַכט, אַז דאָס קומען בעדואינער צורויבן זייער גערעטעניש. די אַרבעטערס זענען אַנטלאָפן און די פאַסטעכער האָבן איינגעזאַמלט זייערע פי. אין אייניקע מינוט האָבן זיך אַלע פאַרזאַמלט אויף אַ קליינעם בערגל, גרייט צו פאַרטיידיקן זיך און קעמפן. מיר האָבן פאַרגעזעצט אונדזער וועג. פּלוצלינג האָבן מיר דערהערט געשרייען, וואָס האָבן פאַרגליווערט דאָס בלוט: אין אונדזער זייט האָבן אָנגעיאָגט בעדואינישע רייטערס פון די כּאַוואַראַט־מענטשן. מיר האָבן זיך שנעל אָרגאַניזירט אין פאַרטיידיקונג־פּאָזיציעס און געשטאַנען גרייט זיי מקבל־פנים צו זיין. אונדזער אומדערשראָקענע שטעלונג און דער אָנבליק פון ענגלישן געווער אין אונדזערע הענט — האָבן אָפּגעקילט זייער ענטוזיאַזם... די דאָזיקע ישמעאל־זין האָבן אויסגעזען ווילד און שיין אויף זייערע שוואַרצע פערד, וואָס האָבן זיך מער ווי זייערע רייטערס געריסן צום קאַמף... די שפּיצן פון זייערע פינקלענדיקע שפּיזן און זייערע לאַנגע געקרייזלטע האָר, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען ביז די בריסטן — זענען געווען אַן איינדרוקספולער בילד פון די מדבר־מענטשן אַנטקעגן אַ גרופּע פּילגרימען... זיי האָבן אויסגעשריגן ,סאַלעם אַלייקום׳, אויסגעדרייט זייערע פערד און זיך אָפּגעטראָגן״ (י. ל. פּאָרטער, „אַ פּילגרימען־רייזע אין הייליקן לאַנד״, באַלטימאָר 1860). דאָס איז געווען עמק חפר...

די ווייניקע בעדואינער, וואָס האָבן זיך גערופן „אַראַב על־כּאַוואַראַט״, האָבן אפילו געהאַט בראש פון זיך אַ שייך, וועלכער האָט ביי דער טערקישער מאַכט באַקומען דעם חשובן טיטל „עמיר״, אָבער זיי האָבן אַרומגעוואַנדערט און אפילו די שטיקלעך באָדן וואָס זיי האָבן יאָ באַאַרבעט, האָבן קיינמאָל צו זיי אָפיציעל נישט געהערט. נישט די פּשוטע בעדואינער, און מסתמא אויך נישט זייער „עמיר״, האָבן נישט געטראַכט, און גאָרנישט געוווּסט, אַז עס איז נישט גענוג צו באַאַרבעטן די ערד, כּדי זי זאָל געהערן צו אים, „חזקה״ איז נישט גענוג און אפילו אין

דער צוריקגעשטאַנענער אָטאָמאַנישער אימפּעריע מוז דאָס אייגנטום פון באָדן זיין באַשטעטיקט אין די „טאַבו"־ביכער, געזוצלעך פאַרשריבן אויפן נאָמען פון באַ־זיצער. אין דער העלפט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט האָבן דאָס אויסגענוצט צוויי אַראַבישע רייכע משפחות און באַהערשט דעם „ואַדי על־כאַוואַראַט", ווי עמק־חפר איז אָנגערופן געוואָרן, און — מסתמא פאַר „באַקשיש", וואָס איז אַזוי גע־זוכט געוואָרן דורך די טערקישע באַאַמטע — אים פאַרשריבן אין די נחלה־ביכער אויף זייערע נעמען. פון דעמאָלט האָט דער מערב־טייל געהערט צו דער משפחה טאַיאַן און דער מזרחדיקער — צו דער משפחה כאַבאַני.

די בעדואינער זענען געוואָרן פאַכטערס פונעם באָדן, די בעלי־בתים האָבן גענומען מאַגען צינדזן פאַרן נוצן די ערד, אין דער פאָרם, בדרך כלל, פון אַ טייל פונעם געוועקס. די גוטבאַזיצערס אָבער פון דער אָרעמער ערד און די ווייניקע פאַכטערס האָבן קיין גרויסע הכנסות נישט געהאַט... שוין אין יאָר 1901 האָט זיך אין דער ירושלימער צייטונג „חבצלת" (י"ח כסלו תרס"א) באַוויזן אַ מעלדונג פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט וועגן דער מעגלעכקייט צו קויפן דעם באָדן פון „ואַדי אול־חַוַראַד", ווי דער עמק־חפר איז דעמאָלט אָנגערופן געוואָרן אין העברעיִש. אין „חבצלת" ווערט דערציילט: „אַ מענטש האָט פאַר אונדז פאַר־געשטעלט אַ באַפולמעכטיקונג פון ה' טאַיאַן, אייגנטימער פון ואַדי אול־חורד, צו פאַרקויפן אַ העלפט פון דער נחלה". אַ חודש שפּעטער ווערט דערציילט אין „חבצלת" (כ"ח טבת) אַז „דער באָדן איז נאָך נישט פאַרקויפט געוואָרן. אַ גרויסער טייל פון ואַדי אול־חורת איז פאַרגעלייגט געוואָרן אונדזערע ברידער אין רוס־לאַנד. אָבער דער קויף איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן". דרייסיק יאָר איז נאָך עמק־חפר געבליבן אײַנגעטונקען אין בלאָטעס מיט מאַלאַריע־קאָמאַרן, כמעט פּוסט און אומבאַאַרבעט.

ביידע גרויסע טרוימער וועגן יידישן באָדן־אויסלייז אין ארץ־ישראל, מנחם אוסישקין און יהושע כענקין, האָבן צענדליקער יאָרן געחלומט וועגן די דריי וויכטיקע טאָלן, עמק־יזרעאל, עמק־זבולון און עמק־חפר. דער באָדן פון ביידע ערשטע איז ביסלעכווייז אַריבער אין יידישע הענט, געקויפט געוואָרן דורך קרן־קיימת לישראל. כענקין, וועלכער איז אַפּט אויף זיין פעסטן אַראַבישן פערד גע־ריטן צווישן חדרה און יפו דורך ואַדי־כאַוואַראַט, האָט נישט איינמאָל געליטן פון די מאַלאַריע־קאָמאַרן, וואָס „האָבן זיך צובאַקומען צו זיין פנים אַפילו דורך דער געדיכט־צעוואַקסענער באָרד, וואָס אירע לאַנגע האָר האָבן געווייעט מיטן פלי פון פערד דורכן ווינט" (משה סתוי־סטאַווסקי). ער האָט אָבער געוווּסט אַז די ערד קאָן מען געזונט־מאַכן און באַפרוכפּערן. כענקין האָט אין סאַמע אָנהייב יאָר־הונדערט אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט די אַראַבישע אייגנטימערס וועגן אָפּקויפן דעם טאָל. געוועזן יורידישע שוועריקייטן, אויך די בעלי־בתים האָבן אָפּט געבראָכן צוזאָגן. דערווייל האָט כענקין געזען, פאַרביטערטיק, אַז די קינדער פון טאַיאַן, דער גוטבאַזיצער און חשובער „בעק" פון יפו, נעמען בויען דאָס ערשטע געמויערטע הויז אין טאָל, אויף אַ בערגל — דאָס הויז וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „שלאָס פונעם בעק" — און זיין שרעק, אַז די מעליאָראַציע־אַרבעט זאָל נישט נעמען געטאָן ווערן דורך נישט־יידישע הענט, האָט זיך פאַרשטאַרקט...

די משפחות טאַיאַן און כּאַבאַני האָבן טאַקע נישט געגעבן מער קיין מעלדונגען אין יידישע צייטונגען און זיך נישט געוואָנדן צום קרן־קיימת, וועמענס אַדרעס עס איז זיי געווען גוט באַקאַנט, נאָר דאָס געמאַכט דורך אַן „אויסרופער״ פון געריכט אויף די וויכטיקסטע מערק אין טול־כרם און שכם — די שטעט צו וועלכע דער באָדן האָט געהערט אַדמיניסטראַטיוו. „ווער עס וויל קויפן דעם וואַדי־כּאַוואַראַט, זאָל זיך מעלדן...״ די ידיעה איז דערגאַנגען צו כענקינען — ער האָט איבערצייגט די פאַרשטייערס פוןביידע משפחות, אַז ער וועט זיי באַצאָלן מער און „אויסער די יידן, וועט קיינער ביי זיי נישט קויפן דעם דאָזיקן פאַרשאָלטענעם באָדן מיט מאַלאַריע...״ ער האָט זיי איבערצייגט. מען איז אויסגעקומען, זיך פייערלעך גע־געבן אַ תקיעת־כּף און מען האָט אָנגעהויבן מאַכן די יורידישע שריט. די פאַר־קויפערס האָבן אָבער נישט געוווסט, אַז כענקין האָט נישט אפילו קיין אַדערויף פון די צוויי הונדערט טויזנט ענגלישע פונט — די קאַסע פון קק״ל איז געווען פולשטענדיק ליידיק... דאָס איז געווען אין יאָר 1927.

אין חודש יולי פון זעלבן יאָר איז אין וויניפּעג פאַרגעקומען אַ לאַנד־קאָנ־פערענץ פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. מנחם אוסישקין איז אין געאייל אַהין אָוועקגעפאָרן און אין אַ דראַמאַטישער רעדע גערופן „אויסצולייזן אין האַרץ פון שרון פופציק טויזנט דונאַם ערד צו באַזעצן טויזנט משפחות עולים, וואָס קלאַפּן אין די טירן פון לאַנד״ און ער האָט אַנטוויקלט אַ פּלאַן פאַר דער „באַזעצונג פון טויזנט״ („התיישבות האלף״). דער פּרעזידענט פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אהרון פריימאַן האָט מיט התלהבות אויפגענומען דעם פּלאַן און עס איז מיט דעם אָנגעשטעקט געוואָרן נישט בלויז די ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציע, נאָר דאָס גאַנצע קאַנאַדער יידנטום. אוסישקין איז צוריקגעקומען קיין ארץ־ישראל מיטן נויטיקן מיליאָן דאָלאַר. און אין האַרץ פון עמק־חפר געפינט זיך דער מושב ביתן־אהרון — אין פאַראייביקונג און פאַרערונג פון אהרון פריימאַן.

דער קויף איז נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. שוין געווען אַן אָרגאַניזירטע אַראַבישע אַקציע קעגן פאַרקויפן ערד צו יידן. מען האָט געמאַכט שוועריקייטן, כּאָטש דער גאַנצער טאָל איז געווען ווייניק באַזעצט און כּמעט נישט באַאַרבעט. ערשט דעם 27־טן מאַי 1929 האָט יהושע כענקין פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ־בוך: „אַרומגענומען מיט אומגעהויערער פרייד, אַ גליקלעכער, בין איך היינט אַרויס פון טאַבו׳־אַמט אין טול־כרם — עס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אַ חלום פון צענדליקער יאָרן, דער באָדן פון וואַדי כאַוואַראַט איז פאַרשריבן געוואָרן אויפן נאָמען פון קרן־קיימת־לישראל און געוואָרן דאָס אייגנטום פון יידישן פאָלק״. צוזאַמען מיטן באָדן איז געקויפט געוואָרן דער „שלאָס פונעם בעק״.

אַ האַלב יאָר שפּעטער זענען די ערשטע צוואַנציק חלוצים אַרויף אויפן באָדן און זיך באַזעצט צייטווייליק, ווייל „גלייך וועט מען נעמען בויען די ערשטע היי־זער״, אין „שלאָס״. דאָס איז געווען אַ פרימיטיווע אָפּגעלאָזן־אויפגעבויטע גע־ביידע, צוגעפּאַסט מער פאַר אַ פערד־שטאַל, ווי פאַר אַ מענטשן־וווינונג. און דאָ האָבן געלעבט, אין אָנהייב צוואַנציק, אַ יאָר שפּעטער דרייסיק, ביז כּמעט פערציק

מענטשן, העכער צוויי און אַ האַלב יאָר, ביז אַרום בערגל זענען אויפגעבויט געוואָרן די ערשטע הייזקעס פון — כפר־ויתקין.

אַ שווערער בראשית איז דאָ געווען. אין נאָענטן אַראַבישן טול־כּרם איז שוין געווען אַ צענטער פון אַראַבישער נאַציאָנאַליסטישער טעטיקייט, אונטער דער השפּעה פון ירושלימער הויפּט־מופטי און מען האָט זיך דאָרט אָרגאַניזירט קעגן דער נייער יידישער איינזידלונג. לייענען מיר אין העפט וואָס עס האָט געשריבן איינער פון די ערשטע צוואַנציק, ישעיהו פורת: „מיינע הענט ציטערן שרייבנדיק די דאָזיקע שורות. מיר זענען היינט צום ערשטן מאָל אַרויס אַקערן, צען פּאָר בהמות און אַכצן מענטשן. ביים אָנהייבן אַקערן זענען געקומען צוויי ענגלישע פּאָליציאַנטן אונדז צו באַשיצן... מיר האָבן נאָר אָנגעהויבן דעם ערשטן בייט, זענען אָנגעלאָפן אַראַבער פון אַלע זייטן מיט שטעקנס אין די הענט און מיט קלעפּ אונדז געצוווּנגען אָפּצוטרעטן. מיר האָבן באַקומען קלעפּ, אָבער מיר האָבן אויך צוריקגעשלאָגן די אַראַבער... נאָכמיטאָג זענען מיר ווידער אַרויס אַקערן. דערווייל זענען אויסגעוואַקסן די אַראַבישע כוחות, עס זענען צוגעקומען אַ סך רייטנדיק אויף פערד. ווי גיך מיר האָבן גענומען אַקערן, איז מען אונדז נאָכאַמאָל באַפאַלן. מיר האָבן באַקומען קלעפּ און צוריקגעגעבן. מיר זענען געווען געצוווּנגען צוריקצוקערן אין הויף אַריין און וואַרטן אויף נייע אינסטרוקציעס. — — — דערווייל איז אָנגעקומען ענגליש מיליטער און מיר האָבן ווידער גענומען אַקערן מיטן באַשלוס אַז איצט וועלן מיר בשום אופן זיך נישט צוריקציען". די ענגלישע זעלנער האָבן געהיטן מען זאָל נישט באַנוצן קיין געווער — שטעקנס האָבן זיי ווייניקער גערעכנט...

די ערד איז צעאַקערט געוואָרן, מען האָט געזייט און זי האָט גענומען אַרויס־געבן געוויקסן. קרבנות זענען געווען, אויך אומגעבראַכטע דורך אַראַבער, אָבער נאָך מער דורך די מאַלאַריע־קאָמאַרן. האָט מען גענומען טריקענען די זומפּן, פלאַנצן אייקאַליפּטוסן, וואָס „האָבן אַזוי פּאַטערלעך־זאָרגעוודיק און ברייטהאַר־ציק געשטילט זייער דורשט מיט וואַסערן פון בלאָטעס" (דוד שמעוני).

ווען די ערשטע הייזקעס זענען באַנייט געוואָרן, אין אַפּריל 1933, האָט מען דעם ערשטן יישוב אין עמק־חפר אַ נאָמען געגעבן כפר־ויתקין. אַ מושב, אויפן נאָמען פון איינעם פון די ערשטע לערערס אין די שולן פון באַנייטן יידישן יישוב אין ארץ־ישראל. יוסף וויטקין האָט אין 1904 פאַרעפנטלעכט (אין „הצפירה") אַ „קול־קורא צו די יידישע יוגנטלעכע, וואָס זייער האַרץ איז מיט זייער פאָלק און מיט ציון. אַ קול רופט צו אייך פון די בערג פון ארץ־ישראל: וועקט אייך אויף, יוגנטלעכע פון ישראל, שטייט אויף צו הילף דעם פאָלק!", ער האָט גערופן „די יידישע יוגנט אין דער גולה זיך צו פאַראייניקן פאַר עליה און ברענגען קרב־נות, ווי דאָס טוען אַנדערע פעלקער פאַר זייערע לענדער". האָבן די חלוצים פון כפר־ויתקין אין דער גרינדונג־מגילה געענטפערט: „מיר זענען דאָ! אָט זענען מיר געקומען, ווי אַן ענטפער אויף דיין אַלטן רוף, גרייטע צו ברענגען קרבנות פאַרן פאָלק און פאַר ציון..."

*

ד״ר פרידריך קאַגאַן פון כפר־ויתקין האָב איך באַקענט אין שפּיטאָל „ביילינסאָן“ מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען מיר זענען ביידע געלעגן דאָרט קראַנקע, בעט ביי בעט. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט דער אַלטער דאָקטאָר מיך געפירט איבער די שמאָלע געסלעך, צווישן ציטרוס־סעדער און גרינצייג־גערטנער פון זיין מושב.

„אָט, קוק, עס שטייט נאָך דאָס הויז פון אליעזר גל־עוז...“ — האָט ד״ר קאַגאַן אָנגעוויזן אויף אַן איינשטאָקיקע געביידע, אַ פּאַרעלטערטע, נאָענט פון קיי־שטאַל, אַ הינער־שטייג, אַ טראַקטאָר אונטער אַ דעכל אויף דינע זיילן — „וועגן אים האָט מען געשריבן, דערציילט. אָבער ער איז נישט געווען דער איינציקער ,משוגענער׳ אין עמק־חפר... געווען דאָ אַ סך, ווי עס האָט זיך געדאַכט, מיט ,נישט־נאָרמאַלע׳ פּרינציפּן אויף פאַרשיידענע געביטן, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן גייסטיקע גרויסקייט; מענטשן, וואָס האָבן מיך דערשטוינט יעדעס מאָל אויפסניי...“

אליעזר גל־עוז — שטאַרקמאַן, האָט ער נאָך דעמאָלט געהייסן — איז געווען צווישן די ערשטע צוואַנציק, וועלכע זענען געקומען אין בעקס „פּאַלאַץ“ פון עמק־חפר. ווען מען האָט גענומען בויען די ערשטע הייזער פאַר די מתיישבים, מיט געלטער פון קרן־היסוד און אַנדערע נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן, האָט אליעזר דערקלערט אַז ער נעמט נישט קיין געלט: „די געלטער זענען פון פאָלק, איך וועל פון זיי נישט געניסן... ערשטנס, זענען פאַראַן וויכטיקערע צילן, למשל אויסקויפן נאָך באָדן... צווייטנס, איך בין געקומען אַליין בויען מיין היים, מיט אייגענע כוחות... דריטנס, איך קען דאָך די שפּענדערס אין די שטעטלעך — זיי האָבן אַליין נישט אַזעלכע וווינונגען, ווי מען וויל אויסבויען פאַר מיר...“ אליעזר האָט פּופצן יאָר געוווינט, אין אָנהייב מיט זיין פרוי אַליין, שפּעטער מיט צוויי טעכטער, אין ענגן ביידל פון דער הינערשטייג, אָפּגעטיילט מיט אַ דין ווענטל פון די עופות. דאָרט זענען געבוירן געוואָרן, דאָרט האָט ער דערצויגן די קינדער. ער האָט מיט אייגענע כוחות, מיט דער הילף פון דער פרוי און די אונטערוואַקסנדיקע טעכטער, אַליין, אַ ציגל נאָך ציגל, זיך אויפגעבויט דאָס הויז, ווי די גאַנצע ווירטשאַפט, אָן „נאַציאָנאַלע בודזשעטן“, אפילו אָן הלוואות. „וואָס איז?...“ — האָט ער געזאָגט — „איך פלעג גיין אַרבעטן קיין נתניה, צופוס, פאַרשטייט זיך, אַכט קילאָמעטער אַהין און אַכט קילאָמעטער צוריק, טאַקע ביי בוי־אַרבעט, מיר האָבן געבויט די ערשטע הייזער פון נתניה. פון אַרבעט־לוין האָב איך אָפּגעשפּאָרט, געקויפט בוימאַטעריאַלן און אַזוי פּאַמעלעך האָט מען אויך געבויט די אייגענע היים... ווי לאַנג עס האָט געדויערט?... האָט געדויערט... יאָרן לויפן סיי־ווי...“

ד״ר פרידריך קאַגאַן איז אַ זון פון אַ מיוחסדיקער פרומער משפּחה אין פראַנקפורט ביים מיין, אין דייטשלאַנד. אַנשטאָט לערנען אין איינער פון די באַרימטע פראַנקפורטער ישיבות, אָדער רבנים־סעמינאַרן, איז דער יונגער קאַגאַן אַריינגעטראָטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און שטודירט מעדיצין. ער איז עולה געווען אין יאָר 1929 שוין אַלס קוואַליפיצירטער דאָקטאָר און אַ יאָר שפּעטער געשיקט געוואָרן צו העלפן היילן די מאַלאַריע־קראַנקע אין עמק־חפר. איז דער דאָקטאָר געוואָרן אין ארץ־ישראל אַליין אַ חלוץ, אַן אמתער פּיאָנער. שוין עטלעכע פופציק יאָר, ווי ער באַגלייט די ייִדישע זידלונג־אַקציעס אין די געפערלעכסטע

ערטער, האָט קיינמאָל נישט געזוכט קיין פּריוואַטע קאַריערע, אָדער רויִקע שפּיטאָל־אַרבעט. מיט זיינע מעדיצינישע מכשירים אין אַ רוקזאַק אויף די פּלייצעס, אַ וואַליזקעלע מעדיקאַמענטן אין האַנט, האָט ער באַגלייט די „שיירה", דעם קאַראַוואַן חלוצים וואָס איז דורכן פיינדלעכן גליל אַרויף קיין חניתה; ער האָט באַגלייט דעם געהיימען וועגענער־צוג, וואָס איז אין דער נאַכט פון יום־כיפור 1946, אַראָפּ אין נגב און ביזן פרימאָרגן געשאַפן עלף קיבוצים; ד"ר קאַגאַן האָט זיך — „פאַרשטענדלעך, ווי דען..." — ווי' ער ענטפערט אויף דער פראַגע — באַטייליקט אין דער „בן־עמי־אַקציע", וואָס האָט באַפרייט אין מאַי 1948 דעם באַלאַגערטן קיבוץ יחיעם און פאַרנומען דעם גאַנצן גליל פאַר דער יידישער מדינה.

זיצט ד"ר קאַגאַן אויף דער עלטער אין בליענדיקן כפר־ויתקין, אין זיין ברעג־טייל חופית, און זיין טיר איז שטענדיק אָפן, בייטאָג און ביינאַכט, ווען עמעצער נייטיקט זיך נאָר אין הילף און היילונג. אָבער — „עס איז שווער אויף דער עלטער, ווען מען מוז שוין אַליין, ווי דו האָסט געזען, אָנקומען צו דאָקטוירים... נאָך אַלץ נישט צו פאַרגלייכן מיט דער צייט ווען פיר הונדערט פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג דאָ האָבן געפיבערט מיט קדחת..." ווי דאָס איז מעגלעך געווען? דאָס איז געשען מיט די ערשטע קיבוצניקעס אין עין־החורש, וואָס ווערט היינט דערציילט ווי אַ פאַרגאַנגענהייט־„אַנעקדאָט". די ערשטע גרופּע פון צען מענטשן פון „השומר הצעיר", זענען געקומען און אָנגעהויבן גראָבן אַ ברונעם. אַלע זענען קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע און ד"ר קאַגאַן האָט זיי צוריקגעשיקט קיין חדרה. אויך דער צווייטער צענדליק, וואָס איז געקומען זיי פאַרטרעטן, האָט געהאַט דעם זעלבן גורל. „פיר גרופּעס אַזוי... אָט האָסטו פיר הונדערט פּראָצענט..." — שמייכלט דער אַלטער דאָקטאָר, — „עס האָבן נישט געהאָלפן די לאַנגע הויזן און לאַנגע אַרבל, וואָס זענען נישט געווען אין דער מאָדע אין לאַנד, אפילו נישט די טיף־אַרויפגעזעצטע היטלען אויף די קעפּ און נישט די גאַזע־„מאַסקעס", וואָס מען האָט פאַרלייגט אויף די פּנימער — די מאָסקיטן האָבן זיך צובאַקומען צום לייב..."

באַרותיים

עמוס דגני, דער פאָרזיצער פון געגנטלעכן זעלבפאַרוואַלטונג־ראָט פון עמק־חפר, האַלט אַז נישט די געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג כאַראַקטעריזירט דעם עמק־חפר, נאָר איר פאַרשיידנאַרטיקייט, פאַרשיידנפאַרביקייט, סיי לויטן אָפּשטאַם, סיי לויט דער פאָרם און בוי פון די יישובים. זיבן־און־צוואַנציק מושבים, מושבות און אַרבעטער־מושבים; ניין קיבוצים, אַנגעשלאָסענע אין אַלע קיבוצים־צענטראַלעס, און צווישן זיי דער איינציקער קאָמוניסטישער קיבוץ אין ישראל (יד־חנה, אויפן נאָמען פון דער העלדישער פאַראַשוטיסטין חנה סענעש), און זעקס שטאָטישע קוואַרטאַלן. פון גרעסטן מושב אין לאַנד, טאַקע כפר־ויתקין, מיט העכער הונדערט־און־פופציק משפחות, און דער קלענסטער — אומץ, מיט בלויז קנאַפּע צוויי הונדערט איינוווינערס. דריי מושבים אין עמק־חפר זענען

באַפעלקערט כמעט אויסשליסלעך דורך עולים פון תימן; צוויי מיט עולים פון דייטשלאַנד, פון דער אַזוי־גערופענער מיטלשטאַנד־עלייה.

און אַט געפינען מיר זיך אין בּאֲרוֹתַיִם, אַ מושב, ווו די פאַרשפּרייטסטע צייטונג איז „אויקעלעט", די טאָג־צייטונג אין דער אונגאַרישער שפּראַך וואָס דערשיינט אין תל־אביב. געגרינדעט אין יאָר 1949 דורך נייע עולים פון אונגאַרן און סלאָוואַקיע, נאָענט צום שאָסיי נתניה—טול־כרם, דריי קילאָמעטער פון דער „גרינער ליניע", איז דאָ די אומגאַנג־שפּראַך ביז היינט געבליבן אונגאַריש. דער סעקרעטאַר פון מושב, ערנסט קליין, אַ געבוירענער אין קאַשיצע, סלאָוואַקיע, פּרוּווט זיך ווי פאַרענטפערן: „מיר האָבן נישט געהאַט קיין צייט צו לערנען סיי לאַנדווירטשאַפט און סיי העברעיש... מיר זענען געווען די זעלבע עם־הארצים אין ביידע זאַכן — אפשר מער נאָך אין לאַנדווירטשאַפט, אייניקע פון די נײַנ־ציק משפחות, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט און געגרינדעט דעם מושב, האָבן כאָטש געקאָנט אַביסל דאַוונען... דאָס לערנען אַקערן, זייען, באַאַרבעטן די פעלדער און גערטנער, איז געווען וויכטיקער פון לערנען די שפּראַך... רייד איך אונגאַריש נישט בלויז מיט מיין פרוי, נאָר אויך מיטן זון, כאָטש ער איז שוין דאָ געבוירן. די אייניקלעך איצט צווינגען אונדז שוין צו רעדן עברית". סיי ער און סיי די פרוי טראָגן אוישוויץ־נומערן אויף די הענט.

ביי אַ העלפט פון די ערשטע נײַנציק משפחות האָבן גלייך אין די ערשטע יאָרן פאַרלאָזט דעם מושב. אַ טייל פון די נחלהס האָבן אָפּגעקויפט קינדער פון די פאַרבליבענע, אין די איבעריקע האָבן זיך באַזעצט עולים פון טוניס — איז שיין צו הערן ווי די צפון־אַפריקאַנער יִידן רעדן אונגאַריש און אלישע אַבו־לאַפיאַ איז אַבאָנירט אויף „אויקעלעט"... אלישע זאָגט גוטמוטיק, דווקא אין אַ שיינעם העברעיש: „מיינע שכנים ווען מיר באַלד ,איבערצייגן' אז איך בין נישט גע־בוירן אין ביזערטע, נאָר אין בודאַפּעשט..."

דער נאָמען בארותיים, ברינעמער, איז גענומען פון אַ נאָענטער אַלטער חורבה, אַן אוראַלטער מויער, אין און אַרום פון וועלכן עס געפינען זיך פאַרצייטיקע וואַ־סער־גריבער און פרימיטיווע ברינעמער און טראָגט דעם אַראַבישן נאָמען ביר־בוריין. דאָ האָט זיך געפונען אַ פאַרצייטיקער יִשוב פון דער צייט פון מלכות ישראל מיטן נאָמען בּאֵרים (אַן אַלטע פאָרם פון מערצאָל פון „באֵר", ברונעם, אַנשטאָט דעם היינט־אָנגענומענעם בּאֵרוֹת). אין די אויסגראָבונגען אין דער שטאָט שומרון האָט מען געפונען אַ טייל פון אַן ערדענעם לאָגל מיטן אויפשריפט אין אַרכאַישן העברעיש: „בשת העשרת לשמריהו מבארים נבל יין ישן" — „אין דאָזיקן לאָגל האָט שמריהו פון בארים געבראַכט אַלטן ווײַן", מסתמא — פאַרן מלך פון שומרון.

ידידיה

הונדערט און דרייסיק טויזנט דונאַם, נישט מער ווי הונדערט און דרייסיק קוואַדראַט־קילאָמעטער, איז די גרייס פון חפר־טאָל. אין קליינעם ישראל איז דאָס אַ גרויסער קרייז, וואָס האָט יאָרטויזנטער געוואָרט בלויז אויף קרבנותגרייטע מענטשן, נישט בלויז צו מעליאָרירן די ערד, נאָר אויפבויען אויף איר ביי פינף

צענדליק בליענדיקע יישובים, אַזוי געדיכט, אַז מען זעט נישט און מען פילט נישט, ווען מען פאָרט אַרויס פון איינעם און מען קומט אַריין אין אַ צווייטן יישוב... נו, אדרבה, פּרוּווט געפינען די גרענעץ צווישן בארותיים און עולש, אָדער פון בית־הלוי קיין כפר־מונאַש, צי אפילו פון וועלטלעכן גבעת־חיים צום פרומען ישיבה־פולן כפר־הרוא״ה. אַזוי „פאַלן" מיר אַריין, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון, פון מושב כפר־חיים קיין ידידיה...

ידידיה?... איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט, צי דאָס איז אמת, אָדער בלויז אַן אַנעקדאָט, קאָן מען אין כפר־ידידיה זיך נישט דער־וויסן...

אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די שילער פון דער אָרטיקער פאָלקס־שול, האָט דער דירעקטאָר געפרעגט: „וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער נאָמען פון אונדזער יישוב? ווער, אָדער וואָס איז ידידיה?". אַ שילער פון אַ העכערער קלאַס האָט געענט־פערט: „ידידיה איז דער נאָמען אין העברעיש פון יידישן פילאָסאָף אין דער צייט פון בית־שני פילאָן דער אַלעקסאַנדריער". אַ „זאַטוט", ווי מען רופט עס אין העברעיש, אַ יאַטל פון כיתה א', האָט זיך אויפגעשטעלט און גערופן: „נישט ריכטיק, אדוני דירעקטאָר, פילאָן איז דער נאָמען פונעם אָקס אין עזריאלס שטאַל!..."

מילא, קיין דירעקטע שייכות צווישן פילאָן אַלעקסאַנדריער און דער בהמות־שטאַל אין ידידיה קאָן איך נישט געפינען... אָבער אַז פילאָנס „קעגן פלאַקוס", וועגן פּאָגראָם אין אַלעקסאַנדריע פון מצרים (יאָר 38), האָט אַן אַנגעהעריקייט מיטן דאָזיקן דאָרף — דאָס איז זיכער.

ווען עס זענען אָנגעקומען די פּליטים פון היטלער־דייטשלאַנד קיין ארץ־ישראל אין די דרייסיקער יאָרן און די יידישע וועלט האָט זיך מאָביליזירט זיי צו העלפן, האָט אויך דאָס מצרישע יידנטום געענטפערט אויפן רוף. אין משך פון עטלעכע טעג איז געזאַמלט געוואָרן אין קאַירא, און ספּעציעל אין אַלעקסאַנ־דריע, די דעמאָלט גרויסע סומע פון פופצן טויזנט ענגלישע פונט, מיטן ציל אויפצובויען אין ארץ־ישראל אַ יישוב פאַר דייטשע יידן. אַזוי ווי דער עמק־חפר איז געווען אין סאַמע אָנהייב פון זיין באַזעצונג, האָט מען דאָ געגעבן אַ פּלאַץ פאַרן יישוב, וואָס עס האָבן געשפּענדעט די מצרישע יידן. די יידן פון אַלעק־סאַנדריע האָבן פאַרלאַנגט, אַז דער יישוב זאָל טראָגן דעם נאָמען פון זייער שטאָט — אַלעקסאַנדריע. די ציוניסטישע אינסטאַנצן אין לאַנד האָבן מיט דעם נישט מסכים געווען. די נישט־איינשטימיקייט צווישן ירושלים און אַלעקסאַנדריע איז געווען אַ גאַנץ שאַרפע, ביז עס איז געפונען געוואָרן אַן אויסוועג — דער יישוב האָט באַקומען דעם נאָמען פון איינעם פון די גרעסטע זין וואָס די יידן אין אַלעקסאַנדריע האָבן אַרויסגעגעבן אין זייער געשיכטע. ווען עס איז דעם 26־טן אַפּריל 1935 געפייערט געוואָרן דאָס „אַרויפגיין אויפן באָדן" פון נייעם מושב, איז ספּעציעל געקומען אַ דעלעגאַציע פון מצרים, בראש מיטן ראש־הקהל פון אַלעקסאַדריע באַראָן מנשה.

אויך דאָ זענען געווען די ערשטע מתיישבים צען אין דער צאָל. נישט קיין צוגעגרייטע חלוצים, נאָר מענטשן פון מיטלשטאַנד און פון ליבעראַלע אַקאַדע־

מישע פראָפעסיעס. יעדער פון זיי האָט פאַרמאָגט פינף הונדערט פונט, אָבער פאַר דעם האָבן זיי קיין ווירטשאַפטן נישט געקאָנט אויפבויען. זיי זענען, נאָך אַ קור־צער הכשרה, אַרויף אויפן באָדן, ווען עס זענען בלויז געליגט געוואָרן די פונדאַ־מענטן פאַר זייערע ווין־הייזער. בלויז די היגערשטייגן זענען געווען פאַרטיק, אין איינעם פון זיי איז טאַקע פאַרגעקומען די פייערונג פון גרינדן דעם מושב. עס האָט זיי נישט איינגעבראָכן דער שווערער אָנהייב, ווען אַרום זענען נאָך געווען זאַמדן, פוסטעניש. די צאָל מתיישבים האָט זיך שנעל פאַרגרעסערט. אַלץ מענטשן פון זעלבן שטאַנד. און, גלייכצייטיק מיטן צוכטן די עופות, האָבן זיי געבויט און געאַקערט, געפלאַנצטביימער און אַריינגעפירט אין די שטאַלן ציגן און קי. און ידידיה האָט זיך פאַרוואָרצלט און צעבליט.

קנאַפע זעקס הונדערט מענטשן לעבן איצט אין ידידיה. צוגעקומען מושב־ניקעס, עולים פון פאַרשיידענע לענדער. פאַראַן נאָך געציילטע פון די ערשטע „יעקעס", אָבער די מערהייט געהער שוין צו אַן אויסגעמישטן סאַברע־דור. די אָפּגעהיטע הייזלעך, די שיינע פאַרקאַנעס אַרום די ביישטוביקע גערטנער און סעדער, די בלומען־בייטן ביי יעדן הויז זענען ספּעציעל געפּלעגטע — איז דאָס פון „דייטשער אָפּשטאַמונג"?... אין שכנותדיקן מושב גאולי־תימן איז בכלל נישט אַנדערש. פאַראַן אָבער אין ידידיה אַן אָרקעסטער פון בויגן־אינסטרומענטן, וואָס איז איינציק אין דער גאַנצער געגנט. דערציילט מען „לעגענדעס" גאַנצע וועגן ד"ר געררהאַרד הערץ, וועלכער האָט דעם אָרקעסטער געשאַפן.

דער יונגער דאָקטער איז געקומען פון אַאַכען, צווישן די צען ערשטע. ער האָט נישט, ווי זיינע חברים אין דאָרף, צוויי פיזיק־דאָקטוירים און איין אַדוואָקאַט, אַוועקגעוואָרפן געגנצלעך זיין באַשעפטיקונג. מען האָט זיך געבייטיקט אין אַ מעדיקער אויפן אָרט גופא און אַרום — „מען האָט נאָך ביסלעכווייז געפיבערט אין קדחת..." — איז ער ביז מיטאָג אַרומגעגאַנגען, אָדער געריטן אויף אַן איי־זעלע, צו קראַנקע. נאָכמיטאָג האָט מען אים, דעם דאָקטאָר, געקאָנט טרעפן ביים מעלקן זיינע ציגן, די איינציקע קו, אָדער באַגיסן זיין ציטרוס־גאָרטן ביים הויז, צעגראָבן די ערד צווישן די ביימער. ווען דער אָוונט איז צוגעפאַלן, האָט ער גע־נומען אויף אַן אַקסל זיין וויאָלאָנטשעל און אַוועק אין „בית־העם". און מען האָט מיט אים מיטגעשפּילט... און מען שפּילט נאָך היינט, כאָטש ער איז שוין לאַנג נישטאָ...

אין „פאָלקס־הויז" קומען פאַר קאָנצערטן, לעקציעס, רעפעראַטן, אָוונט־קורסן.

„יאָ..." — ענטפערט מען מיר — „פאַראַן אויך אַ קורס פון פילאָסאָפיע".

אַ קייט, וואָס ציט זיך, טאַקע דורך משה מענדעלסאָן, אָבער זיכער פון פילאָן דעם אַלעקסאַנדריער...

1979

קדימה באַטײַט — „פּאַראויס"...

אויף דער „תחנה מרכזית" אין תל־אביב האָט מען מיר געגעבן אינפאָרמירט: קיין קדימה גייט נאָר איין אויטאָבוס אין טאָג, גאַנץ שפּעטלעך אין אָוונט, אַרום אַכט אַזייגער... ווען איך בין צום ערשטן מאָל געווען אין קדימה מיט אַ פינף יאָר צוריק, איז נאָך קיין איין אויטאָבוס נישט געפאָרן פון תל־אביב דירעקט אין דער מושבה גופא. מען איז אָפּגעפאָרן מיטן הויפּט־שאָסיי תל־אביב— חיפה, דורך פּתח־תקוה, אַן ערך עטלעכע־דרייסיק קילאָמעטער און דערנאָך געטאָפּטשעט צופוס העכער צוויי קילאָמעטער איבער אַ צעבראָכענעם און שטויביקזאַמדיקן וועג...

בין איך געפאָרן אין אָוונט, כאָטש מען האָט מיר געזאָגט, אַז צוריק דירעקט איז פון דאָרט בכלל נישטאָ קיין קאָמוניקאַציע מיט תל־אביב... האָט מיך דער אויטאָבוס, ווי אַן אַמאָליקע בויד, געשלעפּט אַן אַנדערהאַלבן שעה איבער מושבים און מושבות; אומעטום אַראָפּגעלאָדן סחורות, אַרויף־ און אַראָפּגעלאָזט מענטשן, און דער שאָפער, ווי דער אַמאָליקער בעל־עגלה, האָט אויף יעדער סטאַציע גוטמוטיק, פריינדלעך געשמועסט מיט אַלטע באַקאַנטע, נישט געיאָגט זיך...

און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז עס איז בעסער צו פאָרן ווי אַמאָל, מיטן הויפּט־שאָסיי, אַריינפאָרן מיט אַרטיקע אויטאָבוסן, וואָס פאָרן אין דער מושבה יעדע פאָר שעה, אָדער דורכשפּאַצירן זיך איבערן ניי־געפלאַסטערטן שאָסיי, באַביימערט פוןביידע זייטן ווי אַ שיינע אַלייע און טיילווייז שוין פאַרבויט מיט לייכטע, פאַרשיידנסטיליקע און פאַרשיידנקאָליריקע הייזקעס.

*

איך בין איצט געקומען מנחם־אבל זיין.

אַ סימפּאַטאַמאַטישער צווייפּאָר מייַנע פריינד אין קדימה. זי איז געקומען אין די ערשטע דרייסיקער יאָרן פון פּוילן אַלס יונגע חלוצה קיין ארץ־ישראל. זייַנע עלטערן, פון דער עכטער מיוחסדיקער משאש־פאַמיליע, האָבן פון מאַראָקאָ אַריבערגעוואַנדערט קיין מצרים; פון דאָרט האָבן זיי זייער עלטסטן זון געשיקט לערנען אין דער „הרצליה"־גימנאַזיע אין תל־אביב. דאָ האָבן זיך ביידע באַקענט, און, ווי זאָגט זייער עלטסטע טאָכטער, „אַ ראָזענבערג מיט אַ משאש האָבן זיך פאַרליבט..." די עלטערן פון ביידנס זייט האָבן געהאַלפן, מען האָט דעמאָלט פאַרקויפט דעם באָדן פון קדימה, און דאָס יונגע פּאָרל האָט געקויפט צען דונאַם. פירן זיי ביז הייַנט, שוין בשותפות מיט ביידע קינדער, אַן אַגראַר־ווירטשאַפט, מיט אַ ציטרוס־פּרדס. דער פרויס עלטערן האָבן נאָך פאַר דער מלחמה עמיגרירט צו אַ זון אין פראַנקרייך, און אין 1939, „ממש אין דער לעצטער מינוט פאַר דער נאַצישער אָקופּאַציע", האָט די גאַנצע פאַמיליע באַוויזן צו געפינען אַזיל אין די

פּאַראייניקטע שטאַטן. מיט פינף יאָר צוריק זענען די אַלטיטשקע טאַטע־מאַמע געקומען „ענדיקן זייערע טעג" צו דער טאָכטער אין ישראל. איך בין צו די אַלטע ראָזענבערגס געקומען דעמאָלט אָפּנעמען אַ גרוס פון פריינד אין ניו־יאָרק און זיך באַפריינדעט מיט דער פאַמיליע משאַש.

איצט איז דער אַלטער פאָטער געשטאָרבן.

*

קדימה איז דאָס יאָר אַלט געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר. אויף דער וועלט ווערט אַ דאַטע פון אַ פערטל יאָרהונדערט ביי אַ יִשוב בכלל נישט פאַרצייכנט. אין אונדזער אַלט־ניי לאַנד אָבער, איז אַ פינף און צוואַנציקסטער געבוירנטאָג פון אַ דאָרף־יִשוב אַ וויכטיקע דאַטע און מען רעדט וועגן יאָר 1934 מיט אַ טאָן ווי — „אין יענע אַרכאַישע צייטן"...

יהושע חנקין האָט דעמאָלט, אַרום 1932, אין די שוואַרצסטע צייטן פון בריטישן „ווייסן בוך", דערשמעקט, אַז אויף דעם אָרט, אין שרון, קאָן מען אָפּ־קויפן די פאַרוויסטע ערד פון אַן אַראַבישן דאָרף — העכער פיר טויזנט דונאַם. דער קרן קיימת האָט פונקט קיין געלט נישט געהאַט. אָבער דער אומדערמיד־לעכער באָדן־אויסלייזער האָט נישט געקאָנט דורכלאָזן אַזאַ „מציאה". האָט ער אויסגעזוכט אַ פּאָר צענדליק פּריוואַטע בעלנים, אַרבעטערס, בעל־מלאכהס, סוח־רים — און זיי פאַרקויפט באָדן־חלקים אויף ציטרוס־פּלאַנטאַציעס, ווירטשאַפטן, ווין־הייזער.

פון די אַלע האָט זיך, אָבער, אויפן אָרט באַזעצט אין אָנהייב נאָר איין מענטש — אַ לאַנדווירטשאַפט־אַרבעטער פון בנימינה, ענדוועלט — אַנדוולט, ווי ער שרייבט זיך אין עברית. אַ פּאָר יאָר איז ער געווען דער איינציקער מושבניק אין קדימה... אַליין געוווינט אין דער וויסטער, פיינדלעכער סביבה. זיצט ער איצט אויף זיין באַלקאָן, אין שאָטן פון הויכע בליענדיקעביימער, און דער־ציילט וועגן „יענע" צייטן... ווען מען האָט געגראָבן דעם ערשטן ברונעם אין מושב, איז אים איינגעפאַלן זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט זיינע שטאָטישע באָדן־שכנים. ער האָט אין גרוב געהאַלטן גרייט אַ לאָגל מיט נאַפט, ווען איינער פון די באָדן־אייגנטימער איז געקומען אָנקוקן זיין נחלה, האָט מען אין גרוב אויפן ליים צעגאָסן דעם נאַפט. יענער האָט באַכן שלום־עליכם דערהערט פון ענדוועלטן אַזעלכע קרעכצן:

„האָסט געזען מיינע גליקן ? — מען זוכט וואַסער, כ'זאָל שוין קאָנען פאַר־זייען אַ פּאָר רעטעכלעך, אַ ציבעלע, געפינט מען גאָר נאַפט..."

„וואָס ?" — האָט זיך יענער אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ — „נאַפט האָט איר געפונען ? ! זענען מיר דאָך באַגליקט געוואָרן !..."

„וואָסער גליק ?" — האָט ווייטער געקרעכצט ענדוועלט — „וואָסער דאַרף איך פאַר אַ ביסל גרינס..."

„באַרישער פויער, וואָס דו ביסט — ווייסט נישט וואָס הייסט נאַפט... אָבער צי איז עס זיכער נאַפט ?..."

מען האָט אַרויפגעשלעפּט פון גרוב אַן עמער ליים, אָנגעזאָפּטן מיט נאַפט.

יענער האָט עס באַשמעקט און אַנטלאָפן אין שטאָט אַריין, פאַרגעסנדיק צו זאָגן „אַ גוטן טאָג״...

„אין די ווייטערדיקע טעג איז דאָ געווען לעבעדיק. אַלע באַדן־אייגנטימערס האָבן זיך געוויזן, געדרייט, געשמעקט צו מיין ליים... זיי האָבן געבראַכט זשור־נאַליסטן...״

מילא, קיין נאַפט האָט מען אין קדימה נישט געפונען, נאָר וואַסער — לרוב. און דאָס איז ביי אונדז אין לאַנד נישט ווייניקער וויכטיק ווי נאַפט...

אָבער דאָס האָט געבראַכט אין דער מושבה אַריין נאָר אַ קליינעם טייל — ביי זעכציק — פון די ערשטע צוויי הונדערט „שטאָטישע״, וועלכע האָבן, דורך חנקינען, געקויפט פלעצער אין קדימה. זיי האָבן צו זייער באַדן דאָ נישט דער־לייגט, חלילה... מען האָט זיי, אַ דאַנק טאַקע די וואַסער־ברונעמס, פאַרוואַנדלט אין בליענדיקע פּרדסים, וואָס האַלטן אויס פּרעכטיקע ווילעס, אפילו אין תל־אביבער פאַרשטעט...

אָבער ענדוועלט גרויסט זיך :

„אונדזערע ציטרוס־פּרוכטן געהערן צום בעסטן סאָרט אין גאַנצן לאַנד... מען פרעגט זיך אויף זיי אין דער וועלט... און וואָס פאַרא קוואַנטומס דערצו !... צוויי הונדערט קעסטלעך פון אַ דונאַם — ווו נאָך האָט איר דאָס ? !...״

נישט אַלע, וואָס האָבן געקויפט באַדן, האָבן זיך באַזעצט אין קדימה. אָבער אויף איינעם, וואָס איז אַהער געקומען פון די ערשטע, ווייזט מען מיט פאַרערונג און גאווה די גאַנצע מושבה : דער אַלטיטשקער ד״ר פּוכאָווסקי. ער איז געווען, מיט פּופציק יאָר צוריק, דער ערשטער דאָקטאָר אין תל־אביב. נאָכן פּראַקטי־צירן העכער אַ פערטל יאָרהונדערט אין דער ערשטער יידישער שטאָט פון נייעם ארץ־ישראל, האָט ער זיך באַזעצט אין קדימה, ווו ער לעבט ביז היינט. אין דער עלטער פון צוויי און ניינציק יאָר — „עד מאה ועשרים !״, ווי עס גיט צו יעדער מושבניק, דערמאָנענדיק זיין נאָמען — צוזאַמען מיט זיין פרוי. זיי האַלטן, אַז דער באָדן און די לופט פון קדימה „זענען ספּעציעל באַשאַפן פאַר אריכת־ימים...״

*

די מושבה האָט דורכגעמאַכט שווערע צייטן, טראָץ דעם וואַסער, טראָץ דעם גוטן באָדן און טראָץ דער שמעקנדיקער לופט. ביז 1940 האָט דער יישוב נישט באַקומען קיין שטיצע פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. מען ווייסט דאָך ביי אונדז דעם באַטייט פון „נישט געווען קיין תקציב״, קיין בודזשעט... מען האָט זיך באַזעצט מיט אייגענע כוחות, געבויט ווירטשאַפטן „אויף אַ פּאַרטיזאַנישן אופן״, — אין שבתים און אָוונטן, ווייל אין די טעג האָט מען געמוזט זוכן אַרבעט אין דער פּרעמד, אויף פּרנסה... ערשט אין 1940, ווען דרייסיק משפחות האָבן זיך שוין געהאַלטן פעסט אויפן באָדן, זענען געקומען די ערשטע הלוואות פון דער סוכנות, „אויפן חשבון פון דער התיישבות פאַרן מיטלשטאַנד״, — הערט איר אונטערשטרייכן דאָס לעצטע וואָרט מיט ספק־חוזק ספק־גאווה...

קדימה האָט רעכט גענומען אויפלעבן נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה. נייע ברינעמער מיט וואַסער, נייע שכנותדיקע יישובים און — נייע מתיישבים : הונ־

דערט און זיבעציק משפחות, אַ סך נייע עולים, און מען האָט פּאַראייניקט מיט דער מושבה די נייע שכונה „יציב“, מיט פינף הונדערט און פופציק משפחות. אַזוי איז אויסגעוואַקסן אַ ישוב מיט אַן ערך זיבן הונדערט פאַמיליעס.

ווען מיר זענען דאָ געווען דאָס פאָריקע מאָל, איז די ווייגונג פון אונדזערע פריינד געווען באַלויכטן מיט אַ נאַפט־לעמפּל; דער גרויסער עלעקטרישער פריזיר־קאַסטן, וואָס די אַלטע טאַטע־מאַמע האָבן געבראַכט פון אַמעריקע, איז געשטאַנען אין ווינקל אַ פאַרשעמטער. אויך די צייטן זענען שוין אויס ווי עפּעס לאַנג־לאַנג־פאַרגאַנגענע. דער שפּאַציר צום הויפּט־שאָסיי איז דורך אַ גלאַטיק־אַספאַלטירטן, באַלויכטענעם וועג. עס איז שפּעטער אָוונט. פונעם קינאָ־בנין לאָזט זיך מיט רעש אַרויס אַ צעפלאַמטער טומלדיקער עולם. מען באַפאַלט די קיאָסקן אויף דער הויפּט־גאַס. פון דער ווייטנס, אין אַ קאַפעהויז, צעשאַלט זיך אַ משוגעדיקער „טשאַ־טשאַ“־ניגון און פאַרלעך לאָזן זיך אין יענער זייט אַריין.

אין ביידע זייטן וועג שמעקן געדיכטע רייפע ציטרוס־פּרוכטן, צווייגן בייגן זיך אונטער דער משא פון גאָלדענע פּירות. אין די הינטערהייף לייכט פון „לולים“, עופות־שטייגן, און אַ קוואַקעריי שטערט אָפּ די נאַכטיקע שטילקייט...

*

גייט לעבן מיר צום אויטאָבוס אַן אומבאַקאַנטער מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס. קרעכצט ער לייכט אונטער דער משא, שטעלט זיך אָפּרוען. ער האַנדלט שוין יאָרן מיט דער מושבה און דערציילט פון — „אַמאָל“...

ווען מיר וואַרטן שוין ביים שאָסיי אויפן אויטאָבוס און קוקן אויף די שימערירנדיקע ליכטער פון קדימה, זאָגט ער, ווי פאַר זיך, צי פאַרן אומבאַקאַנטן, „פילאָזאָפיש“, מיט אַ יעקישן אַקצענט:

„קדימה איז דאָך פשוט דער טייטש — פאָראויס...“

*

דער עמבלעם פון אָרטיקן מוניציפּאַלן ראַט האָט איבער די גרויסע אותיות „קדימה“ — נאָך צוויי ווערטער: „בעמלך תצעד“.

„בעמלך תצעד קדימה“ — לייענט עס זיך צוזאַמען — „מיט דיין מי, האָרעוואַניע, וועסטו שפּרייזן פאָראויס“.

1959

פּורת — געוועזענע הייל־יידן פון ליביע

עס איז געווען אין די ערב־פּסח־טעג, נאָך מיט יאָרן צוריק. דער פּרוכט־באַרער שרון איז נאָך די ווינטערדיקע רעגנס, געווען איינגעטונקען אין גרינס. דער פרילינג האָט געשמעקט. פאַרכישופנדיקע ריחות האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן, פון די פּרוכטן אין די אַרומיקע פּרדסים, פאַרשיידנקאָליריקער בליעכץ און בלומען אויף די פעלדער אין אַלע זייטן.

מיר זענען געזעסן אויפן אָפענעם באַלקאָן פון מיין פריינד יוסף משאש אין מושב קדימה.

איבערן זאַמדיקן וועג ביים הויז איז פּלוצלינג פאַרבייגעפאָרן א האָלצערנער שמאָלער וואָגן, געשפּאַנט אין אַ מויל־אייזל. אויפן וואָגן זענען געזעסן דריי מענטשן מיט גרוילעכע לאַנגע בערד, אָנגעטאָן אין אַ סאָרט שוואַרצע אַראַבישע, אָבער קורצע אַבייעס און אַזעלכע מאָדנע פלאַכע פוטערנע היטלען אויף די קעפּ. איך האָב די פאַרבייפאָרנדיקע נאָכגעקוקט מיט נייגעריקייט און געוואָנדן אַ פרעגנדיקן בליק צו מיין גאַסטגעבער, וועלכער האָט געזאָגט: „יידן פון מושב פּורת. געקומען זיכער איינקויפן ביי אונדז אין ‚צרכניה׳ זאַכן אויף פּסח, וואָס מען באַקומט נישט ביי זיי אין דאָרף״, און ווי עס זאָל זיין נאָרמאַל, האָט ער צוגעגעבן: „זיי גרייטן שוין דעם קרבן־פּסח...״

„וואָס?... ווער?...״ — האָב איך געפרעגט מיט אַ ביסל אַן אומגלויבלעכן שמייכל.

מיין פריינד האָט געענטפערט: „ווייסט נישט? אין פּורת לעבן דאָך די געוועזענע הייל־איינוווינער פון מדבר אין ליביע, נישט ווייט פון טריפּאָלי״.

פאַר מיר איז דאָס געווען עפּעס ווי אַן אויסגעטראַכטע מעשה. פאַר יוסף משאש, אָבער, איז עס געווען אַ „פּשוטער באַקאַנטער ענין״. און אויף מיין ביטע, זענען מיר באַלד געפאָרן אויף אַ דזשיפּ אין נאָענטן פּורת.

דער וועג איז נאָך קיין וועג נישט געווען. עס זענען יאָ געווען צייכנס פון אַמאָל געגאָסענעם בעטאָן, אָבער די סמאָלע־שטיקער האָבן זיך געוואַלגערט ביי די זייטן, אויסגעמישט מיט זאַמד און שטיינער. אויפן וועג האָט זיך האַסטיק פאַרהאַלטן אַנטקעגן אונדז אַ מויל־אייזל, וואָס האָט געשלעפּט אַ קליינעם וואָגן, מיר האָבן אים מיט שווערקייט געמוזט אויסמיידן אויפן שמאָלן וועג. די לייצעס האָט געהאַלטן אַ קליין מיידעלע מיט צוויי צעפּלעך פון גאָלד־האָר און אַ פּאָר גרויסע ברוינע שמייכלענדיקע אויגן. זי איז געשטאַנען אין וואָגן מיט צעשפּרייטע פיסלעך און פעסט געצויגן מיט די קליינע הענטלעך די גראָבע שטריק־לייצעס.

„שלום! ווי אַלט ביסטו, מיידעלע?״

„שוין העכער ניין יאָר!״ — ענטפערט זי שטאָלץ, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש.

„און ווי רופט מען דיך ?"

„חסנדוס".

„האסט ניש קיין מורא צו פארן אזוי אליין, חסנדוס ?"

„וואס איז דא מורא צו האבן ? פאר וועמען ?" — ענטפערט זי מיט א טאן פון א דערוואקסענעם און אפילו מיט פארוונדערונג אין קול.

די מוטער האט זי געשיקט קיין תל־מונד איינקויפן אויף פסח. דער טאטע ארבעט אין פעלד, די מאמע גרייט דעם יום־טוב. „ווער דען זאל פארן ?" — פרעגט זי מיט א זעלבפארשטענדלעכקייט אין קול — „אלע קינדער זענען נאך קליינע..." זי, הייסט עס, איז „די גרויסע, שוין דערוואקסענע..." זי טוט עס שטענדיק, אויך ערב שבת. זי צעשיינט זיך און איר פנימל איז פול מיט זון און שמייכל, ווען זי לאזט נאך די לייצעס און דאס אייזל צעיאגט זיך איבערן וועג. „שלום, חסנדוס !" און זי ענטפערט: „חג שמח !". מיר קוקן איר נאך און מיין פריינד שעפטשעט: „...חבצלת השרון".

נאך א פופצן מינוט פארן זענען מיר אנגעקומען קיין פורת. א מושב, ווי הונדערטער אנדערע ביי אונדז אין לאנד: נידעריקע קליינע הייזקעס, מיט גרוי־געווארענע, אפט־אפגעהאקטע ווענט און שיפע דאכלקע־דעכער. די הייזקעס ווייט אפגערוקט איינס פון צווייטן, ארומגערינגלט מיט גארטנס, פרוכט־ביימער און גרינס־פעלדער. ביי דער זייט — שטאלן, שייערן, שפייכלערס.

די פארפליכטנדיקע מסורה: דער ערשטער באזוך מוז זיין ביים עלטסטן פון דארף.

כאדזשאדזש חליפה איז געלעגן אין בעט — קראנק. אבער מיר האבן גוט אריינגעטראפן: ארום בעט פונעם זקן זענען געזעסן נאך עטלעכע זקנים, מיטן „יונגן", ארום זעכציק־יאריקן, דארף־סעקרעטאר, רחמים חאג'ג', בראש. זיי זענען טאקע געווען פארטיפט אין א שמועס וועגן קומענדיקן פסח. די באגריסונגען זענען געווען אין אראביש און אויפן אראבישן שטייגער. ווען מיין פריינד איז געבליבן לעבן בעט מיט די זקנים, האב איך, אינעם ביי־שטוביקן גארטן, אויף א באנק גע־רעדט, בעסער געזאגט — געהערט, דעם סעקרעטאר רחמים. ער האט גערעדט עברית, אבער אפט האב איך געדארפט זיך אנשטויסן, אדער טאקע איבערפרעגן, וועגן באטייט פון זיינס אן אריינגעמישט שווער אראביש ווארט:

„דער אלטער חליפה איז שוין אריבער הונדערט יאר, עד מאה ו..." — און ער כאפט זיך צוריק — „עד מאתיים... די איבעריקע צוויי, חסאן שמואל און חאסן עטיה, און דער שוחט, רבי חאסן פרגילה, די צוויי ערשטע זענען שוין טאקע ביידע צו איבער ניינציק בלי עין־הרע, דער שוחט העכער שבעים שיחיה — זיי פירן אן מיטן דארף. אלע הערן זיי, ווי דער געבאט איז צו הערן די זקנים. עס ווערט ביי אונדז גארנישט געטאן אן זייער וויסן און אן זייער עצה. ביי די זקנים איז חכמה..."

רחמים פירט אונדז שפעטער צו א שטאל, וווּ עס געפינען זיך א צוויי צענדליק לעמעלעך. „שוין א האלב יאר, ווי מיר היטן זיי און פיטערן ספעציעל, זיי זאלן זיין כשר פארן קרבן פסח... ווען די צייטן וועלן בעסער ווערן", האט געטרוימט אויפן קול רחמים, „וועלן מיר צוריקקערן צו דער אלטער טראדיציע — יעדע

משפּחה וועט שעכטן צום סדר צוויי לעמלען און איין באַראַן...״ דערווייל מוז זיך דאָס גאַנצע דאָרף באַגנוגענען מיט אַ צוואַנציק שאָף...

מצות באַקן אַט־די ייִדן ערב־פּסח פאַרנאַכט, יעדע משפּחה פאַר זיך. ערב־פּסח אינדערפרי ווערט אין יעדן הויז צעוואָרפן דער באַק־אויוון פון ציגל און ליים און מען בויט אויף זיין אָרט אויף אַ נייעם, ער זאָל זיין אָן שום חשש פון כשרות פאַר די מצות. דער אויוון ווערט גענוצט אַ גאַנץ יאָר, ביזן צווייטן ערב־פּסח, ווען עס ווערט אויף זיין אָרט אויפגעבויט אַ נייער.

מיר זענען אַוועק צום שוחט, זעט אויס דער גרעסטער „יודע ספר״ אין דאָרף. אים ג׳עטראָפן אין שטוב, כאַטש צום מערסטן רייט ער איבערן דאָרף אויף זיין אייזעלע, מיט די חלפים ביי דער זייט, צו שעכטן עופות און רינדער אין יעדן הויף. אַ לאַנגע ברייטע ווייסע באָרד באַשיינט זיין פּנים און זי שלאָגט זיך אָפּ פון רויטן טורבאַן אויפן קאָפּ. זיין אָרעמע דירה איז באַפּוצט בלויז מיט איין גרויס בילד אין אַ האָלצערנער האַנט־געשניצטער ראַם. דאָס בילד איז אָפּגעבליאַקעוועט, און איז שוין, לויט ר׳ חאסן פרגילה, אַלט לאַנגע דורות. מען קאָן מיט שוועריקייט איבערלייענען מיט געכתיבהטע אותיות: „דוד מלך ישראל חי וקיים ובנו שלמה המלך״.ביידע זיצן אויף טראָנען און זעען אויס ווי אַלטע ספרדישע חכמים... ווער ווייסט וויפל יאָרן דאָס איז געהאָנגען אין די היילן פון טריפּאָלי ביז ס׳איז געבראַכט געוואָרן, מסתמא ווי דער גרעסטער משפּחה־אוצר, אין זוניקן שרון...

זעקס און פופציק משפּחות, דריי הונדערט און פופצן ייִדן, האָבן געלעבט אין דאָרף גאַראַיאַן, אין ליביע־מדבר, נישט ווייט פון טריפּאָלי. זייער אָפּשטאַם? זייער עבר?... זיבנט וויפל דורות, פון וואַנען זיי זענען אַהין געקומען, דאָס ווייסט ער נישט. זיי האָבן געוווינט אין היילן, געגראָבענע פון אַכט ביז פופצן מעטער טיף אין דער ערד, אונטער דער אויבערפלאַך. דאָס איז געווען דער „חצר״, „הויף״; פון דאַנען האָט מען אין די זייטן געגראָבן צימערן, קאָרידאָרן, וואָס האָבן געפירט צו ווייטערע צימערן און גאַנצע וווינונגען. ווען קינדער האָבן חתונה געהאַט, האָט מען ווייטער געגראָבן, נייע וווינונגען — „חוש״, הייסט ביי זיי אַזאַ אונטערערדישע וווינונג. „איר, רבי חסאן זענט געבוירן אינעם ,חוש׳ פון גאַראַיאַן?״ ער ענטפערט פאַרוווּנדערט: „ווו דען האָב איך געקאָנט געבוירן ווערן? דאָרט זענען אויך געבוירן געוואָרן מיין טאַטע, מיין זיידע און עלטער־זיידע, אין זעלבן ,חוש׳ פון גאַראַיאַן, דורות נאָך דורות...״ רחמים חאַג׳ג׳, אָבער, ווייסט: „אַן אַלטע מסורה אונדזערע דערציילט, אַז ייִדן האָבן געלעבט אין גאַראַיאַן זינט די צייטן פון בית־שני, זיי זענען געקומען נאָך פאַרן חורבן־ירושלים, אָבער אַ טייל, האַלט מען, איז געקומען פון שפּאַניע נאָכן גירוש פון דאָרט״. אַמאָל איז די גאַנצע אַרומיקע בערגיקע געגנט געווען באַפעלקערט דורך טויזנטער ייִדישע משפּחות — „פון דעמאָלט זענען אונדז פאַרבליבן בלויז די זיבן און אַכציק הייליקע ספר־תורהס״ — אָבער די מלחמות אין די לעצטע דורות האָבן געבראַכט דערצו, אַז די מערהייט ייִדן זענען אַריבער אין די שטעט טריפּאָלי, בענגאַזי, אויך קיין טוניס. געבליבן זענען ייִדן בלויז אין די צוויי היילן־דערפער גאַראַיאַן און בען־עבאַס — „און זיי זענען אַלע עולה געווען קיין ישראל״.

יעדער „חוש" האָט אינעם „הויף" געהאַט אין מיטן אַ גרוב צו זאַמלען רעגן־וואַסער. „קיין קראַנען און רערן אויף וואַסער זענען נישט געווען אין גאַראַיאַן..." — שמייכלט רחמים. אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, אַרויף אויף דער אויבערפלאַך איז מען איבער אויסגעהאַקטע טרעפּ. און לופט האָט נישט געפעלט אונטן? חאַג'ג' איז פאַרוואונדערט: „וואָס רעדסטו? ווינטער איז אין די היילן געווען זייער וואַרעם, און זומער, ווען די זון האָט געבראָטן — האָט מען זיך אונטן געפילט ווי אין אַ קיל־קאַסטן. אַ וווּנדערבאַרע לופט שטענדיק". אויך זון און ליכט איז צוגעקומען געגנוג דורך דעם גרויסן אָפענעם „חצר". נישט בלויז די ייִדן האָבן אַזוי געוווינט: „טויזנטער, אויך ניִשט ייִדישע משפחות, לעבן דאָרט אַזוי שוין ,אלפי אלפי שנים'... נאָר די ייִדן האָבן געלעבט איינער לעבן צווייטן, איין ,חוש' ביים אַנדערן. אַלע משפחות — צוזאַמען". די מערסטע ייִדן זענען געווען בעל־מלאכהס, אַ סך גאָלדשמידן, אָבער אַ טייל האָט אויך געלעבט פון האַדעווען שאָף.

שפּעטער האָב איך געלייענט זכרונות פונעם שליח פון ישראל, וועלכער איז געקומען קיין גאַראַיאַן אין יאָר 1948. ער איז געזעסן אין אַ „חוש", ווו עס האָט זיך געפונען אַן אונטערערדישער בית־כנסת. אַרום שליח זענען געווען פאַרזאַמלט עטלעכע צענדליק ייִדן פון די אַרומיקע היילן. ער האָט זיי דערציילט וועגן ביי־געשאַפענעם ייִדישן לאַנד, וואָס איז גרייט זיי אויפצונעמען און געפרעגט צי זיי זענען גרייט עולה צו זיין. נאָך דער רעדע זענען אַלע פאַרשוווּנדן און בלויז אַ דריי זקנים־חכמים זענען פאַרבליבן מיטן שליח. עס האָט געדויערט נישט מער ווי אַ צען־פופצן מינוט און דער בית־כנסת האָט זיך געגומען אָנפילן מיט ייִדן — גאַנצע משפחות, מענער, פרויען און קינדער, מיט קליינע פעקלעך אויף די פּלייצעס און אין די הענט — זיי האָבן געלאָזט דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס, פאַרפאַקט דאָס בייטיקסטע: זיי זענען גרייט שוין, די מינוט, צו פאָרן... אַלע זעקס און פופציק ייִדישע משפחות זענען באַלד געווען פאַרזאַמלט — „לארץ הקודש..." זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז דער אַרויספאָר פון זייער לאַנד אין דער ייִדישער מדינה איז נישט אַזוי פּשוט און לעגאַל. אָבער עטלעכע וואָכן שפּעטער זענען זיי דאָך שוין געווען אין ישראל, און די טויזנטער הייל־איינוווינער דאָרט אַרום, אין ליביע, ווייסן נישט ביז היינט, ווו זייערע ייִדישע שכנים זענען פאַרשוווּנדן...

מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אין יוני 1949, זענען די 315 ייִדן פון גאַראַיאַן אָנגעקומען פון לובישן מדבר אין צעבליטן שרון. מען האָט זיי באַזעצט אין געצעלטן, ווייל דאָס דאָרף, וואָס מען האָט פאַר זיי געבויט איז נאָך געשטאַנען אין רושטאָוואַניעס. אַלע עלטערע מענער האָבן גלייך פון ערשטן טאָג זיך באַטייליקט אין דער בוי־אַרבעט. דער שו"ב ר' חאסן פרגילה, ווען ער איז געוווּיר געוואָרן, אַז דאָ איז אַמאָל געווען „די נחלה פון שבט יוסף", האָט ער געעפנט די אַלטע ספר־תורה און געלייענט פון יעקב אבינוס ברכה:

„בן פורת יוסף, בן פורת עלי־עין; בנות צעדה עלי־שור" (בראשית מ"ט, כ"ב).
(„אַ פרוכטיק ביימל איז יוסף,
אַ פרוכטיק ביימל ביי אַ קוואַל;
די צווייגן שפּרייזן איבער דער מויער").

נאָך אַ באַראַטונג פון אַלע זקנים איז באַשלאָסן געוואָרן אַנצורופן „אונדזער נייעם גאַראַיאַן בארץ הקודש פּורת־יוסף״. מען האָט זיי אַנגעוויזן, אַז „אַ הייליקע ישיבה אין ירושלים טראָגט שוין לאַנג דעם נאָמען...״ און ר׳ חסאַן שו״ב האָט געפּסקנט: פּורת, „אָן יוסף״, און אַזוי איז געבליבן.

האָט מען יידן פון לאַנגע דורות אין היילן, מיט איינמאָל באַזעצט אין אַ מאָדערנעם יישוב, מיט אַלע ציוויליזאַציע־דערגרייכונגען פון 20־סטן יאָרהונדערט; געגעבן זיי פערד און אַקעראייזנס; גראַבאייזנס און מעלק־מאַשינען, צוזאַמען מיט שטאַלן און בהמות, שטייגן מיט עופות. מען האָט די ערשטע צייט געמוזט זיי צוטיילן אינסטרוקטאָרינס, זיי זאָלן לערנען די פרויען ווי אַזוי צו באַנוצן מאָדערנע כלים, עלעקטרישע מכשירים, גאַז... דאָס איז געווען אַ זייער געוואַגטער פּרווו אין דער נייער התיישבות, גלייך נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה — איבערשיכטן אַזאַ איינציקאַרטיקן יידישן שבט און אים אַריינפירן נישט בלויז אין מאָדערנעם לעבן, נאָר אויך אין דער מאָדערנער לאַנדווירטשאַפט. געווען שוואַרצזעער — זיי וועלן גלייך פאַרלאָזן דעם מושב...

אָבער די היילן־יידן האָבן אויפגעבויט אַ מושב לתפארת. פון די איין און נײַנציק ערשטע ווירטשאַפטן איז קיין איינער נישט פאַרלאָזט געוואָרן — דער איינציקער פאַל אין דער נייער התיישבות — און אַלע ווערן באַארבעט מיט פלייס, מיט אַרבעטזאַמקייט און זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ שנעלן באַנעם, גיך געלערנט.

אַלע זענען גרויסע משפחות, ביז צען און אפילו צוועלף קינדער. די באַפעלקערונג האָט זיך פאַרדרייפאַכט — העכער טויזנט מענטשן לעבן איצט אין פּורת. דאָס פּראָבלעם איז, וואָס עס פעלט פּלאַץ, נישטאָ קיין באָדן פאַרן נאָכוווקס. „געווען אַ פּרווו צו לייזן די וווינונג־פראַגע אויפן אַלטן שטייגער פון גאַראַיאַן...״ — דערציילט רחמים חאג׳ג׳ — „דער אַלטער שלום כלאַפּו האָט צוויי זין. זיי האָבן געוואָלט חתונה האָבן מיט טעכטער פון פּורת, אָבער וווּ וווינט מען? האָט כלאַפּו געזאָגט, אַז ,מען קאָן דאָך גראָבן אַ ,חוש׳ און לעבן ווי מלכים׳. און די זין האָבן געפּרוווט גראָבן היילן... אָבער די ערד איז איינגעפאַלן נאָכן ערשטן מעטער, זי איז ווייך... אין גאַראַיאַן איז די ערד האַרט ווי בעטאָן...״

אַלע יידן אין פּורת זענען טיף רעליגיעז. זיי זענען אַנגעשלאָסן אין דער מושבים־באַוועגונג פון „הפּועל המזרחי״.

זיי זענען צופרידן אין דאָרף, גליקלעך. „קיין איין משפחה אונדזערע האָט דאָס דאָרף נישט פאַרלאָזט. אָבער מען מוז פאַרלאָזן, נישטאָ קיין אָרט פאַר אַלע״ — צענדליקער יונגע משפחות. דער נאָכוווקס פון די הייל־יידן האָט זיך נישט ווו אַהינצוטאָן, זיי בעטן ערד און הייזער. זיי צעשפּרייטן זיך איבער די אַרומיקע יישובים — עין־שריד, כפר־יעבץ, תל־מונד — דאָרט גיט מען זיי אַרבעט, אָבער נישט קיין נחלהס, קיין הייזער. אויך יענע האָבן נישט צופיל ערד. „בלויז אין כפר עזריאל האָבן מיר נישט קיין דריסת־הרגל״ — קלאָגט זיך רחמים — „כאָטש אַזעלכע באַענטע שכנים...״ אין כפר עזריאל וווינען בלויז תימנער.

„און ביי אייך אין פורת זענען פאַראַן יידן פון אַנדערע עדהס ?" — פרעג איך.
„טאַקע נישט..." — ענטפערט רחמים — „אָבער ביי אונדז איז דאָך קיין פלאַץ נישטאָ אַפילו פאַר די אייגענע..."

כאַפּט ער זיך באַלד, אַז ער איז נישט געווען גערעכט, און טייטשט גאָר מאָדערן:
„נאָר ווי זאָגט אונדזער הגדה — ,שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו...' מוזן מיר זיך געבן די הענט, טריפּאָליטאַנער, תימנער, פּוילישע און אַלע עדהס, כדי צו זיין אַ ,גוי עצום ורב'. ווייל נאָר אַזוי וועלן מיר איבערלעבן אַלע אונ־דזערע שונאים..."

*

ר' חאסן שו"ב רעדט מיט ווייטיק: „מען קויפט טיילווייז שוין פאַבריק־מצות, און די מעל קויפן אַלע אין די געשעפטן..." ער בענקט, איז פול מיט נאָסטאַלגיע נאָכן אַמאָל: „לוקחים חאטה ועושים נקי־נקי..." „חיטה", ווייץ, איז ביי אים „חאטה", „און מען האָט זי געמאַכט ריין־ריין, מען האָט גענומען אַ האַנט־מיל און זי אויך געמאַכט ריין־ריין, מען האָט געמאָלן די חאטה דין־דין און געהיטן די מעל אין בלעכן, עס זאָלן נישט אַריינקומען אין איר קיין מייז. און כשר איז זי געווען, אמתע שמירה..." דערנאָך מאָלט ער ווי מען האָט געקנעטן דאָס טייג און מיט די הענט געמאַכט דערפון דינע מצות, וואָס מען האָט געבאַקן שפּעט פאַרנאַכט, ווען דער אויוון האָט זיך געברענט, אָנגעהיצט אַ גאַנצן טאָג. בעתן באַקן די מצות טאָר מען נישט רעדן, מען פאַרשטענדיקט זיך אויפן ווונק און מען זאָגט בלויז אויסנווייניק „הלל". די ערשטע דריי מצות, „לזכר שלושת האבות", באַ־שטימט פאַר דער „קערה" פון סדר, לעכערט בעת דעם באַקן, אין סאַמע מיט, דער משפחה־פאָטער, מיט אַ פינגער.

דער סדר ווערט געפּראַוועט אין פאַרהויז, אין האַלבן טונקל, לזכר די היילן אין טריפּאָלי. בלויז די מענער פּראַווען אים. זיי זיצן אויף טעפּעכער, מאַטראַצן, אויף דער ערד. דער סדר הויבט זיך אָן מיט זיבן „הקפות", וואָס דער ראש־המשפחה מאַכט אַרום אַלע אָנוועזנדיקע, אַנרירנדיק יעדעס מאָל די קעפּ פון אַלע, שעפּ־טשנדיק עפּעס אַ ברכה. זייער הגדה ווערט געליי׳ענט פון אַן אַלטן סידור, מיט געל־געוואָרענע בלעטער, געדרוקט אין ליוואָרנאָ, איטאַליע, אין יאָר „ישא ברכה מאת ה' לפ"ק" און דער העברעישער טעקסט איז איבערגעזעצט אין אַראַביש, וואָס איז אָבער אויך געדרוקט מיט יידישע אותיות. די הגדה אַליין איז פיל קירצער פון אונדזערער, אָבער באַגלייט, ווי דער גאַנצער סידור, מיט נוטריקונים, רמזים און גאַנצע אויסצוגן פונעם „זוהר". דער שוחט האָט זיך באַקלאָגט: „די מערהייט פון אונדז לייענט נאָך און דאַוונט אין דער אַראַבישער איבערזעצונג".

ערשט נאָכן ענדיקן די הגדה, קומען אַריין די פרויען און מען זעצט זיך עסן די ספּעציעלע פּסחדיקע מאכלים, מיטן קרבן־פליש בראש.

ביי הייסער שטאַרקער, געוואַלדיק־זיסער קאַווע, זענען מיר לאַנג געזעסן ביי רבי חאסן שוחט און געהערט וועגן זייער לעבן און דעם אונטערשייד צווישן „דאָרט" און אין „ארץ הקודש שלנו".

אָבער ווידער די זעלבע טענה: „וואָס וועט זיין מיט די יונגע? נישטאָ קיין אָרט פאַר אַלע...״ צעגזליקער יונגע משפּחות, דער נאָכקום־דור ביי די הייל־יידן, געבוירענע שוין דאָ, געדינט אין מיליטער, ווייניק פון זיי גייען אין שטאָט אריין — מען שטופּט זיך צוזאַמען אין די קליינע אַלטע הייזקעס פון די עלטערן, און מען זעצט פאָר די פּאַטריאַרכאַלע טראַדיציעס פון די היילן. מען אַרבעט אין די אַרומיקע רייכע יישובים, אָבער מען לעבט אין פּורת.

*

ערשט אַ דריי יאָר שפּעטער האָב איך זיך דערמאָנט אינעם פּורתער שוחטס איינלאַדונג צו קומען ביַיזיַין דעם קרבן־פּסח זייערן. איך האָב געמוזט נעכטיקן ביי מיינע פריינד אין קדימה, כדי צו זיין אין פורת ערב־פּסח פאַרטאָג.

עס האָט קוים שאַרייעט אויף טאָג, ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין פּורת. אָבער אַלע מענער פון מושב זענען שוין געווען לעבן זייערע הייזקעס, אָנגעטאָן אין די יום־טובדיקע מלבושים. יעדע גרופּע האָט געהאַלטן לעבן זיך איינס פון די ווייסע שעפּסעלעך, ביי אייניקע גרויסע אָנגעהויפטע שטיינער. עס איז געוואָרן שטיל, אַלע האָבן זיך אויסגעגלייכט, ווען עס איז אַרויס פון זיין הויז רבי חאסן פּרגילה, דער שוחט, מיט אַ טלית אויף זיין ווייסער אַביַיע. אויפן אָרט פון טורבאַן, האָט ער געטראָגן אַ פּלאַטשיק ברייט פוטער־היטל, אַ מין „שטריימל״. ביי זיינע זייטן האָבן געשפּרייזט, אויך אין ווייסן געהילט, די זקנים פון דאָרף. זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דער ערשטער גרופּע. דאָס שעפּסעלע איז שנעל געכאַפּט געוואָרן, דער קאָפּ מיטן האַלדז אַרויף, און אוועקגעלייגט געוואָרן אויפן בערגל שטיינער. אַלע האָבן עס געהאַלטן. איינער דעם קאָפּ, די איבעריקע — ווו זיי האָבן נאָר געקאָנט: די פיס, דעם וויידל, סתם אָנגעשפּאַרט די האַנט אויפן בויך פון לעמעלע. דער שוחט האָט געמישט אין אַלטן סידור און עפּעס געזאָגט, אומעטום, וויזט אויס, אַנדערע פּסוקים. געמאַכט עטלעכע ברכות און אַלע האָבן געענטפערט „אמן״. אַ יונגערמאַן, זיינער אַ זון מסתמא, האָט אים אונטערגע־טראָגן אַ גאַנץ פּעקל חלפים אין שיידן. ר׳ חאסן האָט יעדן חלף פאַרביַיגעצויגן זיינע ליפּן, ווי אים באַלעקט, זיך איינגעבויגן און מיט איין צי איבערגעשניטן דעם האַלדז פונעם שעפּסל... דאָס איבעריקע האָבן שנעל־שנעל געטאָן די משפּחה־מיטגלידער — אָפּגעשונדן די פעל, אויפגעעפנט, גערייניקט...

און דער שוחט מיט די זקנים זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז, דערפילט זייער חוב „לזכר יציאת מצרים״...

ערשט ווען דאָס לעצטע שעפּסעלע איז געשאָכטן געוואָרן, האָבן מיר זיך געקאָנט דערנענטערן צו די זקנים און ווינטשן אַ „חג שמח״. אָבער קיינער האָט אונדז אין שטוב אַריַין נישט איינגעלאַדן — איצט איז מען, זיכער, געווען פאַרנומען מיטן בראָטן דעם „קרבן־פּסח״, ביי וועלכן „פרעמדע״ זענען נישט געווונטשן...

1970

אַ גאַנץ־געבליבענער בניין פון דער חורבן־צייט

וויפל יאָרן עס זענען פון דעמאָלט אוועק געדענק איך נישט. צוואַנציק זיכער, און אפשר מער. איך בין געווען, אין אַ שבת פאַרמיטאָג, אין מוזיי פון פתח־תקוה אויף אַ פאַרלעזונג פון פּראָפעסאָר יוחנן אהרוני וועגן די אַלטערטימ־לעכקייטן אין דער געגנט. דער פאַרטראָג איז געוואָרן באַגלייט, וואָך נאָך וואָך, מיט אַ שפּאַציר צו עטלעכע פון די געמאָלענע פלעצער. ס׳איז גוט געווען צו הערן דעם דאָזיקן, איצט שוין פאַרשטאָרבענעם, געלערנטן, ווי ער האָט אַרכעאָ־לאָגישע גריבער און בערגלעך פאַרוואַנדלט אין אונדזערע אויערן אין לעבעדיקע שטעט, וואָס מיר האָבן, האָט זיך געדוכט, געזען פאַר די אויגן, ווען מיר האָבן גאָר אין דמיון שפּאַצירט אין ווייטער געשיכטלעכער פאַרגאַנגענהייט...

„און היינט וועלן מיר פאָרן צו אַן אויטענטישן גאַנץ־געבליבענעם בניין פון דער חורבן־צייט, אַ זעלטנקייט, אָבער עס עקזיסטירט..." — האָט איינמאָל געמאָלדן פּראָפעסאָר אהרוני, און פאַרגעזעצט מיט אַ קאָנטיקער צופרידנקייט, — „די פאַרשער פון דער פאַרגאַנגענהייט אין אונדזער לאַנד האָבן זעלטן דעם פאַרגעניגן צו זען מיט די אויגן און אָנצוטאַפּן ממש, מיט די אייגענע פינגער, גאַנצע אַלטערטימלעכע געביידעס. כאָטש נישט קיין וויכטיקער היסטאָרישער מאָנומענט, אָבער ער איז דאָ געבליבן גאַנץ, אומבאַרירט צוויי טויזנט יאָר..."

אין סאַמע צענטער פון לאַנד, אַ זעקס קילאָמעטער מזרחדיק פון פתח־תקוה, צופוסנס די הייכקייטן פון צפונדיקן יהודה־פּליין — דעמאָלט האַרט ביי דער וואַפנשטילשטאַנד־גרענעץ מיט יאַרדאַניע — זענען מיר אַרויף אויפן שמאָלן שאָסיי צווישן לוד און מגדל־צדק, דורכגעלאָזט אויף צפון דעם קיבוץ נחשונים, לעבן און אין מושב מזור, האָט זיך געפונען דאָס פאַרלאָזטע אין 1948 און חרוב־געוואָרענע אַראַבישע דאָרף אַמזירעה. „אַן אינטערעסאַנטער נאָמען פון דאָרף. עס שטאַמט פון אַראַבישן ‚אום־זאַרע׳, די מוטער פון פאַרזיי...", האָט באַמערקט אהרוני. און דאָ געפינט זיך דער אייגנאַרטיקער שטיינערנער בניין, געבויט אין עכטן רוימיש־העלעניסטישן סטיל. איין שטאָק, באַדעקט אויפן דאַך מיט גרויסע שטיינערנע פּלאַטעס. דער בניין, ווי דער גאַנצער דאַך, זענען געבליבן גאַנץ, שוין נישט קיין סך ווייניקער פון צוויי טויזנט יאָר. „ווען אַ געלערנטער באַזיצט נישט קיין היסטאָרישע דאָקומענטן, מעג ער באַנוצן פאַרשערישן דמיון און היסטאָרישע וואָרשיינלעכקייטן..." — האָט צוגעשמייכלט פּראָפ. אהרוני. דער פראָנט איז אין דער נישט־זוניקער צפון־זייט אין דער פאָרם פון אַ וועראַנדע, וווּ דער סופיט איז אונטערגעשפּאַרט דורך צוויי זיילן, וואָס זענען אויבן און אונטן פאַרענדיקט מיט שיינע קאָרינטישע קרוינען און איינקריצונגען אינעם שטיין. ווען די צוויי ווינקל־זײַלן וואָס האַלטן אונטער דעם בניין זענען ברייטע פּירקאַנטיקע, זענען די זײַלן וואָס צעטיילן דעם רוים אויף דריי גלייכע טיילן, קיילעכדיקע.

די געביידע איז אַ קלאַסישער ביישפּיל פון אַ „קליינעם טעמפּל", ווי די רוימער האָבן אַזעלכע גערופן, וואָס האָט געדינט ווי אַ מאַוזאָליי פאַר אַ גרויסער פּערזענלעכקייט. „פאַרן ,נפש', נשמה, גייסט, פון וואַנען עס שטאַמט די באַציי־כענונג ,מאַוזאָליי'..." — האָט ערנסט גערעדט אהרוני. אָבער ווי קומט דער מאַוזאָליי אַהער, ווו קיין שום וויכטיקע שטאָט איז קיינמאָל נישט געווען? עס זענען דאָ אין אַלטערטום דורכגעגאַנגען אין דער נאָענט וועגן, וואָס האָבן געפירט צו יהודה. אָבער אויך אין דער העלעניסטיש־רוימישער עפּאָכע איז דאָ געווען נישט מער ווי אַ קליינער דאָרף־יישוב, וואָס האָט אין דער תקופה פון בית־שני נישט געשפּילט קיין שום ראָל. די דערקלערונגען האָבן שוין דעריבער צו טאָן מיט „פאַרשערישן דמיון און היסטאָרישע וואַרשיינלעכקייטן", וועגן וועלכע פּראָפ. אהרוני האָט גערעדט.

נישט ווייט פון דאַנען, אין אַנטיפּאַטריס, איז ביים אויסברוך פון גרויסן יידישן אויפשטאַנד קעגן רוים, געשטאַנען בראש פון אַ לעגיאָן דער רוימישער פּרעפיקט פון סיריע קאַסטיוס גאַלוס, זיך גרייטנדיק אָנגרייפן די יידישע אַרמיי אין אַפּק (אפעק), אויף די בערגלעך ביי אמזירעה. דאָ האָט פאַרביימאַרשירט מיט זיינע לעגיאָנען וועספּאַסיאַן אין יאָר 68 פון דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, ווען ער איז אויך אַרויס פון אַנטיפּאַטריס אויפן וועג איינצונעמען ירושלים. ווי באַקאַנט, האָט וועספּאַסיאַן געהאַנדלט סטראַטעגיש זייער פאָרזיכטיק. ער האָט פּלאַנירט איינצונעמען פריער דאָס גאַנצע לאַנד, אַרום און אַרום, איידער ער וועט באַלאַגערן די הויפּטשטאָט ירושלים. אַזוי האָט ער נאָך קורצע קאַמפן איינגענומען דעם דאָזיקן קרייז, וואָס האָט דעמאָלט געהייסן תמנה, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען אמזירעה — וואָס האָט זיך דעמאָלט אָן צווייפל גערופן אַנדערש — און פון דאַנען זיך געלאָזט ווייטער אין זיין מאַרש אויף ירושלים.

מען נעמט אָן, אַז בעת די קאַמפן פון וועספּאַסיאַנס לעגיאָנען קעגן די אויפ־שטענדלערישע יידן, איז דאָ געפאַלן אַ הויכער רוימישער מיליטער־קאָמאַנדיר, אָדער סתם אַן אָנגעזעענער דיגניטאַר, וועלכער האָט באַגלייט די רוימישע לעגיאָ־נען. די רוימישע אַרמיי־פירער האָבן אים דאָ באַגראָבן און אויפן קבר איז אויפגעבויט געוואָרן דער דאָזיקער מאַוזאָליי. דאָס איז פאַרגעקומען אין ערשטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייטרעכענונג און דאָס איז דער איינציקער בנין אין ארץ ישראל, וואָס איז געבליבן גאַנץ פון יענע צייטן ביז היינט. אַרום דער געביידע געפינט מען פונדאַמענטן פון אַ מויער, אָדער פּאַרקאַן, וועלכער איז צעשטערט געוואָרן, אָבער די איבערבלייבענישן פון אים רינגלען אַרום וואַסער־גריבער און שטיין־קאַנאַלן, וועלכע נעמען אין זיך אַריין די רעגן־וואַסערן, וואָס פליסן ווינטער אַראָפּ פונעם דאַך. אַרום בנין, אַ ביסל אָפּגערוקט, געפינען זיך געהאַקטע אין פעלדז טיפּיש־רוימישע קברים, מסתמא פון געוויינלעכע זעלנערס, וועלכע זענען טאַקע דעמאָלט געפאַלן אין די שלאַכטן מיט די יידן.

ווי איז דאָס געשען, וואָס אַ בנין איז געבליבן גאַנץ כמעט צוויי טויזנט יאָר, מען האָט אים נישט צעשטערט, נישט צעשלעפּט, ווי אין דער מערהייט פאַלן, זיינע געטעסעטע שטיינער פון די ווענט און פונעם דאַך? „אָפּגעהיט די געביידע האָט די שטענדיקע הייליקייט־מסורה, וואָס די אַרומיקע איינוווינער האָבן מיט

איר פֿאַרבונדן, כאָטש זי האָט זיך געענדערט אין משך פֿון די צוויי יאָרטויזנטער און אַריבער פֿון איין רעליגיע צו אַ צווייטער".

אין דער ביזאַנטישער תקופֿה, ווען דאָס קריסטנטום האָט באַהערשט ארץ־ישראל, האָט מען די געביידע פֿאַרבונדן מיטן אַפּאָסטאָל יוחנן („המטביל", דער טובלער, דער טויפֿער). יוחנן זאָל האָבן געלעבט אין דער געביידע, אָדער דער קבר דאָ זאָל זיין זיינער. ווען די אַראַבער האָבן איינגענומען ארץ־ישראל איז דער נאָמען פֿון יוחנן, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיטן דאָזיקן פּלאַץ, פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין איכיע און די געביידע איז פֿאַרהייליקט געוואָרן דורך די מוסולמענער



דער רוימישער „קליינער טעמפּל", פֿון דער צייט פֿונעם צווייטן חורבן

אַלס „מעקאַם אַ־נעבי איכיע", דער פּלאַץ פֿון נביא איכיע. אין דער צייט האָט מען אינעווייניק, אין דער געביידע „צוגעקלעפּט" צו דער דרום־וואַנט אַ „מיכראַב", אַ מוסולמענישע בימה פֿאַר תפֿילות, וואָס איז געוואַנדן צו דער זייט פֿון מעקאַ, וווהין די מוסולמענער ווענדן זייערע טעגלעכע געבעטן. אַזוי איז דער בנין פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליינעם מעטשעט. אין דער צייט פֿון דער אָטאָמאַנישער הערשאַפֿט האָט דער בנין באַקומען, אין זיין אינערלעכן טייל, אַ גאַנץ נישט־רעליגיעזן באַנוץ. אַזוי ווי די געביידע איז געבויט מיט גרויסע מעגלעכקייטן איינצוזאַמלען אין זיך וואַסער — איז עס באַנוצט געוואָרן אויך פֿאַר אַ באָד. „נישט קיין כשרע מקווה, ווי ביי יידן, וואָס עקזיסטירט נישט ביי די מוסולמענער, נאָר אַ געוויינלעכער בית־מרחץ..."

די באָד באַשרייבט, אַפֿילו אַביסל איראָניש, עדוואַרד ראָבינסאָן (1794—1863). דער דאָזיקער אַמעריקאַנער, נישט קיין ייד, פּראָפֿעסאָר פֿון העברעיש און תנ"ך אויף די אוניווערסיטעטן פֿון באָסטאָן און ניו־יאָרק, איז געווען דער ערשטער מאָדערנער פֿאָרשער פֿון ארץ־ישראל, אויפֿן גרונט פֿון תנ"ך און דער שפּעטערדיקער יידישער געשיכטע אין ארץ־ישראל. ראָבינסאָן האָט דער ערשטער אַנטפּלעקט דעם באַרג מצדה, ביז אים האָט מען געקענט די טראַגעדיע פֿון דער פֿעסטונג, ווי יאָסעפֿוס פֿלאַוויוס האָט זי באַשריבן, אָבער נישט געוווסט ווו דער באַרג געפֿינט זיך. דער „ראָבינסאָן־בויגן" צום הר־הבית, נישט ווייט פֿון כותל־

המערבי, טראָגט זיין נאָמען, ווייל ער האָט אים אויפגעגראָבן. נאָך זיין ערשטער רייזע איבער ארץ־ישראל אין יאָר 1838 האָט ער פאַרעפנטלעכט דריי בענדער „ביבלישע פאָרשונגען אין פּאַלעסטינע". דאָרט שרייבט ער וועגן דאָזיקן רוימישן מאַוזאָליי, אָבער ער האָט אים נישט געקאָנט באַזוכן אינעווייניק, „מען האָט מיר נישט דערלויבט אַריינגיין, ווייל דער דאָזיקער טאָג איז פּונקט געווען אַ באָד־טאָג פאַר פרויען" און אינטערעסאַנט, אַז דער דאָזיקער קריסטלעכער געלערנטער האָט געמיינט, אַז „דאָ האָט זיך וואַרשיינלעך אַמאָל געפונען אַ יידישע מקווה, ווייל די געגנט איז געווען אין די ערשטע יאָרהונדערטער נאָכן חורבן פון דער יידישער מלוכה, געדיכט באַפעלקערט דורך יידן". ראָבינסאָן האָט געמאַכט אַ גענויע צייכענונג פון דאָזיקן הויז, פאַרשטייענדיק, אַז „דאָס איז אַן איינציק־אַרטיקער רוימיש־אַרכיטעקטאָנישער, און מעגלעך אויך היסטאָרישער מאָנומענט, וואָס איז געבליבן כמעט אומבאַרירט פון אַלטערטום. זיין געשיכטע דאַרף גוט נאָכגעפאָרשט ווערן". די צייכענונג פון ראָבינסאָנען פון יאָר 1838 ווייזט דעם בנין נישט געענדערט, ווי ער זעט אויס ביז היינט. בלויז די פאַרצוימונג אויפן דאַך, ווו עס האָבן דעמאָלט געפעלט אייניקע שטיינער, זענען איצט צוגעגעבן געוואָרן דורך דער אַלטערטימלעכקייטן־אָפּטיילונג ביי דער ישראל־רעגירונג.

דאָס הויז, אַרומגערינגלט מיט אַ נייעם פּאַרקאַן, אַרומגעפלאַנצט מיט ביימער, ווערט געהיטן שטענדיק דורך אַ שומר. אין דער ישראל־עפּאָכע וועט דאָס הויז נישט איבערגעוואַנדלט ווערן מסתמא אין אַ יידישן מקום־קדוש, נאָר אויפגע־האַלטן ווערן אַלס איינציקאַרטיקער אָריגינעלער מאָנומענט אין צענטער לאַנד.

די ערשטע מאָדערנע, אויך ישראלדיקע, פאָרשערס, האָבן געהאַלטן דעם מאַוזאָליי אַלס געביידע פון דריטן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייטרעכע־נונג. אָבער די גרינטלעכע אונטערזוכונגען, סיי פון אָרט בויען, פון מאַטעריאַל, און דער עיקר פון דער אַרכיטעקטור און סטיל, האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דער בנין שטאַמט פון מיטן ערשטן יאָרהונדערט.

*

דער מושב מזור, וואָס געפינט זיך דערלעבן, איז געגרינדעט געוואָרן אין יוני 1949 דורך נייע עולים פון טשעכאָסלאָוואַקיע, אַנגעשלאָסן אין דער אַלגע־מיינער מושבים־באַוועגונג. אין אָנהייב האָבן די נייע קאָלאָניסטן געלעבט אין די פאַרלאָזטע דורך די אַראַבישע איינוווינערס הייזער פון דאָרף אמזירעה (אָדער „מאַזריע", ווי די יידן האָבן עס גערופן). פון דעם נאָמען האָט זיך באַקומען דאָס ענלעכע העברעישע וואָרט מזור, וואָס באַדייט גענעזונג, היילונג, ווי דער נייער מושב הייסט. אמזירעה איז געווען אַ נישט־קליין דאָרף, האָט לויט דער ציילונג אין יאָר 1931 געהאָט 872 איינוווינערס אין 186 הייזער — אין 1948 איז עס שוין געווען פיל גרעסער, און אַלע איינוווינערס זענען אַנטלאָפן בעת דער אומאָפּהענ־גיקייט־מלחמה. דאָס היינטיקע, יידישע מזור איז קלענער פונעם פאַרלאָזטן אַראַ־בישן דאָרף, — בלויז 380 איינוווינערס, וועלכע לעבן אַלע פון לאַנדווירטשאַפט. אַ מאָדערן־געבויט דאָרף, מיט שיינע הייזער, געפלאַסטערטע גאַסן, פאַרבונדן דורך אַ שאָסיי מיטן וועג קיין לוד.

1983

טויזנטער יאָרן געשיכטע אויף אַ תל־אביבער פּלאַץ

איך האָב נאָכאַמאָל איבערגעלייענט דעם אויפשריפט אויפן הויכן מאַרמאָר־זייל, אין איין זייט העברעיש און אין דער צווייטער זייט אין ענגליש, איך האָב אַריינגעקוקט אין דער אוראַלטער הייל, איך האָב געשפּרייזט איבער די גע־פלאַסטערטע און אוראַלט־זאַמדיקע שטעגלעך אויפן קליינעם בערגל, און אַראָפּ־געגאַנגען צו דער זייט פון דער גאַס שמעון התרסי. איך בין געשטאַנען און באַטראַכט דעם היל־פּלאַץ (כיכר היל) און געקלערט, ווי ער איז איינגעשרומפּן געוואָרן, קליין און וועט בכלל זיך נישט אַרויסזען, ווען עס וועלן געענדיקט ווערן די הויכע הייזער אויפן אָרט פון אַלטן שעכטהויז.

אַ מיטליאָריקע פרוי איז אַרויס פונעם הויז ביי וועלכן איך בין געשטאַנען. „סליחה, גברת...״ — האָב איך זי אָפּגעשטעלט — „פון וואַנען שטאַמט דער נאָמען ‚היל׳ פונעם פּלאַץ?...״ די פרוי האָט געקוקט אויף מיר מיט עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכקייט און מיר „אויפגעקלערט״: אָנגעוויזן ווי אויף לינקס לאָזט זיך די גאַס אַראָפּ צו רחוב אבן־גבירול און אויף רעכטס ווייטער צום ים. „אָנטקעגן אויף יענער זייט טייך הייסט דאָס בערגל ‚תל׳, קסילה, אין עברית, אויף דער זייט ‚היל׳ אין ענגליש...״ אַ גרויסער טייל אָרומיקע איינוווינערס ווייסן נישט, זיכער, אַז דער נאָמען שטאַמט נישט פון פונקט אַזוי־געשריבענעם ענגלישן וואָרט וואָס באַטייט „בערגל״...

דער פּלאַץ איז אויפן נאָמען פון בריטיש־שאָטלענדישן גענעראַל דזשי. היל, וועלכער איז געווען קאָמאַנדיר פון דער צוויי און פופציקסטער ענגלישער דיוויזיע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס האָט באַזיגט די טערקישע אַרמיי און באַ־פרייט די דורכגאַנגען פון ירקון־טייך, וואָס פליסט דאָ צופוסנס פאַרביי צום אַריינפאַל אין מיטללענדישן ים. דער אויפשריפט אויפן מאַרמאָר־זייל איז לכבוד דעם דאָזיקן זיג און לייענט זיך איןביידע שפּראַכן: „אין דער נאַכט ז׳ בטבת ה׳תרע״ח (21־סטן דעצעמבער 1917) איז די בריגאַדע 156 פון דער דיוויזיע 52 אויף דעם אָרט אַריבער דעם טייך, אויף לייכטע בריקן און ראַפּסאַדעס און האָט איינגענומען די טערקישע פּאָזיציע שייך מואניס״. גענעראַל היל איז געווען אַ באַקאַנטער יידן־פריינד און געהאַט זיין דיוויזיע־שטאַב אין הויז אויף רחוב יהודה הלוי 35. ווי עס גייט איבער דער פאָרשער פון דער ארץ־ישראל־געשיכטע אפרים תלמי האָט גענעראַל היל געזאָגט אַמאָל אין אַ געשפּרעך: „כדי איר זאָלט לעבן זיכער אין אייער לאַנד וועט זיין נויטווענדיק אייערער אַן אייגענער מיליטערישער כוח, וואָס זאָל זיך אויך באַטייליקן אין פאַרנעמען דאָס לאַנד און דער כוח וועט פאַרזיכערן אַז די פייערלעכע דעקלאַראַציעס צו שאַפן אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים וועלן פּאַקטיש פאַרווירקלעכט ווערן...״ דאָס איז געווען גלייך נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע...

ווען איך בין דאָ געווען דאָס ערשטע מאָל, אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן, אַרויפשפּאַצירנדיק פון נביאים־גאַרטן, איז נאָך געווען אָפן דער אויסבליק צום טייך. אויף מערב זענען שוין געווען די ערשטע רושטאָוואַניעס פון דער אוסישקין־גאַס; אויך אויף מזרח האָט מען גענומען בויען, אָבער מען האָט נאָך גוט געזען דעם שאָסיי קיין חיפה, דעם תל־קסילה און דאָס האַלב־חרובע אַראַבישע דאָרף שייך־מוּניס. עס האָט נאָך דעמאָלט ככר־היל געקאָנט דינען אַלס „סטראַטעגיש בערגל", ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק. עס האָט מיך דעמאָלט געצויגן אַהער די באַשרייבונג וועגן די אויסגראָבונגען אויף דעם בערגל און אַרום, דורכן אַרכעאָלאָג ד"ר יעקב קאַפּלאַן, וועלכער האָט דאָ געפונען איבערבלייבענישן פון קריג־צוג פון סנחריב, דער קעניג פון אַשור, אויף יהודה און ירושלים אין יאָר 701 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, אין דער צייט פון מלך חזקיהו פון יהודה (697—726 פאַר דער קצ"ר). איז דאָס אָרט פאַרבונדן טאַקע מיט די שורות פון ישעיהו בן אָמוץ דעם נביא?

„עס פאַראַכט דיך, עס שפּאָט פון דיר
די יונגפרוי טאָכטער ציון;
עס שאָקלט דעם קאָפּ הינטער דיר
די טאָכטער ירושלים. — — —
און דער אַנטרונענער איבערבלייב פון דעם הויז פון יהודה
וועט ווידער וואָרצלען אונטן און טראָגן פרוכטן אויבן.
וואָרום פון ירושלים וועט אַרויסקומען אַן איבערבלייב,
און אַן אַנטרינונג פון באַרג ציון..." (מלכים ב', י"ט)

אין זעלבן תנ"ך־קאַפּיטל ווערט דערציילט: „און עס איז געווען אין יענער נאַכט, איז אַרויסגעגאַנגען אַ מלאך פון גאָט און האָט געשלאָגן אין לאַגער פון אשור הונדערט און פינף און אַכציק טויזנט..." און די אשור־אַרמיי איז אָפּ־געטראָטן פון ירושלים, זיך צוריקגעצויגן פון ארץ־ישראל.

פון יענער צייט, פון אַכטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן, האָט מען אין 1951 געפונען שערבלעך, שטיקלעך כלים און אַ קליינע מצרישע סקולפּטור, טאַקע דאָ אויפן בערגל. די מיינונג פון ד"ר קאַפּלאַן איז דעמאָלט געווען: „דאָס בערגל, פופצן מעטער איבערן ים־פלאַך, איז וואַרשיינלעך געווען אַן אָבסערוואַציע־פונקט, וואָס האָט געדאַרפט מודיע זיין וועגן דער דערנענטערונג פון דער אשורישער אַרמיי און איז געווען איינגעשלאָסן אין אַ פאַרטיידיקונג־ליניע, וואָס איר באַזע איז געווען דער ירקון־טייך און דער הויפּט־אַקס זיכער אין יפו".

אין דער צווייטער העלפט פון זעלבן יאָרהונדערט זענען פאָרגעקומען אייניקע אָקופּאַציע־פרוּוון מצד אשור אין ארץ־ישראל. אויך סנחריבס פאָטער, קעניג סאַרגאָן (סרגון מלך אשור), האָט דאָס געפּרוּווט דורכפירן אינגאַנצן צען יאָר פריער, אין יאָר 711, און איז דורכגעפאַלן. אין די „אַנאַלן פון סנחריב" אין פלעקל־שריפט, איינער פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן, וואָס זענען פאַרבליבן פון אַלטערטימלעכן אשור, ווערט דערציילט, אַז עס איז אַנטשטאַנען „אַ בונד קעגן אשור מיט דער באַטייליקונג פון יהודה און אשקלון אונטערן פאַטראָנאַזש פון מצרים". די „אַנאַלן" דערציילן אַז אין זיין „זיגער־מאַרש" האָט סנחריב איינ־גענומען יפו, אזור, בית־דגון און בני־ברק. ד"ר קאַפּלאַן קומט צום אויספיר:

„לויט דער באַשרייבונג אין די אַנאַלן, ספּעציעל אין ליכט פון דערמאָנען יפו, האָט סנחריב געמוזט דורכגיין לעבן בערגל פון שעכטהויז". צווייטנס, ווייזט ער אָן, איז די געפונענע קעראַמיק אויף דעם היל־פּלאַץ ממש פונעם סוף פון אַכטן יאָרהונדערט, אָדער אַפילו טאַקע פון אָנהייב זיבעטן פאַר דער צייטרעכענונג, און זי איז אַנדערש ווי אין דער צייט פון סאַרגאָן. ד"ר קאַפּלאַן באַווייזט, אַז פּונקט אין יאָר 700 איז איינגעטראָטן אַן ענדערונג אין דער פאָרם פון קעראַמיק־אויס־אַרבעט, „כאָטש די סיבה איז אונדז דערווייל אומבאַקאַנט". די טיפּיש־מצרישע סטאַטועטקע, וואָס איז געפונען געוואָרן טיף אין דעם אַרכעאָלאָגישן גרובן פון



דער מחבר, מרדכי שנער, ביים אַריינגאַנג אין דער פּרעהיסטאָרישער הייל אויפן היל־פּלאַץ
(פאָטאָ : יונתן ברקת)

כּכר־היל שטאַמט פון יענער צייט און איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין אשקלון — ווו עס איז לאַנגע יאָרהונדערטער געווען אַ בית־מלאכה אויסצואַרבעטן מצרישע סטאַטועטן פון בראָנדז און פון ליים. דאָס באַווייזט אַז אשקלונער, די פאַרבינדעטע פון יהודה־מלך חזקיהו, ווי דאָס ווערט אָנגעגעבן אין די „סנחריב־אַנאַלן", האָבן זיך דעמאָלט געפונען אויף דעם בערגל, כּדי צו קעמפן קעגן געמיינזאַמען אשורישן שונא.

אין „מוזיאון ישראל" אין ירושלים געפינט זיך אַ גרויסע ליים־פּריזמע, געדיכט באַשריבן אויף אירע פינף ווענטלעך מיט פלעקל־שריפט. אויך דאָרט ווערט דערציילט וועגן סנחריב־מאַרש אויף יהודה. אָבער דאָ, ווי עס איז אויך אָנגעדייט אין די דערמאָנטע „אַנאַלן", זעט דער רעזולטאַט פונעם מאַרש אויס גאָר אַנדערש ווי ער איז באַשריבן אין תנ"ך... אין דריי ערטער פון תנ"ך ווערט דער דאָזיקער

מיליטער־מאַרש געמאָלן ווי אַ פֿולשטענדיקער דורכפֿאַל פֿון סנחריבן. ביבל־פֿאָרשערס האָבן געפֿונען אָנדייטן אויף אַ מגיפה אין יענער צייט, וואָס האָט אומגעבראַכט הונדערט פֿינף און אַכציק אַשורישע זעלנערס. די יידישע מקורות (מלכים ב׳, וואָס איז אויבן ציטירט; ישעיהו ל״ו און דברי הימים ב׳ ל״ב) זענען איינשטימיק וועגן דער מפלה פֿון אשור. און אין קעגנזאַץ גיבן די דערמאָנטע אשורישע קוועלן איבער אַז סנחריב האָט פֿאַרטריבן פֿון יהודה די געניטע צאָל פֿון צוויי הונדערט טויזנט מיט הונדערט און פֿופֿציק מענטשן און דעם מלך חזקיהו האָט ער „פֿאַרשלאָסן אין זיין שטאָט ירושלים ווי אַ פֿויגל אין שטייג" און ער האָט געמוזט שיקן „אַ שווערן צינדז פֿון יהודה קיין נינוה", די הויפּטשטאָט פֿון אשור. פֿאַראַן היסטאָריקער וועלכע האָבן דעריבער אָנגענומען אַז סנחריב האָט דורכגעפֿירט מער ווי איין מיליטערישן מאַרש אויף יהודה. אָבער פּראָפֿעסאָר דוד־ברוך ווייסבערג, פֿון „היברו יוניאָן קאָלעדזש" אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, שרייבט (אין „געשיכטע פֿון מלכות יהודה"): „דעם דאָזיקן קעגנזאַץ דאַרף מען נישט אויסגלייכן מיט דער הנחה, אַז סנחריב האָט דורכגעפֿירט מער ווי איין מאַרש אויף מערב, נאָר מען דאַרף דאָס צושרייבן דער טענדענציעזער פֿאַרשטעלונג פֿון די פֿאַקטן דורך ביידע צדדים. עס איז אָנצונעמען אַז סנחריב איז גערופֿן געוואָרן דרינגענדיק צוריקצוקערן קיין נינוה און ער איז געווען געצוווּנגען אַראָפּצונעמען די באַלאַגערונג פֿון ירושלים, אָבער חזקיהו איז דאָך געווען געצוווּנגען זיך אונטערצוּוואַרפֿן זיין יאָך און צאָלן צינדזן".

אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אַז אין די אויסגראָבונגען אויפֿן היל־בערגל פֿון זיבעטן יאָרהונדערט פֿאַר דער צייטרעכענונג האָט מען געפֿונען בולטע סימנים פֿון אַ שריפֿה. ד״ר קאַפּלאַן האָט דאָס אונדז געוויזן אין יאָר 1951; דאָס זענען געווען אָנזעעוודיקע צייכנס, ווי עס זאָל האָבן דאָ געברענט נישט מיט קנאַפּע דריי טויזנט יאָר צוריק, נאָר ערשט נעכטן... וואָס איז געווען די שריפֿה? „דאָ איז געווען אַ לאַגער, וואָס איז פֿאַרברענט געוואָרן. האָבן די אַשורישע אָקופּאַנטן פֿאַרברענט די מיליטערישע פּאָזיציע נאָכן פֿאַרנעמען זי? עס איז אָבער שווער זיך פֿאָרצושטעלן אַז אויף אַזאַ קליינעם פּונקט, אָן באַפֿעסטיקונג־סימנים, איז געשטעלט געוואָרן אָן אָפֿענער ווידערשטאַנד דער מעכטיקער אשורישער קריגס־מאַשין — איז דעריבער מעגלעך אַז דער לאַגער איז פֿאַרברענט געוואָרן דורך די יהודהער אָדער אשקלונער ביים פֿאַרלאָזן אים" — האָט געטראַכט ד״ר קאַפּלאַן.

אָבער די מענטשלעכע געשיכטע אויפֿן היל־פּלאַץ — אָדער בעסער געזאָגט, אין היל־בערגל — און צענדליקער מעטער אַרום אין אַלע זייטן, דער עיקר אויפֿן אָרט פֿון אַמאָליקן שעכטהויז, גרייכט ווייטער ווי מיט 2700 יאָר צוריק. מענטשן האָבן דאָ שוין געלעבט אין דער לעצטער פֿאַזע פֿון דער קאַלקוליטישער עפּאָכע, 3200—3500 יאָר פֿאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, מיט פֿינף און אַ האַלבן יאָרטויזנט צוריק. דאָס כאַראַקטעריסטישע איז, וואָס בלויז פֿון דער דאָזיקער אַזוי־פֿריצייטיקער עפּאָכע זענען טיף אינעם בערגל פֿאַרבליבן צייכנס פֿון עפּעס וואָס מען קאָן אָנרופֿן סטאַבילער מענטשלעכער יישוב, ביז מען האָט דאָ געבויט די ערשטע בניינים אין אונדזער מדינת־ישראל.

דעמאָלט, אין דער קאַלקוליטישער עפּאָכע, האָט נאָך דער מענטש נישט געבויט

קיין הייזער, נאָר האָט געגראָבן היילן, גריבער צו וווינען אין זיי. און אַזעלכע האָט מען דאָ געפונען. נאָך מער: מען האָט דאָ געפונען אַ „וווינונג" געהאַקט אין האַרטן פעלדז, נישט נאָר אין ווייכער ערד, און דער סופיט איז געווען אונטער־געשפּאַרט דורך אַ שטיין־זייל, וואָס איז אויסגעטעסעט געוואָרן פונעם פעלדז, גע־לאָזט געוואָרן בעתן אויסהאַקן די הייל און דער זייל איז אַ נאַטירלעכע שטיק פון איר, אינמיטן. דאָס איז אַ זאַך וואָס איז זעלטן אָנגעטראָפן געוואָרן ביים פּרימי־טיוון מענטש — „מען האָט זי געהאַקט מיט ,אַרכיטעקטישע' אויסרעכענונגען...", ווי ד"ר קאַפּלאַן האָט זיך אויסגעדריקט. אין „הויף" פאַר דער דאָזיקער הייל האָט מען געפונען פיל כלים פון יענער עפּאָכע און אויך אַ ברען־אויוון פאַר ליים־כלים, אין אַ פאָרם און גרייס וואָס מען האָט נאָך קיינמאָל נישט געפונען פון יענער צייט. פון דאָזיקן „הויף" האָבן געפירט אונטערערדישע טונעלן־אַריינגאַנג צו אַנדערע היילן, פון וועלכע עס איז אָבער כמעט קיין זכר נישט פאַרבליבן. יעדנ־פאַלס — לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, דער ערשטער „ישוב" אויף דעם בערגל. די מענטשן האָבן דעמאָלט זיכער באַאַרבעט דעם פּרוכטבאַרן באָדן אַרום־און־אַרום, האַבנדיק אַ שפע מיט וואַסער פון ירקון־טייך. די געגנט איז מסתמא — אפשר אָן איבעררייס — באַאַרבעט געוואָרן ביז אונדזער יאָרהונדערט, ווען די דייטשע „טעמפּלער", וועלכע האָבן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה באַווינט די היינטיקע רעגירונג־קריה פון תל־אביב, האָבן דאָ געצילכטעט באַנאַנען און גרינסן.

שפּעטער, אין דער ערשטער בראָנדז־תקופה (3200—2900 פאַרן קריסטנטום), האָבן דאָ אָן איבעררייס געלעבט מענטשן. געבליבן פון זיי זענען בלויז קבורה־היילן, וואָס זענען אין דער מערהייט צעשטערט געוואָרן ביים גראָבן פונדאַמענטן און קאַנאַליזאַציע־גריבער די לעצטע צענדליקער יאָרן. איינע אַזאַ קבורה־הייל איז אָפּגעראַטעוועט געוואָרן טיילווייז, ווו עס געפינט זיך דאָס הויז אויף שדרות נורדוי נומער 93. דאָ, און אויך אויפן היל־בערגל, האָט מען געפונען שערבלעך, שטיקער פון כלים, מכשירים, געצקעס און גאַנצע אפילו גלאָסקאָמעס (מתים־אָרונס) פון יענער צייט. מען האָט געפונען מענטשלעכע ביינער־איבערבלייבענישן; אויף איין אָרט — אַש פון אַ פאַרברענטן מענטשלעכן קערפּער און לעבן דעם די ביינער פון אַן אייזל. האָט מען אין יענער צייט פאַרברענט די מתים און דאָס אַש באַגראָבן צוזאַמען מיט זייער בייטיקסטער בהמה?...

איך בין איצט געגאַנגען באַטראַכטן די דאָזיקע איבערבלייבענישן אין „מוזיי פאַר די אַלטערטימלעכקייטן פון תל־אביב—יפו". אויבערפלעכלעך — נישטאָ וואָס צו זען... פּרימיטיווע צובויפגעקלעפּטע כלים, שטיקלעך שפּיזן, געצקעס־סטאַטועטקעס, אַש, שטיקלעך גלאָסקאָמעס, מענטשן־ביינער. ווען איר גיט זיך אָבער אָפּ אַ רעכענונג, אַז דאָס זענען איבערבלייבענישן פון טויזנטער יאָרן מענטש־לעך לעבן, ווען קיין געשיכטע־שרייבער האָבן נאָך נישט געקאָנט זיין — איז דאָס אויך געשיכטע. וויפל מענטשלעכע מי, פרייד און פּיין, שווייס און טרערן, אין זייער פּרימיטיוון אויסדרוק, זענען דאָ אַריינגעשריבן?...

אין מוזיי האָב איך זיך איבערצייגט, אַז די מערסטע איבערבלייבענישן אויפן דאָזיקן פּלאַץ זענען פון דער היקסאָס־עפּאָכע (ערשטע העלפט פון צווייטן יאָר־טויזנט פאַרן קריסטנטום). אויף רחוב הורקנוס, לעבן היל־פּלאַץ, האָט מען גע־

פונעם סימנים פון אַ ציַיטוויַיליקן היקסאָס־יישוב, אָבער צום מערסטן — זייערע כאַראַקטעריסטישע קברים. אויפֿן סאַמע פּלאַץ האָט מען געפֿונען כּמעט גאַנצע מאַגאַזיניר־קרוגן פֿון די היקסאָסן, אין איינעם אַפֿילו געברענטע קערנער. לויט דער מיינונג פֿון ד״ר קאַפּלאַן האָט זיך אויפֿן היל־בערגל געפֿונען אַ קליינער צענטער פֿון „אַ פּעאָדאַלער היקסאָסישער נחלה, מיט אַ פֿירשט בראָש״. דער היקסאָס־קבר אויף כּכר היל נומער 5, וועלכן מען האָט מיט יאָרן צוריק אַנטדעקט, קאָן „מיט זיין גרויסאַרטיקייט זיין פֿון דאָזיקן פֿירשט״... געשיכטע? „ניין... היפּאָטעזעס...״ — אָבער אינטערעסאַנט זענען זיי.

פֿון דער פֿריער בראָנדז־עפּאָכע ביז דער היקסאָסישער, איז אויך נישט געווען טויט אויפֿן היל־פּלאַץ. משה דיין באַשעפֿטיקט זיך, ווי באַקאַנט, אויסער מיט פּאָליטיק און מיליטערישע ענינים, אויך מיט אַרכעאָלאָגיע. האָט ער דאָ, אין מזרח פֿון רחוב אלכּסנדר ינאַי, ביים בויען אַ ניי הויז געפֿונען, געגראָבן און געפֿאָרשט אַ קבר פֿון דער מיטעלער בראָנדז־עפּאָכע (אַרום יאָר 2000 פֿאַר דער קריסטלעכער ציַיטרעכענונג). ער האָט געפֿונען פֿיל איבערבליַיבענישן. קאָרקעס פֿון ליים צו מאַגאַזיניר־טעפּ, ווייַרויך־פּאָסטומענטן, „העק״, צי „מעסערס״ פֿון געשאַרפֿטע שטיינער, ליים־פּלאַטעס וואָס זאָלן זיין געוויכטער. אַ טייל איז געבליבן אין זיינע פּריוואַטע זאַמלונגען, אַ טייל געפֿינט זיך אין מוזיי.

דערנאָך גיט דער פּלאַץ אַ „שפּרונג״ אַריין אין דער אייַזן־עפּאָכע, מיט געפֿינסן אויף רחוב הורקנוס. דאָס צענטע, אַכטע יאָרהונדערט פֿאַר דער קריסטלעכער ציַיטרעכענונג. מכשירים, כּלי־זין פֿון דער פּערסישער עפּאָכע.

דעמאָלט זענען „די בני־ישראל געקומען אין לאַנד אַריין און זיי האָבן עס געאַרבעט...״ — נאָר קיין שום צייכן פֿון יידישער אָנוועזנקייט אויף דעם פּלאַץ, איז נישטאָ אין די דאָזיקע בערגלעך.

מיין קוזין אליהו, וועלכער שפּאַצירט מיט מיר איבערן פּלאַץ און באַזוכט מיט מיר צוזאַמען דעם מוזיי, שמייכלט פֿילדייטיק: „וואָס ווילסטו?... אַזוי פֿיל פֿעלקער און שבטים האָבן דאָ געלעבט און געהערשט דורך אַ פֿינף טויזנט יאָר, ווי דו זעסט — זאָל מען צו אַזאַ פּעט שטיקל ערד, מיט אַזויפֿיל וואַסער, צולאָזן יידן?...״

לייענען מיר, מיט באַפֿרידיקונג, די נעמען פֿון די אַרומיקע געסלעך. אַזויפֿיל שטאָלצע זיגרייכע יידישע מלכים: יוחנן הורקנוס, אלכּסנדר ינאַי, אַנטיגונוס, אַגריפּס, מרים החשמונאית; און אַ שריט פֿון דאַנען — די נביאים: יחזקאל, ירמיהו, צפניה, עמוס, מיכה, נחום, חבקוק... און אַרום זיי: אוסישקין, וויַיצמאַן, גאָרדוי, באָדנהיימער. און אויף די גאַסן בויט מען הייזער אַלץ העכער און העכער, מען גראָבט זיך איין אַלץ טיפֿער און טיפֿער, צו געניסן פֿון דער פֿרוכטבאַרער ערד און גרייניקטן וואַסער פֿון אַלטיטשקן ירקון־טייך...

ווי עס זאָגט דאָרט דער נביא:

„...און דער אַנטרונענער איבערבלייב פֿון דעם הויז פֿון יהודה
וועט ווידער וואָרצלען אונטן און טראָגן פֿרוכטן אויבן״.

1982

רמת־רחל — דאָס אוראַלטע בית־הכּרם

ירמיהו הנביא האָט געשטורעמט קעגן יהויקים מלך יהודה:

„ווי, דער וואָס בויט זיין הויז מיט אומערלעכקייט, און זיינע אויבערשטובן מיט אומרעכט; וואָס אַרבעט מיט זיין חבר אומזיסט, און גיט אים נישט זיין לוין; וואָס זאָגט: איך וועל מיר אויפבויען אַ גרויס הויז, און אויבערשטובן געראַמע; און ער שניידט זיך אויס פענצטער; און ער באַדעקט זיי מיט צעדער און באַשמירט זיי מיט פאַרב! ווילסטו קיניגן, ווייל דו פאַרמעסט זיך מיט צעדערהאָלץ?"

(ירמיה כ"ב, י"ג—ט"ו)

אין העברעישן אָריגינאַל פון תנ"ך לייענט זיך דער געבראַכטער פסוק אין ספר ירמיה: „...וספון בארז ומשוח בששר", וואָס יהואש זעצט איבער „באַדעקט זיי מיט צעדער און באַשמירט זיי מיט פאַרב" — דאָס איז נישט אינגאַנצן פּינקט־לעך. עס איז טאַקע „פאַרב", אָבער בפירוש „ר ו י ט ע פאַרב. „ששר" שטאַמט פון „שאַשאַרו" — ר ו י ט — אין אַקאַדיש, די אַלטערטימלעכע סעמיטישע שפּראַך אין בבל און אשור.

יהויקים האָט געלעבט מיט אַן ערך דריטהאַלבן יאָרטויזנטער צוריק. ער האָט געקיניגט איבער יהודה פון יאָר 609 ביז 597 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. מען האָט געוווּסט — אויסער אין ספר ירמיה, רעדט זיך וועגן דעם אויך אין אַנדערע ערטער אין תנ"ך — אַז ער האָט זיך אויפגעבויט אַ גרויסן פּאַלאַץ. אין ערגעץ איז, אָבער, נישט געבליבן קיין מינדסטע אָנווייזונג — ווו דאָס דאָזיקע „גרויסע הויז מיט אויבערשטובן געראַמע" האָט זיך געפונען.

ערשט נאָך טויזנטער יאָרן פון חורבן און אומקום זענען אומדערוואַרט גע־פונען געוואָרן איבערבלייבענישן פון יהויקימס פּאַלאַץ און פון זיינע פענצטער, וואָס זענען געווען „באַדעקט מיט צעדער".

*

ווען די חברים פון „גדוד העבודה" אויפן נאָמען פון טרומפּעלדאָר האָבן זיך באַזעצט אויפן בערגל, ביים וועג קיין בית־לחם, נישט ווייט פון דער מוטער רחלס קבר, לכבוד וועלכער זיי האָבן זייער יישוב אַ נאָמען געגעבן רמת־רחל — האָבן זיי נישט געוווּסט וואָסערע אַרכעאָלאָגישע אוצרות עס זענען באַהאַלטן אונטער זייערע פיס.

ערשט אין 1931 האָט מען גענומען גראָבן אויפן בערגל. מען האָט אין אָנהייב אַנטדעקט קברים פון ערשטן יאָרהונדערט; אָבער — גלייכצייטיק אַ קרוג־הענטל מיט אַן אויפשריפט אין פאַרצייטיקן העברעיש: „למלך זף". דאָס האָט געשטאַמט פון גאָר־אַלטע צייטן, ווען זף, אָדער זיף, איז געווען אַ קיניגלעכע שטאָט אין דרום פון ארץ־ישראל. האָט מען גענומען גראָבן טיפער — און ס'האָבן זיך טאַקע

אַנטפּלעקט מויערן, חורבות, איבערבלייבענישן פון לאַנג־פאַרגאַנגענע יידישע תקופות.

גלייך אין די ערשטע אויסגראָבונגען אין רמת־רחל, אין 1931, האָט מען געפונען רעשטן פון אַ שטיינהאַקעריי. פּראָפעסאָר בנימין מזר, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט די גראָבונגען, האָט געהאַלטן, אַז „דאָ האָט מען געטעסעט שטיינער פאַר די פעסטונג־געביידעס פון ירושלים". ער האָט נאָך דעמאָלט נישט געוווסט, אַז דאָ איז בית־הכרם, נאָר גאָר אידענטיפיצירט דאָס אָרט מיט נטופה, וואָס ווערט דערמאָנט אין די צייטן פון דוד המלך (שמואל ב' כ"ג און אַנדערע ערטער), אָבער מען האָט דאָ קיין שום רעשטן פון אַזאַ אַלטער צייט נישט געפונען. שטעלט זיך די פראַגע, צי קאָן עס נישט זיין פאַרבונדן מיט די שטיינער וועגן וועלכע עס דערציילט די משנה (מדות ג', ד'): „די שטיינער פאַרן מזבח פון בקעת בית־כרם. — — — און מען ברענגט פון דאָרט גאַנצע שטיינער, וואָס ס'איז אויף זיי נישט אויפגעהויבן געוואָרן קיין אייזן" — האָט מען דאָ נישט „געטעסט די שטיינער", ווי עס האָט געמיינט פּראָפ. מזר, נאָר זיי אויסגעגראָבן גאַנצע? איצט ווייסט מען שוין, אַז מען האָט פון בית־הכרם גענומען שטיינער פאַרן מזבח און געהאַקט שטיינער סיי פאַר „פעסטונג־געביידעס" אין ירושלים, סיי פאַרן קיניגלעכן פּאַלאַץ אויפן אָרט גופא.

די אויסגראָבונגען זענען פיל מאָל איבערגעריסן געוואָרן. דאָס דאָזיקע סטראַטעגישע בערגל, וואָס איז טאַקע געווען אַ שוץ־פונקט אין דרום פון יידישן ירושלים, האָט געלאָקט אַראַבישע טעראָריסטן פון די שכנישע דערפער. מען איז דעם יישוב באַפאַלן, צעשטערט. זענען די יידן צוריקגעקומען און אויסגעבויט די „פעסטונג", וואָס שטייט ביז היינט האַרט ביי דער גרענעץ פון יאַרדאַנישן טייל ירושלים, און דינט אַלס חדר־האוכל פון קיבוץ.

1962

אַ קיבוץ אין שטאָט

בלויז עטלעכע טעג נאָך מיין אָנקום קיין ישראל, נאָך אָן אַ היים, אָן אַרבעט, בין איך געפאָרן קיין ירושלים. אָפט, זייער אָפט, זיך אומגעקערט אין „עיר־שלום", נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל שפּאַצירט צופוס איבערן אָפּגעגרענעצטן — און באַגרענעצטן — יידישן מערב־ירושלים. איך פלעג, לרוב, קומען מיט דער באַן. פון וואָקזאַל שנעל — ווער קאָן ציילן צום וויפלטן מאָל? — אַרויפגיין אויפן הר־ציון; פון דאָרט אַראָפּ צו מאה שערים, צו אַן אַלטיטשקער מומען; זיך אָפּגערוט און — מיט דער מומעס שטענדיקן ציטערנדיקן אָנזאָג „היט זיך, זאָלסט, חלילה, נישט פאַרבלאָנדזשען אויף ,יענער זייט'..." — געצויגן צום מאַנדעל־בוים־טויער, טאַקע אַריבערקוקן, כאַפּן כאָטש אַן אָפּקלאַנג פון „יענער זייט"; אַרויף ביז סנהדריה, און אַראָפּ צו עין־כרם. אַרכעאָלאָגישע היילן און בתי־כנסת; מאַגאַסטירן און קברים פון יאָרטויזנטער; דערגרייכט צופוס ביז מוצא... אין רמת־רחל בין איך געווען צום ערשטן מאָל נישט פריער ווי אין אָנהייב 50־ער יאָרן, אין 1953, דוכט מיר. פאַרוואָס?... ליגט פאַר מיר די מאַפּע, וואָס איך האָב באַנוצט אין יענע יאָרן צו שפּאַצירן איבער ירושלים: איך זוך קוים אויף אין סאַמע דרום,

מיט קליינטשיקע אותיות — רמת־רחל... האָב איך ערגעץ געלייענט דעמאָלט ווען איר? איצט, צו אירע פופציק יאָר, שרייבט אפרים תלמי: „זינט דער אומ־אָפּהענגיקייט־מלחמה האָט רמת־רחל געפּלאָנטערט אין טרייסל צווישן ספק־עקזיסטענץ און אונטערגאַנג־צווייפל; פיינלעכער גראַנגל מיט קריזיסן; ערשט איצט, צום יובל פון איר גרינדונג, שפּרייזט זי, זעט אויס, מיט זיכערקייט פאָראויס אין דער צוקונפט אַריין" („דבר").

אַ מאָדנע געפיל האָט מיך אַרומגעכאַפּט ווען מען האָט מיר דורכן פענצטער פון דער „פּעסטונג", גלייך אונטן ביים אַריינגאַנג, געוויזן: „אָט דאָ, אין דער נאָענט, לעבן דיר, איז ,בדרך אפרתה הוא בית־לחם', וווּ רחל אמנו איז אַוועק־געשטאָרבן יעקבן און ער האָט זי דאָרט באַגראָבן..."

אַרויפגיין אויפן דאָך זען דעם קבר־רחל האָט מען מיר ניט דערלויבט: „מען שיסט אַהין אָפט פון דער ,לעגיאָן'־פּאָזיציע אָט דאָרט, לינקס..."

דריי יאָר שפּעטער איז פאָרגעקומען אַהער די בעסטיאַלישע שיסעריי צו פאַרזאַמלטע אויפן דאָך געלערנטע, אַנטיילנעמערס פון אַ וויסנשאַפטלעכער קאָנ־פערענץ פאַר לאַנד־קענטעניש. פיר זענען דערשאָסן געוואָרן, אין 1956, ווי עס דערציילט די אָנדענק־מצבה, אין אויסגראָבונג־טאָל: „פאַראייביקונג אין אָנדענק פון די קרבנות פונעם אָנגריף אויף די אַנטיילנעמערס פון צוועלפטן מדינה־כינוס פאַר לאַנד־קענטעניש אין ירושלים, אין דער צייט פון זייער באַזוך אין די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין רמת־רחל, זונטיק, ג' דחול־המועד סוכות, י"ח בתשרי תשי"ז: אַרכיטעקט יעקב פינקערפעלד, פרוי חיה ראַם־פּאַגעלסאָן, ד"ר רודאָלף רודבערג, מר ברוך שוחטמאַן. יהי זכרם ברוך".

⁂

אַ יובל, פופציק יאָר, איז אַלט געוואָרן רמת־רחל. אַ קליינער קיבוץ, וואָס שטעקט פּאַקטיש „מיט איין פוס" אין ירושלים, און האָט צענדליקער יאָרן גע־קעמפט פאַר זיין זעלבשטענדיקער, דאָרפיש־קיבוצישער עקזיסטענץ און יידיש־נאַציאָנאַלער אָנוועזנקייט, — „מיטן צווייטן פוס", אַריינגערוקט אין פיינדלעכער סביבה. איבערגעלעבטע חורבנות, ווי וויניק אַנדערע יידישע גרענעץ־יישובים, קאַמפן, אינערלעכע קריגערייען, עקאָנאָמישע שוועריקייטן ביז הונגער; גירו־שים, זעלבפאַרלאָזונגען, ייִאוש־יאָרן. מען האָט זיך געהאַלטן מיט די נעגל אין דער ערד און אויסגעהאַלטן — און נאָך פופציק יאָר, איינער פון אונדזערע אַזוי צאָל־רייכע און זיגרייכע — „מיר זענען דאָ!"...

די מענטשן פון „אַרבעט־באַטאַליאָן" האָבן זיך דאָ באַזעצט דעם 19־טן מאַי 1927. זיי האָבן אין אָנהייב אַ נאָמען געגעבן זייער יישוב — גבעת־אליהו, לויטן נאָמען פונעם מאַנאַסטיר „מאַר עליאַס", וועלכן מען זעט אַזוי קלאָר פונעם קיבוץ־בערגל. שרייבט איינער פון די גרינדערס, עמנואל בר־חיים, אין זיינע זכרונות: „מיר האָבן אויפגעשטעלט דאָס געצעלט אויפן שפּיץ בערגל און דאָ האָבן גע־ווינט דריי אָדער פיר חברים. צווישן אונדז און תלפיות איז געווען אַ ליידיקער שטח, די שכונה ארנונה האָט נאָך ניט עקזיסטירט. ניט געווען קיין שאָסיי,

נישט קיין טעלעפאָן, נישט געווען קיין עלעקטריע און דער עיקר — נישט געווען קיין וואַסער".

ווען די צאָל חברים איז גרעסער געוואָרן, איז צוגעקומען נאָך אַ פּלאָג... די ירושלימער אָפּטיילונג פון „גדוד העבודה" איז געווען צעטיילט אויף קאָמוניסטן און ציוניסטן; די ערשטע קיבוצניקעס אין רמת־רחל האָבן ממש זיך אויפגעהאַלטן אין צוויי באַזונדערע לאַגערן — אין געצעלט אויפן שפּיץ האָבן זיך באַזעצט די לינקע, און אַ ביסל צו מזרח, אין אַ צווייטן געצעלט — די רעכטע. דער דיכטער לייב יפה האָט דעם קיבוץ באַזוכט אין זיין גרינדונג־יאָר, 1927, און ער שרייבט: „אין גבעת־אליהו געפינען זיך חברים פון לינקס און חברים פון רעכטס. קרן־קיימת גיט באָדן די לינקע און דער קרן־היסוד וועט זיכער העלפן זיי זיך איינאָרדענען. מיט די געלטער פון פאָלק וועט דאָרט געשאַפן ווערן אַ נעסט פון קאָמוניזם, אַ נעסט פון שנאה צו דער אויפלעבונג פון לאַנד, צום ציוניזם. די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאָלפן די כוסייניס, דער מוסולמענישער פאַמיליע, וואָס שטייט בראש פון די שונאי־ישראל, און זיי וועלן העלפן אַלע אונדזערע שונאים. די באַציִונגען צווישן ביידע צדדים וועלן דאָרט זיין זייער שווערע, ממש אַ גיהינום, זיי וועלן נישט קאָנען אַרבעטן צוזאַמען און עס וועלן זיין צווייווירטשאַפטן. די אַרבעט איז אוממעגלעך אין אַזעלכע באַדינגונגען" (ל. יפה, „איגרות ויומנים", תשכ"ד, ז' 136). צום גליק האָט די אידעאָלאָגישע מחלוקת און פונאַנדערטיילונג אין קיבוץ נישט געדויערט מער ווי אַנדערטהאַלבן יאָר. „עס האָט ביי זיי, אויפן בערגל, געזיגט די צוגעבונדנקייט צום קאָמוניסטישן היימלאַנד, זי איז געווען שטאַרקער, ווי צו ארץ־ישראל, זיי זענען אַוועקגעפאָרן ,דינען דער רעוואָלוציע' און אין דער מערהייט אומגעקומען דאָרט אין די תפיסות און סיבירער שנייען" („ראשית ימי הגבעה"). מען האָט אויפגעשטעלט די ערשטע צריפים; מען האָט געאַרבעט אַלס טרעגערס אויף דער נאָענטער באַן־סטאַציע, אַלס רייניקונג־אַרבעטערס אין שטאָט — „מען האָט גענומען אָפּט זיך לייגן שלאָפן זאַטע..." (דאָרט). ווען עס זענען אין זעלבן יאָר, 1929, אויסגעבראָכן די אַנטי־יידישע אומרוען אין ארץ־ישראל, איז רמת־רחל אָנגעגריפן געוואָרן דורך די אַראַבער פון שכנותדיקן דאָרף צור־באַהער. זיי זענען געווען אַ גרויסע מאַסע און גוט באַוואָפנט, ווען די קיבוצניקעס פון רמת־רחל האָבן פאַרמאָגט בלויז דריי רעוואָלווערן, צוויי ביקסן, איין האַנט־גראַנאַט און אַ קליינע צאָל קוילן. דער מסירות־נפשדיקער ווידערשטאַנד האָט לאַנג נישט געקאָנט אָנהאַלטן און די יידן האָבן זיך צוריקגעצויגן קיין תלפיות, אין ירושלים. רמת־רחל איז פאַרוויסט געוואָרן. „דער ערשטער חורבן אונדזערער", ווי זיי רופן דאָס.

בלויז עטלעכע חדשים שפּעטער, דעם 10־טן יוני 1930, קערן זיך די מענטשן צוריק קיין רמת־רחל. „דאָס בילד וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדזערע אויגן איז געווען אַ טרויעריקס. אַלע צריפים פאַרברענט, אַלע ביימער אין גאָרטן — אויסגעהאַקט מיט העק, די טירן און פענצטער פון געמויערטן בניין אַרויסגעריסן, די פּאָדלאָגעס צעשטערט, די פרוכט־ביימער פון סאָד אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען — אַ פולשטענדיקע פאַרוויסטונג" (דאָרט). אָבער עקשנות, עקזיסטענץ־ווילן און ציל־באַוווסטקייט — האָבן שנעל צוריקגעבויט דעם יישוב. די נאַציאָנאַלע אינסטאַנצן האָבן גלייכצייטיק איינגעזען, אַז דער „שטאָטישער קיבוץ" איז אַ וויכטיקער

סטראַטעגישער פונקט פֿאַרן יידישן ירושלים — און מען האָט אים צוגעטיילט הילף און מעגלעכקייטן. מען האָט איבערגעבויט די איינציקע געמויערטע געביידע, זי פֿאַרגרעסערט, פֿאַרשטאַרקט און פֿאַרוואַנדלט אין אַ „פֿעסטונג". אויף דער מזרח־גרענעץ פֿון קיבוץ, אַנטקעגן שטענדיק־דראָענדיקן אַראַבישן צור־באַהער, האָט מען אויפֿגעבויט די „עמדת־יעקב", אַ צוויי־שטאָקיקע פֿאַרטיידיקונג־פּאָזיציע. דאָס איז אַ שטיין־טורעם, וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען פֿון יעקב בערגער, דער „הגנה"־קאָמאַנדיר פֿון ירושלים, וועלכער איז געפֿאַלן ביים פֿאַרטיידיקן חניתה אין דער ערשטער נאַכט פֿון איר גרינדונג אין גליל, און איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין רמת־רחל. אַנטקעגן האָבן די יאַרדאַנער אויפֿגעבויט אין צור־באַהער אַ באַפֿעסטיקטע פּאָזיציע, וואָס מען האָט גערופֿן „גלאָק", צוליב דער ענלעכקייט פֿון איר פֿאָרם צו אַ גלאָק.

שווערע יאָרן זענען פֿאַר רמת־רחל געווען „די ח"י יאָרן פֿון 1930 ביז 1948; פֿול מיט קריזיסן, אינערלעכע און אויסערלעכע, עקאָנאָמישע און פּאָליטיש־געזעל־שאַפֿטלעכע" — דערציילט די איינציקע קיבוץ־חברטע, וואָס איז נאָך פֿאַרבליבן פֿון די סאַמע ערשטע אין רמת־רחל, זהבה רוחין — „און דווקא דעמאָלט האָט דער קיבוץ זיך אַנטוויקלט און געוואַקסן. ביים אויסברוך פֿון דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה זענען מיר געווען הונדערט און פֿופֿציק חברים. אַ סך פּלמ"ח־מענטשן פֿון ירושלים האָבן אויסגעוויילט אונדזער קיבוץ פֿאַר זייער היים".

אין דער וואָך צווישן 15־טן און 22־טן מאַי 1948 איז פֿאָרגעקומען דער גרויסער אַנטשיידנדיקער, און אומגלייכער קאַמף — וואָס וואַרט נאָך אויף זיין עפּישן דערציילער — אַרום רמת־רחל, וואָס האָט אַנטשלאָסן, אין אַ גרויסער מאָס, וועגן דער ישראלדיקייט פֿון נייעם יידישן טייל ירושלים, ביז 1967. דער קיבוץ איז טאַקע אויף עטלעכע טעג ווידעראַמאָל פֿאַרלאָזט געוואָרן, און האָט געליטן זיין „צווייטן חורבן", אָבער באַלד צוריקגעקערט מיט פֿאַרשטאַרקונגען פֿון ירושלים. דער יאַרדאַנישער גענעראַל אַבדאַללאַ על־טאַל, איינער פֿון די הויפּט־קאָמאַנדירן פֿון „אַראַבישן לעגיאָן" אין דער מלחמה פֿון 1948, שרייבט אין זיין בוך „קאַמף פֿאַר ירושלים": „רמת־רחל איז געווען אַ שטאַרקע פֿאַרצוימונג פֿאַר די אַראַבישע ליניעס אין דרום ירושלים. עס האָט פֿאַרשאַרפֿט די האַרבקייט פֿון אונדזער לאַגע די אויסגעצייכנטע סטראַטעגישע לאַגע פֿון דאָזיקן יידישן פּונקט — אַ הויך בערגל, וואָס האָט לייכט געהערשט איבער צור־באַהער און איבערן וועג צווישן ירושלים און בית־לחם. אירע הייזער זענען געווען געבויט פֿון האַרטע שטיינער, וואָס האָט זיי פֿאַרוואַנדלט אין שטאַרקע פֿעסטונגען". ער האָט געוואָרפֿן אויפֿן קיבוץ, דער־ציילט ער, „עטלעכע קאָמפּאַניעס, צוויי פּאַנצער־אויטאָס און באַנוצט אַרטילעריע, כדי נישט צו דערלאָזן צוקומען קיין פֿאַרשטאַרקונג פֿון יידישן ירושלים. טראָץ דעם איז אונדזער אַנגריף דורכגעפֿאַלן. וואָלט דער אַנגריף אויף רמת־רחל זיך איינגעגעבן, וואָלט דאָס געווען אַ וויכטיקער גורם אין ליקווידירן דעם ווידערשטאַנד פֿון הונדערט טויזנט יידן אין גאַנץ ירושלים" — שטעלט פֿעסט דער אַראַבישער קאָמאַנדיר. פֿיר טעג האָבן נאָך געדויערט די אַנגריפֿן קעגן רמת־רחל, פֿון דרום־מערב האָט געשטורעמט די מצרישע אַרמיי און פֿון דרום־מזרח — די יאַרדאַנישע. דעם 26־טן מאַי האָבן זיך די אַראַבישע אַרמייען, שוין אונטערן דרוק פֿון יידישע

פאַרשטאַרקונגען, צוריקגעצויגן און אָפּגעשטעלט די אַטאַקעס אויף רמת־רחל. אָבער דער קיבוץ איז געווען גענצלעך פּאַרוויסט, דערציילט ווייטער עמנואל בר־חיים: „די ווירקלעכקייט איז געווען אַ ביטערע. אַלץ אויפגעריסן ביזן יסוד, צוזאַמען מיטן וווינונג־בנין. צעשׂרפטע ערד, צעשניטן דורך פאַרטיידיקונג־קאַנאַלן. אומעטום צע־שפּרייט מינעס און באָמבעס. טראָץ אַלעמען איז אונדזער באַשלוס געווען ווי שטאָל: צוריקקערן קיין רמת־רחל, אויפבויען אירע חורבות און באַנייען אונדזער היים".

דעמאָלט איז פאָרגעקומען אַ שווערער קריזיס: אַ טייל חברים וויל נישט צו־ריקקערן אין קיבוץ, ווו די גרענעץ, מיט פיינד ביי איר, וועט דורכגיין ממש ביי די פענצטער און טירן. זיי זענען אַוועק בויען אַ נייעם קיבוץ נאָענט פון חיפה, עין־כרמל. בלויז צוואַנציק משפחות קערן זיך צוריק קיין רמת־רחל נאָך דער אומאָפּ־הענגיקייט־מלחמה. דערציילט דער אַלטער קיבוץ־חבר: „ביז היינט רעדן נישט אַ סך פון אונדזערע חברים מיט די מענטשן וועלכע זענען אַריבער קיין עין־כרמל. עס איז געבליבן אַ פאַרביטערונג, כאָטש מען דאַרף יענע פאַרשטיין. די גרענעץ ממש אין שטוב האָט דאָך געמוזט משפּיע זיין, עס איז געווען אַ קאָשמאַר... מענטשן זענען אַוועק, ווען דאָס גרויסשטאָטישע לעבן האָט צו זיי געוווּנקען אַ קילאָמעטער פון שטוב". איז שטיל געווען אין און אַרום רמת־רחל אין די נײַנצן יאָר צווישן 1948 און 1967. ברוך, דער איצטיקער מזכיר פון קיבוץ זאָגט דאָך ריכטיק: „און אונדזער הויפּטשטאָט, אונדזער גרויסע שכנטע ירושלים, מיט דער גרענעץ אין איר האַרץ, האָט זיך דאָך אויך אַנטוויקלט פּאַמעלעך, אין אַ באַגרענעצטער פאָרם". ברוך מיינט, אַז „אויך דער 'קיבוץ המאוחד', אין וועלכן רמת־רחל איז אַנגעשלאָסן, האָט נישט געגלייבט אין אונדזער לעבנספעיקייט און נישט אַרויסגעוויזן קיין גרויסע גרייט־קייט אונדז צו שטיצן און העלפן, כדי אונדז אויפצוהאַלטן ביי דער וואַקלענדיקער עקזיסטענץ..."

דער גרויסער קער איז פאָרגעקומען נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה — „אַלץ האָט זיך געענדערט..." ירושלים איז דאָך ווי אויפסניי אַנטפּלעקט געוואָרן פאַרן ייִדישן פאָלק, אויך פאַרן פאָלק אין ישראל, אַלס זיין אוראַלטע פאַראייניקטע הויפּטשטאָט, האָט זיך גענומען מעכטיק אַנטוויקלען און צעבויען, אַזוי האָט רמת־רחל געמאַכט אירע ערשטע שריט צו בליִונג און אַנטוויקלונג.

*

אין מאָדערנעם נייעם חדר־אוכל, ביי אַ מיטאָג, וואָס איז „יום־טובדיק אין פראַסטן מיטוואָך", ווי עס באַצייכנט ריכטיק איינער פון אונדז, אויך אַ גאַסט, שמועסט מיט אונדז דער לאַנגיאָריקסטער חבר, מאַן, פון רמת־רחל, משה כץ, — צוויי זענען דאָ פון נאָך פריער ווי ער, ביידע חברות — זיין אייגענע פרוי, חנה, און זהבה רוחין.

דאָס איז דער פינפטער חדר־אוכל פון קיבוץ. דער ערשטער איז צעשטערט געוואָרן אין 1929, דער צווייטער אין 1948, דער דריטער אין 1967 — „יעדע מלחמה, אָדער עקססעסן האָבן ביי אונדז אָוועקגענומען אַן עס־זאַל..." איינער איז „סתם פאַרברענט געוואָרן אין אַ שריפה מיט עטלעכע יאָר צוריק, אויך דאָס גע־שעט..." — שמייכלט משה כץ, וועלכער באַגלייט אונדז איבערן קיבוץ. אַ געוואַל־

דיקער בוי־פֿאַרנעם. נייע וווין־הייזער, מאָדערנעווירטשאַפֿט־געביידעס, אַ פּרעכטיקער שווים־באַסיין, כאָטש אין רמת־רחל איז נאָך דערווייל פֿאַראַן ווייניקער חברים איצט, ווי אין 1948, צוויי און זיבעציק מיטגלידער און פֿינף און צוואַנציק קאַנדידאַטן. און זיינע ווערטער זענען פֿול מיט שמחה: „דאָס פֿריידיקסטע אין רמת־רחל היינט איז די גרויסע צאָל קינדער. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען כמעט נישט געטראָפֿן קיין יוגנטלעכע ביי אונדז אין קיבוץ. און היינט? — קוקט זיך אַרום! מיר פֿאַרמאָגן איצט, קיין עין־הרע, אַ סך קינדער, יוגנטלעכע חברים און דאָס ברענגט אַן אַטמאָספֿער פֿון באַנייִונג און צייכנט אָן צוקונפֿט". דער קיבוץ אַבסאָרבירט נייע עולים. מערערע משפּחות פֿון דרום־אַפֿריקע זענען „קאַנדידאַטן", אַנדערע דאַרפֿן נאָך אָנקומען. יונגע מענטשן.

„וואָס בינדט זיי מיט אייך? וואָס ציט זיי צום קיבוץ?" — פֿרעגן מיר.

עס ענטפֿערט חנה כץ, די פֿרוי פֿון משהן, מיט אַ טאָן פֿון אַראָפּרעדן זיך פֿון האַרץ: „אידעאָלאָגישע צוצי־פּונקטן זענען פֿאַראַן ווייניק, דאָס מוז געזאָגט ווערן, כאָטש עס זענען פֿאַראַן אויסנאַמען. דער יונגער דור היינט לעבט אָן אידעאָלאָגיע, אומעטום, אויף דער גאַנצער וועלט אַפֿילו, אַזוי אויך אין רמת־רחל... ביי מיר שטעלט זיך אָפֿט די קאַרדינאַלע פֿראַגע: צי איז מעגלעך צו בויען אַ קיבוץ און לעבן אין אים אָן אַ גרויסער וויזיע? נישט איינגעוואָרצלט אין אידעאָלאָגישע יסודות?... זעט אויס, אַז יאָ... די יוגנטלעכע געפֿינען זייער באַלדיקע, טאָג־טעגלעכע פֿאַרמעסטן; אַ צאָל איינצלנע מענטשן, אפֿשר זענען זיי אַפֿילו איינזאַם, פֿירן פֿאָראויס און אַנטוויקלען די ווירטשאַפֿט, אַפֿילו אָן אַ גענוגנדיקער אידעאָלאָגישער אָנלאָדונג". עס קאָן זיין, מיינט זי, אַז די נאָענטקייט צו דער שטאָט, ציט צו מענטשן קיין רמת־רחל: „די גרענעץ איז מער נישט נאָענט, אָבער די גרויסע שטאָט איז געבליבן ביי אונדזער זייט. מעגלעך, אַז מענטשן ציט־צו די דאָזיקע צונויפֿפֿלעכטונג, די קרייצונג, פֿון אַ קיבוץ מיט דער גרויסער שטאָט — מען קאָן געניסן פֿון ביידע גלייכצייטיק..."

חנה כץ דערציילט וועגן זיך, איר וועג צום קיבוץ, וואָס איז שוין, דוכט זיך, אַזוי ווייט פֿון אונדזערווירקלעכקייט, ווי עס זאָל האָבן געשען מיט דורות צוריק... „ביז דער עלטער פֿון פֿערצן יאָר האָב איך גאָרנישט געוווּסט וועגן ציוניזם. איך בין געבוירן אין פּוילן אין אַ פֿאַמיליע פֿון בונדיסטן, מיין היים איז געווען אַ טיפּיש־בונדיסטישע שטוב. די איינציקע שפּראַך איז געווען יידיש. לויט דער איבערצייגונג פֿון מיינע עלטערן, און איך האָב דאָס אַזוי איינגעזאַפּט מיט זייער דערציִונג, האָבן ,העברעיִש גערעדט בלויז יידן־בורזשויען; די יידן־פּראָלעטאַריער האָבן גערעדט, און געדאַרפֿט רעדן, בלויז יידיש...' בעת איך בין אַלט געוואָרן פֿערצן יאָר, האָט מיר אַ חברטע פֿון קלאַס אין שול געזאָגט: ,דו ווייסט, חנה, איך וויל אַ סך אין די נעכט...' ,פֿאַרוואָס וויינסטו?' — האָב איך געפֿרעגט. ,איך וויין אויף ציון' — איז געווען איר ענטפֿער. איך האָב געפֿרעגט אַ דערשטוינטע: ,וואָס איז דאָס ציון?' דעמאָלט האָט זי מיר דערציילט וועגן ארץ־ישראל, וועגן ציוניזם, איך האָב צום ערשטן מאָל אין לעבן געהערט וועגן ,די טריט פֿון גאולה', וועגן חלוצים וועלכע לייזן אויס אונדזער לאַנד פֿון וויסטקייט און וועגן אויפֿלעבונג פֿון יידישן פֿאָלק — דאָס זענען געווען פֿאַר מיר פֿרעמדע און אויסטערלישע זאַכן, גאָר ביי

און פרעמד. איך האָב מיט דורשט געטרונקען אירע רייד..." פינף יאָר שפּעטער איז חנה, מיט אַ גרופּע יוגנטלעכע פון „החלוץ" אין פּוילן, געקומען קיין ארץ־ישראל, „איבעררייסנדיק אין עלטער פון נײַנצן יאָר מיט די עלטערן און פאַרלאָזט מײַן בונדיסטישע היים". זי איז גלייך אָנגעקומען קיין רמת־רחל.

צוויי יאָר שפּעטער איז אָנגעקומען אויף דער „רמה", אויך פון פּוילן, דער חלוץ משה כץ. ער האָט געקענט פּערפעקט העברעיִש און געווען אַ בקי אין תנ"ך. די קיבוץ־חברטע חנה האָט נאָך אַלץ גערעדט יידיש, זי האָט „בשום אופן נישט געקאָנט זיך אַרײַנבײַסן אין עברית". מען האָט פאַרגעלייגט דעם נײַעם חבר כץ, ער זאָל פּרוּוון אויסלערנען „די חברטע חנה רעדן עברית און אפשר טאַקע אויך אַ ביסל תנ"ך". משה כץ האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע. אָבער, דערציילט מען ביז הײַנט אין קיבוץ, „זיי האָבן חתונה געהאַט איידער זי האָט זיך אויסגעלערנט בײַ אים רעדן... אויף דער חתונה זייערער האָבן זיי נאָך גערעדט צווישן זיך יידיש..." שפּעטער איז משה כץ געווען מיליטערישער קאָמאַנדיר פון רמת־רחל אין מאַי 1948, ווען „מיר האָבן מיט פאַרצווייפלטע כוחות פאַרטיידיקט רמת־רחל און צוריקגע־האַלטן, טראָץ זייערע שווערע אַטאַקעס, די מצרישע און יאַרדאַנישע אַפּטיילונגען, וואָס האָבן געוואָלט זיך אַרײַנרײַסן דורך דרום אין יידישן ירושלים".

*

מען קאָן נישט זײַן קיין גאַסט אין קיבוץ רמת־רחל, נישט באַזוכנדיק די חברטע זהבה. זהבה רוּחין איז די עלטסטע „וָתיקה", די לאַנגיאָריקסטע מיטגלידערין פונעם קיבוץ. ווען מען קומט אַרײַן אין איר צימער, וואַרפט זיך אין די אויגן אויף דער הויפּט־וואַנט אַ גרויסער אייל־פּאָרטרעט פון אַ וווּנדערשיינעם יינגל, מיט בלויע גרויסע, דוכט זיך לאַכנדיקע אויגן און געקרייזלטע ברוינע האָר.

„דאָס איז מײַן אַמנוֹן", זאָגט זהבה, זעענדיק ווי מיר קוקן אויפן בילד, „ער איז געפאַלן דעם 15־טן מאַי 1948 בײַם דעראָבערן דעם ,אַלענבי־לאַגער'. דאָס איז געשען אַזייגער עלף פאַרמיטאָג. איך האָב געהערט די שאָסן. נישט געוווּסט, אַז ער געפינט זיך דאָרט. אָבער פּלוצלינג איז מיר באַפאַלן אַ שווער געפיל. יעדער שאָס וואָס האָט זיך געהערט פון יענער זײַט, האָט מיך אונטערגעהויבן... איך האָב זיך אַרומגעדרייט אומרויִק. די מענטשן אין קיבוץ האָבן שוין געוווּסט, אַז מײַן אַמנוֹן איז געפאַלן. זיי האָבן מיר נישט דערציילט. איך האָב געפילט, אַז זיי דרייען זיך פון מיר אַוועק, אַז מען באַהאַלט פון מיר עפּעס... מיטאָגצײַט האָב איך געזאָגט מײַן מאַן, אַז ,עפּעס איז נישט אין אָרדענונג... עפּעס איז זיך פאַרלאָפן...' איך האָב אים געהייסן אַרויסגיין פרעגן צי עמעצער ווייסט עפּעס וועגן אמנונען. ער איז גע־גאַנגען, געפרעגט. מען האָט אים דערציילט... מען האָט געשיקט אַ געפּאַנצערטן אויטאָ ברענגען דעם קערפּער... בעת דער לוויה זענען די פרויען און קינדער שוין געווען גרייט עוואַקויִרט צו ווערן אין שטאָט אַרײַן..."

זהבה — „גאָלדע, יאָ, גאָלדע, הייס איך..." — דערהערט זי, ווען מיר זאָגן דאָס שטיל איינער דעם צווייטן — איז געקומען קיין ארץ־ישראל פון ליטע אין יאָר 1926 און זי איז צוגעשטאַנען צום „גדוד העבודה" אין תל־חי. פון דאָרט איז זי שנעל אַריבער קיין חיפה, פון וואַנען זי איז דריי חדשים שפּעטער אָנגעקומען

קיין ירושלים. „איך בין געפאָרן מיט דער באַן, האָבנדיק אַ קליין וואַליזקעלע, וואָס איז אויך געווען האַלב ליידיק... וואָס האָב איך דען פאַרמאָגט?...״ זי איז גלייך אָנגעקומען צום נייעם קיבוץ רמת־רחל: „שלום, איך בין דאָ...״ — האָט זי געזאָגט, קומענדיק צופוס פון וואָקזאַל — „און מען האָט מיך גלייך געשטעלט אַרבעטן אין קליידער־צימער, ,מחסן־בגדים, כביכול׳... וואָס פאַר אַ בגדים זענען דאָרט געווען?...״ שפּרייט זי פאַר אונדז פאַנאַנדער זכרונות פון בלויז מיט פופציק יאָר צוריק, וואָס זענען אויך אויס צו זיין בלויז מעשהלעך וועגן אַנדערע, ווייט־ווייטע צייטן...

„געווען דעמאָלט אַ זייער שווערע מאַטעריעלע לאַגע אין לאַנד. אין שטאָט איז געווען אַ גרויסע אַרבעטלאָזיקייט. בלויז אַ טייל פון אונדזערע בחורים האָבן געהאַט באַשעפטיקונג. איך געדענק, אַז מען האָט אויפגעהערט אונדז געבן ברויט אויף באָרג. דער מענטש, וועלכער האָט געבראַכט דאָס ברויט פון דער בעקעריי אויף אַן אייזל, האָט אָנגעהויבן פאָדערן מען זאָל באַצאָלן אין מזומן, אַנדערש האָט ער נישט געלאָזט אַראָפּנעמען דאָס ברויט פון אייזל. אין קליידער־מחסן איז נישט געווען אפילו קיין איין פּאָר סקאַרפּעטן פאַר די מענטשן, וועלכע גייען אַרויס צו דער אַרבעט. נאָך אַ פאַרמאַטערנדיקן טאָג אַרבעט האָט מען דערלאַנגט די חברים אַ שטיקל ברויט, אַן אוגערקע און עטלעכע איילבירטן — דאָס איז געווען דאָס גאַנצע עסן, אויפן גאַנצן טאָג. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, ווי עס איז מעגלעך אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט מיט אַ ליידיקן מאָגן, אַרבעטן שווער דעם גאַנצן טאָג, צוריקקומען אין אָוונט, אָנהייבן אַ געזאַנג און דערנאָך טאַנצן ביז חצות, און ווידער אויפשטיין צו דער אַרבעט ווען דער מאָגן מאָנט... אייניקע פון אונדזערע מענטשן האָבן געאַרבעט ביי טרעגעריי אויף דער באַן־סטאַציע, צוזאַמען מיט די אַראַבישע טרעגערס. ווען זיי האָבן אויסגעלאָדן קוילן, פלעגן זיי צוריקקומען אַהיים אינגאַנצן שוואַרצע. זיי זענען געגאַנגען זיך וואַשן, אָבער דער קוילן־אָפּזאַץ איז נישט אַראָפּ פון זייערע לייַבער — עס איז נישט געווען קיין זייף. איך האָב דאָס נישט געקאָנט פאַרטראָגן. איך בין אַוועק צום קאַסיר און אים דערקלערט, אַז מען מוז קויפן זייף. ער האָט אויף מיר געקוקט, ווי אויף אַ נישט־נאָרמאַלער... ,זע, חברטע, דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז אויב מיר באַצאָלן נישט מיט מזומן, באַקומען מיר נישט אפילו קיין איין לעבל ברויט. סיי אויף ברויט און סיי אויף זייף האָב איך נישט קיין געלט. וואָס איז וויכטיקער, לויט דיין מיינונג?׳ דאָך האָב איך נישט געקאָנט מיט דעם מסכים זיין... איך האָב גערעדט מיט עטלעכע חברטעס און מיר האָבן באַשלאָסן דורכצופירן אַ קאָנספּיראַציע: איינע, אָדער צוויי פון אונדזערע מיידלעך, קיינער זאָל נישט וויסן, וועלן גיין אַרבעטן ווי דינסטן ביי יידן אין ירושלים; דאָס געלט, וואָס מיר וועלן אַזויאַרום פאַרדינען, וועלן מיר נישט איבערגעבן דעם קאַסיר, נאָר קויפן פאַר דעם זייף, סקאַרפּעטן און נאָך עטלעכע נייטווענדיקע זאַכן. און אַזוי האָבן מיר געטאָן. אייניקע פון אונדז זענען אַרויסגעגאַנגען אין געהיים אַרבעטן אין די הייזער פון רייכע יידן. די געבליבענע האָבן אויסגעפירט די אַרבעט פון די פעלנדיקע, מיט גרעסערן אָנשטרענג, אָדער מער שעהען. אַזוי האָבן די בחורים באַקומען זייף און סקאַרפּעטן...״

„אין יענעם יאָר״ — דערמאָנט זיך זהבה — „אין 1927, האָבן מיר גענומען אויפבויען דעם נייעם פונקט, רמת־רחל, כדי אַרויסצוטראָגן זיך פון די געצעלטן.

די מענטשן פון דער ,פראַקציע', די קאָמוניסטן, האָבן געבויט פון איין זייט, און מיר, ציוניסטן, פון דער צווייטער זייט. די ,פראַקציאָנערן' האָבן אונדז לאַנג נישט געשטערט. זיי האָבן נישט אויסגעהאַלטן און פאַרשווונדן. מיר האָבן אויסגעבויט צריפים און זיך ,איינגעבירגערט' אויפן פּלאַץ. אָבער נישט מער ווי העכער צוויי יאָר האָט מען אונדז געלאָזט רויִק זיצן און הונגערן... עס זענען אויסגעבראָכן די בלוטיקע אומרוען פון 1929 און מיר האָבן מיט ווייטיק פאַרלאָזט רמת־רחל..."

מען האָט עוואַקויִרט די פרויען און קינדער. די מענער זענען פאַרבליבן צו פאַרטיידיקן דעם יישוב. „זייער באַוואָפענונג זענען געווען דריי רעוואָלווערן מיט צוויי ביקסן. די אַראַבער האָבן אָנגעגריפן מיט אַ גרויסער גוט־באַוואָפנטער מחנה. איין חבר איז געהרגעט געוואָרן. בײַנאַכט האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן קיין תלפיות, וווּ מיר זענען געווען. אָבער בקרוב האָט מען געמוזט זיך צוריקציען אויך פון תלפיות. אַלע יידן פון דער שכונה, צוזאַמען מיט די מענטשן פון רמת־רחל, זענען אַריבערגעפירט געוואָרן קיין ירושלים גופא. רמת־רחל איז אויסגערויבט און פאַרברענט געוואָרן..."

אין 1948 האָט זהבה רוחין נישט געוואָלט עוואַקויִרט ווערן בעת די קאַמפן. „נישט בלויז ווייל אַמנון איז געפאַלן. איך האָב געדענקט די עוואַקואַציע פון 1929... קיין איין מאַן איז דעמאָלט נישט געווען מיט אונדז, דער גאַנצער עול איז געפאַלן אויף אונדז, יונגע מיידלעך נאָך. עס איז געווען שווער אין פּליטים־באַדינגונגען. מען האָט מיר צוגעזאָגט, אַז מיין מאַן וועט מיטפאָרן, אָדער קומען שפּעטער... איך בין, פאַרשטייט זיך, געפאָרן מיט די קינדער, ווידער קיין תלפיות. געוויינלעך האָט געדויערט די רייזע פון רמת־רחל קיין ירושלים אַ פערטל שעה, אונדזער עוואַקואַציע־וועג אין 1948 האָט אָבער געדויערט פיר שעה. צום סוף איז איין אויטאָבוס קאַליע געוואָרן און מיר זענען געגאַנגען צופוס, צווישן שיסערייען און אויפרייסן..."

„און איצט, גאָלדע ?..." — כאַפּט זיך אַרויס אַ פראַגע מיטן יידישן נאָמען.

זי צעשמייכלט זיך: „מען האָט אַלץ איבערגעלעבט. און איצט ? כאָטש אויף דער עלטער, דערלעבט גוטע, רויִקע און זאַטע צייטן... אונדזער רמת־רחל בליט און וואַקסט".

1977

דאָס אוראַלטע אונטערערדישע רמת־רחל

די אויסגראָבונגען באַווייזן, אַז אויפן בערגל פון היינטיקן רמת־רחל איז געווען נישט בלויז אַ פעסטונג אין אַלטערטום, נאָר אַ גאַנצער יישוב, וועלכער האָט פאַרנומען ביי צוואַנציק דונאַם. דאָס האָט געהייסן אַ גרויסער יישוב, נעמענדיק אין אַכט, אַז גאַנץ ירושלים אין דוד המלכס צייטן האָט אַרומגענומען אַ שטח פון פינף און צוואַנציק ביז פערציק דונאַם.

אָבער ווי דער יישוב האָט געהייסן איז ביז לעצטנס נישט געווען באַוווּסט. מען האָט געפונען כלים מיט אויפשריפטן, שטעמפּלען, קברים מיט נעמען — אָבער נישט דעם נאָמען פון יישוב.

דער אויסגראַבונג־סעזאָן אין רמת־רחל, וואָס איז איצט פאַרענדיקט געוואָרן, האָט באַוויזן, אַז דער פּאַלאַץ האָט געהערט צום מלך יהויקים און קעגן דאָזיקן פּאַלאַץ האָט זיך אַזוי געבייזערט דער נביא ירמיהו.

מען האָט געפונען איבערבלייבענישן פון די פּאַלאַץ־פענצטער. גרויסע פענצטער, ממש מאָנומענטאַלע, מיט קינסטלערישע באַצירונגען כאַראַקטעריסטישע פאַר דער פּאַלאַץ־אַרכיטעקטור פון גאַנצן מזרח אין יענער צייט. די פענצטער זענען געווען אַ נייעס און פאַרשווענדונג — דעריבער האָט דווקא אויף זיי זיך אויסגעגאָסן דער צאָרן פונעם נביא.

ביז איצט זענען די דאָזיקע פענצטער געווען באַקאַנט פון העלפאַנטביין־בילדער פון יענער צייט, וואָס שטעלן פאָר די קיניגלעכע פּאַלאַצן. מען האָט די דאָזיקע סקולפּטור־בילדער געפונען אין נמרוד און אין אַנדערע אויסגראַבונגען, אין סיריע און אין אַלטן אַשור. זיי זענען באַקאַנט אין דער וויסנשאַפט אַלס „די פרוי וואָס קוקט דורכן פענצטער". זיי שטעלן אומעטום פאָר אַ פרוי (מעגלעך אַ געטין), וואָס



די פענצטער־שניצערייען פון מלך יהויקימס פּאַלאַץ אין רמת־רחל

שטייט ביי די פענצטער־קראַטעס. אין תנ"ך איז אויך פאַרשפּרייט דער מאָטיוו פון „אַ פרוי אין פענצטער", ווי למשל: „דורכן פענצטער האָט געקוקט און געיאָמערט, דורך דער פּאַרטקע, די מוטער פון סיסראָן" (שופטים ה', כ"ח); „און איזבל האָט דערהערט, — — — און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער" (מלכים ב' ט', ל'); „אַזוי האָט מיכל די טאָכטער פון שאולן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער" (שמואל ב' ו', ט"ז). אָבער אין תנ"ך רעדט זיך נישט וועגן געטינס, נאָר פרויען פון באַקאַנטע, לרוב קיניגלעכע, משפחות.

אין רמת־רחל האָט מען איצט, צום ערשטן מאָל אין ארץ־ישראל, געפונען איבערבלייבענישן פון פענצטער פון אַ קיניגלעכן פּאַלאַץ פון אַ יהודה־מלך. פענצטער־טיילן בפועל ממש — די שטיינערנע קאָלומנעס, וואָס האָבן זיי באַצירט און אונטערגעהאַלטן. אויפן ווייסן קרייד־שטיין פון די קאָלומנעס און קרוינען זענען געבליבן איבערבלייבענישן פון רויטער פאַרב, און אין די קרוינען־שפּיצן — לעכער, וואָס באַווייזן, אַז עס האָבן אין זיי געשטעקט האָלץ־טיילן. דאָ איז דער אַרכעאָלאָג פּראָפ. יוחנן אהרוני געקומען צום אויספיר, אַז דאָס זענען די פענצטער מיט דער „רויטער פאַרב" און מיט „צעדער" פון מלך יהויקים.

*

צום פֿאָרענדיקן דעם פֿינפֿטן גראַב־סעזאָן, אין האַרבסט 1962, האָט אונדז דער הויפּט־אַרכעאָלאָג איינגעלאַדן קיין רמת־רחל. פּראָפֿעסאָר יוחנן אהרוני איז נישט בלויז אַ געלערנטער און פֿאָרשער, נאָר אויך אַן אויסנאַמלעכער „פֿאַרלייענער" פֿון געשיכטע, אין די היילן, אויף די מויערן, שטיינער, קעגנשטאַנדן, וואָס ער האָט אַרויסבאַקומען פֿון די באַהעלטענישן אין דער ערד נאָך טויזנטער יאָרן.

„מיר געפֿינען זיך אין בית־הכרם פֿון מלך יהויקים" — זאָגט ער מיט איבער־צייגונג — „דאָ, ווו עס האָט זיך געפֿונען ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק אַ פֿעלדזיק בערגל, באַוואַקסן מיט קוסטעס, צעאַקערט און צעשניטן דורך פֿאַרטיידיקונג־קאַנאַלן און פֿאַרזייט מיט שטיינער און שערבלעך, אַנטפּלעקן זיך פֿאַר אונדז איבערבליי־בענישן פֿון אוראַלטע יישובים מיט זייערע מויערן און בנינים. דעטאַלן, אַמאָל קליינטשיקע פּרטים, פֿאַראייניקן זיך אין אַ גאַנץ בילד. טאַקע נישט קיין פֿולקאָם בילד, ווייל פֿיל איז אָפּגעמעקט געוואָרן אין לויף פֿון די דורות, אָבער דאָס בילד איז קלאָר און איבערצייגנדיק. און מיטן שווייגן פֿון די שטומע שטיינער פֿאַראייניקן זיך די פֿאַרצייטיקע מקורות, אין דער ערשטער ריי דער תנ"ך. כאָטש נישט שטענ־דיק איז לייכט אַנצוקניפּן דעם ריכטיקן צוזאַמענבונד, אָבער דוכט מיר, אַז רעזו־מירנדיק פֿינף יאָר גראָבן דאָ, איז אונדז דערלויבט צו מאַכן די היסטאָרישע פֿאַר־בינדונג, ווייל מיר האָבן אויפֿגעגראָבן געננוגנדיקע געגעבענע, כדי צו באַלייכטן מיט אַ נײַ ליכט איינע פֿון די פּרשיות אין דער יידישער געשיכטע". און ער האָט אונדז געפֿירט איבער זיבן אַרכעאָלאָגישע שיכטן, וואָס האָבן געצייכנט די עקזיס־טענץ פֿון יישוב אויפֿן בערגל, און טיף אין אים, ווו עס געפֿינט זיך רמת־רחל — אָנגעהויבן אין די צייטן פֿון די יהודה־מלכים אין די נײַנטע און אַכטע יאָרהונ־דערטער פֿאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג און ענדיקנדיק אין דער עפּאָכע פֿון דער אַראַבישער אַריינדרינגונג, אין די יאָרהונדערטער זיבן און אַכט נאָך קריס־טוסן.

די וויכטיקסטע אַנטפּלעקונג אינעם בערגל איז געווען דער „קיניגלעכער פּאַ־לאַץ". גלייך ביים אויפֿגראָבן די איבערבלייבענישן, האָט מען געזען, אַז דאָ האָט זיך געפֿונען נישט סתם אַ פֿעסטונג־בנין אויף אַ וויכטיקן וועגן־פּונקט, ווי מען האָט געפֿונען פֿיל פֿון יענער צייט, נאָר דאָס איז אַ באַפֿעסטיקטער פּ אַ ל אַ ץ פֿון איינעם פֿון די יהודה־מלכים. דאָס האָבן באַוויזן די געטעסעטע שטיינער, וואָס זענען געווען אויסגעגלאַטיקט און צוגעפּאַסט איינער צום צווייטן, מיט אַזאַ אָנשטרענג ווי מען האָט זעלטן אָנגעטראָפֿן אין איבערבלייבענישן פֿון יענער צייט. אַ ביסל ענלעכע בוי־אָנשטרענגונגען אין ארץ־ישראל קאָן מען געפֿינען בלויז אינעם פּאַלאַץ פֿון די מלכים עמרי און אחאב אין שומרון. „דאָס איז איינער פֿון די פּרעכטיקסטע בוי־טיילן פֿון דער עפּאָכע פֿון דער יידישער מלוכה, וואָס איז אַנטפּלעקט גע־וואָרן אין ארץ־ישראל", שטעלט פֿעסט פּראָפֿ. אהרוני. די טירן פֿון טויער און פֿון הויפּט־בנין זענען געווען באַצירט מיט פּראָטאָ־אייאָליטישע קרוינען, וואָס זענען די איינציקע מוסטערן פֿון דאָזיקן מין פֿעניקישער אַרכיטעקטור, וואָס זענען געפֿונען געוואָרן אין יהודה. מען האָט געפֿונען אין רמת־רחל פֿיר גאַנצע קרוינען און טיילן פֿון אַנדערע — מער ווי מען האָט געפֿונען ענלעכע אין די פּאַלאַצן פֿון די ישראל־קיניגן אין שומרון, מגידו און חצור. דאָס באַווייזט וועגן

דער גרויסער פראַכט מיט וועלכער מלך יהויקים האָט געבויט זיין בייעם פּאַלאַץ. לויט די וויסנשאַפטלעכע פעסטשטעלונגען פון די חורבות איז דער פעסטונג־פּאַלאַץ פאַרברענט געוואָרן אין סוף פון בית־ראשון, מער־ווייניק אין דער צייט פון ערשטן חורבן־ירושלים, אין יאָר 587 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. צווישן די חורבות האָט מען געפונען אָפּדרוקן פון זייער אינטערעסאַנטע שטעמפּלען.

דער אָפּדרוק אויף כלים־שטיקלעך „לאליקים נער יוכן", וואָס איז געפונען געוואָרן אויך אויף עטלעכע אַנדערע פּלעצער אין יהודה, איז ספּעציעל כאַראַקטעריסטיש: „יוכן" איז „נישט קיין אַנדערער ווי יהויכין מלך יהודה", איז זיכער יוחנן אהרוני. ער האָט געקיניגט נישט מער ווי דריי חדשים נאָך זיין פאָטער יהויקים, איז פאַרטריבן געוואָרן קיין בבל (אין יאָר 597 פאַר דער קצ"ר) און ווערט אין די מקורות אָנגערופן אויך יויכין, יכניה, כניהו. זיין קורץ קיניגטום איז פאַרגעקומען פאַרן לעצטן מלך פון בית־ראשון צדקיהו (597—586). איין שטעמפּל איז מיט אַ פינף־שפּיציקן „מגן־שלמה" און צווישן די שפּיצן די אותיות „ירושלים". אַנדערע שטעמפּלען: „מנחם (בן) יהובנה" ; „נרא (בן) שבנא". היסטאָריש גאָר וויכטיק איז דער שטעמפּל „יהוד פחוה" — פון דעם דאָזיקן שטעמפּל ווערט קלאָר אַז עס האָט עקזיסטירט אַ „פּחוה יהודה", ווו עס האָט געהערשט אין נאָמען פון מלך אַ „פּחה" (דאָס וואָרט שטאַמט פון אַקאַדיש־לשון: „פּאַכאַטו", קרייז; „פּעכאַ" — קרייז־הערשער. פון דעם האָבן זיך באַקומען די שפּעטערדיקע אַדל־טיטלען „פּאַשאַ" אין טערקיי און „באַשאַ" אין מצרים). פון אַנדערע געפונענע שטעמפּלען זענען אפילו באַקאַנט געוואָרן די נעמען פון צוויי יידישע פּחָהס: יהוֹעֶזר און אַחָזי. יהואש זעצט איבער דעם ראַנג „פּחה" אויף איין אָרט „דוכסים" („פּחות וסגנים", ירמיה נ"א, כ"ג) און אויף אַ צווייט אָרט, פשוט „פירשט" („לחם הפּחה", נחמיה ה', י"ח).



דאָס אַלטע שערבל, געפונען אין רמת־רחל, מיט אַ בילד פון אַ קיניג — איז דאָס יהויקים מלך ישראל ?

אַן אייגנציקאַרטיק און אייגנאַרטיק געפינס צווישן די חורבות פון אַלטן יידישן קיניגלעכן פּאַלאַץ איז אַ שטיקל פון אַ קרוג מיט אַ צייכענונג אין שוואַרץ־רויט, וואָס שטעלט פאָר אַ הויכן מענטש מיט אַ גלייך־פאַרקעמטער באָרד און אַראָפּהענגענדיקע האָר־לאָקן; ער זיצט אויף אַ טראָן, אָנגעטאָן אין אַ געשטרייפט קלייד מיט קורצע אַרבל און די הענט אויסגעשטרעקט פאָראויס.

פֿאַרגלײַכנדיק מיט אשורישע צײכענונגען פֿון דער זעלבער עפּאָכע, איז קײן ספק נישט, אַז דאָס איז אַ קיניג, זיצנדיק אין זײַן מלכות־פּאַטעל. דאָס איז, ביז איצט, דאָס אײנציקע בילד פֿון דעם מין וואָס איז געפֿונען געוואָרן אין ארץ־ישראל, און איז געפֿונען געוואָרן אין אײנעם פֿון די צימערן פֿון יהויקימס פּאַלאַץ. איז נישט דערלויבט צו קלערן, אַז דאָס האָט דער קינסטלער געצײכנט דאָס בילד פֿון זײַן מלך?... איז עס אפשר דאָס אײנציקע אויטענטישע בילד פֿון אַ קיניג פֿון דער דוד־דינאַסטיע — פֿון יהויקים מלך ישראל...

נאָך דעם ערשטן חורבן, ווײַזן די אויסגראָבונגען, איז דער יישוב אויפֿן דאָזיקן פּלאַץ באַנײט געוואָרן אין דער צײַט פֿון שיבת־ציון אין די צײַטן פֿון עזרא און נחמיה. דרומדיק פֿון אַלטן פּאַלאַץ איז אויפֿגעבויט געוואָרן אַ קלע־נערע פֿעסטונג. לויט די געפֿונענע שטעמפּלען און קעגנשטאַנדן, איז זיכער, אַז דאָס אָרט איז געבליבן אַן אַדמיניסטראַטיווער צענטער אויך אין די צײַטן פֿון בית־שני. די צווייטע פֿעסטונג איז חרוב געוואָרן אין דער העלעניסטישער עפּאָכע, מעגלעך אַז בעת די חשמונאים־מלחמות; דעמאָלט איז דאָ, צום ערשטן מאָל אין דער אַרכעאָלאָגישער געשיכטע פֿונעם אָרט, אויפֿגעבויט געוואָרן אַ גע־ווײַנלעכער ציווילער יישוב, וואָס האָט עקזיסטירט ביזן חורבן בית־שני. פֿון דאָזיקן יישוב זענען פֿאַרבליבן געבוי־איבערבלײַבענישן און אײניקע קברים־היילן מיט גלאָסקאָמעס, מתים־קאַסטנס מיט באַצירונגען און אויפֿשריפֿטן אין אַראַמיש, גריכיש און אפֿילו אַלט־העברעיש, אויף אײנעם איז לייענבאַר: „שמעון בר אלעזר", — פֿון דעם דרינגט מען, אַז די קברים זענען פֿון ייִדן.

נאָך אַ געוויסן איבעררײַס איז דאָס סטראַטעגישע בערגל פֿאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ באַפֿעסטיקטן צענטער פֿון צענטן רוימישן לעגיאָן, וואָס איז גע־שטאַנען אין ירושלים פֿונעם חורבן ביזן יאָר 300 נאָך קריסטוסן מער־ווייניק. עס זענען פֿאַרבליבן דאַכלקעס, דיל־קאַכלעס, ציגל, מיט אָפּדרוקן פֿון עמבלעם פֿונעם לעגיאָן. אויסער געוויינלעכע לײַכטע בנינים, וואַרשײַנלעכע ווױן־ערטער פֿון זעלנערס, זענען פֿאַרבליבן פֿון יענער צײַט חורבות פֿון אַ לוקסוסדיקער ווילע אין רוימישן סטיל, מיט אַ גרויסן הויף אַרומגערינגלט דורך קאָלומס; לעבן דער ווילע — אַ באָד מיט אַ מאָזאַיִק־דיל און פֿאַרפּולקאָמטע וואַרעם־אײַנריכטונגען. אין פֿינפֿטן יאָרהונדערט פֿון דער קריסטלעכער צײַטרעכענונג איז דאָ אויפֿגע־בויט געוואָרן אַ קירך און אַ קלויסטער מיטן נאָמען „קאַטיסמאַ", אַ נאָמען וואָס שטאַמט פֿון גריכישן וואָרט „זיץ־אָרט" — דאָ איז געזעסן און זיך אָפּגערוט, לויט אַ קריסטלעכער מסורה, מרים די מוטער פֿון ישו, אויפֿן וועג פֿון ירושלים קײן בית־לחם צום געבוירן פֿון איר זון. דאָס זענען געווען מאָסיווע ביזאַנטישע געבײַדעס. דער רוסישער בישאָף דניאל האָט אין יאָר 1107 באַזוכט דאָס אָרט און באַקלאָגט דעם „ביטערן גורל פֿון דער קירך און מאָנאַסטיר, הייליקע ערטער אויפֿן נאָמען פֿון מאַריאַ, ,קאַטיסמאַ', ווו זי האָט גערוט אין איר שוואַנגערשאַפֿט, און דאָס ווערט איצט חרוב־געמאַכט דורך די אומגלויביקע" („פּילגרים־רײַזע פֿון רוסישן בישאָף דניאל", ענגליש, לאָנדאָן, 1888). פּאַקטיש האָט זיך דער חורבן פֿון „קאַטיסמאַ" אָנגעהויבן גלײַך אין זיבעטן יאָרהונדערט, אין אָנהייב

פון דער אַראַבישער אַריינדרינגונג אין לאַנד — די לאַנגע טויזנטער־יאָריקע געשיכטע פונעם בערגל, ביזן גרינדן רמת־רחל, האָט פאַרענדיקט אַן אָרעם אַראַביש ביישטאָטיש דערפל.

פּראָפעסאָר יוחנן אהרוני האָט, ווי געזאָגט, דאָס אָרט אידענטיפיצירט מיטן תנ״כישן בית־הכּרם. דאָס אָרט ווערט פיל מאָל דערמאָנט אין אונדזערע אַלטע מקורות, אָבער מען האָט נישט געוווּסט וווּ עס האָט זיך געפונען. בית־הכרם ווערט צום ערשטן מאָל דערמאָנט אין דער „סעפּטואַגינטאַ״, די גריכישע תנ״ך־איבערזעצונג, ווו דאָס ווערט צוגעגעבן אין דער ליסטע פון שטעט וואָס יהושע האָט צעטיילט די שבטים (יהושע ט״ו, נ״ט), כאָטש דאָס איז אין אונדזער העברעישן תנ״ך־מקור נישטאָ. האָבן די גריכישע איבערזעצערס געהאַט פאַר זיך אַן אַנדערן וואַריאַנט פון ספר־הספרים? נביא ירמיהו זאָגט (ו׳, א׳): „...אַרויס פון ירושלים, און אין תקוע בלאָזט אַ שופר, און אין בית־כרם הייבט אויף אַ צייכן״, „שׂאוּ משׂאֵת״ — דער „צייכן״ איז געווען צינדן אַ פלאַקער; נישטאָ קיין מער פּאַסיק אָרט אין דרום פון ירושלים, ווי דאָס בערגל פון רמת־רחל, אָנצוצינדן וואָרענונג־פלאַקערס, בפרט ווען מיר ווייסן, אַז אין ירמיהוס צייטן איז דאָ געווען אַ באַפעסטיקטער פּאַלאַץ. בית־הכרם ווערט אויך דערמאָנט אין דער משנה און אין די מגילות פון ים־המלח אַלס אַ פּלאַץ נאָענט פון ירושלים, אָבער אָן אידענטיפיצירנדיקע פּרטים.

„לויטן כאַראַקטער פונעם אָרט קאָנען מיר איצט אויך אויסטייטשן זיין נאָמען. מיר האָבן געזען אַז אויף דעם פּלאַץ איז געשאַפן געוואָרן אַ מלוכהשע פעסטונג, וואָס אַרום איר זענען געווען טרעפּאַרטיקע, ווי טעראַסעס, באַדן־שטיקער און פויערים־הייזער. דאָס איז בית־הכרם, דאָס הויז אין דער געגנט פון די וויינגערטנער, וואָס אַרום אים האָט זיך קאָנצענטרירט אַ יישוב פון פויע־רים און וויינגערטנער״ (י. אהרוני, „דרכים ואתרים״, ז׳ 189).

מען האָט אין אָנהייב געמיינט, אַז דער פּאַלאַץ איז פון עוזיהו בן אמציה מלך יהודה, וועלכן „גאָט האָט געפּלאָגט, און ער איז געווען אַ מצורע ביז דעם טאָג פון זיין טויט. און ער איז געזעסן אין דעם אָפּגעזונדערטן הויז״ (מלכים ב׳ ט״ו, ה׳). האָבן די אַרכעאָלאָגן געזוכט דאָס „בית החפשית״, ווו עס איז געזעסן דער לעפּרע־קראַנקער קיניג, וועלכער האָט דאַך, לויט דער תורה, אַלס אָנשטעקנדיקער קרעציקער געמוזט דערווייטערט ווערן פון ירושלים. עוזיהו האָט, אָבער, געקיניגט אַ צווייי יאָרהונדערטער פריער (785—734) און דער בוי־אופן איז פון יהויקימס צייטן. אָבער צי באַהאַלט זיך נישט אין די טיפערע שיכטן פונעם בערגל אויך מלך עוזיהוס „בית החפשית״?

דאָס איז נישט די איינציקע פראַגע וואָס שטעלט זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט די אויסגראָבונגען אין רמת־רחל. נישט בלויז אַרכעאָלאָגישע, נאָר היסטאָרישע רעטענישן: צוליב וואָס האָט יהויקים געבויט זיין לוקסוס־פּאַלאַץ און שטאַרקע פעסטונג אויסער ירושלים? אפשר צוליב דער אויפרעגונג פונעם פאָלק, ווייל „ער האָט אָנגעפילט ירושלים מיט אומשולדיק בלוט״, ווי עס ווערט אָנגעדייט אין מלכים ב׳ (כ״ד, ד׳)? אָדער ער האָט זיך שוין געגרייט צו זיין

שפּעטערדיקן גרויסן בונט קעגן בבל? די שטאַרקע פעסטונג אַרום פּאַלאַץ, אויסער אים, איז דאָך געווען באַשטימט צו האַלטן דאָרט זעלנערס און מלחמה־וועגענער.

די אויסגראָבונגען אין רמת־רחל זענען די לעצטע יאָרן געפירט געוואָרן צוזאַמען דורך די אוניווערסיטעטן פון רוים און ירושלים. בראש איז טאַקע געשטאַנען אונדזער אַרכעאָלאָג פּראָפ. יוחנן אהרוני, אָבער צוזאַמען מיט אים האָט געפירט די גראָבונגען פּראָפעסאָר סאַבאַטינאָ מוסקאַטי, דעקאַן פון מזרח־אינסטיטוט ביי דעם אוניווערסיטעט אין רוים. האָבן זיך, ווייזט אויס, אויך ביים איטאַליענישן געלערנטן, געשטעלט די זעלבע, ענלעכע, אָדער אַנדערע פראַגעס, ווען ער האָט דערקלערט ביים פּאַרלאַזן ירושלים:

„די אויסגראָבונגען אין רמת־רחל זענען פאַרענדיקט, אָבער דאָס איז בלויז טעאָרעטיש. דאָס בערגל באַהאַלט נאָך, מיין איך, פיל אינטערעסאַנטע געשיכט־לעכע סודות. דער פּונקט איז אַזאַ וויכטיקער, אַז ער האָט געמוזט דורכמאַכן געשיכטלעכע קאַטאַקליזמען אין אַלע עפּאָכעס — ווי עס באַווייזט דאָס די איצטיקע פיר־צענדליק־יאָריקע געשיכטע פון דער מאָדערנער רמת־רחל — מיר וועלן נאָך, דעריבער, מסתמא צוריקקומען גראָבן אין די טיפענישן און אויפן פאַרבליבענעם אויבערפלאַך פון דאָזיקן בערגל״.

*

האָט מען פאַרגעסן די מעגלעכקייט צו געפינען דאָ אַ הייליקן אוצר?...

צווישן די וויכטיקע שריפטן, דאָקומענטן, בריוו, וואָס מען האָט געפונען אין די היילן פון מדבר יהודה אין די לעצטע דריי־פיר יאָרצענדליקער, איז פאַראַן אַן אַזוי־גערופענע „קופּער־מגילה״, ווו עס ווערט איבערגעגעבן וועגן אוצרות פון בית־המקדש וואָס זענען באַהאַלטן געוואָרן איידער די רוימער האָבן איינגענומען ירושלים, אין פאַרשיידענע ערטער פון לאַנד. צווישן די באַהאַלטענע אוצרות: „מיט ברכה פון בית־הכרם. אַנקומענדיק פון לינקס — צען איילן, צוויי און זעכציק כּיכּר זילבער״. אַ גאַנץ גרויסער פאַרמעגן: דאָס אַלטערטימ־לעכע געוויכט „כּיכּר״ האָט געוויגן איין און צוואַנציק מיט אַ האַלבן קילאָגראַם... ליגט דאָס אויך ערגעץ איבעם בערגל פון רמת־רחל ביז היינט?

אַ טייל פון בית־המקדש־אוצר...

1970

דער „באַרג פון גאָט"

ניין, מיר מיינען נישט דעם באַרג סיני, נישט דעם באַרג מוריה און נישט אַנדערע בערג, וואָס זענען באַרימט געוואָרן מיט דעם, אַז „גאָט האָט זיך אויף זיי באַוויזן", אָדער „אויף זיי גערוט".

אַ באַרג אין ירושלים, נישט אין מיטן דער שטאָט, ביים ראַנד, אָבער אַ ירושלימער באַרג. וועט זיך, דוכט מיר, באַווייזן אַ שמייכל אויף יעדנס ליפּן:

וואָסער באַרג־שפּיץ אין און אַרום אונדזער אוראַלטן ירושלים איז נישט פאַרבונדן אויף עפּעס אַן אופן מיט גאָט?... אויף וועלכן שפּיץ דאָ האָט זיך עס נישט באַוויזן אָדער געטאָן אַ נס גאָט — לויטן גלויבן פון איינער פון די גרויסע רעליגיעס?...

אָבער גראָד דער שפּיץ, וואָס טראָגט דעם נאָמען „באַרג פון גאָט", איז נישט פאַרהייליקט ביי קיין שום רעליגיע, האָט נישט אין זיין געשיכטע קיין שום געט־לעכע ניסים...

„...אויסער דעם נס פון יאָר תש״ח!" — וואַרפט צו מיט אַ שמייכל אונדזער באַגלייטער אין די גדנ״ע־מלבושים, דער יונגער יוסף רחמים.

*

אין נייעם באַרג־יִישוב פון תימנער יִידן, אורה, האָט אונדז יוספס פאָטער דורכן פענצטער פון בית־כנסת־צריפל געוויזן אויף דער פּראַכטפולער בערג־מאָזאַיִק פון די הרי־ירושלים, און פרום געצויגן מיט זיין ווייכער תימן־אויסשפּראַך:

„אומעטום רוט דאָ גאָט... אומעטום זעט מען דעם אצבע אלהים... ווי דער נאָמען פון אונדזער מושב דערציילט, אַז ,ליהודים היתה אורה׳... ,ויצאנו מאפלה לאורה׳..."

זיין גדנ״ע־זון האָט אים איבערגעריסן, גאָרנישט מעשה־כיבוד־אב, מיט אַן אפּיקורסישער פראַגע:

„אומעטום, אבא? אויך אויף דזשאַבעל־אַ־ראַב?..."

דעמאָלט האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט דעם נאָמען „באַרג פון גאָט" — „דזשאַבעל־אַ־ראַב", אָדער „ראַס־אַ־ראַב", געטלעכער קאָפּ.

*

דער מושב אורה איז פאַקטיש אַ פאַרשטאָט פון ירושלים, אויף דרום־מערב פון קרית־מנחם. געגרינדעט אין מאַי 1950, איז ער באַזעצט געוואָרן מיט עוליב פון תימן, וועלכע זענען דעמאָלט געקומען אין דער אַקציע „אויף די אָדלער־פליגל". דער נאָמען אורה איז אַ סימבאָלישער, לויט די ווערטער פון מגילת אסתר (ח׳, ט״ז): „ליהודים היתה אורה ושמחה" („ביי די יידן איז געווען אַ ליכטיקייט און אַ שמחה"). אָבער די פרומע תימנער יידן ציטירן, אין פאַרבינדונג מיטן נאָמען פון זייער דאָרף, דעם לענגערן פסוק פון תהלים (קל״ט, י״ב): „איז אויך פינצטערניש

נישט פינצטער פאַר דיר, און נאַכט טוט אַזוי ווי דער טאָג לייכטן; אַזוי פינצטערקייט אַזוי ליכטיקייט" („... כחשיכה כאורה"). אורה געפינט זיך אויפן שיפוע פון „באַרג פון גאָט", וועלכער האָט אין ישראל באַקומען דעם נאָמען אורה, „הר אורה", פונעם נאָמען פון דאָרף, וואָס געפינט זיך אין דער הייך פון פינף הונדערט אַכט און צוואַנציק מעטער איבערן ים־ניוואָ.

אורה איז אויפגעבויט געוואָרן האַרט ביים פאַרלאָזטן אַראַבישן דערפל דזשאַראַ, וואָס באַדייט אין אַראַביש „לאָך", „גרובן", ווייל עס ליגט אין אַ קליינעם טאָלעכל, ווו מען האָט אויסגעגראָבן איבערבלייבענישן פון אַ פּאַרצייטיקער קירך, זעט אויס פון די ערשטע יאָרהונדערטער פון קריסטנטום, מיט אַ מאָזאַיק־דיל; דערלעבן אַ צימער מיט אַלטערטימלעכע איינריכטונגען פון אַ בוימל־פּרעסעריי, אויך מיט מאָזאַיק־איבערבלייבענישן ביי דער זייט. אַרום פאַרלאָזטן דערפל און זיינע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען, געדייען אין דער באַרג־לופט ווייַנשטאָקן און די „לאָך" האָט דעריבער באַקומען דעם נייעם נאָמען עין־שריג, ווייַנשטאָקקוואַל. לעבן אורה גייט דורך דער „סאָלד־וועג", וואָס פירט פון צענטער ירושלים צום „הדסה"־שפּיטאָל, און אין דאָרף דרומדיק צווייגט זיך אָפּ דער וועג, דורך די בערג, קיין באר־שבע.

*

דער „געטלעכער קאָפּ" געפינט זיך העכער דריי הונדערט מעטער איבער אורה. מיט זיינע 848 מעטער איבערן ים־ניוואָ, איז דאָס דער העכסטער באַרג אין דער ירושלימער געגנט, וואָס געפינט זיך אין די גרענעצן פון ישראל. גאָטס נאָמען האָט ער באַקומען איינגאַנצן מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר צוריק, דורך אַ טרויערישער פרוי. אין יאָר 1936 האָט פאַרבלאָנדזשעט אַהער אַ רייכע גוטהאַרציקע ענגלישע פרוי, מיס מעי קערי. זי האָט געחלומט וועגן אַן איינפאַרשטענדעניש צווישן די דריי גרויסע מאָנאָטעיסטישע רעליגיעס, וואָס זאָל פירן צו פעלקערברידערשאַפט און צו „גאָט־געבענטשטער ליבע צווישן מענטשן"... קוקנדיק אויף אָט־דעם פּייסאַזש, אויף די בערג און טאָלן, וואָס דערציילן אַזויפיל „געשיכטעלעך, מעשהלעך פון אַמאָל" — האָט זי באַשלאָסן דאָ צו פּרווון. זי האָט אָפּגעקויפט דעם באַרג און אויפגעשטעלט אַ — „בית־תפילה לכל העמים", וועגן וועלכן מען האָט דאָ געחלומט אַזוי לאַנג שוין פאַר איר... זי האָט אויפגעבויט אַ קליינעם טעמפּל, וואָס האָט אין זיך עפּעס פון אַ יידישער סינאַגאָגע, אַביסל פון אַ קריסטלעכער קירך און אַ שטיקל ענלעכקייט צו אַ מוסולמענישן מעטשעט. לעבן אים — עטלעכע ווין־הייזער, אַפּרו־ערטער און אַרום, אַ גרויסער פּאַרק.

זי, פרוי קערי, האָט דאָס אַלץ אַ נאָמען געגעבן „באַרג פון גאָט" און געמיינט, אַז דאָס איז געווען, כדי מענטשן פון די דריי גרעסטע רעליגיעס, ביי וועלכע ירושלים איז פאַרהייליקט, זאָלן ברידערלעך קומען תפילה טאָן צוזאַמען און ווערן בעסער, נענטער, איינער צום צווייטן...

איז אויף דעם בערגל געבליבן באַגראָבן אַ שיינער חלום.

עס פוסטעווען די שטיינערנע געביידעס. דערנער פאַרדעקן די שטעגן. ווילדגראָז צעשפּרייט זיך אויף טיר און פענצטער...

קיינער איז נישט געקומען אהער מתפלל זיין און פרוי קערי איז אַוועק צוריק אין איר היימלאַנד, אַן אַנטוישטע, און זיך אָפּגעשלאָסן אין אַ מאָנאַסטיר אין סקאָטלאַנד.

יוסף וויל וועגן דעם נישט רעדן, — אים אינטערעסירט דער נס פון זיינע מענטשן, צוליב דעם האָט ער מיט אונדז אַרויפגעקלעטערט אַהער.

*

אונדזער יונגער וועגווייזער איז געבוירן אין אורה. ביי אים אפשר נישט אַזוי, אָבער ביי זיינע עלטערן ווערט דער נאָמען פון דאָרף אַרויסגעזאָגט אין איין אָטעם, ווי עס זאָל זיין איינס, מיט עמינדבֿ. נישט קיין וווּנדער. דער מושב עמינדבֿ געפינט זיך נישט קיין גאַנצע דריי קילאָמעטער ווייט פון אורה, כאָטש פיל העכער אין באַרג, ביי 840 מעטער איבערן ים־ניוואָ, ווו די לופט איז שוין באמת אַ שאַרפע, באַרגיק־ווינטיקע. אָבערביידע יישובים זענען געגרינדעט געוואָרן אין זעלבן טאָג, דעם 15־טן מאַי 1950, דורך יידן פון תימן, געקומענע — „אויסגעלייזט געוואָרן...", פאַרריכט יוספס טאַטע, אפילו ווען מען זאָגט „עולה געווען" — אַ סך פון דער זעלבער געגנט, אַ גרויסער טייל אפילו משפחהדיק פאַרבונדן.

„די גאַנצע פמליה" — דערציילט יוספס טאַטע — „האָט צום ערשטן אָנגעקלאַפּט די מזוזות אין די ביידלעך פון עמינדבֿ... מען האָט גערעדט, געלייענט עפּעס אַ מגילה... לא חשוב... דערנאָך האָט מען אַראָפּגעגנידערט קיין אורה און געטאָן דאָס זעלבע..."

מען האָט אין ביידע יישובים ביי דער גרינדונג געלייענט די זעלבע „מגילות"? דער תימנער ייִד גלעט זיין גרוי בערדל: „מה זה חשוב?..." — פאַר אים איז עס נישט וויכטיק. אין דער פּאַרמעט־מגילה, וואָס איז איינגעגראָבן געוואָרן אין די פונדאַמענטן פון ערשטן הויז אין עמינדבֿ, האָט מען, לויטן ווילן פון די נייע מתיישבים, דערמאָנט דריי פּסוקים פון חומש, וואָס דאַרפן באַשיינען זייער ייחוס: „און אהרון האָט זיך גענומען אלישבע די טאָכטער פון עמינדבֿן, די שוועסטער פון נחשונען" (שמות ו', כ"ג); „...די פאָן פון דעם לאַגער פון יהודה לויט זייערע מחנות, מיט דעם פירשט פון די קינדער פון יהודה, נחשון דעם זון פון עמינדבֿן" (במדבר ב', ג'); און דער עיקר — „און דער וואָס האָט געבראַכט זיין קרבן דעם ערשטן טאָג איז געווען נחשון דער זון פון עמינדבֿן" (דאָרט, ו', י"ב). און עס לייענט זיך ווייטער אין דער מגילה: „מיר זענען צונויפגעקליבן געוואָרן צוריק פון ווייטן תימן, כדי צו היטן די פאָן פון יהודה און זי איינפלאַנצן אָט־דאָ אין די בערג פון הייליקן ירושלים. — — — גיין אין די פוסטריט פון די קינדער פון עמינדבֿן, פאַראויס פאַר דער מחנה, איצט נאָך די זיגרייכע קאַמפן, צו באַפרוכפּערן די הייליקע בערג, פאַרוואָרצלען זיך אין זיי, און אויפבויען דאָ אויף דער נחלה פון די אבות אַ היים פאַר אַלע דורות פון געפּלאָגטן פאָלק ישראל".

שפּרייזנדיק אַרויף צו עמינדבֿ, אַ פּאָר צענדליק מעטער נידעריקער אויפן באַרג־אָפּהאַנג, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי די חורבות פון אַראַבישן דאָרף וואַלאַדזשאַ, פון וואַנען די אייננווינערס זענען אַנטלאָפן נאָך זייער פאַרשפּילטן קאַמף אין 1948. „אויך דאָ זענען זיי געווען באַפעסטיקט, אפשר שטאַרקער ווי

אויפן גאַנצן באַרג״ — דערציילט דער יונגער יוסף, ער געדענקט דאָך דאָס נישט, — „מען האָט עס אונדז געלערנט אין גדנ״ע״. דער נאָמען פונעם צעשטערטן דאָרף האָט אין אַראַביש אַ דאָפּלטע באַדייטונג: אַ פאַרבאָרגענע הייל, אָדער טייך־זיגזאַגן. ביידע זענען צוגעפּאַסט פאַרן דאָזיקן פּלאַץ, וואָס געפינט זיך אין אַ געגנט פון אַלטע באַרג־היילן און ביים ברעג פון אַ זיגזאַגישן „נחל״, מער טייך־בעקן, ווי טייכל, וואָס לאָזט זיך אַראָפּ צום ירושלימער נחל־רפאים. אין די היילן האָט מען געפונען צייכנס פון מענטשן־לעבן זינט דער פריער בראָנדז־עפּאָכע. און דערביי קברות־היילן פון ייִדן פון דער תקופה פון בית־שני. אין די היילן האָט מען געפונען קינסטלעריש־באַצירטע אייל־מנורות פון קעראַמיק, אויך פון צווייטן און דריטן יאָרהונדערט — ווער עס זענען דאָ דעמאָלט געווען די איינוווינערס איז נישט באַקאַנט. די געפונענע מנורות, צירונג, אַנטפּלעקן נישט אין זייערע שניצערייען, דורך רעליגיעזע מאָטיוון, ווער עס זענען געווען זייערע באַנוצערס, אָדער בעל־מלאכהס.

*

און צום סוף האָט מיך דער יונגער גדנ״עאיסט אַרויפגעבראַכט ביזן סאַמע שפּיץ פון „ראַס־אַ־ראַב״. איך ווייס נישט ווי אַזוי ער האָט באַקומען די שליסלען — מיר זענען אַריינגעקומען אין מאָדנעם „טעמפּל פון דריי רעליגיעס״, וועלכער קאָן, אין דערווירקלעכקייט פון אונדזער עפּאָכע, נישט זיין אַנדערש ווי ליידיק און נישט־באַנוצט פאַר רעליגיעזע צוועקן...

מיר שטייען ביי אַ פענצטער, פון וועלכן מען זעט דעם אַרום. יוסף רעדט מיט אַ צעפלאַמט פּנים און אַ ווידערקול פאַרשטאַרקט, פאַרצענפאַכט זיין שטים צווישן די ליידיקע ווענט.

„דאָרט, אויפן אָרט פון אורה און עמינדב, זענען געווען די אַראַבישע דערפער דזשאַראַ און וואַלאַדזשאַ... ביים אויסברוך פון דער באַפרייונג־מלחמה האָבן זיך באַפעסטיקט דאָ, אויפן דעם באַרג שטאַרק־באַוואָפנטע אַראַבישע כנופיהס און פון דאַנען באַשאָסן די גאַנצע סביבה, נישט צוגעלאָזט אונדז, ראַשית־כל, צו עין־כרם...״

בעתן ערשטן פייער־איבעררייס אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה האָט דער „הגנה״־שטאַב אויסגעאַרבעט אַ גענויעם פּלאַן אָפּצורייניקן אָט־די געגנט, אין דרום־מערב פון ירושלים, פון די פיינדלעכע באַנדעס. צוויי גדנ״ע־אָפּטיילונגען האָבן גלייכצייטיק אָנגעהויבן די אַקציע: איינע האָט זיך געוואָרפן אויף „חירבת חממה״ — דעם היינטיקן הר־הרצל, און די צווייטע — אויפן „באַרג פון גאָט״.

און יוסף ווייזט, ווי אַ געניטער סטראַטעג:

„זיי האָבן זיך באַפעסטיקט אויף אָט די זייטן פון באַרג, ווו עס זענען נישטאָ קיין וועגן — זייענדיק זיכער, אַז די ייִדן וועלן קומען דורך דאַנען. דער איינציקער שאָסיי איז דאָך געווען אָפּגעדעקט און באַהערשט דורך זייערע מענטשן — האָבן זיי אים אפילו נישט געהיטן... זענען אונדזערע גדנ״עאיסטן געקומען אין אַ פינצטערער נאַכט דווקא דורכן שאָסיי, גלייך צום אומבאַפעסטיקטן הויפּט־טויער — און דער נס איז געשען...״ — אין דער נאַכט פון 18־טן

יולי 1948 האָט צה"ל פאַרנומען דעם „באַרג פון גאָט", פון וועלכן אַלע אַראַ־בער זענען אַנטלאָפן.

ווען די זון איז אויפגעגאַנגען, האָט אויפן הויכן קופּאָל פון מיס קעריס בית־תפילה שוין געוויִעט די ווייס־בלויע פאָן.

פון דאַנען איז לייכט געווען צו באַהערשן עין־כרם — דער גרעסטער אַראַ־בישער צענטער ביי ירושלים — וואָס איז טאַקע אויף צומאָרגנס פאַרנומען געוואָרן דורך דער „הגנה".

*

„וואָס־זשע ווילסטו, יוסף, דיין אַלטער טאַטע זעט אויך דאָ אַן אצבע אלוהים..."

גלעט ער דעם מיליטערישן אָפּצייכן אויף זיין ברוסט, שמייכלט שעלמיש און וואַרפט אַן ענטפער:

„לא חשוב..." — דוכט זיך, ווי ער זאָל ספּעציעל נאָכזאָגן דעם אויסדרוק פון זיין טאַטן — „קודם־כל: אצבע הגדנ"ע..."

1960

באר־טוביה איז דריי מאָל געבוירן געוואָרן

באר־טוביה פייערט דעם ערשטן יובל פון זיין עקזיסטענץ. פופציק יאָר פון איינעם פון די גרעסטע און אַנטוויקלטסטע מושבים אין ישראל. פייערט מען דעם געבוירן־טאָג אין מושב אַליין, עס פייערט דאָס לאַנד — אַ יום־טוב פאַר אַלע. האָט מען פיל שוין געשריבן וועגן באר־טוביה, מען וועט נאָך שרייבן נישט איין מאָל. נאָר אין ערגעץ איז, עפּעס ווי אָפּגערעדטערהייט — און אפשר צוליב אַ סיבה וואָס איז מיר אומבאַקאַנט — נישט דערמאָנט אַ געשעעניש, וואָס ציט מיך און דערמאָנט זיך מיר שטענדיק, ווען מיר קומט אויס צו זיין אין דאָזיקן דרום־מושב.

אָט רוף איך עס דרום־מושב. דרום? ווייניקער ווי אויף אַ האַלבן וועג צווישן תל־אביב און באר־שבע, אַ סך צפונדיקער פון אשקלון. שוין מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק בין איך מיט אַן אַלטן נגב־תושב געפאָרן פון תל־אביב קיין דימונה, ווען זי איז נאָך געווען אַן עמבריאָן פון אַ שטאָט, נישט מער. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין באר־טוביה. עס האָט נאָך געלעבט דער אַלטער יעקב בן־יהושע. מיין פריינד האָט זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט. זיי האָבן זיך דערמאָנט „יענע" צייטן, ווען ביידע זענען געווען פון די געציילטע יידן אין דרום פון ארץ־ישראל. „מען חוזקט ‚דימיונה' האַ?" — האָט בן־יהושע זיך געבייזערט — „ווייל עס פעלט גלויבן, כוחות זענען פאַראַן און מיט אַ ביסל אמונה וועט אויפוואַקסן דימונה, אַן עיר ואם בישראל. ווער האָט מאַרשירט יענעם יום־כיפור ביינאַכט? מענטשן מיט גלויבן, וואָס האָט געגעבן פליגל די שוואַכע כוחות..."

און איך האָב געהערט זכרונות וועגן יענעם מוצאי יום־כיפור אין באר־טוביה, וועגן דעם היסטאָרישן ביינאַכטיקן מאַרש.

לויטן לעצטן „ווייסן בוך" פון דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט איבער ארץ־ישראל, איז באר־טוביה געווען די דרום־גרענעץ פאַר יידן אין לאַנד. דרומדיקער פון באר־טוביה האָבן יידן נישט געטאָרט קויפן קיין באָדן און אוודאי נישט באַזעצן זיך אויף אים. אָבער די יידן, דורכן קרן־קיימת לישראל, האָבן שוין געהאַט טויזנטער דונאַם ערד אין נגב און דער קויף, אומלעגאַל, איז ווייטער אָנגעגאַנגען שוין נאָכן פאַרעפנטלעכן דאָס „ווייסע בוך".

„דער דרום איז דאָך נישט ווייניקער וויכטיק געווען, אָדער טאַקע וויכטי־קער, פאַר דער יידישער צוקונפט ווי דער צפון, אפשר מער ווי די עמקים..." — האָט, ווי אונדז געלערנט, מיט חשיבות, דער אַלטער בן־יהושע. אין צפון פון לאַנד, אין די טאָלן, האָט מען מיט אַ פּאָר יאָר פאַר דער אַקציע פון באר־טוביה אָנגעהויבן אויפשטעלן די ישובים פון „מויער און טורעם". מען פלעגט אין דער נאַכט אויפשטעלן די ביידע קען־ און פאַרטיידיקונג־צייכנס פון אַ נייעם ישוב — און, פאַרגראָבן ממש מיט נעגל אין דער ערד, געהאַלטן זיך,

נישט אַראָפּ מער, ווייל צעשטערן אַ יישוב, וואָס איז שוין אויפגעבויט, איז געווען קעגן די געזעצן אין דער ענגלישער אימפעריע, אַפילו ווען דער יִשוב איז אַנטשטאַנען אין קעגנזאַץ צום געזעץ...

בן־יהושע האָט שטאָלצירט דערמיט, ווי גוט דער יִשוב איז געווען אָרגאַניזירט אין די „מרי־יאָרן", די צייט פון אונטערערדישן קאַמף קעגן דער מאַנדאַט־מאַכט. מען האָט אַלץ צוגעגרייט אונטער דער נאָז פון ענגלישן מיליטער. מען האָט דאָך נישט געוואָלט און נישט געקאָנט לאָזן זיך באַזעצן איין יידישן יישוב אין די וויַיטן פון נגב — דער באַשלוס איז געווען אַ ברייט־געוואַגטער: עלף יִישובים מיטאַמאָל. וואָלט מען געפּרוווט בלויז איינעם אין אַנהייב, וואָלט די ענגלישע פּאָליציי שוין געהיט, שפּעטער שוין שטאַרק געוואַכט. „איך ווייס נישט וועך עס איז געווען דער חכם", — האָט געזאָגט בן־יהושע — „אָבער ווי קלוג דאָס איז געווען דער איינפאַל... דורכצופירן אַזאַ אַקציע אין דער נאַכט פון מוצאי־יום־כיפור, ווען די וואַכזאַמקייט אין יידישן יִשוב מצד דער ענגלישער מאַכט איז קיינמאָל נישט געווען קיין שטאַרקע — נאָכן יום־הדין, נאָכן תענית, מוז מען נישט שטאַרק היטן אַלע וועגן, וכך הווה..."

בלויז פיר־און־צוואַנציק שעה פאַר יום־כיפור האָט מען געמאָלדן וועגן דעם געוואַגטן באַשלוס און אַלץ איז פּאַרטיק געווען אין דער צייט. „מען איז געקומען אין קליינע גרופּעס, אַנגעפּילט אונדזערע הייזער מיט מענטשן און מכשירים, מאַטעריאַלן, געהיטן פאַר אַן עינא בישא, מען האָט געוואַכט ביי די אַריינגאַנג־וועגן פון מושב. אברהם האַרצפעלד איז געקומען מיט די ערשטע. ער האָט אָבער בכלל נישט ווי זיין שטייגער, נישט געזונגען... אויסער יום־כיפור אין בית־כנסת, ווו מען האָט טאָקע הנאה געהאַט פון זיינע תּפילה־ניגונים, און מען האָט זיך געסודעט אַפילו אין מיטן דאַווענען... דער שופר־בלאָז פון ‚נעילה', איז געווען ווי דער קאַמף־רוף צום מאַרש..."

פון מושב באר־טוביה איז דעמאָלט אַרויס אַן אומגעווייַנלעכער נאַכט־צוג. דער גרעסטער איז עס געווען אין יענער נאַכט, אָבער נישט דער איינציקער. דער מוצאי־יום־כיפור, י"א תשרי תש"ז, דעם 6־טן אָקטאָבער 1946, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ היסטאָרישער נאַכט אין יידישן דראַנג אויף דרום, צו באַפרוכפּערן די וויסטעניש פון נגב. העכער טויזנט יונגע און מיטליאַריקע מענטשן, מענער און פרויען, האָבן אויף צוויי הונדערט וועגענער פון אַלערליי טיפּן געדרומט אין דער פינצטער. בלויז די לבנה האָט באַלויכטן זייער וועג. אויטאָס און וואַגנס געשפּאַנט מיט פערד האָבן געפירט נישט בלויז „הגנה"־מענטשן, פלמ"חניקעס, נאָר „אויך אויסשטאַטונג, געהילץ אויף צייטווייליקע געביידעס, געצעלטן, שטעכלדראָט אויף פאַרצוימונגען, גראָבאייזנס, אַקערס... אויך איך, ווי אַ סך פון באר־טוביה, בין מיטגעגאַנגען יענע נאַכט און אָנטייל־גענומען אין אויפשטעלן איבער נאַכט עלף יידישע יישובים אין נגב..." — איז שטאָלץ געווען בן־יהושע.

געבליבן איז פון די גרינדערס פון באר־טוביה די אַלטע צילה בן־יהושע. ביי אירע פינף־און־אַכציק יאָר, אַרומגערינגלט מיטן „שבט", ווי מען רופט זיי אין באר־טוביה, זין און אייניקלעך, דריי דורות ערד־יידן, „דער שבט בן־

יהושע", האָט נאָך די אַלטע וואָס צו זאָגן: „מיר האָבן דאָ, אין 1930, הנאה געהאַט, געגאַסן, פון אַ האַלבן פענעץ ברויט און אַ פרישן טאָמאַט גלייך פון פעלד — מער ווי איר, יונגע, זענט מסוגל פאַרגעניגן צו האָבן פון אַלע פעטע סעודות, די פאַרשיידענע געבעקסן, קוכנס און אַנדערע דעליקאַטעסן... דאָס איז נישט קיין ,ציוניזם', נאָר פשוטער אמת, אַן עניין פון געוויינלעכער לעבנס־פרייד, פון אידעאַל, פון גלייבן אין גרויסן ציל..."

„אָבער מיר זענען נישט די ערשטע יידן, וועלכע האָבן זיך, נאָך צוויי טויזנט יאָר באַזעצט אויף דער ערד פון באר־טוביה..." — זאָגט אַפילו אַ ביסל קונדסיש די אַלטע צילה בן־יהושע.

זי ווייסט, זי איז געווען צווישן די, וואָס האָבן צום ד ר י ט ן מאָל אין דער געשיכטע פון באַנייִטן יידישן לעבן אין ארץ־ישראל, אויפגעבויט באר־טוביה.

באַראָן ראָטשילד, דער „נדיב הידוע" פון פּאַריז, האָט אָפּגעקויפט דעם באָדן פון היינטיקן באר־טוביה ביים אַראַבישן דאָרף קעסטינא אין יאָר 1887. אַ יאָר שפּעטער זענען אַהין אָנגעקומען די ערשטע פינף־און־צוואַנציק יידישע משפחות פון בעסאַראַביע. ווי דאָס פּלאַץ האָט דעמאָלט אויסגעזען, איז זיך לייכט פאָרצושטעלן פון דער באַשרייבונג פון משה סמילאַנסקי, וועלכער איז געווען אויסער שרייבער, אויך אַליין פון די ערשטע קאָלאָניסטן אין נייעם ארץ־ישראל:

„ווען דער ערשטער יידישער וואָגן איז דורכגעפאָרן אין דאָרף קעסטינא, זענען די מענטשן פון דאָרף אַרויסגעלאָפן פון זייערע פינצטערע נאָרעס — נאָרעס אָן פענצטער, באַדעקטע מיט ערד — זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם וואָגן און געקוקט אויף אים און אויף די מענטשן וואָס זענען אויף אים געזעסן, מיט גרויס פאַרוווּנדערונג. זיי האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט בלויז נייגעריקייט. זיי האָבן מיט די פינגער אָנגע־טאַפּט די קליידער פון די פּאַסאַזשירן, זייערע היטלען און די רעדער פונעם וואָגן... עס האָט זיך זיי געגלוסט אַנצוטאַפּן אויך די הויט פון די דאָזיקע מענטשן... און אַ כאַפּטע האַלב־נאַקעטע קינדער, וואָס די צרעת האָט געשיינט אויף זייערע שטערנס און געבליט קרעציק אויף זייערע פּנימער און אויגן און זייער גאַנץ לייב איז געווען באַדעקט מיט שיכטן פליגן אין די צענדליקער טויזנטער, זיי האָבן זיך געדרייט אַרום וואָגן, געטאַנצט, געשפּרונגען און געשריגן: ,טאַפּט נאָר אָן... טאַפּט'..." („פּרקים בתולדות הישוב", ז' 42).

וואָס איז געוואָרן פון קעסטינא און פאַרוואָס? לאָמיר דאָס איבערגעבן מיט די ווערטער פון משה סמילאַנסקי, וואָס מאַכן קלאָר געשעענישן אויך אין אַנדערע יישובים פון באַראָן ראָטשילד:

„אין יאָר תרמ"ז האָט דער באַראָן מסכים געווען צו העלפן אַ צאָל משפחות פון בעסאַראַביע זיך צו באַזעצן אין ארץ־ישראל און האָט געקויפט פאַר פינף־און־צוואַנציק משפחות אַ שטיק באָדן פון פיר טויזנט דונאַם אין דרום פון לאַנד, אין עזה־ראַיאָן. די דאָזיקע משפחות, פון די שטעטלעך בעלץ און פילעשט, האָבן געגעבן דעם באַראָן הונדערט ארץ־ישראל־פונט יעדע איינע — טויזנט רובל מזומן — און פאַר דער סומע איז דער באַראָן באַשטאַנען צו קויפן פאַר זיי די ערד און זיי אויף איר באַזעצן. אין יאָר תרמ"ח (1888) זענען די דאָזיקע משפחות געקומען אין לאַנד אַריין. אַ קורצע צייט נאָך זייער קומען איז אויסגעבראָכן אַ סיכסוך צווישן די מתיישבים און די באַאַמטע פון באַראָן. די מתיישבים זענען געווען מענטשן נאָענטע צו דאָרף־לעבן, זיי האָבן געחלומט און געקלערט וועגן פּויערים־לעבן אין אַ יידישער קאָלאָניע; אַ פּויער, וועלכער זיצט אין זיין הויז און אויף זיין ערד און באַאַרבעט זיין באָדן לויט

זיין ווילן און זיין אייגענעם פאַרשטאַנד. נישט אַזוי האָט געקלערט די אַדמיניסטראַציע. אין איר מוח האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק, אַז די פויערים דאַרפן פריער דורכמאַכן די אָפּקומעניש פון אַ תקופה פון טאָג־געדונגענע לוין־אַרבעטערס, וועלכע אַרבעטן אונטערן באַפעל און אָנווייזונג פון פאַכלייט, און נאָר נאָך אַ צוגרייטונג־צייט וועלן זיי אַריבער אין זייער אייגענעם רשות, אַרבעטן און לעבן ווי פויערים. די באַאַמטע האָבן פאָרגעלייגט די בעסאַראַבער זיך צו באַזעצן אין אַ געמיינזאַמער דירה, אַרבעטן בשותפות אויפן באַראָנס חשבון און באַקומען זייער לוין יעדן טאָג, נאָכן אָפּאַרבעטן אייניקע יאָר און האָבן געגוג דערפאַרונג און די ערד וועט זיין מסוגל זיי צו שפּייזן, וועט מען צעטיילן צווישן זיי דעם באָדן. דער פאָרשלאָג האָט אויסגעזען זייער פאַר־דעכטיק ביי די בעסאַראַבער: זיי האָבן געהאַט אַ חשד, אַז די כוונה איז אַ שלעכטע און מען וויל זיי פאַרשקלאַפן, פאַרוואַנדלען אין קנעכט — זיי האָבן נישט מסכים געווען. נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען און השתדלותן און ביטערע שווערע קריגערייען, האָבן די בעסאַראַבער פאַרלוירן זייער האָפענונג. צוואַנציק משפחות האָבן צוריקבאַקומען זייער געלט און צוריקגעקערט אַהין פון וואַנען זיי זענען געקומען... פינף משפחות האָבן אָנגענומען די באַדינגונגען און דעם עול פון דער אַדמיניסטראַציע און זיך באַזעצט אין קעסטינאַ. אויפן באָדן האָבן זיך אויך באַזעצט צוואַנציק נישט־פאַרהיי־ראַטע אַרבעטערס צו אַרבעטן צוזאַמען מיט זיי" (דאָרט, ז' 43).

זיי האָבן זיך באַזעצט אין אַליין־אויפגעשטעלטע הילצערנע הייזער. פינף משפחות און צוואַנציק בחורים, אַרומגערינגלט דורך זעכצן דערפער מיט אַראַ־בער, וועלכע האָבן פון ערשטן טאָג גלייך אַרויסגעוויזן שנאה צו די נייע שכנים. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע. פון די משפחות האָבן געאַרבעט בלויז צוועלף מענטשן, באַקומען אַנדערהאַלבן פראַנק אַ טאָג און פון דעם געדאַרפט שפּייזן פיר־און־דרייסיק נפשות. וואַסער צו טרינקען האָט מען געקויפט אין די אַרומיקע דערפער. „דאָס וואַסער איז געווען זייער שלעכט, געהאַט אַ ספּעציעלן ריח, דערוועקט מיגל, אַפילו נאָכן אויפקאָכן איז דער ריח נישט פאַרשוואונדן" (משה סמילאַנסקי). צום ערשטן האָבן פאַרלאָזט קעסטינאַ די בחורים און נאָך צוויי יאָר זענען אַוועק אויך די משפחות. די צריפים זענען געבליבן ליידיק און די ערד איז פאַרפאַכטעט געוואָרן צו די אַרומיקע אַראַבישע פאַלאַכן.

איין בלעטל פון אַ סך ענלעכע, וועגן די באַציונגען צווישן יידישע קאָ־לאָניסטן און די טרויעריק־באַקאַנטע באַאַמטע פון באַראָן ראָטשילד, געשיקטע פון פראַנקרייך, מיט פרעמדע און ווייטע באַגריפן, וועלכע האָבן די יידישע עולים נישט פאַרשטאַנען און נישט געהאַט מיט זיי קיין געמיינזאַמע שפּראַך אַפילו. און דער „נדיב הידוע" אַליין ?... האָט ער וועגן דעם נישט געוווסט ?... ביים באַראָן ראָטשילד איז זיכער געווען אַ גוטער ווילן, נאָר ער האָט געהאַט פולן צוטרוי צו זיינע געשיקטע פון פאַריז באַאַמטע און זיי געגלייבט. און די באַאַמטע זענען אָפט געווען הארצלאָזע מענטשן און אַמאָל מער געקלערט וועגן פערזענלעכע אינטערעסן, ווי וועגן די קאָלאָניסטן...

זאב ווילנאַי ציטירט אַ יידישן טוריסט פון יאָר 1889, וועלכער רופט שוין אַפילו אָן דעם יישוב באר־טוביה און נישט קעסטינאַ, נישט אָנגעבנדיק דעם גענויען מקור: „דער דאָזיקער מושב קאָן אַריינגעמען ביז זעכציק משפחות און אַזאַ צאָל יוגנטלעכע ווערן איצט דערצויגן צו ערד־אַרבעט אין נדיבס מושבות. איך האָב געהערט אַ שיינעם שמועס, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער

האַרציקייט פון נדיב און דער גוטווילִיקייט פון זיין פרוי: זי האָלט אויף אין פּאַריז אַ בית־יתומות, עס ווערן דאָרט דערצויגן זעכציק ייִדישע יתומות, וועלכע וועלן זיין פרויען פאַר די זעכציק יוגנטלעכע און דער באַראָן פאַרפליכטעט זיך איינצואָרדענען די דאָזיקע פאַרלעך אויף דער ערד פון קעסטינא אויף צו מערן קאָלאָניסטן ביי ישראל...״ וואָס פון דאָזיקן שידוכים־פּלאַן איז אַרויסגעקומען, דערציילט אונדז נישט די געשיכטע... וואַרשיינלעך האָבן די יתומות באַקומען חתנים אין פּאַריז.

באר־טוביה אין יאָר 1897

אין די ערשטע ניינציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט ווערט אין פּעטערבורגער „המליץ״ פאַרעפנטלעכט אַ רוף „אָפּצוקויפן דעם באָדן פון קעסטינא לטובת די אַרבעטער אין ארץ־ישראל און דאָרט אויפבויען אַ מוסטער־קאָלאָניע״. די צייטונג האָט געמאַכט אַ זאַמל־אַקציע פון „מתנות־געלט פון חתונות, בר־מצוות, דורך ברכות פון קרובים״. עס איז טאַקע געשאַפן געוואָרן אַ פאָנד, פאַר וועלכן די „חובבי־ציון״ אין רוסלאַנד האָבן אָפּגעקויפט אַט די דאָזיקע ערד ביים באַראָן ראָטשילד. אין יאָר 1896 ווערט דאָ ווידער געגרינדעט אַ יידישער יישוב, וואָס באַקומט שוין אָפיציעל דעם נאָמען באר־טוביה און עס באַזעצן זיך אין אים עולים פון רוסלאַנד, געשיקטע דורך „חובבי־ציון״. גדעון צור, אַ יונגער מושבניק, דער אָרגאַניזאַטאָר פון די יובל־פייערונגען אין באר־טוביה, דערציילט: „די חובבי־ציון, וואָס האָבן אָפּגעקויפט די ערד פון קעסטינא ביים באַראָן, האָבן אין פּעטערבורג פּלאַנירט אַ מוסטער־קאָלאָניע, ווו די יידישע פּויערים וועלן לעבן פריי פון דער לאַסט פון סוחרים און זיידענע יונגע לייט געשיקטע פון ווייטן, נאָר בלויז פון ערד־אַרבעט״.

באר־טוביה איז אַ פאַרהעברעיִזירונג פונעם נאָמען „ביר־טאַביאַ״, ווי די אַראַבער האָבן גערופן אַ ברונעם אויפן באָדן ווו דער יִשוב איז געבויט געוואָרן. „ביר״ איז אַ ברונעם אין אַראַביש; „טאַביאַ״ איז אַ טערקיש־אַראַביש וואָרט, וואָס באַדייט „קליינע פעסטונג״ — פון דעם איז געשאַפן געוואָרן דער העברעיִשער נאָמען.

אָנשטאָט דער געפּלאַנטער „מוסטער־קאָלאָניע״ איז אַנטשטאַנען אַן אָרעם דערפל.

דער שרייבער א. ש. הערשבערג, וועלכער האָט באַזוכט ארץ־ישראל אין 1899—1900, שרייבט וועגן באר־טוביה, נאָך רופנדיק זי „די פאַרם קוסטינה״: „די צאָל נפשות וואָס וווינען דאָרט זענען הונדערט פיר און צוואַנציק... אָבקומענדיק אין דער פאַרם האָט זי געמאַכט אויף מיר אַ רושם פון אַ דאָרף לויט אַלע באַגריפן: נידעריקע הילצערנע הייזער אין ביידע זייטן פון דער איינציקער ברייטער גאַס. אין מיטן גאַס זענען געשטאַנען אייניקע יוגנטלעכע אין פשוטע שטרוי־היטלען און פאַרריכט אַ וואָגן. אַלע פויערים האָבן געטראָגן קליידער פון אָרעמעלייט״ („בארץ המזרח״, ווילנע, 1910). אין דער זעלבער צייט (תרס״א) שרייבט דער ארץ־ישראל־פאָרשער א. מ. לונץ אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון ירושלים אין „הצפירה״, וואַרשע: „צו דער מושבה די נײַע ‚קאַסטיניאַ׳ זענען איצט געווענדעט אַלע אויגן פון די חובבי־ציון. — — — דורך איר וועט קלאָר ווערן די חשובע און עיקרדיקע פראַגע אינעם יסוד פון יִשוב: צי איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט פאַר פשוטע פויערים פון אונדזערע ברידער צו לעבן אינעם לאַנד פון אונדזערע אָבות דורך געוויינלעכער ערד־אַרבעט?״

אחד־העם האָט באַזוכט באר־טוביה העכער צוואַנציק יאָר שפּעטער, אין 1921, און איז אויך אַוועק פון מושב מיט אַ שווערן איינדרוק: „פיל זענען פון איר אַוועק. די חובות זענען גרויסע. די הוצאות פון דער מושבה זענען צעצווייגט און אַלץ מאַכט אַ טרויעריקן איינדרוק. זיבעצן משפחות לעבן דאָרט און פון זיי ווילן פערצן אַוועק״. דאָס האָט אחד־העם געשריבן נאָך זײַן באַטייליקונג אין צענטן ציוניסטישן קאָנגרעס, ווען ער האָט באַזוכט אין לאַנד אַלע יִשובים און אין זײַן באַקאַנטן „סך־הכל״ אונטערגעצויגן אַ זייער נעגאַטיוון סך־הכל פון העכער דרײַסיק יאָר ציוניסטישער התיישבות אין ארץ־ישראל. „סך־הכל״ האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פּאָלעמיק אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. „בנוגע באר־טוביה איז, ווי איך ווייס, אחד־העם געווען פולשטענדיק גערעכט...״ — זאָגט דודא, דוד אביאלי, אַ זון פון איינעם פון די גרינדער פון „דריטן״ באר־טוביה, וועלכער איז איצט דערווירטשאַפטלעכער פירער פון מושב. און דאָך האָבן די מענטשן פון באר־טוביה אויסגעהאַלטן, ווי מיט זייערע נעגל אין דער ערד, געמאַטערט זיך, געהונגערט און געבליבן אין דאָרף ביז די בלוטיקע אַנטי־יידישע אומרוען אין 1929. נאָך די בלוטיקע עקסצעסן קעגן יידן אין אַנדערע ערטער פון ארץ־ישראל, זענען טויזנטער אַראַבישע שכנים פון דער גאַנצער געגנט איבערגעפאַלן באר־טוביה, וואָס איז געווען דערווייטערט פון יעדן גרעסערן יידישן פונקט, נישט געהאַט אַפילו קיין

צופאַר־וועגן. די זיבעציק יידישע משפחות האָבן זיך באַפּעסטיקט אינעם שיַיער און זיין הויף און מיט ווייניק וואָפן מוטיק זיך פאַרטיידיקט קעגן טויזנטער גוט־באַוואָפנטע איבערפאַלערס. צוויי מתיישבים זענען דערהרגעט געוואָרן, פאַרטיידיקנדיק זייער יִישוב. צווישן די געפאַלענע איז געווען דער דאָקטאָר פון דער מושבה, „ד״ר למדיצינה דוד יזרעאלי״, ווי מען קאָן לייענען דעם שילד אויף אַ פאָטאָגראַפּיע פון זיין דעמאָלטיקן הויז. די איבעריקע זענען אַרויסגעפירט געוואָרן דורכן ענגלישן מיליטער. „די הייזער זענען צעראַבירט און צעשטערט געוואָרן. אַפילו די פעלדער זענען אונטערגעצונדן געוואָרן און יידישע מי פון דרייסיק יאָר, וואָס האָט זיך דאָך אָנגעהויבט זינט 1896, איז חרוב געוואָרן״, — רעזומירט גדעון צור — „און געענדיקט האָט זיך דאָס צווייטע באר־טוביה...״ ווען גדעון צור פירט אונדז איבערן מושב, אין „יום־טוב פון זיין פופציק־יאָריקן ווידערגעבוירן״, ווייזט ער קליינע הילצערנע הייזקעס, „געבליבענע פון ערשטן גילגול״, צווישן די נייערע מושבה־בנינים — אַלע צווישן פאַלמעס און אַקאַציע־ביימער, און ער שטאָלצירט: „צווישן די פלאַנצערס פון די דאָזיקע ביימער האָט אין די ערשטע יאָרן נאָך זיין עליה, ביזן גרינדן זיין דגניה ב׳ אין 1920, געאַרבעט לוי שקאָלניק, דער שפּעטער־דיקער פרעמיער־מיניסטער אשכול״.

מיר קוקן אויפן אַלטן ברונעם. „עטלעכע יאָר, ביז ער איז געגראָבן געוואָרן, האָט מען געקויפט לאָגלען וואַסער אין די אַראַבישע דערפער״. אין אָנהייב האָט מען געשעפּט דאָס וואַסער פון דער טיף פון זעקס און דרייסיק מעטער, מיט דער הילף פון אַ בהמה, „ביז מען האָט באַקומען אַ מאָטאָר, אַ דאַנק וועלכן מען האָט אויך געקאָנט לאָזן אין גאַנג די ערשטע מיל...״ — און מיר רייסן גדעונען איבער מיט אַ שמייכל: „...און אָנפילן מיט וואַסער די מקווה ביי דער זייט?...״ אויף אַן אַלט הויז דאָ — אַ שוואַרצער מאַרמאָר־טאָוול מיטן אויפשריפט: „לזכר המושבה באר־טוביה־קסטינה, נוסדה בשנת תרמ״ז—1887. נהרסה במאורעות תרפ״ט, 1929. עוד נבנך ונבנית אחותי באר־טוביה. סתוי״.

אין באר־טוביה האָט טאַקע געאַרבעט דער שרייבער־טוער משה סטאַווסקי (סתוי), וועלכער האָט דעמאָלט געשריבן אַ ריירנדיקע קינה־נבואה וועגן זיין צעשטערטער היים: „איך בין דער ערשטער געקומען אין דיינע גרענעצן און דיך געזען אין דיין חרפה, מיין פאַרשטויסענע און דערנידעריקטע שוועסטער באר־טוביה. איך האָב זיך איינגעבויגן צו דער ערד, איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, איך בין פאַרשטומט געוואָרן... איך בין געווען דער ערשטער פאַר ווע־מענס אויגן האָסט זיך אַנטפּלעקט אין דיין גאַנצער חורבן־שאַנד פון עק ביז עק... אָבער זיַי וויסן, מיין פאַרשטויסענע און צעווייטיקטע שוועסטער באר־טוביה, אַז מיין טרער געמישט מיט בלוט וואָס איז איצט אַרויס פון מיין האַרץ און געפאַלן אויף דיינע חורבות, וועסטו מיר מיט פיל נחת אָפּצאָלן און אין די בעסטע שמחות: מיר וועלן דיך נאָך בויען און וועסט אויפגעבויט ווערן, מיין שוועסטער באר־טוביה!״ („הזורעים בדמעה״).

סטאַווסקיס נבואה־חלום איז שנעל פאַרווירקלעכט געוואָרן.

בלויז עפּעס מער ווי אַ האַלב יאָר נאָך דעם ווי די זיבעציק משפּחות פון דער מושבה האָבן זיך האָפּענונגסלאָז פאַרטיידיקט אין הויף פון זייער שייער, ווען אַרום האָבן שוין געברענט זייערע הייזער און פעלדער און דאָס ענגלישע מיליטער האָט באַוויליקט זיי צו ראַטעווען פון דער ווילדער אַרומרינגלונג, איז באר־טוביה אַנטשטאַנען אויפסניי, צום דריטן מאָל. קרן־קיימת האָט אָפּגע־קויפט דעם באָדן ביי די פריערדיקע מתיישבים, פאַרן געלט פון דעם „הילף־פאָנד", וואָס איז אַנטשטאַנען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. עס זענען איצט אַרויף אויפן באָדן יונגע מענטשן, אָבער מיט דערפאַרונג אין לאַנדווירטשאַפט, בוי און קאַמף. מענטשן פון דער אַרבעט־באַוועגונג, אָפּשטאַמיקע פון די גליל־יישובים, פון תל־חי און כפר־גלעדי און נאָך פון די „יידישע בריגאַדעס". די נייע „קאָלאָניסטן" פון ייִנגערן דור האָבן ראשית־כל געזוכט וואַסער און גע־פונען „מים חיים" אין זייער באָדן. מען האָט גענומען אַנטוויקלען נייע אַגראַר־צווייגן, מען האָט געפלאַנצט פּרדסים מיט ציטרוס־פּרוכטן, וויינגערטנער, עס האָבן גענומען געדייען פאַרשיידענע גרינצייג. דער עיקר: מען האָט גענומען בויען קי־שטאַלן. אין אָנהייב האָט אַ משפּחה באַקומען איין מעלק־קו, אַמאָל צוויי. „דריי האָט זעלטן ווער געהאַט..." — דערמאָנט זיך פּרץ בן־יהושע, וועלכן די עלטערן האָבן געבראַכט קיין באר־טוביה ווען ער איז אַלט געווען זעקס חדשים. „היינט" — שטאַלצירט ער — „געפינט זיך אין באר־טוביה די גרעסטע מילך־ווירטשאַפט פון ישראל: זיבן טויזנט רינדער, פון זיי צוויי טוי־זנט מיט פיר הונדערט מילך־קי, אַכציק מיליאָן ליטערס מילך אַ יאָר. איך דער־מאָן זיך די צייטן, ווען דער טויט פון אַ ניי געבוירן קעלבל האָט אַרויסגערופן אַלגעמיינעם טרויער אין דער מושבה... זעכציק ווירטשאַפטן באַשעפטיקן זיך דורכאויס מיט קי־צוכט, בלויז דריי — מיט עופות; עלף — מיט פּירות־סעדער. ביי די איבעריקע איז די ווירטשאַפט אַ געמישטע. אין אַלגעמיין לעבן איצט אין מושב הונדערט דריי און פופציק משפּחות פון לאַנדווירטן. די צאָל באַפעל־קערונג איז זעקס הונדערט איין־און־זיבעציק. בלויז געציילטע משפּחות־מיט־גלידער פון באר־טוביה זענען באַשעפטיקט ביי עפנטלעכע באַדינונגען".

שוין מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר צוריק האָט זיך באר־טוביה אויסגע־טיילט פון אַלע אַרומיקע יישובים מיט זיין אַנטוויקלונג, שענערע הייזער און רייכערע ווירטשאַפטן. איצט איז ממש אַ פאַרגעניגן צו שפּאַצירן איבערן דאָ־זיקן דאָרף. פון די ווייסע כמעט־פּשוטע הייזקעס איז אין דער מערהייט גע־וואָרן ווילעס, מיט מאָדערנע אויטאָס ביי די אַריינגענג. דער קאָמונאַלער געגנט־ראַט באר־טוביה נעמט אַרום ניינצן יישובים, אַלע נאָענטע זענען אַנטשטאַנען נאָך דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה. באר־טוביה איז אין 1948 געווען אויף דער פראָנט־ליניע קעגן דער איגיפּטישער אַרמיי פון מצרים, וואָס האָט זיך דערנעענטערט פון דער ים־זייט. באר־טוביה איז געווען די הויפּט־באַזע פון דער „הגנה" אין דער געגנט. דער מושב איז באָמבאַרדירט געוואָרן דורך מצרישער אַרטילעריע. „ווידער זענען שטאַלן און שייערן אַוועק מיטן פייער. פאַרן דמיון האָט זיך געמאָלן די שוידערלעכע געפאַר, אַז אויך דאָס דריטע באר־טוביה זאָל חרוב ווערן... פאַרווונדעטע מענטשן, אַ דערהרגעטער... איך האָב עס שוין נישט

איינמאָל געזען..." — רעדט פרץ בן־יהושע. און אין די יאָרן פון שאַפן די מדינה ביז דער זעקס־טאָגיקער מלחמה איז אויך די שמירה און זיכערקייט געווען בראש פון די דאגות — די נאָענטע גרענעץ פון עזה־פּאַס האָט גע־בראַכט אַריינדרינגלערס, איבערפאַלן. „פון יוני 1967 איז שטיל. נאָך בעסער, מיינען מיר, וועט זיין נאָכן שליסן דעם שלום מיט מצרים" — האָפט באר־טוביה, דורך די ווערטער פון דעםווירטשאַפט־לייטער פונעם מושב, דוד אביאלי, וועלכן מען רופט מיט ליבע „דודאַ". אויך אַ זון פון איינעם פון די גרינדערס פון „דריטן באר־טוביה". אַן איינציקער יורש פון פאָטערס „משק", זיין ברודער איז געפאַלן ביים פאַרטיידיקן נגבה אין דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה. לעבן אים זיצט זיין זון, אַן אָפיציר אין צה"ל, — „מיינע יורשים וועלן זיין דריי... נאָך צוויי זין העלפן שוין אין דער ווירטשאַפט".

„דודאַ" ווייסט אויך צו דערציילן: מערערע יישובים אין ארץ־ישראל „שרייבן אריין מיט ,זיכערקייט' אין זייער געשיכטע, אַז ביי זיי האָט אימבער געשריבן ,התקווה'..." — באר־טוביה געהער נישט צו זיי. „עס איז אָבער זיכער..." אַז אויף די פעלדער פון באר־טוביה, גייענדיק היגטערן אַקעראייזן, „האָט שמואל כהן צום ערשטן מאָל געזונגען די רומענישע מעלאָדיע, וואָס איז צוגעפּאַסט געוואָרן צו די סטראָפן פון נפתלי הערץ אימבער..."

הערט די אַלטע צילה און שעפּט נחת פון די ווערטער פון איר אייניקל גדעון: „אפשר וועט דאָס אויסזען דאָן־קישאָטיזם אין היינטיקער צייט, אָדער סתם אַ טעמלאָזע איינגעשפּאַרטקייט — אָבער מיר אין באר־טוביה גלויבן נאָך אין ציוניסטישע און אַגראַרישע אַרבעט־פּרינציפּן, וואָס מען מיינט אַז זיי זענען שוין אַוועק פון אונדזער לעבן..." און דודאַ גיט צו: „און איך פאַרזיכער דיר, אַז דער מקור פון אונדזער ווילשטאַנד זענען די פּרינציפּן פון דער מוש־בים־באַוועגונג, אין וועלכע מיר האַלטן זיך אָן איבעררייס. אַלע איינקויפן ווערן דורכגעפירט פאַר אַלע דורך אונדזער ,אגודה'. עס איז ביי אונדז הייליק דער פּרינציפּ פון זעלבסט־אַרבעט, עס איז שווער, אָבער מיר אַרבעטן אַליין, נישטאָ ביי אונדז קיין לוין־אַרבעטערס און קיין ביליקע אַראַבישע אַרבעטערס פון די נאָענטע געביטן. אפשר זעט עס אויס ביי וועמען ,פאַרעלטערט', זאָל זיי וויל באַקומען..."

לעבן מוניציפּאַלן ראַט, ביים קולטור־הויז, איז אויפגעשטעלט אַ דענק־מאָל פאַר די געפאַלענע אין די מלחמות, קינדער פון באר־טוביה: אַ מאַמע מיט שרעק און זאָרג אויפן פּנים גרעזגנט איר באַוואָפנטן זון. מיר באַטראַכטן דעם דענקמאָל און פרץ קוקט אויף אונדז: „עס האָט געקאָסט יונגע לעבנס, יאָ... דאָך איז דער יובל אַ יום־טוב לכבוד אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, די גרינדערס, וועלכע האָבן אויך געקעמפט ווי לייבן, אַ יום־טוב פאַר די וועלכע לעבן נאָך און פאַרן זכר פון די אוועקגעגאַנגענע. צו זיין זייערע פאַרזעצערס, גיין אין זייערע וועגן איז — ווי זאָל איך עס זאָגן?... — טוב... טוב מאוד..."

1980

אַרום און אין דער „הייל פון צווילינג"

„אין דער ,הייל פון צווילינג' איז אומגעקומען אַ יוגנטלעכער, אַריינפאַלנדיק אין אַ טיפן גרוב..." די דאָזיקע כראָניק־ידיעה האָט מיר דערמאָנט איבערלעבונגען און אויספלוגן מיט יאָרן צוריק, ווען איך בין נאָך געווען אַ רעזערוו־זעלנער אין דער ישראל־אַרמיי.

מיר זענען געווען אַ קליינע „מילואים"־אָפּטיילונג פון צה"ל, אויף „שמירה" אין די בערג ביי ירושלים. ביינאַכט האָט מען עטלעכע שעה געוואַכט ביי דער גרענעץ מיט יאָרדאַניע; בייטאָג האָט מען גערוט און ווער ס'האָט געוואָלט — האָט באַזוכט די געגנט, אונטער דער אָנפירונג פון אונדזער קאָמאַנדיר, רב־סמל, אַן אויבערסערזשאַנט, אַ זון פון נישט־ווייטן שטעטל גדרה. זיין נאָמען איז געווען משה, ער האָט געהייסן זיך רופן מאָשיק, ווייל „אַזוי רופט מען מיך אין דער היים און אין גאַנץ גדרה".

אונדזער לאַגער האָט זיך געפונען אין די יהודה־הייכן, דרומדיק פון בית־שמש, אויף אַ לייכטן באַרג־שיפּוע, נאָענט צו די לעצטע הייזער פונעם מושב זנוח. עס איז געווען פסח־צייט. מיר האָבן האַלבע זוניקע פרילינג־טעג, אַמאָל אויך שפּעטע וואַרעמע אָוונטן, פאַרבראַכט אויפן פּלאַץ לעבן קליינעם בית־כנסת מיט די פרומע מושבניקעס, געקומענע פון תימן נישט־לאַנג צוריק. זיי פלעגן אַרויסנעמען אַלטע ספרים, לייענען, ווייזן, איבערצייגן: „פאַרשטייסט?... וואָס דאָ איז אַלץ געווען..." מיר ווייסן, אַז איידער דאָ איז אַנטשטאַנען דער מושב פון פּועלי־אגודת־ישראל, איז דאָ געווען דאָס אַראַבישע דאָרף דעיר־אַבאַן, פון וועלכן יִדישע יישובים אין דער געגנט האָבן שווער געליטן שוין אין יאָר 1929. די אַראַבער פון דאָרטן האָבן דעמאָלט צעשטערט הרטוב, געמאָרדעט יִדן. ביז דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה זענען דאָ שטענדיק געווען פאַרנעסטעט באַוואָפנטע כנופיהס און פון דאָרטן באַדראָט דעם וועג קיין ירושלים. גלייך נאָך דער אינוואַזיע פון די אַראַבישע אַרמייען אין אָנהייב פון דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, איז די געגנט פאַרנומען געוואָרן דורך דער מצרישער אַרמיי און איז, נאָך שווערע קאַמפן, באַפרייט געוואָרן דורך צה"ל אין סוף אָקטאָבער 1948. די אַראַבישע איינוווינערס זענען אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק אַלטע שטיינערנע און ליימענע הייזקעס, וואָס זענען אין 1950 באַזעצט געוואָרן דורך עולים, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן אין דער אַקציע „על כנפי נשרים", „אויף אָדלער־פליגל", פון שווער־געליטענעם גלות־תימן.

ר' יחיא, דער חזן־שמש פון שילעכל, האָט געגלעט זיין גרוי שפּיציק בערדל און געשמייכלט צו אונדז, ווי מיט ביטול: „לא זה... לא זה..." — נישט דאָס, מיר ווייסן נישט... און ער ציטירט מיטן טראַפּ, גאָרגלענדיק: „דאָס איז די נחלה פון דעם שבט פון די קינדער פון יהודה לויט זייערע משפחות. — — — אין דער נידערונג: אשתאול, און צרעה, און אשנה; און ז נ ו ח... — — — פערצן שטעט

מיט זייערע דערפער" (יהושע ט"ו, כ', ל"ג, ל"ד, ל"ו). ר' יחיא האָט שטאָלץ אויס־געשפּרייט זיינע הענט צעציטערנדיק ווי ווייט ער האָט נאָר געקאָנט אין ביידע זייטן און צוגעגעבן: „יאָ, דאָ... שטעט און דערפער, אַרום־און־אַרום..." און שפּעטער? נאָכן ערשטן חורבן, בעת דער עליה אין די צייטן פון עזרא או נחמיה, אין יאָר 445 פאַר דער צייטרעכענונג, האָבן די איינוווינער פון זנוח זיך אַקטיוו באַטייליקט אינעם צוריקבוי פון ירושלים און זיי האָבן אויפגעשטעלט דעם שער־הגיא מיט זיינע מויערן, ווי ר' יחיא זאָגט: „כמו שכתוב... ,און די באַוווינער פון זנוח; זיי האָבן אים געבויט און אַריינגעשטעלט זיינע טירן, זיינע שלעסער און זיינע ריגלען; אויך טויזנט איילן פונעם מויער ביז דער מיסטטויער..." (נחמיה ג', י"ג). אין דער עפּאָכע פון תלמוד איז דער יישוב, אונטער דעם נאָמען זנוחה, און די גאַנצע געגנט געווען באַקאַנט מיט דער פּרוכטבאַרקייט פון דער ערד, ווי עס לויבן חז"ל: „און זנוחה איז די ערשטע מיט ווייסער אויסגעווײילטער מעל" (מנחות, ח', א'). אויך דער קריסטלעכער היסטאָריקער אויסעביוס, אין זיין „אָנאָמאַסטיקאָן" פון פערטן יאָרהונדערט רופט עס זאַנאָכא: „אַ דאָרף הייַנט אויף דער גרענעץ פון בית־גוברין, פאַרנדיק קיין ירושלים" (ז' 92).

האָט אונדז אונדזער אָפיציר געפירט צו אַן אַלטער חורבה, אַ צוויי הונדערט מעטער מזרחדיק פון מושב, און ווייזנדיק אויפן בערגל, אויף וועלכן זי שטייט, געזאָגט: „דאָס איז דער ,תל', דאָס בערגל, וואָס די אַראַבער האָבן גערופן זאַנאָאַ און אין וועלכן עס איז באַגראָבן, באַהאַלטן דאָס אַלטע זנוח מיט איבערבלייבענישן פון ווער־ווייסט וויפל יאָרהונדערטער צי יאָרטויזנטער... מען וועט נאָך דאָ אַמאָל אויסגראָבן אוצרות פון ייִדישער געשיכטע..." ער האָט גוט געקענט יעדעס ווינקל אין דער געגנט — עס איז דאָך אַזוי נאָענט פון זיין געבוירן־שטאָט.

„דער קבר פון רבן גמליאל" — „בית־דזשאַמאַל"

אין אַ חול־המועד־טאָג אינדערפרי האָט אונדז מאַשיק — „המפקד", קאָמאַנדיר, ווי מיר האָבן אים טיטולירט, און געוועזן איז ער דער ייִנגסטער אין דער אָפּטיילונג יום־טוב־רעזערוויסטן (מיר האָבן זיך אפילו גערופן „יום־טוביסטן", ווייל מען האָט אונדז עטלעכע יאָר מאָביליזירט אויף די יום־טובים, כדי צו באַפרייען אויף אונדזער אָרט רעגולערע זעלנערס), אויסגעסדרט אין אַ ריי און באַפוילן: „יעדער פינפטער בלייבט דאָ, צו היטן דעם לאַגער. די איבעריקע נעמען די מצות מיט די פּושקעס עסן אויך אויף מיטאָג — דער שפּאַציר וועט זיין אַ לאַנגער". צו מיין פרייד בין איך נישט אויסגעפאַלן קיין פינפטער און נאָכן פרישטיק זיך אַוועקגעלאָזט אין מאַרש.

מיר זענען פאַרביי זנוח, אַרויף אויף אַ שמאָלן נישט־געפלאַסטערטן צווישן־פעלדזיקן שטעג און זיך גענומען דערנענטערן צו אַ באַרג־שפּיץ, אַן אַנדערהאַלבן קילאָמעטער די ווייט. דער פרימאָרגן איז געווען פאַרנעפּלט, פאַרן כאַמסין, וואָס האָט שפּעטער גענומען בריען. מיר האָבן געזען פאַר זיך אַ נישט־הויכן באַרג, ווי פאַרטונקען אין וואָלקנס. „וווהין פירסטו אונדז, המפקד?". „סתם אַזוי, אַ לעבעדיקער שפּאַציר־מאַרש, ווי זעלנערס דאַרפן זיך איבן... איר האָט פאַרגעסן, אַז איר זענט אין דער אַרמיי?..." — האָט ער געענטפערט מיט זיין שטענדיקן סאַב־

רישן שמייכל. שוין זייענדיק גאָענט צום שפּיץ, וואָס הייבט זיך אויף דריי הונ־דערט מיט זיבעציק מעטער איבערן ים־גיוואָ, האָבן מיר דערזען פאַר זיך אַ פעסט־געבויטן מויער, וואָס רינגלט אַרום עטלעכע מאָסיווע געביידעס.

ווען מאָשיק האָט אָנגעקלאַפּט אין אייזערנעם טויער און מיר זענען שוין אַלע געווען אַרום אים, האָט ער געזאָגט: „זיך פאַרהאַלטן רויִק, מיר קומען אַריין אין אַ מאָנאַסטיר. בית־דזשאַמאַל, הייסט ער, אויב עס אינטערעסירט אייך...״



די קירך אין בית־דזשאַמאַל; הינטער די זײַלן זעט מען דעם אַראָפּגאַנג צו דער פאַרצייטיקער קברים־הייל

עס האָט געעפנט דעם טויער אַ מאָנאַך אין אַ שוואַרצער סוטאַנע, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין דערשטויגט פון דער גרופּע באַוואָפנטע זעלנערס. אויב יאָ — האָט ער זיך שנעל באַרויִקט, ווען אונדזער אָפיציר האָט אים העפלעך דער־קלערט, אַז „מיר ווילן באַזוכן דאָס פּרעכטיק־סיטואירטע הייליקע אָרט, וואָס איך פּערזענלעך קען שוין פון לאַנג, איך וועל אייך נישט באַמיען אונדז צו געבן דערקלערונגען...״ דער מאָנאַך האָט העפלעך אָפּגעוואָרפן דעם לעצטן פאַרשלאַג:

„אַ ברודער וועט אייך גערן באַגלייטן... איר וועט זיך איבערצייגן, אַז נישט אַלץ קענט איר און ווייסט..."

דער מאָנאַסטיר געהער צו דעם קאַטוילישן אָרדן „סעלעזיאַן" און די מאָנאַכן רעדן אַלע סיי העברעיִש און סיי אַראַביש. זיי האַלטן דאָ אויף אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע שול, אין וועלכער עס לערנען יתומים, „אָדער סתם אָרעמע קינדער, פון די אַראַ־בישע דערפער אין דער אָרומיקער געגנט". די לערערס־מאָנאַכן און שילערס באַ־אַרבעטן שטיקער פעלדער, סעדער, אויפן שיפּוע פונעם באַרג. „מיר האָדעווען אויך אַ קליינע צאָל בעלי־חיים, איר זעט דאָך די שטאַלן, שטוב־בהמות צו האָבן אײ־גענע פלייש און מילך" — האָט דערקלערט אַ ייִנגערער מאָנאַך, וועלכער איז גערופן געוואָרן אונדז צו באַגלייטן — „פּרוכטן און גרינצייג אַלערליי האָבן מיר אויך פון אייגענער צוכט, גענוג פאַר אַלע וואָס לעבן אין די מויערן".

„קוקט אַריבער די מויערן, אין אַלע זייטן, וועט איר פאַרשטיין דעם נאָמען פון פּלאַץ..." אונטערשטרייכט ספּעציעל, ווי מיר האָבן פאַרשטאַנען, אונדזער אָפּיציר — „בית־דזשאַמאַל, באַדייט ,דאָס הויז פון שיינקייט'..."

„ניין... איר האָט אַ טעות..." — האָט אים גלייך איבערגעריסן דער מאָנאַך — „דזשאַמאַל קומט פון נאָמען ,דזשאַמליעל', דאָס איז רבן גמליאל דער ערשטער, דער נשיא פון סנהדרין אין דער הייליקער שטאָט יבנה אין ערשטן יאָרהונדערט נאָך ישוס געבורט..."

אַ שיינער אויסבליק איז טאַקע פון דאַנען. עס כוואַליען זיך אויף מזרח די הייכן פון יהודה, און עס שניידט זיך אַריין אין מיטן, ווייט־ווייט, אָדער גאָר נאָענט, ווי עס וויל די זון־ און שאָטן־שפּיל, דער באַרג־קראַנץ פון ירושלים, וואָס נידערט אַוועק אין ווייטערדיקן מדבר אַריין... און כאָטש לויט דער ייִדישער מסורה איז רבן גמליאל באַגראָבן אין יבנה גופא, ווייזט מען אייך דאָ זיין קבר אין אַלטן קעלער. „רבן גמליאל איז פאַרהייליקט ביי אַלע קריסטן" — פאַרזיכערט דער מאָנאַך און ער ציטירט פון דער עוואַנגעליע די ווערטער פון הייליקן פּאַולוס, דעם אַפּאָסטאָל: „איך בין אַ ייִד, געבוירן אין טאַרסוס פון קיליקיע, אָבער דער־צויגן אין דער דאָזיקער שטאָט, ביי די פיס פון גמליאלן, געלערנט — פון דער תורה פון אונדזערע אבות" („די מעשים פון די שליחים", כ"ב, 3). לויט אַ מסורה פון אונדזער אַלטער ליטעראַטור איז דאָ געווען כפר־גמלה, וואָס איז געווען אַ גוט פון רבן גמליאל טאַקע. ווי האָט געשמייכלט אונדזער אָפּיציר? „נו, וואָסווילט איר?... ווי ווייט איז עס דען פון יבנה?... אין משך פון צוויי טויזנט יאָר האָט ער זיך צוגערוקט נענטער צו ירושלים..." ביי דער זייט פון דעם גרויסן שווערן מאָנאַסטיר־בנין געפינט זיך אַ קליינע „נייע קירך", ווי דער מאָנאַך באַ־צייכנט זי, כאָטש אויף דער פראַגע פון איינעם פון אונדז „ביי — זינט וויפל יאָר־הונדערטער?", באַקומען מיר נישט קיין ענטפער. מיר קומען אַריין אין אַ שיינער קירך, נאָר איידער מיר באַטראַכטן זי, פירט אונדז דער מאָנאַך, צווישן די צוויי הויפּט־זיילן צו שמאָלע טרעפּ, וואָס פירן אַראָפּ אין אַ קריפּטע, וווּ די אַלטקייט זעט זיך נישט בלויז, נאָר זי נעמט אייך אַרום און צווינגט אַרויף אַ הייליקייט־געפיל. אַ געמויערטע העכערונג — „דער קבר פון רבן גמליאל". אַ ביסל אָפּ־

גערוקט: „דאָ רוט זיין זון חביב". און נישט ווייט פון זיי: „דאָס איז אַ הייליקער קבר. דאָ איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה דער ערשטער הייליקער אין דער געשיכטע פון קריסטנטום, סטעפאַנוס, וועלכן די ייִדן האָט פאַרשטיינערט אין ירושלים... ער האָט געלעבט מער־ווייניק אין דער זעלבער צייט ווי רבן גמליאל". דערלעבן — דער קבר פון הייליקן ניקאָדאַמוס. די אונטערערד פון דער קירך שטאַמט פון אַ מקום־קדוש פון פינפטן־זעקסטן יאָרהונדערט. „אפשר נאָך אַ ייִדישער..." — האָט באַמערקט שטיל איינער פון אונדזערע זעלנערס. דער מאָנאַך האָט דאָס יאָ געהערט און זיך אָפּגערופן: „ניין. שוין אַ קריסטלעכער, נאָך דער אָפּטיילונג און צעשיידונג פון די רעליגיעס — איר וועט זיך באַלד איבערצייגן".

אויף דער אויבערפלאַך, אין שיין־אויסגעשטאַטן תפילה־זאַל טרעפן מיר אין די ווענט איינגעמויערט שטיקער מאָזאַיקעס, איבערבלייבענישן פון דער אַלטער קירך, שוין מיט ריין־קריסטלעכע מאָטיוון. אַ פאַרבליבן שטיקל פון אַן אויפשריפט אין גריכיש וועגן „הייליקן סטעפאַנוס, דער באַרימטער זייער געליבטער קדוש פאַר אונדזער האַר". די ווענט זענען באַדעקט כמעט אינגאַנצן מיט טיילווייז הויך־קינסטלערישע בילדער וועגן לעבן און „פיינפולן אומקום פון הייליקן סטעפאַנוס". די זײַלן און פעסט־געוועלבטע בויגנס איבער זיי זענען אויך אויסגעשטאַט מיט מאָזאַיקעס פון אַ נייערער עפּאָכע.

ביים פאַרלאָזן דעם מאָנאַסטיר, האָט מאָשיק געדאַנקט דעם מאָנאַך און מיט אַ טאָן וואָס האָט נישט שטאַרק געשמעקט דעם קריסטלעכן גייסטלעכן, איבערגע־חזרט די ווערטער פון הייליקן פאָולוס: „מיר האָבן פון אייך אַ סך געלערנט פון דער תורה פון אונדזערע אבות'..."

„...און וועגן ירמות האָט איר געהערט?"

ווען מיר זענען אַראָפּ פון בערגל בית־דזשאַמאַל, האָט מאָשיק אונדז אַרייַנ־געפירט אין אַ שמאָלן טאָל־וועגל און דערקלערט: „מיר זענען אַריין אין נחל־ירמות... און וועגן ירמות דער שטאָט האָט איר געהערט?" איינער פון אונדזערע זעלנערס, שמואל פּאַקמאַן, וועגן וועלכן מיר האָבן געוווּסט, אַז ער געהער צו אַ תנ"ך־קרייז אין רמת־גן, האָט מיט זיכערקייט זיך אָנגערופן: „המפקד, דוכט מיר אַז דאָ איז אַ געוויינלעכער וואדי... די שטאָט ירמות האָט אָנגעהערט צום שבט ישׂשכר, אין גליל גאָר, דאָרט געפינט זיך, ווי עס זאָגט זיך אין ספר יהושע כ"א, און פון שבט ישׂשכר — — — ירמות מיט אירע פרייע פּלעצער'..." אונדזער חבר שמואל „האָט פאַרגעסן אַ פריערדיקן קאַפּיטל מיט שיינער געשיכטע, פון זעלבן ספר יהושע" — אין גליל איז געווען נאָך אַ שטאָט מיטן זעלבן נאָמען, אָבער דאָס היסטאָרישע ירמות האָט זיך געפונען אָט דאָ, נישט ווייט פון „טייכל", אין וועלכנס בעקן מיר האָבן יעצט פאַרמיטאָג מאַרשירט.

דער פּאַלמעס־קוואַל (עין־דקלים), וואָס רייסט זיך אַרויס פון די ערד־טיפע־נישן אין אָנהייב פונעם וואדי, האָט אַמאָל זיכער געבראַכט אַ סך וואַסער און געשטראָמט שטענדיק אינעם בעקן, ווייל ביי די ברעגעס, אויף די פלאַכע אָפּ־האַנגען, טרעפט מען חורבות, מויער־איבערבלייבענישן פון אַלטע עפּאָכעס און נייערע צייטן. אָט רופט זיך איין חורבה אין אַראַביש „דיר עלאַצפאַראַ", דער

פויגל־מאָנאַסטיר — דאָ זאָל האָבן געווען אַ קלויסטער אויפֿן נאָמען פֿון דער קריסטלעכער הייליקער פֿון פֿינפֿטן יאָרהונדערט סאַנטאַ עופּראַזיאַ. אַ צווייטע חורבה פֿון שטיינערנע ווענט האָבן די אַראַבער גערופֿן „אַ־נעבי בולוס", דער נביא פּאַולוס. ווען מיר זענען דאָרט פֿאַרביי דעמאָלט, האָבן נאָך די אַרכעאָלאָגן נישט געהאַט זיך מיט דעם פֿאַרנומען, נישט געגראָבן, און אפֿילו קיין היפּאָטעזע וואָס דאָרט איז געווען אַמאָל, האָט אונדזער אָנפֿירער נישט געהאַט. אָבער דער בעקן פֿירט צום בערגל, תל־ירמות, וואָס איז שוין צעגראָבן, אַרכעאָלאָגיש אויס־געפֿאָרשט געוואָרן.

„יאָ, דאָ איז געווען די קיניגלעכע שטאָט ירמות". מאָשיק ציטירט נישט דאָס מאָל פֿון זכרון, נאָר מישט אויף אין זיין קליין תנ"כל און לייענט: „און עס איז געווען, ווי אדוני־צדק דער מלך פֿון ירושלים האָט געהערט אַז יהושע האָט באַצוווּנגען — — — און אַז די באַווינער פֿון גבעון האָבן געמאַכט שלום מיט ישראל און זענען געבליבן צווישן זיי; האָבן זיי מורא געקריגן. — — — דער מלך פֿון ירושלים האָט געשיקט צו הוהם דעם מלך פֿון חברון און צו פּיראָם דעם מלך פֿון ירמות, און צו יָפיע דעם מלך פֿון לָכיש, און צו דביר דעם מלך פֿון עגלון, אַזוי צו זאָגן: קומט אַרויף צו מיר און העלפֿט מיר, און לאָמיר שלאָגן גבעון, ווייל זי האָט געמאַכט שלום מיט יהושען און מיט די קינדער פֿון ישראל" (יהושע י', א'—ד'). די באַקאַנטע געשיכטע פֿון תנ"ך. יהושע איז געקומען צוהילף דעם מלך פֿון גבעון. דער מלך פֿון ירמות איז געווען צווישן די פֿינף מלכים, קעגן וועלכע יהושע „און דאָס גאַנצע מלחמה־פֿאָלק מיט אים", האָבן געקעמפֿט אין גבעון, ווען יהושע האָט געמאַכט זיין באַרימטע ווענדונג: „זון, שטיי שטיל אין גבעון, און לבנה, אין טאָל פֿון אילון! און די זון איז שטיל געשטאַנען, און די לבנה האָט זיך אָפּגעשטעלט, ביז דאָס פֿאָלק האָט זיך נוקם געווען אין זיינע פֿיינד" (דאָרט, י"ב—י"ג). די שטאָט איז צוגעטיילט געוואָרן דעם שבט יהודה: „אין דער נידערונג — — — ירמות" (דאָרט, ט"ו, ל"ג). נאָכן ערשטן גלות, ווי עס ווערט דערציילט אין ספֿר נחמיה, האָבן זיך צוריקגעקערטע עולים אויך באַזעצט אין ירמות. אין די צייטן פֿון אויסעביוס, אין פֿערטן יאָרהונדערט, איז עס נאָך געווען אַן עקזיסטירנדיקער יישוב, וואָס ער רופֿט אָן יערמאָכאָס („אָנאָ־מאַסטיקאָן", ז' 106). ער האָט עקזיסטירט, ווייזט אויס, אַלס קליינער אומבאַדייטנדיקער יישוב, ביז דער אַריינדרינגונג פֿון די אַראַבער קיין ארץ־ישראל, ווען ער איז חרוב געוואָרן און זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ „תל". די אַרכעאָלאָגישע גראָבונגען האָבן דאָ קיין איבעררעשנדיקע זאַכן נישט געפֿונען. שטיקלעך פֿון ווענט, וואָס זענען וואַרשיינלעך פֿון דער צייט פֿון בית־שני, עטלעכע געצקעס פֿון דער כנענים־עפּאָכע. „אפֿשר וועט מען נאָך גראָבן טיפֿער און עפּעס אויסגעפֿינען..." — האָפֿט אונדזער מאָשיק.

אין דער אור־אור־אַלטער פּרעהיסטאָרישער הייל

עס איז שוין געווען נאָך יום־טוב, איינער פֿון די לעצטע טעג פֿון אונדזער מיליטער־דינסט. אויבערסערזשאַנט משה האָט אונדז אין פֿרימאָרגן, גלייך נאָך פֿרישטיק, אויסגעזעצט אויף אַ גרויסן פֿעלדז אין אַ קרייז אַרום זיך און אין זיין

עברית־סלענג, אויסגעמישט מיט אַראַבישע ווערטער, דערציילט אַן אַלטע לעגענדע:

אַמאָל האָט געלעבט אין די בערג פון יהודה אַ רייכער שייך, וועלכער האָט געהאַט אַ בילד־שיינע טאָכטער. אַ סך יונגעלייט האָבן געוואָלט די טאָכטער פאַר אַ ווייב. דער שייך האָט אָבער געמאָלדן, אַז פאַר אַ ווייב וועט זי באַקומען יענער מאַן, וועלכער וועט אין מיטן נאַכט אַראָפּגיין אַליין, אָן ליכט, אין תהום פון דער „הייל פון צווילינג", ביזן קוואַל, וואָס שטראָמט אין סאַמע אָפּגרונט. אַלס צייכן אַז ער איז טאַקע דאָרט געווען, דאַרף דער יונגערמאַן אַריינשטעקן האַרט ביים ברעג פון קוואַל זיין שווערד. איין פאַרליבטער יונגערמאַן האָט זיך אונטערגענומען דאָס דורכצופירן, כאָטש מען האָט אים געוואָרנט, אַז ביינאַכט איז ביים קוואַל אין אָפּגרונט פול מיט שדים און רוחות, וואָס היטן, אַז קיין מענטש זאָל זיך אַהין נישט דערגענטערן... אָבער די ליבע צו דער שיינער טאָכטער פונעם שייך האָט פאַרטריבן פון זיין האַרץ יעדע שרעק. ער איז אַריין אין דער הייל אין אַ פינצטערער נאַכט, צוגעקומען צום קוואַל. אָבער אַריינשטעקנדיק אין דער ערד זיין שווערד, ווי עס האָט געדאַרפט זיין דער אָפּגערעדטער סימן, האָט ער אין דער פינצטער פאַרטשפּעט זיין אייגענע „אַבייע", זי צוגענאַגלט צו דער ערד און נישט געקאָנט אַוועקגיין... און אַזוי איז ער פאַרשטיינערט געוואָרן אויפן אָרט...

„...אַזוי האָבן אים די שדים באַצאָלט פאַרן אַריינרייסן זיך אין זייער תחום..."

און אונדזער רב־סמל האָט צוגעגעבן: „אויב איר גלויבט נישט די דאָזיקע מעשה, קאָנען מיר באַלד אַראָפּנידערן אין תהום פון דער ‚צווילינג־הייל' און איר וועט זיך איבערצייגן, אַז דאָס איז אמת..."

און מיר האָבן זיך איבערצייגט — דער פאַרשטיינערטער יונגערמאַן שטייט ביים ברעג פונעם תהום־קוואַל ביזן היינטיקן טאָג. דאָס איז טאַקע אמת; אָבער ער איז נישט דער איינציקער. עס שטייען דאָרט צענדליקער ענלעכע פיגורן, צעוואָרפן איבער דער גאַנצער אונטערערדישער הייל.

*

נישט לייכט איז צוצוקומען צו דער „הייל פון צווילינג", אָדער „הייל פון דער צווילינג־מוטער" — „מע'אַראַט אום עטהאַמין", ווי עס רופן זי די אַראַבער. פון וואַנען עס שטאַמט איר נאָמען „צווילינג", אָדער „צווילינג־מוטער" — אויך וועגן דעם דערציילט מען אַ סך פאַרשיידענע לעגענדעס. איינע איז וועגן אַ פרוי אַן עקרה. זי האָט לאַנגע יאָרן נישט געבוירן קיין קינדער. זי האָט אַראָפּגענידערט אין דער הייל, אונטערגעשטעלט איר אָפן מויל און געשלונגען די טראָפּנס, וואָס טריפן פאַמעלעך אַראָפּ פון סופיט, ביז זי האָט געשטילט איר דאָרשט... „און נאָך דעם האָט זי פאַרשוואַנגערט און געבוירן אַ צווילינג..." דאָס איז איינע פון די אומצאָליקע לעגענדעס, וואָס וועבן זיך שוין „יאָרהונדערטער אַרום דער הייל..."

„יאָרהונדערטער?" — לאַכט פון אונדז אונדזער מאַשיק — „אַ סך, אַ סך יאָרטויזנטער, יאָ, טויזנטער יאָרן! מען האָט אין דער דאָזיקער הייל געפונען מכשירים פונעם מענטש פון דער שטיין־עפּאָכע". ער דערציילט וועגן געצייג פון קיזלשטיין, פון מיט אַ זעקס טויזנט יאָר צוריק, וואָס זענען פאַרבליבן אין דער הייל.

„ניין, איר וועט זיי נישט זען" — ענטפערט ער אויף אַ פראַגע — „זיי געפינען זיך אין ‚בריטישן מוזיי' אין לאָנדאָן. דער ענגלישער פאָרשער דזשעפסיין, וועלכער האָט אפילו דער ערשטער געמאַכט אַ צייכענונג פון דער הייל, נאָך אין יאָר 1873, האָט זיי צוגענומען". און עס זענען טאַקע אין לאָנדאָן אויסגעשטעלט פרימיטיווע מכשירים פון דער „צווילינג־הייל", ווי אַ זעגל, אַ מעסער־ צי אַ שווערד־שאַרף, פיילן־שפּיצן, אַ גראַב־שטיין — „אַלץ אויסגעאַרבעט פון האַרטן קיזל־שטיין".

ווען מיר גייען פאַרביי זנוח, טרעפן מיר ר' יחיאן אַרויסגיין פון בית־כנסת. מיר האָבן אים דערציילט וווהין מיר גייען היינט. אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ זאָרג: „למה ?... וואָס וועט איר דאָרט זען ?... מען דאַרף נישט גיין... עמעצער קאָן אַראָפּפאַלן אין דער פינצטער, זיך אויסגליטשן... עס איז דאָרט אינעווייניק חושך מצרים... גייט נישט..." — האָט ער זיך ווי געבעטן — „פאַראַן אַזויפיל שיינע ערטער".

„פאַרוואָס ? מיר האָבן מיט זיך לאָמפּן, ר' יחיא".

קיין סיבה האָבן מיר פון אים נישט געהערט. „סתם... מען דאַרף נישט... נישטאָ דאָרט וואָס צו זען..."

בכלל, האָבן מיר שוין געוווּסט, ווילן נישט די תימנער ייִדן פון זנוח רעדן וועגן דער הייל. זיי פּרווון אָפּהאַלטן פון גיין צו איר, פון אַריינגיין, — „סתם, ככה..." — אָבער קוקן זיך דערביי פילדייטיק איבער צווישן זיך. דעם אמת האָבן מיר געוווּסט — אין דער געגנט גייען דאָך אַרום די קלאַנגען וועגן שדים און שלעכטע רוחות, וואָס האַלטן זיך אויף טיף אין דער דאָזיקער הייל...

מיר זענען אַוועק צפונדיק פון מושב. מיר זענען פאַרביי, נישט אָפּשטעלנדיק זיך, די חורבות פון פאַרלאָזטן דערפל דזשאַרעש (ג'רש) און צוגעקומען צום נחל־התאומים, דאָס „געלעגער" פון צווילינג־טייכל. אין אָנהייב איז דער טאָל נאָך גאַנץ ברייט, אָבער באַלד פאַרוואַנדלט ער זיך אין אַ שמאָלן ווילדן וואַדי, וואָס ווערט אַן ענג שטעגל, ווו מיר זענען געצוווּנגען צו גיין איינציקווייז אין אַ ריי איינער נאָכן צווייטן, זיגזאַגיק צווישן פעלדזיקע בערגלעך. ביים סוף קומען מיר צו צום נישט־ברייטן אַריינגאַנג אין דער הייל. דאָס איז צופוסנס פון אַ כמעט קופּאָלאַרטיקער פעלדזן־הייך, ווו פון שפּאַלטן רייסן זיך אַרויס דערנער און אפילו צעבלומטע קוסטן אין נאָך־פּסחדיקן פרילינג. מיר קלעטערן אַרויף, כדי איבער־צובייסן און לעשן דעם דאָרשט, טאַקע אין שאָטן פון אַ דערנער־געדיכטעניש.

פון דאַנען האָבן מיר געקוקט אויף די פּליינען פון בית־שמש, נאָך וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעזען אויפן האָריזאָנט די געביידעס פון דער נייער יונגער שטאָט. מאָשיק האָט זיך פאַרקלערט און דערנאָך געזאָגט: „רעכטס פון שטעטל געפינט זיך דער ‚תל בית־שמש', דאָס אָרט ווו עס איז געווען די אַמאָליקע, געשיכטע־רייכע שטאָט בית־שמש. אַ שאָד וואָס מיר האָבן עס דאָס מאָל נישט געקאָנט באַזוכן. אַ ביסל ווייטער, הינטער אים איז צרעה, דאָס געבוירן־אָרט און טעטיקייט־געגנט פון שמשון הגיבור... דער באַרג־פּליין אָבער, פון אונדז דאָ ביז דאָרטן, דערמאָנט מיר שטענדיק אין אַ געשעעניש וואָס איז ווייט פון ייִדישער גבורה... דאָ איז פאַר־

געקומען, טאָקע לאַנג־לאַנג שוין צוריק, אַ טרויעריקער ייִדישער ברודער־קאַמף... געווען צוויי ייִדישע מלוכות, ישראל און יהודה. אין אַכטן יאָרהונדערט פאַר דער צייטרעכענונג איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה צווישןביידע מלוכות, פון איין זייט איז געווען יהואש בן יהואחז דער מלך פון ישראל, פון דער צווייטער זייט אמציה בן יואש דער מלך פון יהודה. אָבער פאַרוואָס האָבן זיי מלחמה געהאַלטן? די זאַך ווערט באַשריבן אין ספר מלכים, אויך אין דברי־הימים — אָבער אין ערגעץ איז נישט אָנגעגעבן די סיבה, פאַרוואָס האָבן זיך די ייִדישע ברידער־קיניגרייכן געשלאָגן?... בלויז שנאה? שנאה צווישן ייִדן, שנאת־חינם... דאָ, אָט אויף דעם פליין איז פאָרגעקומען צווישן זיי די מלחמה, און שפּעטער דער רויב פון ירוש־לים..." און ער האָט ווידער געלייענט פון תנ"ך־ספרל מיט טרויער און כעס אין קול גלייכצייטיק: „און יהואש מלך ישראל איז אַרויפגעגאַנגען און זיי האָבן זיך אָנגעקוקט אין פנים, ער און אמציהו דער מלך פון יהודה, אין בית־שמש וואָס געהערט צו יהודה. און יהודה איז געשלאָגן געוואָרן פאַר ישראל און זיי זענען אַנטלאָפן איטלעכער צו זיינע געצעלטן. און אמציהו דעם מלך פון יהודה, האָט יהואש דער מלך פון ישראל געכאַפּט אין בית־שמש. און ער איז געקומען קיין ירושלים, און האָט דורכגעבראָכן די מויער פון ירושלים פיר הונדערט איילן. און ער האָט צוגענומען דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, און אַלע כלים, וואָס האָבן זיך געפונען אין הויז פון גאָט און אין די שאַצקאַמערן פון מלכס הויז, און משכון־קינדער און האָט זיך אומגעקערט קיין שומרון" (מלכים ב׳, י"ד, י"א—י"ד).

מיר זענען סוף־כל־סוף אַריין אינעווייניק. מאַשיק איז געגאַנגען פאָראויס, נאָכדעם ווי ער האָט פאַראָרדנט זיך צובינדן איינער צום צווייטן ביי אונדזערע מיליטערישע רימענס. ווו עס האָט זיך געענדיקט, נאָכן גיין, אָדער גליטשן זיך, איינצלנע מעטערס, ביז וואַנען דאָס דרויסנדיקע ליכט האָט דערגרייכט דורכן שמאָלן אַריינגאַנג, האָבן מיר אָנגעצונדן אונדזערע „לוקס"־לאָמפּן און פאַר אונ־דזערע אויגן האָט זיך באַוויזן די הייל. ווענט און העכערונגען טיילן זי פונאַנדער אויף קלענערע און גרעסערע שטיקער. זי איז נישט פון די גרויסע פון דעם סאָרט היילן — אַן ערך ווי מאַשיק האָט ערגעץ געלייענט — „ניין, אַליין געמאָסטן האָב איך זי נישט..." — דריי־און־זיבעציק אויף קנאַפּע פופציק מעטער. „פאַר־שטייט זיך, אַן דעם שמאָלן תהומיקן אָפּצוויג, ווו עס געפינט זיך דער פאַרכי־שופטער קוואַל..." אין דער וויטערער טיפערער זייט פון דער הייל טרעפן מיר ערשט „די פאַרכישופטע וועלט", ווי אונדזער קאָמאַנדיר האָט אונדז צוגעזאָגט, פון זיילן, מאָדנע געשטאַלטן, ווי סקולפּטורן, אויסגעהאַמערטע דורך הענט פון געהיימנישפולע קינסטלערס. דער ערשטער סטאַלאַגמיט, ביי וועלכן מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן איז אין דער פאָרם פון אַ דיקן מענטש; אַ פאַרגליווערט, אַביסל איבערגעשראָקן פנים, מיט אַ פעסקע אויפן קאָפּ... „דאָס איז געווען אַ שטאַרקער יונג, האָט דערציילט אַ לעגענדע, וועלכער איז אַליין אַריין ביינאַכט, צו באַווייזן אַז ער האָט נישט קיין מורא פאַר די שדים — פאַרן שטערן זייער רו, האָבן זיי אים פאַרוואַנדלט אין אַ שטיין... קוקט אים אָן..."

„נישט קיין שדים, נישט קיין פאַרצייטיקע קינסטלערס האָבן דאָס אַלץ אויס־געהאַמערט..." — ווייל אונדז „באַרויִקן" אונדזער רב־סמל — „דער קינסטלער

דאָ איז די נאַטור אַליין, דער גרעסטער קינסטלער, וואָס איז נאָר מעגלעך זיך פאָרצושטעלן..."

אונדזער מאַשיק האָט זיך אַרויסגעוויזן נישט בלויז ווי אַ קענער פון זיין לאַנד, נאָר אויך אַ שטיק געאָלאָג... ער האָט אונדז אויסגעזעצט און גערעדט:

„קוקט זיך אַרום... אין אַט־דער הייל ווערן פאַר אונדזערע אויגן פאַרגעזעצט די מעשי־בראשית... דאָס אַלץ, וואָס איר זעט איז די פּאַמעלעכע אומאויפהערלעכע אַרבעט פון אונטערערדישע וואַסערן, אין משך פון פיל־פיל טויזנטער, און אפשר מיליאָנען, יאָרן... די וואַסערן באַקומען זיך אַדורך דורך די ווייכערע פעלדז־שיכטן, רייסן דורך וועגן און בויערן אויס היילן... אין די דאָזיקע היילן קומט פאָר אַן אומאויפהערלעכער פּראָצעס פון דעמפונג; פליסיקייט פאַרוואַנדלט זיך דאָ אין דאַמף און עס זעצן זיך אָפּ קאַלך און אַנדערע כעמישע באַשטאַנד־טיילן, וועלכע געפינען זיך אין וואַסער, וואָס איז אויסגעמישט מיט צעריבענע טיילן פון דער פעלדזיקער ערד..."

און ער גייט איבער צום באַשאַף פון סטאַלאַגמיטן און סטאַלאַקטיטן:

„ווען די דעמפונג איז אַ פּאַמעלעכע, פאַלט דער טראָפּן פון באַלקן אַראָפּ אויפן דיל און לאָזט אונטן איבער זיין קאַלך און שטיין־אָפּזאַץ, נאָכן אויסדעמפן זיך פונעם וואַסער. אַזוי אַ טראָפּן אויף אַ טראָפּן, דורך אומצייליקע יאָרטויזנ־טער, שטייגן אויף זיילן פון אונטן אַרויף — עס ווערן געבוירן די סטאַלאַגמיטן. ווען די דעמפונג איז אַ שנעלע און דער דורכדרינגנדיקער וואַסער־טראָפּן באַוויזט נישט אַראָפּצופאַלן, נאָר ווערט אויסגעדעמפט גלייך אויבן אויפן באַלקן, שטעלט זיך באַלד דאָרט אָפּ זיין שטיינערנער באַזיץ און דער זייל וואַקסט דאַן פון אויבן אַראָפּ — דאָס זענען די סטאַלאַקטיטן..."

אָפּט ווערט פון צוויי אַ גאַנצער זייל, וואָס שפּאַרט אונטער די הייל פון פּאָל ביז דער סטעליע. אַזעלכע זענען דאָ פיל אין אונדזער „צווילינג־הייל". און, ווי אומעטום אין אַזעלכע היילן אויף דער וועלט — זענען דאָ די סטאַלאַקטיטן און סטאַלאַגמיטן אין אַזעלכע פאַרשיידנאַרטיקע פאָרמען, אַז זיי זעען אויס צו זיין געשניצט מיט פּלאַן און שכל...

די דאָזיקע הייל, וואָס איז נישט גרויס, איז אָבער פאַרצווייגט, פול מיט טיפע גריבער, משונהדיקע דורכגענג. די ווענט גליטשיק, די אָפּהאַנגען — משופּע, פאַרזייט מיט קליינע און גרויסע פאַרשיידנפאַרמיקע זיילן. אונדזערע רימענס האַלטן אונדז קוים צוזאַמען ביים אַראָפּלאָזן זיך אין תהום, וווּ עס פליסטערט מיט אַ סודותדיקער עכאָ־שפּראַך דער אייביקער שטראָם פון קאַלטן קוואַל. אַמאָל מוז מען זיך דורכשטופּן צווישן צוויי זיילן, וווּ עס פאַרכאַפּן דעם אָטעם אויסגע־צירטע מיט „סקולפּטורן" ווינקעלעך...

דער „פאַרכישופטער קוואַל" געפינט זיך אין אַן אָפּצווייג פון דער הייל אין איר צפונדיקן ווינקל. דאָס איז אַ תהום פון אַ צוואַנציק מעטער די טיף, וואָס איז נישט ברייטער פון אַ פינף מעטער און צעציט זיך אין אַ לענג פון בערך צוואַנציק מעטער.

שווער טאַקע צוצוקומען צום קוואַל אין אָפּגרונט. אָבער נישט קיין שדים היטן אים. נישט קיין רוחות פאַרשטעלן דעם וועג — נאָר גליטשיקע פעלדזן און שטעכיקע סטאַלאַגמיטן, קליינע און גרויסע...

די „הייל פון צווילינג" האָט איצט ווידער אַריינגעשלעפּט אין זיך אַ קרבן. די ידיעה גיט נישט אָן אויף וועלכן אופן און ביי וואָס פאַראַ אומשטענדן, — נישט קיין נפקא מינה, ער וועט אויך אַרומגעוועבט ווערן מיט לעגענדע, אָדער משונה־דיקע שרעק־מעשיות.

*

נישט אייביק וועלן זיין קרבנות אין דער „הייל פון צווילינג". מען וועט, ווי עס פירט זיך אויף דער וועלט, אויסגלייכן און דורכהאַקן וועגן, טרעפּ, באַלייכטן אַלץ.

און איבער די וועגן און שטעגן, וואָס וועלן געפלאַסטערט ווערן אין די הרי־יהודה, וועט יונג און אַלט שטראָמען צו דער „הייל פון צווילינג". דאָן וועלן די באַזונדערע „זאַלן" טראָגן נעמען — נאָך אָן אַלטער שיל, צי נאָך אברהם אבינו, משה רבינו, אָדער בר־כוכבא, צי גאָר טרומפּעלדאָר און חיים ווייצמאַן...

צי קאָן מען דען נישט אָט־יענעם סטאַלאַגמיט דאָרט אין דער ווייט, וואָס שפּאַרט אונטער אַ גאַנצן באַרג מיט זיין ריזיקן קאָפּ, אָנרופן שמשון הגיבור? און צי איז דאָ טאַקע נישט געקראָכן קינדווייז דער לעגענדאַרער העלד פון דער־בייזיקן צרעה?... און צי איז יענער זייל, אונטן, נישט ענלעך צו אַ ייִד מיט אַ באָרד, געשניטן אין וויס־גרינלעכן מאַרמאָר?... אליהו הנביא צי גאָר אַ הערצל־געשטאַלט?...

און די לעגענדעס אַרום דער הייל וועלן זיך אויך ווייטער וועבן אַרום יעדן נייעם קנייטש אויף אַ סטאַלאַגמיט, ווי עס האָט געזאָגט אונדזער מאָשיק — „אין די כסדרדיקע, אומאויפהערלעכע מעשי־בראשית"...

1965

„צו די פאַקלען פון לכיש"

דער חבל לָכיש איז אַלט געוואָרן פינף יאָר...

מיט גרויס פּאַראַד איז געפייערט געוואָרן דער פינפטער יאָרטאָג זינט מען האָט אָנגעהויבן דורכפירן דעם ברייט־פאַרמאָסטענעם קאָלאָניזאַציע־פּלאַן אין דער דאָזיקער געגנט, וואָס האָט יאָרהונדערטער — ניין, אַ טעות, יאָרטויזנטער — געפּוסטעוועט. די פינף יאָר האָבן געענדערט דאָס אויסזען, באַלעבט, באַ־גרינט און באַפרוכפּערט דעם לכיש־פליין אין דרום פון יהודה.

אַ גרויסער פּאַראַד איז לכבוד דעם יום־טוב פאָרגעקומען אין קרית־גת, די הויפּטשטאָט פון דער געגנט, וואָס איז אין פינף יאָר ממש אויסגעוואָקסן ווי פון אונטער דער ערד — אַ שטעטל מיט אַ צען טויזנט איינוווינערס. דער פרע־מיער־מיניסטער דוד בן־גוריון האָט גערעדט, מיניסטאָרן זענען בייגעווען, הויכע מיליטער־לייט, פּאַרטיי־פירער, התיישבות־טוער. און ס'האָט זיך מיטגעפרייט דאָס גאַנצע לאַנד.

מען האָט אָבער ווי פאַרגעסן, געמאַכט זיך פאַרגעסן, אַז שוין מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר צוריק, האָבן חלוצים באַפרוכפּערט טיילן פון דער דאָזיקער וויסטער ערד.

מיט פּיאָנערישן שוויס און חלוצישן אויסדויער האָט מען דאָ אויפגע־שטעלט — נאָך אין יאָר 1941 — דעם קיבוץ גת; אין 1946 — די קיבוצים קדמה און גל־און; אין 1948 — בית־גוברין. אין איינזאַמקייט, אין קאַמף מיט איבערפאַלערס, אָן וואַסער, אָן ליכט און אָן וועגן — האָט מען אויפגעבויט קי־בוצישע היימען. און זיי האָבן די ערשטע געחלומט וועגן אוראַלטן גת און אַנטיקן לָכיש.

שפּעטער איז געקומען דער פּלאַן פון דער ראַיאָנער קאָלאָניזירונג אין דער געגנט. אַ צענטראַלע שטאָט. צענטער־דערפער, מיט פינף־זעקס קליינע מוש־בים אַרום. פריער האָט מען אויפגעבויט די דערפלעך, מיט הייזער און שטאַלן; פריער אויפגעשטעלט די צענטערס, מיט שולן, צרכניהס, אַמבולאַטאָריעס, פאַרזאַמלונג־ און קינאָ־זאַלן, געפלאַסטערט וועגן, געצויגן עלעקטרישע דראָטן און צוגעפירט וואַסער־רערן... דערנאָך ערשט — געבראַכט די מענטשן. גלייך טאַקע פון שיף, דירעקט פון פּלי־פּלאַץ. עס האָט שוין געוואַרט אויף זיי דער טראַקטאָר, די עופות־שטייג און — דער שליסל פון שטוב. אַ טייל איז אויך געקומען נאָכן לעבן עטלעכע יאָר שוין אין ישראל.

אַזוי איז גוט, אַזוי דאַרף זיין.

וועגן אָט די מתיישבים האָט שמואל דיין, דערמאָנענדיק זיך אין זיין דגניה, געשריבן: „ווער עס וויל זען אום־דזשוני אין איר אָנהייב, זאָל ער קומען קיין לכיש. די זעלבע פרייד און אָנשטרענג; דער זעלבער ראַנד־געביט, די איזאָלירט־קייט, די פרישקייט און דער גלויבן... האָט זיך עס דאָך נאָך אָנגעהויבן אין גת, אין קדמה, אין גל־און, אין בית־גוברין..."

אין דער גרינדונג־מגילה פון קיבוץ גת, אין 1941, איז געשריבן געוואָרן אויפן פּאַרמעט: „ווען עס וואַקלען זיך די פונדאַמענטן פון דער וועלט, אין אַ צייט ווען פינצטערניש איז אַרויס פון איר נאָרע צו פּאַרטונקלען די גאַנצע וועלט, ווען די פאַרניכטונג צעשטראָגט זיך איבער גאַנצע פעלקער און דאָס קול פון אונדזערע ברידערס בלוט שרייט צו אונדז פון דער געפייניקטער ערד פון אייראָפּע — זענען מיר אַרויס לייגן אַ ווינקלשטיין פאַר אַ נייעם יידישן יישוב אין די ווייטקייטן פון דער וויסטע. אונדזער גלויבן איז פעסט, אַז דער חושך וועט נאָך פאַר אונדז פאַרוואַנדלט ווערן אין ליכט...״

און אַט ליכטיקייט אַרום און אַרום.

נאָר אויפן מאָסט, בעת דער פייערונג אין קרית־גת, האָבן נישט געפלאַ־טערט די רויטע פענער פון די קיבוצים. די פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג פון דער רעגירונג האָט זיי געפּסלט... און די חלוצים־פּאַרשטייערס פון די ערשטע בויערס זענען דעריבער נישט געזעסן אויף דער טריבונע...

*

אין „בערגל״ פון מיטן דער געגנט, אין תל־לכיש, האָט מען אויפגעגראָבן איבערבלייבענישן, חורבות, כלים, דענקמעלער, פון מיט טויזנטער יאָרן צוריק. נישט קיין וווּנדער. ווען די בני־ישראל האָבן פאַרנומען כנען, איז שוין לכיש געווען אַ גרויסע באַפעסטיקטע שטאָט. „יפיע דער מלך פון לכיש״ האָט געהערט צו די „פינף מלכים פון אמורי״, וועלכע „האָבן זיך איינגעזאַמלט און זענען אַרויפגעגאַנגען מיט אַלע זייערע מחנות״ און מלחמה געהאַלטן קעגן יהושע בן־נון, וועלכער איז מיט די יידישע שבטים אַריינגעדרונגען קיין כנען. נאָך דעם ווי ער האָט באַזיגט די פאַראייניקטע אַרמיי, זענען „יהושע און גאַנץ ישראל מיט אים אַריבערגעגאַנגען קיין לכיש און ער האָט געלעגערט אויף איר און מלחמה געהאַלטן אַקעגן איר. און גאָט האָט געגעבן לכיש אין דער האַנט פון ישראל; און ער האָט זי באַצוווּנגען אויפן צווייטן טאָג״ (יהושע י׳, ל״א). צווישן די איין און דרייסיק מלכים, וואָס יהושע האָט באַזיגט איז אויך אויסגערעכנט „דער מלך פון לכיש — איינער״ (דאָרט, י״ב, י״א).

דאָס איינגעמען און באַפעסטיקן זיך פון די ישראל־שבטים אין כנען איז פאָרגעקומען אין די יאָרן אַרום 1215—1030 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכע־נונג. פריער, אין די יאָרן 1500—1215, איז אין ארץ־ישראל געווען די אַזוי־גערופענע מצרישע כנען־עפּאָכע, ווען מצרים האָט געהערשט אין דער גאַנצער געגנט, אין כנען און אין סיריע. אויף די אַזוי־גערופענע „טאָוולען״, אָדער „לו־חות״, וואָס זענען געפונען געוואָרן אין טעל־על־אַמאַרנע, זענען פאַראַן צוויי אונטערטעניקייט־בריוו פון לכיש־מלכים צו פּרעה מלך מצרים פון פערצנטן י״ה פאַר דער קצ״ר. איין בריוו אין פלעקל־שריפט, וואָס געפינט זיך אין אַרכעאָלאָ־גישן מוזיי פון קאַיר, פון לכיש־מלך יבנאלו, לייענט זיך אַזוי: „צום קיניג, מיין האַר, מיין גאָט, מיין זון, זון פון הימל. אַזוי זאָגט יבנאלו דער מאַן פון לכיש דער קנעכט, זאָמד אונטער דיינעביידע פיס, דער מענטש פון די שטאַלן פון דיינע פערד. צו די פיס פון מלך, מיין האַר, מיין גאָט, מיין זון, זיבן מאָל אויף

זיבן מאָל בוק איך זיך פאַר דיר, אויף מיין בויך און אויף מיין רוקן. דער גו־בערנאַטאָר וואָס דער קעניג מיין האַר האָט געשיקט צו מיר, איך האָב אויסגעהערט אַלע ווערטער וואָס מאיה דער גובערנאַטאָר פון קעניג האָט גערעדט צו מיר, איך האָב דורכגעפירט און געטאָן אַלע זאַכן״.

לכיש איז געבליבן וויכטיק אַלס שטאָט און מדינה אין משך פון אַ סך ווייטערדיקע דורות, ווייל זי האָט זיך געפונען אויפן וויכטיקן סטראַטעגישן און האַנדל־וועג פון יהודה, און דער הויפּטשטאָט ירושלים, צום פּלשתים־לאַנד און קיין מצרים. דעריבער האָט די שטאָט באַפעסטיקט מלך רחבעם, בערך אין יאָר



די באַלאַגערונג פון לכיש דורך דער אַרמיי פון סנחריב מלך אַשור, אין יאָר 701 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג — אַ באַרעליעף, אויסגעגראָבן אין נינוה, הויפּטשטאָט פון דער אַשורישער אימפּעריע (געפינט זיך אין „בריטיש מוזיי״ אין לאָנדאָן)

925 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג: „און ער האָט איבערגעבויט — — — און לכיש — — — אויף פעסטונגשטעט. און ער האָט פאַרשטאַרקט די פעסטונגען און האָט אַריינגעזעצט אין זיי אָנפירערס מיט שפּייכלערס עסנוואַרג און אייל און ווייַן. און אין יעטוועדער שטאָט זענען געווען פאַנצערס און שפּיזן״ (דברי הימים ב׳ י״א, ט׳—י״ב). אמציה מלך יהודה איז אַנטלאָפן קיין לכיש אין יאָר 795 פאַר דער קצ״ר: „אמציה האָט זיך אָפּגעקערט פון הינטער גאָט, האָט מען געבונטעוועט אַ בונט אויף אים אין ירושלים; און ער איז אַנטלאָפן קיין לכיש, אָבער מען האָט נאָכגעשיקט נאָך אים קיין לכיש און מען האָט אים דאָרט געטייט״ (דאָרט, כ״ה, כ״ז).

אין דער צייט פון חזקיהו מלך יהודה, אין יאָר 701 פאַר דער קצ״ר, האָט אינוואַדירט יהודה דער קיניג פון אשור סנחריב, איינער פון די מעכטיקסטע קי־ניגן אין דער אַנטיקער צייט. ער האָט מיט זיין אַרמיי זיך אָפּגעשטעלט אין לכיש: „און אין פערצנטן יאָר פון מלך חזקיה, איז אַרויפגעגאַנגען סנחריב דער מלך פון אשור אויף אַלע באַפעסטיקטע שטעט פון יהודה און האָט זיי

איינגענומען. האָט חזקיה געשיקט צו דעם מלך פון אשור קיין לכיש, אַזוי צו זאָגן: איך האָב געזינדיקט; קער זיך אָפּ פון מיר; וואָס דו וועסט אויף מיר אַרויפלייגן, וועל איך טראָגן. — — — און חזקיה האָט אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע זילבער וואָס האָט זיך געפונען אין הויז פון גאָט און אין די שאַצקאַמערן פון מלכס הויז" (מלכים ב׳ י״ח, י״ג—ט״ו).

דאָס פאַרנעמען לכיש האָט געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר סנחריבס מלחמה־צוג, ווייל דאָס האָט אים פאַרזיכערט אַ פרייען וועג קיין מצרים, וואָס איז געווען זיין הויפט־ציל. צוריקקערנדיק, נאָכן זיגרייכן מלחמה־מאַרש, אין זיין הויפטשטאָט נינוה, האָט סנחריב באַפוילן אויסקריצן און מאָלן אין באַרעליעפן די געשיכטע פון זיינע קאַמפן. די אויסגראָבונגען אין נינוה האָבן אַנטפּלעקט אַ גרויסן באַרעליעף וועגן דער באַלאַגערונג אויף לכיש, וואָס שטעלט פאַר די קאַמפן, דאָס אונטערגעבן זיך פון דער שטאָט, דאָס אומברענגען אירע פירערס אויף פּלאָ־קנס, דאָס פירן די איינוווינערס אין געפאַנגענשאַפט, זייער דערנידעריקן זיך און קריכן פאַר סנחריבן, וועלכער זיצט אויף זיין טראָן. דער דאָזיקער באַרעליעף געפינט זיך אין בריטישן מוזיי אין לאָנדאָן און ווערט באַטראַכט אַלס איינער פון די וויכטיקסטע אַשורישע דאָקומענטן פאַר דער תנ״ך־פאָרשונג (זע ז׳ 298).

העכער הונדערט יאָר שפּעטער, אין יאָר 587, איז פאָרגעקומען די אינוואַזיע אויף יהודה פון נבוכדנאצר דעם קיניג פון בבל. אויך דאָס מאָל איז איינע פון די וויכטיקסטע שלאַכטן פאָרגעקומען אין לכיש און די דאָזיקע מלחמה האָט געבראַכט דעם סוף פון דער יהודה־מלוכה און דעם חורבן פון איר הויפטשטאָט ירושלים. נביא ירמיה דערציילט: „דאָס חיל פון דעם מלך פון בבל האָט מלחמה געהאַלטן אויף ירושלים און אויף אַלע געבליבענע שטעט פון יהודה, אויף לכיש, — — — וואָרום זיי זענען געבליבן צווישן די שטעט פון יהודה באַפעסטיקטע שטעט" (ירמיה ל״ד, ז׳). אין די אויסגראָבונגען פון תל־לכיש זענען געפונען געוואָרן נישט בלויז איבערבלייבענישן פון חורבן, נאָר אפשר די וויכטיקסטע דאָקומענטן, געשריבענע אין העברעיש פון דער צייט פון ערשטן חורבן בית־המקדש. בעתן צוריקקער פון ערשטן גלות, פון בבל, אין יאָר 445 פאַר דער קצ״ר, אין דער צייט פון עזרא און נחמיה, „זענען טייל פון יהודה געזעסן — — — אין לכיש און אירע פעלדער" (נחמיה י״א, ל׳). דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס לכיש ווערט דער־מאָנט אין תנ״ך און איז אויך נישט פאַרצייכנט אין די שפּעטערדיקע יידישע מקו־רות. בלויז אויסעביוס גיט אָן אין פערטן יאָרהונדערט, אַז „לכיש איז היינט אַ דאָרף זיבן מייל ווייט פון בית־גוברין" („אַנאָמאַסטיקאָן").

*

די לכיש־אויסגראָבונגען, זייערע מויערן, גריבער, שטיקלעך ווענט, בערגלעך, צעבראָכענע טרעפּ, זענען ווי אַן אָפן בוך, פון וועלכן עס רעדן אַרויס שטיקער געשיכטע — ממש אויסגעשפּרייטע בלעטער צום לייענען... דער דאָזיקער „תל", וואָס איז גערופן געוואָרן ביז ער איז ענדגילטיק אידענטיפיצירט געוואָרן, אַ דווייר אין אַראַביש, געהער צו די, אין וועלכע עס זענען דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע גרינטלעכע וויסנשאַפטלעכע גראָבונגען אין ארץ־ישראל. די אַרבעט האָט אָנגעהויבן

אַן עקספּעדיציע פון בריטישן „פּאַרש־אינסטיטוט פון נאָענטן מזרח” אין יאָר 1932, און זיי זענען פאַרענדיקט געוואָרן אין יאָר 1958 און זענען גלייך באַשריבן געוואָרן דורך פּראָפ. נ. ה. טאַרטשינער (טור־סיני) אין זיין בוך „תעודות לכיש”.

אין דער סאַמע טיף פון בערגל געפינען זיך היילן, וואָס האָבן געדינט פאַר וווינונגען פון מענטשן פון אָנהייב פערטן ביזן מיטן דריטן יאָרטויזנט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג (דריטע אַנטיקע כנענישע עפּאָכע), נאָכדעם זענען די היילן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קברים פאַר די איינוווינערס פון דער שטאָט וואָס איז אַנטשטאַנען העכער. אין אָנהייב פון צווייטן יאָרטויזנט האָבן זיך אין לכיש באַזעצט נייע מענטשן — אָדער די אַלטע האָבן פּראָגרעסירט — וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט מער פאַרגעשריטענע בוי־סיסטעמען (ערשטע און צווייטע כנענישע מיטל־עפּאָכעס). פון יענער צייט, מער־ווייניק צווייטע העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט פאַר קריסטוסן, זענען פאַרבליבן טיילן פון שטאַרקע ערד־פאַרפעסטיקונגען מיט שטיקלעך שטיין־מויערן ביי די זייטן. צווישן אַנדערע געפינסן אויפן דאָזיקן אָרט, איז כאַראַקטעריסטיש אַ שאַרף פון אַ פּיקע מיט אויסגעקריצטע פיר שריפט־צייכנס. דאָס איז איינע פון די דריי איינציקע כנענישע אויפשריפטן פון יענער צייט און איינער פון די ערשטע מוסטערן פון אלף־בית־שריפט בכלל.

פון דער צווייטער העלפט פון צווייטן יאָרטויזנט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג זענען אויפגעגראָבן געוואָרן קיניגלעכע מאַגאַזינען און דער פּאַלאַץ פון הערשער. פון דער זעלבער צייט איז אַנטפּלעקט געוואָרן אַ בניין וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַ קולט־טעמפּל, וועלכער איז צעשטערט און צוריקגעבויט געוואָרן דריי מאָל.


קעמפערס פאַרטיידיקן זיך פונעם מויער אין פאַרצייטיקן לכיש (באַרעליעף פון 8־טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג)

דריי שיכטן פון די אויסגראָבונגען זענען פון דער יידישער מלוכה־עפּאָכע. ביז דעם קיניגרייך פון רחבעם (928—911 פאַר דער קצ״ר) איז די שטאָט נישט אויסגעברייטערט געוואָרן. אָבער אין די גרענעצן פון דער קליינער שטאָט איז אויפגעבויט געוואָרן אַ קיניגלעכער שלאָס, וואָס איז די גאַנצע צייט פון רחבעמען געווען דער צענטער פון דער באַפעסטיקטער שטאָט. אַ שטיק פון אַ ציגל־מויער, צפונדיק פון שלאָס־טויער, שטאַמט פון די צייטן פון רחבעמס אייניקל מלך אסא (910—870). אין די צייטן פון יהושפט מלך יהודה, זעט מען, איז סיי די שטאָט גופא און סיי דער פעסטונג־שלאָס אויסגעברייטערט געוואָרן. אין דער זעלבער אַרכעאָלאָגישער שיכט זענען געווען צוויי גרופּעס הייזער פון שטיין און פון ציגל. פון דער צייט פון חזקיה בן אחז מלך יהודה איז פאַרבליבן אַ זאַמל־

רעזערוואַר פאַר וואַסער. ד״ר אַלגאַ טעפּנאַל פון לאָנדאָנער אוניווערסיטעט ווייזט אויף, לויט די אָנזעעוודיקע שריפה־צייכנס, אַז דער שווערער חורבן פון לכיש איז פאָרגעקומען אין יאָר 701 פאַר דער צייטרעכענונג, בעת סנחריבס איבערפאַל; דעמאָלט איז דאָס די איינציקע שטאָט אין לאַנד, וואָס איז געפאַלן און איינגע־נומען געוואָרן דורך אשור ביי דרייסיק יאָר שפּעטער ווי אַלע אַנדערע שטעט אין צפון פון ארץ־ישראל — אַזוי שטאַרק איז געווען און אַזוי לאַנג האָט גע־קעמפט די פעסטונג־שטאָט לכיש.

נאָכן חורבן פון יידישן לכיש, איז אויף דעם אָרט אויפגעבויט געוואָרן אַ נייע שטאָט אין דער פּערסישער עפּאָכע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אַלס די קרייז־שטאָט פון דער „אידומיאה״. אַרום דער שטאָט איז אויפגעבויט גע־וואָרן אַ נייער פאַרטיידיקונג־מויער מיט אַ שטאַרקן אייזן־טויער און לעבן אים האָט מען געפונען אַ וואַך־הויז. אינמיטן בערגל, אויף די חורבות פון דער יידישער מלוכה־פעסטונג איז אויפגעבויט געוואָרן דער „הויף פון הערשער״, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ צענטראַלן פּלאַץ, אַ פליגל פון וווינונגען מיט אַ קאָלאָ־נאַדע און טרעפּ, וואָס האָבן געפירט צו זאַלן. לויט די געפונענע אין די חורבות פונעם הויז קעראַמיקעס, איז עס חרוב געוואָרן אין מיטן פערטן י״ה פאַר דער קצ״ר. צפונדיק פון „הויף פון הערשער״ האָט זיך געפונען אַ טעמפּל, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „פּערסישער היכל פון דער זון״; געבויט אין דער פּערסישער עפּאָכע, איז אָנגענומען, אַז ער האָט אויך געדינט פאַרן קולט פון אַ רעליגיע פון פּערסיע.

אין אַ צימער נאָענט פון שטאָט־טויער אין דער צווייטער שיכט האָט מען געפונען די אַזוי־גערופענע „לכיש־בריוו״ — די „לוחות־לכיש״. דאָס זענען איין און צוואַנציק שערבלעך, פאַרשריבענע, אַ גרויסער טייל איןביידע זייטן, אין דער אַלט־העברעישער שפּראַך, וואָס איז פאַרשטענדלעך אויך איצט. צוויי זענען באַשריבן מיט נעמען, וואָס זייער באַטייט איז נישט באַקאַנט. די איבע־ריקע זענען בריוו, געשריבן צו יאוש, דעם מיליטער־קאָמאַנדיר פון לכיש, וועלכער איז אויך געווען פאַראַנטוואָרטלעך און אָנגעפירט מיט דער גאַנצער געגנט אַרום. די בריוו האָט געשריבן הושעיהו, אַן אונטערגעאָרדנטער פון יאושן, אַ קאָמאַנדיר פון אַ גאַרניזאָן אין אַ שטאָט אויפן וועג פון לכיש קיין ירושלים.

לויט די ענטפערס איז צו פאַרשטיין, אַז יאוש האָט באַשולדיקט הושעיהון כמעט אין פאַראַט: ער האָט געלייענט געהיימע בריוו, וואָס זענען געשיקט געוואָרן פון ירושלים צום קאָמאַנדיר אין לכיש און ער האָט איבערגעגעבן פאַר פרעמדע זייער אינהאַלט. הושעיהו לייקנט די באַשולדיקונג. נאָך דעם סטאַבילן אָנהייב פון בריוו מיט דער ברכה „זאָל יהוה מאכן הערן מיין האר דעם קלאַנג פון שלום״, חזרט ער אָפּט איבער: „ווער איז דיין קנעכט? אַ הונט...״ אַ צווייטע טעמע אין די בריוו איז די טעטיקייט פון אַ נביא וועלכער „שוואַכט אָפּ די הענט פון די קעמפער״. אויף איין שערבל ווערט דערציילט: „דער אַר־מיי־פירשט כניהו בן אלנתן האָט אַראָפּגענידערט קיין מצרים און הודויהו בן אחיהו און זיינע מענטשן האָט מען געשיקט ברענגען אים פון דאָרט״. די גע־

שיכטע זעט אויס זייער ענלעך צו דער מעשה (ירמיה כ״ו) מיטן מלך יהויקים און אוריה הנביא פון קרית־יערים; דאָרט איז אויך פאַרמישט איינער מיטן נאָמען אלנתן. מעגלעך, לויט ד״ר יוסף נוה, אַז „דאָס זענען צוויי ווערסיעס וועגן דעם זעלבן עניין״.



איינוווינערס פון לכיש אַנטלויפן פון דער פאַרנומענער שטאָט — אַ מאַן, מיט אַ פעקל אויף די פּלייצעס, פירט צוויי אָקסן, איינגעשפּאַנטע אין אַ וואָגן מיט צוויי רעדער, אויף וועלכן עס זיצן פרויען מיט קינדער (פון די אויסגראָבונגען אין נינוה)

אין אַנדערע בריוו איז הושעיהו מודיע יאושן, אַז ער „האָט דערפילט די באַפעלן״ און גיט איבער באַריכטן וועגן געוויסע געשעענישן.

„די דאָזיקע דאָקומענטן זענען די לעצטע אין דער סעריע העברעישע אויפשריפטן פון די צייטן פון בית־ראשון, און זייער וויכטיקייט איז גרויס פאַרן פאָרשן די שפּראַך און אויסלייג, און לערנען דעם אַנטיקן יידישן שריפט. די תנ״ך־שפּראַך פון די בריוו איז ענלעך צו דער פּראָזע־שפּראַך פון די ספרים מלכים און ירמיהו, כאָטש עס זענען אין זיי פאַראַן ווערטער און שפּראַך־פאַרמען וואָס זענען ביז איצט נישט באַקאַנט: ,בית הרפד׳ (שערבל 4), ווייזט אויס, נעכטיקונגהויז; ,תסבה׳ (שערבל 5), באַדייט מסתמא, פאַרקער, אָדער באַזוך. די לכיש־בריוו זענען געשריבן מיט קורסיוון שריפט, דער צום מערסטן אַנטוויקלטער פון אַלטן יידישן כתב, וואָס זיין באַנוץ איז פאַרקלענערט געוואָרן נאָכן חורבן פון בית־ראשון״ („האנציקלופדיה העברית״, כ״א, זייט 889).

די געפונענע דאָ שטעמפּלען אין אַלטן העברעיש, מיט עכט־יידישע תנ״ך־נעמען, זענען נאָך פון מיט דריי־פיר הונדערט יאָר פריער. און דאָך איז די שריפט כמעט לייענבאַר פאַר אַ פּשוטן מענטש, נישט קיין פאָרשער: „הושע צפן״ (פעלט, האַלט מען, „בן״; אַזוי פאַרשטענדלעך איז דאָס, מסתמא, געווען און דעם פאָטערס נאָמען איז געווען ווי אַ פאַמיליע־נאָמען); „צפנע זריחו״; אָדער „משולם אחמלך״. און אָט איז אַ שטעמפּל: „לגדליהו אשר על הבית״. „אשר על הבית״ איז אַ מין טיטל אין אַלטע יידישע מקורות, אַ „באַשטימטער איבערן הויז״, פּאַלאַץ, לאַנד. מען נעמט אָן, אַז דאָס איז דער שטעמפּל פון גדליה בן

אחיקם, וואָס נאָכן חורבן פון ערשטן בית־המקדש „האָט דער מלך פון בבל אויפגעזעצט גדליהו דעם זון פון אחיקמען איבערן לאַנד״ (ירמיה מ׳, ז׳).

גדליהו איז שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן דורך „ישמעאל דער זון פון נתניה דעם זון פון אלישמען, פון קיניגלעכן אָפּשטאַם״ (מלכים ב׳ כ״ה, כ״ה) און אין טרויער נאָך אים איז באַשטימט געוואָרן דער „צום גדליה״. לויט די תנ״ך־מקורות קאָן מען נישט דרינגען, אַז ער איז געווען אין לכיש, אָבער דער שטעמפּל האָט געקאָנט זיין אָפּגעדרוקט אויף אַ בריוו, אָדער אויף אַ שפּייז־כלי, וואָס איז געשיקט געוואָרן דורך גדליה קיין לכיש.

ווען פּראָפ. אהרוני האָט אונדז געוויזן די זאַכן אין „מוזיאון ישראל״, האָט אַן אויבערטייל פון אַן ערדענעם קרוג צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט מיט אַ גאַנץ לייענבאַרן אויפשריפט „בת למלך״ — „אַ טאָכטער צום קיניג...״ — און עס האָט זיך געהערט אַן אויסרוף „מזל־טוב...״ דער פּראָפעסאָר האָט געשמייכלט: „עס איז נישט קיין טאָכטער שטענדיק... דאָ גאָר אַ מאָס, ווי דער פּסוק זאָגט, ,אַ ריכטיקע בת זאָל ביי אייך זיין. אַן איפה און אַ בת זאָלן זיין אין מאָס׳...״ (יחזקאל מ״ה, י׳).

תל־לכיש איז בלויז איינס — מעגלעך אַז דאָס וויכטיקסטע — פון די היסטאָרישע בערגלעך אין חבל לכיש. זאַמדן האָבן דאָ צוגעדעקט אַלטע, גלאָררייכע דורות יידישע געשיכטע — אויך אין תל־גת, און תל־דואימה, און תל־עגלון, און תל־מראשה, און תל־קומס — בערגלעך, אַרום וועלכע עס נעמט ווידער לעבן, גרינען. אור־אור־אייניקלעך, צוריקגעקומענע פון ווייטע ווייטן, נעמען דאָ שרייבן נייע „לוחות־לכיש״...

*

און אַ פריידיקער סך־הכל פון פינף פלאַן־יאָרן: דרייצן מושבים, דריי קאָאָפּעראַטיווע מושבים, צוויי נייע קיבוצים, צוויי דאָרף־צענטערס, אַכט לאַנדווירטשאַפטלעכע לערן־פאַרמעס, איין שטאָט — צוזאַמען ניין און צוואַנציק יישובים, באַוווינט דורך אַכצן הונדערט דאָרפישע פאַמיליעס און צוויי טויזנט משפחות ווינען אין קרית־גת. זיבן אָנפאַנג־שולן, איין מיטל־שול, צענדליקער קינדער־גערטנער. אין שטאָט: אַ גרויסע ביינוול־שפּינעריי, דריי וועבערייען, אַ צוקער־פאַבריק, אַ פאַבריק פון „סטרעטש״־ און ניילאָן־זאָקן, אַ פריר־הויז און צענדליקער פאַרשיידנאַרטיקע וואַרשטאַטן. די מענטשן שטאַמען פון דער גאָרער וועלט — פערציק פּראָצענט פון די מזרח־לענדער, פערציק פּראָצענט פון אייראָפּע, צוואַנציק פּראָצענט אַלט־באַזעסענע און געבוירענע אין לאַנד. מען איז געקומען מיט דער באַוועגונג „פון דער שטאָט אין דאָרף אַריין״, און „פון קיבוץ אין דאָרף אַריין״ — מען זייט ערד־ניסלעך, צוקער־בוריקעס, ביינוול, תבואה און גראָז אויף פאַשע. פאַשעט מען רינדער אויף פלייש און מען „שטאָפּט״ עופות.

פאַרשטענדלעך, נישט אַלץ איז שוין גרין און פריידיק. די וואַסער־ליניע פון ירקון גיט נאָך ווייניק וואַסער. מען קאָן נאָך נישט באַאַרבעטן און באַוואַסערן די גאַנצע זיבן הונדערט און פופציק טויזנט דונאַם. מוז מען נאָך אין

געוויסע צייטן פון יאָר זוכן אַרבעט אין שטאָט. נישט אַלע פּאַסן פאַר לאַנדווירט־שאַפט, נישט יעדער וויל אָנהייבן פונדאַסניי; די ערד־צעטיילונג איז נישט שטענדיק איינגעגעבן — יישובים האָבן צופיל און באַוויזן נישט צו באַאַר־בעטן זייער באָדן; אין אַנדערע פעלט אויס ערד. שכנים פון באַזונדערע עדהס רייסן זיך אַרום, מען קאָן זיך נאָך נישט תמיד פאַרשטענדיקן. פיל „סאָציאַלע פאַלן", קראַנקע, אַלטע, אינוואַלידן. פאַראַן יונגע מענער, בחורים — עס פעלן מיידלעך.

דאָס אַלץ שאַפט פּראָבלעמען און איז אָפט אַ סיבה צו פאַרלאָזן די געגנט. יעדנפאַלס — אַ סיבה פאַר נישט סטאַבילקייט.

אַוועק זענען די ערשטע פינף יאָר. די שווערע ערשטע שריט.

אין דער אָוונט־מיטל־שול פאַר דערוואַקסענע אין קרית־גת לערנען מענ־טשן פון זיבעצן ביז פערציק יאָר, צווישן זיי: אַ מיידל פון מאַנטשעסטער, אַ פינף און דרייסיק־יאָריקער לאַנדווירט פון דייטשלאַנד, אַ פאַראַנטוואָרט־לעכער מושב־פירער פון פוילן, אַ פּאָליצײ־אָפיציר פון פּערסיע, אַ קיבוצניק־ותיק און אַ מיטגליד פון שטאָט־ראַט, אַ געבוירענער אין מאַראָקאָ... זיי געפי־נען שוין אַלע אַ געמיינזאַמע שפּראַך — פאַרן זעלבן בוי־אידעאַל, פאַר דער זעלבער צוקונפט. און דער יונגער דור, וואָס וואַקסט — „על אחת כמה וכמה", צוגעבונדן צו די „בערגלעך", דורכגענומען מיט זייער געשיכטע.

*

פינף יאָר, און צען, און צוואַנציק — רינגען אין דער אַלטער קייט פון חבל־לכיש. אין ג אַ נ צ ע קייט — מען קאָן נישט אַרויסרייסן קיין רינג און עס זאָל נישט פלאַצן די קייט...

און עס פלאַטערן שטאָלץ אַלע פענער פון דער געגנט, אויף אַלטע קיבוצים און נייע מושבים. פאָראויס, צוזאַמען — צו נייע פינפער, און צענדליקער, און הונדערטער יאָרן...

*

אויף דער פייערונג לכבוד פינף יאָר חבל־לכיש האָט גערעדט רבקה גובער. זי מיט איר מאַן מרדכי האָבן פאַרלאָזט זייער איינגעפונדעוועטע ווירטשאַפט אין כפר־וואַרבורג, מיט זיין שפע, און געוואָרן איינע פון די ערשטע משפחות אין נאָך וויסטן חבל לכיש, אין סאַמע בראשית פון זיין איצטיקער באַניַיונג.

שפּעטלעך שוין, דעם זעלבן אָוונט, זענען מיר געווען צוגאַסט אין זייער היים אין מושב נוגה. איינער פון זייערעביידע זין איז געפאַלן אין קאַמף דאָ נישט ווייט, אויף די „הייכקייטן חוליקאת". מיר לייענען דעם לעצטן בריוו פון דאָזיקן זון, צבי, געשריבן אויף דער פּאָזיציע ביים אַראַבישן דאָרף כוליקאַט: „...דער פייסאַזש דאָ איז באמת שיין, נישט ווי די קללה פון דער וויסטעניש אין נגב. בערגלעך זענען דאָ פאַראַן מאַסן, און וואַדיס, באַוואַקסן; גרופּעס איילבירטביימער און צעוואָרפן, ווי וועלדלעך, באַקסערביימער. און אַ פאַרלאָזן אַראַביש דאָרף מיט ערד־ביידלעך און גרויסע ברייטע פליינען אָן שום יישוב".

דער עלטערער זון, אפרים גובער, האָט אָפּגעגאַרט די ענגלענדער, פאַר־זיכערנדיק אַז ער איז עלטער מיט צוויי יאָר, ווען ער האָט זיך פרייוויליק מאָביליזירט אין עלטער פון זעכצן יאָר, כדי צו פאָרן קעמפן קעגן די נאַציס, באַלד נאָכן אויסברוך פון דער וועלט־מלחמה אין יאָר 1939. נאָך אַ קורצער צייט איז ער שוין געווען אַ זעלנער אויפן איטאַליענישן פראָנט. נאָך דער מלחמה, האָט ער אין אייראָפּע געהאָלפן ביי דער אומלעגאַלער עלייה פון געראַטעוועטע אין די לאַגערן. ער איז צוריקגעקומען גלייך אין די רייען פון דער קעמפנדיקער „הגנה". ער האָט באַגלייט „קאַראַוואַנען" צום נגב — „טאַקע דורך לכיש", דערציילט די מאַמע, — געווען קאָמאַנדיר פון כפר־אוריה. בעתן קאַמף אין טירת־שלום, האָט ער אייגער אַליין מיט די לעצטע קוילן געדעקט די חברים, וועלכע האָבן געמוזט זיך צוריקציען — דאָ איז ער געפאַלן אין עלטער פון איין און צוואַנציק יאָר. עטלעכע וואָכן פאַרן פּראָקלאַמירן די מדינה — „ער האָט נישט דערלעבט..." דער ייִנגערער ברודער, צבי, האָט אים מספּיד געווען ביים אָפענעם קבר — דער הספּד, „ביים קבר פון אַ געפאַלענעם ברודער", איז אַריין אין אונדזער נייער העלדן־געשיכטע און אין די לערן־ביכער פון אונדזערע שולן. ער האָט נישט געקאָנט בלייבן ביזן סוף פון דער „שבעה" — ער איז צוריק אויפן פראָנט ביי כוליקאַט, ווו ער איז צען וואָכן שפּעטער געפאַלן אין קאַמף. ער איז אַלט געווען בלויז זיבעצן יאָר.

אויפן בית־עלמין אין כפר־ורבורג האָט מען לעבן פרישן קבר פון ברודער, געגראָבן אַ צווייטן... ווען מרדכי, דער טאַטע, האָט געזאָגט קדיש, האָט „די מוטער פון די זין" ווידער געלייענט דאָס נישט פאַרענדיקטע ליד, וואָס מען האָט געפונען ביים געפאַלענעם זון:

„פון דן ביז באר־שבע
וועט פריי זיין דאָס היימלאַנד.
מיר וועלן גידערן ווייטער
דורך מדבר־זאַמדן פון נגב,
צום ים־המלח און עציון־גבר..."

*

קיין זכר איז נישט פאַרבליבן פון די ערד־ביידלעך פונעם דאָרף כוליקאַט, עס איז אויך פאַרשוואונדן דער „אָן שום יישוב" פון די גרויסע ברייטע פליי־נען. מרדכי גובער האָט פאַמעלעך געפירט דעם אויטאָ און רבקה האָט גערעדט שטיל: „קוק... די יישובים פון יונגן לכיש צעשפּרייטן זיך, ווו נאָר דאָס אויג דערבליקט. פרישע פּרדסים, דער ריח פון זייערע ציטרוסן טראָגט זיך אין רוים און דרינגט ווי ווײַרויך אַריין אין אונדזערע נאָזלעכער; וויינגערטנער, ברייטע בוימוואָל־פעלדער. און אָט האָט דאָך דער ערשטער נאַפט־שטראָם פון דער ערד אַרויסגעשפּראָצט ביי כוליקאַט... און די זוהר־אָזיערע — דאָס אַלץ אַרום אונדז..."

לכיש־געגנט איז אין תש"ח אינוואַדירט געוואָרן דורך דער מצרישער אַרמיי. שווערע קאַמפן זענען פאָרגעקומען צו דעראָבערן יעדעס בערגל, צו באַפרייען יעדן שטעג — אַ סך בלוט איז דאָ פאַרגאָסן געוואָרן. די גובערס בעטן אויסשטייגן צופוסנס פון איינעם פון די בערגלעך, אויף וועלכן עס שטייט

אַ הויכער דענקמאָל. מיר שטייען אַ ווײַל אין כבודפולן שטילשווײַגן. הונדערט זעקס און צוואַנציק נעמען, צווישן זיי „צבי גובער", זענען אויסגעקריצט — „גיבורים, געפאַלענע פאַר באַנײַען דעם יידישן לכיש". אויפן פּיעדעסטאַל אַ רוף: „גײער, ווען דו נידערסט אַראָפּ צום נגב — געדענק אונדז!"

„ההלך, ברדתך לנגב — זכור אותנו!"

1960

דער „פּערסישער זון־טעמפּל" איז אַ יידישער מקדש

אַ סך אַרבעט האָבן די אַרכעאָלאָגן אַרײַנגעלייגט אין די אויסגראָבונגען פון תל־לכיש. די אָנשטרענגונגען און מי האָבן געלוינט — די אַנטפּלעקונגען אין דאָזיקן היסטאָרישן בערגל האָבן געבראַכט געפינסן, וואָס געהערן צו די וויכטיקסטע אין דער אַרכעאָלאָגיע פון ארץ־ישראל. די ערשטע וויכטיקע און גענויע אויסגראָבונגען האָט דאָ געפירט אין די יאָרן 1932—1938 אַ בריטישע וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציע, בראש מיטן אָקספאָרד־אַרכעאָלאָג דזשאָן לועלין סטאַרקעי. ד"ר סטאַרקעי האָט ענדגילטיק פעסטגעשטעלט דורך געפונענע דאָקומענטן, וואָס מען האָט ביז אים געהאַלטן בלויז פאַר השערות, אַז דאָס „בערגל", וואָס די אַראַבער האָבן גערופן אַ־דוווייר, איז דאָס אָרט פון דער אַלטער שטאָט לכיש. דער ענגלישער געלערנטער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַראַבער, וועלכע האָבן אים אָנגענומען פאַר אַ ייד, אויפן וועג קיין ירושלים, ווען ער האָט דאָרט, אין אויגוסט 1938, געדאַרפט דערעפענען דעם נײַעם אַרכעאָלאָגישן מוזיי.

צווישן די אויפגעגראָבענע בנינים איז געווען אַ „פּראַכט־געביידע", ווי סטאַרקעי האָט זי באַצייכנט, וואָס איז פאַרבליבן אין אַ זייער גוטן צושטאַנד און „איר אויסזען, פאָרם און טיילן האָבן נישט געלאָזט קיין צווייפל, אַז דאָס איז אַ טעמפּל פאַר רעליגיעזן קולט", האָט פעסטגעשטעלט דער ענגלישער געלערנטער. דורך אַ רײ צימערן אויף מזרח זענען די מענטשן אַרײַנגעקומען אין אַ גרויסן הויף; פון הויף האָבן פינף ברייטע טרעפּ געפירט צום קולט־היכל, אין דער פאָרם פון אַ פיר־קאַנטיקן לאַנגן צימער. פון דאַנען, דורך אַ טיר אין אַ לענגערער זייט, האָבן דריי־פיר געטעסעטע שטיינער־טרעפּ געפירט צו אַ קליינעם קוואַדראַט־צימער, געווענדט צו מערב, וואָס פּרופ' ד"ר טאַפנעל, וועלכע האָט דעמאָלט רעדאַגירט דעם באַריכט פון דער אַרכעאָלאָגישער עקספּעדיציע, האָט אָנגערופן „קודש־הקדשים פונעם טעמפּל". לויט די פעסטשטעלונגען פון ד"ר סטאַרקעי איז דער טעמפּל געבויט געוואָרן נאָכן חורבן פון ערשטן בית־המקדש, פאַרן צוריקקער פון גלות־בבל. ער האָט געהאַלטן, אַז דער טעמפּל „איז געבויט געוואָרן דורך נישט־יידישע שבטים, וועלכע זענען אין יענער צײַט געקומען קיין ארץ־ישראל און געבראַכט מיט זיך איינעם פון די רעליגיע־קולטן פון דער געגנט פון דער פּערסישער אימפּעריע. זיי האָבן וואַרשײַנלעך געדינט דעם זון־גאָט, ווײַל די שטראַלן פון דער אויפגייענדיקער זון האָבן געקאָנט באַגינען אַרײַנדרינגען אין קודש־הקדשים, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן אין מערב" („באַריכט פון דער סטאַרקעי־עקספּעדיציע", אָקספאָרד, 1940).

העכער דרייסיק יאָר איז דער דאָזיקער בניין באַקאַנט געווען אין די אַר־כעאָלאָגיע־ביכער, אין די פּילצאָליקע באַשרייבונגען פון תל־לכיש, אַלס „פּער־סישער זון־טעמפּל".

איצט איז געקומען דער ישראלדיקער אַרכעאָלאָג און פאָרשער פּראָפעסאָר יוחנן אהרוני און באַוויזן, סיי דורך אויסגראָבונגען אויפן אָרט און סיי דורך געשיכטלעכע פאַרגלייכן, אַז דער בניין איז נישט קיין „פּערסישער זון־טעמפּל", נאָר אַ יידישער מקדש.

אין ערד, אין נגב, איז בעת די אַרכעאָלאָגישע גראָבונגען אַנטפּלעקט גע־וואָרן אַ טעמפּל, וואָס איז אָן שום ספק פעסטגעשטעלט געוואָרן אַלס יידישער מקדש פון די צייטן פון בית־ראשון; ער איז דאָ געשטאַנען, און לויט אַלע סימנים געווען טעטיק, פון די צייטן פון שלמה המלך ביזן מלך יאשיהו. מיט פאַרוווּנדערונג האָט פּראָפ. אהרוני פעסטגעשטעלט, אַז דער „זון־טעמפּל" פון לכיש איז געבויט לויטן זעלבן אַרכיטעקטאָנישן פּלאַן, ווי דער פון ערד. די מאָסן זענען די זעלבע, פון די ווענט, טרעפּ, צימערן, הויף. אהרוני דערקלערט: „איך קען נישט קיין ביישפּילן אין דער אַלטערטימלעכער אַרכעאָלאָגיע פון צוויי טעמפּלען וואָס זאָלן זיין ענלעך איינער צום צווייטן אין יעדן פּרט און איינצל־הייט". דערצו זענען ביידע טעמפּלען געבויט אין דער זעלבער ריכטונג, דער אַריינגאַנג איז פון מזרח און דער קודש־הקדשים איז געווענדט צו מערב. אגב, אין דער זעלבער ריכטונג איז געווען געבויט דער בית־המקדש אין ירושלים. פאַרגלייכנדיק מיטן ערד־מקדש, קאָן מען, לויט פּראָפ. אהרוני, מיט זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז אויך דער לכיש־טעמפּל האָט נישט געדינט פאַר „פּערסישן זון־קולט", נאָר איז אויך געווען אַ יידישער מקדש. עס איז פון קיין שום היס־טאָרישע אָדער אַרכעאָלאָגישע דאָקומענטן נישט באַקאַנט וועגן אַן איינוואַנ־דערונג פון פּערסישע מענטשן קיין לכיש נאָכן חורבן בית־ראשון. ווען עס איז פאָרגעקומען דער צוריקקער פון גלות־בבל, „זענען אויך טייל פון יהודה געזעסן אין — — — לכיש און אירע פעלדער" (נחמיה י"א, ל'). מעגלעך, אַז די דאָ־זיקע יידן האָבן אויפגעבויט דעם מקדש.

מען דאַרף געדענקען, אַז ביז די צייטן פון די חשמונאים איז לכיש געווען אויסער די גרענעצן פון דער יהודה־מלוכה. כאָטש יאשיהו המלך אין סוף פון בית־ראשון האָט מיט שטרענגע מיטלען קאָנצענטרירט די גאַנצע רעליגיעזע דינסט אויסשליסלעך אין ירושלים און אָנרחמנותדיק אויסגעראָטן אַלע קולט־פונקטן אין גאַנצן לאַנד, זענען אין פאַרשיידענע ערטער פון דער מלוכה, ספּע־ציעל אויסער די גרענעצן פון דער מלוכה געבליבן, און שפּעטער באַנייט גע־וואָרן, אַרטיקע מקדשים. עס זענען באַקאַנט צוויי מקדשים אין מצרים, וואָס האָבן געלאָזט הינטער זיך אַ רייכע געשיכטע, איינער אין יֵיב (עלעפאַנטינעי) און דער צווייטער אין ליאָנטאָפּאָליס, בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען, ווי עס דערציילט יאָסעפוס פלאַוויוס, אַן אַנטלאָפענער כהן גדול פון ירושלים, חוניו בן שמעון.

האָבן אויך די יידן אין לכיש אויפגעבויט אַ באַזונדערן מקדש. קאָן זיין, אַז דאָס האָט אַרויסגערופן דעם צאָרן פון נביא מיכה, וועלכער האָט געשטורעמט:

„שפּאָן דעם רײַטוואָגן צו די לױפֿפֿערד, באַװױנערין פֿון לכיש; זי איז דער אָנהײב זינד געװען פֿאַר דער טאָכטער ציון; װאָרום בײַ דיר זענען געפֿונען געװאָרן די פֿאַרברעכן פֿון ישראל" (מיכה א', י"ג).

פֿאַרגלײַכנדיק די אױסגראָבונגען אין ערד און די געשיכטע־עטאַפּן, װאָס זײַ האָבן אַנטפּלעקט, מיט די אין לכיש, איז פּראָפֿ. אהרוני געקומען צו דער מסקנה, אַז אױב דער מקדש איז אַ יידישער, דאַרף ער זײַן געבױט אױף די חורבות פֿון אַ פֿריערדיקן. אַזױ װי אין ערד, האָבן די יידן אין לכיש אױך אײַבערגעלעבט חורבנות, איבערגעבױט זײער שטאָט שיכט אױף שיכט; אַזאַ גורל האָט זיכער געטראָפֿן אױך זײער מקום קדוש. דער אוניװערסיטעט אין צפֿון־קאַראָלײַנע האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיטן דאָזיקן געדאַנק און אין יאָר 1966 האָט ער פֿינאַנצירט די ערשטע אױסגראָבונגען אונטערן „פּערסישן טעמפּל". פּראָפֿ. אהרוני, גראָבנדיק אין הױף פֿון טעמפּל, צוזאַמען מיטן אַמעריקאַנער אַרכעאָלאָג פּראָפֿעסאָר בויד, זענען שנעל צוגעקומען צו געבײַדע־איבערבלײַבענישן און דילן פֿון דער צײַט פֿון ערשטן בית־המקדש, אַ סך פֿריערדיקע פֿון אײבערשטן טעמפּל. אַ זײער אינטערעסאַנטסטער געפֿינס איז געװען אַ קלײנער חדר, אין אַ „גוטן צושטאַנד" בײַ אַזעלכע גראָבונגען, פֿון די סוף־צײַטן פֿון בית־ראשון. דאָס איז געװען אַ מאַגאַזין־קעמערל, אַ מין אַרכיװ־צימער. עס זענען אין אים געפֿונען געװאָרן ערדענע כלים, אײגנאַרטיקע פֿון דער עפּאָכע פֿון בית־ראשון; אױך זיבן שקל־געװיכטער, מיט אױפֿצײַכענונגען פֿון אײן, פֿיר און אַכט שקלים. אין אַ באַהאַלט־גרובן, אין אײן װינקל, צוגעדעקט מיט אַ שטײן, האָט מען געפֿונען אַן אָסטראַקאָן, װאָס איז דער אײנציקער פֿון דעם מין אין העברעישן כתב פֿון דער לעצטער צײַט פֿון ערשטן בית־המקדש. עס זענען אױף אים אױפֿגעשריבן צען שורות. די ערשטע נײַן זענען יידישע נעמען, װאָס הײבן זיך אָלע אָן מיט אַ למ"ד, װי לוחש, להד, לקח (י) א. א. די לעצטע שורה איז "לבית אכזיב", װײַזט אױס, צו אַ מענטש, אָדער אַנשטאַלט אין דער שכנות־דיקער שטאָט אכזיב, װעלכע דער נביא מיכה דערמאָנט אין קומענדיקן פּסוק נאָכן פֿריער ציטירטן װעגן לכיש: „די הײַזער פֿון אכזיב װעלן װערן צום אָפּנאַר פֿאַר די מלכים פֿון ישראל" (מיכה א', י"ד).

אין אַ קלײן קריגל אין זעלבן צימערל זענען געפֿונען געװאָרן זיבעצן לײמענע פּאַפּירוסן־פֿאַרקלעפּונגען, מיט שטעמפּלען, װאָס זענען אױף קײן אָרט דערװײַל נישט געפֿונען געװאָרן גאַנצע, װײַל זײ פֿלעגן זיך צעפֿאַלן בײַם עפֿע־נען דעם פּאַפּירוס. דאָס זענען אײפּאָרמיקע קײַלעכלעך אין דער גרײס פֿון זיבן־אַכט מילימעטער, אָבער מען קאָן אױף זײ לײַכט לײענען העברעישע שטעמפּל־אָפּשריפֿטן, װי: „לנחם בן ענניהו", „ליהוכל בן יהוחי", „לירמיהו בן צפניהו" און אַנדערע. אײנס פֿון זײ טראָגט דעם שטעמפּל־אַדרעס „לשבניהו עבד המלך" (דערבײַ איז דאָס װאָרט „עבד", שקלאַף, דינער, אַזױ נישט קלאָר, אַז מען קאָן עס לײענען אױך „בן"), יעדנפֿאַלס איז דאָס געװען אַ בריװ צו אַ הױכן קיניגלעכן באַאַמטן.

דאָס קלײנע צימערל איז, װײַזט אױס, געװען אַן אַרכיװ־פּלאַץ, אָדער

באַהאַלט־אָרט פאַר מאַסן, געוויכטער און דאָקומענטן, בריוו, וואָס זענען דורך די יאָרהונדערטער צעשטויבט, אָדער צערויבט געוואָרן.

מען האָט געגראָבן ווייטער.

אונטער דעם גרעסטן טייל פון „פּערסישן זון־טעמפּל" האָט זיך געפונען אַ גאַס פון זעקס־זיבן מעטער די ברייט, וואָס האָט זיך געצויגן צו מערב־זייט באַרג־אַרויף. אַ זייער ברייטער שטאָט־וועג פאַר יענע צייטן, און אין ביידע זייטן — חורבות פון בנינים. די גאַס איז געווען געפּלאַסטערט מיט קליינע שטיינדלעך און צעקרישלטע קעראַמיק־כלים. אויף דער גאַס, אין די חורבות ביי די זייטן, האָט מען געפונען ערדענע און מעטאַלענע כלים, מכשירים, כלי־זין פון דער כנענישער און ישראלדיקער עפּאָכע. אין סוף פון דער דאָזיקער גאַס האָבן די אַרכעאָלאָגן אויפגעגראָבן טאַקע אַ קליינעם מקדש, אַ קולט־טעמפּל פון צענטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. דער עיקר־טייל פונעם טעמפּל איז אַ צימער פון דריי אויף פיר מעטער די גרייס, מיט בענק, צוגעבויטע אין דריי זייטן. אין מערבדיקן ווינקל האָט זיך געפונען אַ נידעריקע שטיינערנע בימה, ווי אַ מזבח. אַרום דער בימה, אויף די בענק און אויפן דיל האָט מען געפונען אַזאַ צאָל פון קולט־כלים, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די רייכסטע זאַמלונג פון דעם סאָרט, וואָס איז ווען עס איז געפונען געוואָרן אין ארץ־ישראל פון דער דאָזיקער עפּאָכע. מען האָט געפונען אַ שטיין־מזבח מיט „הערנער", ענלעך צו די געפונענע מזבחות אין ערד; פיר ווייַרויך־ברענערס; אַ צאָל בעכערס, ליכט, שיסלען, שאַכטלען, קאָך־טעפּ און אַנדערע כלים. פּראָפ. אהרוני דערציילט: „דאָס איז געווען אַן איינציקאַרטיק און העכסט־דראַמאַטיש בילד. באַנוצנדיק אַ ביסל פאַנטאַזיע, האָבן מיר געקאָנט זען מיט אונדזערע אויגן די קולט־כלים ווי זיי ברענגען אַרויס ווייַרויך אַרום דער קליי־נער בימה, ווען פּלוצלינג איז אויף זיי געקומען אַ חורבן, וואָס האָט איינגע־וואָרפן די ווענט און זיי באַגראָבן אונטער זיך. מיר ווייסן נאָר נישט, צי אַ פיינדלעכע האַנט האָט דאָס גורם געווען, אָדער אַ נאַטור־אומגליק, ווי אַן ערד־ציטערניש אָדער אַ שטורמישע פאַרפלייצונג" („דרכים ואתרים", ז' 172).

אָן פאַנטאַזיע, איז קלאָר: אין די צייטן פון דער פאַראייניקטער מלוכה איז דאָ געווען אַ קולט־בימה און אַרום איר איז אויפגעבויט געוואָרן אַ קליינער מקדש. נאָך דעם ווי דאָס אָרט איז חרוב געוואָרן, איז דער גאַנצער געביט אויפסניי איבערגעבויט געוואָרן דורך מלך רחבעם, ווי עס ווערט דערציילט אין דברי הימים ב' (י"א, ה'): „און רחבעם איז געזעסן אין ירושלים; און ער האָט געבויט שטעט פאַר פעסטונגען אין יהודה. און ער האָט איבערגעבויט..." — דאָ זענען אויסגערעכנט אַ גאַנצע ריי שטעט — „און לכיש — — — אויף פעסטונגשטעט". די מקדשים זענען נישט איין מאָל צעשטערט און צוריק אויפגעבויט געוואָרן, ווי מען אַנטפּלעקט זיי, גראָבנדיק שיכט נאָך שיכט. אַזוי איז אויך דער „פּערסישער זון־טעמפּל", געווען „אַ יידישער מקדש צו דינען יהוה", האַלט פּראָפעסאָר אהרוני.

די ענלעכקייט און איינצייטיקייט פון די מקדשים אין ערד און לכיש זענען נישט קיין צופעליקייט. ביידע שטעט זענען געווען מלוכה־צענטערס ביי וויכ־

טיקע גרענעץ־פונקטן פון דער מלוכה — ערד ביי דער גרענעץ מיט אדום און לכיש ביי דער גרענעץ פון פלשתים־לאַנד, פלשת. ווען ירבעם בן נבט האָט צעטיילט די מלוכה און געוואָרן מלך פון ישראל, האָט ער אויך אויפגעבויט צוויי מקדשים אויף גרענעץ־פונקטן — אין דעם פאַל האָבן זיי געדאַרפט אויך קאָנקורירן מיט ירושלים — אין דן און אין בית־אל: דן אין צפון האָט זיך געפונען אויף דער גרענעץ מיט ארם, און בית־אל אין דרום, ביי דער גרענעץ מיט דער יידישער יהודה־מלוכה.

פּראָפעסאָר יוחנן אהרוני שטעלט דערביי אַנדערע פראַגעס: „צי אַנטפּלעקט זיך נישט אין דעם אַ פריערדיקע פּאַרצייטיקע פאַזע פון מלוכהשע גרענעץ־מקדשים, וואָס זענען געווען געזעצלעכע אַנשטאַלטן אין דער מלוכה־עפּאָכע ביז די רעליגיעזע רעפאָרמען פון חזקיהו און יאשיהו? צי איז דאָס נישט אַן עדות פון אַ פּאַרצייטיקן באַנעם וועגן דער הערשאַפט פון גאָט איבער זיין לאַנד און זיין פאָלק און זיין פאַרטיידיקונג פון די גרענעצן? איז עס נישט אַ סימן פון אַ רעליגיעזן צוגאַנג, וואָס די שפּעטערדיקע מסורה האָט אים פאַרדעקט און פאַרוויקלט אין אַ פאַרהאַנג פון פאַרגעסנקייט?" (דאָרט, ז' 174). די מלכים חזקיהו און יאשיהו האָבן מיט אַ שטאַרקער האַנט צעשטערט אַלע קולט־פּלעצער אין גאַנצן לאַנד, אויסגעראָטן די איבערבלייבענישן פון געצנדינסט, און אַרי־בערגעטראָגן דעם גאַנצן געטלעכן דינסט קיין ירושלים, אין בית־המקדש. אָבער דאָס איז שוין אַ צווייט פּראָבלעם, ווי עס שרייבט טאָקע פּראָפ. אהרוני: „די פראַגעס זענען אַ סך און די השערות זענען נישט וויניקער. אָבער דוכט מיר, אַז מיטן אַנטפּלעקן פון יידישן מקדש אין לכיש האָבן מיר געמאַכט נאָך אַ טראָט פאַראויס אין דערקענען די אַלטערטימלעכע צייטן, אין וועלכע עס זענען געלייגט געוואָרן די יסודות פאַרן פאָלק ישראל און זיין רעליגיע" (דאָרט).

1970

נישט בלויז בן־גוריון...

„ווען דוד בן־גוריון ז"ל וואָלט געוווסט וואָס עס געשעט היינט אין די יישובים פון לכיש, וואָס זענען געווען דער עיקר פון זיין שטאָלץ, וואָלט ער זיך איבערגעדרייט אין זיין קבר" — מיט די ווערטער האָט אָנגעהויבן זיין רעדע דער פאָרזיצער פון קרייז־ראַט לכיש מאיר עמר, דערעפענענדיק די דרינגנדיקע פאַרזאַמלונג פון פאָרשטייער פון די יישובים אין זיין קרייז. „שעת־חירום" — אויסנאַם־צושטאַנד אין די מושבים פון נגב בכלל און פון חבל־לכיש בפרט, „מיר גייען אונטער". צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון ישראל האָט אַ מושב, נוֹגה, אין לכיש־קרייז — „דאָס איז דערווייל דער ערשטער..." — זיך דער־קלערט אין באַנקראָט. מושבניקעס זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר נישט באַ־צאָלן זייערע חובות. מאיר עמר האָט געהאַלטן אַ רעדע, פון וועלכער עס האָט געשריגן ווייטיק: „אונדזערע עלטערן האָבן נישט געלעבט פון לאַנדווירטשאַפט, מיר זענען נישט דערצויגן געוואָרן אַלס פאַלאַכן... מיר האָבן עס געדאַרפט לערנען פון אלף אָן. מיר זענען געקומען אַהער, ווען עס איז געווען אַ וויסטע, מדבר איז געווען אַרום־און־אַרום. מיר האָבן די ערדן באַאַרבעט און באַ־

לעבט, זיך מפרנס געווען פונעם מי פון אונדזערע הענט. ביז עס איז געשען דאָס וואָס מיר זענען פאַר זיך... מער האָט דאָס געקאָנט און געדאַרפט פאַרזען, גלייך ווי דער אַגראַר־מיניסטער האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ התנחלות־מיניס־טער און פאַרנאַכלעסיקט די לאַנדווירטשאַפט, נישט אין זינען געהאַט אונדז, פויערים. — — — מען דאַרף נישט רעדן וועגן חוב פון די לאַנדווירטן, ווייל עס האַנדלט זיך נישט אין חובות. אַמאָל, פאַרן יאָר 1977, ווען די צינדזן פאַר הלוואות זענען געווען צוואַנציק פּראָצענט, איז אַלץ געווען אין אָרדענונג און דאָס וואָס איז איצט דער חוב — דאָס איז דער צינדז פון דריי הונדערט פּראָצענט און מיר, די פויערים, זענען נישט שולדיק, ווייל מיר האָבן אינוועסטירט אין אונדזערע ווירטשאַפטן אַלץ וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט. — — — מיר רופן די רעגירונג, מיר ווענדן זיך צום פּרעמיער־מיניסטער, מוותר צו זיין פּופּציק פּראָצענט פונעם בודזשעט פאַר יהודה און שומרון און דאָס פאַרווענדן פאַר לכיש און דעם נגב, ווו די מושבים האַלטן אין צעפאַלן זיך, זיי ליקווידירן זיך. דער היינטיקער טאָג איז אַ טרויעריקער נישט בלויז פאַרן חבל־לכיש, נאָר פאַר גאַנץ מדינת־ישראל און איז אַן אָרעמקייט־צייגעניש פאַר אונדזער רעגירונג, וואָס האָט צו דעם דערלאָזט און צו דעם דערפירט".

נישט בלויז בן־גוריון וואָלט זיך איבערגעדרייט אין קבר...

איך האָב אויפגעעפנט דאָס בוך פון דער לעגענדאַרער „מאַמע פון די זין" רבקה גובער, „צו די פאַקלען פון לכיש" („אל משואות לכיש") און אָט איז דאָס קאַפּיטל „אונדזערע ערשטע טעג אין נוגה". רבקה און מרדכי גובער, וועלכע האָבן זייערעביידע זין פאַרלאָרן אין די ישראל־מלחמות, האָבן גע־ווידמעט זייער לעבן צו העלפן מיט ראַט און טאַט די פּלוצלינג ניי־געבוירענע לאַנדווירטן, אין די מושבים, אין די שווערסטע געגנטן פון לאַנד. דוד בן־גוריון האָט געשריבן וועגן דאַזיקן בוך: „איך האָב נישט אויסגעלייגט דאָס לייענען ביז איך בין אַזייגער איינס און אַ האַלב ביינאַכט צוגעקומען צו דער לעצטער שורה אויף דער לעצטער זייט. איך בין געווען איבערגערודערט און גערירט, ווי איך בין שוין אַ לאַנגע צייט נישט געווען. — — — איך האָב גוט געקענט די לכיש־עפּאָפּייע פון איר שוואַנגערשאַפט און געבורט ביז דער פייערונג פון איר ערשטן פינפיאָר — אָבער לייענענדיק וועגן דאַזיקן עפּאָס אין דעם ספר, איז ווי עס זאָל אויף אים אויפשיינען אַ וווּנדערלעכע ליכט־קרוין. — — — דאָס לייענען „אל משואות לכיש" איז פאַר מיר געווען אַן אי־בערלעבונג וואָס איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן".

אויף איינעם פון די שערבלעך מיט בריוו פון די צייטן פון ערשטן בית־המקדש, וואָס מען האָט געפונען אינעם תל־לכיש, לייענט זיך אין אַלטערטימ־לעכן העברעיש: „...און זאָל מען וויסן, אַז די פאַקלען פון לכיש היטן מיר, פּונקט ווי אַלע צייכנס וואָס דער האַר האָט געגעבן". — „אֶל משׂוּאות לָכיש..."

אויך רבקה גובער וואָלט זיך איבערגעדרייט אין קבר...

די דאָזיקע נידעריקע דראַבנע פרוי האָט אירע לעצטע יאָרן געלעבט אין על־טערן־הויז נישט ווייט פון מיין וווינונג. זי פלעגט שטיין אין דער ריי צום אויטאָבוס, אין כאַמסין ווי אין רעגן. איך פלעג קוקן אויף איר און באַוווּנדערן:

ווי האָט זיך געגומען אַזויפיל איבערמענטשלעכער כוח, אויף אַזוי פיל מעשים, אין אָט־דעם קליינעם קערפּער ?... זי פלעגט פאָרן אויף זיצונגען, אין פּאַרטיי, מושבים־פאַרבאַנד, פּרויען־אָרגאַניזאַציע. אויך מרדכי, איר לעבנס־באַגלייטער, איז געשטאָרבן, און אין טיפן עלטער איז איר שווער געוואָרן צו זיין טעטיק. אָן די געליבטע זין, אָן מרדכין, אָן מעגלעכקייטן צו קאָנען בייטראָגן איר הילף פאַר אירע מיטבירגער און פאַר איר לאַנד — אָן טעטיקייט, האָט זי מיט איי־גענעם ווילן, באַוווסטזיניק פאַרלאָזט דאָס לעבן... אויסגעלאָשן די פאַקלען ?... ה. לייוויק האָט געשריבן „פאַר רבקה גובער" וועגן אירע אומגעקומענע זין, אין „שטילקייט פון נאָך נישט געזונגענע לידער":

„צוויי זילבערנע בעכער. אויף זיי אויסגעקריצט
די נעמען פון צוויי אומגעקומענע ברידער.
געוועז אַ ישראל־מלחמה. און איצט ? —
די שטילקייט פון נאָך נישט געזונגענע לידער.
די ברידער — זיי ליגן אין וואַרבורג דעם כפר, —
חלילה דיין קול צו אויפהייבן העכער,
די מאַמע אַליין טראָגט פאַרשלאָסן איר צער
פאַרביי און אַרום די צוויי זילבערנע בעכער".

(ה. לייוויק)

*

און דאָס אייניקל פון לכיש...

מיט אַ דריי־פיר יאָר צוריק, מרדכי איז שוין קראַנק געוועזן, האָב איך באַזוכט די גובערס אין זייער באַשיידענעם צימער אינעם עלטערן־הויז אין רמת־אביב. איבער רבקהס שרייב־מאַשינקע, וואָס איז שטענדיק געשטאַנען אָפן אויפן טישל, איז געהאָנגען אַ קינדערישע אומבאַהאָלפענע צייכענונג מיט אַ גרויסן אונטערשריפט: „דעם זיידן מרדכי צו זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג". רבקה האָט באַמערקט מיין בליק אויפן נייעם בילדל און געזאָגט מיט אַ האַרציקן שמייכל: „פון אַן אייניקל אונדזערס, יפה רופט מען זי, פון אונדזער נוגה..."

מען בלייבט, פאַרשטייט זיך, אַ ביסל פאַרוווּנדערט, ווען מען ווייסט, אַז ביידע זין זענען אומגעקומען נישט־פאַרהייראַט, און די איינציקע טאָכטער, וואָס איז זיי פאַרבליבן, האָט אויך נישט חתונה געהאַט.

די גובערס האָבן „אַדאָפּטירט", ספּעציעל אין לכיש, אַ ריי ניי־געקומענע ווייטע — „וועלכע האָבן מיר אויסגעזוכט ווי ,אומבאַהאָלפענע'..." — עולים.

„יפה איז אַ טעכטערל פון דער משפּחה בנימין פון קאָטשין, אין אינדיע. פון די ערשטע מתיישבים אין לכיש, וואָס זענען געוואָרן פאַר אונדז ווי אייגענע קינדער אין נוגה. איז זי נישט קיין ,אייניקל' ?..."

*

מען האָט אָנגעהויבן באַזעצן דעם נגב, דעם דרום־טייל פון לאַנד, גלייך נאָך דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה. איינציקע פּונקטן זענען דאָך דאָ געוועזן אויך פון פריער, אָבער איינזאַמע. און גערעכט איז רבקה גובער: „דער ריזיקער

דרייעק צווישן ירושלימער קאָרידאָר, דעם פּליין פון יהודה און די זאַמדן פון באר־שבע האָבן געוואָרט זעקס יאָר", ביז 1955. דעמאָלט איז אַהין דערפירט געוואָרן אַ לעבנסליניע, די וואַסער־רערן פון ירקון־טייך און עס האָט אויפגע־לעבט דער קרייז לכיש.

און איצט — אַכט און צוואַנציק יאָר שפּעטער...

פּאָר די מיניסטעריומס פון אַרבעט און פּראָספּעריטעט, פון אַבסאָרבציע, אין ירושלים אין דער רעגירונג־קרייה א. נ. פון בן־גוריון, איז געשטאַנען אַ גרופּע מושבניקעס פון נוגה און זיי האָבן געפּאַכעט מיט ווייסע צעטלען אין זייערע הענט — אַרעסט־באַפעלן פאַר נישט־באַצאָלן חובות. די פּאָליציי־פּאַרצוי־מונגען ביי די מיניסטעריומס אין קריית־בן־גוריון זענען געווען נישט בייטיק. די דעמאָנסטראַנטן פון מושב נוגה האָבן נישט געהאַט קיין שום טעראָר־ווילן. זיי זענען געזעסן אויף די טראָטואַרן אונטער אַ כאַמסיניק־ברענענדיקער ירו־שלימער זון, זיך צונויפגעקוועטשט אויף אַ ליידיקן פּלאַץ אין פּאַרקינג־שטח, און געוואָלט ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט אין די הונדערטער אַמט־פענצטער, מיט געציילטע אויסרופן: „מען טוט אונדז אַן עוולה!"; „מיר האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן, זענען פאַרזונקען אין חובות איבער די קעפּ!"; „בלויז די מדינה קאָן אונדז העלפן!"; „פאַרוואָס אַרט קיינעם נישט?!"...

ניסן נפתלי, אַן אָפּשטאַמיקער פון איראַק, זעט אויס אין דער עלטער פון אַ יאָר פופציק, רעדט שטיל, ווי ער זאָל זיך גאָר מתוודה זיין: „איך בין אָנגע־קומען קיין נוגה נאָך אין סוף 1954. פון די סאַמע ערשטע געווען. דריי יאָר פריער האָב איך געלעבט אין אַ מעברה. מיר זענען געקומען אין מושב איידער עס זענען געווען הייזער, אויך קיין וואַסער נישט. געווווינט אין געצעלטן. אין לויף פון די יאָרן האָב איך באַאַרבעט פערציק דונאַם ‚ירקות לתפארת'. ברוך השם, איך האָב זיך מיט קיינעם נישט געקריגט, נישט געהאַט קיין שום סכסוך מיט קיין איין עפּנטלעכער קערפּערשאַפט, נישט מיט קיין רעגירונגס־אַמט. איצט איז אַלצדינג אַנדערש, אַלץ האָט זיך איבערגעקערט... דער געריכט־ליקווידאַטאָר פאָדערט ביי מיר צוויי הונדערט טויזנט שקלים. פאַרוואָס? פון וואַנען זאָל איך דאָס נעמען? קיינער וויל אונדז נישט אויסהערן, נישט רעדן מיט אונדז, פרווון קומען צו אַ רעגולירונג. זייער ענטפער איז אַט, ביי מיר אין האַנט — אַן אַרעסט־באַפעל. איר האַלט, אַז דאָס איז די לייזונג?... איך האָב זעקס קינדער, צוויי זענען איצט אין מיליטער־דינסט. פאַרוואָס זאָל איך זיצן אין תפיסה?... פאַרוואָס?..."

חיים דוד, אַ געבוירענער שוין אין נוגה, אָבער אַן אָפּשטאַמיקער פון אינ־דישע עלטערן, געהער צו די יונגע פונעם מושב. ער בעט די זשורנאַליסטן זיך זעצן מיט אים אין אַ זייט. ער איז „נישט געקומען שרייען, נישט מאַכן קיין אוואַנ־טורעס... איך וויל בלויז אייך רויִק אויפקלערן: איך וועל זיין מיט אייך אָפנ־האַרציק. די מענטשן פון נוגה זענען נישט קיין טלית פון בלויז תכלת... זיי האָבן געקאָנט זיין בעסער אָרגאַניזירט, מיט ווייניקער סכסוכים צווישן זיך אַליין. אָבער מיר זענען אַלע אַרבעט־מענטשן. מיר האָבן מפרנס געווען אונ־דזערע משפּחות אַליין, אין אונדזער אייגענעם זכות, כאָטש מיט שווערער מי.

מיר זענען געווען עקספּאָרטערן פון גרינצייג, פון בלומען, פון פּרוכטן. אַלץ האָט זיך געענדערט אין אָקטאָבער 1977, ווען עס איז איינגעפירט געוואָרן אַן איינציקער וואַלוטע־קורס, אָן פרעמיעס פאַר עקספּאָרט־סחורות און עס איז מער נישט כדאי צו עקספּאָרטירן. מיר זענען נישט שולדיק אינעם קריזיס, שולדיק איז די פינאַנץ־פּאָליטיק. מען מוז זיך צונויפרעדן, מען דאַרף אונדז פאַרשטיין און נישט אַנוואַרפן אויף אונדז שרעק פון תפיסה. פאַר אונדז אַלע־מען שטייט די געפאַר צו ווערן ,סאָציאַלע פאַלן', מוזן לעבן פון סאָציאַלער שטיצע. מיר ווילן דאָס נישט, מיר ווילן ווייטער אַרבעטן, פירן אונדזער משק, ווי פריערים, פאַלאַכן... מיר לעבן אַלע אין נוגה צווישן פינף און צוואַנציק און דרייסיק יאָר. נוגה איז פאַר אונדז טייער און אַ ווייטיק זי צו פאַרלאָזן... אונ־דזער פאָדערונג איז, מען זאָל גוט אונטערזוכן די חשבונות, צי זענען מיר טאַקע אַלץ שולדיק, און מען זאָל אַראָפּנעמען די זיך־אָנזאַמלענדיקע צינדזן אויף צינדזן פון אונדזערע חובות".

נאָך אַ הייסן טאָג, איז די ירושלימער נאַכט נישט בלויז קיל, עס בלאָזט אַ קאַלטער באַרג־ווינט. אָבער די דעמאָנסטראַנטן האָבן איינשטימיק באַשלאָסן: זיי בלייבן דאָ, זיי וועלן זיצן אויפן טראָטואַר אַ גאַנצע נאַכט. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד, אויפהייבנדיק די טראַנספּאַרענטן: „ראַטעוועט די לאַנדווירטשאַפט פון ארץ־ישראל!", „דער באַאַרבעטער פון זיין באָדן איז זאַט מיט צרות", און איינער מיט אַ גראַם: „חקלאי אינו צמית, נוגה אינה ימית" — „אַ לאַנד־אַרבעטער איז נישט קיין לייב־אייגענער, נוגה איז נישט ימית"; „איצט נוגה, ווער איז אין דער ריי?"...

*

אויף דער אויבנדערמאָנטער פאַרזאַמלונג האָט גענאָגט דער פאָרשטייער פון נוגה, אברהם לוי, און זיין קול האָט געציטערט: „דאָס וואָס איז פאָרגע־קומען אין נוגה איז אַ טראַגעדיע פאַר די מענטשן פונעם יישוב, אָבער אויך אַ בושה פאַרן ציוניזם און אַן אומגליק פאַרן פאָלק ישראל. — — — אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, אפילו מיט עטלעכע יאָר צוריק נאָך, פלעגן פון נוגה אַרויספאָרן צענדליקער לאַסט־אויטאָס אָנגעלאָדן מיט אַגראַר־פּראָדוקטן פאַר די הויפּט־שטעט פון אייראָפּע; הייַנט פאַרלאָזן נוגה לאַסט־אויטאָס פון דער פּאָליציי, אָנגעפילטע מיט אַרעסטירטע בעלי־חובות..."

*

אין צוויי יאָר אַרום, אין 1985, דאַרף געפייערט ווערן דער דרייסיקסטער יאָרטאָג פון אָנהייבן באַנייען דעם חבל לכיש.

זכריה כאַזשאַבי, אַן אָפּשטאַמיקער פון ליביע, מושבניק אין יכיני, דע־מאָנסטרירט אויך אין קריית־בן־גוריון. זיינע טענות זענען קעגן „אומגערעכ־טיקייט ביים פאַנאַנדערטיילן דעם כמות באָדן און וואַסער צווישן די אַלטע מושבים און די מושבים וואָס זענען געשאַפן געוואָרן נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה" — זיין טראַנספּאַרענט פאָדערט „יושר — פאַר אַלעמען גלייך!". ער באַרויִקט זיך און שמייכלט אפילו: „עס וועט זיך ענדערן... און מען וועט נאָך

פייערן דרייסיק יאָר, און אויב נישט דרייסיק, איז פערציק און פופציק... סבל־נות, רבותי, לאַט־לאַט..."

אין יענע ווייטע טעג פון פינף־יאָר־יובילייִ האָבן מיר באַזוכט דריי פונקטן, וואָס צוויי פון זיי זענען געלעגן דירעקט, איינער כמעט־דירעקט, אויף דער דעמאָלטיקער יאַרדאַנישער גרענעץ. דאָס זענען אמציה, לכיש און נחושה. יעדער פון אַן אַנדער סאָציאַלער קאָנצעפּציע, אויך אַנדערער פּאָליטישער אויפפאַסונג. אמציה — אַ מושב־שיתופי פון „חרות"; לכיש — אַן אַרבעטער־מושב; נחושה — אַ רעליגיעזער קיבוץ. טאָר מען מאַכן צווישן זיי אַ אונטערשייד, ווען מען ווייסט, אַז אַלע דריי היטן מיט מסירות־נפש די דאָזיקע שטיק גרענעץ? אָדער, ווי האָט דעמאָלט געזאָגט רבקה גובער: „ווי קאָן מען נעמען אין אַכט צו וועלכער פּאַרטיי אָדער שטרעמונג עס געהערן די יוגנטלעכע, וועלכע דערמעג־לעכן אונדז צו באַוועגן זיך אין די ווייטן פון לכיש אָן מורא און אָן געווער?"

אָבער — נוגה...

„דאָס דאָרף נוגה, ווו מיר האָבן זיך באַזעצט, האָט מען געקאָנט אָנרופן ,דער מושב פון ותיקים'. נישט ווי אַלע איינוווינערס פון ראַיאָן לכיש, וועלכע זענען געקומען ,פון דער שיף אין דאָרף אַריין', זענען די מענטשן פון נוגה געקומען פון צווישן די איינוווינערס פון די פאַרשיידענע מעברות. אין אָנהייב האָבן זיך דאָ באַזעצט עלף משפחות אָפּשטאַמיקע פון פּערסיע, און מיר, אַן איינציקע משפחה פון כפר־ורבורג. מער ווי אַ האַלב יאָר האָט דאָס דאָרף מיט זיינעם טויץ משפחות געלעבט אין שווערע זיכערקייט־באַדינגונגען, בלויז צוליב דעם, וואָס עס האָט זיך נישט איינגעגעבן איבערצוציִיגן די איינוווינערס פון די מעברות און זיי אָנרעגן מאַסנווייז צו פאַרלאָזן דעם ,גן־עדן' פון די צונויפגעדרענגטע בלעך־ביידלעך. אָבער, מען דאַרף מודה זיין, אַז דער ריזי־קער שטח אָן אַ סימן פון יעטוועדן בנין, די פיצלעך האָלץ־,צריפים', ווייטע איינער פון צווייטן — דאָס אַלץ האָט נישט געקאָנט מונטערן די מענטשן צו פאַרלאָזן די באַפעלקערטע מעברה ביים רוישיקן שאָסיי און אַריבערציען זיך אין חבל לכיש" (רבקה גובער, „אל משואות לכיש", ז' 86).

גלייך דעם ערשטן טאָג פון אַריינציִען זיך קיין נוגה האָט דאָס פאַרפאַלק גובער פאַרבראַכט אין ייִעם מושב שחר, צוויי קילאָמעטער פון נוגה, באַשעפ־טיקט מיט צורעדן די צפון־אַפריקאַנער עולים, געבראַכטע גלייך פון שיף, זיי זאָלן איינגיין זיך אַריינצוציִען „אין די קליינע צריפונקעס, צעשפּרייטע און אַריינגעזונקענע ווי אין הארץ פון מדבר". ביינאַכט זענען זיי צוריקגעפאָרן „אַהיים" — „הביתה", וואָס רבקה גובער גופא נעמט אַריין אין גענדזנפיסלעך...

„די נאַכט איז געווען אַ שוואַרצע. קיין שום ליכטער האָבן נישט באַלויכטן די סביבה און מיר האָבן נישט געקאָנט געפינען אין דער פינצטער דעם זאַמד־וועג וואָס פאַרבינדט ביידע דערפער. אין יעדער ריכטונג, אין וועלכער מיר זענען געפאָרן האָבן מיר אָנגעטראָפן גרויסע גרודעס בתולה־ערד, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַרויסגעהויבן געוואָרן דורכן טראַקטאָר. — — — מיר האָבן אַזוי געבלאָנדזשעט די גאַנצע נאַכט, ביז עס האָט אויפגעשיינט דער טאָג און מיר האָבן אַנטפּלעקט נוגה ממש אונטער דער נאָז!..." (דאָרט, זייט 84).

דאָס ערשטע קאַפּיטל פון „אל משוואות לכיש" ענדיקט זיך אַזוי:

„די ערשטע נאַכט אין נוגה איז געווען אַ פינצטערע נאַכט פון סוף תּמוז. די אויפקלערונג־לייטונג האָט געזאָרגט פאַרן מצב־רוח פון די נייע מתיישבים און געוואָלט זיי מונטערן. זי האָט דעריבער געשיקט אַ זינגערין מיט אַן אַקאָר־דיאָניסט, צו הייבן דעם מאָראַל. איינער פון די יונגע אין נוגה האָט מיר שפּע־טער דערציילט וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף אים געמאַכט דער קינסט־לער־אויפטריט יענעם אָוונט: ...אין דרויסן איז געווען חושך־מצרים און דאָס גלעזל אין לעמפּל איז צעבראָכן געוואָרן. נו, מען דאַרף זיך צוגעוווינען שלאָפן אין דער פינצטער! פלוצלינג פּייפט אַן אויטאָ און דער אינסטרוקטאָר שרייט: ,חברה, צונויפנעמען בענק!' די מענטשן זענען מיד, ווילן שלאָפן און וויפל זענען מיר בסך־הכל געווען? אָבער מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט, געבראַכט אַ ,לוקס'־לאָמפּ. אַרויסגעקומען די זינגערין און גענומען זיך גאַרגלען מיט אַ דינער שטימע. צו וואָס צילט זי? איך האָב פּשוט רחמנות געהאַט אויף איר: די גברת איז אַראָפּ פון דריטן שטאָק אין תּל־אביב, און ווער בייטיקט זיך אין איר דאָ?...

„היינט זיצן זיך די מענטשן פון נוגה, שחר און די איבעריקע דערפער פונעם ראַיאָן גערוים אין זאַל פון געמיינזאַמען פאָלקס־הויז — אַ פּראַכטפולע געביידע און פאַרפלייצט מיט ליכט — אויף קינאָ־פאָרשטעלונגען און אויף אַרויסטריטן פון דער דראַמאַטישער גרופּע פון אָרטיקער יוגנט, אָדער פון אַנ־דערע טרופּעס. די אויבנגעבראַכטע דערציילונג זעט היינט אויס ווי אַן אויס־געטראַכטע. אָבער דאָס אַלץ איז געווען אין דערווירקלעכקייט מיט פינף יאָר צוריק..."

דאָס איז דאָס „ערשטע קאַפּיטל". ניין, נישט דאָס לעצטע קאַפּיטל פון די נייע „פּאַקלען פון לכיש"...

1983

חבל הבשׂור — צוריק אויף דער מאַפּע

גראָד ווי עס זענען מיט עטלעכע יאָר צוריק געוואָרפן געוואָרן אין אונדזער עפנטלעכקייט די „אומבאַקאַנטע" און ווי פרעמד־קלינגנדיקע נעמען: חבל לכיש, שפּעטער חבל עדולם, — קלינגט איצט אָפּ דער נאָמען חבל הבשור.

אין דער לכיש־געגנט, אַזוי אויך אַרום עדולם, זענען שטחים געלעגן זייט לאַנגע יאָרהונדערטער — און אפשר יאָרטויזנטער — פאַרוויסט, נישט באַאַרבעט, אָן צוגאַנג, אָן וואַסער; געוואַרט אויף הענט, וועלכע זאָלן זיי באַפרוכפּערן. זענען געקומען יידן פון תימן און פוילן, פון מאַראָקאָ און רומעניע, פון קור־דיסטאַן און אַרגענטינע און געבראַכט שוויס מיט ליבע צו די לעכצנדיקע ערדן. בליען יישובים אין לכיש און עדולם. דערפלעך און שטעטלעך, — מיט שווערי־קייטן, מיט ליידן, דורך מי און מאַטער, אָבער אַרויסגעריסן באָדן פון פאַרשטיי־נערטן דרימל און אים פאַרוואַנדלט אין ברויט־געבנדיקער ערד.

דאָס איז אָבער נישט גענוג. מען מוז, פאַרן וווקס פון דער מדינה, פרוכטבאַר מאַכן נייע ערדן, וואָס זענען נאָך פאַראַן גענוג ביי אונדז אין קליינעם לאַנד. דער וועג איז און מוז זיין — דרומה, אַלץ מער אויף דרום. און דאָ, אויפן וועג צום גרויסן מדבּרדיקן נגב, געפינט זיך די „נייע" געגנט — חבל הבשור.

דער אייגנטלעכער חבל הבשור ציט זיך פון דער גרענעץ פון עזה־געביט, אין מערב, ביזן קיבוץ אורים, אין מזרח, אַ שטח פון אַרום הונדערט און דרייסיק טויזנט דונאַם. אָבער פּאַקטיש איז די בשור־געגנט פיל גרעסער, ווייל זי נעמט אַרום דעם גאַנצן בעקן פון נַחַל בשור. בשור איז דער גרעסטער און צום מערסטן צעצווייגטער טייך אין צפונדיקן נגב, וואָס פאַלט אַריין אין מיטללענדישן ים דרומדיק פון דער שטאָט עזה. די צופלוסן פון בשור־טייך זענען פאַרשיידנאַרטיקע, גרעסערע און קלענערע און צעשפּרייטן זיך איבער אַ ריזיקן טייל נגב, דער־גרייכנדיק ביז דער געגנט פון שדה־בוקר און עבדת אין דרום, ביז ירוחם און דימונה אין דרום־מזרח, צו דער געגנט פון ערד אין מזרח און ביז די בערג פון חברון אין צפון־מזרח. דאָס איז דער איינציקער טייך אין דרום פון ישראל, וואָס געפינט זיך כמעט אינגאַנצן אין די גרענעצן פון דער מדינה, און האָט, אין אַ טייל, שטענדיק פליסיק וואַסער, וואָס קומט פון תהום־קוואַלן; אַלע איבעריקע טייכן אין נגב, אפילו די גאָר גרויסע און טיפע, ווי נחל צין (100 ק"מ די לענג), נחל פאַרן (225 ק"מ), זענען אַזוי־גערופענע „נחלי־אכזב", אָפּנאַרערישע טייכן, וועלכע זענען שטענדיק טרוקן און ווערן עטלעכע מאָל אין יאָר איבערפולט מיט פליייץ־וואַסער פון די בערג, וואָס שטראָמט מיט שטורעם אַדורך אין משך פון שעהען, אָדער בלויז מינוטן און ווערט ביז איצט נישט אויסגענוצט; אין שטאַרקער רעגנדיקע יאָרן פאַרפלייצט אפילו דער בשור־טייך די גאַנצע אַרומיקע געגנט. דאָס בשור־וואַסער איז וויכטיק, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז ער פליסט דורך אַ געגנט, וואָס אירע רעגנס ברענגען בלויז ביז העכסטנס צוויי הונדערט מיט דרייסיק מילימעטער וואַסער אַ יאָר.

דער חבל בשור איז אַ פּליין, וואָס הייבט זיך אין דורכשניט אַרויס ביז זיבע־ציק־אַכציק מעטער איבערן ים־ניוואָ און איז באַדעקט מיט לעס־ערד. לעס איז אַן ערד פון געלבלעכן קאָליר, באַזיצט אין זיך אַ סך דינע קערנדלעך קוואַרץ, סיליקאַטן, ספּעציעל פון וואַסער־אָפּשטאַמונג, און ניקע־טיילעכלעך. לעס־ערד איז זייער פּרוכטבאַר, ביי אַ געהעריקער באַוואַסערונג. לעס־ערד געפינט זיך צום מערסטן אין כינע, אויף גאָר גרויסע שטחים; אין צענטראַל־אַזיע, אין אייראָפּעישן דרום־רוסלאַנד, אין דער מיסיסיפּי־געגנט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן, און אין צפונדיקן נגב געפינט זיך די איינציקע לעס־ערד אין מיטעלן מזרח.

די גאַנצע צייט פון דער נייער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל איז אין דער בשור־געגנט נישט געווען קיין סטאַבילער יישוב. עס האָבן דאָ בלויז אַרומגעוואַנדערט בעדואינער — פון די גרעסטע נגב־שבטים: כאַנדזשערא און טראבין — און זיך באַשעפטיקט בדרך־כלל מיט פּי־צוכט, געפּאַשעט סטאַדעס שאָף און קעמלען. די איינציקע „געביידעס", וואָס פלעגן זיך אָנזען אין דער ריינער לופט פון פּליין, זענען געווען בעדואינער־געצעלטן. זינט דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה זענען אויך זיי פאַרשוואונדן.

*

אין תנ"ך ווערט דאָס אָרט דערמאָנט נאָר איינמאָל, אָבער ביי זייער אַן אינטערעסאַנטן פאַל — בעת איינער פון די מלחמות פון דוד המלך.

די עמלקים האָבן פאַרפלייצט דעם נגב, אויסגערויבט אים „און זיי האָבן געשלאָגן די שטאָט צקלג, און האָבן זי פאַרברענט אין פייער. און זיי האָבן געפאַנגען די ווייבער און אַלע וואָס אין איר, פון קליין ביז גרויס. — — — אויך ביידע ווייבער פון דודן זענען געפאַנגען געוואָרן" (שמואל א', ל', א'—ה').

„איז דוד געגאַנגען, ער און די זעקס הונדערט מאַן וואָס מיט אים, און זיי זענען געקומען צום טייך בשור; און די צוריקגעבליבענע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. און דוד האָט נאָכגעיאָגט, ער און פיר הונדערט מאַן; און צוויי הונדערט מאַן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די וואָס זענען געווען צו אָפּגעשוואַכט אַריבערצוגיין דעם טייך בשור" (דאָרט, ט'—י').

דוד האָט באַזיגט די עמלקים, באַפרייט אַלע געפאַנגענע יידן און גענומען פיל רויב. און דאָ קומט אַ טיף־מענטשלעכער תורה־געבאָט פון דוד מלך ישראל:

„און דוד איז געקומען צו די צוויי הונדערט מאַן, וואָס זענען געווען צו אָפּגעשלאָפט צו גיין הינטער דודן, און מען האָט זיי געלאָזט זיצן ביים טייך בשור. — — — האָבן זיך אָפּגערופן אַלע שלעכטע און נידערטרעכטיקע לייט פון די מענטשן וואָס זענען געגאַנגען מיט דודן: ווייל זיי זענען נישט געגאַנגען מיט אונדז, וועלן מיר זיי נישט געבן פון דעם רויב. — — — האָט דוד געזאָגט: איר זאָלט אַזוי נישט טאָן, מיינע ברידער. וואָרום אַזוי ווי דער חלק פון דעם וואָס נידערט אין מלחמה, אַזוי איז דער חלק פון דעם וואָס בלייבט ביי די זאַכן; גלייך זאָלן זיי זיך טיילן. און אַזוי איז געווען פון יענעם טאָג און ווייטער; און מען האָט עס געמאַכט פאַר אַ חוק און פאַר אַ געזעץ פאַר ישראל ביז אויף היינטיקן טאָג" (דאָרט, כ"א—כ"ה).

פון וואַנען עס שטאַמט דער נאָמען, דאָס וואָרט „בשׂור", איז נישט באַקאַנט. ער ווערט נישט דערמאָנט, אויסערן תנ"ך, אין קיין שום אַנדערן אָרט אין דער פריצייטיקער ליטעראַטור, אָדער אין אַלטע דאָקומענטן.

ביי די ברעגן פון בשׂור האָבן מענטשן געלעבט נאָך פאַר עמלק און איידער דוד המלך האָט זיי דערגרייכט. אין דער געגנט געפינען זיך פיל בערגלעך, וואָס באַהאַלטן אין זיך אַלטע פאַרשאָטענע יישובים, שטעט, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָל אין דער אוראַלטער געשיכטע.

אין תל ג׳מה, דזשאַמע, נישט ווייט פון קיבוץ רעים, וואָס באַדייט אין אַראַביש „אַ שפּרודלדיקער ברונעם", האָט מען אויפגעגראָבן איבערבלייבע־נישן פון אוראַלטן יישוב ירזה, יאַרזאַ. מען האָט געפונען פונדאַמענטן פון הייזער, מויערן און כלים פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער, ווי אויך שטעמפּלען אין דער אַלט־העברעישער שפּראַך. יאַרזאַ ווערט דערמאָנט אין די דענקמעלער פון פרעה טכאַטמעס דעם דריטן און אין די דאָקומענטן פון טעל על־אַמאַרנע. טכאַטמעס דער דריטער קלאָגט זיך אין אָנהייב פון זיין הערשאַפט, אין יאָר 1478 פאַר דער צייטרעכענונג, אַז „אַלע האָבן זיך צעבונטעוועט, פון יאַרזאַ ביז עק וועלט" און ער האָט טאַקע פאַרנומען יאַרזאַ אין זיינע מלחמה־צוגן אין כנען, קעגן סיריע.

אויפן דרומדיקן ברעג פון בשׂור, אַ פינף קילאָמעטער מערבדיק פון דער קבוצה אורים, געפינט זיך דער העכסטער, אפשר געגנויער, דער טיפסטער תל אין דער געגנט, וואָס הייבט זיך ביז 121 מ׳ איבערן ים־ניוואָ, דאָס אַרכעאָלאָגישע בערגל שרוחן. דאָ האָט זיך געפונען די שטאָט מיט דעם נאָמען, וואָס האָט געהערט צו שבט שמעון: „און דער צווייטער גורל איז אַרויסגעקומען פאַר שמעון, — — — און זיי האָבן געהאַט אין זייער נחלה באר־שבע, — — און בית־לבאות און שרוחן" (יהושע י"ט). די אויסגראָבונגען האָבן באַוויזן, אַז די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן אין דער מיטעלער בראָנדז־עפּאָכע (2100—1550 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג), וואָס פאַלט זיך צונויף מיט דער כנענישער. אין דער דאָזיקער צייט איז ארץ־ישראל באַזעצט געוואָרן דורך די היקסאָסן, וועלכע האָבן פאַרנומען אויך מצרים און סיריע. די היקסאָסן זענען געווען שבטים, אין אַ גרויסן טייל פון סעמיטישער אָפּשטאַמונג, און האָבן געשטאַמט פון פעניקיע (לויטן מצרישן היסטאָריקער פון 3־טן י"ה פאַר דער צ"ר, מאַנעטאָ, זענען אויך די בני־ישראל־שבטים געווען אַ טייל פון די היקסאָסן. יאָסעפוס פלאַוויוס, אין זיין ווערק „קעגן אַפּיאָן", מיינט אויך, אַז דער אויפשטייג פון יוסףן און די אַריינדרינגונג פון די בני־ישראל קיין מצרים איז פאָרגעקומען אין די צייטן פון אַ היקסאָסישן מלך, וועלכער האָט געקיניגט אין אַ טייל פון מצרים). די היקסאָסן האָבן די ערשטע באַנוצט דאָס פערד אַלס הויז־חיה און דערפונדן דעם מלחמה־וואָגן, געשפּאַנט מיט פערד. לויט אַ מצרישער היעראָגליפן־פאַרצייכענונג האָבן די מצרים, בעתן פאַרטרייבן די היקסאָס פון דער געגנט, „דריי יאָר באַלאַגערט שרוחן ביז זי איז צעשטערט געוואָרן". ווען טכאַטמעס דער דריטער האָט זיך געקלאָגט וועגן אַ בונט קעגן מצרים „ביז עק וועלט", איז „דער מצרישער מיליטערישער גאַרניזאָן געווען

שטאַרק פאַרשאַנצט אין שרוחן״. שישאַק מלך מצרים רעכנט אויס שרוחן צווישן די שטעט, וואָס ער האָט באַזיגט אין ארץ־ישראל, בעת זיין מלחמה־מאַרש אין יאָר 925 פאַר דער ציטרעכענונג. אין די „טאָוולען פון טעל על־אַמאַרנע״ ווערט אָנגעוויזן אַז „דאָס צעשטערן די מויערן און פעסטונג פון שרוחן האָט דערמעגלעכט זיין קיניגלעכער געטלעכקייט שישאַק צו פירן זיינע רייטוועגענער צום טאָל פון ברעג און צום באַרג״.

אין תל שרוחן זענען אויפגעגראָבן געוואָרן שיכטן פון יישובים, איינער איבער דעם צווייטן, אין דער טיף פון פערצן מעטער. דער ערשטער יישוב, אין דער טיף איז געווען אַ היקסאָסישער. די דאָזיקע פעלקערשאַפטן, וואָס זייער אָפּשטאַם און געשיכטע איז שטאַרק פאַרנעפּלט, האָבן זיך דאָ די ערשטע באַזעצט, אָנערקענענדיק די סטראַטעגישע וויכטיקייט פונעם פּלאַץ, ביים דורכ־גאַנג פון די דרומדיקע נגב־הייכקייטן צו די צפון־טאָלן און ים, ביים ברעג פון טייך, וואָס באַזיצט דאָ אַפּט אַ סך וואַסער. מען דערקענט די טיפּיש־היקסאָ־סישע פאַרזיכערונג־וואַלן פון ערד, וואָס זענען געהאַרטעוועט משופּעדיק פון דרויסן. איבערבלייבענישן פון אַלע עפּאָכעס זענען אויפגעדעקט געוואָרן אין דאָזיקן בערגל, פון דער היקסאָסישער ביז דער רוימישער, מיט איבערבלייבע־נישן שוין פון ערשטן יאָרהונדערט נאָך קריסטוסן. אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמ־קייט רופן דאָ אַרויס, אין צפון־זייט פון תל, די שטיקלעך חורבות פון דעם וואָס אונדזערע געלערנטע האָבן אָנגערופן „בית המושל״, און קאָן באַצייכנט ווערן אין יידיש „פּאַלאַץ פון הערשער״. ער שטאַמט פון דער ערשטער אייזן־עפּאָכע, וואָס רעכנט זיך ווי „די יידישע״ אין כנען, אין די יאָרן 1200—1150 פאַר דער ציטרעכענונג. די פונדאַמענטן פון בניין זענען פון ציגל און טייל־ווייז אַ שיכט שטיין. אַ צענטראַלער פּלאַץ, און אין אַלע פיר זייטן זענען געווען צימערן. עס איז לייכט צו אונטערשיידן דעם שלאָפצימער, אפילו דורך אַ פּשוטן בשר־ודם, נישט קיין אַרכעאָלאָג: אַ נישע אין וואַנט מיט אַ דערהייי־בונג — אַ „בעט״; לעבן שלאָפצימער — אַ וואַש־צימער, מיט אַ טיפן בעקן אין מיטן, אַ סאָרט „וואַנע״, אַ מעטער די הייך און עס פירן צו אים געטינקטע פיר טרעפּ. אין איין צימער זענען געפונען געוואָרן טיילן פון פינף און פער־ציק קרוגן, אַ טייל מיט קאַרקעס פון ליים. דאָ האָט מען אויך געפונען שטעמפּ־לען. לעבן די ווין־צימערן — אַ קלײנער צימער, וואָס טראָגט קענטיקע צייכנס פון סאַניטאַציע־צוועקן. אַ שאַכטל פון האַלץ מיט ביינערנע באַצירונגען, וואָס מען האָט געפונען אין „בית־המושל״, האָט אַרויסגערופן פּאַראינטערעסירונג אין די קרייזן פון קונסט־פאַרשער. דאָס האַלץ איז דורכגעברענט, נאָר דער ביין איז געבליבן אומבאַרירט און איז אַ קלאַסישער ביישפּיל פון כנענישער קונסט פון אַרום 1300 יאָר פאַר דער קצ״ר; די אויסקריצונגען שטעלן פאָר אַ יאַגד־סצענע, און אַ זיצנדיקן הערשער, וואָס ווערט באַדינט דורך קנעכט און פרויען. קברים פון אַלע עפּאָכעס ווייזן אויף דער גרויסקייט און רייכ־קייט פון יישוב.

תל שרוחן, ווי אַ סך ענלעכע אַרכעאָלאָגישע בערגלעך אין נגב, האָט געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אייגנאַרטיקן מוזיי אויפן אָרט גופא. אָבער

געבליבן זענען דאָ בלויז די חורבות — אינטערעסאַנטע פּאָר זיך אַליין — און די מוזעאַלע געפינסן זענען צעשפּרייט געוואָרן איבער די מוזייען, פון בריטישן אין לאָנדאָן ביזן ראָקפעלער־מוזיי אין ירושלים.

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל: אין דער „סעפּטואַגינטאַ", די ערשטע איבערזעצונג פון תנ"ך, אויף גריכיש, וועגן וועלכער עס זענען אָנגעזאַמלט געוואָרן, פון 3־טן י"ה פאַר דער קצ"ר, ווען זי איז געמאַכט געוואָרן, אַזוי פיל לעגענדעס, אין דאָזיקן תנ"ך איז נישטאָ דער נאָמען „שרוחן". דער פּסוק אין ספר יהושע „בית־לבאות ושרוחן" איז איבערגעזעצט: „בית־לבאות און זייערע פעלדער". וואָס איז דאָ געשען? פשוט, מסתמא, אַ טעות פון „בחור הזעצער", ווי מען וואָלט עס היינט פאַרענטפערט. קיין דרוק איז דאָך נישט געווען, נאָר כתב־יד, געשריבן מיט דער האַנט, און דער טינט און פאַרמעט זענען געווען שולדיק... אין וואָרט „ושרוחן" האָט דער ר' געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ ד', דער ו' איז אַוודאי געווען אַ ביסעלע אָפּגעריבן און האָט אויסגעזען ווי אַ י', און אַנטעמען אַ ח' אַלס ה' איז דאָך זייער לייכט... אַזוי איז פון „ושרוחן" געוואָרן „ושדיהן" — „און זייערע פעלדער"...

*

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דער חבל־הבשור געווען אַ בלוטיק שלאַכטפעלד צווישן די טערקן, וועלכע האָבן קאָנצענטרירט זייער אַרמיי אין עזה־געביט, און דער בריטישער אַרמיי, וואָס איז געקומען דורכן נאָענטן סיני־מדבר. די ענגלענדער האָבן געפּרוווט דורך בשור פאַרנעמען עזה און אַזוי אַרום אַריינדרינגען אויף צפון קיין ארץ־ישראל. די ענגלענדער האָבן אפילו דעמאָלט דורכגעפירט דורך דער בשור־געגנט אַ ספּעציעלע באַן־ליניע פון סיני צו באר־שבע, כדי צו קאָנען שנעלער ברענגען זעלנערס און אויסשטאַטונג. די באַן־ליניע איז צענומען געוואָרן נאָך דער מלחמה, ווייל זי איז נישט נייטיק געווען אין דער וויסטע... די טערקן, און דייטשע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן געקעמפט ביי זייער זייט, האָבן דאָ געהאַט אַ סך קרבנות און האָבן פאַרשפּילט.

אויסטראַלישע זעלנערס אין דער בריטישער אַרמיי האָבן, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, געלאַגערט אין חבל הבשור אויף אַ בערגל מיט אַן אַלטער חורבה אויפן שפּיץ, וואָס די אַראַבער רופן אום־דזשראַר, אַ נאָמען אין וועלכן עס איז לייכט צו דערקענען דעם העברעישן גרר. דאָ האָט זיך טאַקע געפונען די תנ"ך־שטאָט גרר (גלייך אין בראשית כ', א': „און אברהם האָט אַוועקגעצויגן צום לאַנד פון נגב — — — און האָט געוווינט אין גרר". דאָ איז געשען די מעשה, וואָס „אבימלך דער מלך פון גרר האָט צוגענומען שרהן", נאָך דעם ווי אברהם האָט אים אָפּגענאַרט, זאָגנדיק אַז דאָס איז זיין שוועסטער...). די אויסטראַלישע זעלנערס האָבן דאָ געפונען אַ שיינע מאָזאַיִק, טאַקע נישט פון די צייטן פון אברהם אבינו, נאָר פון 6־טן י"ה פון דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. זיי האָבן די מאָזאַיִק, דאָס וואָס איז פון איר געבליבן נאָך פערצן יאָרהונדערטער, מיטגענומען קיין אויסטראַליע און זי איז אויסגעשטעלט אין בנין פון „מלחמה־דענקמאָל" אין מעלבורן.

בעת דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, אין 1948, זענען די מצרים אַריינגע־דרונגען אין דער דאָזיקער געגנט, פּרווונדיק פאַרנעמען סטראַטעגישע פּונקטן ספּעציעל ביים בשור־טייך. אָבער אין „מבצע אָסף", אַן אַקציע אין אָנדענק פון אַ יונגן געפאַלענעם זעלנער מיטן נאָמען אסף, האָבן די ייִדן, ווי אין דודס צייטן, פאַריאָגט די שונאים און „זיי געשלאָגן פון פאַרנאַכט און ביז אויף מאָרגן אין אָוונט..."

*

די ייִדן האָבן באַלד פון אָנפאַנג פון דער התיישבות אין נגב זיך דערנענ־טערט צום חבל בשור. אַזוי איז נאָך אין יאַנואַר 1943 געגרינדעט געוואָרן אויף זיין צפון־גרענעץ דער קיבוץ פון הפועל־המזרחי בארות־יצחק, וואָס איז געווען דער ערשטער ייִדישער יישוב אין דער גאַנצער אַרומיקער געגנט. דער דאָזיקער קיבוץ, וואָס האָט פיל געליטן בעת דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה, האָט זיך נאָכן אַנטשטיין פון דער מדינה אַריבערגעטראָגן נאָענט צו תל־אביב, ביים שאָסיי קיין לוד. אין מאַי פון זעלבן יאָר 1943 איז ביים דרום־עק פון דער געגנט געגרינדעט געוואָרן דער קיבוץ פון „השומר־הצעיר" גבולות, וואָס בליט און אַנטוויקלט זיך און וואַרט אויף די נייע מתיישבים אין דער געגנט. אַזוי וועט אויך מיט פרייד אויפנעמען די נייע איינוווינערס דער קיבוץ פון „קיבוץ־המאוחד" בארי, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין דער אומפאַרגעסלעכער נאַכט פון מוצאי יום־כיפור תש"ז, 1946, ביי דער מערב־זייט פון דער געגנט, ווען ס'זענען אין איין נאַכט געשאַפן געוואָרן עלף נייע יישובים אין צפונדיקן נגב.

*

די ערד פון חבל בשור איז אַ פרוכטבאַרע, דער קלימאַט אַ געזונטער, — איז פאַרשטענדלעך דער באַשלוס צו באַזעצן דאָ אין משך פון די נאָענטע פינף יאָר, פופציק טויזנט נייע איינוווינערס. עס דאַרפן דאָ, לויטן פּלאַן, אויפגעשטעלט ווערן הונדערט יישובים, פון די פאַרשיידנסטע פאָרמען, לויטן פרייען ווילן פון די איינוווינערס, צען גרעסערע צענטער־דערפער און אפילו אַ קרייז־שטעטל. די לאַנדווירטשאַפט וועט דאָ זאָרגפעליק פּלאַנירט ווערן פאַרן צוכט פון פירות, ירקות, ציטרוס־פרוכטן, צוקער־בוראַקעס און ביינוול. אויפן אָרט וועלן זיין פאַב־ריקן, וואָס וועלן די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן איבעראַרבעטן. די געגנט וועט האָבן אירע פאָלקס־שולן און עס ווערט גערעדט אפילו וועגן אַ הויכשול ביים ברעג פון בשור. עס ווערן שוין געפּלאַנט האַנדל־צענטערס און פאַרוויי־לונג־פּלעצער, מיט אַ גוטער אינערלעכער קאָמוניקאַציע, וואָס זאָל באַדינען די גאַנצע געגנט.

ווער־זשע זאָל באַלעבן די נייע געגנט? ווער זאָל זיך דאָרט באַזעצן?

מען וויל, אַז דאָס זאָל טאָן די ישראלדיקע יוגנט. די יוגנט, וואָס ציט אין די שטעט אַריין, וואָס דערווייטערט זיך פון די עלטערנס חלוציזם, דער „דור פון עספּרעסאָ", ווי מען רופט אים אָן — ער זאָל עס בויען די נייע יישובים. דער רוף איז צו אַלעמען, צו די וואָס גייען נאָך היינטערן אַקעראייזן און צו די, וואָס

געפינען זיך אין די הויכשולן; צום אַרבעטער און צו דער אינטעליגענץ; מען רופט אויך דעם שרייבער, דעם קינסטלער, דעם לערער און אינזשיניער — פאַר אַלעמען, אָן אונטערשייד, וועט דאָרט זיין אָרט... „זאָל די יוגנט אונדזערע באַווייזן אַז די אידעאַלן פון לאַנד־אויפבוי זענען איר גאַענט און זי קאָן און וויל זיי פאַרווירקלעכן. און נאָך איר, נאָך דער ישראלדיקער יוגנט, זאָלן און וועלן קומען מאַסן, עלטערע און ייִנגערע, פון די תפוצות" — זאָגט זיך איבעם רוף פון אַגראַר־מיניסטעריום.

און „זאָל פון בשור אויפלייכטן אַ נייער שיינענדיקער חלוצישער פאַקל!".

*

מיט אייניקע יאָר צוריק איז געמאַכט געוואָרן דער ערשטער פרווו אין חבל בשור — עס איז געגרינדעט געוואָרן אַן עקספּערימענטאַלער לאַנדווירטשאַפט־לעכער פונקט, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען ט ל־א ו ר, לויט די ווערטער פון ישעיהו הנביא:

„כי טל אורות טלך" (ישעיה כ"ו, י"ט).

און יהואש דיכטעט עס אַזוי איבער:

„וואָרום אַ טוי פון ליכטיקייט איז דיין טוי"...

1960

דריי טויזנט יאָר ערד

מיט אַ יאָר פופצן צוריק איז אין „ישראל״-מוזיי אין ירושלים פאָרגעקומען די ערשטע אויסשטעלונג פון די אַרכעאָלאָגישע געפינסן אין תל־ערד, דאָס היסטאָרישע אַראַד־בערגל. די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט, אפילו אַ סענסאַציע, האָבן אַרויסגערופן די העכער הונדערט אויפשריפטן, גאַנצע בריוו, אויף ליימענע טאָוולען, אויף שטיקלעך פון צעבראָכענע ערדענע כּלים; אָסטראַקאָנען, שערבלעך מיט האַלבע, איינציקע, אָדער צוויי ווערטער; שטעמפּלען מיט גאַנצע אָדער האַלבע נעמען — אַלץ אין אַלטן יידישן כּתב און אין דער העברעישער שפּראַך פון דער עפּאָכע פון ערשטן בית־המקדש, די צייטן פון דער ערשטער יידישער מלוכה. מען האָט אין גאַנץ ארץ־ישראל ביז איצט נישט געפונען אַזאַ גרויסע צאָל דאָקומענטן אין העברעיש פון יענער צייט, ווי אין די אויסגראַבונגען פון ערד.

עס האָט אונדז געגעבן אויפקלערונגען דער אַרכעאָלאָג־אויסגראַבער פון ערד־בערגל פּראָפעסאָר יוחנן אהרוני. ער האָט פריי געלייענט, טייטלענדיק מיט זיין שטעקל, די אוראַלטע ווערטער, כאָטש ביי אונדז האָבן זיי אָפט אויסגעזען ווי היעראָגליפן און מיר האָבן קוים ווו־נישט־ווו דעשיפרירט אַן אות און וואָס איז ענלעך צו איינעם פון אונדזער אלף־בית... אויף איין טאָפּ־שטיקל לייענט פּראָפ. אהרוני: „אל אלישיב. ועתה תתן מן היין ג׳ בתים וצווך חנניהו על באר שבע עם משא צמד־חמורים וצררת אתך מצ(ת) וספר החיטים״. „בתים״ און „ספר״ זענען געווען מאָסן, אָדער געוויכטער. עס לאָזט זיך דעריבער איבערזעצן: „צו אלישיב. און איצט זאָלסטו געבן פון וויין דריי בתים און באַפעלן חנניהו אויף באר־שבע מיט אַ לאָדונג פון אַן אייזל־פּאָר און זאָלסט פאַרפּאַקן מיט דיר מצ(ת) און דעם ספר ווייץ״. באַדויערט דער געלערנטער: „פונקט דאָס לעצטע אות פון — פאַר אונדז זייער וויכטיקן, און פאַר אייך, זשורנאַליסטן, מער פּיקאַנטן — וואָרט ,מצ...׳ איז צעשעדיקט, אָבער מיר זעען אין דעם דאָך אַ ,ת׳, אַזוי אַז עס האַנדלט זיך וועגן מצות...״

דערלעבן — אַ צווייטער באַפעל „צו אלישיב״, ער זאָל געבן „צו די כתים״ וויין און ברויט, וואָס ענדיקט זיך: „...זאָלסט נישט פאַרשפּעטיקן און אויב נאָך חמץ, זאָלסטו זיי געבן״.

מצה און חמץ אין ערד מיט דריי יאָרטויזנטער צוריק...

ביידע דאָקומענטן שטאַמען פון איינציקאַרטיקן אַרכיוו פון אלישיב בן אשיהו, וואָס איז געפונען געוואָרן אין די אויסגראַבונגען פון תל־ערד.

*

דער ישראלדיקער „צענטער פון מוניציפּאַלער מאַכט״ האָט איינגעלאַדן זשורנאַליסטן צו באַזוכן ערד.

ווידער מאַכן די אויסמאַטערנדיקע רייזע דורך די נגב־זאַמדן, כּדי צו באַזוכן אונדזער נייע שטאָט ביים טויטן ים?

איך בין דאָך דאָרט שוין אַזויפיל מאָל געווען... „ריכטיק...״ — האָט מען מיר געענטפערט — „אָבער נאָך ריכטיקער איז, אַז אין ערד איז שטענדיק פאַראַן נייעס, צו זען און צו הערן, און דער עיקר — נייעס פון אוראַלטן אַמאָל...״ און אַזוי פיל אמת איז אין דעם געווען. אפילו בלויז אָפּצופרישן זכרונות און מאַכן פאַרגלייכן מיט רייזעס דאָ אין משך פון דרייסיק יאָר, — האָב איך דאָך געדאַרפט פאָרן.

יאָ, איך בין דאָ פאַרבייגעפאָרן צום ערשטן מאָל אין יאָר 1950. פון עמק־יזרעאל, דורך נגבה, באר־שבע, ביזן ים־המלח און מצדה; און דורכן גאַנצן נגב ביז אילת... אַ ווילדער, וויסטער מדבר האָט זיך געצויגן אין דער לענג און ברייט אַרום די זאַמדיקע וועגן.

דערמאָנען זיך מיר מיינע ערשטע רייזעס אין נגב.

„בלויז מיט דריי צענדליק יאָר צוריק איז דאָס געווען ?...״ — פרעג איך אפילו זיך אַליין.

מיר פאָרן פאַרביי שטעט און דערפער, בליענדיקע קיבוצים, וווילשטאַנדפולע מושבים, קילאָמעטערס־צעשפּרייטע גרינע פעלדער מיט תבואות, בליענדיקע „שאר ירקות״ פון אַלע סאָרטן; פילקאָלירקע בלומען; סעדער מיט שמעקנדיקע ציטרוס־פּרוכטן. און, נאַטירלעך, רחבותדיקע ווייטן, פליינען, טאָלן און בערג, מיט גרויען זאַמד, ווי מיט טויזנטער — „און מיליאָנען״ — יאָרן צוריק.

און דאָך, מיט דעם אַלעמען, איז נאָך אונדזער נגב „ליידיק״, ווייט־ווייט נישט־גענוגנדיק באַפעלקערט.

*

אין יאָר 1960 האָט די ישראל־רעגירונג אָנגענומען אַ באַשלוס אויפצובויען אַ שטאָט, ראשית־כל פאַר די אַרבעטערס פון ים־המלח, ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די עקספּלואַטאַציע פון די רייכטימער פון „טויטן ים״ וועט שנעל אויסגעברייטערט ווערן; אָבער אויך פאַר מענטשן, וועלכע וועלן האָבן באַשעפטיקונג אין דער ערד־געגנט גופא, ווו עס איז אַנטפּלעקט געוואָרן נאַטירלעכער גאַז און געבוג וואַסער, וואָס דערמעגלעכן אויסבויען אַן אָרטיקע אינדוסטריע. בראש פון דער ערשטער מאַנשאַפט צו בויען די נייע שטאָט, איז געשטעלט געוואָרן דער דערפאַרענער באַנייער און אויפבויער פון שטעט, יישובים און גאַנצע געגנטן, אריה־ליאָווא אליאב, גלייך ווי ער איז צוריקגעקומען פון זיין דיפּלאָמאַטישער שליחות אין ראַטנפאַרבאַנד. אַלס אָרט פאַר דער נייער שטאָט איז אויסגעוויילט געוואָרן די פּידוד־הייכקייט, צען קילאָמעטער מערבדיק פון ים־המלח און מען האָט באַשלאָסן זי אָנצורופן מיטן נאָמען ערד, ווי די שטאָט פון די תנ״ך־צייטן, וואָס מען האָט דעמאָלט געגומען אויפגראָבן אויף אַ בערגל, ביי אַכט קילאָמעטער פון דער איצטיקער שטאָט. ערד געפינט זיך דריי און דרייסיק מעטער איבערן ניוואָ פון מיטללענדישן ים, וואָס מען קאָן דערבליקן פון דאַנען, כאָטש ער געפינט זיך פערציק קילאָמעטער ווייט אין אַ גלייכער ליניע אויף מערב. פונעם פלאַך פון „טויטן״ ים־המלח געפינט זיך ערד אויף אַ הייך פון טויזנט מיט פינף און דרייסיק מעטער, — מער ווי אַ קילאָמעטער העכער, איבערן ים.

ערשט אין יאָר 1962 איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פון דער נייער שטאָט.

אין הילצערנע הייזלעך־„צריפים״, געבויט אין דער פאָרם פון אַ פּירעק — „פּעסטונג, ווי מיט טויזנטער יאָרן צוריק, אויף דער הייך...״ — האָט געשמייכלט ליאָווע אַליאַב, ווען ער האָט אונדז דאָ אויפגענומען אויף דער פּרעסע־קאָנפערענץ, נאָכן באַזעצן זיך פון די ערשטע משפּחות אין ערד, אין צייטווייליקע אַזבעסט־הייזקעס. שוין געווען ביי זיין זייט „בייגע״, אברהם שוחט (אגב, אַן אײדעם פון לוי אשכול, דעם דריטן פּרעמיער־מיניסטער פון ישראל), וועלכער איז ביז היינט דער פּאָרזיצער פון מוניציפּאַלן ראַט אין ערד. קיין שטאָט איז נאָך דעמאָלט נישט געווען, אפילו נישט קיין יישוב וואָס איז ענלעך צו אַ שטאָט... קיין איין געפּלאַסטערטע גאַס האָט נאָך נישט עקזיסטירט. בלויז בולדאָזערס האָבן געריסן פעלדזן פון אָרט און געגלייכט „גאַסן״. בלויז פּלענער האָט מען אונדז געוויזן. בלויז צוויי אָנטיילנעמער אין יענער ערשטער פּרעסע־קאָנפערענץ געפינען זיך איצט דאָ צווישן די זשורנאַליסטן, חיים פּיעקאַטש פון „הצופה״ און דער שרייבער פון די שורות. מיר פאָרן איבער די ברייטע געפּלאַסטערטע גאַסן, קוקן אויף די הויכע שיינע הייזער, גייען פאַרביי דעם גרויסן ווילע־קוואַרטאַל מיט בליענדיקע גערטנער, באַוואונדערן די גרויסע שולן און לוקסוס־האָטעלן... און מיר קוקן זיך ביידע איבער: „געדענקסט יענע ערשטע טעג פון ערד ?...״ מיר זענען דעמאָלט געגאַנגען פון טיר צו טיר אין די אַזבעסט־הייזקעס און גערעדט מיט די נייע איינוווינער. האָב איך דעמאָלט געשריבן אונטערן טיטל „די ערשטע אין ערד״:

„... ערד ווערט געבויט אויף אַן אַנדער באַזע ווי די מערהייט ביז־איצטיקע אַנטוויקלונג־שטעטלעך. די באַזע איז — דער ים־המלח מיט די נאַטור־אוצרות אין זיינע וואַסערן און אויף זיינע ברעגעס ; נייע פאָספאַט־גרובנס, נייע גאַז־קוואַלן. דערצו אַ גוטע, מילדע באַרג־לופט. אַן אַנדערע, אַ נייע ווירטשאַפטלעכע באַזע. אָבער שווער וועלן זיכער אויך דאָ זיין די בוי־ און קליטה־פּראָבלעמען. שוועריקייטן מוזן דאָך זיין אין אַזאַ פּונקט, ביי אַזעלכע באַדינגונגען. דאָס איז דאָס געמיינזאַמע פאַר אַלע אַנטוויקלונג־פּונקטן אין ישראל.

אַנדערש זענען, אָבער, אין ערד די ערשטע איינוווינערס, די ערשטע תושבים, וואָס דאַרפן באַלעבן דעם דאָזיקן מדברדיקן ברעג פון ,טויטן ים׳. דאָס זענען נישט קיין נייע עולים. דאָס זענען נישט קיין מענטשן, וועלכע ווערן געבראַכט גלייך פון שיף, ווי עס איז געווען, למשל, אין נאָענטן דימונה. קיינער זאָגט זיך דאָ נישט אָפּ אויסצושטייגן פון אויטאָבוס... ווייל אַלע, אַלע ערשטע הונדערט משפּחות, קומען אַהער פרייוויליק ; זיי האָבן זיך אַליין געמאָלדן, אויסדריקנדיק זייער ווילן אַריבערצוציען זיך אַהער, אָנהייבן אַן אומבאַקאַנט, שווער פּיאָנעריש חלוצים־לעבן אין נגב. דאָס זענען אַלץ משפּחות, מענער מיט פרויען און קינדער — קיין איינצלנע פּערזאָנען זענען נישט אָנגענומען געוואָרן, כאָטש אַזעלכע האָבן זיך געמאָלדן, — וואָס פאַרלאָזן אַלטע שטעט.

פאַראַן נאָך, הייסט עס, חלוצים פון גוטן ווילן, אויך אין אונדזער צייט...

ווער זענען זיי ? פון זייערע דערקלערונגען שאָפּט זיך אַ שטיקל בילד פונעם מענטשן־מאַטעריאַל אין דער נייער שטאָט־פון־מאָרגן.

אברהם כהן און חיים גראָסקאָפּ זענען חברים און פריינד : ביידע זענען געווען סערזשאַנטן אין צה״ל ; ביידע האָבן געוווינט אין רחובות. זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט, זיי נעמען נאָך הלוואות און עפענען בשותפות דאָס ערשטע ,כל־בו׳־געשעפט, סופּערמאַרקעט, אין ערד. זיי פאַרלאָזן דערפאַר די אַרמיי. ביידע האָבן פרויען מיט קליינע קינדער. אברהם כהן זאָגט : ,מיר ווייסן, אַז אין אָנהייב וועלן ביידע משפּחות נישט קאָנען לעבן פון געשעפט. וועל איך דערווייל גיין אַרבעטן ביים ים־המלח. עס וועט וואַקסן די באַפעלקערונג —

וועט וואקסן דאָס געשעפט׳. זיין פרוי, קלאַראַ, אַ מוטער פון צוויי קינדער, פון פינף און צוויי יאָר, גיט צו: ,אין אַנהייב וועט זיין שווער, ווי אומעטום און שטענדיק... מיר זוכן נישט קיין לוקסוס און קיין ספּעציעלע גליקן...׳ אויך ביידע יונגע פרויען זענען חברטעס — ,מיר וועלן זיך ביידע צוזאַמען קעגנזייטיק פאַרלייכטערן דאָס לעבן׳ — שמייכלט חיה גראַסקאָפּ.

רחל סירקיס איז אַ פרעבליסטין פון גבעתיים, אַ מוטער פון דריי קינדער, פון זעקס, דריי און איין יאָר. ,מיר ווילן ענדערן דאָס שאַבלאָן־לעבן פון שטאָט,׳ — דערקלערט זי — ,ס׳איז פאַרמיאוסט אַזאַ לעבן... דאָ וועט, זיכער, די פרעבליסטין־אַרבעט זיין דאַנקבאַרער און אויך — לוינבאַרער. און דאָס גאַנצע לעבן — פּרוקטבאַרער, אויסגעפּולט מיט שעפע־רישקייט און אינטערעסאַנט׳.

דאָס פּאָרפאָלק פּרי, פון רמת־יצחק, איז ענטוזיאַזמירט מיט די אויסזיכטן פון דעם נייעס לעבן. זיי זענען געווען אין אַנהייב קיבוצניקעס און בלויז מיט פיר יאָר צוריק אַריבער אין שטאָט. זיי האָבן צוויי קינדער, פון פינף און צוויי יאָר; דאָרט איז אָבער געווען — רעדט דער מאַן — ,אַן אייגנטאָניק, נישט אינטערעסאַנט לעבן... אָפּגעשלאָסענע אין אַן ענגן קרייז. קינאָ און שפּילן אין קאָרטן — דאָס איז געווען אַלץ...׳ און זיין פרוי ברכה גיט צו: ,מיר ווייסן, אַז דאָ וועלן זיין שוועריקייטן. שטויב, זאַמד, אַן גאַסן אין אַנהייב און אַן באַלויכטענע שוי־פענצטער — אָבער אַ לעבן פון שאַפן, פון בויען!׳.

ענלעך רעדן די צוויי יונגע פרויען פון כפר־גנים, אילה הירש און שפרה קאַלדעראָן. ביידע זענען נאָך גאָר יונג. די צווייטע נאָך קיין צוואַנציק יאָר נישט אַלט. ביידע — אַ יאָר נאָך דער חתונה, אָן קינדער. ,דאָרט איז דאָך אַלץ אַזוי אייגנטאָניק, שאַבלאָנמעסיק. זיי גאַנצע צוקונפט איז פאָראויס באַקאַנט... אָבער דאָ — אַ בראשית, אַ כסדרדיקער וווקס, שוין אין די ערשטע וואָכן׳. גלייכצייטיק חלומען דוד און שפרה קאַלדעראָן וועגן אַ באַקוועמערער דירה, ווי זייער איין־צימער־וווינונג אין כפר־גנים — אין די אַלטע שטעט וועלן זיי דאָס אין די נאָענטע יאָרן נישט קאָנען דערגרייכן. שפרה, אַ קראַנקן־שוועסטער פון פתח־תקווה, חלומט צו עפענען אַ ,טיפת־חלב׳־סטאַציע — די ערשטע אין ערד. איר מאַן איז אַ שלאָסער; זיין חבר מיכאל הירש — אַ מעטאַל־שווייסער. מאַכן זיי פּלענער וועגן דער ערשטער גרויסער שלאָסעריי אויפן ערד־בערגל. ,מ׳וועט וווינען אַ יאָר אין אַן אַזבעסט־הויז?׳ — שמייכלט די פרוי — ,אָבער גלייך אין צוויי צימערן און דאָרט האָבן מיר נישט געהאַט מער ווי איין צימער...׳

אַביסל אַנדערש איז די לאַגע און די סיבות ביים פּאָרפאָלק רז (ראַז) פון חולון. זיי זענען נישט־לאַנג נאָך דער חתונה, אַ קינד פון צען חדשים. זיי האָבן געוווינט אין אַ קליינעם צימער ביי די עלטערן. אַזוי שנעל וואָלטן זיי נישט צוגעקומען צו אַן אייגענער באַקוועמער דירה אין חולון. אין ערד — יאָ. בועז רז זאָגט אָפּנהאַרציק: ,איך האָב געאַר־בעט אין חולון אין סולל־בונה. די אַרבעט און דער לוין זענען געווען פאַרזיכערט. אָבער אויב אַזאַ יונגער ווי איך האָט געוואָלט פּראַגרעסירן — איז געווען קנאַפּע אויסזיכטן... די שטאַפּלען אויפן לייטער אַרויף זענען פאַרנומען... און פאַראַן דאָרט נאָך פיל אַזעלכע ווי איך, וועלכע ווילן אַרויפשטייגן איבערן לייטער... דאָ, אין ערד, וועל איך זיין פון די ערשטע אויפן לייטער...׳

אַלע, אַלע — וועלן דאָ ביי עפּעס זיין די ע ר ש ט ע. מען האָט זיי קיין סך נישט צוגעזאָגט און זיי מאַכן זיך נישט קיין אילוזיעס, אָדער אפשר נעסטן זיך ערגעץ אילוזיעס אין יונגע הערצער — קאָנען זיי דאָ אַמאָל אויך דערפילט ווערן... נישט גלייך, נישט שוין, אָבער מעגלעכקייטן זענען פאַראַן. דער אַנהייב איז שווער — דאָס ווייסן אַלע. דערפאַר — אומעטום די ערשטע. די ערשטע גאַס וועט זיין זייערע. דאָס ערשטע געשעפט, דער ערשטער אַרבעט־פּלאַץ — זייערס.

דאָס זענען די ערשטע הונדערט בירגער פון ערד.

איינער, דער ערשטער סטאָלער, זאָגט: ,ס׳איז אַ היסטאָרישע געלעגנהייט׳.

טאָקע, אפילו ביי אונדז אין לאַנד, ווו נייע פּונקטן אויף דער מאַפּע קומען צו טאָג־טעגלעך, בויט מען נישט יעדן טאָג קיין נייע שטאָט אין מדבר. דימונה פּריער און איצט — ערד. איז מען גרייט מקריב צו זיין שטאָטישע פּלעצער פאַרן — „זכות ראשונים", ווי עס רופט זיך ביי יידן. זיי רעדן ווייניק וועגן „חלוציזם", „ציוניזם". זיי זוכן דעם „ערשטיקייט־איזם", אויב מען קאָן עס אַזוי אָנרופן.

און אין אַ חודש אַרום קומען נאָך הונדערט משפחות קיין ערד — „פון זעלבן טייג געקנאָטן".

„ביז סוף יאָר וועלן מיר האָבן צוועלף הונדערט שעפערישע אַרבעט־פּלעצער" — פאַרזיכערט דער אָנפירער מיטן אויפבוי פון דער שטאָט ליאָווא אליאַב, אַ מענטש וועלכן אַלע אין ישראל גלויבן. איילן זיך טאָקע יונגע מענטשן".

(„פּאָלקסבלאַט־למרחב", תל־אביב, 23 אָקטאָבער, 1962)

זיבן חדשים נאָכן פאַרעפנטלעכן די דאָזיקע שורות, אין מאַי 1963, בין איך ווידער געווען אין ערד. מיר זענען שוין געפאָרן זען און הערן וועגן די אויסגראָבונגען, די גרויסע אַרכעאָלאָגישע אַנטפּלעקונגען אויפן און אין תל־ערד. עס האָבן פאַר אונדז אונטערגעצויגן דעם סך־הכל פון פיר גראָב־סעזאָנען די פאָרשערס וואָס זענען געשטאַנען בראש פון די אַרבעטן, די פּראָפעסאָרן ד"ר יוחנן אהרוני און ד"ר רות עמירן. און מיר האָבן געהאַט אַ גרויסן כבוד: צוזאַמען מיט אונדז איז געקומען באַזוכן די אויסגראָבונגען דער באַרימטער אַרכעאָלאָג פּראָפעסאָר נעלסאָן גליק, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט געפירט זיינע לעצטע אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען אין נגב, פאַר זיין טויט. שפּרייזנדיק צווישן די מויער־שטיקער — יאָ, פאַרבליבענע טיף אין בערגל פעסטונג־ווענט פון מיט העכער פינף טויזנט יאָר צוריק, פון סוף פון דער קאַלקוליטישער און אָנהייב פון דער אַלטערטימלעכער בראָנדז־עפּאָכע, האָבן מיר צוזאַמען מיט די פּראָפעסאָרן, „שפּאַצירט" דורך די שטיינער־איבערבלייבענישן איבער יאָרטויזנטער געשיכטע...

האָט גערעדט פּראָפ. גליק: „וועגן די קאַלקוליטישע און בראָנדז־תקופות פונעם נגב ווייסן מיר זייער ווייניק. אָבער מיר האָבן פאַר זיך מער, פון באר־שבע ביז אילת, וועגן דער ערשטער בלי־עפּאָכע אין נגב, די „תקופה פון אברהם אבינו". מען געפינט צייכנס פון שפּעדיקן לעבן, וואָס איז נאָך אָבער היסטאָריש דערווייל אַרומגענומען מיט אַן אומדורכדרינגלעכן נעפּל. מיר האָבן נישט לעת־עתה קיין שום ממשותדיקע ידיעה פון וואַנען זענען געקומען אַהער די מענטשן און וווּהין זיי זענען אַוועק. וואָס האָט זיי געצויגן דווקא צום נגב? אויף וואָס האָט זיך באַזירט זייער קיום אין די דאָזיקע מדברדיקע געגנטן?"

ביז עס זענען געקומען די חומש־צייטן און איר טאַפּט דאָ ממש אָן מיט די פינגער די תנ"ך־דערציילונגען, ממשותדיק באַשטעטיקט, ווי עס איבערצייגט אונדז אויך דער נאָמען, וואָס האָט זיך איינגעהאַלטן נישט־געענדערט ביי דריי טויזנט מיט דריי הונדערט יאָר — די אַראַבער, בעדואינער רופן עס ביז היינט על־אַראַד. שטייען מיר אויף שווערע געטעסעטע שטיינער און שטיקלעך ווענט, אין וועלכע מען דערקענט נאָך די פעסטונג־פאָרם פון פערטן יאָרטויזנט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. ווער ווייסט?... אפשר איז דאָ טאָקע געשטאַנען דער מעכטיקער מלך פון ערד, וועלכער האָט געהערשט איבער די עמלקים און כנענים, האָט אַראָפּגעקוקט פון באַרג און דערבליקט פון ווייטן ווי עס קומען פון מערב־זייט די רייען פון די

יוצאי־מצרים, באַדעקט מיט מדבר־שטויב, פאַרמאַטערטע פון לאַנגן וועג. ער האָט דערזען די יידישע שבטים, אונטער דער פירונג פון משהן, וואָס האָבן זיך דער־נענטערט — דורך דאַנען האָט געפירט דער וועג צום „גוטן און ברייטן לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק" (שמות ג׳, ח׳).

גוט איז דאָ געווען דעם מלך־ערד, כאָטש עס איז פון יענער צייט גישט געפונען געוואָרן קיין שום צייכן פון אַ ברונעם, האָט מען מסתמא געקאָנט אָנזאַמלען וואַסער. אַ מילדער ווינט קילט דאָ שטענדיק אָפּ די מדבר־לופט און מען האָט שוין דעמאָלט געהאַט מיט וואָס צו לעבן, און געהאַט פאַר וואָס צו קעמפן: „און דער כנעני, דער מלך פון ערד, דער באַווינער פון דרום, האָט געהערט אַז ישראל איז אָנגעקומען אויף דעם וועג פון אתרים, און ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט ישראל און געפאַנגען פון זיי געפאַנגענע" (במדבר כ״א, א׳). דאָ האָבן די מחנות פון משה רבינו געליטן די ערשטע מפּלה נאָך יציאת־מצרים. דער דאָזיקער דורכפאַל האָט, ווי באַקאַנט, גע־בראַכט אַן אַנטשיידנדיקן קער אין דער געשיכטע פון די וואַנדערנדיקע שבטים. „זיי זענען געצוווּנגען געוואָרן צו וואַנדערן אין מדבר, ,פערציק יאָר׳, ציען אַרום־און־אַרום אדום און מואב און דערגרייכן צום ירדן און יריחו דורך אומוועגן" — קלערט אויף פּראָפ. נעלסאָן גליק, און ער האַלט: „עס איז געווען אַ ,יד אלוהים׳, וואָס די בני־ישראל האָבן נישט באַוויזן אַריבערצוגיין דעם באַרג ערד און די גאַנצע געגנט... ווייל די שבטים פון די באַפרייטע שקלאַפן זענען נאָך געווען אַן ערב־רב און גע־ווען נאָך ווייט פון קריסטאַליזירן זיך אַלס פאָלק. אין זייער באַוווּסטזיין איז נאָך נישט געהאַט אַריינגעדרונגען די טראַדיציע פון תורת־משה. עס האָט זיי געדראָט אויסגעמישט, אַסימילירט צו ווערן אין די שוין פאַרגעשריטענע קולטורן פון די איינוווינערס פון כנען. נאָר די וואַנדערונג אין מדבר, דער קאַמף קעגן די נאַטור־שוועריקייטן, די נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ נייע אָנפירערשאַפט און אייגנשאַפטן פון אַ זעלבשטענדיק פאָלק, האָבן פאַרוואַנדלט די בני־ישראל אין די שפּעטערדיקע זיגערס מיט אַ נאַציאָנאַלן כאַראַקטער".

ערשט יהושע בן־נון האָט איינגענומען ערד. „און די קינדער פון דעם קיני, משהס שווער, זענען אַרויפגעגאַנגען פון דער שטאָט פון טייטלביימער מיט די קינ־דער פון יהודה וואָס אין דרום פון ערד; און זיי זענען געגאַנגען און האָבן זיך באַזעצט מיט דעם פאָלק" (שופטים א׳, ט״ז). פאַרביטן יריחו אויף ערד... און די שפּעטערדיקע לעגענדע דערציילט וועגן די „בני קיני": „זיי האָבן פאַרלאָזט יריחו... און זיי זענען געגאַנגען צו יעבץ אין ערד לערנען ביי אים תורה" („ספרי", במדבר ע״ח, י״א).

אין „בערגל", אונדזער באַרימטער „תל", פון ערד האָט מען אויפגעגראָבן צוועלף שיכטן, אין יעדער — איבערבלייבענישן פון געביידעס, סימנים פון שטעט, אין פאַרשיידענע עפּאָכעס. וואָס טיפער די אויסגראָבונגען — איז די צייט אַן אַלץ ווייטערע. די צייט־אונטערשיידן פון איין שיכט צו דער צווייטער זענען אַמאָל יאָרטויזנטער און אַמאָל בלויז יאָרצענדליקער און אויך יאָרהונדערטער. עס פלעגט קומען אַ חורבן, אַ פאַרטיליקונג, וואָס איז אַזוי אָפט אין אַלטערטום געווען פאַר־בונדן מיט אַ פולשטענדיקער אויסראָטונג פון דער באַפעלקערונג, ווען אַ קליינער טייל איז געפאַנגען געוואָרן אַלס שקלאַפן.

דער גרעסטער יישוב — „צי קאָן מען עס אָנרופן שטאָט ?...“ — פרעגט, ווי פאַר זיך אַליין ד״ר אהרוני — איז דאָ, ווייזט אויס, געווען אין דער פרע־היסטאָרישער קאַלקוליטישער און אָנהייב בראָנדזענער עפּאָכע, מיט אַ זעקס טויזנט יאָר צוריק. כאָטש עס איז אָנגענומען אין דער וויסנשאַפט אַז די שטעט פון יענער צייט זענען געווען אָפענע, איז זי דאָ געווען אַרומגערינגלט מיט אַ מויער פון אַ צוויי מעטער די ברייט. מען קאָן דעם מויער נאָכפּאָלגן, אין צייכנס און פאַרבליבענע שטיקער, אויף אַ לענג פון אַ קילאָמעטער און האָט אַרומגענומען „אַ שטאָט פון אַ הונדערט דונאַם“, הונדערט טויזנט קוואַדראַט־מעטער, „אַ ריזן־שטאָט“ פאַר יענע צייטן. און איבערגעבליבן זענען פון יענער עפּאָכע אַנזעבאַרע חורבות פון כמעט אייגאַרטיקע ווין־הייזער, און פון אַ קולט־הויז. דריי טורעמס האָבן געהיטן דעם מויער. מען ווייזט אונדז אפילו גאַסן צווישן די הייזער. און אין די הייזער זענען פאַרבליבן כלים, אַרבעט־מכשירים, ווי שטייסלען, פון יענער צייט.

דאָס שטאַמט פון דער עפּאָכע פון ערשטן אויפבליץ, קאַיאָר, פון מענטשלעכער קולטור אין דער דאָזיקער געגנט. פון דער עפּאָכע זענען געפונען געוואָרן איבערבלייבענישן אַרום באר־שבע; אַן אמתער אוצר פון קופער־כלים איז פונקט פאַר אונדזער דעמאָלטיקן באַזוך געפונען געוואָרן אין אַ הייל פון יהודה־מדבר. די דאָזיקע שיכט איז אויסגערייניקט און געפאָרשט געוואָרן שפעטער. דעמאָלט האָט אונדז פראָפ. אהרוני געוויזן דעם שטח אַ נאָך האַלב פאַרגראָבענעם אין זאַמד: „מיר האָבן זיך געיאָגט צו די אויבערשטע, ייִדישע שיכטן. פאַר די קאַלקוליטישע און כנענישע עפּאָכעס האָבן מיר נאָך קיין בודזשעט נישט...“

עס האָבן ביי די אויסגראָבונגען געאַרבעט העכער הונדערט מענטשן. טאָקע עטלעכע צענדליק פרייוויליקע, גדנ״ע־יוגנטלעכע, אפילו אויסלענדישע סטודענטן, אָבער אַ זעכציק בעדואינישע לוין־אַרבעטער. „דעם הויפּט־עול פון די הוצאות“ — האָט דערציילט פראָפ. אהרוני — „טראָגט דער ,חבל ערד׳, די ערד־אונטערנעמונג. אָבער דער לעבעדיקער גייסט...“ — „רוח“, האָט ער געזאָגט, וואָס איז דאָך צווייטייטיק: סיי גייסט און סיי ווינט... — „...אין אונדזערע זעגלען איז אריה־ליאָוואַ אליאב, דער ערשטער פירער און פלאַנירער פון דער געגנט און נייער שטאָט“.

„עס פעלן ליאָוואַן צרות ביים בויען און באַזעצן די שטאָט, מוז ער נאָך האָבן די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען ?“ — פאַלט אונדזערס אַ פראַגע.

שמייכלט דער געלערנטער: „מיר האָבן אים נישט געפרעגט, אָבער אויך אַזוי האָבן מיר פאַרשטאַנען זיינע מאָטיוון — מיר קענען דאָך ליאָוואַן... ער איז צוגעטראָטן בויען די נייע שטאָט און אַנטוויקלען די געגנט, מיט שווּנג, מיט ברייטן און טיפן בליק און דעריבער זעט ער אין פאָרשן די פאַרגאַנגענהייט אַ שטאַרק נויטווענדיקע אויפגאַבע: נישט בלויז צו לערנען פון דער אַמאָליקער דערפאַרונג, און אויך נישט בלויז כדי צו שאַפן אַ צוציונג־פלאַץ פאַר איינערלעכער און אויסערלעכער טוריסטיק; ער טוט דאָס אין דער ערשטער ריי כדי צוצובינדן דאָס אָרט צו זיין פאַרצייטיקן עבר און אַזוי פאַרוואַנדלען דאָס אין די אויגן פון די איינוווינערס, פון אַ פאַרוואָרפן מדברדיקן ווינקל אין אַ גרויסן און רייכן קולטור־צענטער, וואָס ציט זיך זינט אוראַלטע צייטן און איז נישט צערייסבאַר געקנופּט און געבונדן מיט דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק“.

פון דער קאַלקוליטיש־בראַנדזוענער „שטאָט", אַן ערך דריי יאָרטויזנטער פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, קומט מען אין ערד־בערגל אַרויף גלייך צו דער תקופה פון בית־ראשון, פשוט — אַריין אין אַ פעסטונג, געבויט אין די צייטן פון שלמה המלך. צווישן דיביידע „פעלן" אין תל־ערד צוויי טויזנט יאָר, בשעת אין די העכערע שיכטן, אין די שפּעטערדיקע עפּאָכעס, ציט זיך אַן איבעררייס אַ המשך פון מענטשלעך לעבן, ביז אַריין ווייט אין דער אַראַבישער עפּאָכע.

ווו איז פאַרשווונדן די כנענישע צייט? די עפּאָכע וועגן וועלכער עס דערציילט דער תנ"ך, ווען עס האָט דאָ געקיניגט דער מעכטיקער מלך־ערד, וועלכער האָט נישט דורכגעלאָזט די ייִדישע שבטים מיט משה רבינו בראש — פון איר איז דאָ קיין שפּור נישט פאַרבליבן. דערביי איז ערד אַ זעלטנקייט אין אויפגראָבן אַלטערטימלעכע שטעט: ביי אַרכעאָלאָגישע גראָבונגען, בדרך כלל, זענען פאַראַן שוועריקייטן ביים אידענטיפיצירן אַן אויפגעגראָבענעם יישוב פון אוראַלטע צייטן, ספּעציעל אין ארץ־ישראל, וואָס איז אַזויפיל מאָל פאַרוויסט און כמעט אויסגעליידיקט געוואָרן. אפילו נאָך קורצע גלותן, פלעגט מען צוריקבויען שטעט מיט אַלטע נעמען אויף גאָר נייע ערטער. אָבער אויפן „אַראַד־בערגל" איז נישט בלויז פאַרבליבן דער נאָמען אַראַד ביז אונדזערע צייטן. מיר האָבן געזען דריי טיילן פון איין צעבראָכענער שיסל (א י י ן שיסל נישט בלויז דורכן מאַטעריאַל און קאָליר, נאָר אויך דורכן צונויפפאַל פון די ברוך־ערטער) מיט אויפשריפטן אויף זיי, איבערגעחזרט זיבן מאָל, פונעם נאָמען „ערד", אין כמעט פירקאַנטיקע אותיות, וואָס שטאַמען פון די צייטן פון שלמה המלך... יאָ, פון דריי טויזנט יאָר צוריק...

ווו־זשע זענען די איבערבלייבענישן פון ביבלישן מעכטיקן ערד־קיניגטום?

האָט מען אין אָנהייב געשאַפן אַ טעאָריע, אַ היסטאָריש־מעגלעכע: דער מלך־ערד האָט געהערשט איבער וואַנדערנדיקע שבטים און אַליין אויך מיט זיי געוואַנדערט — די כנענער האָבן דאָ דעמאָלט נישט געבויט קיין יישובים.

צו הילף די היינטצייטיקע אַרכעאָלאָגן און היסטאָריקער איז דאָ געקומען אַן אַלטער פּרעה מלך מצרים...

פינף יאָר נאָכן טויט פון שלמה המלך האָט, ווי עס דערציילט דער תנ"ך, שישאַק, דער פּרעה פון מצרים, אויסגענוצט די צעטיילונג און אָפּגעשוואַכטקייט פון דער יידישער מלוכה און זי פאַרנומען און אונטעריאָכט (אַרום יאָר 936 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג). אין טעמפּל פון קאַרנאַק, אין אויבער־מצרים, איז פאַרבליבן אַ גרויסער זיגער־באַרעליעף, ווו עס ווערן אויסגערעכנט הונדערט־זעקס־און־פופציק שטעט, וואָס פּרעה שישאַק האָט פאַרנומען אין ארץ־ישראל, זענען פאַרצייכנט צוויי אַראַד: „ערד רבת" און „ערד לבית ירוחם". פּראָפ. יוחנן אהרוני האָט נאָך אין די לעצטע יאָרן פאַר זיין טויט באַוויזן אויפצוזוכן דאָס צווייטע ערד און גענומען אַרכעאָלאָגיש דאָס אויספאָרשן. דאָס איז אַ בערגל מיטן נאָמען מאַלהאַטאַ, צוועלף קילאָמעטער דרום־מערבדיק פון ערשטן ערד־בערגל. אין מאַלהאַטאַ־בערגל, וואָס וואַרט נאָך אויף ערנסטע און אַרומנעמענדיקע אויפגראָבונגען, האָט אָבער אהרוני געפונען פעסטע איבערבלייבענישן פון דער כנענישער עפּאָכע — איז דאָרט מסתמא געווען דאָס זיץ־אָרט פון תנ"כישן מלך־ערד. שלמה המלך האָט געבויט אַ גרויס באַפעסטיקט ערד אויפן

היינטיקן ערד־בערגל און אויפן אָרט פון כנענישן ערד איז אַנטשטאַנען אַ יישוב וואָס איז געווען באַהערשט, פאַרוואַלטעט געוואָרן, אָדער באַוווינט דורך „בית ירוחם”, דאָס הויזגעזינד ירוחם. שישאַק האָט איינגענומעןביידע ערדן.

שלמה המלכס ערד, וואָס שישאַק האָט צעשטערט, איז דער עיקר געווען אַ פעסטונג. אַרום דער פעסטונג האָט זיך געשאַפן אַ יישוב, ווו די מענטשן האָבן, לויט אַלע צייכנס, געלעבט פון לאַנדווירטשאַפט און געוווינט אין געצעלטן.

דאָס דאָזיקע ערד איז אין דער צייט פון דער יידישער מדינה בעתן בית־ראשון זעקס מאָל צעשטערט און צוריקגעבויט געוואָרן, — אין משך פון נישט מער ווי 350 יאָר. אַלע זעקס פעסטונגען זענען חרוב געוואָרן אין גרויסע שריפות. דאָס באַווייזט אַז יעדעס מאָל איז דער שונא געקומען פלוצלינג און האָט די געביידעס אונטערגע־צונדן. פּראָפ. אהרוני האָט דעמאָלט געשמייכלט: „שווערע און אַזוי אָפטע חורבנות פאַרשאַפן אַ סך נחת די אַרכעאָלאָגן... ווען אַ שטאָט אָדער אַ פעסטונג איז איינגע־נומען געוואָרן נאָך לענגערע קאַמפן — האָבן די מענטשן באַוויזן צו אַנטלויפן און האָבן מיטגענומען מיט זיך זייער גאַנץ האָב־און־גוטס און פאַר אונדז זענען געבליבן בלויז די ווענט, שטיקלעך חורבות פון זיי. ווען אַ פּלאַץ איז איינגענומען און צע־שטערט געוואָרן דורך אומדערוואַרטע פלוצלינגע אַנגריפן און איז בדרך־כלל פאַר־ברענט געוואָרן, זענען די איינוווינערס, וועלכע האָבן זיך באַוויזן צו ראַטעווען, אַנט־לאָפן אין געאייל, איבערלאָזנדיק אַלץ וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט און דאָס איז פאַר־גראָבן געוואָרן אונטער די חורבות, וואַרטנדיק טויזנטער יאָרן אויף די היינטצייטיקע אַרכעאָלאָגן...”

אַלע זעקס שיכטן אינעם בערגל פון דער יידישער מלוכה־תקופה זענען אויף אַזאַ אופן חרוב און פאַרברענט געוואָרן. זענען טאַקע געבליבן אין תל־ערד אומגע־וויינלעך פיל איבערבלייבענישן, כלים, אַרבעט־מכשירים, אויפשריפטן מיט פאַרב און טינט אויף ערדענע טאָוולען, אָדער כלים־שטיקלעך, וואָס זענען נישט אָפּגעמעקט געוואָרן אין דער טרוקענער נגב־אַטמאָספער. ווי האָט זיך געפרייט דער פּראָפעסאָר־אַרכעאָלאָג: „מיר האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט האָפן און דערוואַרטן מערער קלאָרע און „לעבעדיקע’ באַווייזן וועגן טאָג־טעגלעכן לעבן אין אַ קיניגלעכער פעסטונג פון דעם סאָרט”.

דאָס צווייטע ערד איז אויפגעבויט געוואָרן אין 9־טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג דורך קיניג יהושפט (877—842), וועלכער האָט גע־פּרווט באַנייען דעם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל וואָס שלמה המלך האָט געפירט פון עציון־גבר (אילת) און האָט געמוזט דורכגיין דורך ערד. די דאָזיקע פעסטונג־שטאָט איז וואַרשיינלעך חרוב געוואָרן גלייך אין דער צייט פון קיניג יהורם (851—843), יהושפטס זון, ווען אדום האָט זיך באַפרייט פון דער יהודה־הערשאַפט. דאָס ווייַ־טערדיקע ערד איז אויפגעבויט געוואָרן אַרום יאָר 780 פאַר דער צייטרעכענונג דורך עוזיהו מלך־יהודה, וועלכער האָט אויסגעברייטערט, ווי מיר ברענגען ווייטער, זיינע גרענעצן דורכן נגב, אדום ביז אילת. ווי איינער פון די גרויסע און שטאַרקע יהודה־מלכים, איז די פעסטונג אין ערד פון זיין צייט געבויט געוואָרן פון ספּעציעל שיינע און אָפט קינסטלעך געטעסעטע שטיינער. די דאָזיקע פעסטונג איז חרוב געוואָרן

אין דער צייט פון זיין אייניקל אחז מלך־יהודה (734—728), ווען ער האָט געפירט מלחמה קעגן מלכות־ישראל און קעגן דמשק בעת דעם נייעם אויפשטאַנד פון אדום. די קומענדיקע פעסטונג אין ערד איז אויפגעבויט געוואָרן דורך קיניג חזקיהו (715—687), וועלכער האָט בכלל אויפגעבויט אַ גאַנצע ריי יישובים און פעסטונגען ביז די ווייטסטע געגנטן פון יהודה, אָבער איר חורבן איז געקומען נאָך ביי זיין לעבן, אין יאָר 701, דורך סנחריב מלך אשור, אין זיין מלחמה־צוג טאַקע קעגן דער יהודה־מלוכה. די לעצטע פעסטונג אויף דעם בערגל אין דער צייט פון יידישן מלכות־יהודה האָט אויפגעבויט דער קיניג יאשיהו און זי איז פאַרברענט געוואָרן אין יאָר 586 פאַר קריסטוסן, דורך נבוכדנצר מלך בבל, בעת ער האָט חרוב געמאַכט דער ערשטן בית־המקדש.*

האָבן מיר דעמאָלט פאַמעלעך, אין די פוסטריט פון אונדזערע אַרכעאָלאָגן, אַראָפּגעגידערט אין דער טונקלקייט אַריין צו די אויסגראָבונגען אין די טיפענישן פון דער ערד. שטיקלעך ווענט פון געהאַקטע שטיינער, טרעפּ פון מער און ווייני־קער געטעסעטע פעלדזן־בלאָקן. אַרויפגעדראַפּעט זיך מעטערס און אַראָפּגעני־דערט נאָך מער. אָט פאַרהאַלט אונדז דער געלערנטער: „דאָ... דאָס איז דער פירעק פון שלמהס פעסטונג...״ עפּעס טוט זיך יעדער פון אונדז אינסטינקטיוו אַ צי צוריק — כדי בעסער צו זען אין דער טונקלקייט?... וואָס פאַרשטייען דען מיר, פּשוטע מענטשן, פון די חורבות־שטיקער?... מען טוט זיי סתם, אפשר אונטער־באַוווסטזיניק, אָבערגלויבעריש, אַ גלעט, אַ טאַפּ... אינעם פירעק — זעען מיר נאָך „פריש״ די צייכנס פונעם ביטערן חורבן. נאָך פאַרשרפעטע שטיקער שטיין, שוואַרצער זאַמד, אויסגעמישט מיט שערבלעך, צעבראָכענע טעפּ־טיילן... מען בעט אונדז נישט רירן, נישט טרעטן אפילו שטאַרק אינעם זאַמד. ווער ווייסט, וואָס פאַראַ אוצרות עס ליגן דאָ נאָך באַגראָבן?

---

* ווי עס איז צו זען פון די דאַטעס, כאָטש זיי זענען ריכטיק פעסטגעשטעלט דורך די היסטאָריקערס און תנ״ך־פאָרשערס, זענען פאַראַן קעגנזעצלעכקייטן אין די קיניג־יאָרן פון יהושפט און זיין זון יהורם (יורם), פון דער דוד־דינאַסטיע. די אומפּינקטלעכקייטן נעמען זיך פון סתירות אין תנ״ך גופא. מיר לייענען: „און יהושפט האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, — — — און זיין זון יהורם איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט״ (מלכים א׳, כ״ב, נ״א); אָבער: „און אין פינפטן יאָר פון יורם דער זון פון אחאבן, דעם מלך פון ישראל, ווען יהושפט איז געווען דער מלך פון יהודה, איז יהורם דער זון פון יהושפט דעם מלך פון יהודה, געוואָרן מלך״ (מלכים ב׳, ח׳, ט״ז). כאָטש עס ווערט דערציילט וועגן יהורם, אַז „אַכט יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושלים״ (דברי הימים ב׳, כ״א, ה׳), איז ער לויט די פינקטלעכסטע אויסרעכענונגען, געשטאָרבן איין יאָר פ אַ ר זיין פאָטער יהושפט. אָדער דער זון האָט פאַרכאַפּט דעם טראָן, אָדער דער פאָטער האָט גוטוויליק איבערגעגעבן דעם טראָן דעם זון. אויף ביידע זאַכן זענען פאַראַן אָנדייטונגען: „— — — די אַלע זענען געווען די זין פון יהושפט דעם מלך פון ישראל. און זייער פאָטער האָט זיי געגעבן גרויסע מתנות — — — אָבער די מלוכה האָט ער געגעבן יהורמען״ (דאָרט, כ״א, ב׳—ג׳), און איין פסוק ווייטער: „און ווי יהורם איז אויפגעשטאַנען אויף זיין פאָטערס מלוכה און האָט זיך באַפעסטיקט, אַזוי האָט ער געהרגעט אַלע זיינע ברידער״... סתם, דרך אגב, אינטערעסאַנטע איינצלהייטן וועגן קאַמף פאַר דער מאַכט אין דער אוראַלטער ישראל־מלוכה...

יאָ, די צוויי וויכטיקסטע געפינסן אין ערד־בערגל זענען נאָך געווען פאַר־באָרגן אונטערן פאַרהאַרטעוועטן זאַמד און איינגעוואָרפענע מויער־שטיקער.

*

מיינע איינדרוקן פון דעם דאָזיקן באַזוך („פאָלקסבלאַט־למרחב", תל־אביב, 9.5.1963) האָב איך שוין מיט זיכערקייט אָנגערופן: „עס קומט אויף אַ שטאָט אין מדבר" און געשריבן:

„נישטאָ קיין איין פלאַץ אין ארץ־ישראל, וואָס זאָל זיין ניַי פאַר יידן. זיכער. מען גיט ביי אונדז אַזוי אָפט צו, אַמאָל אַפילו מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל: ,צום ערשטן מאָל — נאָך צוויי טויזנט יאָר'... אָבער עס איז דאָך אַזוי אמת.

זענען מיר טאַקע צוריקגעקומען קיין ערד', נאָך צוויי טויזנט יאָר'.

מיר זענען ווידער געשטאַנען אַנטציקטע אויפן שפּיץ פון ערד־באַרג. אַן אָפּפרישנ־דיקער ווינט קילט אַן אויפהער אָפּ די מדבר־לופט. מיר זענען מער ווי טויזנט מעטער העכער פון סדום, פונעם ניוואָ פון ים־המלח. פון צווישן די ערשטע צריפים זעט זיך אין אַלע זייטן דער ווייטער נגב. גרוי, טרוקן, כאָטש אַזוי נאָענט אויף צפון שפּרייטן זיך די פּרוכטבאַרע חברון־בערג. די נגב־בערג אין דרום זענען איינגעהילט אין וואָלקנס, וואָס ברענגען אַזוי זעלטן רעגנס... אין דער זייט זעט מען די פעלדזיקע שפּיצן פון די מואב־בערג און פאַרביי זיי, אויף דרום, ציט זיך אין די ווייטן אַוועק דער פליין פון אונדזער מדבר.

דער וועג איז נאָך רוי. דער קרן־קיימת האָט אים נאָר וואָס אויסגעהאַקט אין שטיין. ער איז נאָך נישט בעטאָנירט, דער שטויב דרינגט אַריין אַפילו דורך די פאַרמאַכטע פענצטער; אָבער אָט זענען פאַרשוואונדן די געצעלטן פון וועג, די קעמלען. אין צענדליקער אַזבעסט־הייזער פירט זיך אַ מאָדערן שטאָטיש לעבן. וואַסערלייטונג, עלעקטריע, ראַדיאָ־אַנטענעס, געשעפטן פון אַלע מינים; אויף די קראָמען־טירן — די באַקאַנטע אין גאַנצן לאַנד בלעכענע פּילקאָלירקע פּראָפּאַגאַנדע־שילדן פון צייטונגען, געטראַנקען, שפּייז־אויסאַרבעטונגען און אַנדערע אַרטיקלען. די גרויסע עפנטלעכע דינסט־געביידע, מיט פיל צימערן, — מאַכט־אינסטאַנצן, רעסטאָראַן, האָטעל, קלוב, ביבליאָטעק — איז שוין אַ פעסטע געביידע פון שטיין און ציגל. מיט אַ האַלב יאָר צוריק איז דאָ נאָך געווען פוסט. די בולדאָזערס האָבן געגנומען גראָבן און ביים לייגן דעם גרונטשטיין האָט מען איבערגעחזרט אונדזער שוין וואָכעדיק־געוואָרן ,מעשהלע': ,... און דאָ וועט אַנטשטיין אַ שטאָט'.

איצט וווינען שוין דאָ מער ווי טויזנט מענטשן. יונגע פאַרפעלקער בלויז, מיט קינדער. די עלטער — ביז עטלעכע־דרייסיק יאָר. פרייוויליק־געקומענע אַהער. מערסטנס, געבוירענע אין לאַנד. זיי זענען טאַקע געקומען חלוציש בויען אַ שטאָט אין מדבר.

די גאַסן זענען נאָך זאַמדיקע, פאַרוואָרפן מיט בוי־מאַטעריאַלן, שטיקער אייזן, קאַסטנס. אָבער צווישן די אַזבעסטאַנען, יאָגן זיך אַרום קליינוואַרג. מיר פאַרהאַלטן אַ יינגעלע: ,ווי אַלט ביסטו?'. ,שמונה וחצי'. ,נו, ווי געפעלט דיר דאָ?'. ער קוקט אונדז אָן אַ ווײַלע, פאַרקרימט זיך און ענטפערט: „משעממם...' לאַנגווייליק... ער נודיעט זיך, מיר הערן דאָס דאָך ביי קינדער, אָבער אָט־דער קליינער זאָגט פאַרוואָס: ,איך בענק נאָך בועז, רוני, ציפּי...' — עס פעלן אים זיינע חברים. אָבער ער וועט זיך שנעל איינלעבן מיט אַנדערע קינדער. עס לעבן שוין אין ערד העכער הונדערט קינדער אין עלטער פון דריי ביז זעכצן יאָר. אין קינדער־גאָרטן גייען זעכציק קינדער אין דער עלטער ביז פינף יאָר. אויפן אָרט איז שוין טעטיק אַ פאָלקס־שול מיט זעקס קלאַסן. עס אונטערריכטן דריי לערערינס, וואָס וווינען אין ערד. עטלעכע עלטערע קינדער, פון די העכערע קלאַסן, פירט מען דערווייל יעדן טאָג קיין באר־שבע.

דער פּלאַן איז פאַר אַ שטאָט מיט פופציק טויזנט איינוווינערס. דער צושטעל פון די ביי־פאַרלייגטע וואַסער־רערן איז פאַר צען טויזנט איינוווינערס, וועלכע דאַרפן שוין דאָ

לעבן אין פֿינף יאָר אַרום. די לייכט־אינדוסטריע, וואָס דאַרף דאָ אַנטוויקלט ווערן, וועט געטריבן ווערן דורך נאַטירלעכן גאַז פֿון ראש־זוהר, וועלכער קומט אַהער אין רערן און דערגייט שוין צו יעדער שטוב. דער ערשטער סטאַבילער ווינ־קוואַרטאַל, „שלוחת היעלים", דער „קלעטער־וועג פֿון די אינדן", מיט הויכע מאָדערנע הייזער, שטייט שוין אין רושטאָ־וואַניעס און וועט זיין באַוווינט אין אַ יאָר אַרום — דאָס איז צו גלויבן נישט בלויז לויט די פֿאַרזיכערונגען פֿון אליאב און „בייגע", נאָר אויך די בולדאָזערס, גראַב־מאַשינען, הייבערס און בעטאָן־טיגלס, וואָס אַרבעטן מיט דער פֿולער פּאַרע".

יענעם טאָג אין 1963 האָבן מיר זוכה געווען צו אַ גרויסן כבוד. אונדזער זשורנאַליסטן־אויטאָבוס איז געווען דער ערשטער, וואָס איז דורכגעפֿאָרן דעם נייעם דירעקטן שאָסיי פֿון ערד צום ים־המלח, נאָך איידער ער איז אָפֿיציעל דער־עפֿנט געוואָרן און אַפֿילו אין געוויסע ערטער נאָך נישט געווען בעטאָנירט.

אַ ברייטער, מאָדערנער וועג. געווען דאָ דער „נחל זוהר", זוהר־„טייכל". ווי יעדער „נחל" אין נגב, איז דאָס געווען בלויז אַ בעקן פֿון אַ טייך, אין וועלכן עס איז זיכער אַמאָל געפֿלאָסן וואַסער, אָבער דער „אַמאָל" איז שוין מיליאָנען יאָרן און איצט, ווער ווייסט זינט וויפֿל צייטן, פֿליסט אין אים וואַסער, אין משך פֿון מינוטן, זעלטן שעהען, ווען אין די בערג פֿאַלט אַראָפּ אַ פּלוצלינגער רעגן. דער בעקן פֿון נחל־זוהר איז אין די העכער פֿינף טויזנט יאָר מענטשלעכער געשיכטע אויף דער ערד־הייכקייט, און אוודאי אין די טויזנטער יאָרן פּרע־היסטאָריע, זינט דער „האָמאָ סאַפּיענס" האָט זיך דאָ באַוויזן — אַזויפֿיל יאָרטויזנטער איז דער זוהר־בעקן געווען אַ באַלעבטער וויכטיקער וועג, סיי אַרויף און סיי אַראָפּ. דער וועג פֿון בלויז זעקס־און־צוואַנציק קילאָמעטער „וואַרפֿט אונדז אַראָפּ" פֿון 650 מעטער איבערן ניוואָ פֿון מיטללענדישן ים ביז 392 מעטער אונטער דעם דאָזיקן ניוואָ — אין טאָל אַריין פֿון טויטן ים, דעם נידעריקסטן פּונקט אויפֿן ערד־קיילעך. שטענדיק האָבן דורך דאָגען געצויגן פֿרידלעכע קאַראַוואַנעס פֿון מסחר און מענטשן־וואַנדער און קאַראַוואַנען צו מלחמות און אונטעריאָכונגען; פֿון ירושלים און פֿון חברון, פֿון עזה און באר־שבע, און דורך זיי אויך פֿון וויטן נילוס־לאַנד, פֿון לבנון און מעסאָפּאָטאַמיע — צום ים־המלח און פֿון דאָרט קיין מואב אויף דער צווייטער זייט ירדן. ווען מען האָט אָנגעהויבן בויען די שטאָט ערד, האָט מען גענומען זוכן אַ וועג ווו צו פֿלאַסטערן אַ דירעקטן שאָסיי צום טויטן ים, וואָס דאַרף שפּייזן אַ גרויסן טייל אייננוווינערס פֿון דער נייער שטאָט און געפֿינט זיך אין אַ לופֿט־ליניע נישט מער ווי פֿופֿצן קילאָמעטער ווייט פֿון איר. אברהם שוחט, „בייגע", דער פֿאָרזיצער פֿון מוניציפּאַלן ראַט פֿון ערד, האָט אונדז דערציילט, באַגלייטנדיק אונדז איבערן וועג, ווי די אינזשיניערן האָבן וואָכנלאַנג געזוכט, געמאָסטן, ביז ליאָווא אליאב האָט זיי געזאָגט: „רבותי! אויב די ישראל־מלכים האָבן זיך באַנוצט מיטן בעקן פֿון זוהר־טייכל אַלס אַ וועג פֿון ערד צום טויטן ים, זאָלט איר וויסן אַז זייערע אינזשיניערן האָבן געמאַכט פּינקט־לעכע אויסרעכענונגען און אויספֿאָרשונגען, פֿאַר אייך, און דער דאָזיקער וועג איז דער בעסטער און באַקוועמסטער". ליאָוואַס פֿאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן.

אַ שטומער עדות פֿאַר דער וויכטיקייט פֿון דאָזיקן וועג איז די זוהר־פֿעסטונג, וואָס געפֿינט זיך ביי דער זייט פֿון וועג. זי איז געבויט אין דער רוימישער עפּאָכע,

אָבער אויף פריערדיקע פונדאַמענטן, טיילווייז אויך יִדישע און איז באַנוצט געוואָרן אויך דורך די נעבאַטן, ביזאַנטינער און קרייצציגלער. דאָ פלעגט געהאַלטן ווערן אַ גאַרניזאָן צו היטן דעם דאָזיקן דורכגאַנג, וואָס איז „ווי אַ שליסל צו די טויערן פון נגב, צו ירושלים און צום גרויסן ים" (פּראָפ. זאב ווילנאי).

דורכן אוראַלטן שטעג פון נחל־זוהר האָבן די יִדישע קעמפּערס אין דער באַפרייונג־מלחמה אַראָפּגענידערט אויפן וועג צו באַפרייען דאָס באַלאַגערטע סדום. ביי דער זוהר־פעסטונג האָבן זיי באַמערקט אַנדערע ישראלדיקע זעלנערס, וועלכע גייען אַנטקעגן זיי אַרויף פון דער ריכטונג פון טויטן ים. „דער אומדערוואַרטער איבערראַשנדיקער צוזאַמענטרעף איז באַגלייט געוואָרן דורך אַ גרויסער שמחה. די מענטשן פוןביידע זייטן האָבן געטאַנצט פון פרייד און אָנגעזאָגט דעם גאַנצן לאַנד, אַז דער ראַיאָן פון ים־המלח געפינט זיך אין די הענט פון אונדזערע כוחות" (עזריה אלון: „שטעגן אין מדבר").

איך בין געפאָרן איבער בערג־וועגן אין די אַנדן פון טשילע און באָליוויע — אומעטום זענען די שאָסייען געפּלאַסטערט ממש ביים ראַנד פון תהומען, וואָס פאַלן שטאַר אַראָפּ הונדערטער מעטער אין דער טיף. ענלעך איז געווען אַמאָל דער וועג צווישן סאַנטאָס און סאַן־פּאַולאָ אין בראַזיל, ווו דער אַרויפהייב פון ים־ברעג איז געווען אַ קלענערער ווי דאָ און דאָרט האָט איר ממש געזען אַז די אויסבייגן זענען „פאַרקערונגען פון טויט". דאָ גייט דער וועג נישט פאַרביי קיין טיפע אָפּשרעקנדיקע תהומען. ער גליטשט זיך פון ערד אין אַ באַקוועמער כמעט נישט־פילבאַרער משופּעדיקייט אָן שאַרפע פאַרקערן. דערפאַר זענען די פּייסאַזשן אויפן גאַנצן סערפּענטין־וועג ממש אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע. דורך די פאָדערשטע אויטאָ־פענצטער זעט זיך כמעט אָן אויפהער דער ים־המלח מיט זיין באַרימטן „צונג" אין די פאַרשיידנסטע קוק־ווינקלען און פון זיין צווייטער זייט די הייכן פון מואב און אדום, מיט זייערע קרייצונגען, דורכגענג און שפּיצן. ביי די זייטן — די ברייטקייטן פון נגב מיטן אַטאָמישן רעאַקטאָר פון דימונה און די ווייטקייטן פון יהודה־מדבר מיט זיינע ווייסע בערגלעך און אָאַזיס־יִשובים אויפן האָריזאָנט.

און לעבן אונדז, ביים ראַנד פון אוראַלטן שטעג, אַנטפּלעקן די וואַדיס וועגן פון יאָרטויזנטער. דורך שמאָלע דורכגענג האָט אַן אייזל, אָדער קעמל, קוים דורכגעפירט אַ מענטש, וועלכער האָט אויף קליינע, דורך דער נאַטור און ווינטן פאַרטראָגן ערגעץ־ווו די זאַמדן, אויסגעגלייכטע טאָלן — געבויט שוץ־געביידעס און פעסטונג־וועגט זיך צו פאַרטיידיקן. הייבן זיך נאָך שטיקלעך אַלטע פעלדזיקע ווענט, אין וועלכע טויזנטער־יאָריקע זאַמד־ און וואַסער־פלוסן האָבן פאַרהאַרטעוועט און אויסגעמוסטערט פון זיי פאַרשיידנאַרטיקע „סקולפּטורן", זיילן, וואָס רייצן דאָס אויג מיט אוראַלטער געהיימניש. אין די קליינע טאָלן גרינען אויך דערנער און ביימלעך, אָפּט קליינע וועלדלעך — נישט געפלאַנצטע דורכן קרן־קיימת, נאָר דורך דער נאַטור אַליין, וואָס גיט זיי גענוג וואַסער און שפּייז צום לעבן. און פייגל נעסטן אויף זיי, קרייזן איבער זיי אין דער לופטן — אין מיטן ברענענדיקן מדבר. עס איז נישט טויט דאָ אַרום, אַזוי נאָענט צום ברעג פון טויטן ים און טראָץ דעם וואָס רעגן פאַלט דאָ בלויז געציילטע מילימעטער איבערן גאַנצן יאָר.

רעדט צו אונדז טאַקע „בייגע“ מיט איבערציייגונג:

„ווער האָט אויסגעקלערט, אַז דאָ הערשט נאָר טויט?... אָט לעבן ביימער און פייגל און חיות... און נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק האָבן געלעבט דאָ מענטשן, אָן וואַסער־רערן, אָן גאַז, אָן שאָסייען, אָן מאָדערנע מאַשינען... וועלן מיר אויך דאָ אויפבויען אַ נייע גרויסע שטאָט...“

האָבן מיר דעמאָלט, אין יאָר 1963, אונדזער רעפּאָרטאַזש וועגן דער דאָזיקער רייזע פאַרענדיקט:

„...אָבער צום וואַסער, צום גאַז, צו מאַשינען און שאָסייען, מוז מען האָבן מ ע נ ט ש ן, מיט פּיאָנערישן גייסט, מיט חלוצישן שווונג, מיט יוגנטלעכן ברען. און זיי זענען נאָך פאַראַן ביי אונדז. הונדערטער האָבן זיך פאַרשריבן צו באַזעצן אין ערד, וואַרטן אויף זייער ריי, פאָדערן דירות, און שטייגן אַרויף אויפן זאַמדיק־פעלדזיקן באַרג מיטן ,אַלטן' חלוצישן: ,הי דרומה!'...“

*

אין פרילינג 1965 האָב איך ווידעראַמאָל באַזוכט אַ שטיק נגב. מיינע פאַרצייכענונגען וועגן יענער רייזע האָבן געהייסן „ווען דער נגב גרינט און בליט“. וויל זיך איבערחזרן יענע שורות, ווייל אויך איצט, אין פרילינג 1981, איז דער נגב גרין און צעבליט, נאָך אַ רעגן־געבענטשטן ווינטער:

„מען איז געווױנט צו פאָרן פון באר־שבע אויף דרום דורך טרוקן־זאַמדיקע שטחים. עס מיניען און טוישן זיך די קאָלירן פון די פעלדזן, — דאָס פלאַכלאַנד האָט שטענדיק דעם זעלבן זון־פאַרשרפעטן אַש־קאָליר. און איצט?... עס זענען, דוכט זיך, פּלוצלינג געענדערט געוואָרן די מעשי־בראשית...

פון באר־שבע ביז ערד׳, אַזש ביזן ים־המלח, איןביידע זייטן וועג — גרין... יאָ, גרין — גראָז, געדיכט צעוואָקסן, איבערגעהאַפטן מיט פאַרשיידנקאָליריקע בלימלעך. גראָז און בלומען — ווי ווייט עס גרייכט דער בליק, העט־אַוועק ביזן האָריזאָנט.

מיר זענען אַמאָל געפאָרן איבערן שאָסיי ערד—סדום, גלייך ווי ער איז אויסגעהאַקט געוואָרן. האָבן מיר דעמאָלט באַוווּנדערט די געציילטע דערנער און ביימלעך, און אפילו גאַנץ קליינע וועלדלעך, וואָס האָבן ווי־גישט־ווי געגרינט אין די וואַדיס. איצט שלענגלט זיך דער אַספאַלט־וועג די טויזנט מעטער אַרויף־צו, זיגזאַגיש, סערפּענטינמעסיק — דורך גרינע בליענדיקע פעלדער. ווילדער, אָבער נאַטירלעך־צעוואָקסענער פאַשע־גראָז און — באַאַרבעטע מדבר־שטחים.

דאָ איז דאָס ,קיניגרייך' פון אונדזערע בעדואינער. זעלטן זיי קאָנען צעאַקערן און פאַרזייען זייער זאַמדיקן באָדן. ,אַמאָל אין צען יאָר, אָדער נאָך זעלטענער... פיר־פינף מאָל בלויז אין מיין לעבן געדייעט דאָס פעלד' — זאָגט, ווי דאָס זאָל זיין גאָר פּשוט, אַן אַלטער שייך פון נגב. אָבער אַזאַ געבענטשט יאָר, ווי דאָס היינטיקע, געדענקט ער אויך נישט. די רעגנס זענען געפאַלן אין שפע און אין דער צייט. ,ממש אידעאַל...' — האָט אונדז געזאָגט דער סעקרעטאַר פון אַרבעטער־ראַט אין ערד — ,צווישן די רעגן־טעג זענען געווען הפסקות פון אַ וואָך־צוויי. מען האָט געהאַט צייט צו אַקערן און זייען און די קערנער אין דער ערד האָבן געקאָנט געדייען, לאָזן וואָרצלען... איז אַזוי גרין אַרום ערד!'.

האָבן די בעדואינער אויפגעזוכט זייערע פּרימיטיווע, אָפט נאָך הילצערנע, אַקערס, געשפּאַנט אין זיי די קעמלען און אַרויס אין פעלד...

מיר זענען אין ישראל געוווינט צו פּינקטלעך־גראַדע בייטן, מיט ראָוועס צווישן זיי, געמאַכטע דורך מאַשינען, קאָמביינען. דאָ, אַרום ערד, זענען די בייטן קרום, זיגזאַגיש — לויט די טריט פון קעמל און אייזל. הייבן זיך אויף זיי יונגע זאַנגען, בלעטער פון ירקות. באַגרינט אַרום־און־אַרום. איז זייער קרומקייט אפשר מער צוגעפּאַסט אַהער. דאָס גיט צו

חן דעם ווילדן מדבר־פייזאַזש. „אַזוי האָט אברהם אבינו דאָ געאַקערט... גלייכע מאַשין־בייטן — ווי וואָלטן זיי דאָ אויסגעזען ?...' — זאָגט אונדזער וועגווייזער. און ער איז נישט אומגערעכט. כאָטש עס האָבן בעדואינער־שייכן שוין געקויפט אויך קאָמביינען און לעבן די געצעלטן זעט מען אַלץ אָפטער דזשיפּן און אויך לוקסוס־אויטאָס. וועלן די קאָמ־ביינען אויך אַרויף אויף די בערג, מאַכן גלייכע בייטן, פאַרטיפן די ראַוועס. „נאָר וואַסער, וואַסער דאַרף מען האָבן...' — רעדט צו אונדז דער סעקרעטאַר פון אַרבעטער־ראַט — „אָבער מיר וועלן נאָך אַרויסבאַקומען וואַסער פון די טיפענישן פון אונדזער זאַמדיקן באָדן, כאָטש דאָס איז שווערער ווי משה האָט דאָס געטאָן מיטן שטעקן...'

אויך דער ים־המלח האָט זיך „אויפגעהויבן' מיט גאַנצע אַכציק סענטימעטער. האָבן זיך טאַקע דערנענטערט זיינע ברעגן, אַריין טיפער אין לאַנד אַריין. „מה לך הים כי תנוס ?' — האָט מען דאָך שוין דורותלאַנג געפרעגט אין לשון פון אַלטן פסוק. דער ים־המלח „אַנטלויפט' פון ברעג. איצט איז ער צוריקגעקומען, נישט מיט קיין סך, אָבער דאָך... דאָס איז די ברכה פון אַ רעגן־געבענטשטן ווינטער. באמת האָט זיך עס אָנגעהויבן נאָך פאַראַ־יאָרן, נאָך „זיבן טרוקענע יאָרן'. „אָבער אַזאַ שפע ווי היי־יאָר...' — הערט מען כסדר איבערחזרן אין ערד און אין גאַנצן נגב. זעט מען ווי אַלץ איז גרייט צו בלי, צו וווּקס און וואַרט בלויז אויף די טראָפּנס פון הימל... בערג, וואָס האָבן אויסגעזען טויט, פון בלויז פעלדזן ; אָדער די, ביים ברעג פון טויטן ים, ווו עס פינקלט צווישן די בייטן — זאַלץ, ווי געשליפן גלאָז. זאַלץ־בערג ?... אויך זיי זענען איצט גרין, אויך אויף זיי איז פאַראַן פּלאַץ אויף וואָרצלען, אויף לעבן. עס פעלט בלויז וואַסער, די „ברכה פון הימל', אָדער טאַקע פון די טיפענישן פון דער ערד.

„משיב הרוח ומוריד הגשם'...

*

און אין מיטן צעבליטן פרילינג־נגב בליט אויף אַ נייע שטאָט : דאָס אוראַלטע ערד. פונקט אין די טעג האָט מען אויפגעגראָבן נייע אָסטראַקאָנען, פאַרשריבענע שערבלעך אין אַרכאַישן העברעיש פון די צייטן פון בית־ראשון. גרויסט זיך ישראל שוחט, פאַרזיצער פון מוניציפּאַלן ראַט, „בייגע' : „איר זעט אונדזער יִחוס ?...' דאָס זענען שטיקלעך ברִיוור־באַפעלן פון ירושלים צו דער ווייטער מדבר־שטאָט, וועגן שפייז, וויין. עס ווערט אין זיי דערמאָנט „בית־יהוה'. און „בייגע' דערציילט שטיל, סודותדיק, ווי מיט מורא מען זאָל עס אים נישט אויסכאַפּן : „אין אונדזער בערגל, אין תל־ערד, האָט מען אויפגעגראָבן חורבות פון יענע צייטן, וואָס זענען ענלעך צו איבערבלייבענישן פון אַ מקדש, אַ „גאָט־הויז', געבויט ווי דער בית־המקדש אין ירושלים, מיט אַ קודש־הקדשים, מיט אַ מזבח לויט דער אַלטער יִדישער מסורה און די געבאָטן פון דער תורה...' ברעכן זיך נאָך די געלערנטע די קעפּ : אַ בית־המקדש אויסער ירושלים ?... וועט מען אויסגעפינען אַ געלערנטן ענטפער אויף דער פראַגע, אָדער נישט — אָבער די איינוווינערס פון ערד גרויסן זיך : איר זעט אונדזער יִחוס !...

ווי לאַנג איז עס דען ? עס זענען געשטאַנען צוויי קליינע רייען אַזבעסט־הייזקעס און מ'האָט אונדז געוויזן אַ פּ ל אַ ן פון אַ שטאָט. קנאַפּע צוואַנציק משפחות האָבן געוווינט אין די הייזקעס און די קינדער זענען געפאָרן יעדן טאָג קיין באר־שבע אין שול אַריין. איצט זענען די אַזבעסט־הייזער — ווי אַן אַלטע פאַרלאָזטע „מעברה'... עס שטייען דריי־און פירשטאָקיקע הייזער. שוין באַוווינטע און נאָך מער — אין רושטאָוואַניעס. אַ פאָלקס־שול פון אַכט קלאַסן, ווו עס רעשט דאָס קליינוואַרג פון די דריי הונדערט משפחות, וואָס לעבן שוין דאָ. „דרייצן הונדערט איינוווינער !' — שטאָלצירט „בייגע'.

מען בויט שוין אַ גרויסן האָטעל און אין ווילעס־קוואַרטאַל צעגראָבן בולדאָזערס דעם באָדן אויף פונדאַמענטן. אויף די פּלעצער־שטיקלעך — נעמען פון אָנגעזעענע פּערזענלעכ־קייטן, פּאָליטישע און זיכערקייט־פירערס פון ישראל. וועלן זיי זיך דאָ באַזעצן ? די ווילעס מוזן זיי אויפבויען — אין קעגנפאַל ווערט ביי זיי נאָך אַ יאָר צוגענומען דער אומזיסטער פּלאַץ.

פון ווייטן רופט ערד מיט אַ מערקווירדיקן דענקמאָל — אַ מין זייל־פּיראַמידע. עס האָט זי אויפגעשטעלט אַן אַרכיטעקט, אַן אייגנוויינער פון באַנייטן ערד. רויע, נאַטירלעכע, קיילעכדיקע און כמעט־קיילעכדיקע שטיינער פונעם מדבר. איינער אויפן צווייטן. אונטן — אַ גרויסער שטיין פון דריטהאַלבן מעטער אין דורכמעסט; אויפן סאַמע שפּיץ — אַ קליינער, פון אַ זעכציק סענטימעטער.

שטייען מיר צופוסנס פון אָט־דער אויסנאַמפּולער „שלאַנקער פּיראַמידע׳ און יעדער איז פאַרטראַכט אין זיך... אירע גרויסע שטיינער הייבן זיך אין מדברדיקן אַרום, גיסן זיך צונויף מיטן קאָליר פון די אָן־סופיקע זאַמדן. אָבער צופוסנס פון איר איז גרין, אַ גרויסער גרינער גראָז־ און בלומען־„פלעק׳ אויף אומענדלעכע זאַמדן, וואָס איז גראַד היינטיקס יאָר, אַזוי זעלטן דאָ, אַ שטיק פון פּייסאַזש... רייסט מען אַרויף די אויגן צום שפּיץ פון שטיינער־זייל, מען גלייכט אויס די קעפּ אינעם בליק צום ווייטן זאַמדיקן אַרום.

און איינער רעדט, פאַרטראַכט, ווי פאַר זיך אַליין:

„איז דאָס נישט קיין דענקמאָל פאַרן „עמוד העננ׳, דעם וואָלקן־זייל, וואָס איז געגאַנגען בראש פון די יוצאי־מצרים ?... ערד ?... דאָ האָט דער פאַרצייטיקער מלך פאַרהאַלטן דעם מאַרש פון יציאת־מצרים, נישט דורכגעלאָזט משה רבינו ?...׳

דערהערט דאָס ליאָווא אליאב און ענטפערט, נישט ווייניקער פאַרטראַכט:

„אָבער מען איז אַריינגעקומען קיין ערד... האָט געדויערט נאָך פערציק יאָר — וואָס פאַר אַ ראָל שפּילט אַזאַ צייט־אָפּשניט אין אונדזער געשיכטע ?... אַריינגעקומען און אַזוי פיל מאָל שוין צוריקגעקומען זינט דעמאָלט... און איצט — גראָבן מיר אויף און בויען אָפּ די אוראַלטע שטאָט, ווידעראַמאָל...׳

דער „עמוד העננ׳ ?... ער איז גאָר אפשר אויף שטענדיק דאָ פאַרבליבן... אין מיטן אַזאַ וווּנדערלעך־גרינענדיקן פרילינג — זענען דאָך די הימלען אַזוי שווער באַלאָדן מיט שטורעם און סכנות... אַלע יאָרטויזנטער, דוכט מיר, זינט יציאת־מצרים...

„יציאת־מצרים, ערד, עמוד־הענן... און אָט דער נייער זייל... אַלץ איז דאָ אַזוי סימ־באָליש׳ — ענטפערט מיר איינער.

סימבאָליש, ווו עס קרייַצט זיך ווייטע געשיכטע מיט לעבנסנויטוועדיקער היינטיקייט און צוקונפט ?...״

(„פאָלקסבלאַט־למרחב״, תל־אביב, 20־טן אַפּריל 1965)

*

די „זייל־פּיראַמידע״ איז היינט בלויז איינער פון די דענקמעלער אין דער שטאָט ערד, וואָס וואַקסט און צעבליט זיך אָן אויפהער און האָט שוין היינט 13,500, יאָ, דרייצן מיט אַ האַלבן טויזנט איינוווינערס. דער „זייל־דענקמאָל״, ווי מען רופט אים דאָ, געפינט זיך אין מיטן שטעטל. אַרום און אַרום איז פאַרבויט. מען דאַרף זיך אָנשטרענגען, בייגן, דורכקוקן מויערן, כדי צו זען די מדבר־ווייטקייטן.

פון „יענע ערשטע טעג״, מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר צוריק, איז ערד אַזוי ווייט־ווייט אַוועק. דער גרונט־פּלאַן, אָדער „תכנית־אב״, ווי דאָס הייסט אין ישראל, איז פאַר זיבעציק טויזנט איינוווינערס. „לויט דעם בויען מיר אונדזערע קוואַרטאַלן, שולן, אונטערנעמונגען, וואַסער־ און עלעקטריע־ליניעס, אפילו געשעפטן, קלובן און ספּאָרט־זאַלן״ — זאָגט אונדז „בייגע״. ווען וועט די צאָל דערגרייכט ווערן ? שוחט וואַקלט זיך נישט: „ביזן סוף יאָרהונדערט זיכער! וועסט קומען אין יאָר 2000, וועסטו זיך איבערצייגן, אויב דו גלייבסט מיר נישט...״ ערד וואַרט אפילו נישט אויף קיין גרויסער עליה, כדי באַפעלקערט צו ווערן. פון די 4,200 פאַמיליעס וואָס וווינען אין שטעטל, זענען בלויז 1,400 פאַמיליעס, וואָס זענען עולה געווען אין די לעצטע צוואַנציק יאָר, די איבעריקע 2,800 פאַמיליעס, צוויי־דריטל, זענען אַלט־

באַזעסענע און צווישן זיי אַן ערך אַכציק פּראָצענט געבוירענע אין לאַנד. פון די נייע עולים, זענען אַ פינף הונדערט משפחות פון ראַטנפאַרבאַנד, צוויי הונדערט פון אַנגלאָ־זאַקסישע לענדער און הונדערט זעכציק משפחות פון דרום־אַמעריקע, די איבעריקע — פון אַלע טיילן וועלט.

און אַז אין ערד איז די באַפעלקערונג אַ יונגע, באַווייזט די צאָל שולן און שילערס: 32 קינדער־גערטנער — 1,100 קינדער; פיר מלוכהשע גרונט־שולן — 1,600 שילערס; אַ פולע מיטלשול — 950 שילערס; אַ קאַנסערוואַטאָריע מיט 550



דער אויפגעגראָבענער יידישער מקדש אין ערד, פון 9־טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג

שילערס אויף אַלע אינסטרומענטן. אַלע לערערס לעבן אין שטאָט. אַ ריי דער־גענצונג־קרייזן. הויכע אָונט־קורסן פאַר דערוואַקסענע — „אונדזער קומענדיקער אוניווערסיטעט...״ אַ שטאָטישע ביבליאָטעק מיט אַכציק טויזנט ביכער. קלובן, שטו־דיר־קרייזן. טעאַטער־ און קינאָ־פאַרשטעלונגען צוויי־דריי מאָל אַ וואָך. אַ שיינער האַנדלס־צענטער. אַן אינדוסטריע־צענטער מיט אַ צוויי צענדליק אונטערנעמונגען פון פאַרשיידנסטן כאַראַקטער. העכער אַ העלפט פון דער אַרבעטנדיקער באַפעל־קערונג איז באַשעפטיקט אין ערד גופא, די איבעריקע אין די פּעטראָכעמישע אונ־טערנעמונגען פון ים־המלח.

*

די וויכטיקייט, און דער גרויסער יִחוס פון ערד איז דורך די גראָבונגען אינעם בערגל, אַריינגעדרונגען ווייט און טיף אין אונדזער געשיכטע אַריין.

עס שרייבט פּראָפ. יוחנן אהרוני: „די גרעסטע איבעראַשונג וואָס האָט אונדז דערוואַרט אין די אויסגראָבונגען פון ערד איז געווען דער יידישער מקדש, וואָס איז געפונען געוואָרן אין דער מלוכה־פעסטונג. דאָס איז דער ערשטער מקדש פון די צייטן פון בית־ראשון וואָס איז געפונען געוואָרן אין אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען. ווער האָט זיך געריכט און ווער האָט דערוואַרט אַז דאָס וועט געפינען ווערן דווקא אין איינער פון די ישראלדיקע פעסטונגען אין נגב?״ („דרכים ואתרים״, ז׳ 135).

דאָס איז ממש אַ מקדש — פאַרוואָס נישט „בית־מקדש״? ווען מען ענטפערט מיר „כדי אים אונטערצושיידן פון דעם ירושלימער, ווייל אַזעלכע וועט מען נאָך אפשר געפינען אויך אַנדערע...״, בין איך מיט דעם ענטפער נישט באַפרידיקט... ער איז געבויט לויט אַלע פאַרשריפטן פון דער תורה, לויט אַלע דינים און מאָסן ווי דער פריערדיקער „משכן״ און שפּעטער דער „בית־המקדש״ אין ירושלים. דווקא פּראָפ׳ אהרוני, וועלכער איז באַקאַנט געווען מיט זיין פּאַרזיכטיקייט ביים אידענטיפיצירן אַרכעאָלאָגישע געפינסן, און שטענדיק נישט פאַרגעסן צו־געבן דאָס וואָרט „כנראה״, ווי עס ווייזט אויס, איז דאָ געווען אַנטשלאָסן ביים אידענטיפיצירן דעם אויסגעגראָבענעם בנין אַלס יידישן „הייליקן היכל״. ער האָט געזאָגט: „אָט איז אַ פאַקט... פאַראַן נאָך אַ מקדש אויסער דעם פון ירושלים!״. די דאָזיקע פעסטשטעלונג צווינגט אַרויף אויף די פאַרשערס סיי די פאָרם פון דער געביידע, סיי איר אינהאַלט און זי „איז זיכער אַן אינטעגראַלער טייל פון דער ישראלדיקער קיניגלעכער פעסטונג״. נישט בלויז מען האָט דאָ נישט געפונען קיין שום סימן פון אַן אַנדערן, געצנדינערישן, קולט, נאָר אַלץ וואָס איז דאָ אַנטפּלעקט און געפונען געוואָרן, איז צוגעפּאַסט צו די געזעצן פון תורת־משה. די ריכטונג איז, ווי גאָט האָט געבאָטן משהן, פון מזרח אויף מערב, די איינשטעלונג פון הויף און פון די אַרומיקע צימערן זענען אינגאַנצן ענלעך צו דער באַשרייבונג פון משכן אין מדבר און בית־המקדש אין ירושלים, ווי זיי זענען געבראַכט אין תנ״ך. דער מזבח איז נישט בלויז אידענטיש מיט זיינע מאָסן צו דעם פון משכן, נאָר ער איז געבויט פון נישט־געטעסעטע שטיינער „אויף וועלכע עס איז נישט אויפגעהויבן געוואָרן קיין אייזן״, ווי עס באַפעלט די תורה. דערצו האָט מען אין דער געביידע געפונען אָסטראַקאָנען מיט נעמען

פון כוהנים־משפחות, וואָס זענען דערמאָנט אַלס אַזעלכע אין תנ״ך (מרמות און פשחור). פּראָפעסאָר בנימין מזר, דער באַרימטער היסטאָריקער און אַרכעאָלאָג, האָט אַרויסגעבראַכט אַ סברה, אַז „דאָ האָט זיך מסתמא געפונען דער מקדש פון די בני קיני, וועלכע האָבן זיך אַריבערגעטראָגן פון יריחו אין נגב־ערד״.

פּראָפ. אהרוני שליסט נישט אויס אַזאַ מעגלעכקייט. אָבער דער איצט־אויפ־געגראָבענער מקדש איז געבויט געוואָרן שפּעטער — צוזאַמען מיט דער פעסטונג אַרום אים, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין ערד אין דער צייט פון שלמה המלך „אין די ראַמען פון אַ פּיל ברייטערער מלוכהשער דער־שיינונג״. די פעסטונג איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך דער צענטראַלער מאַכט פון ירושלים אַלס איינער פון די קיניגלעכע צענטערס. ערד איז געווען אין דער זעלבער מאַכט־פּאָזיציע אויף דער גרענעץ פון דער מלוכה, ווי דן, בית־אל, מגידו, באר־שבע. נאָך דער צעשטערונג פון דער פעסטונג פון שלמהס צייטן, האָט מען דעם מקדש אויך צוריקגעבויט צוזאַמען מיט דער פעסטונג אין פינף שפּעטערדיקע ייִדישע עפּאָכעס. אינטערעסאַנט אַז אינעם מקדש וואָס איז געבויט געוואָרן אין דער צייט פון די רעפאָרמען פון מלך חזקיהו (715—687), זעט מען גענוי אַז דער מזבח איז מער נישט באַנוצט געוואָרן, דורך פאַרשטאָפּן ביי זיינע זייטן די קאַנאַלן פאַרן אָפּפליסנדיקן בלוט פון די קרבנות. דאָס שטימט מסתמא מיט די פאַראָרדע־נונגען פון דאָזיקן קיניג, וועלכער „האָט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט. — — — ער האָט אָפּגעטאָן די במות און צעבראָכן די זייל־שטיינער — — —״ (מלכים ב, י״ח, ד׳). און זיכער אויך אָפּגעשאַפט די מזבחות פון אויסער דעם בית־המקדש.

ווען עס איז אין ערד צוריקגעבויט געוואָרן די לעצטע ייִדישע פעסטונג אין די צייטן פון קיניג יאשיהו בן אָמון, מלך פון יהודה (640—609), איז דער מקדש אויפסניי נישט אויפגעשטעלט געוואָרן. להיפך: דער שלוס־מויער פון דער פעס־טונג איז דורכגעפירט געוואָרן ממש אויפן גרויסן קולט־זאַל פון מקדש. עס זעט אויס, ווי ספּעציעל געמאַכט, כדי צו ליקווידירן דעם מקדש. איז דאָ ווידער אַ באַשטעטיקונג פון דער תנ״ך־דערציילונג וועגן דער גרויסער רעליגיעזער רעפאָרם וואָס יאשיהו האָט דורכגעפירט צו קאָנצענטרירן דעם גאַנצן געטלעכן קולט אין ירושלים, ווי מיר לייענען: „און ער האָט צונויפגעבראַכט אַלע כוהנים פון די שטעט פון יהודה און האָט פאַראומרייניקט די במות וואָס די כוהנים האָבן דאָרטן גערייכערט פון גבע ביז באר־שבע״ (מלכים ב׳, כ״ג, ח׳). אַ באַשטעטיקונג דורך ערד...

דאָס איז געווען אין ערד־רבת, לויט דער היעראָגליפן־שריפט אין מצרים און פשוט ערד אין די ייִדישע מקורות. אַ פעסטונג־שטאָט פון גרויסער באַטייטונג אין דער גאַנצער עפּאָכע פון דער יהודה־מלוכה. אַ קיניגלעכע פעסטונג, וואָס האָט געוואַכט איבער אַ לעבנסוויכטיקן וועג־ און ווירטשאַפט־פּונקט, אויפן וועג צו דער ערבה, קיין סדום, אדום און עציון־גבר. לויט די אויסגראַבונגען איז ערד געווען נישט בלויז אַ פאַרטיידיקונג־פּונקט, נאָר אויך אַן „אינדוסטריעלער״ צענ־טער. עס האָבן דאָ געלעבט טעפּערס, מעטאַל־קלאַפּערס און מען האָט אויך געפונען איינריכטונגען צו מאַכן בשׂמים. עס איז דורך דאַנען געגאַנגען אַ האַנדל מיט גאַנץ

ווייטע לענדער, וועלכער איז געפירט געוואָרן דורך די „סוחרי המלך" — נישט קיין פריוואַטער האַנדל, ווי עס זעט אויס. די וויכטיקייט פון ערד באַווייזט די שטאַרקייט פון דער פעסטונג אין אַלע שיכטן פון איר עקזיסטענץ. „מיר האָבן נישט געפונען אין גאַנצן נגב קיין שטאַרקערע פעסטונג ווי אין ערד" — שרייבט פראָפ. אהרוני, — „ספּעציעל שטאַרק און אפילו פּראַכטפול זענען די איבערבלייבענישן פון דער פעסטונג פון אַכטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, מער־ווייניקער די צייטן פון מלך עוזיהו". נישט קיין וווּנדער וואָס פון יענער צייט זענען פאַרבליבן אַזעלכע מויערן. „די לאַנגע צייט, וואָס עוזיהו האָט געקיניגט (אַרום 782—740) איז פאַר יהודה געווען אַ צייט פון אויסערלעכער מאַכט און אינערלעכן ווילשטאַנד. דער נייער קיניג האָט איינגיכן פאַרהיילט די וווּנדן, וואָס די מלוכה האָט באַקומען בעת זיינע צוויי פאַרגייער. — — — כדי צו באַשיצן דאָס לאַנד פון פיינדלעכע אינוואַזיעס, האָט דער קיניג פאַרגרעסערט זיין אַרמיי און אויסגעבויט עטלעכע פעסטונגען ביי די גרענעצן פון דער מלוכה. — — — האָט צוריק דעראָבערט דעם האַפן אילת. דאָס האָט געשאַפן פאַר יהודה די מעגלעכקייט ווידער אָנצוקניפּן דעם האַנדלס־פאַרקער מיט די האַפנס פון אַראַבישן ים־אויסגוס" (שמעון דובנאָוו, „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק", ב' 1, זייט 178). ערד איז געווען סיי אַ וויכטיקער פונקט ביי די דעמאָלטיקע גרענעצן און סיי אַ וועג־פעסטונג פון יהודה קיין אילת — האָט מלך עוזיהו אויפגעבויט אין ערד אַ פעסטונג מיט ספּעציעל גראָבע ווענט. פון דער דאָזיקער פעסטונג זענען איבערגעבליבן שטיקער מויערן פון איין ביז פינף מעטער די הייך. ביי הונדערט יאָר פריער, אין 9־טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, איז די פעסטונג אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ פאַרטיידיקונג־מויער, וואָס דערגייט ביז פיר מעטער די ברייט — „איינע פון די שטאַרקסטע מויערן וואָס זענען באַקאַנט אין גאַנץ ארץ־ישראל פון יענער צייט", ווייזט אָן דער געלערנטער.

*

די צווייטע וויכטיקע אַנטפּלעקונג, וועגן וועלכער עס האָט גערעדט פּראָפעסאָר יוחנן אהרוני, אויסער דעם מקדש, איז אין ערד געווען — „אַ מ ע נ ט ש, אַ פּערזענלעכקייט אין פולן זין פון וואָרט..."

„אלישיב בן אשיהו איש ערד", אָנגערופן אין אַלטן ביבליש־יידישן שטייגער. אלישיב דער זון פון אשיהו פון אַראַד. אלישיב בן אשיהו איז געווען אַ „תנ"ך־מענטש", אויב מיר מעגן אַזוי אָנרופן אַ מענטש, וועלכער האָט געלעבט און געווען טעטיק, נישט בלויז אין די צייטן פון תנ"ך, נאָר האָט מיטגעמאַכט, איז געווען באַטייליקט אין געשעענישן, וואָס ווערן באַשריבן אין תנ"ך.

אלישיב איז געווען דער קאָמאַנדיר, פּאַרוואַלטער, אויפזעער נישט בלויז איבער דער פעסטונג ערד, נאָר אויך איבער אַ גרויסער אַרומיקער געגנט, אין זיבעטן־זעקסטן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, נישט לאַנג פאַרן חורבן פון ערשטן בית־המקדש, אָדער אפשר טאַקע ביזן סאַמע חורבן. אלישיב האָט איבערגעלאָזט אַן אמתן אַרכיוו מיט בריוו און דאָקומענטן. דאָס איז אַ באַוווּסטזיניק־געזאַמלטער אַרכיוו, אין איין צימער, אַלע דאָקומענטן צוזאַמען. עס

זענען פאַרבליבן גאַנצע בריוו, צעבראָכענע שטיקלעך, אָסטראַקאָן־שערבלעך. מעגלעך אַז אַזוי האָבן זיך געפירט אויך אַנדערע קאָמאַנדירן אין פאַרשיידענע פלעצער אין יענע צייטן, אָבער דערווייל האָט מען דאָס געפונען בלויז אין ערד־בערגל, פון דער זאַמלונג פון אלישיב בן אשיהו. און דאָס וואָס האָט אַרויסגערופן די גרעסטע פרייד ביי די אַרכעאָלאָגן: אין אַרכיוו־צימער זענען אויך געפונען געוואָרן דריי קליינע שטיינערנע שטעמפלען, טאַקע אַלע דריי מיטן נאָמען פון דעם צו וועמען די בריוו אַהער זענען געווענדט — „לאלישיב בן אשיהו״.

אין ישראל־מוזיי אין ירושלים, ווו די דריי שטעמפלען זענען אויסגעשטעלט, זענען פאַראַן נאָך עטלעכע שטעמפלען, מיט אַ לעכל אין מיטן שטיין, ענלעך צו אַ פינגערל, כדי צו האַלטן אים אַרויפגעשטעקט אויף אַ העלצל צי אייזן־אָקס, אָפּצוקוועטשן דעם שטעמפּל־אינהאַלט. אָבער די דריי זענען די איינציקע שטעמפלען געפונען אויפן אָרט גופא, ווו דער מענטש צו וועלכן די שטעמפלען האָבן געהערט, האָט געלעבט און געווען טעטיק.



דריי שטעמפלען, געפונענע אין ערד מיטן אַלט־העברעישן אויפשריפט „לאלישיב בן אשיהו״

מיר האָבן אין אָנהייב ציטירט צוויי בריוו „צו אלישיב״. אין אַרכיוו זענען געפונען געוואָרן זיבעצן בריוו געווענדט אַמאָל „אל אלישיב״ און אַמאָל „אל אדוני אלישיב״, דאָס זענען בריוו, צי באַפעלן, אָדער גאָר ביטעס, אַמאָל פון גלייכראַנגיקע מיט אים, אַנדערע פון העכער־שטייענדיקע פון אים און אויך פון נידעריקערע פון אים אין ראַנג. עס ווערן אין די בריוו דערמאָנט נעמען וואָס זענען איינציק אין תנ״ך, ווי „קרסי״, פון דער משפחה כהנים, וואָס ווערט אויסגערעכנט צווישן די דינער אין בית־המקדש אין ירושלים. דער בית־המקדש אַליין ווערט אויך דערמאנט אַלס „בית יהוה״. דער בריוו איז געשיקט, וואַרשיינלעך, דירעקט פון ירושלים, פון בית־המקדש גופא, אָדער פון קיניגלעכן פּאַלאַץ לעבן אים. עס לייענט זיך דאָרט: „און וועגן דער זאַך, וואָס האָסט אונדז באַפוילן — שלום: אין בית יהוה זיצט ער״. אין איין בריוו זענען פאַראַן געהיימע צייכנס, ווי שיפרירטע זאַכן, מסתמא כדי קיין פרעמדער זאָל זיי נישט פאַרשטיין, ווי אַ באַפעל צו אלישיבן: „גיב צו שריהו...״ — דאָ אַן אומבאַקאַנטער צייכן; און „צו קרסי זאָלסטו געבן...״ — מיטן זעלבן „שיפער״־צייכן.

מיר האָבן זיך פאַראינטערעסירט ספּעציעל מיט נאָך איין דאָקומענט פון אַ סטראַטעגיש־זיכערקייטלעכן כאַראַקטער, אַן איינציקאַרטיקער דאָקומענט, געפונען

אינעם אַרכיוו פון אלישיב בן אשיהו. מען באַדויערט זייער וואָס עס איז פון אים פאַרבליבן בלויז אַ טייל מיט טעלעכע שורות, אָבער אין אַ זייער פאַרשטענדלעכן העברעיש. ער לייענט זיך אין יידישער איבערזעצונג: „...פון ערד און איר זאָלט שיקן קיין רמת־הנגב דורך מלכיהו בן... און איר זאָלט זיי איבערגעבן אין האַנט פון אלישיב בן אשיהו אין רמת הנגב טאָמער וועט דער שטאָט עפּעס געשען. און דער באַפעל פון מלך צו אייך איז אין אייער לעבן, אָט האָב איך געשיקט אייך אָנצוווייזן אויף די מענטשן מיט אלישיבן טאָמער וועט קומען אַהין אדום".

„דער דאָזיקער דאָקומענט" — דערקלערט פּראָפ. אהרוני — „איז אַן איינציקער פון זיין מין, סיי צוליב דער עפּאָכע פון וועלכער ער שטאַמט און סיי צוליב זיין אינהאַלט, וואָס לערגט אונדז וועגן דער שיטה פון מאָביליזאַציע צו פאַרטיידיקונג־טעטיקייטן קעגן אַ שונא וואָס באַדראָט די גרענעץ פון דער מלוכה פון מזרח".

דער דאָזיקער בריוו, וועלכן עס איז שווער איבערצוזעצן ווערטלעך צוליב זיין אַרכאַישער, כאָטש גוט פאַרשטענדלעכער, שפּראַך און גישט־פולן טעקסט, שטאַמט פון דער צייט פון יהויקים בן יאשיהו (609—598 פאַר דער ציירעכענונג), דער מלך פון יהודה. דאָס איז געווען איינער פון די אכזריותדיקסטע הערשער פון דער מלוכה, ווי דער פסוק דערציילט: „ער האָט אָנגעפילט ירושלים מיט אומשולדיק בלוט" (מלכים ב', כ"ד, ד'); ער האָט פאַרפאָלגט ירמיהו הנביא און פאַרברענט זיין „מגילת־ספר" (וואָס חז"ל האַלטן אַז דאָס איז מגילת איכה, לויט מסכת „מועד קטן", כ"ו), ווי עס ווערט דערציילט אין ספר ירמיהו ל"ו און דערפאַר: „האָט גאָט אַזוי געזאָגט אויף יהויקים דעם מלך פון יהודה: — — — און זיין טויטער לייב וועט זיך וואַלגערן אויף דער היץ בייטאָג און אויף דער קעלט ביינאַכט" (דאָרט, פּסוק ל'). פון דאַנען שטאַמט, אגב, די אגדה (מסכת סנהדרין פ"ב, ע"א): דער שאַרבן פון יהויקים איז געלעגן ביי די טויערן פון ירושלים; און וויפל מאָל מען האָט אים באַגראָבן איז ער צוריק אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון קבר... יהויקים האָט געדראָט מיט טויט אויך פאַר נישט אויספירן דעם פריער געבראַכטן באַפעל צו דער ערד־פעסטונג...

דער ציטירטער דאָקומענט שטאַמט, זייער וואַרשיינלעך, פון יאָר 601 פאַר דער צייטרעכענונג. אין דאָזיקן יאָר האָט נבוכדנצר מלך בבל געשיקט אַרמייטיילן פון מואב־מענטשן, אדומער און אַנדערע צו די גרענעץ־געגנטן פון דער יהודה־מלוכה (לויט ספר ירמיהו ל"ה). יהויקים איז אַרויפגעזעצט געוואָרן אויפן טראָן אין יהודה דורך פּרעה מלך מצרים נעכאָ, וועלכער האָט אַראָפּגעוואָרפן און פאַריאָגט זיין ברודער יהואחז און יהודה האָט זיך פאַקטיש געפונען אונטער דער הערשאַפט פון מצרים. ווען בבל האָט אין דער באַרימטער שלאַכט פון קאַרקעמיש אין יאָר 605 אונטערגעבראַכט מצרים, האָט בבל אויך איבערגענומען די הערשאַפט איבער יהודה. יהויקים האָט אָבער דריי יאָר שפּעטער מורד געווען קעגן דער בבלישער הערשאַפט און נבוכדנצר אַליין האָט נישט געקאָנט גלייך קומען איינגעמען יהודה, האָט ער געשיקט זעלנערס פון אונטערגעבראַכטע לענדער קעמפן קעגן יהודה און דורך רמת נגב, וואָס איז אידענטיפיצירט געוואָרן צען קילאָמעטער דרום־מזרחדיק פון ערד, האָבן זיך אדומער געפּרוווט אַריינרייסן צו דער שטאַרקער

ערד־פעסטונג, וואָס איז דעמאָלט, ווייזט אויס, אויך געווען אַ פיל־באַפעלקערטע שטאָט.

מען האָט בעת די אויסגראָבונגען געפונען צוויי באַזונדערע טיילן פון אלישיב־אַרכיוו — אין צוויי באַזונדערע שיכטן פון „בערגל", אין פעסטונגען פון צוויי באַזונדערע צייטן. בריוו געווענדט צום זעלביקן מענטש: אלישיב בן אשיהו. מען האָט דערקענט אין דער שריפט אַן אונטערשייד פון דער צייט. מען האָט אין אָנהייב אָנגענומען, אַז עס זענען דאָ געווען צוויי קאָמאַנדירן אין פאַרשיידענע צייטן מיטן זעלבן נאָמען, אפשר טאַקע קרובים פון דער זעלבער משפחה. פאַר־גלייכנדיק אָבער די טעקסטן, זייער אינהאַלט און צייט־געשעענישן, איז פּראָפ. אהרוני געקומען צו אַ צווייטן אויספיר: דאָס איז איינער און דער זעלבער מענטש, וועלכער איז געווען קאָמאַנדיר אין ביידע פאַרשיידענע פעסטונגען. ווען און ווי אַזוי?

אלישיב איז טעטיק געווען, ווי מיר זעען, אין די צייטן פון נבוכדנצר מלך בבל.

נבוכדנצר איז אין דער יידישער געשיכטע, אין תנ"ך און אין תלמוד, באַקאַנט אַלס רשע, אכזר, ממש פאַרשאַלטן, אַלס דער וועלכער האָט צוויי מאָל איינגע־נומען ירושלים, ביים צווייטן מאָל צעשטערט די שטאָט, פאַרברענט דעם ערשטן בית־המקדש און געצווונגען צום ערשטן גלות. אין דער וועלט־געשיכטע איז ער באַקאַנט אַלס נעבוכאַדנעצאַר דער צווייטער, מיט דער באַצייכענונג „דער גרויסער". ער האָט לאַנג געקיניגט — פון יאָר 605 ביז 562 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. ער איז שוין געווען קריג־פירער פריער, בראש פון דער אַרמיי פון זיין פאָטער קעניג נעבופּילאַסער. די יידישע מסורה באַצייכנט אים אַלס „טיפש בחכמה ושר בשנים" (בראשית רבה, צ', ג'), „אַ נאַר אין חכמה און פירשט אין יאָרן". ער האָט אין זיינע אומאויפהערלעכע מלחמות אויסגעשפּרייט די באַ־בילאָנישע אימפּעריע איבער אַ זייער גרויסן טייל פון דער דעמאָלטיקער וועלט און גלייכצייטיק געבויט שטעט, וועגן, בריקן און פאַרוואַנדלט זיין הויפּטשטאָט אין איינעם פון „די זיבן וווּנדער" פון דער אנטיקער וועלט. פאַראַן ווייניק הערשער פון אַלטערטום, וועגן וועלכע ס'איז אַזויפיל געשריבן געוואָרן אין דער געשיכטע, ווי נבוכדנצר. אין אַלע יידישע מקורות פאַרנעמט ער אַ גרויסן פּלאַץ, אויך אין די „ספרים חיצונים" (ספר „יהודית"), ביי יוסף בן־מתתיהו א. א. אָבער נישט ווייניקער אין דער קריסטלעכער, גריכישער, רוימישער און אפילו שפּעטער אין דער אַראַבישער ליטעראַטור און אין דער גאַנצער אייראָפּעישער ליטעראַטור און קונסט פון מיטלאַלטער ביז דער נייער צייט (אפילו אין דער אָפּערע „נאַבוקאָ" פון ווערדי). פאַראַן אין תלמוד פרווון „אַראָפּצונעמען" פון נבוכדנצרן אַ ביסל פון זיין רשעות... פּרווט עולא אויפקלערן אין מסכת סנהדרין (צ"ה־צ"ו), אַז „נבוכדנצר האָט בכלל נישט געוואָלט מלחמה־האַלטן קעגן יהודה", נאָר ער איז אויפגעהעצט געוואָרן דורך זיין אַרמיי־פירער נבוזראדן, וועלכער האָט דורכגע־פירט דעם חורבן, אין דער אָפּוועזנקייט פון נבוכדנצרן גופא...

נבוכדנצר האָט צוויי מאָל פאַרנומען ירושלים. צום ערשטן מאָל אין יאָר 597. צי ער דירעקט, בעת זיין מאַרש אויף ירושלים, וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם

נגב, צי אַ פּאָר יאָר פריער, בעתן שיקן אַהער די אדומער, איז חרוב און פאַרברענט געוואָרן די ערד־פעסטונג. איר קאָמענדאַנט אלישיב בן אשיהו איז געלונגען צו אַנטלויפן און בלייבן לעבן. די פעסטונג איז צוריקגעבויט געוואָרן גלייך עטלעכע יאָר שפּעטער. דעמאָלט איז דער זעלבער אלישיב צוריק באַשטימט געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג. און וואַרשיינלעך בעת זי איז נאָך דורך אים אָנגעפירט געוואָרן, איז די דאָזיקע ישראלדיקע מלוכהשע פעסטונג פאַרוויסט געוואָרן ענדגילטיק אין יאָר 586, בעת נבוכדנצרס אַרמיי, אונטער דער אָנפירונג פון נבוזראדן, האָט ווידעראַמאָל איינגענומען יהודה, — נאָך אַ מרידה וואָס האָט געדויערט צוויי יאָר — חרוב געמאַכט ירושלים און פאַרברענט דעם ערשטן בית־המקדש.

מיט דעם האָט זיך געענדיקט די בלי־עפּאָכע פון ערד.

עס איז דאָ פאַרבליבן דורך אַלע יאָרטויזנטער אַ יִישוב, אָבער אָן אַ גרויסער וויכטיקייט. מען געפינט דאָ רוימישע, ביזאַנטישע צייכנס, אָבער אָן געשיכטלעכער באַטייַטונג. דער באַקאַנטער קריסטלעכער קירכע־פאָטער אין 4־טן יאָרהונדערט פון דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, אויסעביוס, וועלכער האָט צווישן זיינע היסטאָרישע שריפטן איבערגעלאָזט דאָס בוך „אָנאָמאַסטיקאָן”, וועגן די געאָגראַפישע ערטער פון תנ״ך, וואָס ער האָט באַזוכט, שרייבט: „אַראַד איז אַן אמורי־שטאָט. — — — ביז היינט איז דאָרט אַ דאָרף אויפן פערטן מייל פון מאַלכאַטאַ, צוואַנציק מייל פון חברון”.



דער געפונענער אין ערד אויפשריפט אין אַלט־יידישן כתב: „אל אדוני אלישיב. יהוה ישאל לשלמך ועתה תן לשמריהו ולקרסי תתן. ולדבר אשר צותני — שלום, בית יהוה הוא יושב” (צו מיין האַר אלישיב. יהוה זאָל פרעגן אויף דיין געזונט און איצט גיב שמריהון און קרסין זאָלסטו געבן און דער זאַך וואָס האָסט מיר באַפוילן — שלום, אין גאָטס הויז זיצט ער)

*

מען פאָרשט נאָך ביז איצט די געפינסן פון ערד־בערגל. „און ווער ווייסט וואָס מען קאָן נאָך אַלץ אויסגראָבן אַרום־און־אַרום...” — שעפּטשעט מיר לעצטנס אַ געלערנטער קאָלעגע. און מען שטודירט די פעסטונג־איבערבלייבענישן, מען לערנט אין זיי געשיכטע. און די טויזנטער לייכטע געפינסן: קרוגן מיט שטעמפּלען־אויפשריפטן אויף די הענטלעך; צירונג־שנירלעך; אָרעמבאַנדן פון גלאָז און פון בראָנדז; געצקעס פון ליים, מאַרמאָר און מעטאַל; אַ סערפּ פון אייזן פון פאַר דער קריסטוס־צייט; שטייסל־שטיינער; קאָך־טעפּ; קינסטלעריש־באַצירטע מושלעס;

צירונג פון העלפאַנטביין; אוראַלטע טשוועקעס; מאַרמאָר־אויסאַרבעטונגען; קברים־קאַסטנס מיט גאַנצע סקעלעטן. „פון די צענדליקער בריוו און אָסטראַקאַנען פון ערד וועט מען לערנען נישט בלויז געשיכטע, נאָר די אַנטוויקלונג פון אונדזער כתב, פון פירקאַנטיקן אלף־בית מיט דריי טויזנט יאָר צוריק״ — שרייבט אהרוני.

אויף איין אויספלוג אַהער, מיט דער גנזעלשאַפט „פאַר היטן די פאַרשונגען פון ארץ־ישראל און אירע אַלטערטימלעכקייטן״, האָט אונדז אַרומגעפירט אין „בערגל״ ד״ר רות עמירן און באַגלייט האָט אונדז ליאָווא אליאב נאָך. ער האָט זיך איינגעהערט ווי זי האָט געמאָלן „דאָס שפּעדיקע לעבן אַרום אין פיל עפּאָכעס...״

ליאָווא האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און געזאָגט: „זעסטו... איך האָב די גאַנצע צייט געטענהט, אַז מיר באַנייען גאַרנישט אין דער דאָזיקער געגנט... מען האָט שוין דעמאָלט געוווּסט דאָ ווי צו לעבן ברייט, רייך און באַקוועם און אפילו צו שיקן פאַרמעגן־שטייער צום ,מלך חברון׳, ווי עס דערציילט דיין שערבל...״

...האָט מען צוריקגעבויט דאָס יידישע ערד נאָך דריטהאַלבן יאָרטויזנטער, און ליאָווא אליאב האָט שטיל פאַרענדיקט: „דער בלי־פּעריאָד איז דאָ געווען די יידישע תקופה — אָט הייבט זי זיך ווידער אָן אויפסניי...״

1981

התיישבות־פּרווו אין ערד אין 1921

עס איז געווען פּסח. מען האָט מסתמא געפּראַוועט דעם סדר־פּסח אין ערד מיט טויזנטער יאָרן צוריק, אפשר גאָר נאָענט נאָך יציאת־מצרים. זינט דעמאָלט, ווער ווייסט וויפל יאָרהונדערטער עס זענען אַוועק, ווען מען האָט דאָ, אויפן ערד־באַרג און ערד־פּליין דאָס וואָרט פּסח אפילו נישט געהערט...

אויף אַ מערקווירדיקן אופן, ביי אויסנאַמלעכע אומשטענדן איז דאָ געפּייערט געוואָרן אַ סדר־פּסח אין יאָר 1921. ווען מען גייט היינט אויף די זוניקע גאַסן פון דער נייער ישראל־שטאָט ערד, בפרט ערב יום־טוב, ווען טויזנטער קומען אַהער פון גאַנץ ישראל, און פון אויסערן לאַנד, פּראַווען דאָ פּסח, יום־טובן — גלייבט זיך נישט אַז דער דאָזיקער סדר איז דאָ, אויפן זעלבן אָרט פאַרגעקומען בלויז מיט צוויי־און־זעכציק יאָר צוריק...

*

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אויף דער זייט פון די אַליאירטע, ווי ס׳איז באַקאַנט פון דער געשיכטע, געקעמפט אַ יידישער לעגיאָן און ער האָט זיך באַטייליקט אין די קאַמפן אויף דער זייט פון די ענגלענדער קעגן די טערקן ביים פאַרנעמען ארץ־ישראל. ווען דער יידישער לעגיאָן איז ליקווידירט געוואָרן, איז אין יאָר 1921 אַנטשטאַנען אין ארץ־ישראל אַ „קאָמיטעט פון באַפרייטע זעלנערס״, וואָס האָט זיך געשטעלט אַלס ציל, צו „זאָרגן פאַר דער צוקונפט און באַשעפטיקונג פאַר די דעמאָביליזירטע זעלנערס״, וועלכע זענען געבליבן אין לאַנד, דאָ זיך באַזעצט. אַ טייל פון די פרייוויליקע זענען בכלל געווען געבוירענע אין לאַנד. צווישן זיי „האָט אַ קערן מיט באַוווסטזיין און וויזיע געפּלעגט דעם געדאַנק פון באַזעצן די מענטשן פון יידישן לעגיאָן אויף באָדן און זיי איינפלאַנצן ביי ערד־אַרבעט אין לאַנד״ (יוסף בראַסלאַווסקי, „ארץ הנגב״, ז׳ 60).

אין לאַנד האָט געהערשט אין נאָמען פון „זיין בריטישער מאַיעסטעט", דער הויך־קאָמיסאַר הערבערט סעמיועל, אַ ייִד, אין וועמען דאָס ייִדישע פאָלק האָט געזען כמעט אַ „ייִדישן שני למלך". די ייִדן האָבן דערוואַרט ער זאָל דורכפירן דעם זעקסטן פונקט פון מאַנדאַט איבער „פּאַלעסטינע (א"י)", וואָס די ענגלישע רעגירונג האָט באַקומען פון פעלקער־בונד: „דאָס אָנפירן מיט פּאַלעסטינע פאַר־פליכטעט — — — צו העלפן אַ געדיכטער ייִדישער התיישבות אויף דער ערד פון לאַנד, אייַנגעשלאָסן אויף רעגירונגס־באָדן און הפקר־ערד, וואָס זענען נישט נייטיק פאַר עפנטלעכע צוועקן". אין די הענט פון דער בריטישער מאַנדאַט־מאַכט האָבן זיך געפונען מעכטיקע ערד־שטחים, באַוווּסט אונטערן נאָמען „דזשיפטליק־באָדנס". די דאָזיקע ערד איז געקומען בירושה פון טערקישן סולטאַן אַבד־על־כאַמיד, וואָס איז, לויט די אָטאָמאַנישע געזעצן, אַריבער אין פּריוואַטן באַזיץ פון סולטאַן, אויב זי איז געווען „מאַכלול", ד. ה. זי איז דריי יאָר נאָכאַנאַנד נישט באַ־אַרבעט געוואָרן; נאָך דער איבערקערעניש פון די „יונגע טערקן" אין 1908, זענען די „דזשיפטליק"־באָדנס געוואָרן מדינה־אייגנטום. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נאָך דער ענגלישער אָקופּאַציע פון ארץ־ישראל אַריבער צו דער נייַער הערשנדיקער מאַכט. אָבער עס האָט זיך גאַנץ שנעל אַרויסגעוויזן, אַז די לאָנדאָנער רעגירונג איז נישט געניייגט פּינקטלעך דורכצופירן די מאַנדאַט־באַשלוסן בנוגע ייִדן. הערבערט סעמיועל האָט דורכגעפירט די אָנווייזונגען פון זיין רעגירונג...

„דזשיפטליק"־באָדן האָט זיך געפונען אין גאַנצן לאַנד. הונדערטער טויזנטער דונאַמען. אין בית־שאָן־טאָל אַליין זענען געווען 396 טויזנט דונאַם „דזשיפטליק". פאַרשטייט זיך, אַז די באַפרייטע זעלנערס, ווי די ייִדישע אינסטאַנצן, האָבן „מיט גיריקייט געבליקט צו בית־שאָן, דער אוראַלטער היסטאָרישער טאָל פון ייִדישער לאַנדווירטשאַפט" (דאָרט). אָבער אין „קונטרס", וואָס איז דעמאָלט דערשינען אין ירושלים, שרייבט ז. פעלער אין נומער פון ב׳ תמוז תר"פ: „די באַדינגונגען אין בית־שאָן זענען שווערע, סיי צוליבן קלימאַט און סיי צוליבן ,קבלת־פּנים׳ פון די בעדואינער, וועלכע לעבן דאָרט. דאָס איז נישט דער פאַל מיטן נגב, ווו דער קלימאַט איז באַקוועמער און קיין ייִשוב איז דאָרט כמעט נישטאָ. דער פאַרצוג איז אויף דער זייט פון נגב". דער אמת איז געווען, אַז פעלער, דער וואָרטזאָגער פון די דעמאָביליזירטע ייִדישע זעלנערס, האָט גוט געוווּסט, אַז די מאַנדאַט־מאַכט וועט אָפּוואַרפן די פאָדערונג מצד ייִדן אויף ערד אין בית־שאָן־טאָל... פעלער שרייבט ווייטער: „מיטן כוח פון אונדזער מוט און ווילן, דורך אונדזער מיליטערי־שער דערציִונג און מיט דער הילף פון מאָדערנע אַרבעט־כלים, קאָן מען באַזיגן אַלע שוועריקייטן און פאַרוואַנדלען דעם טרוקענעם און פאַרוויסטן נגב אין אַן אָרט פון ייִשוב און אַרבעט. — — — צווישן די באַפרייטע זעלנערס זענען פאַראַן ביי זעקס הונדערט מענטשן געבוירענע אין ארץ־ישראל, וועלכע האָבן פון פינף ביז פופצן יאָר שוין געאַרבעט ביי לאַנדווירטשאַפט. דאָס באַזעצן זיי קאָנצענטרירט אויף אַ פּלאַץ וועט דינען אַלס זיכערער יסוד פאַר דער זידלונג פון די איבעריקע באַ־פרייטע ייִדן, בערך זיבן טויזנט מענטשן. דאָס באַזעצן אַזאַ מאַסע וועט ברענגען פון זיך אַליין אַן אַנטוויקלונג פון האַנדל און אינדוסטריע, פּלאַסטערן וועגן — פאַר אַ ברייטן ייִשוב אין נגב. — — — די שעפערישקייט פון די באַפרייטע זעלנערס

וועט דינען אַלס אָנהייב און שטויס־קראַפט צו אַנטוויקלען אַ גרויסן קאָמפּאַקטן יידישן יישוב אין לאַנד פון נגב".

די באַפרייטע יידישע זעלנערס האָבן געוואָלט די ערד פון אל־סיר, ווו עס איז שפּעטער אַנטשטאַנען דער ערשטער יידישער יישוב דרומדיק פון באר־שבע, בית־אשל, איינגאַנצן צוויי קילאָמעטער פון דער שטאָט באר־שבע. לייענען מיר אין „קונטרס" (פון ט"ו אב תרפ"א, אונטערגעשריבן ש. ש.): „די רעגירונגס־ערד ‚דזשיפטליק' פון אל־סיר געפינט זיך נאָענט פון שטאָט. זי אַנטהאַלט זעקס־און־דרייסיק טויזנט דונאַם. דער דאָזיקער באָדן איז באַשטימט פאַר באַזעצן אונדזערע זעלנערס. ——— אומגעדולדיק און מיט אָנגעשטרענגטקייט וואַרטן מיר אויפן אָנהייב פון דער אַרבעט פון איינזידלען זיך אין דער דאָזיקער רחבותדיקער סביבה". אָבער די מאַנדאַט־מאַכט אין ירושלים האָט אויך די דאָזיקע געגנט גע־האַלטן פאַר „נישט־צוגעפּאַסט פאַר אַנטוויקלונג און יידישער באַזעצונג", לויטן ענטפער פון רעגירונגס־סעקרעטאַר דידס, און די מאַנדאַט־רעגירונג האָט באַשלאָסן צו געבן ערד פאַר די באַפרייטע יידישע זעלנערס ביי ערד, פּערציק קילאָמעטער ווייטער אין דרום פון באר־שבע. אויפן ערד־באַרג האָבן זיך געפונען צוויי־און־פּערציק טויזנט דונאַם „דזשיפטליק"־באָדן.

די באַפרייטע יידן זענען געווען גרייט אויך אָנצונעמען דעם דאָזיקן באָדן אָבער דאָס איז געווען אַ ווייט און אומבאַקאַנט אָרט אין יענע צייטן, אָן וועגן, אויסער זאַמדיקע קעמל־שטעגן דורכן מדבר. מען האָט געמוזט שיקן „מרגלים, אויסצופאָרשן אַלזייטיק דאָס אָרט אויף יעדן געביט" (י. בראַסלאַווסקי). די מאַנדאַט־מאַכט האָט אַהין אַרויסגעשיקט דעם אַגראָנאָם ד"ר מ. זאַגאַראַדסקי. ער איז „געריטן אַהין פון באר־שבע אויף אַ קעמל, באַגלייט דורך צוויי באַוואָפנטע בעדואינער אויך אויף קעמלען, וואָס האָבן געפירט די מכשירים און שפּייז. עס איז געווען פרילינג און אפילו דער מדבר איז געווען גרין... איך האָב אויסגעמאָסטן די הייך פון פּלאַץ, די טעמפּעראַטור, די פייכטקייט און די ווינטן. די ווינטער־וואַסערן האָבן געלאָזט אויפן ערד־באַרג אַ רייכע פלאָרע, פאַרשיידענע פעלד־געוויקסן. — — — דער באָדן פון תל־ערד איז צוגעפּאַסט פאַר לאַנדווירטשאַפט, אָבער עס איז אַבסאָלוט נויטווענדיק צו געפינען אין דער ערד וואַסער־קוואַלן" (פון אַ בריוו פון ד"ר זאַגאַראַדסקי צו יוסף בראַסלאַווסקי). דער „קאָמיטעט פון באַפרייטע זעלנערס" האָט זיך מיט דעם אָפיציעלן באַריכט נישט באַפרידיקט. די יידישע אינסטאַנצן אין לאַנד האָבן אַרויסגעשיקט קיין ערד צוויי פאָרשערס, דעם שפּעטערדיקן ישראל־פּרעזידענט יצחק בן־צבי און זיין פרוי רחל ינאית־בן־צבי, וועלכע איז געווען אַן אינזשיניער־אַגראָנאָם. מיט זיי האָט די רעגירונגס־מאַכט אין ירושלים מיטגעשיקט דעם אַגראָנאָם גראַזאָווסקי.

די קאָמיסיע האָט צוגעשטעלט סיי דער מאַכט אין ירושלים, סיי די יידישע אינסטאַנצן צוויי מעמאָראַנדומס, אַ ברייטע היסטאָריש־געאָגראַפיש־עטנאָגראַפישע פאָרשונג, געשריבן דורך יצחק בן־צבי, און אַ וויסנשאַפטלעך־אַגראָנאָמישע אָפּ־שאַצונג, געשריבן דורך רחל ינאית־בן־צבי. נאָכן באַשרייבן דעם סאָרט פון דער ערד, די געוויקסן און קלימאַטישע באַדינגונגען, קומט רחל ינאית צום אויספיר: „קלאָר, אַז צו באַלעבן ערד און גרינדן דאָרט אַ סטאַבילן יישוב איז מעגלעך בלויז

דורך דער אינטענסיווער שיטה, ביי קינסטלעכער באוואסערונג. אַ מאָדערנער פויער און מאָדערנע אינסטרומענטן קאָנען באַווייזן וווּנדער אויפן דאָזיקן פּלאַץ. דורך אַ געהעריקער באַאַרבעטונג, צוגעפּאַסט צום דאָזיקן באָדן, קאָן מען דאָ פלעגן און מאַכן וואַקסן פלאַנצונגען פון ווייַנטרויבן, אייל־בירטן, מאַנדלען, פייגנ־ביימער, באָקסער, פערשקעס און פלוימען; און פּשוטע ביימער — טאַמאַריסקן, אויקאַליפּטוסן, סאָסנעס פון אַלע מינים, דעמבעס, פיסטאַשקעס און אַנדערע. אַ ראַציאָנאַלער פאַרזיי־אומטויש און צוגעפּאַסטער אָפּקלייב פון פאַרזיי־מינים, איי־גנטימלעך פאַרן פּלאַץ, וועלן געבן גוטע רעזולטאַטן אין תבואה־גערעטעניש. קיין ספק נישט אַז עס וועלן געדייען פּאַשע־גראָז און מינים שויט־געוויקסן נויטיקע פאַר האָדעווען פי. אַנשטאָט דער נעבעכדיקער עקזיסטענץ פון ווייניקע, קאָן דאָרט ווערן אַ מאָדערנער בליענדיקער יישוב, וואָס וועט ברענגען וווילשטאַנד און ברכה פאַר דער גאַנצער סביבה אַרום" (יצחק בן־צבי, „שאר ישוב", ז' 428). אינטערע־סאַנט, אַז די אַגראָנאָמען זענען געקומען צום אויספיר: „פאַר דער פעלד־קולטור אַליין איז געגוג דאָס מצומצמדיקע רעגן־וואַסער", נאָר פאַר די מענטשן און בהמות, מוז מען „אַנטפּלעקן וואַסער־אָדערן אויפן פלייץ און זיי פאַרהאַלטן און גראָבן אַן אַרטיזיאַנישן ברונעם".

נעמענדיק אין אַכט דעם דאָזיקן באַריכט, האָט די ענגלישע מאַכט געגעבן אַ סובסידיע פון אַכט הונדערט פונט אויף די ערשטע איינאָרדענונגען און צו גראָבן אַ ברונעם. אַ גרופּע פון צען מענטשן, אַכט בחורים און צוויי מיידלעך פון דער חלוצים־קבוצה „אחווה", האָבן זיך אָוועקגעלאָזט קיין ערד, מיטן ציל דאָרט צו גרינדן דעם ערשטן קיבוץ אין נגב. זיי זענען געגאַנגען צופוס ביי דער זייט פון אַ וואָגן, געשפּאַנט מיט צוויי פערד, וואָס האָבן געפירט אַ פּרימיטיוון אַקעראייזן, עטלעכע געצעלטן און אַ ביסל אָרעם האָב־און־גוטס. עס איז מיטגעקומען אַ גע־צאָלטער „ספּעציאַליסט" פאַר זוכן וואַסער־קוואַלן מיט זיינע בויער־מכשירים צו גראָבן אַ ברונעם. זייער וועג איז געווען פון ירושלים דורך חברון און באר־שבע. אין באר־שבע האָט זיי דער ענגלישער מיליטער־קאָמאַנדיר געגעבן עטלעכע ביקסן „זיך צו פאַרטיידיקן קעגן ווילדע חיות וואָס לעבן אין דער געגנט"... פון באר־שבע האָבן זיי אויך געבראַכט מיט זיך פיר מילך־ציגן, צען לייגנדיקע הינער, עטלעכע זעק מיט פאַרזיי־קערנער, פלאַנצן פון קוסעלעך, אוגערקעס, אַרבוזן; עטלעכע יונגע ביימלעך צו פאַרפלאַנצן.

ט"ו אדר תרפ"א (1921), אין טאָג פון שושן־פורים, איז די גרופּע אָנגעקומען אויפן ערד־באַרג. זיי האָבן אויפגעשטעלט געצעלטן און זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. נאָכן ווינטער, האָבן זיי געפונען גריבער מיט וואַסער, באַגאָסן זאַמ־דיקן באָדן, נאָכן צעגראָבן אים און גענומען זייען. וואַסער צום נוצן, צו טרינקען, עסן און וואַשן זיך, האָט מען געמוזט ברענגען פון תל־על־מילק אין לאָגלען, פאַרנדיק מיטן וואָגן אַ האַלבן טאָג הין־און־צוריק. די עיקר־אויפמערקזאַמקייט איז געווען געווענדט צו דער גראָבונג צו געפינען וואַסער, וואָס האָט זיך גלייך אָנגעהויבן. עס האָט געדויערט, טראָץ דער אומגעדולד... „מיט גרויסער שפּאַנונג האָבן די חברים געוואַרט אויף די רעזולטאַטן פון דער בויערונג צו זוכן וואַסער. מיט נייגער און וואַכזאַמקייט האָבן אויך די אָרטיקע אַראַבער אויף דעם געוואַרט.

אַ געוויסן טאָג האָט זיך די אַראַבער געדאַכט, אַז עס איז אַנטפּלעקט געוואָרן וואַסער אויפן תל־ערד: ווי באַקאַנט, גיסט מען אַריין וואַסער אין גרוב ווו מען בויערט, כדי ווייך צו מאַכן די ערד און דער בויערער זאָל זיך נישט אָנהיצן. ווען די אַראַבער האָבן דערזען וואַסער אין גרוב, האָבן זיי געאײַלט קיין חברון און דאָרט אָנגעזאָגט די ייִדן: אײַערע ברידער האָבן געפונען וואַסער אין תל־ערד... די פרייד־יקע בשורה איז גלייך איבערגעגעבן געוואָרן די ייִדישע אינסטאַנצן אין ירושלים און צומאָרגנס אינדערפרי דערשינען אויף אַ חשובן פּלאַץ אין דער צייטונג ,הארץ׳..." (י. בראַסלאַווסקי, „צו דער געשיכטע פון אונדזער שטרעבונג צום נגב").

צו קיין וואַסער האָט מען זיך נישט דערגראָבן, די דערוואַרטונגען זענען גע־ווען אומזיסטע... אַ חודש נאָכן אָנהייבן די אַרבעטן, ווען עס איז געקומען פּסח, זענען נאָך די האָפענונגען געווען גרויסע. אויף דער סדר־נאַכט זענען געקומען אין צייטווייליקן ערד־לאַגער די „חבורת העמק", וואָס האָט דעמאָלט פונקט גע־אַרבעט אין באר־שבע. אין זײַנע זכרונות „ימי החבורה" שרייבט י. כ"ץ: „מען האָט געפּראַוועט דעם סדר און געזאָגט די ,הגדה׳, ווי אין די ריכטיקע אבות־צײַטן, אין אַ געצעלט, וואָס דער ווינט האָט פון דעם געריסן די לייוונט. אונדזערע געזאַנגען האָבן זיכער נישט געלאָזט שלאָפן די בעדואינער אין די געצעלטן ווי ווײַט, און האָט זיך אָפּגעשלאָגן מיט אַן עכאָ אין די וואַסערן פון ים־המלח, וואָס האָט געכוואַליעט טויזנט מעטער אין דער נידער ביי אונדזערע פיס... עס זענען שוין געווען צעאַקערטע בייטן מיט פּאַרזייטע ירקות און די פּאַרזעצטע ביימלעך גלייכן שוין אויס, האָט זיך אונדז געדאַכט, זייערע בלעטלעך, ציענדיק זאַפטן פון זאַמד..."

און קיין וואַסער איז אַלץ נישט געקומען. דער וואַסער־„ספּעציאַליסט" איז קיין פאַכמאַן נישט געווען, זײַנע גראַב־מכשירים זענען געווען אַלטע, אַפילו פאַרזשאַווערטע... אין דער טיף פון דרייסיק מעטער האָט זיך די קייט איבערגע־ריסן און דער בויערער איז דאָרט געבליבן שטעקן... דער ערשטער בויער־פּרווו איז דורכגעפאַלן און — די קאַסע פון דער קבוצה איז גלייכצייטיק געבליבן ליידיק. דאָך האָבן די חלוצים נישט אַראָפּגעלאָזט די הענט, נישט געוואָלט זיך אונטער־געבן. זיי האָבן מיט אייגענע כוחות אָנגעהויבן אַ צווייטע וואַסער־בויערונג, אויף אַן אָרט וואָס דער רעגירונגס־געאָלאָג, וועלכער איז ספּעציעל געקומען פון ירושלים, האָט פעסטגעשטעלט אַז דאָרט געפינט זיך אַן צוויפל וואַסער. די בעדואינער פון דער געגנט, וועלכע האָבן גלייך אויפגענומען מיט פרייד די ייִדישע מתיישבים, האָבן אויסגעדריקט זייער גרייטקייט צו העלפן פיזיש ביים גראָבן.

דער „קאָמיטעט פון באַפרייטע זעלנערס" האָט זיך געוואָנדן נאָך הילף צו די ייִדישע קאָלאָניזיר־אינסטאַנצן אין ירושלים; אין לאַנד האָט זיך פונקט געפונען דער באַראָן דזשיימס ראָטשילד — מען האָט זיך געוואָנדן אויך צו אים, ער זאָל דעם ענין פון באַזעצן ייִדן אין נגב, צום ערשטן מאָל אין דער ייִדישער אויפלע־בונג־געשיכטע, אָוועקשטעלן פאַר דער ייק"א. „דער באַראָן איז געווען באַגייס־טערט פונעם געדאַנק צו באַזעצן באַפרייטע ייִדישע זעלנערס אויף ערד, זיי זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט לאַנדווירטשאַפט, און אוודאי האָט דעם באַראָן געפרייט דער

צוריקקער פון ייִדן אין נגב" (בראַסלאַווסקי, דאַרט). פון ראָטשילדס באַגייסטערונג זענען קיין שום רעזולטאַטן נישט אַרויסגעקומען, אויך די ייִדישע אַנשטאַלטן האָבן נישט געקאָנט העלפֿן.

די גרופּע האָט פֿאַרלאַנגט נישט מער ווי הונדערט ענגלישע פֿונט, כּדי צו קאָנען גראָבן, ווי זיי האָבן געהאָפֿט, ביז וואַסער, און אויסהאַלטן ביז זייער ערשטער פֿאַרזיי וועט ברענגען פּרוכטן.

„זיי האָבן אָנגעהויבן פּשוט הונגערן..." — שרייבט דער אויבנדערמאָנטער י. כ"ץ (דאָרט) — „און זיי האָבן געהאַט אויך פֿרייד: פֿון די אייער פֿון זייערע צען הינער, האָבן זיך שוין אויסגעפּיקט אַכציק קליינע עופֿעלעך..."

פֿינף חדשים האָט געדויערט דער געוואַגטער פּרוּוו פֿון תּל־ערד־התיישבות אין 1921. אין אַ הייסן יולי־טאָג האָבן אַלע צען חלוצים, זיבן ארץ־ישׂראלדיקע און דריי פֿרייוויליקע פֿון אַרגענטינע, פֿונאַנדערגענומען זייערע געצעלטן, איינגעשפּאַנט אין וואָגן זייערע פֿערד, גענומען זייער לעבעדיקן אינווענטאַר, די ציגן, הינער און הינדעלעך — פֿאַרמאַטערטע, האַלב־הונגעריקע, האָבן זיי זיך צוריקגעלאָזט אויף צפֿון. די „אחווה"־חלוצים האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין קערן, וואָס האָט געגרינדעט דעם קיבוץ יגור.

*

פֿונקט פֿערציק יאָר שפּעטער, אין 1961, איז אין דער אומאָפּהענגיקער ייִדישער מדינה ישׂראל געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פֿאַר דער שטאָט ערד — אויפֿן זעלבן באַרג צווישן די נגב־זאַמדן ביים „טויטן ים"...

1983

בעדואינער האָבן פּלאַנירט אַ בונד מיט ייִדן אין נגב

פֿונקט צוואַנציק יאָר זענען פֿאַרביי זינט יענעם נאָכמיטאָג, אין פֿרילינג 1962. דער אַרבעט־מיניסטער פֿון ישׂראל, גיורא יוספּטל, האָט געהאַלטן אַ רעדע ביים לייגן דעם גרונטשטיין פֿאַר דער אַלט־נייער שטאָט ערד. דער באַרג איז געווען פּוסט, מדבר אַרום־און־אַרום. דער ים־המלח, וואָס איז געלעגן ביי אונדזערע פֿיס, טויזנט מעטער אין דער נידער — „איז דאָך אויך אַ טויטער..." — ווי איינער האָט באַמערקט. נאָפֿט־גרעבערס האָבן דאָ נאָרוואָס געהאַט געפֿונען נאַטירלעכן גאַז נישט טיף אין דער ערד, האָבן זיי פֿון רערן אויפֿגעבויט אַ ריזיקע מנורה און זי אָנגעצונדן מיטן גאַז. די הויכע געלבלעכע פֿלאַמען האָבן באַלויכטן די זאַמדיקע ווייטן, אויף וועלכע עס האָבן זיך אין צופֿאַלנדיקן פֿאַרנאַכט אָפּגעשלאָגן צוואָר־פֿענע ווי־נישט־ווי טונקעלע בעדואינישע געצעלטן־מחנות. אָנווייזנדיק אויף די געצעלטן, האָט מיניסטער יוספּטל, ווי אַדורכגייענדיק, געזאָגט:

„...די דאָזיקע בעדואינער האַלטן, און מסתּמא מיט רעכט, אַז זיי זענען אונדזערע נאָענטע פֿון אָפּשטאַם, בלוט־קרובֿים פֿון ייִדן. מעגלעך אָבער, אַז אין אָנהייב פֿון היינטיקן יאָרהונדערט איז דורכגעלאָזט געוואָרן אַ היסטאָרישע וואָר־שיינלעכקייט צו שליסן אַ בונד צווישן די דאָזיקע בעדואינער און ייִדן... אפֿשר איז דאָס בלויז אַ נישט רעאַלע וויזיע געווען מצד די שייכן, וועלכע האָבן זיך געוואָנדן צו ד"ר הערצל, און אפֿשר טאַקע האָט געקאָנט זיך זינט דעמאָלט דאָ צעבליען

אַ ייִדיש־בעדואינישע מלוכה, וואָס וואָלט לאַנג שוין געהאַט באַפּרוכפּערט אָט־דעם מדבר...״

*

אין סוף פון 19־טן יאָרהונדערט האָט דער גרעסטער טייל פון דעם באָדן אַרום ערד געהערט צום בעדואינישן שבט האַדולאַם פון באַקאַנטן שטאַם טיאַהאַ, בראש פון וועלכן עס איז דעמאָלט געשטאַנען דער שייך סאַלאַם איבן עיד אַבו־ראַביע. אויף דער זעלבער ערד האָבן געפאָדערט רעכט צו באַאַרבעטן די פּויערים, פֿאַלאַכן, פון נאָענטן באַרג־דאָרף נעבן חברון יוטה. יוטה איז דערמאָנט אין תנ״ך שוין, און איז נאָך אין די תלמוד־צייטן געווען אַ ייִדישער ישוב. שייך סאַלאַם אַבו־ראַביע האָט געלעבט אין טעל־על־מילק, וואָס איז מלחתה, אָדער מאַלאַטהאַ, ווי זי הייסט ביי יאָסעפוס פלאַוויוס, און איז געווען אַ ייִדישע שטאָט אין די צייטן פון די מלחמות קעגן די רוימער. אָבער ווען טיילן בעדואינער פון טעל־על־מילק און פֿאַלאַכן פון יוטה האָבן זיך געייִחוסט מיט ייִדישער אָפּשטאַמונג, איז עס בישט געווען פון יענע אַלטערטימלעכע עפּאָכעס, נאָר פון די ייִדן אין כייבאַר, אויפן אַראַבישן האַלב־אינדזל, דעם גיבורים־שבט פון מוכאַמעדס צייטן און שפּעטער־דיקע יאָרהונדערטער.

אַרום יאָר 1880 האָט זיך צעפלאַקערט אַ בלוטיקער קאַמף צווישן די בעדואינער פון טעל־על־מילק און די פֿאַלאַכן פון יוטה וועגן דער „חזקה״ אויפן אַרע־מען האַלב־מדברדיקן באַאַרבעט־מעגלעכן באָדן צווישן ביידע געגנטן. עס איז פֿאַרגעקומען אַן אמתע שבטים־מלחמה, מיט קורצע איבעררייסן, וואָס האָט אָנ־געהאַלטן קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר. פיל בלוט איז פֿאַרגאָסן געוואָרן. אַמאָל האָט געזיגט איין צד, שפּעטער דער צווייטער; מען האָט פֿאַרהיילט די ווונדן און — אויפסניי געקעמפט. אין די 90־ער יאָרן פון פֿאַריקן יאָרהונדערט האָט די טער־קישע מאַכט, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין ארץ־ישראל, אַראָפּגעשיקט אין נגב אַ הויכן פֿאַרשטייער, פּאַשאַ רוסטום פון ירושלים, ער זאָל אָפּשטעלן די בלו־טיקע קאַמפן וועגן באַאַרבעטן דעם באָדן. דער טערקישער פּאַשאַ האָט באַוויזן איינצושטילן די קאַמפן צווישן די בעדואינער און פֿאַלאַכן, ער האָט אָבער גע־נומען איינמאָנען שטייערן, לויט דער צאָל שעפסן און קעמלען, וואָס די פֿאַרשיי־דענע מדבר־שבטים האָבן פֿאַרמאָגט. די בעדואינער אין נגב זענען געווען צוגע־וווינט צו אַ פולשטענדיק פריי לעבן און צאָלן שטייערן האָט ביי זיי באַטייט, לויט דער באַצייכענונג פון אַראַבישן היסטאָריקער עארף אַל־עארף, „אַ געווויסער מין קנעכטשאַפט״ און „דאָס האָט דערוועקט ביי די בעדואינער אַ שאַרפן ווידערשטאַנד, וואָס האָט דערפירט ביז בלוטיקע קאַמפן מיטן טערקישן מיליטער אין נגב״ (אַל־עארף, „די געשיכטע פון באר־שבע״).

פונקט אין יענער צייט האָט ד״ר טעאָדאָר הערצל, און די אָנפירונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, געפירט אונטערהאַנדלונגען וועגן — דעם באַ־קאַנטן, שפּעטער דורכגעפאַלענעם — פּלאַן צו באַזעצן ייִדן אין סיני, אין אַל־עריש. אין יאָר 1903 האָט הערצל געשיקט קיין סיני אַ וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיע, אויסצופאָרשן אויפן אָרט די מעגלעכקייטן צו באַזעצן ייִדן אין סיני און אַל־עריש.

צווישן די בעדואינער אין נגב האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג: „ביי די ייִדן איז אויפגעקומען אַ מלך און ער וועט באַקומען גרויסע שטחים אַרום אַל־עריש. מאַסן ייִדן גרייטן זיך קומען צו באַזעצן אויף זיי...״ (לויט ד״ר י. לוי, „דער אומ־באַקאַנטער הערצל״).

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, אין זעלבן יאָר, זומער 1903, איז געקומען קיין יפו אַ דעלעגאַציע פון בעדואינישע שייכן פון היינטיקן ישראלדיקן נגב, אין זייער פולער מדבר־טראַכט און באַוואָפנט, און זיך אַריינגעשטעלט אין ביוראָ פון ד״ר יצחק לוי, דער לייטער פון די יק״א־מושבות אין ארץ־ישראל. די שייכן האָבן פאַרן דערשטוינטן ד״ר לוי פאָרגעשטעלט אַ פאַנטאַסטישן פּלאַן: צו שליסן אַ בעדואיניש־ייִדישן בונד און ייִדן זאָלן „קומען מאַסנווייז זיך באַזעצן אויף די בעדואינישע באַדנס אין דרום פון באר־שבע ביז אויפן באַרג פון ערד״ (דאָרט).

אין שפּיץ פון דער גרופּע שייכן און זייער ראש־המדברים איז געווען דער אויבן־דערמאָנטער שייך סאַלאַם איבן אַבו־ראַביע. עארף אל עארף אין „די געשיכטע פון באר־שבע״ שרייבט וועגן אים: „סאַלאַם איבן עיד אַבו־ראַביע איז באַרימט צווישן די שבטים מיט זיין ברייטהאַרציקייט, מיט גאַסטפריינדלעכקייט, מיט זיין גבורה, מיט ברייטקייט פון פאַרשטאַנד, זיין באַהאַוונטקייט אין די מנהגים פון אַלע שבטים. מען האָט אים פאַרערט פאַר זיין אויסגלייכן סכסוכים צווישן שבטים און משפחות. ער איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ סך באַדנס. די טערקן האָבן געוואָלט איינקויפן זיין סימפּאַטיע און אים דערטיילט פיל הויכע כבוד־אויסצייכענונגען״.

אָבער קומענדיק צו ד״ר לוי, האָט דער זעלבער שייך דערציילט וועגן „די שוועריקייטן און רייבונגען צווישן די בעדואינער און דער טערקישער מאַכט״. ער האָט אויסגעדריקט „דעם שטאַרקן ווילן פון די בעדואינער אויפצונעמען צווישן זיך אַ וואָס גרעסערע ייִדישע קאָלאָניזאַציע, כדי צו ווערן געמיינזאַם אַ געאייניקטער כוח קעגן טערקיי. זאָלן קומען צום מערסטן ווי מעגלעך ייִדן — האָט געזאָגט דער שייך — און זיי, די בעדואינער, וועלן שטעלן צו זייער באַנוץ באָדן וויפל זיי וועלן נאָר דאַרפן. די ייִדן האָבן חכמה און דעם איינפלוס אין די הויכע קרייזן און זיי, די בעדואינער, באַזיצן גבורה. ער, סאַלאַם אבו־ראַביע אַליין, הערשט איבער צען טויזנט באַוואָפנטע מענער. אויב די ייִדן און די בעדואינער וועלן שליסן אַ בונד צוזאַמען, וועט קיין שום כוח זיי נישט קאָנען זיך קעגנשטעלן״ („דער אומבאַקאַנטער הערצל״ פון ד״ר י. לוי).

דער באַקאַנטער ציוניסטישער עסקן זלמן דוד לבונטין (לאַוואָנטין) דערציילט אין זיין זכרונות־בוך „לארץ אבותינו״ מער וועגן דאָזיקן פאַקט: „די שייכן האָבן אויסגעדריקט זייער ווילן זיך צו פאַראייניקן מיט די ייִדן, פאַרנעמען דאָס לאַנד און אַרויסטרייבן די טערקן... זיי האָבן איבערגעגעבן דעם ד״ר לוי די צאָל זעלנערס, אויסגעלערנטע מלחמה־צו־האַלטן, וואָס זיי קאָנען צושטעלן פאַר די ייִדן, מיטן באַדינג אַז די ייִדן זאָלן זיי צושטעלן ביקסן און האַרמאַטן. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי, די בעדואינער, זענען גרייט צו אַרבעטן אַקסל־ביי־אַקסל מיט די ייִדן, אַוועקנעמען דאָס לאַנד פון די הענט פון די טערקן און אָפּגעבן די ייִדן דעם טייל וואָס ווערט אָנגערופן ארץ־ישראל, וואָס, ווי זיי האָבן געהערט, זענען

דאָרט געזעסן און געלעבט יידן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק". לבונטין גיט צו, אַז די שייכן האָבן פאַרגעלייגט צו פאַרקויפן די יידן זייער באָדן פאַר אַ בישטיקן פּרייז און „פאַרזיכערט, אַז זיי, די בעדואינער, וועלן זיין אַ פאַרטיידיקונג און אַ שוץ פאַר די יידישע איינזידלערס".

דעם 30־סטן יוני 1903 האָט ד"ר י. לוי געשריבן צו ד"ר א. פרידעמאַן, איינער פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטערס פון דאָקטאָר הערצל אין דייטשלאַנד, וועלכער האָט אַ יאָר פריער באַזוכט ארץ־ישראל, אים איבערגעגעבן וועגן דעם פאַרשלאַג פון די שייכן אין נגב און געבעטן צו אינפאָרמירן וועגן דעם פּלאַן הערצלען. ד"ר לוי האָט געשריבן אין זיין בריוו: „דער פאַרשלאַג פון די בעדואינער האָט פאַר מיר געעפנט נייע און ברייטע האָריזאָנטן, דאָס איז די פאַראייניקונג פון די בע־דואינישע שבטים צו אַ מלחמה קעגן דער אימפּעריע פון טערקיי, וואָס האַלט זיך סיי־ווי־סיי ביים צעפאַלן, און צוציען די בעדואינער לטובת דער ציוניסטישער באַוועגונג". ד"ר לוי האָט באַרויקט דעם ציוניסטישן מנהיג, אַז עס איז נישטאָ קיין שום קעגנזאַץ צווישן דעם פּלאַן פון אל־עריש און דעם פּלאַן פון די בעדו־אינער, וואָס „באַדייט אַ פאַראייניקונג פון די יידן מיט די פרייע אַראַבער פון מדבר איינצושאַפן אַן אייביק פאָטערלאַנד פאַר אונדזער אומגליקלעכן פאָלק".

דער בריוו איז אָנגעקומען אין די הענט פון ד"ר הערצל.

הערצל איז געוואָרן באַגייסטערט פונעם אינהאַלט פון בריוו. דער געדאַנק פון אַ בונד צווישן יידן און בעדואינער האָט ביים ציוניסטישן וויזיאָנער דערוועקט האָפענונגען. ד"ר הערצל האָט זיך געוואָנדן צו ז. ד. לבונטין, דירעקטאָר פון אפ"ק („אַנגלאָ־פּאַלעסטיין קאָמפּאַני", די באַנק פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, וואָס איז נאָך עטלעכע אומוואַנדלונגען געוואָרן דער „בנק לאומי לישראל") אין יפו, ער זאָל אויספאָרשן ווער עס איז דער שייך סאַלאַם אבו ראַביע, „צי מען קאָן האָבן צו אים צוטרוי און צום שבט מיט וועלכן ער פירט אָן אין מדבר". ד"ר הערצל האָט גלייכצייטיק געשריבן צו ד"ר יצחק לוי, אַז ער זאָל „גלייך שיקן קיין באַזעל דעם בעדואינישן שייך, כדי מיט אים צו פאַרהאַנדלען איידער עס ווערט דערעפנט אין דער דאָזיקער שטאָט דער זעקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס" (אין אויגוסט 1903). ווי באַקאַנט איז אויפן דאָזיקן קאָנגרעס באַהאַנדלט און שטורמיש דיסקוטירט געוואָרן דער אַזוי־גערופענער „אוגאַנדאַ־פּלאַן". צי האָט הערצל ערגעץ, אין באַהעלטענישן פון זיין מוח, נישט פאַרגלייכט, נישט קעגנגעשטעלט דיביידע פּלענער ?...

ד"ר לוי האָט געענטפערט הערצלען, אַז ער איז קעגן שיקן דעם בעדואינישן שייך קיין באַזעל, ווייל „עס איז נישט געווונטשן אַז דער שייך אַבו־ראַביע זאָל קומען אין באַרירונג מיט דער אייראָפּעישער ציוויליזאַציע. ער וועט גלייך פאַר־דאָרבן ווערן. דער שייך סאַלאַם אַבו־ראַביע איז אַ הויפּט פון אַ שטאָלצן שבט אין מדבר. ווער ווייסט צי ער וועט נישט ווערן אין דרויסן, אין דער גרויסער וועלט, אַ געפערלעכער אַוואַנטוריסט"... דאָס איז געווען נאָך פאַרן ציוניסטישן קאָנגרעס. דער בריוו־אויסטויש וועגן דעם ענין צווישן ד"ר הערצל און ד"ר לוי איז פאַרגעזעצט געוואָרן אויך נאָכן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס.

אין אַ בריוו פון 25־סטן נאָוועמבער 1903, שרייבט ד"ר י. לוי צו הערצלען

אַ לענגערן בריוו, אין וועלכן ער וויל, זעט אויס, ברייטער אויפקלערן — און אפשר משפיע זיין, צורעדן — הערצלען און מסתמא די ציוניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע, אָנצונעמען דעם פּלאַן פון בונד מיט די בעדואינער. „פּעיקע יידישע יונגעלייט וועלן אַריינדרינגען צווישן די בעדואינער אין נגב, אויפן האַלב־אינדזל סיני, אין עבר־הירדן און אין אַראַביש־סירישן מדבר, כדי צו געווינען ביסלעכווייז די סימפּאַטיע פון די בעדואינער פאַר די נאַציאָנאַלע צוועקן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין אָנהייב וועלן די יידישע יונגעלייט לעבן צווישן די בעדואינער ווי ציכטלערס פון שאָף און פי. שפּעטער, ווען זיי וועלן פילן אַ פעסטן באָדן אונטער זייערע פיס, וועלן זיי אַריבער צו לאַנדווירטשאַפט". ד"ר לוי גיט איבער, אַז דאָס קויפן באָדן אין די דאָזיקע ראַיאָנען וועט נישט אָנקומען שווער. אויף די געביטן ווו עס לעבן די בעדואינער עקזיסטירן נישט קיין טערקישע רעגירונג־ביכער. „קיין ערד־רעגיסטער זעט מען נישט און מען געפינט דאָרט נישט. די שייכן אָנערקענען כמעט נישט די טערקישע מאַכט און זיי גיבן אַליין פאַרקויף־קאָנטראַקטן אין די הענט פון די קויפערס. דאָס אייגנטום פון באָדן ווערט באַשטעטיקט דורך ,חזקה' דער עיקר". אַזוי גיט איבער דעם אינהאַלט פונעם בריוו צו הערצלען דער פאָרשער יוסף בראַסלאַווסקי אין זיין „געשיכטע פון אונדזער שטרעבונג צום נגב". ד"ר לוי האַלט אָבער, אַז דאָס אַריינדרינגען צווישן די בעדואינער איז נישט גענוג און שרייבט ווייטער: „די ציוניסטישע באַוועגונג דאַרף טראַכטן וועגן אַ צונויפמישונג פון די בעדואינער מיט די יידן אין איין עלעמענט. אונדזערע היסטאָרישע רעכט וועלן געפינען אַן אַנטשיידנדיקע שטיצע אויב אויך מיר, פּונקט ווי אונדזערע אבות, וועלן לעבן אין מדבר פערציק יאָר און אויב די צונויפגיסונג מיט די בעדואינער וועט דערווייל פּראָגרעסירן און דערגרייכן אַ געוויסע שטופע".

דער שאַפער פון פּאָליטישן ציוניזם האָט אין יענעם מאָמענט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן אַ פערציק־יאָריקער וואַנדערונג אין מדבר, ווי בעת יציאת־מצרים. ער האָט געקלערט וועגן אַ שנעלן מקום־מקלט פאַר די פּאָגראָמירטע יידן אין רוסלאַנד און פאַרפאָלגטע אין רומעניע. ד"ר הערצל שרייבט, אין אַ בריוו פון 14־טן דעצעמבער 1903, אַז ער האַלט דעם פּלאַן פון ד"ר לוי פאַר אָנגעמבאַר און איז גרייט אים צו שטיצן. ער רוקט אָבער אַרויס קאָנקרעטע, פּראַקטישע און צייטמעסיקע פראַגן: „צי קאָן מען באַזעצן צווישן די בעדואינער עמיגראַנטן פון רוסלאַנד און רומעניע און ווי אַזוי קאָן מען אָרגאַניזירן זייער עמיגראַציע און זייער אַריינקום קיין ארץ־ישראל טראָץ די באַגרענעצונגען וואָס עקזיסטירן מצד די טערקן; אָדער אפשר מיינט דער פּלאַן צו מאָביליזירן דעם מענטשן־מאַטעריאַל זיך צו באַזעצן צווישן די בעדואינער, פון צווישן די יידן וועלכע געפינען זיך שוין אין ארץ־ישראל ?". הערצל פרעגט וועגן איינצלהייטן ווי אַזוי „שפּינט מען בכלל די פאַרבינדונגען מיט בעדואינער" ? ווער וועט זיך פאַרבינדן מיט די שייכן ?

ד"ר יצחק לוי האָט געענטפערט הערצלען מיט אַ לענגערן בריוו, געשריבן דעם 10־טן פעברואַר 1904. דער דאָזיקער בריוו איז שוין נישט אַזוי ענטוזיאַסטיש ווי דער ערשטער... ד"ר לוי איז מודה, אַז ער קען נישט גוט די בעדואינער. „איך קען זיי בלויז פון הערן, דערציילן וועגן זיי". למשל, אַז אייניקע שבטים פון די בעדואינער זענען „קרובים דורך ראַסן־אָנגעהעריקייט מיטן יידנטום". די דאָזיקע

בעדואינער־שבטים האָבן זיך טאַקע געייַחוסט מיט זייער ייִדישן אָפּשטאַם פֿון די ייִדן אין כייבאַר, אויפֿן אַראַבישן האַלב־אינדזל, וועלכע זענען דאָרט פֿאַרבליבן פֿון די צייטן פֿון זייערע מלחמות קעגן מוכאַמעדן, ווען ער האָט געצוווּנגען פֿאַר־שפּרייטן מיט שווערד און בלוט זיין נייע רעליגיע. ד״ר לוי דערציילט הערצלען וועגן אַ שייך פֿון בעדואינישן שבט „וואַלאַד עלי״, וועלכער דערציילט עפּנטלעך, אַז „ער און פֿיל פֿון זיינע מענטשן שטאַמען פֿון די העלדישע און כיטרע כייבאַר־ייִדן, וואָס קיינער קאָן זיך זיי נישט קעגנשטעלן. די טערקישע רעגירונג בכבודה ובעצמה צאָלט די דאָזיקע ייִדן אין כייבאַר וועג־שטייער, כדי זיי זאָלן דורכלאָזן און נישט אָנגרייפֿן די קאַראַוואַנען מוסולמענישע פּילגרימען קיין מעקאַ״. ד״ר לוי שלאָגט פֿאָר הערצלען „צו שיקן וואָס שנעלער אַ וויסנשאַפֿטלעכע דעלעגאַציע כדי פֿעסטצושטעלן אין וואָס פֿאַר אַ מאָס די כייבאַר־ייִדן קאָנען זיין בייהילפֿיק אונדזערע נאַציאָנאַלע צילן. אין פֿאַל ווען די דאָזיקע ייִדן זענען באמת אַ וויכטיקער און דרייסטער שבט, ווי עס לאָזט זיך גלויבן אויפֿן גרונט פֿון די דער־ציילונגען וואָס ווערן דאָ דורך אַלע איבערגעגעבן, וואָלטן מיר געקאָנט מיט זייער הילף דערגרייכן אונדזער ציל מיט אַ גרעסערער שנעלקייט״.

אויף דער פֿראַגע אָבער, וואָס אינטערעסירט דעם ד״ר הערצל צום שטאַרקסטן — די מעגלעכקייט פֿון אַ באַלדיקער גרויסער ייִדישער עליה פֿון געפּלאָגטע ייִדן אין מזרח־אייראָפּע — איז דער ענטפֿער פֿון ד״ר לוי אַ זייער „אָפּקילנדיקער״. לוי שרייבט: „דאָס צונויפֿגיסן בעדואינער מיט ייִדן אין איין עלעמענט בייטיקט זיך אין אַ ספּעציעלן מענטשן־מאַטעריאַל, העלדישע ייִדן וואָס זאָלן זיך קאָנען צוגעוווינען צו די לעבנס־באַדינגונגען אין מדבר״. ער שרייבט וועגן דערציִען אין ספּעציעלע גיטער, „יוגנט, ענלעך צו די ,קאָובויען׳ אין מערב־אַמעריקע״, זיי זאָלן זיך אויסלערנען די בעדואינישע שפּראַך, זייערע מנהגים און „פֿאַמעלעך אַריינדרינגען צווישן די מדבר־שבטים״. דאָס קאָן אין אַ שפּעטערן פּעריאָד ברענגען און דערמעגלעכן אַ גרעסערע ייִדישע מאַסן־עליה. ד״ר לוי גיט איבער אין זעלבן בריוו, אַז מען קאָן קויפֿן פֿאַר זייער ביליק ביי די בעדואינער פֿינף און צוואַנציק טויזנט דונאַם באָדן צווישן באר־שבע און ערד.

ד״ר הערצל האָט געענטפֿערט לוין מיט אַ העפֿלעכן בריוו, פֿון וועלכן מען זעט, אַז ער לייגט מער נישט קיין גרויסע האָפֿענונגען אויף דעם פּלאַן. ער שרייבט אָבער, אַז „דער געדאַנק פֿון פֿאַסטעך־יוגנען (,קאָובויען׳) איז אַ שיינער, אָבער זיין אויספֿירונג פֿאָדערט לאַנגע יאָרן צוגרייטונגען״. הערצל שלאָגט דאָך פֿאָר זיך צו אינטערעסירן ערנסט מיטן קויפֿן דעם פֿאַרגעשלאָגענעם באָדן.

הערצל האָט דעם דאָזיקן בריוו צו ד״ר לוי געשריבן אין ווין דעם 14־טן מערץ 1904. קיין המשך פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ געפֿינט זיך נישט. דריי און אַ האַלבן חודש שפּעטער, כ׳ תמוז תרס״ד, דעם 3־טן יולי 1904, איז הערצל געשטאָרבן — און מיט דעם איז אויך געקומען אַ סוף צום אויסטערלישן פּלאַן פֿון „אַ בונד צווישן בעדואינער און ייִדן אין נגבֿ״, וואָס זאָל אַפֿילו זיין מסוגל „אין אַ מלחמה באַזיגן די טערקישע מלוכה״...

„די גרעסטע גבורה אין דער יידישער געשיכטע"

שדה־בוקר — פינף יאָר

אין דער באַגריסונג צום פינפטן געבוירנטאָג פון זיין קיבוץ, האָט דוד בן־גוריון געזאָגט:

„ווייל איז אונדז, וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו האָבן אַ יוגנט, וועלכע האָט גענומען אויף זיך מיט איבערגעגעבנקייט, מיט ליבע און מיט גבורה די דאָזיקע שווערע אַרבעט". און ער האָט מיט באַטאָנונג צוגעגעבן: „איך קען נישט אין דער גאַנצער געשיכטע פון יידישן פאָלק קיין גרעסערע גבורה ווי די דאָזיקע".

ווען מען קוקט זיך צו צו שדה־בוקר, אויפן פאָן פון זיין מדברדיקער סביבה, ווען מען הערט אויס זיין געשיכטע, פון אייינציקע פינף יאָר נאָר, — זעט מען לייכט איין, וויפל אמת עס ליגט אין דעם דאָזיקן זאָג:

„די גרעסטע גבורה אין דער יידישער געשיכטע", — די געשיכטע, וואָס איז אַזוי רייך אין גבורה...

*

ווען מיר זענען, אין ערב־שבתדיקער מיטאָג־צייט, אָנגעקומען צום קיבוץ אין די נגב־בערג, האָבן מיר, ווי יעדער וואָס קומט אַהין אָן, געשטעלט די ערשטע פראַגע: „ווו וווינט בן־גוריון?..."

מיר גייען דורך דעם טויער איבעם ברייטן פּאַרקאַן פון שטעכלדראָט. אין דער ריזן־„סוכה", אויף רעכטס, זיצן שוין צענדליקער געסט און עסן און טרינקען — די „סוכה" איז ספּעציעל אויסגעבויט צו דעם צוועק, — ווייל קיין געסט פעלן נישט קיינמאָל אין שדה־בוקר...

מען ווייזט אונדז אָן אויף לינקס, צו אַ גרופּע פּשוטע הילצערנע צריפים. אָט אין דעם, אין איינעם צווישן אַלע, וווינט דער פּרעמיער פון ישראל... מען קוקט שטילשווייגנדיק, מען באַטראַכט מיט נייגער דעם אַרום־און־אַרום. און אָפּשטעלנדיק זיך נישט ווייט פון דער אַריינגאַנג־טיר, פרעגט איינער פון אונדז דעם וואַך־סאָלדאַט:

„און ע ר איז טאַקע דאָ אין קיבוץ?..."

אַנשטאָט דעם סאָלדאַט, דערהערן מיר הינטער זיך אַ האַרטלעכע, און גוט־באַקאַנטע פאַר יעדן ישראל־בירגער, שטימע:

„זיכער איז ער דאָ!..."

מיר דרייען זיך האַסטיק אום, — פאַר אונדז שטייט אַ שמייכלענדיקער — דוד בן־גוריון... אין אַ מיליטעריש כאַקי־העמד, מיט אַ בערעט אויפן קאָפּ, קומט ער פון חדר־האוכל, נאָך מיטאָג.

אַ צוויי שעה וועט איצט שטיל זיין אַרום די צריפים, מען וועט גיין אויף די שפּיץ פינגער, — דער „אַלטער" רוט...

*

ווען צען יונגעלייט זענען אהער אָנגעקומען אין מאַי 1952 — איז דאָ געווען די שאַרפסטע מדבר־געגנט פון גאַנץ ישראל. אין האַרץ פון די נגב־בערג, 500 מעטער איבערן ים־ביוואַ, איז אַרום־און־אַרום, אויף ווייטע־ווייטן, געווען נאָך וויסטעניש, — פעלדזן און מדבר. אָבער די צען יונגעלייט זענען געווען פאַרליבט אינעם נגב, געקענט אים אין דער לענג און אין דער ברייט. זיי האָבן אים קענען־געלערנט און ליב באַקומען בעת דער אומאָפּהענגיקייט־מלחמה. און באַשלאָסן זיך דאָ צו באַזעצן, דאָ צו בויען זייער היים. „דאָ, אין דער נאָענט" — האָבן זיי געטענהט, — ליגן די חורבות פון עבדת, אַ נאַבאַטען־שטאָט, וואָס האָט געהאַט צען טויזנט איינוווינערס מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, — פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר דאָ נישט קאָנען בויען קיין יישוב ?..." גאַרנישט ווייט געפינט זיך דער וואַדי פון דעם תנ"כישן נחל צין. אין ווינטער פליסן דורך אים אָפּט ריזיקע שטראָמען וואַסער, וואָס גייט לאיבוד אינעם מדבר. די נאַבאַטען האָבן געבויט שליוזן, מעכ־טיקע שטיינערנע טרעפּ און פאַרהאַלטן די וואַסערן, געזאַמלט זיי, באַוואַסערט די פעלדער, געשווענקט די געזאַלצענע ערדן. „פאַרוואָס־זשע זאָלן מיר דאָס נישט קאָנען ? !" — האָבן זיי געפרעגט.

און — אָוועקגעשטעלט דאָ זייער געצעלט. צען מענטשן מיט דרייסיק רינ־דער, — נאָך ווער־ווייסט וויפל טויזנטער יאָרן — די ערשטע יידן אין די פּרעכטיק־ווילדע בערג. אַרום — קיין יישוב, קיין וועג, קיין בוים נישט, נאָר פעלדזן און זאַמדן. אָבער — הערצער מיט גבורה האָבן געקלאַפּט אין די ברוסטן. זיי האָבן געענוי נישט געוווּסט, וואָס זיי גייען בויען. געקלערט וועגן „שאַפן אַ יידישן בעדואינער־שבט", „צוריקקער צו די אָבות־צייטן..."

אָבער די ווילדע וואַדיס דאָ זענען גאַרנישט אַזוי מדברדיק־פּוסט. ערגעץ־ווו שלאָגט אַ קוואַל. אין באַהאַלטענע טאָלן וואַקסן דערנער, געלן זיך שוואַכע גראָזן, וואָס ציען יניקה ערגעץ פון טיפקייט־וואַסער. אַזוי געפינט מען פּאַשע פאַר די שעפּסן...

פון געצעלט איז שנעל געוואָרן אַ צריף.

נאָך פיר חדשים האָט דאָס ערשטע בלוט געחתמעט זייער בונד מיטן דאָ־זיקן אָרט. די יונגע באַרבאַראַ פּראָפּער איז געפאַלן פון אַן אַריינדרינגלערס אַ קויל, ווען זי האָט געפּאַשעט די שאָף; די רויבערס האָבן פאַרכאַפּט די סטאַדע. צו זיבן חדשים האָט שדה־בוקר געגעבן דעם צווייטן קרבן — יוסף יאירי, אָדער „באַמבי", ווי די חברים האָבן אים גערופן, איז מיטן דזשיפּ אַרויף אויף אַ פאַר־ברעכעריש־אונטערגעלייגטער מינע. היינט זענען פון די ערשטע צען געבליבן בלויז זיבן...

און — דער חלום פון איינזאַמען געצעלט איז פאַרוויקלעכט.

נאָר פינף יאָר זענען אַוועק — און אַ פעסטער יישוב שטייט אין די בערג פון נגב. אַ קיבוץ.

מען וווינט נאָך אין צריפים, — אַן עטלעכע צענדליק. אָבער אויף דער צווייטער זייט פון קליינעם וואַדי, אַנטקעגן אַריינגאַנג, שטייען שוין אין רושטאָ־וואַניעס אַכצן ווױן־הייזער. פון די שטאַלן, וואָס פאַרנעמען הונדערטער מעטער, טראָגט זיך אין דער לופטן אַ פאַרשיידנאַרטיק מעקעריי — דריי טויזנט קעפּ,

„צאן ובקר", ווי אין פסוק שטייט, פּאַשען זיך אין מדבר. זיי געפינען זייער נאַטירלעכע שפּייז אינעם מדבר אַרום שדה־בוקר. אין „לול" קרייען הונדערטער עופות.

און, דער עיקר אפשר, — עס גרינט דאָך אַרום־און־אַרום...

אין אינערלעכן זשורנאַל פון קיבוץ, אַרויסגעגעבן צום פינפטן געבוירנטאָג, לייענען מיר די ווערטער פון בן־גוריון:

„...לעבן אונדזערע צריפים זענען דערווייל פאַרפּלאַנצט נאָך ווייניקער ווי אַ מנין בליענדיקעביימער. אָבער די דאָזיקע געציילטע ביימער זאָגן פאָר אַ גרויסע מעגלעכקייט צו באַוואַלדן דעם נגב — סיי מיט פּרוכט־ביימער, סיי מיט פּשוטע האָלץ־ביימער. טראָץ די ספיקות פון די ספּעציאַליסטן האָבן זיך אונדזערע חברים נישט אָפּגעהאַלטן פון אַנטוויקלען דעם פּרוכט־צווייג אַרום אונדזער משק, און די דערפאַרונג האָט איבערצייגט, אַז זיי האָבן קיין טעות נישט געהאַט מיט זייער געוואָגטקייט; די פּרוכט־ביימער אַנטוויקלען זיך גוט, און בקרוב וועלן מיר הנאה האָבן פון די ערשטע פּרוכטן אין נגב־באַרג..."

יאָ, אויף רעכטס פון משק גרינט אַ סאַד, שוין מיט גאַנץ הויכע ביימער. אַ ווייִנגאָרטן ציט דאָס אויג שוין פון ווייטן, — ווי אַ חלום־וויזיע אין מיטן מדבר. הונדערט דונאַם זענען שוין פאַרפּלאַנצט מיט פּרוכטן־ביימער. נאָך פיר הונדערט דונאַם וועלן פאַרפּלאַנצט ווערן אין די נאָענטע צוויי יאָר.

טראָץ די „ספיקות פון די ספּעציאַליסטן", וועלכע רעכענען זעלטן אויף גבורה...

„ערד האָבן מיר גענוג" — רעדט פאַר אונדז דער קיבוץ־סעקרעטאַר — „עס פעלט אונדז נאָר וואַסער. און דאַן וועט אַלץ וואַקסן..."

דער קיבוץ באַקומט איצט צוגעטיילט דריי הונדערט קוביק־מעטער וואַסער אַ טאָג. אָבער דאָס איז אַ „הונגער־פּאַרציע", ווי עס באַצייכנט דער מזכיר. אוודאי — פאַר צענדליקער מענטשן, פאַר אַ פּאָר טויזנט בהמות, פאַר די עופות — דאַרף מען דאָך אויף טרינקען און וואַשן אַליין אַ גרויסן טייל דערפון. צו באַוואַסערן פעלדער און גערטנער אין אַ געגנט, וווּ אין משך פון גאַנצן יאָר פאַלן העכסטנס צוויי הונדערט מילימעטער רעגן — איז דאָס ווי אַ טראָפּן אין ים.

וואַסער ברענגען טאַקע רערן פון ווייטן. אָבער דאָ וואַרט מען נישט נאָר אויף פאַרגרעסערן די „הונגער־פּאַרציע". מען האָט, ווי די אַמאָליקע נאַבאַטן, גענומען בויען שליוזן, קליינע דאַמבעס, צו פאַרהאַלטן דאָס וואַסער, וואָס באַווייזט זיך פּלוצלינג מיט רוישיקן שטראָם אין די וואַדיס. מען פאַרצוימט דאָס וואַסער, מען לאָזט עס נישט ווילד אַנטלויפן אין די זאַמדן און שטיינער אַריין. מען צע־שפּרייט עס איבער פאַרזיי־פעלדער און פּאַשע־שטחים. דערציילן זיי וועגן „דאַמ־בעס" פון ערד, וואָס זענען איינגעפאַלן נאָכן ערשטן דרוק פון דעם שטראָם. האָט מען דאָס צווייטע יאָר געבויט שוין שטאַרקערע דאַמבעס, פון שטיינער. און דאָס וואַסער ווערט צוביסלעך שוין פאַרהאַלטן...

מען האָט אויך געגראָבן אַ ברונעם צווישן די פעלדזן און מען שעפּט פון אים פריש טרינק־וואַסער.

אין חרובן עבדת איז געבליבן אַ פּאַראָמריייניקטער ברונעם פון פערציק מעטער די טיף. האָט מען אים אויסגערייניקט און געגראָבן נאָך פופצן מעטער טיפער, און אַ רער פאַראייניקט אים שוין מיט שדה־בוקר, — דאָס איז אויך צען קוביק־מעטער ריין וואַסער אַ טאָג...

עס איז פאַראַן אַ פּלאַן — ווי ער הייסט אָפיציעל — „אויסצונוצן די ריזיקע קוואַנטומס פאַרפלייץ־וואַסערן אין די נגב־טייכלעך", אויפשטעלנדיק דאַמבעס און אויסבויענדיק רעזערוואַרן. דאָס איז פאַרבונדן מיט געוואַלדיק גרויסע קאָסטן, וועלכע אונדזער מדינה־בודזשעט קאָן דערווייל נישט דעקן...

אָבער דער מזכיר פון שדה־בוקר פאָדערט דאָך:

„מען מוז אויסבויען די דאַמבע אין עבדת, וואָס זאָל די מיליאָנען קוביק־מעטער פלייץ־וואַסער פון נחל־צין פאַרוואַנדלען פאַר פּראָדוקטיווע אַגראַר־צוועקן — עס מוזן זיין אויף דעם מיטלען!"...

ווען פאַר דער לאַנדווירטשאַפט און פאַשע פעלט נאָך וואַסער — זיצט מען נישט ליידיק אין שדה־בוקר. מען אַרבעט. מען שטריקט טעפּעכער — אַ ברייטע אונטערנעמונג, וואָס גיט דורכן יאָר אַ צוויי טויזנט אַרבעט־טעג פאַר חברים און חברטעס פון קיבוץ. עס אַנטוויקלט זיך די מעכאַנישע שלאָסעריי. חברים אַרבעטן ביי דער גיפּס־אויסאַרבעטונג אינעם נאָענטן וואַדי ראַמאָן.

און —

„נישטאָ ביי אונדז קיין אַרבעטלאָזיקייט", — שמייכלט דער מזכיר — „מיר זענען גרייט אויפצונעמען און מיר דאַרפן טאַקע, נאָך און נאָך חברים..."

וועט די גבורה באַלוינט ווערן אויך מיט וואַסער.

עס גייט אין באַפרוכפערן דעם נגב — אין באַפעלקערן דעם מדבר.

די גבורה איז וווּנדערלעך. אָבער די גיבורים אין שדה־בוקר ציילן זיך בלויז אין צענדליקער. געציילטע צענדליקער — פינף יאָר נאָכן אָנקומען אַהין פונעם ערשטן צענדליק.

אָבער די פשוטע צענדליקער און הונדערטער טויזנטער, וואָס וועלן אַהער קומען — מוזן שוין קומען צו פאַרטיקע דאַמבעס...

און זיי וועלן זיין, די דאַמבעס.

און ווייַנגערטנער וועלן בליען ווייט־ווייט אַרום שדה־בוקר.

אַט וועבט זיך פאַר די אויגן ממש — נישט קיין מעשה'לע, נישט קיין לעגענדע, — נאָר אַ נייע עפּאָפּייע פון יידישער גבורה.

אין נגב, אין וויסטן מדבר.

1957

אויף בן־גוריונס 85־סטן געבוירנטאָג

שווער איז די רייזע אין זעלבן טאָג אַהין־און־צוריק, אפילו אין אויטאָבוס מיט לופט־קילונג, קיין שדה־בוקר. דאָך בין איך געפאָרן מיט צוויי יאָר צוריק, פאַראַיאָרן און הייַנטיקס יאָר אין ערשטן טאָג חול־המועד סוכות — אין געבוירנטאָג פון דוד בן־גוריון. ניין, איך בין נישט געפאָרן בלויז צוליב זשורנאַליסטישן חוב,

נישט בלויז פון נייגעריקייט. איך בין געפּאָרן דריקן די האַנט פון דעם אויסנאַם־מענטש, וועלכער איז איבערגעוואַקסן זיין דור, אַלס אייגנאַרטיקע פּערזענלעכ־קייט, אַלס מנהיג און נאַציאָנאַלער וויזיאָנער, און וואַקסט אין נגב אריין אין אונ־דזער געשיכטע, ווי פיל אַנדערע ריזן אונדזערע דאָרט טאַקע, אין מדבר.

ער איז געשטאַנען מיט זיין פיזישער מיטלוווקסיקייט און זיין גאַנצער גייס־טיקער היַיך, אפשר אַ שעה־צוויי, דריקנדיק די הענט פון אַלע, וועלכע זענען געקומען אים באַגריסן. געשטאַנען, נישט געזעסן. פאַר יעדן אַ שמייכל, פאַר יעדן אַ וואָרט, אַן ענטפער, אָפּט אַ פראַגע: ווער ביסטו ?...

אַזוי פיל איז געשריבן געוואָרן וועגן אים, אַזוי פיל רעדעס, אַזוי פיל זכרונות, אָפּשאַצונגען. נישט אַלץ לשבח — דאָס וואָלט געווען אַ שלעכטער סימן: אַ פּירער פון אַזאַ פאַרנעם מוז דאָך מאַכן אויך פעלערן, מוז האָבן אויך מענטשלעכע שוואַכ־קייטן. זיי וועלן זיכער קלענער ווערן, וואָס גרעסער עס וועט ווערן די געשיכטלעכע פּערספּעקטיוו, וואָס מער ער וועט אַריינוואַקסן מיט זיינע טיפע ברייטע וואָרצלען אין דער געשיכטע און אין איר לעגענדע. כאָטש, פון דער צווייטער זייט, איז ער ש ו י ן אַ לעבעדיק שטיק פון אונדזער געשיכטע און פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעגענדע־אוצר...

נעם איך זיך נישט אונטער און וויל נישט שרייבן וועגן דוד בן־גוריון, נאָר בלויז אַ ביסל פון דעם וואָס איך האָב געזען און געהערט, אויפן פּאָן פון „אייביק״־גרויען מדבר, וואָס ער זעט און זעט נאָכמער פאָר, זיין בליִונג און צעבליִונג אין דער צוקונפט.

אַזייגער צען אינדערפרי זענען אָנגעקומען, אין העליקאָפּטערס, דער מדינה־פּרעזידענט, די גאַנצע רעגירונג און די עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ. עס איז פאָרגעקומען באַלד דער מלוכהשער טייל פון דער פייערונג. פּרעזידענט שזר האָט באַגריסט „אונדזער פריינד בן־גוריון, וואָס מיר האָבן זיך צוגעווינט צו גיין אין זיין ליכט״. די רייד פון נשיא האָט איבערגעריסן דאָס קלינגענדיקע נאָך יונגע קול פון בן־גוריונען: אַן אָריגינעלע אויפנאַמע אויף אַ קול־באַנד ווי ער האָט געלייענט די אומאָפּהענגיקייט־דעקלאַראַציע אין תל־אביבער מוזיי אין 1948. דער בעל־יובל אַליין האָט אויסגערופן דערשטוינט: „וואָס איז דאָס ? !״. אַ מתנה פון דער רעגירונג. אין אַ פייערלעכער אַבסאָלוטער שטילקייט האָט דער עולם אויסגע־הערט די היסטאָרישע דעקלאַראַציע.

פּרוי מאיר האָט אָנגעהויבן, הייבנדיק איר כוס: „מיר זענען היינט געקומען צו דיר, די ישראל־רעגירונג און די אַגענץ־עקזעקוטיווע צוזאַמען, ווי אַ סימבאָל, אַז עס איז נישט מעגלעך אָפּצוטיילן צווישן דער מדינה און דעם יידישן פאָלק. — — — אונדזער גליק וואָס מיר זענען געווען מיט דיר דאָס גאַנצע לעבן און דיין גליק — וואָס ביסט געווען מיט אונדז. — — — צו באַצייכענען דעם דאָזיקן ספּעציעלן מעמד ברענגט דיר די ישראל־רעגירונג צוויי זאַכן אין זייער אָריגינאַל: דאָס לייענען דורך דיר די זעלבשטענדיקייט־דעקלאַראַציע און דעם באַפעל צו גרינדן צה״ל. דאָס פאָלק איז אויף אייביק דיר שולדיק אַ דאַנק, אפילו ווען דאָס זאָלן זיין די צוויי איינציקע מעשים וואָס האָסט געטאָן״.

דער פּאַרזיצער פון דער יידישער אַגענץ, אריה פּינקוס, אַנרופנדיק דעם יובילאַר „דער גרעסטער פאַרווירקלעכער פון ציוניזם", האָט געבראַכט ווי אַ מתנה אַן אַלבום מיט דאָקומענטן וואָס זענען נוגע בן־גוריונען פון ציוניסטישן צענטראַלן אַרכיוו. דער אַלבום הייבט זיך אָן מיט אַ בריוו פון יונגיטשקן דוד גרין פון פּלאָנסק, דעם שפּעטערדיקן בן־גוריון, אין נאָמען פון אַ גרופּע זיינע חברים־יינגלעך, צו אוסישקינען, אַז זיי ווילן עולה זיין קיין ארץ־ישראל. בן־גוריון קוקט מיט נייגער אויפן דאָזיקן בריוו און דערמאָנט זיך: „קיין ענטפער אויף אים האָב איך נישט באַקומען". גאָלדע מאיר לאַכט: „און איצט איז שוין צו־שפּעט צו באַקומען אַן ענטפער..." בן־גוריון ענטפערט, איבערראַשנדיק ווי זיין שטייגער, מיט איין זאַץ: „איך בין נישט מסכים מיט די אָפּשאַצונגען און די רייד פון די רעדנערס. אָבער איך בין זיכער, אַז זיי זענען געזאָגט געוואָרן אויפריכטיק און מיט גלויבן — אַ שיינעם דאַנק".

די גרויסע רעדע צו זיין געבוירנטאָג האָט ער געהאַלטן שפּעטער, ביים מיטאָג, פאַר די פינף הונדערט איינגעלאַדענע געסט. מען האָט אויסגעהערט, זיצנדיק אויף דער מיטאָג־היץ אין דער ריזן־סוכה, מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. ער האָט געלייענט, נישט אימפּראָוויזירט, אַ צוגעגרייטע רעדע, פון העכער אַ שעה. מעגלעך, אַז דער ערשטער זאַץ איז געווען אימפּראָוויזירט: „דאָס איז אפשר דער לעצטער פּרווו וואָס איך מאַך אויסצודריקן מיינע מיינונגען וועגן די גרויסע ענינים פון אונדזער פאָלק..." קוקנדיק, ווי ער האָט געלייענט, נישט באַנוצנדיק קיין ברילן, מיט אַ קלינגענדיקער שטימע, אַזוי קלאָר און לאָגיש פאָרמולירט, אין דער ברענענדיקער מדבר־היץ, איז מען געווען זיכער — דאָס איז ווייט נישט „דער לעצטער פּרווו": ער וועט נאָך לאַנגע יאָרן ברענגען פון דאַנען זיין וואָרט דער מדינה און דעם יידישן פאָלק. אַן אַנדער בן־גוריון איז געשטאַנען פאַר אונדז. מער נישט דער בייסיקער קעגנער, דער שאַרפער דיסקוטאַנט, שטענדיק עמעצנס קעגנער און באַקעמפער. דאָ איז ער שוין געשטאַנען אויף דעם געשיכטלעכן אָלימפּוס און געזאָגט זיין פאָלק דאָס, וואָס נישט יעדער קאָן און טאָר זאָגן, אָבער נאָך אַלץ דער פאָליטיקער און וויזיאָנער. נישט מעגלעך איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון דער רעדע. זי וועט נאָך געלייענט און געלערנט ווערן. בלויז עטלעכע אויסצוגן:

„ווער עס זעט נישט די משיחישע וויזיע פון גאולה אַלס דעם עקסקלוסיוון צענטער פון פאָלק, זעט נישט דעם פונדאַמענטאַלן אמת פון דער יידישער געשיכטע און דעם ווינקלשטיין פון דער יידישער באַציע. איך וויל נישט באַנייען די דיסקוסיע צי די מדינה איז אַ שאַפונג פון די עולים, אָדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. איך וויל בלויז זאָגן, אַז דאָס איז איצט דאָס גרעסטע פאַרמעגן, און אפשר איינציקע בשותפותדיקע פאַרמעגן פון גאַנצן פאָלק, ווייל בנוגע די איבעריקע ווערטן פון יידישקייט איז דאָס יידישע פאָלק אין אונדזער צייט צעטיילט און צעשפּאָלטן". רעדנדיק וועגן מדינת ישראל האָט ער געזאָגט, אַז „זי איז נאָך ווייט פון פאַרווירקלעכן די גאולה־וויזיע. זי האָט געלייזט געוויסע פּראָבלעמען און אויך אַרויסגעבראַכט נייע". ער האָט זיך ברייט אָפּגעשטעלט אויף דער זיכערקייט פון ישראל: „דאָס לייזן דאָס דאָזיקע פּראָבלעם ליגט נישט בלויז אין אָרגאַניזירן אַ פאַרפולקאָמטע אַרמיי — און קיין מענטש וועט מיר נישט חושד זיין

אַז איך בין מזלזל אין ווערט פון צה״ל. די עקזיסטענץ און די גאַנצקייט פון דער מדינת ישראל וועט פאַרזיכערט ווערן בלויז און דורכאויס דורך איין זאַך — אַ גרויסע עליה. די מדינה נייטיקט זיך, כדי צו פאַרזיכערן איר עקזיסטענץ, אין אַ צוקום פון מיליאָנען יידן אין דער נאָענטער תקופה״. זיין קול איז געוואָרן שטאַרקער: „ישראל האָט בלויז איין געטרייען פאַרבינדעטן אויף דער וועלט: דאָס יידישע פאָלק. אונדזערע נאָענטע שכנים פון געאָגראַפישן, ראַסן־ און שפּראַך־שטאַנדפּונקט זענען אונדזערע שונאים, און זיי וועלן אַזוי גיך נישט מסכים זיין מיט אונדזער עקזיסטענץ און וווקס. קיין ספק נישט, אַז נישט קליינע טיילן פונעם יידנטום אין דער דיאַספּאָראַ וועלן זיך צו אונדז אָנשליסן אין דער נאָענטער עפּאָכע. דער קיום פון יידנטום איצט איז זיך נישט פאָרצושטעלן אָן מדינת ישראל און אָן אינערלעכער פאַרבינדונג מיט איר, אָבער אויך דער קיום פון מדינת ישראל איז נישט מעגלעך אָן אַ געטרייער איבערגעגעבענער שותפות צווישן איר און די תפוצות״.

די רעדע פון „זקן״ האָט אַרומגענומען גרויסע קאַפּיטלען פון יידישער געשיכטע, פון יציאת מצרים, די יידישע מלוכות ביזן גלות בבל; דער ערשטער גלות־צוריקקער אין די צייטן פון עזרא ונחמיה, דער חורבן בית שני. ער האָט געגעבן אַ ברייטן אַריינבליק אין דער גלות־עפּאָכע ביזן באַנייען די יידישע מלוכה־שאַפט אין אונדזער דור. בן־גוריון האָט אַרויסגעבראַכט די אַנדערשקייט פון יידישן פאָלק אין די פאַרשיידענע תקופות פון דער געשיכטע, אויף וועלכע ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָבער אויפגעוויזן, אַז אין אַלע תקופות האָט דאָס יידישע פאָלק איינגעהאַלטן זיין גייסטיקן „אני מאמין״ — „וואָס האָט נישט קיין גלייכן ביי קיין שום אַנדער פאָלק״.

די פייערונגען לכבוד דעם פינף און אַכציקסטן געבוירנטאָג פון בן־גוריונען האָבן זיך איצט אָנגעהויבן. זיי וועלן זיך ציען ביי דריי חדשים. דער יונג־אַלטיטשקער יובילאַר וועט אַרויסטרעטן אין גאַנצן לאַנד — וואָסער שטאָט, וואָסער התיישבות־פּאָרם וועט זיך אָפּזאָגן פונעם כבוד אים צו פייערן? און ער וועט אומעטום זיין, קומען, אַרויסטרעטן.

אינעם געבוירנטאָג האָט אים די רעגירונג אונטערגעטראָגן די בעסטע מתנה: דאָס פאַרוואַנדלען זיין „מדרשת שדה־בוקר״ אין אַן אַקאַדעמישער אינסטיטוציע וואָס וועט אויסגעהאַלטן ווערן דורך דער רעגירונג.

*

מיר זענען צוריקגעפאָרן איבער די נגב־ברייטקייטן, וואָס צעגרינען זיך, ווו עס קומט אָן וואַסער און עס בליט אין ערטער וואָס זענען יאָרטויזנטער געווען פּוסט און וויסט. דאָס איז די פאַרווירקלעכונג פון איינעם פון די חלומות, וויזיעס און קאַמפן פון דוד בן־גוריון.

מיר האָבן אויפן וועג געלייענט די אַרויסזאָגונגען וועגן אים. איך וויל ציטירן צום סוף בלויז איינעם — פּראָפעסאָר יגאל ידין, דער אַרכעאָלאָג און היסטאָריקער, און איינער פון בן־גוריונס ערשטע שעפן פון גענעראַל־שטאַב: „אין בן־גוריונען איז פאַראַן אַ אויסנאַמלעכער צונויפגוס פון אַ פּאָליטיקער און שטאַטסמאַן, פון

אַ נביא און מלך. זיין כוח איז געווען אין דעם וואָס ער האָט געקאָנט זיך באַנוצן מיט יעדער איינער פון די דאָזיקע אייגנשאַפטן אין דער שטאַרקסטער פאָרם אין איינקלאַנג מיט די אומשטענדן. ווי אַ פּאָליטיקער און אויסגאַמלעכער מאַנעווירער האָט ער באַוויזן, טראָץ די באַגרענעצונגען פון דער דעמאָקראַטישער הערשאַפט, דורכצופירן זיין פּאָליטיק כמעט ווי אַן אַליינהערשער. ווי אַ נביא איז ער אַרויס־געטראָטן קעגן דער מאָראַלישער עוולה איבעם לעבן לויט זיין אויפפאַסונג. ווי אַ מלך בשר־ודם האָט ער באַוווסטזיניק און נישט באַוווסטזיניק זיך פאַרגלייכט מיטן נביא פון זיין גייסט דורך זיינע טאָטן. בן־גוריון מיט אַלע זיינע קאָמפּאָנענטן לעבט די געשיכטע פון פאַר דריי טויזנט יאָר ווי זי זאָל זיין דער היינט. און די געשיכטע פון היינט — ווי ער זאָל לעבן אין דריי טויזנט יאָר אַרום. ער דיסקוטירט מיט משהן און מיט דודן נישט ווי אַ היסטאָריקער, נאָר ווי זיי זאָלן זיין פון זיין דור און ער זאָל זיין אַ קינד פון זייער תקופה. ער פאַרמעסט זיך מיט זיי ווי מיט ,קעגנער' אָדער ,קאָלעגן' פון זיין צייט. אַזוי, דוכט מיר, דאַרף מען אויסטייטשן פיל באַוועג־כוחות פון זיינע מעשׂים".

1971

שדה־בוקר אַן דוד בן־גוריון

איך בין פינף יאָר נישט געווען אין שדה־בוקר. דאָס לעצטע מאָל בין איך דאָ געווען ווען עס איז געפייערט געוואָרן דער 85־יאָריקער געבוירנטאָג פון דוד בן־גוריון. ס'איז אַ שווערע אויסמאַטערנדיקע רייזע קיין שדה־בוקר. קנאַפּע פיר שעה רייזע דורכן מדבר, כמעט שטענדיק ביי זאַמד־ווינטן. איך האָב נאָך דעמאָלט געהאַט דעם זכות צו דריקן די האַנט און אויסטוישן אַ פּאָר ווערטער מיטן „זקן", דוכט מיר, צום לעצטן מאָל... ער איז געשטאַנען אין ביבליאָטעק־צימער פון דער „מידרשה", לעבן פענצטער דורך וועלכן עס האָט זיך געזען דער קבר פון פּאָלאַ, די קבר־נחלה וואָס ער האָט אויסגעוויילט פאַר זיך מיט זיין פרוי, ביים ראַנד פון תנ"כישן נחל צין.

איצט שטייען מיר אַרוםביידע קברים.

אַ גאַר לאַנגע ווייל שטייען אַלע שטיל און פאַרטראַכט, כאָטש דאָס איז נישטאָ אין פאַרגעזעענעם „פּראָגראַם". די פאַמיליע, קינדער און אייניקלעך, דער מדינה־פּרעזידענט, מיניסטאָרן; דער שעף פון גענעראַל־שטאַב און הויכע קאָמאַנ־דירן; פּאַרטיי־פירערס, געבליבענע מיטקעמפּערס פון בן־גוריונען. אַ ביסל ווייטער — אַ גרויסע מאַסע מענטשן, יונג און אַלט, געקומענע פון אַלע עקן לאַנד, כאָטש עס איז אַ פּשוטער אַרבעט־טאָג, אַ וועטער פון פּלוצלינג מיט שטורעם־געקומע־נעם ווינטער.

אַ טאָג פריער האָט די כנסת אָנגענומען דאָס „געזעץ בן־גוריון". ריכטיק האָט די כנסת־קאָמיסיע געענדערט דעם נאָמען פון געזעץ. די רעגירונג האָט אים פאָרגעלייגט אַלס „געזעץ צו פאַראייביקן בן־גוריונען", האָלט די קאָמיסיע אַז „עס איז נישט נויטיק אין געזעץ די דערמאָנונג ,צו פאַראייביקן', ווייל זיין אָנ־דענק איז פאַראייביקט געוואָרן און וועט פאַראייביקט ווערן אויף פאַרשיידענע

וועגן און דאָס געזעץ איז בלויז איינער פון די וועגן". דער פּאָרזיצער פון דער דערציאונג־ און קולטור־קאָמיסיע פון כנסת, דעפּוטאַט אברהם כ"ץ האָט פון דער כנסת־טריבונע אויסגעדריקט אַלץ וואָס די אַרומשטייענדיקע ביים קבר האָבן גע־טראַכט אין זיך: „די אויפטוען און ירושה און לערע פון דוד בן־גוריון נייטיקן זיך נישט אין אַ געזעץ אָדער פאָרמעלער פאַראייביקונג; זיי זענען איינגעקריצט־איינגעפאַסט אין ערטער און אונטערנעמונגען צעשפּרייטע איבער דער גאַנצער מדינה; זיי זענען איינגעפלאָכטן און איינגעוועבט אין געשעענישן און פּראָצעסן איידער עס איז אַנטשטאַנען די מדינה, האָבן באַגלייט איר שאַפונג און געהאָלפן זי צו פאַרמירן און שטאַרקן זי אין אירע ערשטע יאָרן". גוט וואָס דאָס האָט גע־זאָגט נישט קיין געוועזענער פּאַרטיי־חבר פון בן־גוריון נאָר אַ ליכוד־דעפּוטאַט.

און די מערהייט פאַרזאַמלטע אַרום קבר האָט זיכער אינעם טרויער געמאַכט דעם שווערן ווייטיקדיקן אויספיר: אַך, ווי ער פעלט אויך איצט...

מיר געפינען זיך אַ דריטהאַלבן קילאָמעטער פון קיבוץ שדה־בוקר, אין דער „קריית שדה־בוקר". דאָ האָט בן־גוריון געשאַפן אַן אוניווערסיטעט־שטעטל אין מיטן מדבר, דאָ רוט ער מיט פּאָלאַ אויף אייביק, אַרומגערינגלט מיט שטודיום־און פאָרש־אינסטיטוטן. בן־גוריון האָט דאָס געשאַפן, כדי נאָכמער צוציען די יוגנט צום נגב. די אַרבעטנדיקע אין קיבוץ, די שטודירנדיקע אין דער „מידרשה שדה־בוקר", ווי זי האָט פריער געהייסן. עס איז אַ טייל פון בן־גוריון־אוניווער־סיטעט אין באר־שבע. אַ גאַנץ שטעטל שוין און פיל געביידעס אונטער רושטאָ־וואַניעס. אינסטיטוטן — „למורשת בן־גוריון", עס איז מיר פּשוט שווער איבער־צוזעצן דאָס וואָרט „מורשת", עס איז נישט בלויז „ירושה", עס איז עפּעס מער — ווו עס געפינען זיך שוין זיבן הונדערט און פופציק טויזנט דאָקומענטן פון זיין אַרכיוו; אינסטיטוט צו פאָרשן דעם נגב; לערער־סעמינאַר פאַר דערגענצונג־קורסן פון סטודענטן פון לאַנד און אויסלאַנד. אַ פעלד־שול פאַר באַקענען דעם נגב; אַ מיטלשול פאַר נגב־איינוווינערס מיט אַ גרויסן אינטערנאַט. שטייט פאַר די זשורנאַליסטן אַ פּראָפעסאָר פון אינסטיטוט און גיט אָן די שטודיר־פאַקולטעטן, וואָס זענען שוין דאָ, אָדער זענען פּלאַנירט און האַלטן אין ווערן, וועלן זיין בקרוב אַלע פאַרווירקלעכט ווייל דאָס גייע „בן־גוריון געזעץ" האָט דאָס אַלץ אַרונטער־גענומען אונטער מלוכהשער פּראָטעקציע און אויסהאַלטונג. נאָך עטלעכע שטו־דיר־געביטן: באָטאַניק פון מדבר; באַוואַסערונג־סיסטעמען; וועטערינאַר־מעדי־צין און וויסטענישן; מעטעאָראָלאָגיע, צו פאָרשן די גורמים וואָס שאַפן וויסטע־נישן; בוי־קלימאַטאָלאָגיע — ווי צו בויען אין נגב. ניין — איך בין נישט בכוח אַלץ אויסצורעכענען...

יאָ, איבעראיאָר וועט שדה־בוקר פייערן זיין האַלבן יובל — פינף און צוואַנציק יאָר עקזיסטענץ.

אין מאַי 1952 זענען דריי צענדליק „משוגעים", יונגע חלוצים פון לאַנד און תפוצות, אַרויף דאָ אויף דעם באָדן, „צעלייגט זייערע געצעלטן", מיטן באַשלוס צו לעבן ווי די בעדואינער אַרום, פון סטאַדעס שאָף און רינדער. דאָס איז געווען דער וויסטסטער מדבר אין ישראל, אָן וועגן, אָן פלאַנצן, אָן וואַסער. בלויז שטיי־נער און געזאַלצענע ערד. ווייט פון יעדן יישוב, צוויי און פופציק קילאָמעטער

דרומדיק פון באר־שבע, וואָס איז דאָך נאָך אויך דעמאָלט קיין שטאָט נישט געווען. ווער האָט געגלייבט אין זייער דערפאָלג?...

די יונגע ענטוזיאַסטן וואָלטן אפשר אַליין אויך אויסגעהאַלטן, אָבער דאָך איז זיי געשען אַ גליק: בן־גוריון האָט זיי „דערטאַפט און דערשמעקט". אין 1953, ווען דער קיבוץ איז אַלט געווען איין יאָר, האָט בן־גוריון דעמיסיאָנירט און אַוועק פון דער רעגירונג. „אויב מיר וועלן נישט באַזיגן דעם מדבר, וועט דער מדבר אונדז באַזיגן" — האָט ער דעמאָלט געזאָגט און ער האָט זיך אויך אויפגעבויט אַ צריף אין שדה־בוקר. בן־גוריון און פּאָלאַ זענען געוואָרן מיטגלידער פון קיבוץ און זענען עס פאַרבליבן ביז זייער טויט. דער גרינער צריף איז געוואָרן זייער סטאַבילע היים, אַפילו אין די יאָרן ווען ער איז געווען ווידער פּרעמיער־מיניסטער.

גלייך אין 1953 זענען מיר, אַ גרופּע זשורנאַליסטן, געקומען אַהער צום ערשטן מאָל. אַרום איז געווען וויסט און פּוסט. אָנגעקומען דורך וועג־נישט־ווענ, האָבן מיר בן־גוריונס צריף געטראָפן אויף אַ פּוסט פעלד מיט זאַמד און שטיינער אין אַלע זייטן. פּאָלאַ בן־גוריון איז צו אונדז אַרויסגעקומען די ערשטע און גאָר אָנגעהויבן רעדן יידיש: „אויך דאָ לאָזט איר אים נישט צורו? אַזש אַהער זענט איר געקומען?..." אויסדריקן פאַראיבל איז איר לייכטער געווען אין מאַמע־לשון... פונדעסטוועגן האָט זי אונדז אַריינגעבעטן, מען האָט זיך אַרומגעשטעלט אַרום דער ליג־שטול, אויף וועלכער בן־גוריון איז געזעסן, און ער האָט לאַנג געשמועסט מיט אונדז. איינע פון די גרויסקייטן פון בן־גוריונען איז געווען דאָס, וואָס ער האָט זיך אַ צייט געקאָנט קאָנצענטרירן בלויז אַרום איין פּראָבלעם צו לייזן. זיין פּראָבלעם, האָט זיך געדוכט, איז דעמאָלט געווען דער נגב. ער האָט געהאָפט מען זאָל אים נאָכטאָן — „קומען מאַסנווייז אין מדבר, אים באַזעצן, באַפרוכפּערן און בויען". זיין לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר און איינער פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער, יצחק נבון, האָט איצט געזאָגט: „צוויי גרויסע אַנטוישונגען האָבן צעבראָכן מיין רבין — דאָס נישט־שלום מיט די אַראַבער און דער וואַקום אין נגב".

דער נגב, כאָטש אַנטקעגן זיין צושטאַנד מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, „בליט איצט", אָבער ער וואַרט נאָך אַלץ אויף יידן... דעמאָלט, אין יאָר 1953, האָט אונדז בן־גוריון געזאָגט: „איך האָף נאָך צו זען אין מיין לעבן אַכט מיליאָן יידן אין ישראל און פון זיי דריי מיליאָן אין נגב".

די צאָל פון אַכט מיליאָן יידן אין דער מדינה איז נאָך ווייטער — יעדנפאַלס, אַ נישט־קלענערע אַנטוישונג, ווי שלום מיט די אַראַבער...

איך בין זינט דעמאָלט פיל מאָל געווען אין שדה־בוקר. הייַנט זעט דער קיבוץ אויס ווי אַן אָאַזיס אין מיטן מדבר. הונדערטערביימער, גאַנצע סעדער בליען דאָ איצט. איך בין דאָ געווען בעתן פייערן דאָס פינפטע גרינדונג־יאָר, אין 1957. אין בלעטל וואָס מען האָט אונדז דעמאָלט געגעבן, שרייבט בן־גוריון: „...לעבן אונדזערע באַראַקן זענען לעת־עתה פאַרפלאַנצט וויניקער ווי אַ מנין ביימער מיט קנאַספּן. אָבער די דאָזיקע געציילטע ביימער זאָגן אָן אַ גרויסע מעגלעכקייט פון באַוואַלדיקן דעם נגב..."

צי ווייסט מען אין מערב־אייראָפּע וויפל טאָגנען פרוכטן עס קומען אַהין יערלעך אָן פון שדה־בוקר? בן־גוריון האָט דעמאָלט געענדיקט זיינע באַגריסונג־ווערטער: „ווייל איז אונדז וואָס מיר האָבן זוכה געווען צו אַ יוגנט וואָס האָט גענומען אויף זיך מיט איבערגעגעבנקייט, ליבע און גבורה די שווערע מלאכה צו באַפרוכפּערן דעם נגב...״ און ווען מען רעדט איצט מיטן קיבוץ־סעקרעטאַר דריקט ער אויס זיין גרעסטע זאָרג: „דער מאַנגל פון אַרבעט־הענט איז אונדזער הויפּט־פּראָבלעם, מער ווי צוויי הונדערט מענטשן האָבן מיר ביז איצט נישט אריינגעצויגן אין אונדזער קיבוץ״, מיט בן־גוריונען אַלס לאַנגיאָריקן חבר. דער־ביי דאַרף באַמערקט ווערן, אַז דאָס איז דער איינציקער קיבוץ אין לאַנד וואָס איז נישט אָנגעשלאָסן אין קיין איינעם פון די קיבוצים־פאַרבאַנדן, וואָס זענען אַלע פּאַרטייאיש, כאָטש די מערהייט מיטגלידער האָט ביי די וואַלן שטענדיק גע־שטימט פאַר מפא״י און אַרבעט־פּאַרטיי, האָט בן־גוריון קיינמאָל נישט געווירקט אין דער ריכטונג אַז שדה־בוקר זאָל זיך אָנשליסן אין „איחוד הקבוצות והקיבוצים״. פאַרוואָס? ענטפערט דער מזכיר אויך איצט: „די גרינדערס פון שדה־בוקר זענען געווען מענטשן פון אַלע פּאַרטייען און באַפרייטע זעלנערס פון דער נגב־ברי־גאַדע. זיי האָבן געשוואוירן צו בלייבן אַן איבערפּאַרטייאישע קערפּערשאַפט. כאָטש עס זענען פון זיי פאַרבליבן ביי אונדז אַ צאָל וואָס מען קאָן איבערציילן אויף די פינגער פון איין האַנט, איז זייער שבועה געבליבן פאַר אונדז הייליק, אַ ביישפּיל פאַר אונדזער יוגנט״.

איך בין פיל מאָל געווען אינעם צריף פון דוד בן־גוריון, בעת ער האָט געלעבט; אָבער נאָר אין אויפנאַם־צימער, אָדער אויף דער טעראַסע. די גאַנצע וווינונג פון פאַרשטאָרבענעם פּירער האָב איך ערשט איצט געזען. דער באַראַק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי. אַלץ איז געבליבן ווי אין טאָג פון בן־גוריונס טויט, אָבער געשיצט אונטער גלאָז, פאַרצוימונגען, נישט אָנצורירן דאָס מעבל, די ביבליאָטעקן, די פּערזענלעכע אָנדענק־זאַכן און מתנות. באַשיי־דענע דריי צימערן, אַ קליינע קיך. באַשיידענע מעבלירונג. נאָר טויזנטער ביי־כער — געשיכטע, פילאָזאָפיע, יודאַיסטיק. צווישן זיינע פּערזענלעכע דאָקו־מענטן — אַ מעטריקע אויף פּויליש פאַר „דאַוויד גרין״.

*

בן־גוריון איז מער נישטאָ. נאָר ווען דער נגב וועט זיך דאָך צעבליען און באַלעבן, וועט די וויסנשאַפט־קרייה אַרום זיין קבר, שדה־בוקר אַרום זיין צריף, זיין אַ צענטער פאַרן יידישן פאָלק און — אַן אָרט פאַר עולה־רגלניקעס עד סוף כל הדורות...

1976

יטבתה — דער ערשטער קיבוץ „ווייט אין דער ערבה"

דאָס אָרט האָט מען נאָך דעמאָלט גערופן מיטן אַלטן נאָמען — עין־ראַדיאַן. די פעלדער פונעם מדבר־יישוב, רעכטס פון כביש, אַנטקעגן די בערג, האָבן געגעבן די ערשטע פּרוכטן. צום ערשטן מאָל — אפשר זינט דעם וועלט־באַשאַף? — האָבן דאָ געשפּראָצט גרינע עס־געוויקסן; בונט־קאָלירטע בליעכץ האָט זיך שאַרף אויסגעטיילט פון גרוי־זאַמדיקן ריזיקן אַרום... און גליק האָט געשײַנט אויף יונגע פּנימער, פרייד האָט געשלאָגן פון די הערצער אונטער די גרין־כאַקיקע מיליטערישע בלוזעס...

„אונדזער מדבר צעבליט זיך, דו זעסט?..."

איצט זענען די מיליטערישע בלוזעס פאַרביטן געוואָרן אויף פּשוטע קיבוצישע העמדער און קורצע ציווילע כאַקי־הויזן.

יָטבתה איז געשאַפן געוואָרן אַלס „אָנהאַלט־פּונקט" פון מיליטערישן נח"ל, אין 1952; איז „ציוויליזירט" געוואָרן, דערקלערט געוואָרן אַלס ציווילער יישוב — דער דריטער פון נח"ל אין לאַנד — אין חנוכה, ל' כסלו תשי"ח, דעם 23־סטן דעצעמבער 1957.

און אין מדבר בליט.

*

אונדזער גאַסטגעבער פון דעמאָלט, איינער פון די ערשטע יונגע ענטוזיאַסטן אין יטבתה — לעבט נישט מער. זיין ברויזנדיקע פרייד איז איבערגעריסן געוואָרן אינמיטן. נאָר אַ מאַרמאָר־טאָוול אויפן פעלדז, אַנטקעגן די פעלדער, קוקט צו די ריזיקע זאַמד־פליינען און פאַראייביקט זיין נאָמען — מנחם בן־דוד...

געבראַכט האָט אונדז אַהין אַ צווייטער וווּנדערבאַרער בחור, אַ חבר פון ערשטן, אין מיליטערישע קליידער מיט אַ „סטען" אויפן אָרעם — רם פּרגאי. ביידע צוזאַמען, מנחם און רם, האָבן געענדיקט די אַגראַר־שול „כדורי", און דורך־און־דורך געקענט נישט בלויז דאָס לאַנד אין דער לענג און ברייט, יעדעס ווינקעלע, יעדן באַרג און טאָל, נאָר אויך די געוויקסן פון אונדזער לאַנד, די ערדן, די זאַמדן, די אייגנשאַפטן פון יעדן שטיין.

אויך רם לעבט נישט מער.

זענען מיר, צווישן די ביידע „סאַברעס", געזעסן האַרט ביים האַלב־געזאַל־צענעם קוואַל, אין שאָטן פון די אַלטע טייטלביימער — די איינציקע ירושה, וואָס די בעדואינער האָבן דאָ געלאָזט פאַר אונדזערע יונגע זעלנערס — און זיך צוגעהערט צו זייער חלומדיקן געשפּרעך...

„טאָמאָטן מוזן וואַקסן דאָרט, אויף דער 'מלחה', לינקס... קוקורידזע וועט געדייען אויפן לעס, כאָטש ער איז נאָך געזאַלצן... ערד־ניסלעך? מעלאָנען?... — מען דאַרף אויך פּרוּוון..."

און געפרוווט האָבן זיי אַ סך.

פון דריי און צוואַנציק לענדער, האָט מנחם דערציילט, האָבן געשטאַמט די יוגנטלעכע נח"ל־סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך דאָ באַזעצט אין אָקטאָבער 1951.

„האָסט אַ טעות", — רייסט אים איבער רם מיט אַ שמייכל, — „זלמן איז דאָך פון אַ פיר־און־צוואַנציקסטן לאַנד!..."

„זלמן" האָבן זיי גאָר גערופן דאָס ערשטע אייזל פונעם משק, וואָס האָט אַרויסגעוויזן, ווי די חברה האָט געהאַלטן, „גרויסע גייסטיקע ענלעכקייטן" צו איינעם פון זייערע חברים מיט דעם זעלבן נאָמען...

„ניין", — דערווידערט מנחם, — „זלמן איז אַ סאַברע, ווי דו און איך..."

און דווקא רם, דער טיפּישער בלאָנדער סאַברע, וואָס האָט קיין וואָרט יידיש נישט פאַרשטאַנען, דערציילט יידישלעך, אַ „מעשה פון אַמאָל":

„מיר זענען גאָרנישט די ערשטע יידן דאָ, אין דער לעצטער צייט, עס הייבט זיך נישט אָן... מיט אַ יאָר זעכציק צוריק, אין אָנהייב ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, האָט געפרוווט אָרגאַניזירן אַ יידישן יישוב אין נגב איינער פּאָול פרידמאַן, אַ זון פון דייטשע משומדים. ער איז אַהער געקומען מיט אַ דרייסיק יידן פון רוסלאַנד און פון פוילן. ער האָט אפשר ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז מען מוז דאָ, אין מדבר, האָבן אַ מיליטערישע דיסציפּלין, — אָבער ער האָט געוואָלט הערשן ווי אַ פּרייסישער יונקער־אָפיציר איבער יידישע אַרבעטערס און ער האָט טאַקע מיטגעבראַכט דערצו אַן עכטן ‚פאָן', אַן אַרישן יעקע און דעריבער האָט עס נישט ‚געקלאַפּט'... דער פּרווו איז דורכגעפאַלן".

אַן אמתע געשיכטע, וואָס איז ביז איצט נישט געהעריק אויסגעפאָרשט און אויפגעקלערט געוואָרן, וועגן אַ פּלאַן צו שאַפן אַ „יידישע מדינה אין מדין", וואָס האָט זיך מיאוס פאַרענדיקט.

און מיר האָבן נאָכדעם געהערט זייערע אייגענע „מעשיות פון ערשטע טעג", פון די „ערשטע שווערע פּרוּוון" אין מדבר.

אין אָנהייב האָט מען אין עין־ראַדיאַן געשעפּט וואַסער פון אַלטן ברונעם מיט אַן עמער און אַ קייט, אַזוי פּרימיטיוו, ווי די בעדואינער האָבן עס געטאָן הונדערטער, אָדער טאַקע טויזנטער יאָרן. האָט דאָס וואַסער נישט געסטייעט אפילו צום טרינקען. ווען מען האָט געגאָסן דעם בעטאָן־פונדאַמענט פון דעם פּלומפּ, האָט אויסגעפעלט וואַסער צו פאַרמישן דעם צעמענט. זענען די יאַטן שנעל אַוועק צו דער קיך, געבראַכט די טעפּ און אַריינגעגאָסן אינעם צעמענט די גאַנצע זופּ און דעם טיי פון יענעם מיטאָג... און דאָס איז אַ מעשה שהיה.

איצט, דעריבער, פאַרזיכטיק, ווען מען גייט צו צום קוואַל. דרך־ארץ! — מען טרעט אויף אַ מיטאָג פון אַ פּאָר צענדליק יוגנטלעכע. אַ מיטאָג, וואָס איז פרייוויליק אָפּגעגעבן געוואָרן פאַרן פאַנאַנדערבלי פון אונדזער נגב...

און געגעסן האָט מען נאָך דעמאָלט אין עין־ראַדיאַן צווישן פיר ווענט פון אַ צריף, — אָן אַ דאַך. די זון האָט אַזוי געבאַקן פון אויבן, אַז די פּרוכטן און געטראַנקען האָט מען בעתן עסן געהאַלטן נישט אויפן טיש, נאָר אונטער אים, כדי זיי זאָלן נישט צעהיצט ווערן פון דער חמימה...

*

עס איז גוט געווען צו קלעטערן מיטן יונגן רם אויף די בערג אַרום יישוב, אין די דורכגענג, און אויסהערן זיינע דערקלערונגען. ער האָט געקענט יעדן שטיין, יעדן פונקט וואָס איז נאָר פאַרבונדן מיט געשיכטע.

„עס איז זיכער" — דערקלערט ער, אָפּשטעלנדיק זיך ביים אַראָפּגאַנג פון אַ פעלדז, — „אַז דאָ האָט שלמה המלך, — גישט ער אַליין, פאַרשטייט זיך, נאָר זיינע קנעכט, — געבראָכט דעם רויען קופּער־ערץ פון תמנע. אָט זענען דייטלעכע סימנים פון די אויוונס... דאָ איז שטענדיק געווען האַלץ פאַר דעם, און דאָ, פּילסט דאַך, האָט שטענדיק געבלאָזן אַ געהעריקער ווינט צווישן די בערג, וואָס האָט געשטאַרקט און אונטערגעהאַלטן דאָס פייער..."

אַ קיל ווינטל האָט באמת דערפרישט און געמונטערט. מיר האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, און רם האָט ווייטער גערעדט מעשה־היסטאָריקער:

„איך מיין, אַז אויך אין די צייטן פון שלמה המלך איז דאָ געווען אַ מיליטערישער וואַך־פּאָסטן אויפן וועג צו די קופּער־גרובנס אין תמנע. אויף די חורבות פון אַלטן יידישן פונקט האָבן ערשט די רוימער דאָ אויפגעשטעלט זייער וועג־פעסטונג און אויפגעבויט דעם דיאַנאַ־טעמפּל, פון וועלכן עס זענען ביז היינט פאַרבליבן די חורבות..."

„אַד דיאַנאַס" ווערט די געבײדע אָנגערופן אויף אַן אַלטער מאַפּע, וואָס שטעלט פאָר די רוימישע אימפּעריע אין פערטן יאָרהונדערט. רם האָט געוווּסט:

„דאָ איז טאַקע דורכגעגאַנגען דער וויכטיקער פאַרצייטיקער וועג צום ברעג פון ים־סוף און סיני; אָבער אויך געווען אַ פּלאַץ פון ווילדע חיות און צו פאַנגען זיי האָבן די רוימער זיך געניטיקט אין הילף פון זייער יאַגד־געטין דיאַנאַ..."

„אָבער מיר," — האָט אים איבערגעריסן מנחם, — „וועלן דאָ אַמאָל אפשר אויך אויפשטעלן עפּעס אַ טעמפּל, אָבער פריער אויפבויען אַ ציווילן שטאַנד־האַפטיקן יישוב און מער נישט קיין צייטווייליקן מיליטער־לאַגער..."

ביידע האָבן דאָס נישט דערלעבט. די פאַרש־ און זע־לוסט זייערע האָט זיי פון דאָרט טאַקע, פון יטבתה, געפירט צו דער פאַרכישופטער פעטראַ, אויף יענער זייט גרענעץ, פון וואַנען זיי זענען מער קיין לעבעדיקע נישט צוריקגעקומען.

*

היינט איז יטבתה אַ יישוב. אַ קיבוץ מיט אַ געמישטער ווירטשאַפט. צווישן די בערג, רעכטס פון כביש, שטייען די געבײדעס. וווין־צריפים, אַ גרויסער חדר־אוכל. אַ הינער־שטייג, שטאַלן. און אויף לינקס פון שאָסיי — ווערן כסדר אַרויסגעריסן אַלץ גרעסערע שטיקער פונעם מדבר, באַוואַסערט, פאַרזייט. אויף זעכציק דונאַם וואַקסן שוין איצט ירקות, וואָס באַשפּייזן אילת און ווערן אפילו געפירט אין ווייטן צפון פון ישראל. די טאָמאַטן פון יטבתה זענען אַ שם־דבר, — זיי ווערן צייטיק לאַנגע וואָכן פריער ווי אין גאַנצן לאַנד און ווערן דעריבער פאַרקויפט צו הויכע פרייזן. די טייטלביימער האָבן זיך צעוואַקסן און צעשפּרייט איבער נאָך צענדליקער דונאַמען.

דער „לול" האָט ביי דריי טויזנט עופות, צווישן זיי אפילו קאַטשקעס, וואָס פליוסקען זיך אין אַ קינסטלעכער סאַזשלקע און נעמען זיך גאַרנישט איבער מיט די נגב־היצן. צענדליקער קי, מילך־ און פלייש־בהמות, אַ סטאַדע פון אַ צוויי הונדערט וואַל־שעפּסן — פּאַשען זיך אין די בערג, און זיי געפינען אַלע זייער שפּייז, נאַטירלעכע פּאַשע אין דער געגנט.

ווי שטייט דאָרט אין פּסוק? „ויסעו מחר הגדגד ויחנו ביטבתה, ויסעו מיטבתה ויחנו בעברונה..." (במדבר, ל"ג, ל"ג: „און זיי האָבן געצויגן פון חור־הגדגד און גערוט אין יטבתה. און זיי האָבן געצויגן פון יטבתה און גערוט אין עברונה"). — האָט שוין משה רבנו, הייסט עס, דאָ געפּאַשעט די שאָף...

„ווער האָט געזאָגט, אַז דאָ מוז זיין מדבר?" — האָט אונדז יענעם אָוונט געזאָגט מנחם בן־דוד, — „עס איז דאָך שוין געווען רייך מיט וואַסער אין משה רבינוס צייטן. איר האָט פאַרגעסן?... ,פון דאָרט האָבן זיי געצויגן — — — קיין יטבתה, אַ לאַנד פון בעכן וואַסער.'" (דברים י', ז'). „בפירוש..." — האָט מנחם איבערגעחזרט זיגעריש — „יטבתה, ארץ נחלי־מים..."

אונקלוס האָט דערזוכט אין יטבתה דאָס וואָרט „טוב", „גוט", און האָט אין אַראַמישער איבערזעצונג פאַרטייטשט: „יטבתה אתר טוב נוח" — אַ גוטער און באַקוועמער פּלאַץ.

איז עס שוין היינט — דער דרומדיקסטער קיבוץ אין ישראל.

מער נישט קיין מיליטער־מחנה — כאָטש ווייטער באַוואָפנט, צו היטן זיך פאַר „געסט" פון דער אַזוי נאָענטער גרענעץ.

*

ביים דערקלערן דעם יישוב אַלס ציווילן קיבוץ, האָט דער פּרעמיער בן־גוריון געהאַלטן זיין קורצסטע, מסתם, רעדע — פון דריי ווערטער:

„תעיזו, תתמידו, תצליחו!"

זיי וועלן טאָקע וואָגן, — געוואָגט איז דאָך יעדער שריט, — אויסדויערן און מצליח זיין.

דאָס איז דער ווונטש פון גאַנצן לאַנד צום נייעם פּרווו אין מיטן אויפ־לעבנדיקן נגב.

1958

פּעני פאַרבלייבט אַ בעל־חלומות

איר האָב פּענין געטראָפן אין לוטן, ווען דער קיבוץ איז סוף־כל־סוף אַרויף אויפן באָדן אין דער ערבה, אין דרומדיקן הייסן נגב. „אַרויף אויפן באָדן" איז ער שוין לאַנג, נאָר אָפיציאַליזירט געוואָרן איז עס איצט, נאָך לאַנגע וואַקלעניש פון די נאַציאָנאַלע זידלונג־אַנשטאַלטן — לוטן, ווי דער שכנותדי־קער קיבוץ יהל, איז געגרינדעט דורך רעפאָרם־יידן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, און מען האָט זיך נישט געאיילט אים צו געבן די נויטווענדיקע הילף און אָנערקענונג...

אויף דער פייערונג האָט פּעני מיט זיין קלינגענדיקער אַלט־שטימע גע־נומען רעציטירן: „דאָס זענען די זין פון שעיר דעם חורי, די באַוווינער פון לאַנד: לוטן און שובל — — — דאָס זענען די פירשטן פון די חורים, די קינדער פון שעיר אין לאַנד אֶדום. און די זין פון לוטנען זענען געווען חורי און הימם. און לוטנס שוועסטער איז געווען תמנע" (בראשית ל"ו, כ'—כ"ב) און הויך אויפן קול: „ווי איר זעט זענען מיר אַרום און אַרום אין דער היים שוין פון די אָנהייב חומש־צייטן..."

יהודה וואַלפסאָן, וועלכן, מיין איך, אַלע איינוווינערס אין נגב, יידן ווי בעדואינער, קענען מיטן נאָמען פעני — כאָטש קיינער ווייסט נישט, ער זאָגט אַז ער אַליין אויך נישט, פון וואַנען דער נאָמען שטאַמט — איז באַשטימט גע־וואָרן דורך זיין קיבוץ יטבתה צו זיין דער אינסטרוקטאָר פון יונגן קיבוץ, „לערנען זיי די הילכות־קיבוץ און נאָך מער — ווי צו לעבן, איינאָרדענען זיך אין מדבר..." — לויט פעניס ווערטער.

„און דו אַליין האָסט דאָס געוווּסט? ווער האָט דיר געוויזן דעם וועג?"

דאָס אָפּגעברוינטע פּנים פון פיר־און־פערציק־יאָריקן פעני נעמט אָן אַן ערנסטן אויסדרוק, ער גלעט זיין גראָבע וואָנצע, וואָס איז שוין גרדיכט איבער־געוואָרפן מיט גרויע האָר, פונקט ווי זיין קאָפּ וואָס איז נאָך גאַנץ באַוואָקסן, און זאָגט: „מיר האָבן געמוזט אַליין לערנען... שווער צו זיין ע ר ש ט ע, אָנהייבערס, אומעטום און נאָך שווערער אין דער ווּיסטע..."

*

אין שפּעטן נאָכמיטאָג בין איך מיטגעפאָרן מיט פעניען צו אים אַהיים קיין יטבתה. איך בעט אים: „פאָר דורך באר־מנוחה. וועסט זיך אָפּשטעלן ביים צווייטן, דרומדיקן ,גלעד', איך וויל זיך אַ ווייל מתייחד זיין..."

„אונדזער חברה. ווען מען האָסטו דאָרט געהאַט?"

„אַ לייבלעכן קוזין, רם..."

„איך האָב אים פערזענלעך נישט געקענט. אָבער — אַ לעגענדאַרער בחור געווען, כ'ווייס..."

מיר זענען אַראָפּ פון וועג. הארט ביי דער יאָרדאַנישער גרענעץ שטייט דער פערטהאַלבן מעטערדיקער דענקמאָל, אויפגעבויט פון פשוטע שטיינער. אין מיטן אויף אַ מאַרמאָר־טאָוול: „פון דאַנען זענען אַרויס קיין פעטראַ (רויטער פעלדז)". פיר נעמען, צווישן זיי „רם פרגאי, בן 19" און „אויף זייער וועג האָבן זיי געפונען דעם טויט. ז' אדר ב' תשי"ז, 19.3.1957".

רעדט פעני שטיל, ווי נישט צו שטערן די רו טאַקע: „באר־מנוחה, אָפּרו־ברונעם... דער גאַנצער פלאַץ הייסט מנוחה, ביז די בערג דאָרט אויף יענער זייט. ביז פעטראַ איז אין גלייכן וועג נישט מער ווי צוויי־און־דרייסיק קילאָ־מעטער, נאָר רויִק איז דאָ זעלטן ווען געווען... כאָטש דאָרט, אין בעפּל, זעט זיך דער אמתער הור־ההר, וווּ עס רוט אהרון הכהן און אַרום די אדום־בערג". ביי דעם דאָזיקן ברונעם, מיט זיסן ריינעם וואַסער, וואָס איז זעלטן צו געפינען אין גאַנצן מדבר, האָבן טאַקע מענטשן געדרוט זינט די בראשית־צייטן און אפשר

נאָך פיל פריער... דער נאָמען איז יאָרהונדערטער געווען אין אַראַביש „ביר מאַליכאַ", דער גוטער ברונעם — „דאָס גוטע וואַסער איז דאָך צום וויכטיקסטן..."

*

יטבתה האָט איצט געפייערט פינף־און־צוואַנציק יאָר עקזיסטענץ. „מיר זענען געקומען פריער" — איז מיט רעכט שטאָלץ פּעני — „אָבער עס איז נאָך געווען אַ נח"ל־לאַגער און מיר ציילן אונדזערע געשיכטע־יאָרן זינט דער ,ציווילירונג' אין יאָר תשי"ח — געגנוי, דעם 23־סטן דעצעמבער 1957 — כאָטש מיר זענען שוין פריער דאָ געזעסן פינף יאָר. דער האַלבער יובל אין מדבר איז פאַר אונדז נישט בלויז אַ פייערונג, נישט בלויז אַ יום־טוב, נאָר אַ טיף־איינער־לעך געפיל פון אַ הויכפּונקט אין אונדזערע דערגרייכונגען. דער יום־טוב גופא, וואָס איז געפייערט געוואָרן אין גאַנצן נגב און געפונען אַזאַ ברייטן אָפּקלאַנג מיט לויב־געזאַנגען אין גאַנץ ישראל, האָט אויך אַ באַטייַטונג, אַנערקענונג גיט כוחות, פילט אָן די אַקומולאַטאָרן אויף ווייטערדיקע יאָרן, וואָס וועלן, מיט אַלע דערגרייכונגען, אויך נישט זיין קיין לייכטע אין די נגב־באַדינגונגען".

„ווי קומסטו צו אַ קיבוץ־לעבן בכלל און אין ערשטן קיבוץ אין מדבר בפרט?"

ער פאַרקלערט זיך אַ ווייל: „אמת, זיין אַ קיבוץ־מיטגליד, באַטייַט פירן אַן אַנדער לעבן־שטייגער; אָבער מען טאָר נישט און עס ווילט זיך אפילו נישט, באַשעפטיקן מיט די סיבות וואָס האָבן דיך באַוויגן אויסצווויילן דעם דאָזיקן וועג אין לעבן, כאָטש אין אַ יובל־טאָג נעמט דיך אַרום נאָסטאַלגיע... ביי מיר האָט זיך דער וועג אָנגעהויבן מסתמא גלייך מיטן געבוירן ווערן אין 1939 אין רחובות, אין אַ געדונגענער, ווייניקער ווי באַשיידענער דירה, אויף די הענט פון דער מאַמען, אַ ציטרוס־אָפּקלייבערין אין אַ פּאַקונג־פאַבריק, און אויף די קניען פון אַ טאַטן אַ שאָפער. זיי האָבן מיך דערצויגן צו ווערטן פון מי און אַרבעט, צו באַשיידנקייט און אָרנטלעכקייט. טאַטע־מאַמע האָבן געווירקט שוין אויף מיינע קינדער־חלומות אין דער ריכטונג", — מען דערקענט ווי שווער עס איז אים צו באַהאַלטן זיינע געפילן ווען ער רעדט וועגן זיינע עלטערן, — „די זעלבע חלומות זענען געווען ביי מיינע חברים, איך האָב אַזעלכע געזוכט, פון קינדוויייז אָן. און מיר האָבן געחלומט קאָלעקטיוו וועגן אַ לעבן מיט פּאָזי־טיווע ווערטן".

זעלטן געשעט אַזעלכעס. „אינעם קליינעם רחובות פון דעמאָלט איז עס מעגלעך געווען... מיט די זעלבע חברים אין דער גרונט־שול, אין מיטלשול..." זיי זענען צוזאַמען אַריין אין דער „פּאַראייניקטער באַוועגונג" („התנועה המאוחדת"), געשאַפן אַ חלוציש „גרעין" און צוזאַמען מאָביליזירט געוואָרן אין נח"ל און געשיקט אויף הכשרה אין עין־גב. „און דעמאָלט איז געשען דער נס. די באַוועגונג האָט באַשלאָסן נישט צו שיקן אונדז צו דערגאַנצן אַן אַנדער קיבוץ, נאָר מיר זאָלן אויפבויען אַ נייעם קיבוץ אין נגב. עס איז שווער אויס־צומאָלן אונדזער פרייד..." אַ סך גרופּעס האָבן געקעמפט פאַר דער מעגלעכ־קייט צו גרינדן אַ נייעם יישוב. „מיר האָבן געוווּנען דעם פאַרמעסט... די שמחה

איז געווען אַזוי גרויס, ביז מיר האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג, אַז מען שיקט אונדז אין ,עק וועלט', צו זיין דורכברעכערס פון נייע וועגן אין מדבר..."

עס איז געווען שווער, זייער שווער, די ערשטע צייט. מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז כמעט אַלע פון די זעכציק חברים, וועלכע זענען אָנגעקומען קיין יָטבתה, זענען געווען יונגע — „די גרעסטע מעלה אונדזערע..." — שטאָטישע, נישט־פאַרהייראַטע, אָן דערפאַרונג אין אַ זעלבשטענדיקן לעבן, אוודאי נישט אין אַ בשותפותדיקן קיבוצישן לעבן. ריכטיק, אַז זייער אָנגעהעריקייט פון פריער יוגנט אָן צו אַן אָרגאַניזירטער באַוועגונג, די אַרבעט־לאַגערן אין די זומער־פעריען, די אַרבעט אַלס נח"ל־קערן אין עין־גב, האָט זיי צוגעגרייט צו חלוצישער פאַרווירקלעכונג. „אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז אַלץ געווען ביי אונדז אַן אַבסטראַקטער חלום, וואָס האָט ערשט איצט גענומען באַקומען הויט און ביינער" און פעני גיט צו: „איך דערמאָן זיך, ווי ענטוזיאַזמירט מיר זענען געווען מיטן געפיל, אַז די באַוועגונג האָט אונדז אויסגעוויילט, צוגעטיילט אונדז דעם זכות און אויף אונדז אַרויפגעלייגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו בויען אַ נייעם יישוב; דאָס געפיל אַז מיר ווערן נישט אַנגעשלאָסן אין אַ גרופּע וואָס האָט שוין פעסטגעשטעלט די באַזישע יסודות פון איר לעבן, און מיר דאַרפן זיך צו זיי צוגעוווינען; ניין, מיר וועלן אַליין באַשליסן וועגן אונדזערע לעבן־פאָרמען, וועגן אונדזער גורל — דאָס געפיל האָט אונדז צוגעגעבן אַ סך, אַ סך כוחות".

פעני איז אָנגעקומען אין יטבתה אָן שום באַרוף. פון לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעט איז ער אַריבער צו בוכהאַלטעריע גאָר; געווען פון די ערשטע סעקרעטאַרן פון קיבוץ. אָבער ער האָט געשטרעבט צו פיזישער אַרבעט אין גאַראַזש, האָט דעריבער זיך פאַרפולקאָמט אין אַ טעכנישער שול און געוואָרן גאָר לייטער פון דער מילכעריי, וואָס באַשפייזט מיט מילך־שפייזן אילת, די גאַנצע גרויסע שטאָט, און נאָך אַ שטיק נגב, און „ווער עס האָט נישט פאַרזוכט די מילך־אויסאַרבעטונגען פון יטבתה, קאָן נישט דעם טעם פון מילכיקע דעליקאַטעסן..."

האָבן זיך קיינמאָל ביי אַזאַ מענטש נישט דערוועקט קיין ספקות בנוגע זיין לעבן? זענען נישט געווען קיין געדאַנקען צו ענדערן אַלץ?

פעני פרווט נישט באַהאַלטן: „פאַרשטייט זיך, אַז יאָ, און נישט איין מאָל... אויפן לעבנס־וועג, וואָס גייט ביי מיר אַזוי גלייך פון די קינדער־יאָרן ביז דער עלטער פון עטלעכע פערציק, מוז זיך שטעלן די פראַגע, צי איז דאָס וואָס דו האָסט געוואָלט, וועגן וואָס דו האָסט געחלומט... איך מיין, אַז דאָס געשעט ביי יעדן מענטש, און וואָס דיין לעבן איז מער אייגנאַרטיק, מער אויסשליסלעך, ביסטו מער גענייגט צו פאַרגלייכן דיין לעבן מיט דעם פון דער מערהייט, מיטן אַנדערן, און עס פליט דורך אַ געדאַנק: איז עס נישט וואָנזין?... באַלד קומט אָן ענטפער־שמייכל מיט צופרידנקייט — ניין! עס איז נישט מעגלעך צו מאָלן די באַפרידיקונג, ווען מען גייט היינט איבער אַזאַ בליענדיקן יישוב ווי יטבתה, אונדזערע פראַכטפולע הייזער, מאָדערנע איינריכטונגען, און מען דערמאָנט זיך ווי מיר האָבן אויפגעשטעלט די ערשטע געצעלטן אויפן צעשרפעטן

זאָמד, ביי דער איבערצייגונג אַז דאָס אַלץ האָט זיך צעבליט אַ דאַנק דיין אַרבעט, דיין אויפטועורישקייט... פאַרשטייט זיך, נישט אַליין, אָבער דיין פולער כוח איז דאָ צוגעטראָגן געוואָרן... און אפשר נאָך מער — איך ווייס נישט ווי דו ווערסט דאָס פאַרשטיין און אויפנעמען — אויפן פערזענלעכן געביט זענען אומפאַרגעסלעך געוויסע הויכפּונקטן, וואָס זענען נישט מעגלעך, דוכט מיר, ערגעץ אַנדערש. מיין חתונה, יעדע געבורט פון מיינע פיר קינדער, בר־מצווה ביי צוויי זין מיינע, די איבערראַשנדיקע פאַר מיר פייערונג פון מיין פערציק־יאָריקן געבוירנטאָג, — דאָס זענען געווען אינטימע מאָמענטן, אָבער אין אַ גרויסער נאָענטער משפּחה, איין משפּחה וואָס איז אַ גאַנצער יישוב; דוכט מיר, אַז בלויז אין יטבתה איז דאָס מעגלעך...״

פעני האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון רחובות, אַ דערצויגענע אין אַ יוגנט־גרופּע וואָס ער האָט אָנגעפירט און דאָרט זי באַקענט. זייער עלטסטע טאָכטער דינט שוין אין מיליטער; זיי האָבן נאָך דריי זין, פון וועלכע דער עלטסטער, פון אַכצן יאָר, „חלומט שוין אויך וועגן זיין מיליטער־דינסט און איך בין גליקלעך, אַז ער רעדט שוין, וואָס ער וועט טאָן אין יטבתה נאָכן צו־ריקקערן פון דער אַרמיי, איך וויל ער זאָל פאַרבלייבן — אַלע קינדער — אין שויס פון דער קיבוץ־משפּחה״. נאָך אַ זון האָט האַיאָר געפייערט בר־מצווה און דער יינגסטער איז אַלט פינף יאָר.

*

נישט נאָר ווען זיי זענען געקומען אַהער אין 1952, אַלס נח״ל־זעלנערס, איז אַרום געווען פוסט, און צווישן באר־שבע ביז אילת, אַ מהלך פון צוויי הונדערט מיט פינף און דרייסיק קילאָמעטער אין גלייכן וועג, איז אויף די גאַנצע ברייטן פון נגב געווען בלויז איין יידישער יישוב — רביבים. שדה־בוקר איז נאָר־וואָס געגרינדעט געוואָרן אַלס „פאַרם צו פאַשען פערד״; אויך אין 1957, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די „פאַקטישע געשיכטע״ פון יטבתה, איז נאָך אויף דעם דאָזיקן גאַנצן שטח נישט געווען קיין יידישער יישוב. היינט איז יטבתה אַ בליענדיקער אָאַזיס, אָבער אַרום זענען שוין פאַראַן נאָך, קלענערע און אַפילו גרעסערע. „עס איז אָבער אַזוי גוט דער באַוווסטזיין, אַז מען איז געווען דער ערשטער...״, ווי עס הערט נישט אויף איבערחזרן פעני.

די נח״ל־זעלנערס זענען געקומען אין „עין־ראַדיאַן״, אַזוי הערט זיך דער נאָמען אין אַ געוויסן בעדואינישן דיאַלעקט, פאַקטיש איז דער נאָמען אין אַראַ־ביש פון קוואַל דאָ — „עין־עציאַן״. אַזוי ווערט דער נאָמען געבראַכט צום ערשטן מאָל דורך אַן אַראַבישן געאָגראַף אין דרייצנטן יאָרהונדערט (יאַקוט, „מאַדזשעם אַלבולדאַן״). פינף הונדערט יאָר שפּעטער, אין 1821, איז דאָ געווען דער דרייסטער שווייצאַרישער רייזנדער זשאַן־לואי בורקהאַרדט, דער ערשטער אייראָ־פּייער וועלכער האָט באַזוכט די הייליקע ערטער פון די מוסולמענער אין אַראַביע און אַנטדעקט פאַר דער מאָדערנער וועלט די נאַבאַטען־הויפּטשטאָט פעטראַ. אין זיין בוך „רייזעס אין סיריע און אין הייליקן לאַנד״ האָט ער פאַרבונדן „עין־עציאַן״ מיטן תנ״כישן עציון־גבר. דער אַמעריקאַנער געלערנטער ע. ראָבינזאָן, וועלכער

איז געווען אין דער געגנט אין יאָר 1838, האָט אין זיין בוך „ביבלישע פאָר־שונגען אין פּאַלעסטינע" בפירוש געשריבן, אַז פון דאַנען האָט שלמה המלך געשיקט זיינע שיפן קיין אופיר. „און שיפן האָט געמאַכט דער מלך שלמה אין עציון־גבר ביי אלות אויפן ברעג פון ים־סוף" (מלכים א', ט' כ"ו). ווי איז דאָס מעגלעך? דאָס איז דאָך צוויי און פערציק קילאָמעטער פון ים־סוף... האָט מען געשאַפן אַ „טעאָריע": מיט דריי טויזנט יאָר צוריק, אין שלמה המלכס צייטן, האָט דער ים־סוף געגרייכט ביזן היינטיקן יטבתה און דער ברעג האָט זיך אין דער צייט צוריקגעצויגן. ביז מאָדערנע טאָפּאָגראַפישע און געאָלאָגישע פאָרשונגען האָבן באַוויזן, אַז די דאָזיקע סברה האָט קיין שום גרונט נישט. די ערבה אַרום יטבתה איז שוין געווען יבשה אויך אין שלמה המלכס צייטן. דאָס וואָרט „עציאָן" שטאַמט גאָר פון אַראַבישן וואָרט „עצא", אַ נאָמען פון אַ מדבר־קוסט, וואָס וואַקסט אין דער געגנט, מיטן לאַטיינישן נאָמען „העראַקסילאָן פּער־סיקום". „אַן אונטערשייד פון וואַנען דער נאָמען שטאַמט? וויכטיק איז — דאָס וואַסער פון דאָזיקן קוואַל פאַרוואַנדלט מדבר אין בליענדיקן גאָרטן" — זאָגט ערנסט פעני.

1982

„האָב איך מיר אַ היים ווייט אין דער ערבה"

„בית חם" — „אַ וואַרעמע היים" — האָט געהייסן דער אָוונט, וואָס די חברים פון קיבוץ יטבתה האָבן צוגעגרייט צום פינף און צוואַנציקסטן יאָרטאָג זינט דער קיבוץ איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקער ציווילער יישוב.

„דער דאָזיקער יום־טוב איז נישט בלויז אַ יום־טוב פון יטבתה, דאָס איז אַ יום־טוב פון דער התיישבות אין דער ערבה, פון דער יידישער זידלונג אין דער וויסטע" — מיט די ווערטער איז דערעפנט געוואָרן די פייערונג. און גלייך איז פאָרגעלייענט געוואָרן די ערשטע „מגילה", וואָס דוד בן־גוריון האָט פאַרגאָסן מיט צעמענט אין פונדאַמענט פון חדר־האוכל מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק:

„היינט, ל' כסלו תשי"ח, 23־סטן דעצעמבער 1957, האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט דאָ, אַנטקעגן די אדום־בערג, אויפן וועג קיין אילת, צו לייגן דעם גרונטשטיין פאַר דער קבוצה יטבתה, וואָס אין דער ערבה. מיר וויסן — נישט מיר זענען דאָ די ערשטע. זעקס יאָר מי און דערפאַרונג זענען אַריינגעלייגט געוואָרן אין דאָזיקן אָרט. מיר וויסן אויך, אַז געציילטע און איזאָלירטע זענען מיר אין דער דאָזיקער וויסטע. דאָס אויג פון שונא וועט לויערן נישט ווייט פון דאַנען און פיל שטרויכלונגען וועלן זיך נאָך אָנהויפן אויף אונדזער וועג. היינט האָבן מיר אַריינגעלייגט אין דיין ערד אַ גרונטשטיין פאַר אונדזער היים, זיך אָנצו־האַלטן און איינוואָרצלען. אין אַ בונד מיט דיר וועלן מיר זיך איינשליסן, ערבה. עפן דיינע אָרעמס פאַר די וועלכע קומען צו דיר".

*

פאָרט מען ווידער איבער דעם אַלטן וועג. עס טיילט זיך דער וועג אין דיינע אויגן... הונדערט קילאָמעטער פון באַווינטער, גרינער מדינת־ישראל —

ביז באר־שבע — און נאָך צוויי הונדערט און פופציק קילאָמעטער מדבר פון זאַמד און שטיינער, כמעט אָן יישובים, אָן הייזער, אָן פעלדער... דער אויטאָבוס פון תל־אביב קיין אילת איז שטענדיק פול — מענטשן פון סקאַנדינאַוויע ביז דרום־אַמעריקע, פון יאַפּאַן ביז קאַנאַדע; אַ געמיש פון שפּראַכן. אָבער עס קלינגט צום העכסטן דאָך העברעיש.

נאָך די דראַסטיש־משופּעדיקע אַראָפּנידערונגען צו סדום, דערפילט מען די היץ פון ערבה־שאָסיי. מענטשן דרימלען, אָבער עס נעמט זיי איבערוועקן אָפט אַ קלונג צום שאָפער. מען כאַפּט זיך איבער, מען קוקט פאַרוווּנדערט: „וווהין גייט מען דאָ אַראָפּ צווישן פעלדזן און זאַמדן ?..." די שילדלעך נאָרן נישט אָפּ: עידן, חצבה, עין־יהב, צופר, פארן — די מושבים פון דער צפונדיקער ערבה, צעשפּרייטע איבער אַ פופציק קילאָמעטער, כאָטש פאַרבאָרגענע ערגעץ אין אַ וואָדי, הינטער פעלדזן — נייע, קינסטלעך־געשאַפענע אָאַזיסן אין מדבר. היימען... דערנאָך ווידער אַ דריי־פיר צענדליק קילאָמעטער ליידיקע. בלויז אַספאַלט אונטן, הימל אויבן און מדבר אין ביידע זייטן. באַלד צעגרינט זיך ביי דער זייט פון וועג: קיבוץ יהל. אַ ביסל ווייטער — קטורה, גרופית, שוין נאָענטע שכנים פון יטבתה. אין 1957 זענען דאָ די אַלע אַזוי־באַקאַנטע אין ישראל שילדלעך־נעמען, אָפּשטעל־ערטער, נישט געווען נאָך, אויסער עין־יהב — מער נישט. פאַקטיש איז דאָך נאָך דער ערבה־שאָסיי גופא נישט געווען, מען האָט אים געפּלאַסטערט ערשט אין אָנהייב 60־ער יאָרן.

*

האָט זיך געהערט דאָס פריידיק־געשאַפענע ליד, איבערגעחזרט דעם גאַנצן אָוונט: „יש לי בית רחוק בערבה..." — איך האָב אַ היים ווייט אין דער וויסטע.

„סערפּ און שווערד" („מגל וחרב") האָט געהייסן דער נח"ל־גרעין וואָס האָט זיך באַזעצט אין יטבתה. פינף און צוואַנציק פון די ערשטע געפינען זיך נאָך היינט דאָ, נאָך פינף און צוואַנציק יאָר. זיי האָבן דאָ אָנגעהויבן זייער לעבן, צוואַנציק־יאָריקע, נישט־פאַרהייראַטע, אין געצעלטן — „אָבער שנעל אַריבער אין הילצערנע צריפונים" — און איצט קערן זיך שוין צוריק פון מיליטער־דינסט זייערע ערשטע זין און טעכטער, געבוירענע אין יטבתה, העכער צוואַנציקיאָריקע. „זיי קומען אַהיים, צו טאַטע־מאַמע. מיר האָבן פון דאַנען געבענקט צו זיי אין ווייטן צפון אַריין, זיי קערן צוריק אין אַ וואַרעמער, שיין־צעבויטער היים". כמעט דריי הונדערט קינדער זענען ביז איצט געבוירן געוואָרן אין יטבתה. יעדע משפחה האָט דריי און פיר, אויך פינף און זעקס קינדער. יטבתה איז באַקאַנט אין דער קיבוצישער באַוועגונג אַלס קיבוץ מיט דער העכסטער געבורטיקייט, די צאָל קינדער איז דאָ אַנדערטהאַלבן מאָל גרעסער פון דער צאָל מיטגלידער. זאָגט פעני: „די עקזיסטענץ פון אונדזער דאָזיקער היים איז אָפּהענגיק פון דער צאָל קינדער וואָס ווערט ביי אונדז געבוירן, פון דעם צי זיי וועלן דאָ פאַרבלייבן ווי אין זייער נאַטירלעכער היים. פּשוט — ,אם אין אני לי, מי לי?...' אַ סך נייע, פון ווייט, קומען נישט צו אונדז..." נאָך פינף און צוואַנציק יאָר פאַרמאָגט יטבתה נישט מער ווי עפּעס העכער פון צוויי הונדערט

מיטגלידער און קאַנדידאַטן; פון זיי פינף און אַכציק פּראָצענט געבוירענע אין לאַנד און בלויז פופצן פּראָצענט אָפּשטאַמיקע פון אַ צען לענדער, אין צפון־און דרום־אַמעריקע, מערב־איראָפּע, דרום־אַפריקע און אפילו יאַפּאַן.

רעדט דני, דער מזכיר־פּנים (עס לייגט זיך עפּעס נישט אויף דער צונג די איבערזעצונג „אינערן־סעקרעטאַר"...), נישט אָן פאַרביטערונג אין קול: „דאָס פאָלק ישראל האָט קיינמאָל נישט געשענקט קיין גרויסע אויפמערקזאַמקייט דער דאָזיקער געגנט פון דער מדינה. נישט מיט יאָרן צוריק, ווען עס זענען מאַסנ־ווייז באַזעצט געוואָרן געגנטן ווי לכיש און עדולם; אוודאי נישט ווען עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די התיישבות־באַנייונג אין לאַנד, פון סוף פופציקער יאָרן ביז דער זעקס־טאָגיקער מלחמה. און אויך נישט שפּעטער, ווען מען איז אַראָפּ אין דער בקעה און אַרויף אויפן באַרג און אַנטוויקלט די פּיתחה — — —, די ערבה וועט נישט אַנטלויפן, האָבן זיך באַמיט באַרויִקן, זיך אַליין און אונדז, אונדזערע חשובע..." פופצן יישובים האָט מען אויפגעבויט אין דער ערבה זינט יטבתה איז אַרויף אויפן באַדן, און זיי אַלע האָבן נישט מער ווי עפּעס מער פון צוויי טויזנט איינוווינערס — „אויף כמעט צוויי הונדערט קילאָמעטער מדבר, וואָס לעכצט צו ווערן פּרוכטבאַר, עס פעלן בלויז מענטשן, אַרבעט, מי און שווייס. נעם און פאַרגלייך דאָס מיט די הונדערטער יישובים מיט צענדליקער טויזנטער איינוווינערס, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרן די לעצטע פינף יאָר אין אַ נ ד ע ר ע ערטער, טאָקע באַקוועמער, אָבער, דער עיקר, ווייל זיי זענען נענטער צום אויג, צום הארץ און צו פּאָליטישער איבערצייגונג..." דניס שטימע ווערט פעסטער: „אַ חשובע פּערזענלעכקייט האָט מיר לעצטנס דערקלערט, פּייערלעך׳, אַז ,מיטן געלט וואָס עס קאָסט דעם עם ישראל דאָס אויפשטעלן איין יישוב אין דער ערבה, בוי איך אויף צען יישובים אין ערטער ווו דאָס איז דרינגענ־דיקער...׳ און דער דאָזיקער מענטש געהער היינט צו די וועלכע דעצידירן ווו די התיישבות איז נייטיקער אין איצטיקן מאָמענט". דני באַרויִקט זיך און שמייכלט: „גוט, וואָס אונדזער יטבתה נייטיקט זיך מער נישט אין די בודזשעטן וועגן וועלכע דער דאָזיקער חשובער מאַן דעצידירט..."

יטבתה איז עקאָנאָמיש זעלבאויסהאַלטעוודיק אין „רווחה און בכבוד" — הער איך ווייטער — „די צוויי הונדערט און זעכציק קי אין די שטאַלן, און דער פּרייז ,קאַפּלאַן׳, וואָס די חברים וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט זיי, האָבן איצט באַקומען, איז דער איבערצייגנדיקסטער באַווייז, אַז אין דער ערבה איז נייטיק אמונה, פאַרשטאַנד, באַפרייען זיך פון קאָנווענציאָנאַליזם, און דער עיקר — אויסהאַלטעוודיקייט און עקשנות; מיט דעם אַלעמען מוז מען מצליח זיין!" ביי די קי־שטאַלן עקזיסטירט אַ מילכעריי, וואָס איז איצט דער צענטראַלער הכנסה־צווייג פון יטבתה. די מילך־אויסאַרבעטונגען פון יטבתה ווערן געגוצט און געזוכט אין גאַנצן לאַנד, פון אילת ביז חיפה. סמעטענע און זויערמילכן, יאָגורטן און פּרוכטגורטן, שאָקאָלאַד־שפּייזן פון מילך — כמעט פופצן פּראָ־צענט פון פאַרנוץ אין גאַנצן לאַנד ווערט צוגעשטעלט דורך יטבתה. און וויפל הונדערטער מענטשן טעגלעך עסן און טרינקען אין מילכיקן וועג־רעסטאָראַן פון יטבתה? אָבער נישט אַלץ שטייט שוין אויף דער מילכעריי. דריי טויזנט

מיט זיבן הונדערט טייטלביימער גיבן יעדן האַרבסט אַרויס צענדליקער טאָנען פון די ברוינלעכע פרוכטן, פון זיבן פאַרשיידענע סאָרטן. זיבן טויזנט מאַנגאָ־ביימער גיבן אַרויס יאָר־יערלעך אַלץ מער פון דער דאָזיקער בייער אין ישראל פרוכט. העכער זיבן הונדערט דונאַם ציבעלעס און עטלעכע הונדערט דונאַם פּאַשע־געוויקסן — „יאָ... יאָ, אין דער ווייטער מדברדיקער ערבה...״

און ביי דעם אַלעמען, איז באַקאַנט אין דער קיבוצישער באַוועגונג, אַז פּראָפּאָרציאָנעל צו איר מיטגלידערשאַפט, שטייט יטבתה אויפן ערשטן פּלאַץ מיט דער צאָל שטודירנדיקע — „כאָטש דאָס לערנען איז פאַרבונדן מיט אָפּ־רייסן זיך ווייט פון דער היים און פאַמיליע, אויף צפון...״ — און מענטשן מיט העכער בילדונג און אַקאַדעמישע טיטלען. ווי זאָגט פּעני: „נו... דער ,אם אין תורה, אין קמח׳ שטאַמט ערגעץ פון די קאַנטן...״

דני ענדיקט, און עס הערט זיך אַ טאָן פון פאַרביטערונג אין זיינע רייד: „די פינף און צוואַנציק יאָר פון יטבתה זענען נישט בלויז אַ באַווייז, אַז עס איז מעגלעך אויפצובויען אַ היים אין דער ערבה, אפילו ווען דאָס איז שווער; די פינף און צוואַנציק יאָר יטבתה זענען, דער עיקר, אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס מען האָט געדאַרפט בויען די גאַנצע צייט, וואָס מען האָט כמעט נישט געטאָן און מען פּלאַנירט נישט דערווייל צו מאַכן אין דער נאָענטער צוקונפט״.

*

פון אויטאָבוס תל־אביב—אילת זענען ביי יטבתה אויסגעשטיגן עלף פּער־זאָן. איך מיט נאָך איינעם זענען געווען „פרעמדע״, געסט; די איבעריקע אַלע — „יאָ, היגע...״, אָרטיקע מענטשן פון יטבתה זענען געקומען אַהיים.

און זיי האָבן דעם אָוונט געזונגען מיט פרייד:

„האָב איך מיר אַ היים,
ווייט אין דער ערבה...״

און ווייטער זינגט דאָס ליד:

„דאָס מעשהלע פון דער ערבה וועבט זיך
פונדאָסניי יעדן פרימאָרגן...״

1983

ביכער פון מרדכי שנער:

„געזען און געהערט אין ראטנפארבאנד", תל־אביב, 1967.

„פון מטולה ביז אילת", תל־אביב, 1978.

„דורכן זוניקן פענצטער", תל־אביב, 1984.

אין שפאניש:

"Beit-Ssheán, ciudad de 6000 anos de antigüedad", Buenos Aires, 1971.

"Masada, La epopeya del desierto de Judea", Buenos Aires, 1972.

"Acco, antiquisima fortoleza maritima de Israel", Buenos Aires, 1977.

דאס בוך „פון מטולה ביז אילת" איז פרעמירט געווארן:

מיטן „פערנאַנדאָ כענאַ"־פרייז ביים יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע, 1978.

מיטן פרייז פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל, תל־אביב, 1981.

מיטן פרייז א. נ. פון פנחס שטיינוואקס פאר ליטעראטור, תל־אביב, 1983.